STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07599

# HAVER NAHMAN

Israel Joshua Singer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

# חבר נחמן

ראָמאַן
אין
דריי טײלן

• •

„פאָרווערטס" אויסגאַבע
ניו - יאָרק
1938

CHAVER NACHMAN
Copyright 1938
— By —
I. I. SINGER
New York

●

Manufactured in the
UNITED STATES OF AMERICA
490

# ערשטער טייל

## קאַפּיטל איינס

כאָטש עס איז נאָך פרי און פון די לאַנגע שאָטנס פון די בוי־מער קען מען זען, אַז עס איז נאָך היפּש ווייט צו מיטאָג־שעה, שרפעט שוין די זון מיט אַ העליש פייער די פלאַכע פּוילישע ערד. די קרומע אויסגעהויקערטע בוימער אויף די וועגן שטייען פאַר־גליווערטע. קיין איין בלעטל רירט זיך נישט אויף די צווייגן. מ׳הערט נישט קיין צוויטשער פון קיין פויגל אפילו. די אַלטע ווינט־מילן שטייען שטאַר. זייערע פליגל, אויסגעלאַטעטע מיט דאַרע שינדלען און צעבראָכענע ברעטלעך, זענען אָן באַוועגונג. בלויז די פעלד־גרילן אין די טרוקענע לאָנקעס האַלטן אָן זייער שטענדיק גרילצן, וואָס ווערט איבערגעריסן פון זשומענדיקע פעלד־שפּרינגער מיט קלאַנגען ווי זיי וואָלטן געשניטן גראָז. אויף אַ שפּיץ פלאָקן פון אַ סטויג היי שטייט אַ בושל אויף איין לאַנגען דינעם פוס און דרימלט פון מידקייט און היץ.

אויף די געשלענגלטע סטעזשקעלעך, וואָס טיילן אָפּ די פעל־דער פון שמאָלן זאַמדיקן שליאַך, גייט אַ געבויגענער, מיט אַ גע־לאַטעטן זאַק אויף די פּלייצעס, אַ שוואַרץ־בערדיקער באָרוועסער איד. דער קאָפּ איז ביי אים אַזוי נידעריק געזונקען צו דער ערד, אַז די פאַרשטויבטע באָרד זיינע דערגרייכט ביזן שטריקל, וואָס גאַרטלט אַרום זיינע לענדן. דאָס צייגענע כאַלאַטל זיינס איז אָפּגע־שאָסן פון זון און פון אַלטקייט. פון זיין טוכען היטל, וואָס אַמאָל איז עס געווען שוואַרץ און איצט האָט עס מער נישט קיין באַ־שטימטן קאָליר, רינען אַנגסטן איבער זיין ברוין־קנאָכיק און אויסגע־שמיסן פּנים. די זון קריכט אַרונטער אין זיינע גרויסע שוואַרצע

אויגן, וואָס אפילו צווישן אידן זעט מען זעלטן אַזאַ טיפן שוואַרצן קאָליר. כאָטש די סטעזשקעס זיינען האַרט ביי די פעלדער, האָט זיי די זון אַזוי אָנגעגליט, אַז זיי בריען די טריט פון באָרוועסן גייער.

— אוי, אַ חמימה, טאַטע זיסער אין הימל, — מורמלט דער גייער צו זיך אַליין און קוקט אַרויף צום הימל, דעם רונדן און גרויסן, אין וועלכן די זון גיסט טייכן צעשמאָלצענעם זילבער.

כאָטש עס איז שוין שיינע שעהן זינט דער גייער איז אויף זיינע פיס, פון די ערשטע מאָרגן-שטראַלן אָן, האָט ער נאָך גאָר-נישט אין זיין מויל געהאַט. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט גע-האַט וואָס צו עסן. אין זיין געלאַטעטן זאַק, וואָס איז פול מיט ווייבערישע פאַרטוכער, בייטשלעך גלעזערנע קרעלן, גרינער זייף, בלעכענע פינגערלעך, אַ חוץ אַ האָזן-פעלכל, אביסל אַרבעס און קאַר-טאָפל, איז אויך דאָרט דאָ ברויט, דאַר, שוואַרץ ברויט, אַ שמאַט-קעלע זאַלץ און אַ קנאָבל, אָנצורייבן דאָס ברויט. אָבער דער גייער קען נישט עסן דאָס ברויט זיינס, כאָטש דער הונגער פייניקט אים, ווייל ער האָט נאָך נישט געדאַוונט היינט.

אין דער שטאָל, וואו אַ פויער האָט אים געלאָזט איבערנעכטיקן די נאַכט, זיינען נישט נאָר געשטאַנען פערד, נאָר אויך חזירים, אָפגעצוימט בלויז מיט אַ צוויי ברעטלעך. און דער דאָרפסגייער מאַטעס פון פיאַסק האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך אַרויפצוכאַפן טלית און תפילין און דערמאָנען גאָטס נאָמען אין אַזאַ אומריין אָרט. געמיינט האָט ער, אַז אויפן וועג צו איינעם פון די דערפער, וואו ער גייט דורך האַנדלען, וועט ער געפינען אַ ריין אָרט און אַ שטילס, כדי אָפצודאַוונען ווי אַ איד. אָבער אַזאַ אָרט האָט זיך נישט געמאַכט. אָדער פאַסטוכער האָבן זיך געפונען אויף די לאָנ-קעס, וואָס פאַר זיי קען מען נישט דאַוונען, ווייל זיי שפּאָטן און רייצן די הינט אָן, אָדער יוזלעך הייגנען אויף צלמים, וואָס עס איז נישט גלייך צו זאָגן אַ אידיש וואָרט דערנעבן.

מאַטעס דער דאָרפסגייער האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, אָבער וואָס מער ער האָט געזוכט, אַלץ ווייניקער האָט ער געפונען. דאָס לאַנד אַרום איז געווען פלאַך, מיט שיטערע ביימער, אָן אַ

בערגל, אָן אַ קוסט. אַלץ איז געלעגן ווי אויפן האנדפלאַך אויס־געלייגט. גאַרנישט איז געווען הינטער וואָס זיך צו באַהאַלטן פון מענטשנס אויג. ער האָט שוין געזען, אַז ווארטן איז נישטאָ אויף וואָס. אי עס ווערט אַלעמאָל שפּעטער, אַזוי אַז עס קען נאָך אי־בערגיין דער זמן־תפילה, אי די כוחות הויבן אָן פאַרלאָזן אָן שפּייז. האָט מאַטעס אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק פון די פּלייצעס, אוועקגעלייגט דאָס אָדערדיקע שטעקעלע, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פון אַ צווייג, כדי אָפּצוויאַגן זיך פון הינט, און, אָפּווישנדיק מיט דער פּאָלע דאָס נאַסע אויסגעווייקטע פּנים, האָט ער זיך גענומען צוגרייטן צו תפילת־שחרית.

קודם כל האָט ער אָנגעטאָן אויף זיינע פיס די צעריסענע שטיוול, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרוואָרפן אויף דעם אַקסל; וואָ־רים עס איז נישט קיין כבוד פאַר גאָט צו דאַוונען באָרוועסערהייט. דערנאָך האָט ער געוואַשן די הענט אין טייכל, איבערשרעקנדיק די פיש. ער האָט ארויסגענומען פון געלאַטעטן זאַק דעם געלן צערי־סענעם טלית און איינגעהילט זיך אין אים. ער האָט אָפּגעדעקט די האַנט און געלייגט תפילין, גרויסע, אַלטע און מאַטע, בינדענדיק שטייף די דאַרע רצועות אין פלייש אריין. דערנאָך האָט ער אויס־געזוכט לויט דער זון די מזרח־זייט, וואו דאָס בית־המקדש איז גע־שטאַנען אין ירושלים, און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, פרום געבעטן צו גאָט.

ביים גאַנצן דאַוונען איז קיינער נישט פאַרבייגעגאַנגען. ערשט אין מיטן שמונה־עשרה, ווען ער האָט געהאַלטן ביים זאָגן, זענען פּאַסטוכער אָנגעקומען מיט קי, אָנצוטרינקען זיי ביים טייכל. זענע־דיק דעם שוואַרץ־בערדיקן מענטש, איינגעהילט אין אַ פרעמדער הילע מיט פּאַסן און מיט רימענס אַרום קאָפּ און האַנט, האָבן זיי תחילת אויסגעגלאָצט די בלויע אויגן פון אונטער זייערע פלאַקסענע אַראָפּ־געלאָזטע גזשיווקעס אַרויס, און זיך געצלמט. באַלד איז זיי אַ גע־לעכטער באַפאַלן. זייער פרעמד און לעכערלעך האָט אויסגעזען אין זייערע העלע אויגן דער שוואַרץ־בערדיקער מאַן אין זיינע פרעמדע געבעט־קליידער אויף דער קאַטוילישער ערד, שאָקלענדיק זיך און

בעטנדיק. זיי האבן דערפאר שטיינדלעך אויסגעזוכט און אין אים געוואָרפן, צוזינגענדיק שפּאָט-לידער

זשיד, זשיד, כאלאמיד —
דיין גלויבן איז פון א הונט,
אונזער גלויבן איז שיין און איידל,
קוש דעם טייוול אונטערן ווידל...

מאטעס האָט זיין תפלה נישט איבערגעריסן. נישט ער האָט געטאָרט אויסגיין אין מיט שמונה-עשרה, נישט ער האָט געטראכט זיך קעגנשצוטעלן זיינע פארפאָלגער. וואָרים ער האָט געוואוסט, אז צוליב די זינד פון די אבות, וואָס זיינען פון גאָט פון ישראל אוועק צו דינען פרעמדע אָפּגעטער, זיינען אידען אין גלות פאר-טריבן צווישן פעלקער צו שפּאָט און צושאנד. ער האָט דערפאר נאָך שטארקער צוגעמאכט די שווארצע אויגן זיינע און הייס גע-בעטן גאָט, ביים „ותחזינה עינינו“, ער זאל אויפבויען די היילינע שטאָט ירושלים גיך אין אונזערע טעג. די פאסטוכער איז מיאוס געוואָרן דאָס שפּאָטן און זיי זיינען אוועק ווייטער מיט זייער פי.

נאָכן דאווענען האָט מאטעס צוריק אויסגעטאָן די שטיוול און אוועקגעזעצט זיך אין גראָז עסן אָנבייסן. ער האָט ווידער געוואשן די הענט. פון געלאטעטן זאק, פון צווישן פלאקס, פעלכלעך און אנדערע זאכן, האָט ער א רעפּטל דאר, שווארץ ברויט אויסגעזוכט, א שמאטקעלע זאלץ, און געמאכט א ברכה צו גאָט, וואָס האָט בא-שאפן ברויט פון דער ערד. דערנאָך האָט ער אָנגעריבן צוויי פייער-שטיינדלעך, אביסל אויסגעטריקנט גראָז און צווייגעלעך אָנגע-צונדן און עטלעכע קארטאָפל אין פייער געבראָטן. וואסער האָט ער אָנגעשעפּט מיט ביידע הענט אין טייכל און צום ברויט פארטרונקען. נאָכן עסן האָט ער ווידער געוואשן די הענט און געבענטשט גאָט פאר זיין גענאָד, וואס ער שפּייזט די גאנצע וועלט אין זיין דער-בארמקייט.

— רבונו של עולם, — האָט ער ווידער א מורמל געטאָן, אויפ-הויבנדיק דעם זאק איבער דעם אקסל, וואָס איז אויסגעריבן פון דער משא — טאַטע זיסער.

און מיט באַנייטע כּוחות געלאָזט זיך אין וועג, פון דאָרף צו דאָרף, צו זוכן ברויט פאר זיך און זיין הויזגעזינד.

— גאָט, העלף! — האָט ער באַגריסט די פויערן אויף די פעל-דער און די פויערטעס ביי די געפלאָכטענע פּלויטן.

כאָטש ער האָט אונטערטעניק באַגריסט יעדן פויער און אפילו אַראָפּגענומען פאר זיי דאָס היטל פון קאָפּ, ווי פאר פּריצים, האָבן די פויערן מיט פאַרכמורעטע אויגן געקוקט אויף דעם איד מיטן זאַק זיינעם. די ערד אין דער געגנט איז געווען א שלעכטע, א זאַמדיקע, וואו קאָרן וואַקסט שיטער, קאַרטאָפל קומען-אויף שפּעט און קליין, און די קי זענען דאַר און ווייניק-מעלקנדיק פון דער מאַגערער פּאַשע. יעדן פאָרן-שניט קומט אויס צוצוהונגערן. און זיי האָבן דעריבער נישט געהאַט גערן געזען דעם הענדלער מיטן זאַק, וואָס רייצט אויף ביי די ווייבער און טעכטער זייער ווייבערישן קויף-לוסט.

— גיי מיט גאָט, מאַטעס, — האָבן זיי אים געזאָגט, פאַר-שטעלנדיק די טירן פון די שטיבלעך, די ווייבער זאָלן אים נישט דערזען.

מאַטעס איז געגאַנגען ווייטער פון הויז-צו-הויז. די הינט אויף די קייטן האָבן זיך געוואָרפן אין צאָרן און אין בילעריי אויף זיינע שאָקלדיקע לאַנגע פּאָלעס, וואָס רייצט זיי אַזוי אויף.

— טיכלעך, פאַרטוכער, קרעלן, נאָדל-פאָדים, שפּיגעלעך, זייף — האָט ער גערופן פאר די געפלאָכטענע פּלויטן פון די הייזער — ביליק, גוטע מענטשן.

ביים לעצטן הויז האָט מען אָנגעקלאַפּט צו אים דורך א פענ-סטערל מיט פיר קאָלירטע שייבעלעך.

אַן אויסגעוואַקסענע פלאַכע שיקסע מיט א רויט טיכל אויפן קאָפּ האָט אים געעפנט די טיר.

— איד, בויג איין דעם קאָפּ — האָט זי אים געוואָרנט — די טיר איז נידעריק, און דאָס היטל טו אויס פאר די הייליקע בילדער.

מאַטעס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק פון די פּלייצעס און אים אויפגעבונדן. די שיקסע, א כּלה פאר דער חתונה, האָט אָנ-

געמאַסטן זיך א ברייט פארטוך, א שנירל גלעזערנע קרעלן און אויך א צינערן געגילט פינגערל.

— קיין געלט האָב איך נישט — האָט זי געזאָגט — אָבער אביסל פלאַקס קען איך דיר געבן.

— פלאַקס איז אויך גאָטס גאָב — האָט מאַטעס געענטפערט, ווישנדיק דעם שווייס פון פּנים.

די שיקסע האָט אויך געוואָלט קויפן א ניי צלמל און א רויזן-קראַנץ, כדי צו ציילן די שווארצע קרעלן אין קירכע ביים געבעט, אָבער מאַטעס האָט דאָס אין זיין זאַק נישט געהאַט. כאָטש פּויער-טעס האָבן זיך אָפּט אויף די זאכן געפרעגט, האָט זיי מאַטעס נישט געהאַלטן. ער האָט מורא געהאַט פאר גאָט צו האנדלען מיט צלמים און יוזלעך, ווי אנדערע דאָרפס-גייער. די פּויערטע, צופרידן מיט די מציאות, וואס זי האָט איינגעהאַנדלט, האָט ארויסגענומען אן איבעריקן הילצערנעם לעפל און אוועקגעלייגט אויף דער באנק אין מיטן שטוב, אויף וועלכער זי האָט געגרייט מיטאָג אין צוויי גרויסע ערדענע שיסלען, אין איינער קאַרטאָפל און אין דער אנדערער זויער-מילך. ווען אלע אין שטוב האָבן זיך שוין איבערגעצלמט און גענומען די לעפל אין די הענט אריין צו עסן פון איין שיסל, האָט די באַלעבאָסטע אויך מאַטעסן א שווארצן הילצערנעם לעפל צוגעטראָגן און געהייסן צוגיין צו דער באנק.

— א גאַסט אין שטוב, גאָט אין שטוב — האָט זי געזאָגט — כאָטש אן אומגלויביקער.

מאַטעס האָט זיך באַגאַנגען מיט רויטקייט און נישט גענומען דעם לעפל אין האַנט.

— גאָט זאָל באַצאָלן פאר דעם גוטן הארץ, — האָט ער גע-זאָגט, ציענדיק אריין די ריחות פון געקעכטס, וואָס ער האָט א גאַנ-צע וואָך נישט געהאַט אין זיין מויל, פון מאָנטאָג אָן. ווען ער לאָזט זיך ארויס אין די דערפער.

די גויע האָט פון אים געלאַכט.

— נאַרישער איד — האָט זי געזאָגט — דאָס איז אָן חזיר, בלויז קאַרטאָפל און זויערמילך. די קישקעס וועלן דאָך דיך פאַר-דאַרט ווערן פון בלויז טרוקנס.

מאַטעס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— עסט מיט אַפּעטיט, באַלעבאָסטע — האָט ער געמורמלט — אַ איד טאָר נישט־כּשרס נישט עסן, אַזוי האָט גאָט באַפוילן.

אַפילו קיין שטיקל קעז האָט ער נישט געוואָלט נעמען. בלויז אַ בינטל יונגע ציבעלעס האָט ער גענומען אַ מתנה. דערנאָך האָט ער פאַרבונדן דעם זאַק, אַ קרעכץ געטאָן ביים אויפהויבן אים, ווייל ער איז שווערער געוואָרן צוליבן פלאַקס, און געלאָזט זיך זיין וועג אַהיים קיין פּיאַסק.

די זון איז ערשט געשטאַנען אין מיטן הימל. אָבער מאַטעס האָט שוין מער נישט אָפּגעשטעלט זיך ביי די דערפער אין וועג, נאָר געגאַנגען גלייך אַהיים אין שטאָט.

עס איז געווען פרייטיק, דער טאָג ווען ער גייט אַהיים אויף שבת צו ווייב און קינדער, צו אידן, און ער האָט געוואָלט אָנקומען צו דער צייט, אַ שטיק פאַר ליכט־צינדן נאָך. כאָטש ער האָט גע־האַט אַ היפּשן מהלך צו גיין, דערצו נאָך מיט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, האָט ער געפילט אַ פרייד אין האַרץ, וואָס ער גייט אַהיים. דער שבת איז געווען דער איינציקער גוטער טאָג אין זיין שווער לעבן. אַ גאַנצע וואָך איז ער געגאַנגען איבער די דערפער, געווען צווישן גוים, געגעסן טרוקנס, גענעכטיקט אין שטאַלן און אין שייערן, געשלעפּט דעם זאַק אויף די פּלייצעס. נישט ער האָט געזען ווייב און קינדער, נישט ער האָט געקענט אויסריידן אַ אידיש וואָרט, נישט ער האָט געקאָנט אָפּדאַווענען במנוחה. אין די פּער־דישע שטאַלן האָט ער אָפט געמוזט אָנטאָן טלית און תפילין. די תמעוואַטע קי האָבן זיך צוגעהערט צו זיין קריאת־שמע לייענען ביי־נאַכט, אויסגעשפּיצט די אויערן צו זיינע שמע־ישראלס, דער עיקר ווען ער פלעגט לאַנג און הויך ציען דעם „אחד“. מאַטעס האָט דע־ריבער אַ גאַנצע וואָך אויסגעקוקט שוין אויף דעם פרייטיק, ווען ער גייט צוריק אַהיים אויף שבת.

— טאַטע, זיסער, עס זאָל נאָר נישט רעגענען — האָט ער גע־בעטן ביים צעשרפּטן הימל.

כאָטש דער זאַק האָט געדריקט, איז מאַטעס געווען צופרידן מיט זיין שווערקייט. ער האָט געהאַט אין אים פון אַלע מינים, פון

עטלעכע אייער, וואס ער האט געקראגן פאר גאדל-פאדים, ביז קאר-טאפל פאר דער שטוב, ביז אביסל ארבעס, ביז א פעלכל און פלאקס, וואס ער וועט קענען פארקויפן פאר עטלעכע גילדן. כדי אנצוקומען פריער, האט ער אפילו ווייניק געשטעלט זיך אפרוען. ער האט בלויז אפגעווישט מיט דער פאלע דעם שטערן פון שוויים און געאיילט זיך ווייטער, קוקנדיק צום וועג, צי עס פארט נישט אמאל פארביי א היימישער פויער, וואס זאל אים לאזן אויפכאפן זיך א שטיק וועג אויפן וואגן.

די זון האט געגליט אלץ שטארקער און שטארקער. די היל-צערנע צלמים אויף די וועגן זענען געשטאנען אויסגעבויגענע און פארדארטע. די פאפירענע בלומען צופוסנס די הענגענדיקע נאקעטע יעזוסלעך האבן זיך געסמאליעט אין דער היץ. מאטעס האט אוים-געמיטן צו קוקן אויף זיי.

א שטיק פארנאכט איז ער אנגעקומען קיין פיאסק. ער האט הינטערן שטעטל אנגעטאן די צעריסענע שטיוול, ווייל עס פאסט נישט פאר א איד צו ווייזן זיך א בארוועסער צווישן אידן, און אריין אין מארק. איבער דעם גרויסן קיילעכדיקן מארק, באזעצט מיט סעדרעכעס, זענען ווייבער ערב-שבתדיק געלאפן און געאיילט. אידן מיט וועש איינגעבונדן אין קעשענע-פאטשיילעס זענען געלאפן געגאנגען אין מרחץ. דער הויכער דארער שטאטישער חזן איז אום-געגאנגען מיט דער גרויסער בלעכערנער פושקע צונויפנעמען חזנות-געלט. מאטעס האט אים אריינגעווארפן א גראשן און, אונ-טערהויבנדיק דעם זאק אויף די פלייצעס, ארוים צום הקדש-געסל, וואו זיין נעדונגען שטיבל איז געשטאנען.

אביסל פאר דער טיר איז אנטקעגנגעגאנגען אים זיין ווייב שרה, א אידענע אן איבערגעוואקסענע און אן אויסגעדארטע. דאס פאר-שלומפערטע קלייד איז געווען ביי איר פארשטעקט אין דער הויך און די שלאף-קאפקע איז געלעגן צו לויז אויף איר דין-געשוירענעם קאפ, פול מיט טרעף פון שלעכטן שערן. מיט אויסגעהארעוועטע בלאסע הענט האט זי ארופגענומען דעם שווערן זאק פון מאנס פלייצעס און מיט א ברעג פארטוך אפגעווישט אים דעם שוויים פון זיין שטערן.

— וואָס מאַכסטו, מאַטעס? — האָט זי אים געפרעגט, ווי יעדער וואָך, ווען ער קומט צוריק פון די דערפער.

— וואָס מאַכסטו, שרה, און די קינדער? — האָט מאַטעס צוריק געפרעגט און איז מיט מידע טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר, קושנדיק די אויסגעפלעקטע מזוזה, וואָס איז מיט פאַראָסטעטע נעגל צוגעשלאָגן צום ביישטעדל.

די קינדער, אָפּגעריסענע, צעשויבערטע מיידלעך מיט שמוציקע באָרוועסע פיסלעך, האָבן ארומגערינגלט דעם זאַק און געזוכט עפּעס פאר זיך. אבער מער ווי א יונגע ציבעלקע מיט א גרינעם לאַנגען בלאַט האָבן זיי נישט געפונען וואָס צו קייען. זיי האָבן גיריג גע-געסן די ציבעלע. שרה האָט זיך געבויגן איבער דעם אויוון, דעם שוואַרצן און פאַררויכערטן, אויף וועלכן פרייסן זיינען ארומגע-קראָכן, און געזוכט אין די שוואַרצע אייזערנע טעפּ.

— מאַטעס, — האָט זי ארויסגעברומט פון פייער ארויס — אפשר ווילסטו עסן אביסל באָב, וואָס כ'האָב אָנגעגרייט אויף שבת. האָסט א גאַנצע וואָך קיין לעפל וואַרעמס אין מויל נישט געהאַט.

מאַטעס האָט געטרונקען וואַסער פון פאַראָסטעטן בלעכערנעם שעפּערל און אָפּגעזאָגט זיך פון עסן. כאָטש ער איז קיין למדן נישט געווען, האָט ער געוואוסט פון די עברי-טייטש ספרימלעך, אַז פריי-טיק דאַרף מען וואָס ווייניקער עסן, כדי מען זאָל עסן מיט אַפּע-טיט די שבתדיקע מאכלים צו דער סעודה. דערצו איז געווען שפּעט-לעך, א פּאָר שעה בלויז פאר ליכט-צינדן און ער האָט נאָך געוואָלט אריינכאַפּן דאָס מרחץ, כדי אויסצוואַשן זיך פון שטויב און וואָכעדיקייט פון דער וואָגלענדיקער וואָך.

— ניין, וועסט מיר געבן א העמד, שרה — האָט ער געזאָגט, אויסווישנדיק מיט דער פּאָלע די שוואַרצע באָרד, וואָס ער האָט פאַרגאָסן מיט וואַסער ביים טרינקען.

שרה האָט אים דערלאַנגט א העמד, א געלאַטעטס, א שוואַרץ-געוואַשנס, מיט א גלעזערן קאַלירט קנעפּל ביים האַלז, וואָס האָט בלויז א ליאַמעווקע אַרום, נישט קיין קאָלנער. צו דעם העמד האָט זי אים צוגעגעבן א דרייער, א גרויסן און א גלאַטיקן, וואָס זי האָט

געהאלטן גרייט פאר איר מאן פארשטעקט אין שטרוי-זאַק, אָנגע-גרייט אויף באָד-געלט.

אין פארעדיקן באָד, וואס איז געווען גליטשיק, ענג און פינ-סטער, האָבן קאַלטע טראָפּנס געטריפט פון באַלקן. נאַקעטע אידן האָבן געשמיסן זיך, געגאָסן וואסער אויף אָנגעגליטע שטיינער, גע-שריגן פון הנאה. א פארשעממטער מיט זיינע צעריסענע קליידער און שווארץ העמד, האָט מאַטעס גיך אראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים אין א ווינקל און געזוכט אַן אָרימאַן, א גלייכן צו זיך, ער זאָל אים אויסשמייסן מיטן שיטערן בעזעמל, וואס דער בעדער האָט אים פארן דרייער געגעבן.

— אי, גוט, גוט — האָט ער געזיפצט פון תענוג, ארויספארענ-דיק פון זיינע ביינער און הויט די גאנצע מידקייט, שטויב און שוויים פון דער וואָך.

מיט אויסגעשמירטע שטיוול אין טראָן צו פארדעקן זייערע לאַטעס און לעכער, מיט דעם שווארצלעכן געלאַטעטן העמד, פאר-שפילעט מיטן קאָלירטן קנעפּל, מיט א גרינלעכער שמאָלער, אויס-געוואקסענער שבתדיקער קאַפּאָטע, נאָך פון דער חתונה, מיט קנעפּ-לעך פון אלערליי גרוים און קאָליר, מיט לאַטעס איינגענייט אין די עלנבויגנס, איז ער געגאנגען דערנאָך אין שול מיטן צעשאָטענעם סידור אונטערן אָרעם. ביי דער טיר, ביים קופערנעם האנט-פאס, וואו מ׳וואשט זיך די הענט און בעטלערס פון גאָר דער וועלט שטייען און ווארטן מען זאָל זיי נעמען אויף שבת, איז מאַטעס געשטאַנען אין שול און אויסגעשפּיצט די אויערן צו הערן די תפלה פון חזן, וואָס דערגרייכט שוואך צו דער טיר.

— ברוך הוא וברוך שמו, אָמן — האָט ער געזאָגט פרום נאָך די ברכות פון חזן און געשאָקלט זיך שטארק, וואָס האָט געמאכט לאַכן די שטיפנדיקע לער-אינגלעך ביי דער טיר.

אָנשפּייענדיק פון אלע זייטען אויף די פאלשע געטער, וואָס זיינען פּוסט און לער און קענען נישט העלפן, און, לויבנדיק און בוקנדיק זיך אויף רעכטס און לינקס צום איינאיינציקן גאָט, דעם מלך פון מלכים, וואָס האָט באשאפן הימל און ערד, האָט מאַטעס דער דאָרפס-גייער אויסגעווארט ביי דער טיר, כדי צו זאָגן גוט-

שבת דעם רב, וואָס וועט אָנקומען פון מזרח-וואַנט, און מיט שטילע טריט אהיימגעגאַנגען צום הקדש-געסל.

— גוט שבת, גוט שבת — האָט ער געזאָגט א פרומער און אָפּגעגעבן שלום-עליכם די מלאכים אין זיין אָרעם שטיבל, וואו די ליימענע פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשאָטן מיט געל זאַמד און צוויי ליכטלעך בלויז, חלבענע און טריפנדיקע, האָבן געשאָקלט זיך אין קליינע מעשענע לייכטערלעך. דערנאָך האָט ער געמאַכט קידוש אי- בערן שווארצן ברויט, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַן אַלט אויס- געריבן פּליושן טישטיכל נאָך פון שרהס כלה-צייטן. קיין וויין איז נישט געווען. דער „המוציא לחם מן הארץ" אַנשטאַט דעם „בורא פּרי הגפן" אין קידוש, האָט געשמעקט מיט וואָכעדיקייט, מיט בזיון.

די מיידעלעך, שבתדיקע, אָפּגעצוואָגענע, אבער אין די וואָכע- דיקע צעריסענע קליידעלעך, זענען געזעסן ארום, געפינקלט מיט די שווארצע אויגן און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די באָבעלעך מיט קליסקעלעך, וואָס די מאַמע האָט דערלאַנגט אין ליימענע שיסעלעך. מאַטעס האָט זיי נישט געלאָזט ארומרייסן זיך איבערן לעפל עסן, וואָס מ'האָט צו צוויי אין איין שיסעלע דערלאַנגט.

— נו, אָ, שבת — האָט ער זיי געמונטערט.

נאָכן בענטשן, ווי נאָר די ליכטלעך זענען אויסגעגאַנגען מיט אַן עיפּוש פון חלב און רויך, האָט שרה אויסגעבעט דאָס פּאַר- וואַנצטע בעט, אין וועלכן עס האָט זיך געלייגט דער באַלעבאָס פון שטוב און צוויי קינדער, צופוסנס דעם פאָטער. שרה אליין האָט זיך געלייגט אין אַנדערן בעט, ארומגערינגלט מיט די איבעריקע קינ- דער צוקאָפּנס און צופוסנס. פון די פינסטערע שאָטנדיקע ווינקלען האָבן גרילן טרויעריק און וואָכעדיק געקלאָגט. פליגן האָבן גע- זשומעט און געביסן.

אָפּוואַרטנדיק א היפשע צייט, ביז אַלע קינדער זענען גוט איינגעשלאָפן, איז מאַטעס פאַרזיכטיק ארויס פון זיין בעט, שטיל אויסגעוויקלט זיך פון די פאַרפלאָכטענע קינדערישע הענטלעך און פיסלעך און אין דער פינסטער דערטאַפּט זיין ווייבס בעט, וואָס איז געשטאַנען אין א זייט ביי אַן אַנדער וואַנט, כדי צו געפינען אביסל

גליק נאָך דער גאנצער וואָך מי און ליידן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, כדי ניט אויפצואוועקן די קינדער לעבן זיך, האָט שרה אים באגעגענט און אָפּגעגעבן אים איר אויסגעהאָרעוועט פרי-פּאַרוועלקט און אויסגעדאַרט לייב.

## קאַפּיטל צוויי

יעדער יאָר, פּינקטלעך ווי צום טאָג, האָט שרה געבוירן א קינד איר מאַן.

כאָטש זי האָט געטאָן איר ווייבערישן חוב, ברענגענדיק דורות אויף דער וועלט, האָט זי זיך דאָך געשעמט יעדער מאָל ווען זי איז געלעגן געוואָרן, נעפּלאָמט פון בושה פאַר איר מאַן פאַר דער נייער מתנה, וואָס איר לייב האָט ארויסגעגעבן. ערשטנס, איז יעדער ניי קינד געווען א נייער עול פאַר מאַטעסן, א נייע משא פאַר זיין גע-לאַטעטן זאַק, וואָס ער האָט געשלעפּט א גאנצע וואָך איבער די דער-פער. צווייטנס, האָט זי געבוירן בלויז מיידלעך. אמת שיינע טעכ-טער, שוואַרץ-האָריקע, ברוין-הויטיקע און מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, אינגאַנצן ווי דעם פאָטערס, אָבער פאָרט מיידלעך, וואָס ניט זיי קענען תורה לערנען, ניט זיי קענען קדיש זאָגן נאָך טאַטע-מאַמע איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ניט עס וועט זיין לייכט פאַר זיי חתנים צו קריגן ווען זיי וועלן עלטער ווערן. און שרה האָט דעריבער זייער גערויטלט זיך פאַר איר מאַן יעדער מאָל ווען זי איז געלעגן געוואָרן מיט א ניי קינד.

זי האָט זייער גיך אָפּגעפּאַרטיקט אירע קימפּעט-טעג, וואָס זיינען שטענדיק אויסגעפאַלן ווען מאַטעס איז געווען אין די דער-פער. כאָטש זי איז נאָך קיין גאנצע דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען, איז זי געווען זייער געניט אין קינדלען און זי האָט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוגיין דערמיט. זי האָט אַליין אויפגעבעט זיך דאָס אָרעמע בעט, ווינדעלעך פון שמאַטעס אָנגעגרייט, פאַרהאַנגען איר בעט מיט א געלאַטעט קלאָר ליילעך, וואָס זי האָט געהאַלטן פון קינפּעט צו קינפּעט, און אפילו די גרייטע שיר-המעלותן פאַר א נקבה אָנגע-

האנגען. ביז דער לעצטער מינוט האָט זי נאָך אַלץ געאַרבעט אין שטוב, געקאָכט, וואַסער געשלעפּט פון ווייטן ברונים. ווען זי האָט דערפילט, אַז די לעצטע מינוט איז אָנגעקומען, האָט זי זיך אַריינגע-לייגט אין בעט און געשיקט ס׳עלטסטע מיידעלע נאָך איר שכנה, לאה דער מארק-זיצערקע, וואָס האָט פאַרקויפט גרינס אין מאַרק.

— לאה, קומסט, די מאַמע רופט ענק! — האָט דאָס באָרוועסע קינד גערופן אין איין אָטעם, נייגעריק איבער דעם, וואָס דאַרף קומען.

לאה, א ברייטע אידענע מיט א פול מויל קללות פאַר שלעכטע קונהטעס און איבערקלייבערישע נגידותטעס, האָט שוין געוואוסט נאָך וואס מען דאַרף זי. און כאָטש זי האָט געהאַלטן אין מיטען האנדלען, האָט זי אַלץ איבערגעלאָזן און מיט קאַטשקע-טריט, שאָקלענדיק מיט אַלע קליידלעך, וויפיל נאָר זי האָט געטראָגן אויף זיך, געאיילט צום הקדש-געסל צו שרה דער קינפּעטאָרן. דאָס איז געווען איר מצוה און ווייבערישער פאַרגעניגן אָפּצונעמען קינדער. און זי האָט געטאָן איר זאַך מיט גרויס בריהשקייט און ברען. זי האָט קודם-כל אַרויסגעטריבן אַלע קינדער פון שטוב צוזאַמען מיט דער קאַץ פון אויוון.

— אַרויס, ממזרים, א פּשיק! — האָט זי געטריבן די קינדער מיט דער קאַץ — אין דרויסן אַרויס, קינדער טאָרן אַזעלכע זאַכן נישט זען.

דערנאָך האָט זי צוגעשטעלט טעפּ מיט וואַסער, גרויסע איי-זערנע שוואַרצע טעפּ, און אויסגעריבן די אַלטע מולטער, אָפּצו-וואַשן דערין דאָס עופהלע וואָס וועט קומען.

— שרה, קרעכץ, — האָט זי גערופן צו דער קימפּעטאָרן הינ-טערן פאַרהאַנגענעם ליילעך — קרעכצן מאַכט גרינגער די ווייען.

אָבער שרה האָט נישט געקרעכצט. זי איז שוין געוואוינט גע-ווען צו די ווייטאָגן. אין א ברייט שמוציק פאַרטוך אַרום די היפטן, מיט טעמפּע קורצע פינגער, האָט לאה געפּאָרעט זיך ביי דעם אויס-געדאַרטן בלאַסן ווייבערישן לייב, וואס האָט זיך געקאַרטשעט אין געבורטס-ווייען, ביז זי האָט דאָס עופעלע אַרויסגעקראָגן.

— נו, נו, נאָך אַביסעלע, קימפּעטאָרן — האָט זי אונטער-

געגעבן חשק דער געווינערן, זי זאָל ארויסברענגען דאָס קינד פון איר לייב. — סטאַרע זיך, שרהשע, אָט אזוי...

דערנאָך האָט זי גיך אָפּגעשניטן מיט א שער דעם נאָפּל און גלייך געכאַפּט א בליק צו זען דעם מין פון ניי־געבוירענעם.

— א מויד — האָט זי געזאָגט אַן אנטוישטע צו דער קימפּעטאָרן — עפּעס ביזטו גאָר קיין בריה נישט, שרה, בלויז מוידן האָסטו.

שרה האָט אָפּגעווישט מיט דער שאַרטסקער האַנט די אנגסטן פון שטערן און פארביסן די בלאַסע אונטערשטע ליפּ פון צער. זי האָט אלץ געטאָן, וואס ווייבער האָבן איר געלערנט, זי זאָל האָבן א אינגל. אויך האָט זי ביי גאָט געבעטן וועגן דעם. אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. און כאָטש זי איז נישט שולדיק געווען, האָט זי זיך געשעמט דערמיט, געשעמט זיך פאר ווייבער, נאָך מער פאר איר מאַן. צוליב דעם, און אויך דערפאַר, וואס זי האָט נישט געהאט וועד עס זאָל טאָן עפּעס אין שטוב, האָט זי קיין גרויסע עסקים נישט געמאכט פון איר געלעגן ווערן. א טאָג נאָכן האָבן, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט, פארבעט די שטענדיק אָפּגעצויגענע קישנס און איבערבעט און מיט וואַקלענדיקע שוואַכע טריט געפּאָרעט זיך אין שטוב און ביים עופהלע.

בלויז דאָס ליילעך מיט די שיר־המעלותן האָט זי געלאָזט הענגען פארן בעט ביז דער מאַן וועט קומען אויף שבת אהיים.

א בלאַסע, א פארשעמטע, מיט קרענקלעכע ווייבערישע פלעקן אין איר שטארק ווייסער הויט, איז זי אנטקעגנגעגאַנגען איר מאַן פאר דער טיר און נישט געהאָלפן אים אראָפּנעמען דעם זאַק, ווי געוויינלעך זי פלעגט עס טאָן. מאַטעס האָט געכאַפּט א בליק אויף איר בויך, וואס איז ווי אויסגערונען פאר די עטלעכע טעג ווען ער איז אין דער היים נישט געווען, און געבליבן שטיין מיט שטארק־אויפגעריסענע אויגן.

— שוין? — האָט ער געפרעגט אַן איבערראַשטער.

— יאָ, — האָט שרה געמורמלט א שולדיקע — ווידער א מיידל.

מאַטעס האָט געאיילט אין שטוב אריין, אָנצוקוקן דאָס קינד,

וואָס איז געלעגן שטיף פאַרבונדן אין וויקעלעך, און ער האָט גע־טרייסט זיין ווייב.

— נו, מילא, מען דאַרף דאַנקען גאָט פאַר אַלץ וואָס ער גיט — האָט ער געזאָגט אַ פּרומער — מיידלעך זיינען אויך גאָטס באַשע־פעניש, זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

אין אַזאַ שבת אינדערפרי איז ער מער נישט געשטאַנען ביי דער טיר אין שול, ווי תמיד, נאָר געהאַלטן זיך לעבן בעלעמער. אויסער שמחת־תורה, ווען יעדער איד מוז האָבן אַן עליה, איז דאָס געווען די איינציקע געלעגנהייט, ווען מאַטעס פלעגט ווערן אויפ־גערופן צו דער תורה אין שול. פון יאָר צו יאָר האָט דער שמש אויפסניי פאַרגעסן מאַטעסעס נאָמען און פאָטערס נאָמען און ער האָט אים איבערגעפרעגט, מאַכנדיק פונדעסטוועגן אַ טעות. מאַטעס האָט אים פאַריכט.

— מתתיהו בן ר׳ אריה יהודה — האָט ער אָנגערופן זיין פולן נאָמען — מתתיהו בן ר׳ אריה יהודה.

אידן באַלעבאַטים האָבן אַרויסגענומען די אויגן פון די חומשים זייערע, באַטראַכט דעם אָרעמען בעל־שמחה, וואָס גיט אַ נאָמען זיין נייגעבוירענער טאָכטער, און חוזקדיק געשמייכלט, ווי תמיד ווען מ׳שמייכלט איבער איינעם, וואָס האָט טעכטער, נאָך אַן אָרימאַן דערצו.

מאַטעס האָט געפּלאָמט פון בושה אַריינרעדנדיק אין שמשס האָריקן אויער דעם ווייבערישן נאָמען פון זיין ניי קינד און אויס־געהערט די שוואַכע ביטולדיקע מזל־טובס פון די באַלעבאַטישע אידן. דער שמש האָט אפילו נישט געפרעגט דעם פאָטער וויפיל ער איז מנדר אויף צדקה. ער האָט גיך אָפּגעכאַפּט דעם מי־שברך, אָן דריידלעך און ניגונים, ווי ער טוט עס ביי אידן־באַלע־באַטים. ער האָט געזאָגט — בעבור שיתן צדקה — און אויפ־גערופן אַן אַנדער איד, אַ בכבודן און אַ מזרח־שטייענדיקן.

אליין, אָן אַ מנין אידן אויף קידוש, פלעגט מאַטעס אַהיימ־גיין צו זיך. נישט עמיצער האָט געוואַרט מיטצוגיין מיט אים אויף קידוש, נישט זיין ווייב האָט אָנגעגרייט לעקעך און בראַנפן מכבד צו זיין.

— גוט שבת, מזל-טוב — האָט ער געזאָגט א פארשעמטער צו זיין ווייב און אָנגערופן דעם נייעם נאָמען פון טעכטערל, וואס ער האָט עס געגעבן ביי דער תורה אין שול.

שרה איז געזעסן אויף א קליין בענקעלע לעבן דער שווערער ברייטער וויג, געגעבן דעם עופהלע איר טאָרביקע ברוסט, דורכגע-פלאָכטן מיט בלויע אָדערלעך, און פון צער און געפאלנקייט גע-בייזערט זיך אויף דער ניי-געבוירענער.

— נאָ, זויג פון מיר ס׳חיות אוים — האָט זי געקרעכצט, שטופנדיק די ברוסט אין גיריגן קינדערישן מיילעכל — צי די נשמה, מויד.

אין איינעם א פרייטאג, אויף שבת נחמו, ווען מאטעס איז אהיימגעקומען פון זיין דאָרף מיטן זאק, איז אים נישט אנטקעגנ-געקומען זיין ווייב, נאָר די טעכטערלעך.

— טאטע, טאטע, — האָבן זיי אים אנטקעגנגעשריגן — די מאמע האָט געהאט א אינגל.

מאטעס האָט מיטן זאק גענומען לויפן אהיים. דאָס מאָל איז שרה נישט ארומגעגאנגען אויף די פיס. זי איז געלעגן אין בעט, הינטערן ליילעך, אויף וועלכן די שיר-המעלותן זיינען געווען פאר א זכר. זי האָט געמעגט זיך פארגינען אויסצוליגן אירע קימפעט-טעג. זי האָט געבוירן א אינגל. דאָס מאָל האָט זי זיך נישט גע-שעמט פאר איר מאן מיט איר מתנה.

— מאטעס, א אינגל — האָט זי אים געזאָגט א שטראַלנדיקע, כאָטש ער האָט עס שוין געוואוסט — קוק אים אָן, שיין ווי די זון איז ער.

— דאָ איז ער, דער קדיש, מאטעס — האָט לאה אים אנט-קעגנגעטראָגן דאָס קישעלע, ווארפנדיק עס בריהש אין אירע אָרעמס.

מאטעס האָט איינגעקוקט זיך אין נפשל, וואָס האָט גאָר נישט געשיינט ווי די זון, נאָר געווען נאָך פארקנייטשט ווי א זקן. דאָס קינד האָט אויף איהם נישט געקוקט. עס האָט געהאלטן פארמאכט די אויגן. פון גרוים איבעראשונג און צעטראָגנקייט, האָט מאטעס גענומען פאָרען זיך אין שטוב, טאָן ווייבערישע ארבעט פאר זיין

שרה, וואס ליגט אין בעט. לאה די מארק-זיצערקע האט אים נישט געלאזט טאן קיין זאך.

— מוחל, דאס געהער נישט צו קיין מאנסביל, — האט זי אים געזאגט — איך האב שוין אליין אלץ געטאן. אפשר ווילט איר עפעס עסן, ר׳ מאטעס, וועל איך אייך געבן. כ׳האב אפגעקאכט.

מאטעס האט געקוקט מיט גרויסע שווארצע דאנקבארע אויגן אויף דער ברייטער אידענע. נאך גרעסער זענען זיינע אויגן געווארן, ווען לאה האט אים צוגעטראגן א ליימערן שיסעלע מיט אויסגעזאטענע הארטע ארבעס און עטלעכע אפגעקאכטע פלוימען.

— דאס האב איך צוגעגרייט ארבעס און פלוימען פארן שלום-זכר — האט די אידענע געזאגט א שטאלצע — איר וועט דאך ברענגען א מנין אידן נאך דער סעודה.

מאטעס האט געפילט אזא ווארימקייט אין הארץ, אז ער האט חשק געהאט צוצוגיין צו דער אידענע און ארויפלייגן ביידע הענט אויף אירע ברייטע אקסלען פאר איר גוטסקייט. אבער ער האט זיך דערמאנט, אז א מאנסביל טאר קיין אידענע נישט אנרירן, און ער האט גענומען גרייטן זיך אויף שבת, אויסשמירן די שטיוול און וואשן און צוואגן זיך.

דאס ערשטע מאל, פון זיין חתונה אן, האט מען הויך אויסגערופן זיין נאמען אויפן בעלעמער אין שול נאכן דאווענען. דער שמש האט א פריילעכן קלאפ געטאן אין שולחן.

— ר׳ מאטעס לאזט בעטן אויף שלום-זכר מיט מזל.

א מנין ארעמע אידן פון הקדש-געסל זענען זיך צונויפגעקומען צו אים נאכן עסן און אויסגעזעצט זיך ארום טיש, אויף וועלכן גרעסערע ליכט זענען דאס מאל געשטאנען. זיי האבן לייטיש געקייט די אויסגעזאטענע ארבעס מיט פעפער און געקוויקט זיך מיט די פלוימען, די צוויי פלוימען, וואס לאה האט יעדן צוגעטראגן אין ליימענע שיסעלעך.

— א גוטער סימן, מאטעס — האבן זיי געזאגט דעם פאטער — ס׳קינד איז געבוירן געווארן אויף שבת-נחמו.

נאך שבת איז מאטעס נישט ארוים אין די דערפער, ווי שטענדיג. ער האט איבערגעוואַרט אויפן ברית. דער רב אליין איז גע-

קומען צו אים אויף סנדקאות. קיין סעודה האָט מאַטעס נישט געקענט מאַכן, אבער אייער-קיכלעך מיט הערינג און בראַנפן האָט ער צוגעגרייט. ער האָט אפילו געלאָזט אויסקאָכן אויף האַרט עט-לעכע אייער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דאָרף. כאָטש ער האָט געדאַרפט א נאָמען געבן דעם אינגל נאָכן פאָטער זיינעם — אריה יהודה, האָט ער אים א נאָמען געגעבן נחמן, צוליב דעם וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אויף שבת-נחמו, און אויך דערפאַר, וואָס נחמן מיינט טרייסט.

— מיט גאָטס הילף וועט ער זיין אונזער טרייסט אין לעבן — האָט מאַטעס געזאָגט צו זיין ווייב הינטערן פאָרהאַנגענעם לײַלעך.

## קאַפּיטל דריי

וויפיל קראַנקהייטן און חולאתן עס זענען אומגעגאַנגען אין פּיאַסק, האָבן זיי אלע געטראָפן דעם קליינעם נחמן — שאַרלעך, מאָזלען, דיפטעריט, בויך-קראַמפן, אויסשלאָגן, אנטצינדונגען אלערליי. ער האָט גאָרנישט געירשנט פון פאָטער, דער בן-יחיד, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען טרייסט אין שטוב אריין. פּונקט ווי די שוועסטער זיינע האָבן איבערגענומען פון פאָטער זיין געזונטע ברוינע הויט, ברייטע ביינער און פּשוטן געדולד צו טראָגן דעם יאָך פון דער וועלט, אזוי האָט נחמן איבערגענומען פון דער מוטער איר ווייסע דורכזיכטיקע בלאַסע הויט, וואָס יעדער ביסל בלוט קוקט אַדורך מיט קרענקלעכער רויטקייט. בלויז די אויגן האָט ער גע-נומען פון פאָטער, גרויסע, שוואַרצע, וואָס האָבן נאָך שוואַרצער אויסגעזען פון דעם זייער ווייסן פּנים ארויס.

כאָטש די מוטער האָט אים מער אָפּגעהיט פון אירע ערשטע קינדער, די מיידלעך, און לענגער אים געזויגן; כאָטש אלע שוועס-טערלעך אין שטוב, פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער, האָבן אים געוויגט גאַנצע טעג און נעכט, ארומגעטראָגן אים אויף זייערע קינ-דערישע אָרעמס, וואָרים ער איז געווען דער מיוחס פון שטוב, איז נחמן געוואַקסן שלאַבעריק און אומגעראָטן. צו זיין ווייכער בלאַ-

סער הויט האָבן אַלערליי קראַנקהייטן געקלעפּט, האָבן זיך תּמיד אויסשלאָגעכצן געטשעפּעט. ציינדלעך זענען ארוים ביי אים מיט גרויסע ווייטאָגן, שיטערע און קרומע. די פּיסלעך, וואָס האָבן זיך גלייך אויסגעקרימט, האָבן נישט געקענט גיין. בלויז דאָס בייכל און דאָס קעפּל זענען געוואַקסן גרויס, אויפגעבלאָזן. שׂרה האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט, דאָס אינגל זאָל שטעלן אַ טריט. זי האָט אים מיט קרייד אַרומגערינגלט אַ קרייז אויף דער ליימיקער ערד, אַזוי, אַז די נישט-גוטע, וואָס טשעפּען זיך צום קינד און לאָזן אים נישט גיין, זאָלן קיין צוטריט צו אים נישט האָבן. לאָה די מאַרק-זיצערקע האָט אים אָפּגעשפּראָכן עין-הרע, געגאָסן וואַקס אויף דער ערד, אין וועלכער זי האָט איינגעדריקט אַ קופּערנע מטבע. זי האָט הייסע קוילן געוואָרפן אין אַ שיסל וואַסער און נאָכגעקוקט אין די בלעזלעך צו פּאַקן די נישט-גוטע, וואָס מאַטערן דאָס קינד. זי האָט אויך געבראַכט אַ גויע אַ כּישוף-מאַכערן, וואָס האָט דאָס קינד באַשמירט מיט השתנה פון קאָפּ ביז די פּיסלעך און אויף זיין העלזל אַלערליי קמיעות אָנגעהאַנגען, פון אַ בינטל קנאָבל און וועלפישע ציין ביז אַ ביינדל פון אַ הינעריש-פּיסל און אַ שוואַרצן טייוועלסקויט. אָבער דאָס קינד האָט נישט געוואָלט גיין. זייער גיך האָט עס זיך געשאַרט מיטן נאַקעטן געזעסל אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, אָבער שטעלן זיך אויף די פּיסלעך האָט עס נישט געוואָלט.

זלמן הערש דער רופא, אַ איד אין אַ סורדוט און מיט אַן אַכט-קאַנטיק דייטשיש היטל אויפן קאָפּ, וואָס אויף אַלע קראַנקהייטן אין דער וועלט האָט ער גענוצט צוויי רפואות — איינגעבן ריצנאָויל און אויסשמירן מיט יאָד, איז אַן אָפּטער גאַסט געווען ביי מאַטעסן אין הויז. יעדער מאָל אויפסניי האָט ער געשמירט דעם קינדס העלזל מיט יאָד, געהייסן געבן אַן עלעקסיר און גענומען דערפאַר אַ קופּערנעם צענער, אַן אויסגעוואַרעמטן פון בעטגעוואַנד, וואו שׂרה האָט אים געהאַלטן. אָבער שטעלן דאָס קינד אויף די פּיסלעך האָט ער נישט געקענט. אפילו יערעצקי דער פּוילישער דאָקטאָר, וואָס האָט געזידלט די פּאַציענטן, געשאָלטן מיט טויטע קללות, און דווקא אויף אידיש, האָט גאָרנישט אויפגעטאָן. מאַטעס

איז געבליבן א מאַנטיק אין דער היים, דאָס קינד אויף די הענט גענומען און אוועק צו אים אין דער צווייטער עק שטאָט, וואו די פּריצים וואוינען. מיטן היטל אין איין האנט און מיטן קינד אין דער צווייטער איז ער אריין אין דאָקטאָרישן הויז, וואו די פּאָדלאָגעס זענען געווען געפארבט אויף רויט.

— פּריץ ליכטיקער, — האָט ער געזאָגט, אוועקלייגנדיק פריערצוים דעם גולדן אויפן טיש — ראַטעווע מיר דאָס קינד מיינס.

יערעצקי דער דאָקטאָר, א דיקער גווידערדיקער פּאָליאַק מיט א פּאָר לאנגע וואָנסן, אונטערגעהאלטן פון באקן-בערד, א כעסן און א ביטערער דערפאר, וואס דאָס יונגע ווייב אנטלויפט פון אים אלע פאָר וואָכן אויפסניי, האָט גלייך גענומען שעלטן ווען ס'קינד האָט זיך פאר אים דערשראָקן.

— נישט בעקען, שייגעץ, — האָט ער געשריגן אין אן אָפּשפּעטערישן אידיש — אכציק שווארצע יאָר.

מיט עקל האָט ער צוגעלייגט דאָס האָריקע אויער צום קינדס לייב, א שנעל געטאָן עס אין אויפגעבלאָזענעם בייכל, אין סאמע נאָפּל אריין, און צום לעצט א פּעטשל עס געגעבן אין געזעסל.

— ער האָט די ענגלישע קראנקהייט, — האָט ער געזאָגט דעם פאָטער — און סקרופלען אויך.

מאָטעס האָט נישט פארשטאַנען דעם דאָקטארס רייד.

— וואָס דארף מען טאָן, ליכטיקער פּריץ? — האָט ער געפרעגט.

— געבן אים טראן צו טרינקען, מילך, גוט צו עסן און האלטן אים אויף דער לופט, — האָט דער דאָקטאר שנעל גערעדט — די ביינער זאָלן זיך אים שטארקן.

מאָטעס האָט אויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע שווארצע אויגן.

— ליכטיקער, איך בין אן אָרימאַן — האָט ער געזאָגט.

דער דאָקטאר איז אין כעס געוואָרן.

— אויב אזוי, הענג דיך אויף מיט דיין ממזר צוזאמען, פּארך! — האָט ער געוואלדעוועט, — און ארויס פון שטוב, אכציק שווארצע יאָר!

מאָטעס איז א פארשעמטער ארויס.

צו צוויי יאָר, ווען קיינער האָט זיך שוין נישט געריכט, אַז דאָס קינד זאָל גיין, האָט דער קליינער נחמן פּלוצלונג אויפגעשטעלט זיך אויף די אויסגעבויגענע פיסלעך און די גאַנצע ליימענע פּאָדלאָגע גיך דורכגעלאָפן.

— מאַמע, — האָט ער גערופן מיט פרייד פון דער קונץ, וואָס ער האָט געוויזן — מאַ-מע.

שרה צוזאַמען מיט אַלע טעכטערלעך זענען געבליבן שטיין מיט פאַרלייגטע הענט פון וואונדער.

— אַ לויב דיר, גאָט אין הימל, — האָט זי געמורמלט, אויפ-הויבנדיק די אויגן צום שוואַרצן באַלקען, וואָס איז באַזעצט געווען פון פליגן — איך בין נישט ווערט דיין חסד.

פון דעם טאָג אָן איז דאָס קינד געווען פול וואו מען האָט עס נישט געזייט. עס איז צוגעקראָכן צום פעסל וואַסער און געפּאַטשט דערין מיט די הענטלעך. עס איז אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און זיך שיער נישט פאַרברענט. עס האָט געגריבלט שטיקלעך קאַלך פון די ווענט און געגעסן. מיט אַ קליידעלע פאַרהויבן מיט אַ קניפּ אי-בערן נאַקעטן הינטער-חלק, מיט אַ ציצה-כנפותל, וואָס מאַמעס האָט עס געקויפט גלייך ווי דאָס קינד האָט זיך אויף די פיסלעך גע-שטעלט, מיט אַ צו-לויזער יאַרמעלקע אויפן געשווירענעם קאָפּ, איז עס גאַנצע טעג אַרומגעקראָכן אין אַלע ווינקעלעך, אויסגעשמירט זיך אין דער ליימענער, נאַסער פּאָדלאָגע און געגעסן אַלץ וואָס עס איז עס געקומען אונטער די הענטלעך, אפילו ווערים פון די ווענט.

צו דריי יאָר האָט מאַמעס אויסגעלערנט זיין קינד מאַכן אַ ברכה און עס אָפּגעגעבן אין דער תלמוד-תורה אריין לערנען אלף-בית.

אין אַ זונטיק אין דער פרי, אין פרייען טאָג, ווען ער גייט נישט איבער די דערפער, האָט מאַמעס אַרויסגענומען דעם געלן צעריסענעם טלית זיינעם פון טלית-זאַק און איינגעהילט אין אים דעם בן-יחיד. די מוטער האָט דעם אינגל אויסגעטאָן דאָס קליידל, וואָס ער האָט ביז איצט געטראָגן, און אים אָנגעטאָן אַ פּאָר הויז-לעך, וואָס זי האָט אים איבערגעמאַכט פון אירס אַן אַלט אונטער-קליידל. אויף די הייזלעך, דורך וועלכע דער סטאַן פון העמדל האָט

אַרויסגעקוקט מיט אַ שפּיץ, האָט זי אים אָנגעטאָן דאָס ציצה-כנפותל. אנשטאָט דער אַלטער יאַרמעלקע, האָט מען דעם קינד אָנגעטאָן אויפן קעפּל אַ נײַ יאַרמעלקעלע פון פאַרשידענע שטיקלעך סאַמעט צונויפגענייט. גאַנצע צוואַנציק גראָשן האָט מאַטעס דער-פאַר באַצאָלט דעם פּאַקן-טרעגער בײַ דער שול. פאַר נאָך צען גראָשן האָט ער אַפילו געקענט קריגן אַ יאַרמעלקע מיט לייש-גאָלד אַרומגענייט אין די ברעגן. מאַטעסן איז דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען צו קויפן אָט-די שיינע יאַרמעלקע פאַר זײַן קינד צום ערשטן חדר-גיין. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען. פאַר די צען גראָשן האָט ער געמוזט קויפן אַ בייטעלע ראָזשינקעס און מאַנדלען, כדי צו באַשיטן דעם אלף-בית, ווי עס פירט זיך, און אויך צו טיילן מתנות די קינדער אין חדר, זיי זאָלן זײַן גוט צום נײַעם תּלמיד. ער האָט געחלשט דעם קינד צו קויפן אויך אַ פּאָר שיכעלעך, די ערשטע שיכעלעך, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן דערויף. אַ באָרוועסן האָט ער אײַנגעוויקלט דעם בן-יחיד זײַנעם אין טלית און אים אַוועקגעטראָגן אויף די הענט צום שול-געסל, וואו די תּלמוד-תּורה איז. ווײַבער פאַר די טירן האָבן נאָכגעקוקט, אידן מיט טלית-זעקלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— גוט אַזוי, אין חדר פירן אַ אינגעלע! — האָבן זיי אונ-טערגעגעבן חשק מאַטעסן.

אויפן גרויסן שול-הויף, אין שכנות מיטן אַלטן בית-עולם פון איין זײַט און מיטן שוואַרצן מרחץ פון דער צווייטער זײַט, איז גע-שטאַנען די תּלמוד-תּורה, אַן אַלטער, חרובער בנין, מיט אַלע שויבן אויסגעשלאָגן. פאַר דער טיר האָבן עטלעכע ציגן עקשנותדיק גע-געסן דעם פּאַק שמות, וואָס זיי האָבן ערגעץ אַרויסגעקראָגן פון אַ באַהעלטעניש. דורך די אויסגעשלאָגענע שויבן האָט זיך געריסן אַ טומל פון אַ סך קינדערשע קולות, פּלאָנטערנדיק זיך אינאיינעם אין אַ מאָנאָטאָנעם געזאַנג. מאַטעס האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן קינד און עס אויסגעהילט פון טלית.

— ר׳ מאָטל, — האָט ער געזאָגט צום אַלטן מלמד, וואָס איז געזעסן אין די בלויזע הויזן מיט אַ קאַנטשיק אין איין האַנט און מיט אַ טייטל אין דער צווייטער האַנט — כ׳האָב מיט מזל געבערענגט

צו אייך מיין אינגל תורה לערנען. ער איז שוין דריי יאָר געוואָרן, ביז הונדערט און צוואנציק.

ר׳ מאָטל האָט א קנאק געטאָן אין גרויסן צעשניטענעם טיש מיטן פוקסן-פיסל פון זיין קאנטשיק.

— שטיל זאָל זיין, יונגאטשעס. שאַ!

די קינדער האבן געקוקט מיט נייגעריקייט אויף דעם נייעם תלמיד און געביביקעט פון זיין דערשראָקנקייט. מאטעס האָט אוועקגעשטעלט דאָס אינגל אויף א באנק, פאריכט אים די יאר-מעלקע אויפן קאָפּ און געגלעט אים איבער די פארשמירטע בעקלעך.

— זעסט, נחמן, דאָס איז דער רבי, — האָט ער געזאָגט — זאָלסט באגערן תורה צו לערנען.

ר׳ מאָטל האָט גענומען דאָס אינגל אויף דער שויס און גע-מאכט מיט אים א קאטאָוועס, ווי מיט אלע אָנהויבער.

— וואָס איז דאָס, אינגעלע? — האָט ער געוויזן מיט א פינ-גער אויף זיין האנט-פלאך, וואס האָט דריי צייכנס ווי א „שין“.

— אן אלף. — האָט נחמן געזאָגט, ווי דער פאטער האָט אים געלערנט אין דערהיים צו זאָגן דאָס ערשטע אות.

ר׳ מאָטל האָט אריינגעלאכט אין זיין גערדיכטער גרויער באָרד אריין, וואס איז געל ביי די וואָנסן פון א סך טאבאק שמעקן, און מיט הנאה פון זיין שפאס גענומען ביים פאָטער דאָס פאפירענע שקארמיצל מיט נאשווארג. ער האָט געהייסן דעם קינד פארמאכן די אויגן און ער האָט אָנגעשאָטן עטלעכע ראָזשינקעס און מאנדלען אויף דעם אויסגעפלעקטן און אָפּגעריבענעם אלף-בית, וואס איז געווען צוגעקלעפט אויף א טאָוול.

— איצט עפן די אויגן, אינגעלע, — האָט ער געזאָגט — דאָס האָט דיר א מלאך פון הימל אראָפּגעוואָרפן נאשווארג, זאָלסט באגערן תורה צו לערנען.

ער האָט איינגעטיילט יעדן תלמיד צו איין ראָזשינקע, אָדער א מאנדל און אליין אויך אריינגעוואָרפן עטלעכע גוטע זאכן אין דער געלער עפענונג פון זיין האָריקן גערדיכטעניש, וואו א מויל האָט גע-דארפט זיין.

— זעסטו, אינגעלע, דאָס גערדייטע שלענגעלע מיט די צוויי

קעפּעלעך? דאָס איז אַן אלף, — האָט ער געלערנט מיט א ניגון — זאָג, אינגעלע, אַן אלף.

— אַן אלף, — האָט נחמן נאָכגעזאָגט, קייענדיק די ראָזשינקע.

— און דאָס, אינגעלע, א קעסטעלע מיט דריי ווענטעלעך און מיט אַן אָפן טירעלע, איז א בית.

ביי מאָטעסן האָט די שווארצע באָרד געציטערט פון תענוג און אויפרעגונג. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פּעקעלע שמעק-טאַבאַק, וואס ער האָט פאר דריי גראָשן געקויפט, און דער-לאַנגט א מתנה דעם מלמד.

— ר׳ מאָטל, — האָט ער געזאָגט מיט הארץ — אודאי, ווען גאָט העלפט מיר און איך וואָלט געקענט צאָלן מלומד-געלט, וואלט איך מיין קינד אוועקגעגעבן אין א חדר אריין, נישט אין א תלמוד-תורה. ווען כ׳וואָלט געווען בכוח, וואלט איך אייך אודאי א שע-נערע מתנה געבראכט. אבער איך בין אַן אָרימאַן, נעמט-זשע נישט פאר אומגוט, וואס איך האב אייך בלויז א פּעקעלע שמעק-טאַבאַק געברענגט.

ר׳ מאָטעל האָט אויפגעריסן דאָס פּעקעלע און אָנגעשאָטן זיך א פול שקעטעלע, וואס איז געווען געמאַכט פון קאָרע. מיט צוויי פינגער האָט ער אָנגענומען א היפּש ביסל טאַבאַק און גוט אריינ-געשטופּט אין די נאָזלעכער אויף רעכט און לינקס, אזוי ער זאָל עס דערפילן. אבער ער האָט עס נישט דערפילט.

— ס׳נעמט מיך נישט, — האָט ער געזאָגט אַן אנטוישטער.

מאָטעס האָט דעם איד געגעבן אַן עצה.

— שיט אריין אביסל צעריבענעם פעפער, ר׳ מאָטל.

דער אלטער האָט געלאַכט.

— א נייעס אין באָד, פּעפער, — האָט ער חוזק געמאַכט — איך האָב שוין געשיט פּעפער, עס נעמט מיך נישט.

מאָטעס האָט דעם איד אַן אנדער עצה געגעבן.

— גיסט אריין אביסל אקאָוויט. די ערלים טוען עס אין די דערפער.

דער אלטער האָט געלאַכט מיט דעם גאַנצן גערידכטעניש פון זיין באָרד און וואָנסען פון מאָטעסעס עצות.

— כ׳האָב שוין געשאָטן פעפער, געגאָסן אקאוויט, עס נעמט מיך נישט, — האָט ער געזאָגט, שטופנדיק אלץ מער טאבאק אין די ברייטע נאָזלעכער, צעצויגענע פון שמעקן.

פון בלויזן ריח זענען דעם קליינעם נחמן איבערגעגאנגען די אויגן און ס׳איז אים הארב געוואָרן אין נעזל. ער האָט זיך שטארק צעניסט. ר׳ מאָטל האָט נאָך שטארקער געלאכט פון קינדס עמפּ-פינדלעכקייט.

— נו, נאַ, נו, ער ניסט שוין, — האָט ער געברומט — מזל-טוב.

מאטעס האָט איינגעלייגט דעם טלית און געגלעט דעם קינד די בעקלעך.

— ר׳ מאָטל, — האָט ער געבעטן — זייט גוט צום אינגל. ער איז א בן-יחיד, א שוואכער, שלאָגט אים נישט. כ׳בעט אייך.

ער האָט דעם קינד איבערגעלאָזט א שטיקל טרוקן ברויט און אים אויסגעגלייכט די פּאהלעך.

— לערן תורה, קינד, — האָט ער אים אָנגעזאָגט — און האָב נישט קיין מורא צו בלייבן אין חדר. וועסט נישט וויינען, נחמן?

— ניין, — האָט נחמן געזאָגט.

אָבער ווי נאָר דער פאָטער איז ארויס און ער איז געבליבן אליין מיטן אלטן מלמד און די פרעמדע קינדער, האָט ער גענומען וויינען מיט אלע כוחות.

— טאטע, — האָט ער געיאָמערט און געלאָזט זיך לויפן צו דער טיר.

דער מלמד האָט אים אָנגענומען מיט צוויי פינגער ביי די הייז-לעך, ווי מ׳נעמט עפּעס א שמאטע, און אים אוועקגעזעצט אויף דער באנק.

— זעהסט דעם קאנטשיק מיט די לאָקשן? — האָט ער אים געוויזן — אז א אינגעלע וויינט אין חדר, לייגט מען אים אריבער אויפן בענקל, מען לאָזט אים אראָפּ די הייזלעך און מען שמייסט אים אָן אויפן הוילן לייב. הערסט, אינגעלע?

דערביי האָט דער מלמד געשמיסן אויפן טיש, צו ווייזן דעם תלמיד ווי אזוי מען שמייסט, און דערפאר איז גלייכער צו שווייגן.

אָבער דערפון האָט זיך נחמן נאָך מער צעוויינט. ער האָט זיך שיער נישט צעריסן פון מורא און עלנד. ר' מאָטל האָט דאָס אינגל נישט אָפּגעשמיסן, ווייל דעם ערשטן טאָג האָט ער קיין קינדער נישט גע־שלאָגן. אבער דערפאר האָט ער אים געוויזן ווי אזוי מען טוט עס מיט אנדערע אינגלעך. ער האָט אויסגעזוכט א אינגל, אויף וועלכן ער האָט שוין פון לאנג געהאט א הארץ, און אים געהייסן אריבער־לייגן זיך איבערן בענקל. דאָס אינגל האָט געוואָרפן מיט הענט און פיס, אבער ר' מאָטל האָט אים ארייננעמען צווישן די קניען און אים אראָפּגעלאָזט די צעריסענע הייזלעך.

— אָט אזוי שמייסט מען א אינגעלע, וואס פאָלגט נישט דעם רבין, — האָט ער געזונגען, שמייכנדיק מיטן קאנטשיק איבערן אינגעלעס לייב, וואס האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָג. דערנאָך האָט ער דעם אָפּגעשמיסענעם געמאכט אלס צולאָג א פּעקל. ער האָט אים פארבונדן דאָס העמדל מיט א קניפּ אין דער הויך, געגעבן אים אַ בעזים צו האלטן אין האנט, דאָס היטל אים איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט און אזוי, מיטן אָפּגעדעקטן לייב, אוועקגעשטעלט אים אין א ווינקל. די אינגלעך האבן געזונגען אין כאָר:

אָפּגעשמיסענער בחור,
מיטן געשוואָלענעם אחור,
מיט צוויי נייע לאַטעס,
מיט צוויי גרויסע שמאטעס...

נחמן האָט אויפגעהערט וויינען. דער געוויין איז אים געבליבן שטעקן אין העלדזל, ווי א ביין, וואס נישט מען קען אים אראָפּ־שלינגען, נישט מען קען אים אויסשפּייען. פון גרוים שרעק האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט ארויסריידן, וויפיל דער מלמד האָט אים נישט געהייסן. ער האָט געוואָלט אין שרעק נאָכזאָגן דעם מלמד, אז א שלענגעלע מיט צוויי קעפּעלעך איז אן אלף, אבער ער האָט נישט געקענט. די צונג זיינע איז געווען צוגעקלעפּט צום גומען, טרוקן ווי א שפּאָן. ר' מאָטל האָט אים באטראכט מיט איין אויג פון אונטער זיין גרויסער צעשויבערטער ברעם און זיין מיינונג וועגן אים הויך ארויסגעזאָגט.

— גולם, — האָט ער געברומט.
ביי דעם צונאָמען איז ער געבליבן אין חדר צווישן די אינגלעך.

## קאַפּיטל פיר

כאָטש שרה מאַטעסעס איז ווידער אַרומגעגאַנגען מיט א פאַר-הויבן קלייד איבערן שפּיציקן בויך, שוין אין די לעצטע חדשים, האָט זי נאָך אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס ביים נגיד ר׳ דאַדי לוב-לינער, פאַר וואָס זי האָט גענומען צו צען גראָשן פון יעדער פּאָד-לאָגע.

ר׳ דאַדי לובלינער האָט געהאַט א סך פּאָדלאָגעס אין זיין מויער אין מאַרק, גרויסע פּאָדלאָגעס פון גלייכע אָפּגעהובעלטע ברע-טער. מיט א פאַרשטעקט נאָס קלייד איבערן מעוברתדיקן בויך, מיט א לויז, ברודיק מאַרגן-הייבל איבערן דין-געשווירענעם טרע-פיקן קאָפּ, איז שרה מאַטעסעס געלעגן מיט די הוילע קניען אויף ר׳ דאַדיס פּאָדלאָגעס און מיט די דאַרע אָדערדיקע הענט געריבן זיי מיט אַלע כוחות מיט א שמאַטע, ביז זיי זאָלן זיין ריין ווי א טיש.

ערשטנס, האָט שרה געקראָגן גוט עסן ביי ר׳ דאַדין אין הויז — ברויט מיט פּוטער צום אָנבייסן און יויך מיט פלייש צו וועטשערע. זי האָט דאָס עסן אין קיך אַליין נישט אויפגעגעסן. זי האָט עס איינגעוויקלט אין א שמאַטקעלע און עס אַוועקגעשיקט מיט איר עלטסטן מיידל, שיינדל, צו נחמנען אין דער תלמוד-תורה אריין. צווייטנס, האָט זי געוואָלט אָנזאַמלען געלט צו קויפן פאַר איר בן-יחיד א פּאָר שיכעלעך צום חומש אָנהויבן.

צו פינף יאָר, ווען נחמן האָט שוין געקענט זאָגן פליסיק עברי אין סידור, האָט מאָטל דער דרדקי-מלמד אָנגעהויבן לערנען מיט אים חומש, די פּרשה ויקרא. שרה האָט זיך זייער געפרייט, וואָס איר קינד הויבט אָן לערנען חומש צו פינף יאָר, צוגלייך מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער אין שטאָט. און זי האָט אים געוואָלט קויפן א פּאָר שיכעלעך פון איר אייגן געלט, וואָס זי וועט אָפּשפּאָרן. פאַר

זיינע פינף יאָר האָט נאָך דאָס אינגל קיינמאָל קיין שיכעלעך נישט געהאַט. זומער איז ער געגאַנגען באָרוועס און ווינטער האָט שרה אים אירע שיך אָוועקגעגעבן. די קינדער אין דער תלמוד-תורה האָבן געלאַכט פון נחמנען, וואָס ער טראָגט דער מאַמעס גרויסע שיך, און נחמן האָט געוויינט דערפאַר. שרה האָט אויך געוואוסט, אַז איר מאַן וועט פירן דאָס קינד צום רב פאַרהערן אים די ערשטע פרשה חומש. עס איז נישט קיין כבוד צו ברענגען אַ באָרוועס קינד צום רב אין הויז, און זי האָט מיט אַלע כוחות געריבן די פאָדלאָגעס אין ר׳ דאַדיס הויז. ווען זי האָט דערפילט, אַז אין איר לייב הויבט אָן צופיל צו עגבערן, איז זי אַהיימגעגאַנגען איבערן מאַרק און אָפּ-געשטעלט זיך לעבן לאהן דער מאַרק-זיצערקע.

— לאה, — האָט זי געזאָגט אַ פאַרשעמטע, — איר׳ט מוחל זיין און אפשר מיטגיין.

לאה האָט איבערגעריסן אירע פעטע קללות, וואָס זי האָט נאָכ-געשיקט עפעס אַ קאַרגער באַלעבאָסטע, און אָנגעשפּאַרט ביידע צע-שניטענע הענט אָן די זייטן.

— שוין ? — האָט זי איבערגעפרעגט אַ פאַרוואונדערטע, ווייל זי האָט געהאַלטן חשבון פון אַלע שרהס טראָגענישן און האָבענישן
— ס׳איז, דאַכט זיך, צו פרי.

— כ׳פיל, לאה, ווי די געדערים דרייען זיך מיר איבער, — האָט שרה געזאָגט.

לאה האָט איבערגעלאָזט די קווישן מיט גרינס ביי אַ שכנטע און אונטערגעהאַלטן שרהן ביי דער האַנט ביז צום הקדש-געסל. מיט גרויס בריהשאַפט, ווי תמיד, האָט זי גענומען קאָכן גרויסע טעפּ וואַסער און וואַשן די מולטער.

— באַלד וועט בעסער ווערן, שרה, — האָט זי געטרייסט איר פון דער פאַרע אַרויס — ס׳איז נישט קיין נייעס ביי דיר.

אָבער ביי שרהן איז עס יאָ געווען אַ נייעס. קיינמאָל האָט זי נאָך אין איר געניטן קינדלען נישט געהאַט אַזעלכע שווערע ווייטאָגן ווי דאָס מאָל.

— רבונו-של-עולם, — האָט זי גערופן אין איהר פיין צום שווארצן באַלקן, פול מיט פליגן, איינהאַלטנדיק זיך נישט צו שרייען.

מיט גנײטקייט האָט זי אַרומגענומען מיט בײדע הענט דעם קאָפּ פון בעט און פאַרביסן די צײן אין איר אונטערשטער ליפּ, צו־העלפנדיק זיך אַרויסצוברענגען א נײ־געבוירענעם אויף דער וועלט. זי האָט זיך געשעמט צו שרײען, וואָס האָט נישט געפּאַסט נישט פאַר איר שטאַנד, נישט פאַר איר עלטער. אָבער פּלוצלונג איז איר אַזאַ שטעכעדיקער ווײטאָג באַפאַלן, אַז זי האָט נישט געקענט מער שווײגן.

— לאה קרוין, איך שטאַרב, — האָט זי קווײטשיק אויסגעשריגן.

לאה האָט געלאָזט די טעפּ אין מיטן זידן און מיט פאַרקאָשערטע הענט צוגעלאָפן צו דער געווינערינס ליב, העלפן איר אויפגעבונדן צו ווערן. אָבער עס איז נישט געגאַנגען גלאַטיק. זי האָט דעריבער האַסטיק אויפגעשפּראַלט די טיר און צוזאַמען מיט דער פאַרע אַרויסגעלאָזט א דערשראָקענעם ווײבערישן קוויטש.

— מענטשן, ראַטעוועט, לויפט נאָך זלמן הערש דעם רופא.

ביז זלמן הערש דער רופא איז געקומען פון אַן אַנדערן עק שטאָט מיט געלאַסענע טריט און מיט דעם קעסטל אונטערן אָרעם, איז שוין געווען צו שפּעט. שרה איז געלעגן א געלע, א וואַקסענע, מיט די צײן פאַרביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. לאה האָט געבראָכן די פאַרבלוטיקטע הענט.

— מענטשן, — האָט זי גערופן — זעט די בראָך.

זלמן הערש דער רופא האָט זיך געבײזערט.

— זעט די בראָך! — האָט ער איר נאָכגעשפּעט — מיט רעטעך דאַרפט איר אומגײן אין מאַרק, נישט מיט קײן קימפּעטאָרנס, נאַרישע אידענע.

ער האָט שוין לאַנג געהאַט א האַרץ אויף דער מאַרק־זיצערן, וואָס איז א גאַנצע רופאטע אין שטאָט און ברענגט אים אויס די פּרנסה.

דער פינף־יאָריקער נחמן האָט געהאַלטן אין מיטן לערנען די פּרשה, ווען שײנדל איז געקומען צולויפן אין דער תּלמוד־תּורה אים רופן.

— ויקרא, האָט גערופן, — האָט ער נאָכגעזונגען דעם פאַר־

דומפּענעם ניגון, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון רבינס גערדיכטע־ניש פון באָרד און וואָנסן — ווער האָט גערופן ? — אדני — גאָט, אל — צו — משה — צו משהן.

שיינדל, א באָרוועסע, א צעשויבערטע, איז גיך דורכגעלאָפן דאָס חדר, גאָרנישט ווי א מיידל, וואָס דאַרף זיך האַלטן זייטיק צווישן אינגלעך, און געכאַפּט נחמנען ביים הענטל.

— נחמן, קום אהיים, גיכער — האָט זי גערופן — די מאמע.

וואָס דער מאמען איז, האָט שיינדל נישט געזאָגט. נחמן האָט נישט פאַרשטאַנען צו פרעגן. ער איז בלויז נאָכגעלאָפן מיט באָר־וועסע גיכע טריטעלעך איבער די שלעכט־אויסגעפלאַסטערטע שפּי־ציקע שטיינער, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער שוועסטערס האַנט. עפּעס האָט ער געפילט, אז א גרויסע זאַך איז געשען, וואָס שיינדל איז אים געקומען רופן אהיים אין מיטן לערנען. קיינמאָל נאָך האָט אים דער רבי נישט אָפּגעלאָזט אין מיטן טאָג פון חדר. א שרעק, צוזאַמען מיט א שמחה וואָס עפּעס איז געשען, האָט איהם ארומגענומען לויפנדיק צום הקדש־געסל. ביי דער טיר זענען געשטאַנען עטלעכע ווייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זייט פאַר דעם אינגל, ווי פאַר א וויכטיקן מענטש.

— גיכער, גיכער, אינגעלע, — האָבן זיי געזאָגט מיט שטילע רייד — די מאמע...

אין שטוב איז געווען שטאַרק הייס און פאַרעדיק. עפּעס א לעמפּעלע האָט געברענט, כאָטש די זון האָט געשיינט. אויפן בעט איז געלעגן די מאמע, אָבער נחמן האָט זי נישט דערקענט. זי איז גאָרנישט געווען ענלעך צו דער שטענדיקער מאמען. נחמן האָט זיך מיטביידע הענטלעך פאַרשטעלט די אויגן.

— כ׳וויל נישט, — האָט ער געשריגן און אָפּגערוקט זיך אין מורא, נישט צו שטיין נאָענט לעבן דער, וואָס מ׳האָט געזאָגט, אז דאָס איז זיין מאמע.

ער האָט נישט געוואָלט זען אזא מאמע.

עפּעס א פרעמדע אידענע האָט אים גענומען אויף דער האַנט. נחמן האָט געוויינט פאַר מורא און דערשראָקנקייט. די אידענע האָט

איהם צוגעטוליעט צו א ווייכער ברוסט און אים אַרויסגעטראָגן פאַר דער טיר.

— אינגעלע, ביזט הונגעריק, הא ? — האָט זי אים געפרעגט — נאָדיר א לעקעכל.

נחמן האָט געגעסן דאָס זיסע לעקעכל, וואָס האָט געהאַט א פּנים פון א מענטשעלע מיט א לעכל אין בייכל, און ער האָט אויפגע-הערט וויינען. פון שטוב אַרויס האָט זיך געטראָגן שיינדלס געוויין, געמישט מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. זי האָט געוויינט ווי עלטערע ווייבער קלאָגערקעס.

— אַזאַ ביטער גזר, — האָט זי געיאָמערט.

לאה האָט געוואַשן פאַר דער טיר די אומרייניע הענט און צו-געהאָלפן שיינדלען קלאָגן.

— אַלע קינדער האָב איך דאָך ביי איר אָפּגענומען, — האָט זי געביטערט — ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק ? אינגאַנצן אין בלוט איז זי אָפּגעגאַנגען.

די ווייבער אין שטוב האָבן זיך אַלץ מער געזאַמלט און גע-רעדט.

— ווען מאַטעס וואָלט כאָטש געווען, — האָבן זיי געמורמלט — און מען ווייסט גאָרנישט וואו אים צו זוכן. ער איז אין די דערפער.

די פרעמדע אידענע, וואָס האָט נחמנען געגעבן א לעקעכל, האָט אים אַנגענומען ביי א הענטל און אוועקגעפירט צו זיך אין שטוב. דאָרט האָט זי אים אָפּגעוואַשן די פאַרשמירטע בעקלעך, מיט א שפּיץ פאַרטוך גוט דאָס נעזל אים אויסגעשנייצט און אים געגעבן עסן, גוט עסן, ברויט מיט האָניק באַשמירט, וואָס נחמן האָט קיינ-מאָל אַזעלכעס נישט פאַרזוכט. עטלעכע קליינע מיידעלעך האָבן זיך צוגעשאַרט צו אים און געוואָלט זיך שפּילן אין מאַכן קוכנס פון זאַמד. נחמן האָט מורא געהאַט זיך צו שפּילן מיט זיי, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז א אינגל, וואָס הויבט שוין אָן חומש לערנען, טאָר זיך נישט שפּילן מיט קיין מיידעלעך, טאָר נישט זיין קיין חמור-אייזל. אָבער די מיידעלעך האָבן אים געגעבן א לעק צו טאָן פון א רויט-געפאַרבט לאַנג צוקערל, וואָס האָט אויך געפייפט ווען מען האָט געבלאָזן דערין. האָט נחמן פאַרגעסן וואָס דער רבי זיינער

האָט אים אָנגעזאָגט נישט צו חברן זיך מיט מיידלעך, און ער האָט זיי געהאָלפן מאכן קוכנס פון זאמד.

— ווייסט, יעך קען פלעכטן א חלהכעל פון טייג, — האָט זיך א מיידעלע מיט א שטייף צעפל פאר אים באריממט.

נחמן האָט אויסגעשטעלט די גרויסע שווארצע אויגן פון זיין בלאס פנים ארויס. ער האָט זיך אויך מיט עפעס געוואָלט באריממען, נאָר ער האָט גאָרנישט געהאט מיט וואָס.

— ווייסט, — האָט ער זיך דערמאָנט — יעך קען ארויפ-שפייען אויפן באלקען.

די אידענע אין שטוב האָט אראָפּגענומען דאָס וואָכעדיקע טיכל פון קאָפּ, אָנגעטאָן א שבתדיק טיכל, ווי תמיד ווען מ׳דארף גיין צווישן מענטשן, און מיט נאָך א אידענע געגאנגען איבער די נגידישע שטובן און איבער די קראָמען אין מארק.

— גיט צושטייער אויף תכריכים פאר שרה מאטעסעס, זאָל זיין אָפּגעשיידט — האָט זי געבעטן.

נגידותטעס, וואס קענען נישט די אָרימעלייט אין שטאָט, האָבן לייטיש אויסגעפרעגט זיך אויף דער געשטאָרבענער, ווער זי איז און וואו זי האָט געוואוינט, און מיט מורא אָפּגעשפיגן אין א זייט, א סגולה, עס זאָל זיי נישט שאָדן.

— נישט דאָ געדאכט — האָבן זיי מיט דערשראָקענע פרומע רייד געמורמלט און ארייגעוואָרפן קופערנע מטבעות אין דער פא-טשיילע אריין — ס׳זאָל נאָר זיין צו מצוה, גאָט אין הימל.

כאָטש עס איז געווען דאָנערשטיק, א טאָג איידער מאטעס דארף צוריק קומען פון די דערפער, האָט די חברה-קדישא נישט געוואָרט אויף אים מיט דער קבורה. מען האָט געוואוסט, אז ער וועט ערשט קומען שפעט בייטאָג, פרייטיק, און מען קען נישט וואָרטן אויף אים, וואָרים עס קען נאָך צופאלן שבת. חוץ דעם איז נישט גלייך צו וואָרטן מיט אזעלכע זאכן. נאָך דערצו ווען מען האָט געדארפט די טויטע מקבר זיין אויפן נייעם פעלד, וואָס איז היפש הינטער דער שטאָט. אויפן אלטן בית עולם אין שטאָט האָט מען נאָר מקבר געווען נגידים און בכבודע לייט, וואס האָבן געקענט באצאָלן קהל פאר א בכבודער קרקע.

— מ׳וואָלט געדאַרפט שיקן אַ שליח אויפזוכן מאַטעסן אין די דערפער — האָט מען גערעדט אין הקדש-געסל, אָבער קיינער איז נישט געווען וועד עס זאָל עס טאָן.

אַ גאַנצן טאָג האָט נחמן געשפּילט זיך מיט די מיידעלעך אין שטוב. ער האָט געגעסן מיט גרויס חשק די וועטשערע, וואָס די אידענע האָט אים געגעבן אין אַ ווייס שיסעלע, אין אַזעלכעס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. דאָס עסן איז געווען גוט, קאַשע מיט באָבעלעך, באַשמאַלצן מיט ציבעלעס און גריוון.

— ווילסט נאָך, אינגעלע? — האָט די אידענע אים געפרעגט, ווען ער האָט אויסגעלעקט גיריג דאָס שיסעלע.

— יאָ, ס׳גוט — האָט נחמן געזאָגט.

— אַ קינד בלייבט אַ קינד — האָט די אידענע געמורמלט און געזיפצט — ס׳ווייסט נעבעך נישט זיין אומגליק.

ערשט, ווען זי האָט אים געלייגט צו זיך אין בעט און פאַרלאָשן דאָס לעמפל, האָט נחמן דערמאָנט זיך צוריק אין דער מאַמען, וואס ער האָט איר געזען אַזאַ אַנדערע בייטאָג, און כאָטש ער האָט נישט געוואוסט גענוי, וואס אַזוינס מיט איר איז, האָט ער אָבער געפילט, אַז.שלעכטס איז מיט איר געשען, און ער האָט זיך פאַנאַנדער-געוויינט.

— מאַמע — האָט ער גערופן מיט יאָמערליכע קולות אין דער פינסטער אריין.

די אידענע האָט אים ארומגענומען מיט ווייכע וואַרעמע אָרעמס און אים געטוליעט צו איר ברוסט.

— שלאָף, וואָרים אָרימער — האָט זי געשעפּטשעט — ביי-נאַכט דאַרף אַ אינגעלע שלאָפן.

ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר און איז איינגעשלאָפן.

באַלד אין דער פרי, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערפילט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס מען דאַרף זיך שעמען דערמיט. דאָס ליילעך ארום אים איז געווען נאַס. די אידענע האָט זיך אָפּגערוקט האַסטיק פון אים און אַרויס פון בעט.

— זע, וואָס דו האָסט געטאָן — האָט זי אים געוויזן אויף זיין העמד — פּע, אַ חדר-אינגל זאָל אַזוינס טאָן.

דאָס גאַנצע ביסל בלוט איז נחמנען אַריין אין בלאַסן פּנים. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, עס זאָל גאָרנישט פון אים בלייבן. דאָס האָט אים ווידער דערמאָנט אין דער מאַמען זיינער, וועלכער ער פלעגט אויך אָפטאָן אזא זאַך, אָבער זי האָט זיך נישט געביי־זערט אויף אים. אַ שטאַרקער קינדערישער צער האָט געדריקט איצט זיין הערצל, אַ צער און אַ בושה. די פריערדיקע טונקלקייט פון דעם וואָס איז געשען איז פּלוצלינג אַוועק און אַ קלאָרקייט פון אומגליק האָט זיך אויסגעשפּרייט אין זיין קעפּל.

— וואו איז מיין מאַמע ? — האָט ער געשריגן.

די אידענע האָט אים אויסגעטאָן דאָס העמדל און אים אַ קלאָר העמדל, אַ גרויס און אַ פרעמדס, אָנגעטאָן.

— נו, וויין נישט, אינגעלע, שאַ — האָט זי אים געטרייסט — כ׳על קיינעם נישט דערציילן...

ווען ער האָט זיך אַלץ נישט באַרואיקט, האָט זי אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף זיך.

— איך האָב עס געטאָן, אינגעלע, — האָט זי געזאָגט — נישט דו.

פאַרנאַכט איז שיינדל נאָך אים געקומען און נישט אַהיימגע־פירט אים ביי דעם הענטל, ווי תמיד, נאָר אַרויסגעטראָגן אים אויף די הענט, כאָטש עס איז איר שווער געווען.

— האָסט געגעסן עפּעס ? — האָט זי אים געפרעגט.

אין שטוב איז צעוואָרפן שטרוי געלעגן אויף דער ערד, פרעמדע שוואַרצע טעפּ זענען געשטאַנען אויף דער קיך, פולע מיט וואַסער. אַ לעמפּעלע האָט געברענט, כאָטש עס איז נאָך געווען ליכטיק. דער פאָטער איז געזעסן אויף דער ערד אין צעריסענע זאָקן. אויף נחמנס אַריינקומען האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ אידענע און געווישט מיט דער פויסט די טרערן פון די אויגן. אין זיין געלאַטעט כאַלאַטל איז געווען אַ פרישער ריס אין לאַץ פון דער קריעה, וואָס ער האָט געריסן.

— אפילו זי נישט געזען, שרהן — האָט ער געביטערט.

שמואל מאיר, דער שמש פון הקדש, אַ איד אין אַ וואַטענעם אויסגעשטעפּטן שפּענצער, וואָס ער טראָגט אין זומער און וואָס

פון אלע לעכער שפארט די וואטע ארויס, האט באלעבאטיש זיך ארומגעדרייט אין דער שטוב, וואס ווערט הפקר נאך א טויטן ווען מען נעמט אים ארויס. ער האט אומעטום אנגעלאזט געדיכטן רויך פון לעצטן שטיקל צונויפגעדרייטן מאכארקע-פאפיראס, וואס ער האט דערדויכערט איידער עס ווערט שבת. כאטש דאס פייער פון פאפיראס האט שיער נישט אנגעצונדן זיינע אונטערגעברענטע וואנסן פון פיל רויכערן, איז אים נאך אלץ א שאד געווען אויסצו-שפייען דאס שטיקל פאפיראס, כדי אנצוציען זיך מיט רויך אויף גאנץ שבת ארויס. ערשט ווען עס האט שוין געבריט די גראבע ליפן זיינע, האט ער עס מיט א קרעכצעלע ארויסגעווארפן.

— געגוג, מאטעס, — האט ער זיך געבייזערט — ס׳גייט צו שבת, און מ׳טאר קיין שבעה נישט זיצן. צינד אן ליכט און קום אין שול אריין. ס׳איז שבת.

מאטעס האט געוואשן די הענט און אנגעצונדן די צוויי ליכט-לעך אין די קליינע לייכטערלעך, אין וועלכע שרה האט אזויפיל יארן ליכט געצונדן. דאס מענערישע ליכט-צינדן האט נאך גרעסער גע-מאכט די אבלות אין שטוב. דערנאך האט ער אנגעטריפט א דריט ליכטל אין א פלעשל, א פלעמל פאר שרהס נשמה. ער האט אנגע-טאן די שבתדיקע קאפאטע, כאטש ער איז געווען אן אבל, צוליב דעם כבוד פון הייליקן טאג, און ער האט גענומען נחמנען אויף די הענט און אים אוועקגעטראגן אין שול אריין.

דאס מאל האבן די לער-אינגלעך נישט געלאכט פון מאטעסן, ווען ער האט הויך געדאוונט און געשאקלט זיך. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט רחמנות.

— ברוך הוא וברוך שמו אמן — האט ער גערופן, אראפ-בויגנדיק זיך ביז דער העלפט צו זיין קינד, כדי עס זאל נאכזאגן אמן נאכן חזנס ברכות.

ווען ס׳איז געקומען צום קדיש-זאגן, האט מאטעס אוועקגע-טראגן נחמנען צום בעלעמער, אוועקגעשטעלט אים אויף דער באנק, אלע זאלן אים זען, און מיט אים געזאגט קדיש אויפן קול, ווארט ביי ווארט.

נחמן האט נאכגעזאגט די שווערע ווערטער און געקוקט מיט

גרויסע שווארצע אויגן אויף די אינגלעך און אויף די גרויסע אידן, וואָס אלע באטראכטן זיי אים און זאָגן נאָך אמן נאָך זיינע ווער-טער. א מורא צוזאמען מיט א געהויבנקייט, אפילו מיט א שמחה, האָבן אים ארומגענומען.

אליין דער רב האָט אים א קניפּ געטאָן אין בעקל.

## קאַפּיטל פינף

די דרייצן יעריקע שיינדל האָט אָנגעטאָן דער מאמעס פאר-טוך, וואס איז געווען אויף איר צו לאנג, און אנשטאָט איר מוטער געפירט די איבערגעבליבענע שטוב.

באלד אין דער פרי, מיטן קרייען פון די הענער אין דרויסן, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער מאמעס בעט, וואס זי האָט פאר-נומען, ארויסגעקראָכן פון די שלאָפנדע שוועסטערלעך און גענומען זיך צום פארדויכערטן אויוון, וואס איז פול געווען מיט שווארצע טעפּ און מיט פּריסן. זי האָט אויפגעבלאָזן א פייער פון די שפּענד-לעך, וואס זי האָט אָנגעקליבן פאר דער טיר, אָפּגעקאָכט א טאָפּ צי-קאָריע, אָנגעשניטן מוציאס ברויט פאר די קינדער און אויפגע-וועקט זיי פון שלאָף.

צום שפּעטסטן פון אלע, ווי איר מאמע פלעגט זיך פירן, האָט זי אויפגעוועקט נחמנען, דעם איינציקן מיוחס אין שטוב צווישן בלויז מיידלעך. זי האָט אים אָנגעטאָן די צעריסענע הייזלעך, דאָס ציצה-כנפותל, אָפּגעגאָסן אים נעגל-וואסער און, מיטגעבנדיק אים א שטיקל ברויט, האָט זי אים געשיקט אין דער תלמוד-תורה אריין. דערנאָך האָט זי גענומען א בעזים און אויסגעקערט די ליימיקע פּאָד-לאָגע אין שטוב. צוליב דעם וואס זי האָט געפירט די שטוב, האָט זי שוין אויך אויפגעהערט גיין באָרוועס און אָנגעטאָן דער מאמעס פארבליבענע שיך. זי האָט ארויסגענומען פון פארפוילטן שטרוי אין בעט די עטלעכע קופּערנע מטבעות, וואס דער פאָטער האָט איר איבערגעלאָזט אויף דער הוצאה מאָנטיק פארטאָג, ווען ער איז

ארוים אין די דערפער האנדלען, און גערונגען זיך אין מארק ביים איינקויפן פונקט ווי אלע ווייבער.

— א פאלנער מענטש, א ברכה אויף איר קאפ — האבן די ווייבער אין מארק זי געלויבט.

א רויטקייט האט באגאסן איר פנים דורך דער טונקעלער הויט פון די שבחים, וואס מען האט איר געגעבן. אירע שווארצע ברע-נענדיקע אויגן האבן אראפגעקוקט צו דער ערד, צו די שפיצן פון דער מאמעס צו-גרויסע שיך.

ווי איר מוטער, האט זי פרייטיק באגעגענט איר פאטער, ווען ער איז צוריקגעקומען פון די דערפער. זי האט אראפגענומען דעם זאק פון זיינע געבויגענע פלייצעס, דערלאנגט אים אן אויסגעלא-טעט העמד אין באד אריין, דערנאך האט זי געבענשט די צוויי ליכט אין די קליינע לייכטערלעך. קיין ברכה איבער די ליכט האט זי נישט געקענט מאכן, קיינער האט זי נישט געלערנט, אבער מיט די הענט ארום די ליכט האט זי געמאכט דריי מאל, ווי זי האט עס געזען טאן איר מאמען.

מער פון אלע קינדער אין שטוב איז זי ארומגעגאנגען ארום נחמנען. ער האט יעדן טאג געזאגט קדיש אין שול נאך דער מאמען, אין דער פרי און צו מנחה און מעריב. אויך האט ער געלערנט חומש, און זי האט אים דערפאר שטארק אפגעהיט. זי האט אים יעדן פרייטיק געצוואגן דאס קעפל, כאטש ער האט געוויינט און געגראטשעט מיט די נעגל אירע הענט. זי האט אים געשיקט מיט א קליין שוועסטערל א שיסעלע ווארעמס אין חדר אריין און זי האט אויך ארויסגעהאנגען צו טריקענען יעדן אין דער פרי דאס צע-ריסענע ליילעך, וואס ער האט נאס געמאכט ביינאכט, כאטש ער איז שוין געווען א חומש-אינגל.

דעם איינציקן טאג אין וואך, וואס זי האט גערוט, איז געווען שבת. נאכן עסן, ווען דער פאטער האט אראפגעצויגן די שטיוול פון די פיס און אין די הויזן און אין טלית-קטן זיך אריינגעלייגט אין בעט אריין שלאפן, האט זי אנגעטאן זיך אין דער מוטערס שבתדיק קלייד, וואס איז אויף איר צו-לאנג געווען, די צו-לויזע בלוזע, און זיך אוועקגעזעצט אויף דער שוועל פאר דער טיר מיט

אונטערגעשפּאַרטע אויסגעאַרבעטע הענט אונטער די מאַטע באַקן. גיין אַרוים אין מאַרק האָט זי זיך געשעמט אין די מאַמעשע קליי-דער און שיך, איז זי געזעסן פאַר דער שוועל און אויסגערוט די ביינער נאָך אַ וואָך שווערער האָרעוואַניע. לאה די מאַרק-זיצערקע, אַנדערע ווייבער, שכנטעס, זענען צוגעקומען צו איר שוועל, גע-לייענט. וואָרט ביי וואָרט דאָס טייטש-חומש מיט אַ ניגון, דערנאָך אַריבערגעגאַנגען צו וואָכעדיקע רייד, גערעדט וועגן יקרות אויף עסנוואַרג, וועגן קינדער-קראַנקהייטן, וועגן אַלערליי אַנדערע ווייבערישע צרות אין אָרימע שטובן. שיינדל האָט גערעדט צוגלייך מיט זיי, מיטן אייגענעם טרויעריקן ניגון. אפילו די הענט האָט זי געבראָכן ווי אַ דערוואַקסענע.

— וואָס טוט מען זיך אַן עצה מיטן קינד? — האָט זי גע-פרעגט ביי די ווייבער — אַזאַ אינגל, קיין עין-הרע, און נעצט ס׳בעטגעוואַנד.

ווי פאַר אַ דערוואַקסענער פּאַסט, האָט זי נישט אָנגערופן מיטן פּשוטן וואָרט דעם קינדס פעלער.

ווייבער האָבן איר געהייסן אָפּקאָכן קרייטעכצער, בלעטלעך. אַנדערע האָבן איר געעצהט, זי זאָל דעם אינגל לאָזן אָפּשפּרעכן אַ בייז אויג, און נאָך אַנדערע האָבן איר געהייסן גיין מיטן קינד צו דעם רופא.

— זלמן הערש וועט דיר נישט רעכענען — האָבן זיי געזאָגט.— ער ווייסט, אַ יתום נעבעך.

— כ׳על מוזן צו אים אַריבערגיין מיטן קינד — האָט שיינדל געמורמלט אַ פאַרזאָרגטע, — אפשר וועט ער זיין דער גוטער שליח.

נאָך סוכות, ווען רעגנס האָבן אָנגעהויבן גיסן, ווינטן האָבן געפייפט אין קוימען און עס איז אוממעגלעך געווען פאַר מאַטעסן אַרויסצוגיין מיטן זאַק איבער די דערפער, איז שמואל מאיר דער שכן, דער שמש פון הקדש, ווידער געקומען צו מאַטעסן אין הויז, ווי ביי שבעה, און פאַרעיפושט די שטוב מיט דעם ביטערן רויך פון זיינע געוויקלטע מאַכאָרקע-פּאַפּיראָסן.

— ס׳איז נישט קיין תכלית אַזוי צו זיצן, מאַטעס — האָט דער איד אין שפּענצער אין אים אַריינגערעדט, באַלויכטנדיק מיטן לעצטן

שטיקל פּאַפּיראָס זיינע גראָבע ליפּן — פּאָלג מיך און קום מיט מיר צו צום ווייבל. זי איז איין בריה אין דער וועלט און עטלעכע גולדן האָט זי אויך אָפּגעשפּאָרט פון דינען אין באַלעבאַטישע הייזער. פּאָלג מיך, מאַטעס, צי ארויף די שטיוול אויף די פיס און קום.

מאַטעס האָט אויסגעצויגן א האָזן פעלעכל אין ביידע הענט און ניט געוואָלט אָנטאָן די שטיוול.

— כ׳קען נישט, — האָט ער געמורמלט, קוקנדיק מיט די גרויסע שווארצע אויגן אין די האָזענע אויערן אריין.

דער איד איז אוועקגעגאנגען, אבער צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען און אריינגערעדט אין מאַטעסן.

— ביזט א גזלן אויף זיך אליין און אויף די קינדער — האָט ער אים געמוסרט, אָנפּיפּקענדיק וואָלקנס רויך אין די אויגן, — דערצו ביזטו ניט קיין אלטער איד... א איד טאָר נישט אזוי...

אין איינעם אין אָוונט האָט מאַטעס געלאָזט זיך איבעררעדן און ארויפגעצויגן די שטיוול אויף די פיס. שמואל מאיר האָט גע-נומען א לאַמטערן אין האנט און מאַטעסן ארויסגעפירט צום זאמד, הינטערן שטאָט, וואו די קאָזאַקן האָבן זייערע קאַזארמעס און פערד-שטאַלן. דער הערבסטיקער ווינט האָט געבלאָזן און געריסן די אידנס בערד. ביי דער שוועל פון א קליין הייזעלע מיט נידע-ריקע גויאישע פיר שייבעלעך אין פענסטערל, האָט מאַטעס חרטה געקריגן.

— כ׳וועל ניט אריינגיין, — האָט ער געזאָגט — כ׳וויל גיין אהיים.

שמואל מאיר האָט אים אָנגענומען ביי דער האנט, ווי א אינגל אַן עקשן, און אים מיט כוח אריינגעפירט.

— מאַטעס, יעך היים דיך גיין — האָט ער געזאָגט פעסט.

מאַטעס האָט זיך געלאָזט פירן און אריין אין א פעדער-הייזל, וואָס איז פול געווען מיט קאָטשערעס, בעזימס, שעפלעך און מול-טערס. אין אויסגעקאַלכטן שטיבל, וואו די בייכיקע ווענט זענען געווען באהאנגען מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַפיעס פון זעלנער און דאָס הענגענדיקע נאַפט-לעמפּל איז געווען באַפּוצט מיט פּאַפּי-רענע בלומען ארום דעם דראָט, איז געזעסן אויף א שלאָף-באַנק אַן

אַלטער מאַן און פֿון דאַרע ריטלעך געפֿלאָכטן בעזעמער. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די אַריינקומענדיקע און ווייטער געבונדן די ריטלעך.

— ר׳ יונה, — האָט שמואל מאיר אים אַריינגעשריגן אין אויער — וואו איז אייער חוה?

— זי מאַטלט מיט די ווייבער — האָט דער אַלטער געזאָגט — קיין רגע אין שטוב זיצט זי נישט איין.

שמואל מאיר האָט מורא געהאַט, אַז דער פֿאָטער מאַכט קאַליע די מערכה און ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אויפֿן אַלטן.

— עובר בטל, דער אַלטער תרח — האָט ער געזאָגט אויפֿן קול און אַרויס פֿאַר דער טיר, אויסצוגעפֿינען חוהן.

באַלד איז ער אַריינגעקומען מיט אַ קורצער געפּאַקטער איִדענע, וואָס די ברוסטן אירע און היפֿטן רייסן זיך דורך די קליידער. איר פּנים איז געווען רויט ווי אַ רויטער צוגעפּרוּוירענער עפּל. מאַטעס האָט אויף איר אויסגעשטעלט די גרויסע שוואַרצע אויגן, אָבער ער האָט נישט געקענט דערגיין ווי אַלט זי זעט אויס. זי האָט געקאָנט זיין דרייסיק יאָר אַזוי גוט ווי עטלעכע און פֿערציק. פּונקט אַזוי האָט ער ניט געקענט דערגיין, צי זי איז געשטופּלט צי גלאַט אויפֿן פּנים. אַ ווײַלע האָט עס אויסגעזען אין דעם טונקעלן שיין פֿון נאַפֿט-לעמפּל, אַז אירע באַקן זענען פֿול מיט פֿלאַכע שטופּלען, ווי אַן אויסגעריבן ריב-אייזן; באַלד האָט זיך געדאַכט, אַז די שטופּלען זענען פֿאַרשוואונדן. דאָס רויטקייט האָט אַלץ פֿאַרדעקט. אַליין ניט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, איז אים געקומען אין זינען זיין שרה, עליה השלום, די בלאַסע און אויסגעדאַרטע. ער האָט אַ זיפֿץ געגעבן, כאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט. די רויט-באַקיקע פֿרוי האָט געלאַכט מיט גרויסע פֿערדישע ציין.

— כ׳האָב מיך פֿאַרמאַטלט מיט די ווייבער פֿאַר דער טיר — האָט זי געזאָגט און צוגעגאַנגען צום פֿאָטער צו דער באַנק.

— טאַטע, — האָט זי אים אַריינגעשריגן אין אויער — לייג אַוועק די ריטלעך, מענטשן זענען דאָ.

— מענטשן? — האָט דער אַלטער איבערגעפֿרעגט מיט אַ פֿאַרדומפּן אַלט קויל, — זאָלן זיי זיין.

ער האָט נישט ארויסגענומען די אויגן פון דער ארבעט. ער האָט רואיק ווייטער געשניצט די ריטלעך, צוזאמענגעלייגט זיי איינס צום אַנדערן און ארומגעבונדן. די טאָכטער האָט געוואונקען אויף אים מיט א קליין אויגל פון פלײשיקן פּנים ארויס.

— אינגאנצן ווי א קינד אויף דער עלטער — האָט זי געזאָגט — אָבער אז ער וועט דערזען די „מאַמקע" וועט ער שוין צוקומען.

די „מאַמקע" איז געווען א פלעשל בראָנפן, וואס זי האָט אוועק־געשטעלט אויפן טיש צוזאמען מיט עטלעכע פארביקע גלעזעלעך, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן „כשר לפּסח", א סימן, אז זיי זענען אמאָל געווען כוסהלעך. צום פארבייסן האָט זי דערלאַנגט א געפּארבטן טעלער מיט קאַלטע לאַטקעס, וואָס זענען געשטאַנען גרייט פאר די, וואס דארפן קומען. ווי נאָר דאָס פלעשל איז גע־שטאַנען אויפן טיש, האָט דער טויבער גלייך דערפילט דעם ריח און ער האָט אָפּגעשאָקלט די פארלאַטעטע קניען פון די אָנגעשניצטע ריטלעך.

— קאַלט אין דיביינער — האָט ער געברומט און אויפגע־שטאָפּט דעם קאָרק פון פלעשל.

נאָכן ערשטן גלעזל איז ער געוואָרן בארעדעווודיק.

— מיינסט, איך האָב אלע מאָל געמאכט בעזעמער — האָט ער געערעדט צו מאטעסן. — ניין, ברודערל. איך בין א קוימענקע־רער געווען אין לובלין, דער איינציקער איד אין שטאָט, וואָס האָט געמעגט זיין א קוימענקערער, ווייל איך האב דעם קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטן פינף און צוואנציק יאָר געדינט, אין דער טערקישער מלחמה געווען...

די רויט־באַקיקע טאָכטער זיינע איז געזעסן ביים ברעג טיש, געקייט מיט פערדישע ציין די לאַטקעס און געוויזן מיט א פינגער ביים שטערן, אז דער פאָטער איז עובר־בטל.

— ס׳הויבט זיך שוין אָן, — האָט זי געזאָגט אויפן קול — ס׳וועט באלד זען...

דער אלטער האָט אָנגעגאָסן נאָך א גלעזעלע און גענומען קלאפּן מיט דער אלטער האנט אין טיש.

— אין סעוואסטאָפּאָלער קריג געווען, ווי איר זעט מיך א

אידן — די טערקן פעפער געגעבן צו שמעקן. און דעם צאר אליין געזען אויפן פאראד. יעי באגו...

ער האט זיך אויפגעהויבן פון ארט, אויסגעגלייכט זיינע אראפ־געלאזענע פארלאטעטע קניען, גענומען א בעזים אין האנט ווי א ביקס, דאס היטל אויסגעדרייט מיטן דאשעק פון הינטן, עס זאל אויסזען ווי א זעלנעריש היטל, און אויסגעצויגן זיך ווי א סטרונע, מיטן הארץ ארויסגעשטעלט.

— זדראוו זשעלאיעס, וואש ראוו לאוו, גא ווא... — האט ער געדונערט מיט באנייטע כוחות און געקוקט אויף די מענטשן מיט שטרענגע זיגערישע אויגן. — אזוי, ברידערלעך, איז מען געשטאנען פארן קייזער...

מאטעס איז געזעסן אן אומרואיקער אין דער פרעמדער שטוב. ער איז געווען באזארגט סיי צוליב דעם אלטן, וואס קיינמאל האט ער נאך אזא איד נישט באגעגנט, סיי צוליב דער טאכטער זיינער, דער רויטער אידענע, וואס מען ווייסט נישט ווער זי איז, פון וואנען זי איז, וואס זי איז און וואס זי וואוינט ערשט א קורצע צייט אין שטאט, ווייט פון אלע אידן, אזש אויף די זאמדן ביי די קאזאקישע קאזארמעס. צוליבן טיכל אויפן קאפ, וואס זי האט געטראגן ביז אין די אויגן אריין, האט מען נישט געקענט דערגיין צי זי איז א ווייבל, צי אפשר גאר א פארזעסענע מויד.

— עסט נאך א לאטקע — האט זי געמונטערט מאטעסן — ס'איז מיט רויזנאייל געפרעגלט.

— נישקשה, — האט מאטעס געענטפערט, נישט וויסנדיק וואס צו רעדן און פלאמנדיק פון בושה, נישט ווי ער וואלט געווען א טאטע פון קינדער, נאר א חתן־בחורל, וואס מען פירט אים דאס ערשטע מאל צונויף מיט א מיידל.

וואס מער ער האט געוואלט פארגעסן, אלץ מער איז אים גע־קומען אויפן זכרון זיין שרה, א בלאסע, אן אויסגעמוטשעטע, וואס האט נאך בלאסער אויסגעזען אין פארגלייך מיט דער רויטער אנ־געשטאפטער אידענע ביים טיש, וועלכע פלאצט שיער נישט ארויס פון אירע קליידער. אבער צוזאמען דערמיט האט אים געצויגן די ווייבערשע רויטקייט און פעטקייט. עס האט געגליט זיין מאנס־

בילשן באַגער נאָך דער פריערדיקער פאַרוועלקטקייט און מרה-שחורה. אפילו די שטופּלען אירע, וואָס ער האָט שוין איצט געזען, האָבן געוועקט לוסט, ווי זיי וואָלטן צוגעוואונקען. ער האָט גע-טרונקען יעדעס מאָל וואָס שמואל מאיר האָט אים אָנגעגאָסן א גלעזעלע.

— לחיים, לחיים, — האָט ער געמורמלט און אויפגעהייטער-טער און אביסל א פאַרשנאַשקעטער, נישט געוואוינט קיינמאָל צו טרינקען.

זיכער זייענדיק ביי זיך, אז ער פאַלט אריין, אז די אידענע איז נישט פאַר אים, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געהאַט קיין מוט אויפצוהויבן זיך פון אָרט און אוועקגיין. אליין נישט וויסנדיק ווי אזוי, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צום אלטן טויבן מאַן, א וואָרט געגעבן צו נעמען זיין טאָכטער פאַר א ווייב.

— זאָלסט זי האַלטן אין די הענט, ברודער — האָט דער אַל-טער אים געוואָרנט — א נקבה דאַרף מען האַלטן אין דער מורא, א נישט בייסט זי, ווי א צויג.

די טאָכטער האָט אים אוועקגעפירט צו דער שלאָף-באַנק.

— גיי שלאָפן, אלטער נאַר — האָט זי אים געשריגן אין די אויערן — ווייסט נישט וואָס דו רעדסט.

אין א וואָך ארום, אין א פינסטערן אָוונט, האָט מאַטעס אָנ-געטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט געהאַט נאָך פון חתן-ווייז, א גרינע און אויסגעוואַקסענע, מיט לאַטעס אין די עלנבויגנס. ער האָט אויסגעשמירט די שטיוול מיט טראָן, ווי אין ערב-שבת, און מיט זיין שכן און שדכן אוועק צו די זאַמדן אויף זיין חתונה.

אין אויפגערוימטן שטיבל זענען געווען נאָך אכט אידן, צו א מנין. שמואל מאיר דער שמש פון הקדש האָט אראָפּגענומען דאָס טישטוך פון טיש, צוגעבונדן די פיר שפּיצן צו פיר קאָטשערעס און געמאַכט א חופּה. דער אלטער יונה האָט געהאַלטן א ליכטל אין זיין ציטערדיקער האַנט און אלעמען באַטריפט מיטן שמעלצנדיקן חלב. מאַטעס האָט א פאַרשעמטער אָנגעטאָן א רינגל אויף דער אידענעס קורצן פעטן פינגער און מיט דער אויסגעריבענער זויל פון שטיוול

צעבראָכן א צעשפּאָלטן גלאָז, וואס די כלה זיינע האָט ספּעציעל אויסגעזוכט, כדי ניט קאַליע צו מאכן א גאנצע כלי.

— מזל־טוב, מזל־טוב, — האָבן די אידן געוואונטשן און אויסגעהונגערטע געגומען זיך צו די גלעזלעך בראנפן און צו דער וועטשערע, וואס די כלה האָט דערלאנגט, א וואָכעדיקע וועטשערע פון אָנגערייבטע קאַרטאָפל מיט באָרשט. נאָך דעם ווי אלע זענען אוועק, האָט די כלה אויסגעבעט דעם פאָטער אויף דער ערד אין א ווינקל שטוב און אים צוגעדעקט מיט אן אלטן אויסגעקראָכענעם גוויאישן רויטן פעלץ.

— שלאָף! — האָט זי אָנגעשריגן אויף איהם ווי אויף א קינד.

די שמאָלע שלאָף־באנק האָט זי אויסגעבעט פאַרן חופה־בעט. דערנאָך האָט זי אויסגעטאָן זיך פון יום־טובדיקן געלן קלייד, פול מיט פישביינער, וואס איז נישט אויף איר מאָס געווען געמאכט און וואָס האָט געשאָרכט אין אלע נעט פון ענגשאפט. אָן א ברעקל בושה האָט זי אויפגעהויבן דאָס קלייד איבערן קאָפּ און געבליבן אין א פּאָר ברייטע מייטקעס מיט שפּיצן, פון וועלכע גראָבע קורצע פיס אין רויטע זאָקן האָבן ארויסגעקוקט. מיט א געזונטן בלאָז האָט זי פאַרלאָשן דאָס נאפט־לעמפּל.

מאָטעס האָט א פאַרשעמטער געזאָגט קריאת־שמע און מיט פאָרזיכטיקע באָרוועסע טריט געשאַרט זיך צו דער אומבאַקאַנטער שלאָף־באנק, וואס האָט געקרעכצט פון דער משא אין איר.

— שטילער... דער טאַטע — האָט ער געשעפּטשעט צו דער סאַפּנדיקער פליישיקייט און היץ.

— ר׳איז טויב ווי די וואנט, דער אַלטער — האָט דאָס ווייבערישע קול לאַכנדיק געענטפערט.

מאָטעס האָט מיט אמאָל פאַרגעסן אין אלע צרות פון זיין לעבן אין דער ווייכקייט און וואַרימקייט, וואָס האָט אים ארומגענומען. די כלה זיינע האָט געלאכט פאַרשייט און ווילד.

— ווי אויסגעדאַרט דו ביזט, א זאק ביינער — האָט זי גערעדט הויך אויפן גאנצן קול — מיין ערשטער, עליו־השלום, איז געווען א פעטער מאַנספּערשוין...

פון ווינקל־שטוב האָט דער אַלטער געהוסט. פאַרגאַנגען זיך אין שטיקעניש.

## קאַפּיטל זעקס

מיט לאַנגזאַמע, בּושהדיקע טריט איז מאַטעס אַהיימגעגאַנגען צומאָרגנס צו זיין שטיבל אין הקדש־געסל מיט זיין קורץ געפּאַקט ווייב. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ געזונקען צו דער ערד, נישט ווי ער וואָלט געגאַנגען צוריק פון א חתונה, נאָר ווי פון א לויה נאָך א נאָענטן.

ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר די קינדער. וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו דעם שטיבל, אַלץ פאַרלאַנגזאַמערט האָט ער זיינע טריט.

— וואָס זוכסטו ? — האָט חוה אים געפרעגט — די נאָז איז דיר אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד ? נעם פון מיר צו דאָס פּעקל, ס'איז מיר שווער צו טראָגן.

מאַטעס האָט צוגענומען ביי איר דאָס פּעקל מיט בעטגעוואַנט און קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן, איינגעבונדן אין א טישטוך, צו זיין שטוב. האַרט ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער קעשענע פון דער שבתדיקער קאַפּאָטע און אַרויסגענומען דריי בייגל, וואָס ער האָט געקויפט אויפן וועג די קינדער א מתנה, אַזוי אַז אויף יעדן זאָל אויספאַלן א האַל־בער בייגל. דערמיט האָט ער געוואָלט איינגעמען זיי דערפאַר וואָס ער האָט זיי א נייע מאַמע געבּרענגט צו פירן.

— קינדער, בייגל ! — האָט ער אויסגערופן, ווי נאָר ער האָט די טיר געעפנט, כדי מיט דער מתנה צו פאַרשטאָפּן די קינדערשע מיילער.

די קינדער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די גוטע זאַכן, וואָס קיינמאָל אין זייער לעבן האָבן זיי נאָך אַזעלכע נישט געגעסן. שיינדל, אין דער מאַמעס קלייד, האָט גענומען דעם האַלבן בייגל, וואָס דער פאָטער האָט איר דערלאַנגט, און אים אַוועקגעוואָרפן

אויף דער לײמענער פּאָדלאָגע, צופֿוסנס דער רויט-באַקיקער פּרעמ-דער אידענע.

— כ׳דאַרף נישט קיין בײגל — האָט זי געברומט.

מאַטעס האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד און אויפֿגע-הויבן דעם האַלבע בײגל מיט אַזאַ פֿרומקייט ווי מ׳הויבט אויף אַ חומש, וואָס פֿאַלט אַראָפּ אויף דער ערד.

— שיינדל, — האָט ער געזאָגט — גאָטס מתּנה וואַרפֿסטו אויף דער ערד! — מ׳מעג?

שיינדל האָט אָנגעשטעלט די שוואַרצע אויגן, פֿול מיט פֿייער, צום ערשט אויפֿן פֿאָטער, באַלד אויף דער פּרעמדער, און אויס-געשאָסן אין אַ געוויין.

— אַז די מאַמע קייט ערד, דאַרף איך נישט קייען קיין בײגל — האָט זי געשריען.

מאַטעס האָט מיט נערוועזע פֿינגער געטאַפּט ביי די קנעפּלעך פֿון זיין שבתדיקער קאַפּאָטע, די קנעפּלעך פֿון פֿאַרשידענער גרויס און קאָליר, און דעם קאָפּ צו דער לײמענער פּאָדלאָגע אַראָפּגעלאָזט. חוה, אין אַ פּליושענעם אַלטמאָדישן זשאַקעט מיט פּופֿן-אַרבל און מיט אַ סך פֿאַטשערקעס און אויסנייעכץ, ווי מען גייט אין אַזעלכע אין ווייבער-שול אין שבת, האָט געלאָזן זיך צוגעקוקט צו דער סצע-נע צווישן פֿאָטער און טאָכטער און געלאַכט מיט אַלע גרויסע פֿער-דישע ציין.

— ס׳הויבט זיך שוין אָן — האָט זי געזאָגט מיט הנאה, ווי דעמאָלט ביי זיך אין הויז, ווען דער פֿאָטער אירער האָט אָנגעהויבן דערציילן פֿון דער טערקישער מלחמה.

מאַטעס האָט אויסגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און געמורמלט אַ צעטראָגענער.

— חוה — האָט ער געזאָגט — טו אויס ס׳מלבוש.

חוה איז געבליבן אין אויסגעצירטן זשאַקעט און מיט אַן אויס-געשטרעקטן דיקן פֿינגער געציילט די קינדער אין שטוב.

— איינס, צוויי, דריי, פֿיר, פֿינף . . .

אַז זי האָט אָנגעשטעלט דעם פֿינגער אויף שיינדלען, האָט

שיינדל מער נישט געקענט אויסהאלטן און זי איז ארויסגעלאָפן פון שטוב.

— שיינדל, וואו לויפסטו? — האָט דער פאָטער זי פאַר־האַלטן ביי דער טיר.

— כ׳וויל דאָ נישט זיין מיט איר — האָט שיינדל געשריגן — כ׳גיי מיר זוכן א שטעלע.

אין דער מאַמעס צו־לאנג קלייד און גרויסע שיך, מיט א צע־ריסן טיכל אויפן שווארצן קאָפּ, איז זי ארויס פון שטוב. חוה האָט אויסגעטאָן דעם זשאַקעט און אים פאַרזיכטיק אויפגעהאנגען אין א ווינקל אויף א טשוואָק. דערנאָך האָט זי אָפּגעבונדן דאָס קלייד אַלעמען אין די אויגן און געבליבן אין א קורץ בלוי אונטער־קליידל מיט רויטע לאַמעוועקעס ארום די אויסגעשניטענע ציין ביים ברעג.

— מיידעלע, ווי הייסטו? — האָט זי געפרעגט ביי דער גרעס־טער פון די געבליבענע קינדער.

— רייזעלע. — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט.

— בינד מיר צו, רייזל, די בענדלעך פון הינטן — האָט די אידענע באַפוילן — שטייף בינד...

דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן א פארטוך און גענומען באַטראַכטן די שטוב. געוואוינט געווען יאָרן לאנג צו דינען אין פרעמדע באַ־לעבאַטישע הייזער, האָט זי געדרייט מיט דער נאָז אויף אלץ, וואס איז אין שטוב געווען.

— שיינע טעפּ, — האָט זי געברומט, אריינרוקנדיק דאָס רויטע פּנים אין אויוון אריין — און דאָס ביסל ווערים!

זי האָט פלינק ארייגעשטעקט די האנט אין בעט, ארויסגעריסן א האנט שטרוי, צונויפגעדרייט א „וויעכעטש״ און גענומען רייבן די שווארצע אייזערנע טעפּ מיט גרוים ברען.

— וואסער ברענגטס פון ברונים — האָט זי באַפוילן די קינ־דער — די מומע דאַרף וואסער.

דאָס האָט זי זיך אַליין גערופן מומע כדי צו וויסן צו געבן, אז די קינדער זאָלן זי אזוי רופן. איר קול איז געווען אזוי פעסט און אנטשלאָסן, אז די מיידעלעך האָבן גלייך מורא געקראָגן פאר איר און גענומען דעם עמער צום ברונים. זי האָט געריבן, געוואַשן,

געשייערט מיט אן אויסטערלישער גיכקייט און טאַראַראַם. אַלץ האָט געציטערט אונטער אירע דיקע פאַרקאַשערטע הענט.

— וואַסער, נאָך וואַסער! — האָט זי כסדר געפאָדערט ביי די קינדער. — און פּאַמעשאַפּס אַרויסגעטראָגן, גיכער!

מאַטעס האָט אויפגעהערט פּאָרען זיך ביי זיין זאַק און אַליין געוואָלט אַרויסטראָגן אַ פּאַמעשאַף, אָבער חוה האָט אים ניט געלאָזט.

— זיץ ביי דיין זאַק — האָט זי באַפוילן — ס'וועט זיי נישט אָפּקומען, אַז זיי וועלן טאָן עפּעס.

פאַרנאַכט איז שיינדל צוריקגעקומען, אָבער זי איז נישט אַריין אין שטוב. זי האָט ניט געוואָלט זען די פרעמדע אידענע. דורך דעם אויסגעבראָכענעם שייבל האָט זי אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

— טאַטע, כ'האָב אַ שטעלע ביי ר' דאדי לובלינער. קום אָפּמאַכן אַ וואָרט.

מאַטעס איז אַ שווייגנדיקער מיטגעגאַנגען מיט זיין טאָכטער איבער דעם טריבן פאַררעגנדיקן מאַרק ביז צו דאדי לובלינערס מויער. ער האָט לאַנג אָפּגעריבן די פאַרבלאָטיקטע שטיוול אין בעזים, וואָס איז געשטאַנען אין פעדערהויז, און אַריינגעגאַנגען אין קיך, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט אַ סך קופּערנע פאַנען און טעפּ.

— גוטן אָוונט אייך, ר' דאדים ווייב — האָט ער אונטערטעניק באַגריסט די באַלעבאָסטע, אַ דאַר קרענקלעך געל ווייבל אין אַ שוואַרץ שייטל.

דאָס ווייבל האָט אים געהייסן זיצן, אבער מאַטעס האָט זיך נישט פאַרגונען אוועקצוזעצן אויף דער אויסגעשאַיערטער זיץ-באַנק פון דער נגידישער שטוב.

— נישקשה — האָט ער געזאָגט מיט דרך-ארץ און ווייטער געשטאַנען.

דאָס ווייבל האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און שפּיציק געשמייכלט.

— ס'קומט אייך אַ מזל-טוב, האָב איך געהערט — האָט זי גיפטיק געזאָגט.

מאַטעס האָט געשוויגן. דאָס ווייבל האָט נאָך שפּיציקער גע־רעדט.

— איר וואָלט כאָטש אויסגעוואַרט דאָס יאָר — האָט זי גע־שטראָפט אים — אוי, מאַנסבילן! ס׳ווייב קילט נאָך די ערד און מ׳לויפט שוין צו דער חופה.

זי האָט א בליק געטאָן אין דער אָפענער טיר פון שטוב, וואו איר מאַן איז דאָרט געזעסן, און זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, טראַכטנדיק מיט שרעק, אַז, חלילה, ס׳זאָל נישט געשען, גאָט באַ־היט, וועט ער אויך אַזוי טאָן — אפילו ס׳יאָר נישט אויסוואַרטן. די גאַנצע פאַרביטערונג פון ווייבערישן מין קעגן מענערישן האָט אַרויסגערעדט פון איר. מאַטעס האָט געקוקט אויף די שטיוול זיינע, וואָס כאָטש ער האָט זיי אַזויפיל געריבן אין בעזים, האָבן זיי גע־מאַכט בלאָטיקע סמנים אויף דער אויסגעוואַשענער פּאָדלאָגע. פון אַלע לעכער זייערע זענען ריטשקעלעך גערונען. דאָס ווייבל האָט אויפגעהערט מוסרן און גענומען רעדן וועגן תכלית־זאַכן.

— ווי אַלט איז זי, אייער מיידלטשינע? — האָט זי געפרעגט אויפסניי, כאָטש זי האָט עס שוין פריער עטלעכע מאָל געפרעגט ביי שיינדלען אַליין און געהערט אַן ענטפער.

— שבעה עשר בתמוז, מ׳זאָל עס דערלעבן, ווערט זי פערצן יאָר.

דאָס ווייבל האָט זיך פאַרקרומט ווי פון א ביטערן צאָן־ווייטיק.

— איר זעט אָט דאָס קופער אויף די ווענט, — האָט זי גע־וויזן — דאָס דאַרף מען יעדן טאָג פּוצן. די פּאָדלאָגעס דאַרף מען וואַשן. אויך דאָס פעטל פון וואַסער דאַרף מען רייבן יעדן טאָג. די רייפן זאָלן גלאַנצן.

— כ׳וועל אַלץ טאָן, באַלעבאָסטע, — האָט שיינדל געזאָגט.

— ס׳קינד, זאָל געזונט זיין, דאַרף מען אַרומטראָגן אויף דער האַנט — האָט דאָס ווייבל ווייטער גערעדט. — ס׳איז קיין עין־הרע, אַ שווערס, עס רייסט די הענט אָפּ, קיין בייז אויג. ס׳האָט נאָר ליב, מען זאָל עס שאָקלען און זינגען.

— כ׳וועל עס זינגען, באַלעבאָסטע — האָט שיינדל געזאָגט.

דאָס ווייבל האָט געשפּילט זיך מיט די בייטשלעך קרעלן אויפן

האלז און דערמאָנט זיך צו פרעגן ביי מאַטעסן ווי ער הייסט.

— מאַטעס — האָט דער איד געזאָגט א געפּאַלענער, וואָס מ׳ווייסט ניט זיין נאָמען.

— הערט-זשע, ר׳ מאַטעס — האָט ס׳וויבל געפישטשעט — עסן וועט דעם מיידל נישט פעלן. זי וועט האָבן צו דער זאַט. אבער איך האָב פיינט, אז מ׳נאשט מיר פון די טעפּ. די ערגסטע זאך איז א נאַשער.

שיינדל איז רויט געוואָרן און זיך אינגאנצן איינגעהילט אין צעריסענעם טיכל, אזוי אז מ׳האָט בלויז איר שפּיץ נאָז ארויס-געזען. דאָס ווייבל האָט געצויגן די רייד.

— און קיין זאך טאָר נישט פעלן פון שטוב. איך האָב פיינט, אז מ׳טראָגט מיר ארויס.

מאַטעס האָט אויסגעשטעלט אזא פּאָר ברייט-געעפנטע שווארצע אויגן, אז דאָס קרענקלעכע ווייבל האָט זיך דערשראָקן.

— ר׳ דאדים ווייב — האָט ער געמורמלט מיט בושה — ווי פאַלט אייך איין? מיין קינד?

דאָס ווייבל האָט אים נישט געלאָזט אויסריידן.

— זי וועט קריגן ביי מיר עסן און שלאָפן — האָט זי געזאָגט, מיט א גדלות פון א בעל-טובהניצע — און צום זמן, אויף פּסח, וועל איך איר געבן פינף רובל.

מאַטעס האָט געוואָלט זאָגן, אז זי זאָל דערלייגן א רובל, ווי דער שטייגער איז פון מענטשן צו מאָנען מער וויפיל מען ביט אָן. אָבער ער האָט זיך געשעמט צו רעדן. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעוויזן אויפן מיידלס הילוך.

זי איז נעבעך קריעה בליעה — האָט ער געמורמלט — באָרוועס.

ס׳ווייבל איז ארויסגעגאנגען פון קיך אין שטוב אריין און צוריקגעקומען מיט א פּאָר אַלטע פאַרדאַרטע שיך.

— טו זיי אָן, מיידל — האָט זי באַפוילן.

שיינדל האָט מיט כוח ארויפגעשלעפּט אויף אירע באָרוועסע פיס די פאַרדאַרטע שיך, און פאַרביסן די ליפּן, זי זאָל נישט קרעכצן פון דער ענגשאַפט אין די פיס.

— פונקט אויף מיינע פיס — האָט זי געזאָגט א ליגן.

דערנאָך האָט דאָס ווייבל איר געגעבן אַן אַלטע בלוזקע און אַ פאַרטוך. מאַטעסעס שוואַרצע באָרד האָט געציטערט פון דאַנקבאַרקייט.

— זעסט, שיינדל, ווי גוט די באַלעבאָסטע איז צו דיר — האָט ער געזאָגט — דאַנק איר, גיב איר אַ קוש אין דער האַנט.

אנשטאַט נעמען דער באַלעבאָסטעס האַנט, ווי דער פאָטער האָט איר געזאָגט, האָט שיינדל גענומען זיך צום בעזים אין ווינקל, כאָטש די פּאָדלאָגע איז געווען ריין. די באַלעבאָסטע איז צוגעגאַנגען צו דעם אַלמער, אויפגעשלאָסן אים, אַרויסגענומען אַ ווייס ברויט און אָפּגעשניטן צוויי קיילעכדיקע מוציאס פאַר דעם מיידל און פאַר דעם פאָטער.

— גיס אָן טיי, שיינדל — האָט זי געזאָגט און אויסגעטיילט פון דער פּושקע פיר שטיקלעך צוקער, צו צוויי פאַר אַ גלאָז פאַר יעדן.

מאַטעס האָט זיך געשעמט צו עסן אין דער פרעמדער שטוב.

— נישקשה, — האָט ער געזאָגט — איך בין זאַט.

— עסט! עסט! — האָט דאָס ווייבל געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס לײדט נישט קיין אָנשטעל.

מאַטעס האָט געוואַשן די הענט ביים פאַס, אָפּגעווישט זיי מיט דער פּאָלע נאָך איידער די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ האַנטוך, און פרום געמאַכט אַ ברכה. מיטביידע הענט האָט ער אַרומגענומען דאָס הייסע זיסע גלאָז טיי, וואָס ער האָט גאָר נישט געדענקט די צייטן ווען ער האָט אַזוינס געטרונקען. נאָכן בענטשן, האָט ער אויסגעשאָקלט די ברעקלעך פון דער באָרד און צוגעקנעפּלט די קאַפּאָטע.

— זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה — האָט ער געוואונטשן — שיינדל, דו זאָלסט פאָלגן, זיין געטריי, ווי אַ מאַמען, וועט דיר גוט זיין. אַ גוטע נאַכט, ר׳ דאָדיס ווייב.

די שטוב ביי זיך, ווען ער איז אַריינגעקומען, איז געווען אויפגערוימט, נישט צו דערקענען. חוה איז נישט געווען אין שטוב. די קינדער זענען געזעסן צונויפגעקוועטשעט אין אַ ווינקל ביים אויוון און געהרגעט די פּרייסן אויף די ווענט.

— ס׳האָט געגעסן, קינדער? — האָט מאַטעס געפרעגט.

— יאָ, זי האָט אָפּגעקאָכט — האָבן די קינדער געענטפערט.

מאַטעס האָט זיי פאַריכט.

— מ׳דאַרף נישט זאָגן „זי״ — האָט ער געלערנט — מ׳דאַרף זאָגן: די מומע האָט אָפּגעקאָכט.

באַלד איז חוה אַריינגעקומען מיט אַ קנאַק מיט דער טיר, די ווענט האָבן געציטערט אונטער אירע טריט.

— כ׳האָב מיך פאַרמאַטלט מיט די ווייבער — האָט זי געזאָגט. — אין טאָפּ אויפן אויוון איז נאָך דאָ עסן פאַר דיר.

זי האָט שוין געקענט זיך מיט אַלע ווייבער פון הקדש-געסל, כאָטש זי איז נאָר וואָס אָנגעקומען, און דערציילט וועגן זיי, צו־לאַכנדיק הויך, נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

אַז עס איז געקומען צום אויסבעטן, האָט זי אויפגעהערט לאַכן. מאַטעס האָט איר אַ פאַרשעמטער דערציילט פון די מנהגים אין זיין שטוב, ווי אַזוי די קינדער שלאָפן צוזאַמען מיט די גרויסע אין די בעטן. חוה האָט געקריגן היים בלוט אין אַלע שטופּלען אירע.

— איך וויל אַליין מיין בעט — האָט זי געזאָגט מיט כעס.

מאַטעס האָט געקוקט אויף איר אַ דערשראָקענער.

— איך שלאָף אויך מיט עטלעכע קינדער — האָט ער גע־מורמלט, — כ׳זאָל אַזוי לעבן, חוה.

— חוה, קאַווע — האָט די אידענע אים איבערגעריסן — איך דאַרף אַליין מיין בעט. די קינדער קענען שלאָפן אויף דער ערד.

זי האָט אויסגעזוכט עטלעכע שמאַטעס אין די ווינקלען, אויס־געלייגט זיי אויף דער ערד און מיט טומל אַרויסגעוואָרפן דאָס אָפּ־געצווינגענע בעטגעוואַנט פון איר בעט אַרויס.

— קינדער, אויסטועט זיך און לייגן! — האָט זי באַפוילן — צייט צו מאַכן נאַכט.

זי האָט פאַר זיך אָנגעצויגן איר אייגן קישן און איבערבעט מיט זייער פאַרביקע ציכלעך, פול מיט פויגלען און אויסטערלישע חיות, און געקלאַפּט דערין מיט יידע הענט מיט גרויס טאַראַראַם. די קינדער האָבן שווייגנדיקע געקוקט אויף די אויסגעמאַלטע באַ־

שעפּענישן אויף די ציכלעך. ווען זי האָט אויפגערודערט דאָס בעט פאַר איר מאַן, האָבן זיך אירע באַקן אָנגעצונדן ווי צוויי פלאַמען פייער.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט מיט כעס אויף די פלעקן אין לײַלעך.

— דאָס קינד שלאָפט מיט מיר אין בעט — האָט מאַטעס געמורמלט א דערשראָקענער, אָנווייזנדיק אויף זיין בן־יחיד אין בלויזן העמדל.

די אידענע האָט פארגעסן, אַז זי איז בלויז מיט איין נאַכט צוריק געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט איר מאַן און זי האָט גע־וואַלדעוועט ווי זי וואָלט שוין מיט אים אַ לעבן פארבראַכט.

— איך וויל נישט, מען זאָל מיר פארפּוילן די בעטן — האָט זי געמאַכט קולות.

מאַטעס האָט נישט געקענט הערן ווי מ׳שרייט אויף זיין נחת.

— ס׳קינד — האָט ער געמורמלט.

— ס׳קינד, — האָט חוה געשפּאָט — אַ חדר־יונג שוין און נעצט נאָך ס׳לײַלעך.

מיט עקל האָט זי אויפגערודערט דאָס פארפּוילטע שטרוי, גע־הייסן נחמנען אריינלייגן זיך אין טאַטנס בעט און אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט מער אַזוינס נישט צו טאָן.

— כ׳וועל דיר שיקן אַ ציגיינערן, וועט זי דיך נעמען אין זאַק אריין, אַז וועסט אַזוינס טאָן — האָט זי אים אָנגעזאָגט און זי האָט זיך אויסגעטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

נחמן איז געלעגן אַ וואַכעדיקער אין פאָטערס בעט און גע־קוקט מיט גרויסע אָפענע אויגן אין דער פינסטערניש פון שטוב. פון דער שווארצקייט ארויס האָבן זיך אויסגעשיילט פייערדיקע רע־דער, קעפּ פון אויסטערלישע חיות און מענטשן. פון אַלע שפּאַלטן אין די ווענט, פון אַלע פלעקן פון פארויכערטן באַלקען האָבן שדים און רוחות ארויסגעשטעקט צונגען. דאָס גיהנום מיט די רשעים, וועגן וועלכע דער רבי האָט דערציילט אין חדר, זענען אראָפּגעקומען אין שטוב, געטאַנצט און געוויינט. די ציגיינערן מיטן זאַק, וואָס די אידענע האָט דערמאָנט, איז ארויס דורכן אויוון און צוגעגאַנגען

צו זיין בעט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן פון שרעק, אָבער ער האָט ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אין בעט. פּלוצלינג האָט אן איינגעהאַלטן קול פון צווייטן בעט גערופן אין דער שטילקייט.

— מאַטעס, דו שלאָפסט?

נחמן האָט אויסגעשפּיצט די אויערן ווי א העזל אין שרעק. דער פאָטער, וואָס האָט ביז איצט געבריט אים מיט זיין קנאַכיק ליב, האָט זיך פאַרזיכטיק ארויסגעגליטשט פון בעט ארויס און מיט באָרוויסע טריט געגאַנגען איבער דער שטוב.

— שטילער — האָט ער געשעפּטשעט — די קינדער.

— זיי שלאָפן — האָט דאָס ווייבערישע קול געענטפערט הויך און לאַכנדיק.

נחמן האָט נישט געוואוסט וואָס אזוינס דאָס שאַרכן פון אַנדערן בעט מיינט. דאָך האָט ער נישט דורכגעלאָזט דעם מינדעסטן ריר. די פריערדיקע שרעק איז אָפּגעטרעטן און בלויז קינדערישע נייגיריקייט איז אָנגעקומען, נייגעריקייט וואָס מאַכט עפּעס קלאָר און אָנגעשטרענגט און גוט.

אין דער פרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז שוין דער פאָטער נישט געווען. ער איז געהאַט אוועק אין די דערפער. די רויטע אידענע איז גלייך צוגעגאַנגען צו זיין בעט און אויפגעריסן דאָס איבערבעט, וואָס ער האָט פעסט צוגעהאַלטן, מ׳זאָל נישט זען זיין חרפּה.

— לעק אוים ס׳ליילעך! — האָט זי געשריגן — שוין זאָלסטו אויסלעקן, ממזר!

נחמן האָט אינגאַנצן געציטערט, הענטלעך און פיסלעך האָבן זיך אים געוואָרפן פאַר מורא.

— מאַמע! — האָט ער גערופן די געשטאָרבענע מוטער זיינע.

די אידענע האָט ארויסגעהאַנגען דאָס ליילעך אין דרויסן פאַר דער טיר און אלע אינגלעך גערופן קוקן דערויף.

— עטץ זעט, אינגלעך — האָט זי געזאָגט — דאָס האָט נחמן געטאָן. עטץ זאָלט דערציילן אין חדר.

די אינגלעך האָבן געשפּיגן און צוגעזאָגט צו דערציילן אין חדר.

*

וואַסער-באָק
מאַך מיר אַ ראָק,
וועסט מיר ניט וועלן מאַכן,
וועל יעך פון דיר לאַכן.

האָבן זיי געזונגען אַ לידל און געטייטלט אויף נחמנען.

## קאַפּיטל זיבן

צו זיבן יאָר האָט נחמן אָנגעהויבן לערנען ביי מאיר דעם גמרא-מלמד.

ווי אמאָל אין דער תּלמוד-תּורה, אַזוי האָט דער פּאָטער זיינער אים אַרויפגעפירט דאָס ערשטע מאָל צום נייעם מלמד. מיט געדרייטע טרעפּלעך, דורך אַ קרומען גאָרן, איז מאַטעס געגאַנגען צום חדר, פירנדיק זיין נחמנען ביי דער האַנט.

— האָב נישט קיין מורא, נחמן — האָט ער געטרייסט דאָס דערשראָקענע אינגל — דאָס איז נישט קיין תּלמוד-תּורה. איך וועל צאָלן פאַר דיר מלומד-געלט, מיין קינד.

נחמן האָט געקלאַמערט זיך צום פאָטערס ביינערדיקער האַנט און אויסגעשפּיצט די אויערן צום צוגעשטיקטן זינגענדיקן קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון חדר אַרויס.

— טאַטע, כ'האָב מורא, — האָט ער געזאָגט שטיל — כ'האָב אַזוי מורא, — קום אַהיים.

מאַטעס האָט געעפנט אַ טיר, וואָס האָט געסקריפּעט אויף די פאַראָסטעטע „זאַוויאַסעס“. אין אַ פאַרויכערטער קיך, ווי אין דער היים ביי מאַטעסן, איז געזעסן אַ איד אין אַ לאַנגען טלית-קטן שיער נישט ביז דער ערד. אַרום אים זענען געזעסן אויף צוויי בענק פוןביידע זייטן טיש אַ צוואַנציק אינגלעך פון פאַרשידענעם עלטער

און וואוקס, צוזאמענגעדריקט איינער צום אנדערן, ווי צוגעקלעפט, און געשריגן אין די עטלעכע צעריסענע גמראס, וואָס זענען געלעגן פאר זיי אויסגעלייגט.

— המניח את הכד ברשות הרבים, אז איינער לאָזט איבער א קרוג אין גאס — האָבן די אינגלעך געמאכט קולות, איבערשרייענ-דיק איינער דעם אנדערן — ובא אחר ונתקל בה, איז געקומען אן אנדערער און האָט זיך געשטרויכלט אין איר, ושברה, און ער האָט זי צעבראָכן — פטור, איז ער פטור צו באצאָלן.

דער מלמד האָט א פאטש געטאָן אין דער גמרא, די אינגלעך זאָלן איבערייסן, און אויסגעשטרעקט א האנט צו מאטעסן.

— שלום עליכם, א איד — איר זענט א פרעמדער?

— ניין, כ׳בין א היגער, ר׳ מאיר — האָט מאטעס געענטפערט א פארשעמטער, ווי שטענדיק, ווען מענטשן פון דער אייגענער שטאָט קענען אים נישט — איך בין מאטעס דאָרפסגייער, פון הקדש-געסל.

— מאטעס? — האָט דער מלמד איבערגעפרעגט — מאטעס דאָרפסגייער?

— מ׳רופט מיך מיט א צונאָמען, — האָט מאטעס געזאָגט, אראָפלאָזנדיק דעם קאָפ — מאטעס האָז, ווייל איך קויף האָזענע פעלעכלעך.

די אינגלעך האבן זיך צעלאכט. נחמן איז רויט געוואָרן און אויסגעמיטן צו קוקן אויף די לאכנדיקע אינגלעך.

— וואָס איז דאָס פאר א געלעכטער, גוים? — האָט דער מלמד זיך אָנגעבייזערט — זעצט זיך, ר׳ מאטעס.

מאטעס איז געבליבן שטיין און צוגעפירט זיין אינגל צום טיש.

— איך בין א געמיינער מאן, ר׳ מאיר — האָט ער געזאָגט, — א גאנצע וואָך צווישן גוים אין די דערפער. דאָס אינגל איז א יתום, און איך וויל אים אָפּגעבן צו אייך אין חדר, איר זאָלט לערנען מיט אים תורה. גיי צו נענטער, נחמן, האָב נישט קיין מורא.

— וואו האָסטו ביז איצט געלערנט, נחמן? — האָט דער מלמד געפרעגט ביים אינגל, קוקנדיק אויף אים מיט קיילעכדיקע אויסגעקוילערטע אויגן פון זיין בלאָס-געל פנים ארוים.

— ביי ר׳ מאָטל דרדקי — האָט נחמן שטיל געענטפערט. — אין דער תלמוד-תורה.

ר׳ מאיר מלמדס געל פּנים איז נאָך געלער געוואָרן.

— איך קען נישט לערנען אומזיסט. — האָט ער געברומט — ווייניקער ווי פאַר פיר רובל א זמן קען איך מיך נישט אונטערנעמען צו לערנען. ביי באַלעבאַטים נעם איך צו זעקס קערבלעך.

— איך וועל אייך צאָלן, ר׳ מאיר, — האָט מאַטעס געזאָגט — כ׳וועל נישט עסן און איך צאָלן אייערס.

ר׳ מאיר האָט געהייסן נחמנען אוועקזעצן זיך ביים טיש.

— קיין גמרא האָסטו נישט, — האָט ער געזאָגט — בויג זיך צו און קוק אריין צו אַנדערע אינגלעך אין דער גמרא.

נחמן האָט זיך צוגעבויגן, אבער דאָס אינגל לעבן אים האָט אים אָפּגעשטופּט מיט א שאַרפן עלנבויגן. דער מלמד האָט גע-לערנט.

— הכלב והגדי, א הונט און א ציג, שקפצו מראש הגג, וואָס זע-נען אַראָפּגעשפּרונגען פון א דאַך, ושברו כלים, און זיי האָבן צע-בראָכן כלים, חייב, דאַרף זייער באַלעבאָס באַצאָלן פאַר דעם שאָדן.

נחמן איז געזעסן א דערשראָקענער סיי פאַרן נייעם מלמד, וואָס די גרויסע אויסגעקוילערטע אויגן זיינע רייסן זיך פון געלן פּנים ארויס, סיי פאַר דעם אינגל אין דעם נייעם כאַלאַטל, אין וועמעס גמרא ער דאַרף אריינקוקן און יענער שטופּט אים שטילער-הייט אָפּ, סיי פאַר דעם הונט און דער ציג, וואָס זענען אַראָפּגע-שפּרונגען פון דאַך, געמאַכט א שאָדן און זייער באַלעבאָס דאַרף באַצאָלן. אין ווינקל-שטוב ביי דער קיך איז געזעסן די מלמדקע און געשאָבן קאַרטאָפל, וואַרפנדיק אַלע מאָל אַן אַנדער אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל אין א טאָפּ וואַסער, וואָס האָט געגעבן א שפּריץ אויף דער שטוב. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומרייסן זיך מיט דער קאַץ, וואָס האָט נישט געוואָלט אַראָפּקריכן פון אויוון.

— פּשיק, אַן אויסרייסעניש אויף דיר — האָט זי געשאָלטן.

אין א קליין משופּע שטיבעלע, מיט א קרומען באַלקן, וואו דאָס דאַך-פענסטער איז, איז געזעסן א באָרוועס מיידל מיט א צע-שויבערטן שוואַרצן קאָפּ און געניית זעלנערישע העמדלעך, וואָס זי

האָט ארויסגענומען פון א שניידער צו פארענדיקן. זיצנדיק אויף דער ערד, ארומגערינגלט מיט זעלנערישע העמדלעך, האָט זי גיך געשטאָכן מיט דער נאָדל, אָנגעניית קנעפּלעך ארום די העלזער פון די קאָזאַקישע זומער-העמדלעך, און ארויס פּלוצלינג מיט א געזאנג:

אמאָל איז געווען א שניידער מיידעלע, א שניידער מיידעלע,
איז זי געזעסן אין שטוב,
פאַרבייגעגאנגען א ראָטנע אָפיציר
און האָט זיך אין איר פארליבט...

דער רבי האָט אויסגעקוילערט ביידע גרויסע, ארויסגעזעצטע און מרה-שחורהדיקע אויגן און אויפגעהערט לערנען.

— שאשע, וואָס איז דאָס פאר א זינגעניש? — האָט ער גע-פרעגט — זעסט נישט, אז איך לערן תורה מיט אינגלעך?

שאָשע האָט גיכער ווי פריער געשטאָכן מיט דער נאָדל אין די זעלנערישע העמדלעך, די נאָדל איז געשפרונגען ביי איר מיט א משונהדיקער גיכקייט. דער מלמד האָט א קרעכץ געטאָן, אז ס'האָט שטיקער הארץ אויסגעריסן, און אָנגעהויבן אויפסניי.

— נאָכאמאָל, אינגלעך, — הגונב את הרחל, אז איינער האָט געגנבעט א שעפעלע, וגזזה מן הצמר און ער האָט איר אָפּגעשוירן די וואָל, חייב, איז ער שולדיק אָפּצוצאָלן פאר דער וואָל.

פאַרנאַכט, צו מנחה, ווען די אינגלעך האָבן גיך אראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּ און פריילעכע זיך געלאָזט אהיים, איז נחמן אויך נאָכגעלאָפן. ער האָט זיך געוואָלט שפּילן מיט די נייע חברים. אָבער די אינגלעך האָבן פון אים געלאכט. ווי אלע באַלעבאַטישע אינג-לעך, האָבן זיי זיך גרויסגעהאלטן קעגן די תלמוד-תורה-אינגלעך. דערצו איז נחמן געגאנגען באָרוועס, דער איינציקער באָרוועסער צווישן אלע חדר-אינגלעך, און די קינדער האָבן זיך נישט געוואָלט שפּילן מיט אים.

— זעלנערישע קנעפּ האָסטו? — האָבן זיי אים געפרעגט.

נחמן האָט קיין זעלנערישע קנעפּ נישט געהאט. ער האָט גאָר-נישט געהאט, א חוץ דאָס צעריסן היטל, דורך וועלכן בינטלעך

האַר האָבן ארויסגעקוקט פון די לעבער. ער איז אוועק אליין אהיים צום הקדש-געסל און אריין אין שטוב. די שטיף-מאַמע האָט אים דערלאַנגט א ליימערן שיסעלע מיט הירזש, אָפּגעטיילט מיט א לעפל די הארטע הירזש אויף צוויי טיילן, אַזוי, אַז איין העלפט זאָל זיין זיינס און די צווייטע העלפט רייזלס, און אָנגעזאָגט זיי, זיי זאָלן זיך נישט קריגן איבערן עסן.

— צעברעכטס נישט ס׳שיסעלע, — האָט זי געוואָרנט, — כ׳וועל די קעפּ צעברעכן.

נחמן האָט א הונגעריקער געגעסן די הירזש, וואָס איז שוין פון האלז געקראָכן טאָג-איין טאָג-אויס, און ער האָט געקוקט מיט זייטיקע בליקן אויף יעדער באַוועגונג פון זיין מומע. ער האָט שוין אין בעט נישט גענעצט מער. שוין לאַנג נישט. אָבער די מומע האָט אַלץ נישט געלעבט גוט מיט אים, נישט מיט אים, נישט מיט זיינע שוועסטערלעך. זי איז גאַנצע טעג ארומגעקראָכן איבער פרעמדע שטובן צו די שכנטעס, נישט צוגעגרייט קיין עסן, נישט געטאָן אין שטוב קיין שום זאַך, און נאָר געוואָרפן זיך און גע-שאָלטן.

— כ׳האָב אין דער ערד מאַטעס האָז מיט זיינע ממזרים צו-זאַמען, — האָט זי געשאָלטן דעם מאַן אירן אין זיינע קינדערס אויגן.

נחמן האָט זיך געשעמט, וואָס מען שעלט זיין טאַטן און מען רופט אים מיט א צונאָמען.

— כ׳על שוין דערציילן דעם טאַטן, אַז ער וועט קומען, — האָט ער געדראָט מיט א פינגער דער מומען, — וועסט שוין זען.

ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן פרייטיק, ווען דער טאַטע וועט קומען פון די דערפער. מיט גיכע טריט איז ער אים אַנטקעגנגעלאָפן ביז הינטערן שטאָט און אין איין אָטעם אויס-דערציילט וועגן דער שטוב. אָבער דער טאַטע זיינער האָט נישט אָנגענומען זיך פאַר אים, ווי נחמן האָט געוואָלט. פאַרקערט, זייער הכנעהדיק און געבויגן איז ער אריין אין שטוב און אוועקגעלייגט פאַר זיין ווייב דעם זאַק מיט זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט פון די דערפער. פּונקט אַזוי האָט ער ארויסגענומען די עטלעכע גולדן

פון טאַרבעלע, וואס ער האָט געטראָגן אויפן האַרץ, און אויסגע-ציילט זיי איר אין די הענט אריין.

— דאָס איז פאר נחמנען אויף מלומד-געלט, — האָט ער אָפּגע-בעטן זיך ביי זיין ווייב, — צוואנציק גראָשן א וואָך.

— כ׳דאַרף נישט קיין מלומד-געלט, — האָט די אידענע גע-שריגן, — אז וועסט מיר נישט געבן די צוואנציק גראָשן, וועל איך דיינע ממזרים נישט געבן צו עסן.

מיט כוח האָט זי ביי אים צוגענומען ס׳געלט, אויסציילנדיק אים בלויז א דרייער אויף באָד-געלט.

נחמן האָט זיך געשעמט מיט זיין טאַטן, וואָס ער לאָזט זיך אזוי מבייש זיין פון דער מומע, שטארק געשעמט זיך מיט אים. פונקט אזוי האָט ער זיך געשעמט מיט אים, ווען דער פאָטער האָט אים מיטגענומען אין שול אריין און אוועקגעשטעלט זיך ביי דער טיר שרייענדיק הויך ברוך-הוא וברוך שמו אָמן און שאָקלענדיק זיך. מען האָט געלאכט פון טאַטן זיינעם, אלע אינגלעך האָבן חוזק געמאכט פון אים, וואס ער שאָקלט זיך אזוי און זאָגט הויך. קיינער האָט אזוי הויך נישט געדאַוונט ביי דער טיר. בלויז די אידן פון דער מזרח-וואַנט האָבן אזוי געשאָקלט זיך און הויך געשריגן, די נגידים. די אָרימע לייט ביי דער טיר האָבן געהאַלטן זיך שטיל.

— דער האָז האָט זיך שוין צעלאָזט, — האָבן די לער-אינגלעך געשפּאָט אויפן קול.

געפלאָמט פון בושה האָט נחמן יעדן שבת בייטאָג, ווען דער פאָטער האָט אים געפירט צו שיינע אידן פארהערן דאָס לערנען. א באָרוועסן, מיט א וואָכעדיק-צעריסן קאַפּאָטקעלע און היטל, האָט אים דער פאָטער געפירט איבערן מארק שבת-בייטאָג נאָכן שלאָף צו געמויערטע הייזער אין מארק.

— וואָס ווילט איר, ר׳ איד? — האָבן אים לייטישע באלע-באָסטעס, שבתדיק אויסגעצירטע, אויפסנײ געפרעגט, נישט דער-קענענדיק אים פון איין מאָל צום צווייטן.

אין טייל ערטער האָט מען אים אָנגענומען פאר א בעטלער און אים אָפּגעשניטן א שטיקל חלה. נחמן האָט זיך באַגאָסן מיט רויט-קייט און געצויגן דעם פאָטער ביי דער פאָלע.

— טאטע, כ׳וויל נישט, קום אהיים.

מאַטעס האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים מיט כוח אריינגעפירט אין די נגידישע שטובן.

— ניין, — האָט ער געמורמלט, אָפּזאָגנדיק זיך פון דער מוציא חלה, וואָס מען האָט אים געגעבן, — איך וויל פארהערן מיין אינגל אין לערנען.

די שיינע באַלעבטים, זויערע נאָך דעם טשאָלענט און נאָכן שבתדיקן שלאָף, האָבן ברייט געגרעבצט און אומווילִיק אויפגע-מישט די גמרא, נישט פארגינענדיק זיך אָפּצוזאָגן פון טאָן אַזאַ אידישע זאַך.

— זייער וואויל, אינגל, — האָבן זיי געלויבט נחמנען פאר דער תורה, וואָס ער לערנט, און געהייסן די ווייבער אריינברענגען שבת-אויבסט.

כאָטש דאָס שבת-אויבסט איז געווען זיס און געשמאַק, האָט נחמן געשטיקט זיך מיטן ביסן. די נגידישע קינדער אין די שטובן האָבן געלאַכט פון אים, דעם באָרוועסן אינגל אום שבת. די מאַ-מעס האָבן געזיפצט איבער אים.

— ער האָט נישט אָנגעטאָן קיין העמדל אויף שבת? — האָבן זיי געפרעגט ביים פאָטער, — ער קראַצט זיך, נעבעך.

יעדער וואָך אויפסניי האָט ער נישט געוואָלט גיין צו די גע-מויערטע הייזער אין מארק און יעדער מאָל אויפסניי האָט אים דער פאָטער געשלעפט ביי דער האַנט.

נאָך מער האָט ער זיך געשעמט, ווען ר׳ מאיר מלמד פלעגט אים אהיימשיקן פון חדר אין מיטן לערנען פאר נישט ברענגען קיין מלומד-געלט. די איבעריקע אינגלעך האָבן זייער פּינקטלעך גע-בראכט מלומד-געלט. אום ווינטער האָבן זיי אויך געבראכט אַ דרייער אַ וואָך אויף נאַפט צום לעמפּל. ר׳ מאיר האָט יעדן פרייטיק אָנגעזאָגט אויפסניי נחמנען, ער זאָל ברענגען מלומד-געלט. אָבער נחמן האָט נישט געבראכט, און ער האָט אים אהיימגעשיקט אין מיטן לערנען.

— איך קען נישט האָרעווען אומזיסט, — האָט ער געזאָגט

צו נחמנען הויך, אז אלע אינגלעך זאָלן הערן, — גיי אהיים און אָן געלט זאָלסטו נישט צוריקקומען, הערסט תנא ברא.

כאָטש דער רבי האָט אים גערופן מיטן נאָמען פון א תנא, האָבן די אינגלעך זייער געלאַכט פון דעם נאָמען. די גרעסטע בושה איז געווען פאר אים, ווען די מומע פלעגט קומען אים צושטעלן א בענקעלע פאר דעם רבין. אז זי פלעגט אים שטארק דערגיין די יאָרן, די מומע, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זי געשלאָגן, אפילו א ביס געטאָן איר אין דער האנט אריין. די מומע האָט ארומגעבונדן דאָס פאַרטוך און מיט די פרישע צייכנס פון נחמנס שיטערע שפּיציקע ציין אין דער הויט איז זי געלאָפן אין חדר אריין.

— זאָל דער רבי זען, — האָט זי געוויזן די האנט.

ר׳ מאיר מלמד האָט אויסגעקוילערט זיינע שווארצע מרה-שחורהדיקע, ארויסגעזעצטע אויגן פון בלאַסן געלן פּנים און צוגע-רופן נחמנען צו זיך.

— ווייסט, וואָס קומט א בן סורר ומורה? — האָט ער גע-פרעגט.

נחמן האָט געשוויגן. ר׳ מאיר האָט אים אָנגעכאַפּט ביים נאַקן און אים צוגעפירט צו דער באַנק.

— אריבערלייג זיך, — האָט ער גערופן.

נחמן האָט נישט געוואָלט. מער נאָך ווי פאר די באַלעבאַטישע אינגלעך, וואס לאַכן פון אים, ווייל ער ווערט מער געשמיסן פון זיי, האָט ער זיך געשעמט פאר דער מומע זיינער, וואָס ער האָט אזוי פיינט. זי איז געשטאַנען א רויטע, א צופרידענע און געוואַרט צו זען זיין נאַקעטע לייב און חרפּה.

— כ׳וויל נישט, — האָט ער געשריגן מיט אלע כוחות.

ר׳ מאיר האָט זיך מיט אים געראַנגלט.

— נחמן, — האָט ער גערעדט מיט רחמנות צו זיך אליין, — כ׳האָב נישט קיין כוח זיך צו שלאָגן מיט דיר. אז וועסט זיך אליין אריבערלייגן, וועט זיין בעסער פאר דיר. אז וועסט מיך ברענגען אין כעס, וועל איך שמייסן אויף אלע לאָקשן.

נחמן ווייסט, אז ס׳איז בעסער פאר אים זיך אונטערצוגעבן, אָבער ער קאָפּעט מיט די פיס און דראַפּעט דעם רבינס הענט.

— כ׳וויל נישט, — שרייט ער מיט אזוי פיל צער, אז אים טרעט ארויס א שוים פאר די ליפן.

דער רבי הייסט די תלמידים, זיי זאָלן אים צוהעלפן לייגן דעם יונג. מיט א ווילדער שמחה ווארפן זיך די תלמידים אויף נחמנען. ער בייסט זיי אין די הענט, ווארפט מיט די פיס, רייסט זיי שטיקער הויט אויס פון די פנימער. אבער זיי קומען אים ביי. ר׳ מאיר לאָזט דעם תלמיד אראָפּ די הויזן, באווייזט זיין הויל לייב פאר אלעמען, פאר די תלמידים, פאר דער טאָכטער, וואָס נייט זעלנערישע העמד-לעך, פאר נחמנס מומע. נחמן ראנגלט זיך נישט מער. ער האָט מער נישט קיין כוח. דער רבי ציילט די שמיץ און שטראָפט מיט א ניגון.

— א אינגל טאָר נישט בייסן א מאַמען, אפילו א שטיף-מאַ-מען. א אינגל טאָר נישט.

נחמן פילט די שמיץ אין זיין לייב, אָבער נאָך שטארקער פילט ער דעם ווייטאָג פון בושה. ער הערט די געלעכטערן פון די אינגלעך, דאָס הירזשען פון זיין מומע און דאָס קראנקע סאָפּען פון רבין.

נאָך גרעסער איז זיין ווייטאָג, ווען מען לאָזט אים אראָפּ און ער דארף זיך צוריק פארקנעפּלען די הייזלעך. ער קען נישט רירן מיט די ציטערדיקע הענט. דער רבי וואַשט די האַנט און ברומט:

— נו, וואָס ליגסטו אויף דער ערד? גיי צו און וואַש די הענט ביים פאָס, טאָרסט נישט זאָגן קיין אידיש וואָרט נאָכן שמייסן.

## קאַפּיטל אַכט

אויף געדרייטע וועגן, דורך דערפער און וועלדער, גייט א בויד, אין דריי פערד געשפּאַנט, פון פּיאַסק קיין ווארשע. די בויד איז א שווערע, באלאָדן מיט זעקלעך זאלץ און פעסער נאַפט. די פערד, מאָגערע, קנאָכיקע, מיט שארפע רוקנס און צעשמיסענע הינטערס, זענען געשפּאַנט אין געלאַטעטע צעריסענע געשפּאַנען. פון וואָגן באַמבלט זיך נאָך אן עמער, אָנצוטרינקען די פערד, און א לאַמטערן, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אָנגעצונדן.

צווישן די פעסער, אויף א האַרט זעקל זאַלץ, זיצט שיינדל מאַטעסעס מיט א קוישל אין האַנט, טרייסלענדיק זיך אויף רעכטס און לינקס ביי יעדן בויג, וואָס די בויד גיט זיך, אַריינפּאַרנדיק אין א גרוב און אַרויסקריכנדיק.

— מאַמע ! — רופט זי איר געשטאָרבענע מוטער יעדער מאָל, וואָס די בויד גיט זיך א צו-שטאַרקן בויג אין א זייט, שיער נישט איבערצוקערן זיך.

דאָס פאָרט זי ס'ערשטע מאָל אַרויס פון פּיאַסק. אין איר קוישל, וואָס זי לאָזט נישט אַרויס פון די הענט, האָט זי א ניי סיטצן קלײדל אין בלימעלעך, א פּאָר נייע שיך, וואָס זי האָט געקויפט אויפן יאַריד אין פּיאַסק, און אויך צוויי ווייסע העמדער מיט שפּיצעלעך אַרום האַלז. אין איר בוזים האָט זי דריי רובל אין פּאַפּירלעך, איינגעבונדן אין א נאָז-טיכל, און אן אַדרעס צו אן אָרט אין וואַרשע. דער אַדרעס איז געשריבן מיט א גראָבן סטאָלאַרישן בלייפעדער אויף א קליין אָפּגעריסן שטיקל פּאַפּיר, אָבער שיינדל האַלט אים צוזאַמען מיט די דריי פּאַפּירענע רובלס. צוזאַמען דערמיט איז איינגעבונדן איר פּאַספּאָרט, נישט קיין ביכל, נאָר א געשריבן שטיקל פּאַפּיר מיט א שטעמפּל, אַרויסגעגעבן פון פּיאַסקער מאַגיסטראַט, אַז שיינדלאַ ריטער, די טאָכטער פון מאַטעס און שרה, פון אידישן גלויבן, ווייבלעכן געשלעכט, זיבעצן יאָר אַלט, איז א געבוירענע פון דער שטאָט פּיאַסק. אויפן שטעמפּל איז אויסגעדרוקט דער צוויי-קעפּיקער אָדלער, דער עמבלעם פון דער רוסישער אימפּעריע, צו וועלכער שיינדל ריטער געהערט.

נאָך עטליכע יאָר דינען ביי דאַדי לובלינער אין פּיאַסק, האָט שיינדל אָפּגעשפּאָרט דאָס אַלץ, וואָס זי פירט מיט זיך אין קוישל און אין בוזים. זי פאָרט אין דער גרויסער וועלט אַריין, קיין סאַמע וואַרשע, וואו מיידלעך, זאָגט מען, קענען גוט פאַרדינען אויף א שטעלע און אָפּשפּאָרן א נדן. און כאָטש פון פּיאַסק קיין וואַרשע גייט א באַן, וואָס אין עטלעכע שעה ברענגט זי אויפן אָרט, פאָרט שיינדל מיט א בויד, א גאַנצן מעת-לעת, ווייל מיט דער באַן קאָסט טייער און די בויד נעמט בלויז א העלפט דערפון, וואָס די באַן.

עס איז חול-המועד פסח, ווען דינסט-מיידלעך הויבן אָן א ניי-

עם זמן, אבער א שפּעטער חול-המועד פון אן עיבור-יאָר. די לאַנ־קעס אויף די וועגן זענען שוין גרין, דורכגעשפּרענקלט מיט געלע פעלד-בלימעלעך. אויף די בוימער ביי די זייטן וועג הענגען קנאָספּן אַראָפּ, פולע און געעפנטע, פארשפּרייטנדיק זייערע ריחות. אויף די פּאַשעס לויפן יונגע קעלבלעך ארום. לאַשעקלעך שפּרינגען נאָך זייערע מוטערס און הירזשען מיט יונגע קולכלעך. די לופט איז וואַרעם און ריין און פול מיט הארבע ריחות פון גראָז און בליעכטס. שיינדל שטעקט ארויס דעם קאָפּ דורך א לאָך אין דער לייוונט פון דער איבערגעצויגענער בויד און ציט אריין מיט ציטערנדיקע נאָז־לעכער די ריחות פון פרילינג. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי זעט דערפער, פּויערישע הייזלעך, סעדער און לאַנקעס. צוגע־וואוינט שטענדיק צו רויך, גערוכן פון מאכלים אין קיכן, פילט זי זייער שטארק די פרישע לופט פון לאנד. איר מיידלשע צאַפּלדיקע ברוסט הויבט זיך אונטער איר בלוזקע פון איינגעמען די פארשיכור־ענדע ריחות.

ווען דער אָוונט פאלט-צו און מען פאָרט אריין אין גראף פּאָ־טאָצקיס וועלדער, די געדיכטע און שוואַרצע, באפאלט איר א מורא אין דער פינסטערער בויד. זי קוקט מיט די שוואַרצע אויגן אין חושך און אלערליי שלעכטע מעשיות קומען איר אין קאָפּ, מעשיות פון גזלנים, וואָס באפאלן מיט העק די דורכפאָרנדע מענטשן, מעשיות פון וועלף, וואָס באפאלן די פערד, פון לצים, וואָס פאר־שטעלן זיך פאר זעקלעך צוקער און ווען מען גיט זיי א לעק, צי זיי זענען טאַקע באמת זיס, לאכן זיי זיך אויס, רייצן זיך, אַלעמאַי מען האָט זיי געקושט.

— זאָלע, — רופט זי צום באַלעגאָלע פון פאָרנט — לאנג ציט זיך דער וואַלד?

— דער וואַלד? — פרעגט זאָלע איבער פון זיין באַלעגאָליש געזעסל מיט א רוי קול, וואָס שלאָגט זיך אָפּ מיט ווידער-קולות אין דער פינסטערניש — לאנג.

שיינדל שווייגט. זי הערט מיט אויסגעשפּיצטע אויערן דאָס טרעטן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, דאָס זשומען פון וואַלד. עפּעס א צווייג ברעכט זיך ערגעץ. זי ציטערט אויף.

— זאַלע, — רופט זי — ס'איז אמת, אז אין די וועלדער זע-נען דאָ גזלנים?

— גזלנים? — פרעגט זאַלע איבער — אודאי.

שיינדל פרעגט נישט מער. זי זעט, אז זאַלע איז נישט צו-פרידן וואס מען רעדט צו אים, און זי שווייגט. זי הערט דאָס סאָפּען פון די פערד און זאַלעס אָפּטע ברומען.

— וויאָ, נבלות! העיטאַ!

מיט אמאָל גיט א שיין צו איר א פייערל פון א פּאַפּיראָס, וואָס באלייכט זאַלעס פּנים.

— שיינדל, — פרעגט זאַלע — האָסט מורא, הא?

— יאָ, זאַלע. ס'איז אזוי פינסטער.

— קריך אריבער צו מיר, וועט דיר זיין היימלעכער — זאָגט זאַלע — וועסט זיצן פון פאָרנט אויף די „קאָזלעס".

שיינדל האָט מורא אריבערצוגיין צו זאַלען. דער פאָטער אי-רער האָט איר א סך מאָל אָנגעזאָגט, זי זאָל זיין אָפּגעהיט אין דער ווייטער שטאָט, וואוהין זי פאָרט, אויך זי זאָל זיך האלטן פון ווייטנס פון מאנסבילן. אבער זי קען נישט קעגנשטעלן זיך דעם קול, וואָס רופט זי. ווי איר טאַטע, קען זי נישט קעגנשטעלן זיך א פרעמדנס באַפעל. און וויסנדיק, אז זי טוט נישט קיין גלייכע זאך, קריכט זי פונדעסטוועגן אריבער די זעק צו זאַלעס געזעסל. תחילת זיצט זאַלע אָפּגערוקט און מונטערט די פערד יעדעס מאָל וואס זיי פּרובירן זיך אָפּשטעלן.

— וויאָ, פּגירות, ווישטאַ!

באלד הויבט ער אָן זינגען אין דער נאכט, זינגען א חזנישע זאך. זיין קול, א רויס, א טיפס, שלאָגט זיך אָפּ אין וואלד מיט א סך ווידער-קולות. שיינדלען ווערט היימלעכער פון אָט דעם קול. פּלוצ-לונג פארבינדט זאַלע די לייצעס ארום פלאָקן און נעמט שיינדלען ארום מיט אזא קראפט, אז אלע אירע ביינער קנאַקן.

— זאַלע, — רופט זי מיט א צוגעשטיקט דערשראָקן קול — ניטע, ס'טוט מיר וויי.

זאַלע לאכט מיט א רוי קול.

— ס'טוט דיר וויי — ברומט ער.

ער בויגט צו איר גלאָטע באַק צו זיין באַבערדעלטער באַק און אָטעמט הויך.

— ס'שטעכט, האַ, שיינדל?

שיינדל פּרובירט זיך ארויסרייסן, אבער זי קען נישט. זאָלע גייט ארום מיט זיין בערדל ארום אירע באַקן, ארום האַלז. שיינדל פילט, ווי הייסע אָנגעגליטע נאָדלען וואָלטן געשטאָכן איר לייב; נאָדלען, וואָס טוען וויי און מאַכן זיס. זאָלע לאַכט. שיינדל שטופּט אים אָפּ מיט די הענט, קריכט אים מיט די נעגל אין פּנים, פילנדיק אַן אומגעהויערן תענוג אין איר מלחמה. אבער זאָלע האַלט זי פעסט אין זיינע הארטע הענט. פּלוצלונג דערפילט זי זיינע פולע ליפּן פון צווישן באָרד און וואָנסן. זי פאַרלירט אירע כחות. פון די ליפּן שמעקט רויך, בראָנפן, לעדער, פערדיש מיסט און כח. שיינדל ווייסט נישט ווי אַזוי צוריקצוקושן. זי האָט נאָך קיינמאָל קיין מענערישע ליפּן נישט געפילט אויף זיך. אפילו קיין ווייבערישע אויך נישט. קיינמאָל האָט זי קיינער נישט געקושט. זי פאַרמאַכט די אויגן און לאָזט די מענערישע ליפּן ארומבלאָנדזשען ארום אירע באַקן, ארום איר האַלז. איר שטענדיקע געפּאַלנקייט, איר אָרעם לייב, וואָס קיינער האָט זיך דערויף נישט אומגעקוקט, פילט זיך גע-הויבן, טייער. פּלוצלונג הערט זי רייד, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

— שיינדל, ביזט א שיינע — זאָגט דאָס מענערישע טיפע קול.

זי גלויבט דאָס נישט. קיינמאָל האָט איר נאָך קיינער אַזעלכע ווערטער נישט געזאָגט, קיינמאָל האָט נאָך קיינער זיך נישט אומגע-קוקט אויף איר. אבער זי וויל עס הערן. די רויע רייד גלעטן דאָס אויער, פילן עס אָן מיט זיסקייט, ווי מיט האָניק. די פערד גייען זייער גאַנג, קלאַפּנדיק זאַנפט מיט די פּאַדקאָוועס אין דער ערד. די שוואַרצע נאַכט, די שטילע, קילע און שמעקעדיקע, זשומט מיט טויזנטער שטילע קלאַנגען. שיינדל פילט זיך זיכער אין די שטאַרקע הענט, וואָס האַלטן זי. זי גלעט זיי, די הענט, פאַרהאַרטעוועטע ווי לעדער. אָבער פּלוצלונג הויבן די הענט אָן בלאָנדזשען איבער איר לייב. זי דערפילט א שטאַרקע בושה, א בושה פון א יונג מיידל, וואָס קיינער האָט זי נאָך נישט אָנגערירט, און זי הויבט-אָן וויינען.

— מאמע! — רופט זי איר געשטאָרבענע מוטער, זי זאָל זי שיצן.

זאלע לאָזט זי אָפּ און טרייבט זי צוריק אין בויד אריין.

— גיי! — שרייט ער — ביזט אַ יתומה, און כ׳וויל דיך נישט האָבן לעבן מיר. גיי, גיי!

ער נעמט צוריק די לייצעס אין די הענט אריין און שמייסט מיט רציחה די פערד.

— וויאָ, פגירות! העיטאַ!

קיין איין מאָל דרייט ער נישט אוים מער דעם קאָפּ צו איר זייט. ווען ער קומט מיט איר קיין ווארשע, לאָזט ער זי אראָפּ ביי דער ערשטער גאַס און גיט איר דאָס קוישל.

— זאלע, ווארט אויס, כ׳על אייך באַצאָלן די צוויי גילדן — זאָגט שיינדל ארייננשטעקנדיק די האנט אין בוזים, וואו איר קניפּל ליגט.

— כ׳דארף נישט די צוויי גילדן. — ברומט זאלע — ווערסט פרעגן מענטשן, וואו דו דארפסט, וועט מען דיר ווייזן. און היט דיך. ס׳אַ גרויסע שטאָט, מיט אלערליי מענטשן.

שיינדל האָט געטראכט עפּעס צו זאָגן צו דעם מענטשן, וואָס האָט זי אזוי היים געקושט אין דער נאַכט, אבער זי האָט נישט געהאַט וואָס. זאלע האָט ארייננגעשמיסן די פערד און געהאָצקעט זיך מיט זיין בויד איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע ווארשעווער שטיי-נער.

שיינדל האָט ארויסגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן זי האָט געהאַט אָנגעשריבן דעם אדרעס און נישט געוואוסט וועמען פון די מענטשן זי זאָל דאָס געבן איבערצולייענען. זי האָט נישט געקענט לייענען און שרייבן. די גרויסע שטאָט, וואָס זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, האָט געקאָכט פון באַוועגונג. דראָשקעס, פּלאַט-פאָרמעס האָבן געקנאַקט איבער די שטיינער. אַן עלעקטרישער וואָגן, אָן פערד, האָט אָנגעיאָגט גיך מיט אַ קלונגען און קלאַפּן. אויף די טראָטוארן פון דער געדיכטער גאַס, פולע מיט פיר-שטאָקיקע מויערן, האָבן מענטשן געאיילט, געיאָגט, געטריבן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם. שיינדל איז געשטאַנען אַ צעטומלטע אין דעם

פרעמדן געדריכטעניש, צודריקנדיק אין מורא איר קווישל צו זיך. עס האָט איר אויסגעזען, ווי די אַלע מענטשן זענען געוואַלדיק פרעמד איינער דעם אַנדערן און קיינער פון זיי ווייסט נישט וואו־הין ער לויפט און וואו ער וואוינט. זי האָט פאַר אַלעמען מורא געהאַט. ענדליך האָט זי געזען אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט שטריק אַרומגעבונדן אַרום די לענדן, וואָס האָט געוואַרט ביי אַ טויער מען זאָל אים געבן אַ משא צו טראָגן. שיינדל האָט אין אים דערזען אַן ענליכקייט צו איר טאַטן און זי האָט אים געגעבן דאָס שטיקל פּאַפּיר איבערצוליייענען. דער איד האָט זי באַטראַכט מיט פאָטערליכע אויגן און איר געזאָגט וואוהין צו גיין.

אין אַ גרויסן אָפּגעשיילטן מויער, אַ פיר־עקיקן און טונ־קעלן, איז שיינדל אַרויפגעקראָכן אויף אַ פערטן שטאָק און אַריין אין אַ שטוב, פול מיט קינדער. אַ אידענע, אויסגעשמירט פון קוילן, וואָס זי האָט געהאַקט און געלעגט אין קיך אַריין, האָט זי באַגעגענט מיט אַ שטיקל נישט־דערהאַקטע קויל אין האַנט.

— ווערמען דאַרפן זי, פרייליין? — האָט די אידענע געפרעגט אויף וואַרשעווער לשון, וואָס שיינדל האָט אַזעלכעס ס'ערשטע מאָל געהערט. קיינמאָל האָט איר קיינער נאָך נישט גערופן פרייליין און נישט גערעדט צו איר אויף „זי". שיינדל האָט אַ פאַרשעמטע אי־בערגעגעבן אַ גרוס פון דער אידענעס ברודער, זייער שכן דעם שמש פון הקדש, און דערציילט נאָך וואָס זי איז געקומען קיין וואַרשע, זוכן אַ שטעלע. די אידענע האָט אויסגעפרעגט זיך אויפן ברודער, דעם שמש, און געוואָלט וויסן וואו דאָס מיידל וויל דינען — אַר־בעטן אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, צי גיין פאַר אַ דייטשע קעכין. שיינדל האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. די אידענע האָט איר קלאָר געמאַכט.

— אַ דייטשע קעכין — האָט זי איר געזאָגט — איז אַ מיידל, וואָס דינט ביי „דייטשן", וואו מ'פירט נישט קיין אידישע קיך און מ'קאָכט אום שבת.

שיינדל האָט געזאָגט, אַז זי וויל דינען אין אַ באַלעבאַטישער אידישער שטוב. די אידענע האָט אָפּגעווישט מיט אַ ברעג פאַרטוך אַ נאַס בענקל און איינגעלאַדן דאָס מיידל זיך זעצן.

— וואַשן זי זיך אָפּ פון וועג — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף א מעשענעם קראַן, וואָס האָט גערונען מיט גערדיכטע טראָפּנס.

שיינדל האָט קיינמאָל נישט געזען, אז וואסער זאָל גיין פון דער וואַנט, און זי האָט צו האסטיק אויסגעדרייט דעם קראַן. דאָס וואסער האָט זי אָפּגעשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס.

— פּאַרדריי! פּאַרדריי! — האָט די אידענע געוואָפן.

שיינדל איז געווען אזוי צעטומלט, אז נישט זי האָט געקענט פּאַרדרייען, נישט זי האָט זיך אָפּגערוקט פון שפּריצענדיקן וואסער. די קינדער זענען געשטאַנען ארום און געקייכט פאר געלעכטער.

— פּראָווינצער חיה! — האָבן זיי איר גערופן.

## קאַפּיטל ניין

מיטן פרימאָרגן צוגלייך, ווי נאָר דער הויז-וועכטער עפנט אויף מיט א סקריפּ דאָס טויער פון הויז און גענעצט זיך אויס מיט רויע קולות אין גרינלעכן באגינען, הויבט שיינדל זיך אויף פון איר איי-זערן שמאָל בעטל און צינדט אָן א פייער אין דער קאַכליאַנער קיך.

זי ווייסט שוין איצט ווי אזוי מיט אלץ ארומצוגיין אין דער גרויסער שטאָט. נישט נאָר ווי אזוי צו צאַפּן וואסער פון דער וואַנט, נאָר אויך ווי צו טאָן אלע אַנדערע גרויס-שטאָטישע זאכן. זי ווייסט, אז מען דאַרף קיין גאַז-ליכט נישט אויסלעשן מיטן מויל, ווי זי האָט עס געטאָן אין די ערשטע טעג, נאָר אז מען דאַרף פאַר-דרייען די רער, אנישט קען מען זיך פאַרסמען. פּונקט אזוי ווייסט זי ווען אריינצוליגן א זילבערנע מטבע אין גאַזמעטער, ווען דאָס ליכט גייט אויס. זי קען זיך אויך אויף די שעהן, כאָטש זי קען נישט לייענען די ציפערן אויפן גרויסן וואַנט-זייגער. זי ווייסט, אז ווען דער הויז-וועכטער עפנט דאָס טויער און גענעצט זיך אויס, איז צייט אויפצוהויבן זיך פון בעט און צו מאכן פייער אין קיך.

אין יאַנטשע בעקערס הויז, וואו זי דינט, איז דאָ א סך ארבעט צו טאָן. די שטוב איז א גרויסע, אָנגעשטעלט מיט א סך בליש-טשענדיק מעבל, מיט א מאסע שאַפעס, שטולן, טישעלעך און פּאָלי-

צעס, אָנגעפּאַקט מיט פיל שרייענדיק גלאָזווארג, גיפּסענע פיגור־לעך, צאַצקעס אַלערליי און שמאַכטעס. די בעטן זענען געשניצטע, מיט ריזיקע קעפּ־שטיק, אָנגעבעט מיט א מאַסע קישנס, קישעלעך און האַפּטן. פּונקט אַזוי זענען די ווענט פול מיט פאָטאָגראַפיעס, שטארק־פארביקע ליטאָגראַפישע בילדער און אויסנייעכצן אַלערליי: מיט געמעלן, ווי אַזוי פרעהס טאָכטער ציט ארויס משהן פון טייך; ווי שלמה המלך, מיט א פּנים פון א רוצח, האַלט א קינד ביי א פעט פיסל, גרייט עס איבערצושניידן אויף דער העלפט מיט א שטאַרק ברייטער שווערד; ווי אַזוי דלילה, א דיקע צעוואַקסענע האַלב־נאַקעטע נקבה, שניידט אָפּ די לאָקן ביי שמשונען, וועלכער ליגט א שלאָפנדיקער אויף אירע פעטע קניען. געדיכטער ווי אַלע שטובן איז די קיך. די ווענט זענען פול מיט קופּער, מיט פאַנען, ריינדלעך אַלערליי. די טעפּ זענען ריזיקע, וואָס קיינמאָל האָט נאָך שיינדל אַזעלכע נישט געזען, נישט נאָר ביי זיך אין הויז, נאָר אפילו נישט ביי דאַדי לובלינער. טעלער, גאָפּלען, מעסערס, פאַלומעסקעס, טאַצן, גלעזער און טעצעלעך פּילן אָן אַלע קרעדענצן.

אַלץ איז ברייט, גרויס און אָנגעשטופּט אין יאַנטשע בעקערס הויז. אונטן, אונטער דער וואוינונג, אין קעלער, האָט יאַנטשע א גרויסע בעקעריי, וואו א סך בעקער־געזעלן באַקן ברויט טאָג און נאַכט. די נישט־באַווייבטע פון זיי עסן ביים באַלעבאָס אין הויז. קינדער אין שטוב זענען דאָ א סך, פון גרויסע יונגען, וואָס זענען היפּש אריבערגעוואַקסן טאַטע־מאַמע, ביז א זויג־קינד, וואָס ליגט אין וויגל און רייסט זיך צו דער מאַמעס ברוסט. קצבים ברענגען גאַנצע זייטלעך פלייש יעדן פרימאָרגן. מאַרק־זיצערנס טראָגן אָן זעק מיט קאַרטאָפל, גרינסן. די טעפּ זענען פעטע, שמאַלציקע, אומגעלומפּערט גרויסע, ווי מען וואָלט זיך תמיד געגרייט צו שמחות דאָ. נאָר מען קאָכט אין דער שטוב. און שיינדל איז א גאַנצן טאָג אויף די פיס. זי קומט מיטן מעת־לעת נישט אויס.

— שיינדל, עסן! שיינדל, טיי! שיינדל, פּוטער! שיינדל, צו־קער! שיינדל, זאַלץ! — רופט מען זי פון אַלע זייטן.

עס רופט יאַנטשע, דער באַלעבאָס, א איד א בייכיקער, וואָס האַלט אין איין אויסקראַצן די שוואַרצע באָרד זיינע פון פאַרמעליקט־

קיט און ער האָט ליב מאַכן וויצן, רעדן צום גראַם. כאָטש ער איז דער קאָפּ פון דער ברייטער שטוב, דער שפּייזער פון דעם גרויסן הויז-געזינד, האָט קיינער פאַר אים נישט קיין דרך-ארץ, טאַקע צו-ליב די וויצן זיינע, וואָס ער מאַכט, און נאָך מער פאַר די גראַמען, וואָס ער זאָגט. נישט דאָס ווייב זיינס, שפּרינצע, וואָס תמיד טראָגט זי אָדער זויגט, נישט די קינדער זיינע, וואָס פילן אָן אַלע שטובן, רעדן צו אים ווי צו אַ מענטש. אָבער ער מאַכט זיך נישט דערפון, יאַנטשע. ער איז אַ פריילעכער פּאַרשוין, אַ לץ, וואָס האָט ליב פון אַנדערע צו לאַכן, און עס מאַכט אים נישט אויס, אַז מען מאַכט פון אים חוזק. דערצו איז ער אַ נאַשער אַ גרויסער, אַ געשמדטער האָלז. וויפיל שפּרינצע, זיין ווייב, זאָל נישט פאַרשליסן פאַר אים די פּילע טעפּ איינגעמאַכטס, וואָס זי גרייט צו פאַר שמח־ת אין הויז, פאַר בריתן, תנאָימס און שול-פּירעניש, — דערשנאַפּט זיי יאַנטשע און מאַכט אָן חרבנות אין זיי. אַזוי איז ער אויך אַ בעלן אַלע מאָל צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט עפּעס גוטס. אַלע ווײַלע כאַפּט ער זיך אַרויף פון קעלער אין שטוב, קראַצט אויס די באָרד פון מעל און קוקט מיט פריילעכע שוואַרצע אויגן אויף שיינדלען, זי זאָל אים עפּעס דערלאַנגען צום טיש.

— שיינדל-חנדל, — זאָגט ער צום גראַם און פּאַטשט מיט די ליפּן, אַ סימן, אַז ער וויל עפּעס צוביסן.

אין די ערשטע טעג האָט שיינדל איר באַלעבאָס נישט פאַרשטאַ-נען. דאַדי לובלינער פון פּיאַסק האָט קיינמאָל צו איר אַזוי נישט גערעדט. ער האָט בכלל צו איר נישט גערעדט. זי האָט דעריבער געקוקט מיט גרויסע אויגן אויף דעם נייעם באַלעבאָס, צוגעהערט זיך צו זיינע ליצנותלעך, וואָס זי האָט זיי נישט געכאַפּט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר אים. איצט פאַרשטייט זי אים שוין. זי קען זיך שוין אויף אַלע חכמות און המצאהלעך זיינע און זי ווייסט אויפן וואונק, וואָס ער וויל. יאַנטשע קוועלט פון נחת.

— שיינדל, נעם אַרויס פון הערינג אַ ביינדל, — זאָגט ער צום גראַם, ווען זי גרייט אים צום טיש.

ווי אַ אינגל אַ נאַשער, קריכט ער אַרויף אויף די שאַפעס, זוכט אויס דעם וויינשל-זאַפט, גאַרגלט גיך, אַזוי אַז שפּרינצע זאָל דער-

ווייל נישט אריינקומען, לעקט אָפּ די נאַסע וואַנצעס און לערנט שיינדלען מיט א ניגון פון א מגיד:

— אמר ר׳ צדוק בן חלפתא, מיינט דער פסוק, זאָלסט נישט דערציילן מיין כלבטע...

מער פון באַלעבאָס, האלט די באַלעבאָסטע אין איין רופן. זי קען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, שפּרינגצע. אז זי איז אין שטוב, האָט זי מורא, אז די יונגען אין דער בעקעריי זאָלן זי נישט באַגנבענען; אז זי איז אין דער בעקעריי, האָט זי מורא, אז די מויד אין שטוב זאָל זי נישט בדלות שטעלן. פּונקט ווי דער מאַן אירער נעמט זיך פון קיין זאַך נישט צום הארץ, נישט וועגן די קינדער, נישט וועגן דער בעקעריי, און האָט נאָר אין זינען זיינע גראַמען, חכמהלעך און נאַשערייען, אזוי איז זי, שפּרינצע, תמיד פאַראומערט, פאַרצוקט, פול מיט מורא און חשד אויף אַלץ און אַלעמען. פון שטענדיקן האָבן און זויגן, איז זי אַרויס פון די פּאָרמען. די ברוסטן הענגען ביי איר אין טאָרבעס אויפן אונטערגעהויבענעם בויך; די פיס זענען ביי איר צענומען; דאָס מויל — ברייט און אָפן פון אויקעכצן, קרעכצן, טענות האָבן, מוסר זאָגן און שילטן. זי קען נישט טראָגן אויף איר קאָפּ די גרויסע שטוב, די פיל קינדער, וואָס זי האָט גע-בראַכט אויף דער וועלט און וואָס פילן אָן דאָס הויז, פון גאָר גרוי-סע, ביז מיטעלע, קליינע און פּיצעלעך. זיי טוען נישט, וואָס זי וויל און ווי אזוי זי וויל, זיי לעבן זייער אייגן לעבן, גאָרנישט אומקוקנדיק זיך אויף איר, דער מאַמען. שווערער פון אַלץ איז פאַר איר דאָס זויג-קינד, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער עלטער, ווען זי האָט שוין אַלע ווייבערישע חשבונות אויפגעגעבן. זי מוז אָפּט אַרויפקומען אָנזויגן דאָס עופהלע, באַשיטן עס, פאַריכטן דאָס וויגל, און זי איז מלא-רציחה אויף יאַנטשען, וואָס האָט איר אויף די עלטערע יאָרן מיט נאָך א מיזינקל מכבד געווען. זי הערט נישט אויף צו שילטן, ליגנדיק איבערגעבויגן מיט דער טאָרביקער ברוסט איבערן מיילכל פון קינד אין וויגל.

— יאַנטשע, באַגראָבן זאָל איך דיך, הער אויף צו באַלאַמוטשען שיינדלען, איך דאַרף זי האָבן, זי זאָל מיר איינשלעפערן דאָס קינד אין וויגל.

ווי האָסטיק זי גיט דעם קינד איר ברוסט, אַזוי האָסטיק גיט זי זי אַ צי אַרויס פון קינדס מיילכל אין סאַמע מיטן זויגן.

— גענוג, זיי נישט קיין חזיר, — רעדט זי צום וויינענדיקן קינד, צושפיליענדיק די בלוזקע, — שיינדל וועט דיך איינוויגן.

שיינדל וויגט האָסטיק דאָס וויינענדיקע קינד, וואַרפנדיק מיט דער וויג אַזוי הויך, אַז זי דרייט זי שיער נישט איבער. אַלע פּיאַס־קער לידער, וואָס זי קען, זינגט זי, אָבער דאָס קינד וויל נישט איינ־שלאָפן און רייסט זיך אין געוויין. אַז עס ווערט שוין גאָר אַנט־שלאָפן, הויבן די גרעסערע קינדער אָן צו טומלען. די אינגלעך פון די חדרים און די מיידלעך פון שקאָלע קומען צולויפן טומלדיקע, אויס־געהונגערטע ווי די וועלף.

— שיינדל, עסן! — רופן זיי.

וויפיל „מוציאָס" ברויט מיט פּוטער שיינדל שמירט נישט אָן פאַר זיי, איז זיי אַלץ ווייניק. זיי פאַרשלינגען עס איידער מען קוקט זיך אום. נאָך אויסגעהונגערטער פון זיי פאַלן אַריין די דערוואַק־סענע זין. זיי אַרבעטן נישט ביים פאָטער אין דער בעקעריי. זיי אַר־בעטן אין געשעפטן און זיי גייען אויסגעפּוצטע, מיט ווייסע קעל־נערלעך, קליינע שניפּסלעך און מיט שטאַרק אָפּגעפּוצטע גלאַנציקע שיך. זיי זענען זייער גדולדיק ביי זיך מיט זייער אויסגעפּוצט־קייט און זיי בלאָזן פון זיך כסדר דעם שטויב פון מעל, וואָס האַלט זיך אין דער שטוב.

— שיינדל, עסן, כ'האָב נישט קיין צייט! — רופן זיי.

שיינדל פּרעגלט אייער אין גרויסע בראַט־פאַנען, שטעלט אָן טעפּ מיט פּוטער אויפן טיש, קווישעלעך בייגל. די חברה פאַרצערט אַלץ. פּונקט אַזוי האַלטן זיך אין איין שאַפן מיט איר די געזעלן פון דער בעקעריי. אַ גאַנצע נאַכט באַקן זיי. פאַרטאָג ליגן זיי זיך שלאָפן אויף די זעק מעל. אין מיט־טאָג הויבן זיי זיך אויף מידע, נישט דערשלאָפענע און מיט זויערע געמיטער. אין די אונטער־הויזן, מיט פאַפּירענע מיצלעך אויף די פאַרמעליקטע קעפּ, קומען זיי אַריין אין שטוב אָפּעסן און זיי האַלטן אין איין פאָדערן פון שיינדלען, זי זאָל זיי צוטראָגן צום טיש. פון אַלע זייטן רופט מען זי:

— שיינדל, גיס צו אין טעלער אריין, זשאַלעווע נישט.

— שיינדל, צופּיל זאַלץ האָסטו אָנגעשאָטן, מוזט זיין פאַר־ליבט.

— שיינדל, דערלאַנג פעפער.

שיינדל מיידט אויס צוצוגיין נאָענט צו די פאַרמעליקטע געזעלן, אבער זיי פּאַקן זי שוין, ווי ווייט זי זאָל זיך נישט אויסהיטן. זיי האַלטן זי אין איין אויסשמירן מיט די פאַרמעליקטע הענט. שיינדל ווישט מיטן פאַרטוך די סימנים פון פאַרמעליקטע פינגער אויף די רויטע פלאַמענדיקע באַקן און די טעלער פאַלן איר פון די הענט. די געזעלן לאַכן.

— מזל־טוב! — ווינטשן זיי איר, ווען זי בלייבט שטיין א דערשראָקענע, באַטראַכטנדיק די שאַרבנס פון דער צעבראָכענער כלי, — מערטשעם צו א ברית.

און אפילו ביינאַכט, ווען זי לייגט זיך אין איר אייזערן בעטל אין ווינקל קיך, האָט זי קיין רו נישט אויף איר שמאָל געלעגער. מען האַלט זיך אין איין דרייען דאָ גאַנצע נעכט. קיינמאָל איז דאָ קיין רו נישטאָ. אָדער דער באַלעבאָס אליין קריכט אַראָפּ אין דער בעקעריי אין מיטן נאַכט, צו כאַפּן א בליק צו דער אַרבעט, ווי זי גייט; אָדער די זין זיינע קומען שפּעט ביינאַכט פון זייערע שפּאַצירן און זיי צינדן אָן דעם גאַז און זוכן עסן אין די טעפּ. א סך מאָל קומען די געזעלן אריין אין מיטן דער נאַכט, נעמען הייוון, וואָס די באַלעבאָסטע האַלט פאַרשלאָסן אין שטוב. שיינדל דעקט זיך איבער איבערן קאָפּ, אבער די יונגען פאַרטשעפּען זי דורכגייענדיק. שיינדל איז דערשראָקן פאַר די מענער, וואָס דרייען זיך אין איר קיך; זי איז אומרואיק און נייגעריק צוזאמען. אָפטמאָל קומט דער באַלעבאָס אליין אריין אין דער אונטערוועש אין קיך און דרייט ביים קראַן וואַסער לאַנג און אומגעשיקט. פון שלאָף־שטוב שרייט שפּרינצעס הייזעריק קול:

— יאַנטשע, וואו ביזטו?

— איך טרינק וואַסער, — ענטפערט יאַנטשע — ס׳דאַרשט מיך.

— שוין, ס׳איז דיר שוין אָנגעקומען דאָס טרינקעניש, —

רופט שפּרינצע מיט אומצוטרוי. — ווי נאָר מען נעמט צו א ניי מיידל אין שטוב, הויבט אים אָן דאַרשטן אין די נעכט!

שיינדל הערט אויס דאָס טשאַפּען פון באַלעבאָס איבער דער פאַרלאָגע און טוליעט זיך איבער מיט דעם איבערבעטל איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרשטעלן פאַר אַלע, וואָס לאָקערן אויף איר אין דער נאַכט.

פון וויגל הערט דאָס עופהלע נישט אויף צו וויינען און רייסן זיך.

## קאַפּיטל צען

שטאַרקע פרעסט, ברענענדיקע, האָבן אויסגעשפּיזט די דאַרע נאַקעטע צווייגן פון די בוימער אַרום די פּיאַסקער וועגן. געפרוי-רענע שפּערלינגען האָבן מיט שטייפע פליגל געפלאַטערט אין אייז-באַדעקטע געפרוירענע שייבעלעך, מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין די שטובן. קראָען האָבן פאַרעקשנט זיך געטשעפּעט צו חזירשע רוקנס, זוכנדיק שפּייז און וואַרימקייט. די געפרוירענע טייכלעך, די איינגעשרומפּענע בוימער, די האַרטע ערד, אַלץ האָט געקנאַקט פון קעלט און פראָסט. דער הימל איז געווען ברוין און בלוי. פון פּויערישע וואָנצעס האָבן שטיקער אייז נאָכגעהאַנגען, פון פערדישע מיילער האָבן אייז-צעפּ, ווי וואָנצעס, זיך נאָכגעשלעפּט. נאָך די פרעסט האָבן שנייען גענומען דרייען, שנייען געדיכטע, פעטע, וואָס כאָטש דער ווינט טרייבט זיי, פאַרטרייבט ער זיי נישט, נאָר שיט זיי אָן אומעטום, אויף ערד און בוימער, אויף דעכער און צלמים. איבערנאַכט זענען פּויערישע הייזלעך געוואָרן פאַרשאָטן, טירן פון כאַטעס פאַרשטעלט. הינט האָבן זיך אַזוי פאַרשטעקט אין זייערע בודעס, אַז זיי האָבן אפילו נישט אָנגעשפּיצט די אויערן צו פרעמדע טריט. קיינער איז נישט געגאַנגען איבער די ווייסע פאַר-שאָטענע וועגן.

אין מאַטעסעס הייזל אין הקדש-געסל איז געווען קאַלט, נאַס און הונגעריק. יעדן פאַרנאַכט אויפסניי האָט מאַטעס געזוכט אין

קליינעם צעריסענעם לוחל, צו זען וואָס פאר א וועטערן עס דארפן קומען. דער לוח האָט געשריבן „טבת—לינד" און מאַטעס האָט גע-ווארט, עס זאָל זיך אויסלייטערן; אָבער די שנייען האָבן גאָרנישט אויפגעהערט. ווי פון א לעבעדיקן הימל האבן זיי זיך געשאָטן. די קליינע שייבעלעך פון שטיבל זענען געווען אזוי באַדעקט מיט פלאַכ-טעס שניי, אז די ליכט איז דורך זיי קוים דורכגעגאַנגען. דער ווינט האָט אויך אריינגעטריבן דעם שניי דורך דער לויזער טיר און אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע אים צעלייגט. אַלע מאָל אויפסניי האָבן די מיידלעך אין שטוב אים אוועקגעקערט מיט א בעזים, אָבער באַלד האָט אים דער ווינט ווידער אָנגעיאָגט. דער נידעריקער באַלקן האָט געדרונען פון פייכטקייט, געשווילט און געבויגן זיך. פון דער שווע-רער שניי-משא האָט דער לעבעדיקער דאַך זיך אראָפּגעזעצט און חשק געהאט איינצופאַלן. מאַטעס האָט אַלע ווײַלע אויפסניי גע-עפנט די טיר, וואס איז פארשפּאַרט געווען מיט ווייסקייט, און ארויסגעקוקט אויף דער גאַס.

— גאָט געטרייער, — האָט ער געבעטן צום נידריקן שיטנ-דיקן הימל — זיי זיך מרחם.

אָבער דער נידעריקער הימל האָט אַלץ געשאָטן און געשאָטן. דער ווינט האָט געפייפט, געריסן, געדרייט מיט די שנייען.

נחמן איז נישט געגאַנגען אין חדר. ער האָט נישט געהאט קיין שיך. ער איז א גאַנצן טאָג געלעגן אין בעט און מיט א מעסער גע-שניצט אין קאָרע. כאָטש אין שטוב איז געווען קאַלט און הונגע-ריק, האָט ער הנאה געהאט פון ליגן אין בעט און נישט גיין אין חדר. ער האָט געשפּילט זיך מיט זיך אליין. פון די שטיקלעך קאָרע האָט ער אויסגעשטעלט זעלנער אויפן צעריסענעם איבערבעט, איין ארמיי קעגן דער אנדערער, זיי זאָלן זיך שלאָגן. אין מיטן דער ארבעט האָט ער אַלע ווײַלע געכאַפּט א זייטיקן מוראדיקן בליק צו דער מומע, צו זען אויב זי וועט אים נישט ווארפן עפּעס אין קאָפּ דערפאר וואס ער ליגט אין בעט בייטאָג. די שוועסטערלעך זענען ארויסגעגאַנגען פאר דער טיר, צום האָלץ-קעמערל, כדי אויסצוגע-פינען אביסל שפּענער, אבער דאָס קעמערל איז געווען פארשאָטן. זיי זענען צוריקגעקומען מיט רויטע געפרוירענע הענט פון לאנגען

גראבלען אין צונעפרווירענעם שניי און געטאנצט איבער דער ליי־מענער פאדלאגע פון קעלט און ווייטאג. די קעלט איז זיי פאר־גאנגען אונטער די נעגל, אויף די ווינטערביילן פון די פיס.

חוה, רויטער ווי שטענדיק, אנגעטאן אין פליושענעם יום-טוב-דיקן זשאקעט מיט די פאטשערקעס און בופן-ארבל, האט זיך ארומ־געשארט ביי דעם אויוון, פון וועלכן אפילו די פרייסן זענען אוועק צוליב דער קעלט, און געריבן מיט רציחה די ליידיקע שווארצע טעפ. איבער די עטלעכע וואכן פרעסט און שנייען איז אלץ אויסגעגאנגען אין שטוב. עס איז נישט געווען מער קיין קארטאפל, קיין ארבעס, קיין ביסל מעל. אויך די אנגעגרייטע קארע און שפענער זענען געווען אויסגעברענט. גארנישט איז געווען אין שטוב, חוץ דער נויט. מאטעס איז געזעסן אויף א שפיץ באנק, ווי אין א פרעמדער שטוב, און מורא געהאט צו רעדן אווארט צו חוהען. יעדער קנאק, וואס זי האט געגעבן מיט די ליידיקע טעפ, האט געטרייסלט מיטן הענגענדיקן נאפט-לעמפל.

— וואס האט עטץ זעך אוועקגעזעצט אלע ווי אויף א חתונה?

— האט זי געשריען צו די מענטשן אין שטוב, כאטש עס איז גאר־נישט געווען וואס צו טאן.

מאטעס האט זיך אויפגעהויבן פון דער באנק. כאטש דער שניי איז געלעגן ביז די פענסטערלעך, האט ער געלאזט זיך אין וועג צו די דערפער מיטן זאק, כדי אהיימצוברענגען ברויט אין שטוב. ער האט ארויסגעשלעפט בינטלעך שטרוי פון זיין בעט, אריינגעלייגט דאס שטרוי אין די שטיוול, מיט צעריסענע זעק די שטיוול ארומ־געהילט, מיט שטריקלעך און דראט ארומגעבונדן. ער האט אנגעטאן די שבתדיקע קאפאטע אונטער דער וואכעדיקער, ארומגעגארטלט די לענדן מיט א רימען, מיט א פאטשיילע די אויערן און די באקן ארומגעבונדן, ארויסלאזנדיק די צעקנייטשטע שווארצע באָרד פון פארנט, און מיט א גרויסן שטעקן אין האנט געלאזט זיך אין וועג. חוה האט אויף אים געקוקט מיט שלעכטע אויגן.

— וואו גייסטו, אקס? דער שניי וועט דיך פארשיטן אין וועג, — האט זי געברומט.

די קינדער האָבן אים באַווײנט.

— טאַטע, גײ נישט, — האָבן זײ אים געצויגן בײ די פּאָלעס פון די עטלעכע קאַפּאָטעס. — מיר האָבן מורא.

אָבער מאַטעס האָט געטאָן זײַנס.

— גאָט איז א פאָטער, — האָט ער גערעדט מיט האַרץ. — איך וועל פאַרנאַכט צוריקקומען מיט שפּײַז.

נחמן האָט צוגעקלעפּט זײַנע שוואַרצע אויגן צו א שטיקל שויב, וואס דער ווינט האָט אָפּגערײַניקט, און נאָכגעקוקט דעם טאַטן זײַנעם, ווי ער קריכט אין שנײ.

— ער גײט, — האָט ער גערעדט צו די שוועסטערלעך אין שטוב — ער ווערט קלענער, קלענער, אָט נאָך א שטיקעלע זע איך. שוין, פאַרשוואונדן.

די מײדלעך האָבן געזיפצט.

— גאָט אין הימל, ער זאָל נאָר דערגײן.

מאַטעס האָט דורכגעשאַרט די שטאָט, אַרויס צו די לעצטע הײַזלעך. אָבער ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום ערשטן צלם, בײַם שײד-וועג, זענען די אָפענע ווינטן אים באַפאַלן מיט א פײַפערײַ און אים געשטעלט זיך אין וועג. מאַטעס האָט זיך געשניטן אין די ווינטן, דורכגעבראָכן זײ א ווײַלע. אָבער באַלד האָט אים א ווינט אין א זײַט א יאָג געטאָן און אים אין שנײ אַרײַנגעוואָרפן. וואָס מער ער האָט געוואָלט אַרויס פון דער ווײכקײט, אַלץ מער איז ער געזונקען. מיט גרויס מי האָט ער זיך פון דער קאַלטער מאַסע אַרויס-געשלעפּט און ווײטער געשניטן זײַן וועג. אָבער די ווינטן האָבן אים האַרטע געפרוירענע שנײעלעך, ווי גרײַפּלעך, גענומען שיטן אין די אויגן, בריען און שטעכן. מאַטעס האָט געמוזט פאַרמאַכן די אויגן און גײן אויף גאָטס באַראָט. באַלד האָט ער פאַרלוירן יעדן שפּור פון וועג און מורא געהאַט א טריט צו שטעלן. ער האָט נישט געוואוסט וואו עס איז וועג, וואו גריבער, וואו פעלדער. אַלץ איז געווען אײן ים פון ווײסקײט. די שײַנענדיקע זון האָט געבלענדט אין די אויגן. אַלײן נישט וויסנדיק ווי אַזוי, האָט מאַטעס פּלוצלונג דערפילט בײדע הענט צוגעטוליעט צו א צלם. דער ווינט האָט אים גלײַך צום צלם צוגעטראָגן. מאַטעס האָט פאַרלײגט די הענט צו די

אויגן פאר דעם ווירבל, זון און בלענדעניש און געקוקט אין ווייס-קייט. ער האָט געוואָלט דערזען עפּעס א גייער, אָדער א שליטן, וואָס זאָל אים ווען מיטנעמען א שטיקל וועג, אבער קיינער איז נישט געווען. אפילו קיין פויגל האָט נישט געצייכנט זיך אין דער בלענדענדער ווייסקייט.

— רבונו של עולם! — האָט מאַטעס געמורמלט צום בלענ-דענדן נידעריקן הימל איבער זיך — טאַטע געטרייער אין הימל, פארלאָז מיך נישט!

נאָך עטלעכע מינוט באטראכטן די געגנט, האָט ער פּרובירט ארויסקומען אויף א וועג. מיט די פיס האָט ער די באַקאַנטע וועגן דערטאַפּט. דער ווינט האָט א ווײַלע אָפּגעלאָזט, געבלאָזן נישט פון פאָרנט, נאָר פון הינטן אין פּלייצע און אונטערגעטריבן מאַטעסן אין וועג. פּלוצלונג האָט ער א מענטש דערזען אים אנטקעגנקומען, נאָר קיין פּנים איז נישט געווען צו זען. דער שעפּסענער קאָלנער פון פּעלץ איז געווען הויך באַשאָטן מיט שניי. אבער פון דער ביקס, וואָס האָט געהאנגען איבער דעם מענטשס פּעלץ, און פון דער הויי-כער געשטאַלט, האָט מאַטעס דערקענט דעם וואַלד-וועכטער, ביי וועלכן ער פלעגט נישט איינמאָל קויפן א געשאָסן העזל.

— גוט מאָרגן, הער, — האָט מאַטעס געזאָגט אין פּויליש.

דער מאַן מיט דער ביקס האָט אָפּגעשאָקלט דעם שעפּסענעם קאָלנער, אויסגעריבן דאָס פּנים פון שניי און א פּאָר גרינע אויס-געסטאַרטשעטע אויגן אויף מאַטעסן אָנגעשטעלט.

— יעזוס מאַריא! — האָט ער געזעצט אַן ערשטוינטער. — וואוהין קריכסטו דאָס, איד, אין אזא פארשאָלטן וועטער?

— קיין וואָולקע-לעשנע גיי איך, גוטער מענטש, — האָט מאַטעס געזאָגט, — אפשר וועל איך קריגן אביסל שפּייז פאר מיין ווייב און קינדער. גאָרנישט איז דאָ אין שטוב.

דער וואַלד-וועכטער האָט געשאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ, אז אַלע שנייעלעך האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין שפּיציק שעפּסן היטל.

— ביזטו משוגע געוואָרן? — האָט ער אים געפרעגט. — וועסט נישט דערגיין.

מאַטעס האָט אונטערגעבונדן שטייפער דעם רימען ארום די לענדן.

— גאָט וועט מיך באַשיצן, — האָט ער געזאָגט.

דער גוי האָט געהויבן מיט דיברייטע אַקסלען.

— ווילסט גיין, גיי! — האָט ער געזאָגט. — אָבער דו וועסט פאַרפאַלן ווערן. וועלף וועלן דיך אויפעסן.

— וועלף? — האָט מאַטעס געפרעגט א דערשראָקענער.

— וועלף, — האָט דער מאַן מיט דער ביקס געזאָגט, — גאַנצע סטאַדעס לויפן זיי ארום, וואָיען ווי די הינט פון הונגער.

מאַטעס האָט אויסגעדרייט זיך צוריק, צום ווינט וואָס האָט געבלאָזן פון פּיאַסק. ווי אַ אינגל, וואָס אַנטלויפט פֿון דער היים און מוז זיך באַלד צוריקקערן, איז ער געגאַנגען א פאַרשעמטער צוריק אהיים. שטיל האָט ער זיך אין שטוב אריינגעשאַרט.

— נו, חכם מיינער, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט חוה אים געגעסן.

די קינדער האָבן געלויכטן מיט פרייַלעכע הונגעריקע אויגן.

— טאַטע, — האָבן זיי זיך געפרייט, — גוט וואָס דו ביזט געקומען.

מאַטעס האָט אָוועקגעלייגט דעם זאַק און אָפּגעבונדן די פּאַטשיילע פון די אויערן. ער האָט ארומגעקוקט יעדן ווינקל, געזוכט עפּעס אַ זאַך, וואָס מען זאָל קענען פאַרמשכונען פאַר עטלעכע גילדן, אבער עס איז גאָרנישט געווען. די קליינע מעשענע לייכטערלעך זענען שוין געווען פאַרזעצט.

— וואָס טוט מען? — האָט ער געברומט צו זיך אליין.

חוה האָט אַ קנאַק געטאָן מיט אַן אייזערנעם טאָפּ און ביידע בופען-אַרבל פון איר יום-טובדיקן פליושענעם זשאַקעט אויסגעשטעלט אין דער ברייט, ווי אַ פּאָר שוואַרצע פליגל.

— בעטלען גיי! — האָט זי געשריען — איבער די הייזער!

מאַטעסעס אויגן זענען געוואָרן דאָפּלט גרויס.

— חוה! — האָט ער געמורמלט.

חוה האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין די זייטן.

— ד י י נ ע ממזרים זענען זיי, — האָט זי געוויזן אויף די

קינדער, — נישט מיינע. גיי איבער די הייזער און ברענג ברויט פאר זיי. צו די באַלעבאַטים גיי און בעטל . . .

מאַטעס האָט אָנגעקוקט צוערשט זיין ווייב, דערנאָך די קינדער, און גענומען אין דער האַנט דאָס זעקל, מיט וועלכן ער האָט פריער געלאָזט זיך אין די דערפער.

— מסתמא איז דיין ווילן אַזוי, — האָט ער געזאָגט צו דער צעריסענער מזוזה, וואָס ער האָט געקושט פאַרן אַרויסגיין פון שטוב.

ער איז אַרויס פון מאַרק. ביי דער ערשטער קראָם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נישט געהאַט די דרייסטקייט אַריינצוגיין. נאָך לאַנגען וואַרטן, האָט ער אָנגעדריקט די פאַרפרוירענע קלאַמקע און געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— וואָס ווילט איר, ר׳ איד? — האָט די קרעמערקע, איינגעהילט אין עטלעכע פאַטשיילעס, אים געפרעגט.

ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף זאָגן — שענקט אַ נדבה — נאָר אַנשטאָט דעם האָט ער געפרעגט, צי איר מאַן איז נישטאָ.

די אידענע האָט מער אָפּגעדעקט דאָס געפרוירענע פּנים פון די איינגעהילטע פאַטשיילעס.

— איר זענט, דאַכט זיך, פון הקדש געסל — האָט זי געברומט, — וואָס דאַרפט איר עפּעס מיין מאַן?

מאַטעס האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— כ׳על קומען ווען אייער מאַן וועט זיין — האָט ער געברומט אַרויסגייענדיק גיך — אַ גוטן טאָג.

ער איז צו די שכנישע קראָמען מער נישט געגאַנגען. ער האָט אַרומגעשלעפּט זיך מיטן ליידיקן זעקל אויף דעם אַקסל פון גאַס צו גאַס, אָפּגעשטעלט זיך ביי די לאַמטערנעס. די קעלט האָט געקלעפּט צו זיינע נאַסע זעק אַרום די שטיוול. נאָך מנחה און מעריב איז ער אַריין צום רבס הויז אין שול-געסל. ער האָט פון פאַס וואַסער, וואָס שטייט אין גרויסן פינסטערן פּעדערהויז, אָנגעשעפּט אַ גרויסן קופּערנעם שעפּער און אויסגעטרונקען היפּש דערפון, נאָס צו מאַכן זיינע אויסגעטריקנטע געדערים און האַלז. דערנאָך האָט ער לאַנג אָפּגערייניקט דעם שניי פון די פיס און שטיל און הכנאהדיק אַריין אין בית-דין שטוב.

— גוטן אָוונט, רבי, — האָט ער געזאָגט ביי דער טיר, — זייט מוחל.

דער רב האָט אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טיי, וואָס ער האָט געטרונקען, און ארויסגעבויגן דעם קאָפּ פון דער טיפער לעדערנער פאָטערשטול, כדי צו זען ווער עס קומט.

— גוטן אָוונט, ר׳ מאַטעס, — האָט ער געזאָגט, — ברוך-הבא.

דאָס וואָס דער רב האָט אים דערקענט, ביים נאָמען אים אָנגערופן, מיט א „רב״, און נאָך מיט א ברוך-הבא, האָט אָנגעפילט מיט ווארימקייט זיינע געפרוירענע גלידער. ער האָט זיך דערפילט היימישער.

— כ׳האָב לעבער אין די שטיוול, כ׳על נאָך אויסשמירן די פאָדלאָגע מיט וואסער — האָט ער געזאָגט — כ׳על שטיין ביי דער שוועל, רבי.

דער רב האָט ארויסגעדרייט העלער דעם הענגענדיקן נאפט-לאָמפּ איבערן טיש.

— קומט צו צום טיש, ר׳ מאַטעס — האָט ער אים געזאָגט — זעצט זיך, דאָ אויף דער באַנק.

מאַטעס איז מיט אומהערבארע טריט פון זיינע ארומגעבונדענע שטיוול צוגעגאנגען צו דער ברייטער באנק לענגאוים דעם טיש און זיך אוועקגעזעצט אויף א ברעג.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס, ר׳ מאַטעס? — האָט דער רב אים געפרעגט.

מאַטעס האָט געשוויגן. דער רב האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט א ווייל און נאָכאמאָל געוואָלט אים איבערפרעגן. באלד האָט ער פארקאשערט דעם קאפּעליוש איבערן שטערן און צוגעגאנגען צום זידענדיקן סאמאָוואר אויפן טיש.

— טרינקט א גלאָז ווארעמס, ר׳ מאַטעס — האָט ער אים געזאָגט, אָנגיסנדיק א גלאָז טיי.

מאַטעס האָט מיט ציטערנדיקע שטייפע פינגער פוןביידע געפרוירענע הענט אָנגענומען דאָס הייסע גלאָז טיי, אבער אנשטאָט טרינקען האָט ער גאָר גענומען וויינען אויפן קול.

— רבי, — האָט ער געשלוכצט ווי א אידענע.

דער רב האָט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף מאטעסעס אקס-לען און אים געגלעט.

— גאָט וועט זיך מרחם זיין, — האָט ער געזאָגט — פאַר-לירט נישט דעם בטחון, ר׳ מאטעס.

שווייגנדיק איז ער ארויס פון בית-דין שטוב דורכן פעדער-הויז צו דער קיך און באלד צוריקגעקומען מיט א ברויט אונטער דער סאַמעטענער פאָלע.

— קיין געלט האָב איך נישט — האָט ער געזאָגט — נעמט דאָס ברויט, ר׳ מאטעס, און טראָגט עס אהיים צו אייער ווייב און קינדער.

מאטעס האָט נאָך העפטיקער געשלוכצט. זיינע אקסלען האָבן געציטערט.

— רבי, — האָט ער געהעשעט — כ׳האָב אלעמאָל געלעבט פון יגיעת-כפיים.

דער רב האָט אים אריינגעלייגט דאָס ברויט אין זאַק אריין.

— איר וועט מיר אָפּגעבן א ברויט, — האָט ער געזאָגט — ס׳איז נישט, חלילה, קיין נדבה, נאָר א גמילת-חסד.

מאטעס האָט אויסגעווישט מיט דער פארפרוירענער פאָלע די טרערן פון די אויגן און ארויס פון בית-דין שטוב. ער האָט גע-איילט אהיים. פאר דער שוועל נאָך האָט ער דאָס ברויט פון זאַק ארויסגענומען.

— עס און גיב די קינדער, חוה — האָט ער געזאָגט צום ווייב און אליין פארשטעקט זיך אין א ווינקל.

חוה האָט באטראכט דאָס ברויט, וואָס האָט אויסגעזען ווי א היימיש געבאַקענס, נישט ביי א בעקער געקויפט, און אָפּגעשניטן עטלעכע מוציאס דערפון פאר אלע קינדער. ווען זי האָט געהאלטן אין אָפּשניידן א מוציא פאר זיך, האָט זי פּלוצלונג א וואָרף געטאָן מיט כעס דאָס האלבע ברויט אין דער ערד, צופוסנס מאטעסעס זעק ארום די שטיוול.

— כ׳דארף דיך אויף כפרות מיט דיין בעטל-ברויט — האָט זי געשריגן — כ׳גיי צוריק אויף די זאמדן.

מיט האסטיקן צאַרן האָט זי גענומען וואַרפן די קישנס פון איר בעט און איינפּאַקן זיי אין טישטוך, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט נאָך דער חתונה. מאַטעס האָט געקוקט אויף איר, ווי א געשלאָגענער הונט קוקט אויף זיין באַלעבאָס.

— חוה, — האָט ער געבעטן — זיי מיך נישט מבייש.

חוה האָט גיך פאַרפּאַקט אין טישטוך אַלע שמאַטעס אירע, פאַרבונדן מיט א קנופּ און אַרויס מיט א טאַראַראַם פאַר דער טיר. זי האָט געמאַכט קולות, אַז אַלע שכנים זאָלן הערן.

— כ'האָב דיך אין דער ערד מיט דיינע ממזרים צוזאַמען! — האָט זי געוואָלדעוועט. — כ'על גיין אויף א שטעלע, וועל איך וויניקער אַרבעטן און האָבן צו עסן.

מאַטעס האָט פּרובירט ביי איר צונעמען דעם פּאַק.

— וואו וועסטו זיך איצט שלעפּן אויף די זאַמדן, אין אַזא שניי? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרהאַלטן.

מאַטעס איז געבליבן זיצן אין ווינקל א חושכער ווי די שאָטנס אין שטוב. ער האָט זיך געשעמט פאַר די אייגענע קינדער.

„שמע ישראל" — האָט ער געזאָגט הויך קריאת-שמע פאַרן שלאָפן גיין. ער האָט מיט אַזא טרויער געצויגן דעם „אחד", אַז די גריל האָט אַזש אויפגעהערט קלאַגן.

צומאָרגנס איז שמואל-מאיר, דער שמש פון הקדש, געקומען און געדיכט געריכערט די לעצטע שטיקלעך פון א מאַכאָרקע-פּאַפּיראָס.

— צו פּאָליציע גיי, מאַטעס, און ברענג זי אהיים, — האָט ער געזאָגט. — א ווייב טאָר נישט אַנטלויפן. אַזוי איז די „פּראַווע".

שכנטעס זענען אַריינגעקומען אין שטוב, געשמאָרעט מיט די נעזער און געטרייסט:

— זאָרגט זיך נישט, ר' מאַטעס, זי וועט צוריקקומען, דער אוצר...

נחמן איז געזעסן אין בעט און געשעמט זיך מיט זיין טאַטן, וואָס ברענגט אים א גאַנץ לעבן בושה אויף זיין קאָפּ — אין שטוב, אין שול, אין חדר, צווישן מענטשן, אומעטום.

ער האָט געהאַסט דעם טאַטן זײַנעם, וואָס ער האָט אים ליבער געהאַט פון אַלעם אין דער וועלט. טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַזוי ליב געהאַט, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס ער ברענגט אויף זיך אַזוי פיל חרפּות און בושות.

מאַטעס האָט געקוקט דורך די שייבעלעך צום הימל און גע-קנייטשט דעם שטערן.

— דאַכט זיך, אַז דער אויבערשטער האָט רחמנות געקראָגן און עס לייכט זיך אויס, — האָט ער נביאות געזאָגט.

## קאַפּיטל עלף

אַז נחמן איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר און געדאַרפט אָנהויבן לייגן תפילין מיט אַ יאָר פריער, צוליב זײַן יתומשאַפט, איז מאַטעס אַוועקגעגאַנגען צום רב, האַלטן זיך אַן עצה, וואָס צו טאָן מיטן אינגל.

מאיר מלמד האָט שטאַרק געלויבט נחמנען, אי צוליב דעם קאָפּ, וואָס ער לייגט-צו צו תורה, אי צוליב זײַן דאַוונען, וואָס ער היט אָפּ, זאָגט יעדער וואָרט באַזונדער, גאָרנישט אָפּכאַפּנדיק און איבערהיפּערנדיק, ווי אַנדערע אינגלעך טוען. און מאַטעסן איז אַ שאָד געווען אַוועקצורייסן אים פון דער תורה און מיטנעמען אים איבער די דערפער מיט זיך. ניין, ער האָט נישט געוואָלט מאַכן פון זײַן זון דאָס, וואָס ער אַליין איז, אַ דאָרפס-גייער, אַ געמיינעם מאַן, וואָס נישט ער האָט די וועלט, נישט ער וועט האָבן יענער וועלט, אָן תורה און אָן אידישקייט. ער האָט געוואָלט מאַכן פון אים אַ למדן, אפשר אַ רב. גייענדיק געבויגן מיטן זאַק איבער די דערפער, געיאָגט פון הינט און אָפּגעשפּאָט פון שקצים, האָט ער באַצייטנס געחלומט וועגן זײַן נחמנען, געזען ווי ער וואַקסט אויס אַ למדן אַ בחור, ווי ער ווערט אַ חתן פאַר אַ באַלעבאַטישער טאָכ-טער. אויף דער חתונה גריבלט און שווימלט מיט אידן נגידים, אַטלעסענע קאַפּאָטעס. דערנאָך ווערט נחמן אויפגענומען פאַר אַ

רב אין א שטאָט. אַלע אידן גייען אים אנטקעגן מיט הבדלות און מיט קלעזמער. אַלע גיבן אים כבוד אָפּ. דער זון, אין שטריימל און אין זיידענע מלבושים, האלט א דרשה אין שול, אַלע אידן זענען נתפּעל פון זיין דרשה. ער, מאַטעס, שטייט ביי דער טיר און הערט זיך צו. מיטאַמאָל פרעגט מען, ווער איז דער איד ביי דער טיר. עמיצער דערקענט אים און זאָגט, אז דאָס איז דעם רבס פאָטער. קומען די באַלעבאַטים אראָפּ פון דער מזרח-וואנט און פירן אים ארויף צום בעלעמער און זאָגן, אז דאָס איז דער פאטער, וואָס האָט אזא גרויסן זון געבוירן, און מען בענטשט אים און מען טוט אים אָן כבוד, און מען איז אים מקנא. און ווייבער אין ווייבער-שול קוקן אראָפּ צו אים פון די קליינע פענסטערלעך און זיי בענטשן זיך מיט אים, אז אויך זיי זאָלן געבוירן זייערע מענער אזעלכע זין, ווי נחמן איז. און דערנאָך, אויף יענער וועלט, אז ער קומט, און דער שלעג-טער מלאך קומט צו זיין קבר מיט א פייערדיקער רוט און הויבט אָן שרייען און צאָרנען: פארוואס האָסטו קיין תורה נישט געלערנט און פארוואָס האָסטו קיין אידישקייט נישט אָפּגעהיט, נייערט דו האָסט עוסק געווען אין אייטלקייט און אין שטותים און דיין לעבן פארבראכט צווישן ערלים, דעמאָלט שטעלט זיך אוועק זיין זון אין שול און זאָגט קדיש נאָך אים, און די גוטע מלאכים קומען און שרייען אָן אויף דעם בייזן מלאך און זאָגן: דער מאן האָט זיין זון מגדל געווען צו תורה און צו מעשים טובים, וואָס דאָס איז גע-גליכן ווי ער וואָלט אליין תורה געלערנט. און דער בייזער מלאך ווערט פארשעמט און שטום. און די גוטע מלאכים נעמען אים אונ-טער די הענט און פירן אים אריין אין גן-עדן, וואָס איז פון לויטער גינגאָלד און טייערע איידלשטיינער, און זיי זעצן אים אוועק אויף א גאָלדענעם שטול צווישן אַלע צדיקים און גרויסע לייט. און ווען די צדיקים פרעגן: ווער איז דער פּראָסטער מאן, וואס האָט די העזה צו זיצן מיט אונז? ענטפערט א בת-קול, אז דאָס איז מאַטעס דער דאָרפס-גייער, וואס כאָטש ער איז א געמיינער מאן, האָט ער מגדל געווען א זון א למדן און א צדיק, און דערפאר איז ער ווערט צו זיצן צווישן די גרויסע לייט...

אין איינעם א שבת-צו-נאַכט האָט מאַטעס אָנגענומען זיין

נחמנען ביי דער האנט און מיט אים געגאנגען צום רב אין שול-נעסל. ער האָט מיט דעם שווערן קופערנעם שעפער אין פעדער-הויז אָפּגעגאָסן די הענט, ווי אין א שול, אויך נחמנען געהייסן דאָס טוען, און געקושט די מזוזה נישט מיט דער האנט, ווי אנדערע טוען, נאָר מיטן מויל.

— גוט-וואָך, רבי, א מזלדיקע וואָך אייך, — האָט ער גע-וואונטשן, בלייבנדיק שטיין מיט דרך-ארץ ביי דער שוועל.

נחמן האָט געקוקט א פארחידושטער אויף דער גרויסער בית-דין שטוב, וואס איז געווען אויסגעקלעפּט מיט ברייטע טאַפּעטן אין געלע בלעטער און געהאט בלעכערנע ווענטילאַטאָרס אין די אויבערשטע שויבן. די ווענט זענען געווען פול מיט פאכן, באלייגט מיט ספרים, געבונדן אין לעדער און אין זאק. אָן א שיעור זענען זיי געשטאַנען, די ספרים, קליינע, מיטעלע, גרויסע און גאָר גרויסע, וואָס ברעכן זיך אזש פון גרויסקייט. פון באלקן האָט א מעשענער הענגל-לייכטער אראָפּגעהאנגען מיט א סך געבויגענע רערן, רער-לעך, מעשענע בלומען און בעכערלעך. נחמן האָט פּרובירט אי-בערציילן וויפיל ליכט עס קענען אריין אין דער פארפלאָנטערטער מנורה, אבער ער האָט נישט געקענט אויסציילן. פון דער מזרח-וואנט, פון היימישן ארון-קודש, האָבן צוויי לייבן פארהויבן די פאָ-דערשטע פיס אויף די לוחות, געקוקט אים גלייך אין די אויגן אריין. זייערע ארויסגעשטעקטע צונגען האָבן געוואונקען צו אים מיט זייער בלוטיקער רויטקייט. דער רב, אין א געבלומטן סאמעטענעם שלאָף-ראָק, איז געזעסן אויף זיין נידעריקן פאָטער-שטול און גלייך אים אין די אויגן געקוקט. נחמן האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, נישט געוואוסט וואס צו טוען מיט זיך אין דער פרעמדער, שיינער בית-דין שטוב. דער עיקר האָט ער נישט געוואוסט, וואס צו טוען מיט די אויסגעוואקסענע הענט, וואס זענען ארויסגעקראָכן צו-לאנג און ביינערדיק פון די אויסגעוואקסענע ארבל זיינע, אויסגעריסענע אין די עלנבויגנס. ווי תמיד, האָט ער זיך געשעמט מיטן טאַטן זיינעם, מיט זיין אָרימער הכנעה. ער האָט אריינגעלייגט די הענט אין די קע-שענעס, ארויסגענומען זיי און ווידער זיי אריינגעלייגט. ער האָט געפילט די משא פון די קנעפּלעך אין כאַלאַטל.

— דאָס ביזט דו ר׳ מאַטעסעס אינגל? — האָט דער רב אים געפרעגט.

נחמן האָט צו-שפּעט א מורמל געטאָן, אז יאָ, און געפילט, אז ער באַגייט זיך אָן דרך-ארץ. דער רב האָט פאַריכט דאָס שבתדיקע שטריימל, וואס ער האָט געטראָגן נאָך אין שבת-צו-נאַכט, און פאַרוויכערט די ליולקע.

— נו, קענסט עפּעס לערנען, בחור? — האָט ער געפרעגט — צי ביזט שוין אפשר א בעל-מלאכה?

שטאַמלענדיק פון הכנעה און אומגעוואַגטקייט, האָט מאַטעס דערציילט פאַרן רב, וואס ר׳ מאיר מלמד זאָגט וועגן זיין אינגל און וועגן דער עצה, וואס ער האָט אים צו פרעגן.

— פריער גאָט, דערנאָך איר, רבי, — האָט ער פאַרענדיקט זיין שווער אויסרעדן זיך. — וואס דער רבי וועט הייסן, אזוי וועל איך טוען.

דער רב האָט מיט געדולד אויסגעהערט דעם אידנס לאַנגע און שווערע רייד, כאָטש ער האָט ביי די ערשטע פּאָר ווערטער פאַר-שטאַנען, וואָס ער וויל, און צוגערופן נחמנען צום טיש.

— גיי ארויף, בחור, אויפן לייטערל און נעם אראָפּ א גמרא, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך דיך פאַרהערן אין לערנען.

נחמן האָט געפילט אזא שוואַכקייט אין די פיס פון בושה און צוטומעלטקייט, אז ער איז שיער נישט פון לייטערל אראָפּגעפאַלן. דער רב האָט אויפגעמישט די גמרא און אים געהייסן זאָגן. מאַטעס איז געזעסן מיט אָן אָפן מויל און מיט א שפּיץ צונג אין דרויסן. ער האָט געפירט די צונג הין און צוריק צוגלייך ווי נחמן האָט געפירט מיטן פינגער איבער די שורות אין דער גמרא. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם, וואס דער רב האָט גערעדט מיטן אינגל. עפּעס איז עס געגאַנגען אין דעם, צי א כהן, וואס איז טמא געוואָרן און ער האָט זיך געטובלט, אויב ער מעג עסן תרומה, אָדער נישט. דער רב האָט נחמנען נישט געלאָזט אָפּכאַפּן.

— וואָס-זשע, בחור, — האָט ער געפרעגט שטרענג, — מעג דער כהן יאָ עסן תרומה, צי טאָר ער נישט עסן קיין תרומה?

מאַטעס דער דאָרפס-גייער האָט מיט א ציטערדיק האַרץ און

מיט ברייט-געעפנטע אויגן געקוקט זיין אינגל אין מויל אריין, וואס ער וועט פסקענען דעם כהן וועגן דער תרומה. ער איז געווען מער געשפאנט, ווי עס וואָלט גיין אין זיין אייגן עסן. נחמן האָט געענטפערט אויף דער שאלה און דער רב האָט אים א קניפ געטאָן אין בעקל.

— אמת, — האָט ער געזאָגט, — ער מעג די תרומה יאָ עסן.

מאַטעסן איז אראָפּ א שטיין פון הארץ. זיין שווארצע באָרד האָט געציטערט. דער רב האָט געהייסן נחמנען זיך זעצן, א סימן, אז ער האלט פון אים.

— קיין שארפן קאָפּ האָט ער נישט, אייער אינגל, — האָט ער געזאָגט באטראכט צום פאָטער, — אבער איך זע, אז ער איז א וועלער, ער האָט ליב די תורה, און א וועלער איז בעסער ווי א קענער.

— א געזונט אייך אין אייערע ביינער, רבי — האָט מאַטעס געבענטשט דעם רב, וואס דאָס האָט נחמנען אויפסניי באדעקט מיט חרפה, ווייל אזוי רעדט מען נישט צו קיין רב.

דער רב האָט געהייסן דעם שמש אריינברענגען טיי פאר מאַטעסן און זיין אינגל און ער האָט געריבן מיט דער האנט דעם גע-ווירעטן שטערן.

— איך זע, אז איר האָט א וואויל אינגל, ר׳ מאַטעס, — האָט ער געזאָגט. — אי ער באַגערט צו לערנען, אי ער איז א ירא-שמים. דעריבער טאקע איז אן עבירה אים אוועקצורייסן פון דער תורה. ער קען אויסוואקסן א תלמיד-חכם.

— א רב ? — האָט מאַטעס איבערגעפרעגט א פארחידושטער.

דער רב האָט א שמייכל געטאָן.

— אז ער וועט לערנען יורה-דעה, וועט ער קענען זיין א רב אויך. פארוואס נישט ?

מאַטעס האָט געביסן קליינע שטיקלעך פון דעם קלעצל צוקער, נישט פארגינענדיק זיך שנעל אויסצוטרינקען דאָס רבנישע גלאָז טיי, און מיט אויסגעשפיצטע אויערן אויפגעכאפט יעדער וואָרט, וואָס דער רב האָט גערעדט צו אים.

— איך וויס, אז איר זייט א איד אן אָרימאַן, — האָט דער

רב אים געזאָגט, — דעריבער וועל איך רעדן מיט ר׳ בערישל הינ-דעס, ער זאָל מיט אים תורה לערנען.

— אַ טייערער איד, ר׳ בערישל, — האָט מאַטעס געזאָגט אַ דרייסטער שוין.

דער רב האָט אים איבערגעריסן.

— און וואָס שייך עסן, וועל איך אים שאַפן טעג ביי בעלי-בתים.

נחמן האָט דערפילט אַזאַ היים שפּאַרנדיק בלוט אין די באַקן, ווי אָט-אָט וועט עס די הויט אויפרייסן און ארויסשפּריצן. ער האָט געוואוסט, אַז אָרימע אינגלעך, וואָס ווילן לערנען תורה, עסן טעג ביי באַלעבאַטים. אָבער דאָס איז ווען זיי פאָרן אין דער פרעמד. אין דער אייגענער שטאָט, האָט ער נישט געהערט, אַז אַ אינגל זאָל עסן טעג. דאָס איז שוין געווען דאָס אייגענע, ווי גיין איבער די הייזער. דער רב האָט געזען זיין בושה און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— פאַר תורה לערנען איז נישטאָ קיין חרפּה, — האָט ער געזאָגט. — איין טאָג וועסטו עסן ביי מיר.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויפן אינגלס הילוך און אַ קרעכץ געטאָן.

— איך זע, אַז דו גייסט קריעה-בליעה, — האָט ער געזאָגט. — עס איז נישט קיין כבוד פאַר אַ אינגל, וואָס זיצט און לערנט. וועל איך זאָגן דעם שמש, ער זאָל שאַפן פאַר דיר מלבושים אויך, בלי נדר, אודאי אַזוי.

מאַטעס האָט געהייסן נחמנען דאַנקען דעם רב פאַר אַלץ; אָבער נחמן האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל. די בושה איז אים געלעגן אין האַלז, ווי אַ קנויל. ער האָט געפילט, אַז באַלד וועט ער זיך צעוויינען מיט אַ ביטער געוויין. ער איז דעריבער באַ-צייטנס ארויסגעלאָפן פון בית-דין שטוב אָן אַ גוטער וואָך. מאַטעס האָט אים פאַרענטפערט.

— זאָל דער רבי מוחל זיין, — האָט ער געשטאַמלט, — ער איז אַ יתום און אַ ווילדער.

צומאָרגנס, זונטיק, נאָכן אָנבייסן, האָט דער שמש געפירט

נחמנען פון שטוב צו שטוב און אים פאַרגעשטעלט פאר באַלעבאַ-טים, אז ער איז מאַטעסעס אינגל און אז דער רב בעט, מען זאָל אים געבן צו עסן א טאָג אין דער וואָך, ווייל ער באַגערט צו לערנען תורה.

— מאַטעסעס? — האָבן באַלעבאַטים איבערגעפרעגט — וועלכן מאַטעסעס?

— מאַטעס האָזס, — האָט דער שמש געזאָגט אין נחמנס פּנים, — פון הקדש-געסל.

— א, — האָבן אידן זיך געכאַפּט און געגאַנגען פרעגן די ווייבער, צי זיי זענען גרייט צו געבן א אינגל א טאָג.

נאָך אויסגיין דעם גאַנצן מארק, האָט דער שמש געהאַט אַלע טעג פארן אינגל, אויך מלבושים — א צו-גרויסע קאַפּאָטע, א פּאָר צו-קורצע הויזן, א פּאָר אויסגעדרייטע שיך, א טלית-קטן מיט פאר-פּלאָנטערטע ציצית פון דער וועש און א צעשיט זיידן היטל, וואס איז נחמנען אריבערגעפאַלן איבער די אויערן.

— גיי אהיים און טו זיך איבער, אינגל, — האָט דער שמש אים אָנגעזאָגט, — און זאָלסט שוינען די מלבושים. אז דו וועסט זיך אוועקזעצן, הויב אונטער די פּאָלעס, זאָלסט נישט אויסרייבן די קאַפּאָטע, הערסט.

נחמן האָט מיט שטאַרע הענט גענומען דאָס פּעקל, וואָס האָט אים געבריט. דער שמש האָט אים נאָכגעשריגן איבערן מארק:

— אין היטל זאָלסטו אריינלייגן פּאַפּיר, וועט עס דיר נישט אראָפּפאַלן איבער די אויערן. און געדענק די טעג ביי יעדן, פארגעס נישט למען השם.

אין דער צו-גרויסער קאַפּאָטע, וואס איז צו-יום-טובדיק פאר דער וואָכן און צו-וואָכעדיק פאר יום-טוב, איז נחמן אוועקגעגאַנגען צו בערישל הינדעס לערנען תורה.

בערישל הינדעס האָט נישט גענומען קיין געלט פאר לערנען תורה. ער איז נישט געווען קיין מלמד, נאָר א קרעמער; אָבער ער אליין האָט נישט געהאַנדלט. דערמיט האָט זיך פאַרנומען זיין ווייב, הינדע, וואס דערפאר טאַקע האָט מען אים גערופן אויף איר נאָמען.

זי איז ארומגעפארן אויף יארידים מיט שניט-סחורה, אויס-געוואלגערט זיך אויף אלע באלעגאלישע בוידן, וואגנס, געגעבכטיקט אין אכסניות, אין איינפאר-הייזער, ארומגעריסן זיך מיט פויערן, ארומגעשלאגן זיך מיט קאנקורענטן, וואס ווילן איר פארשטעלן די שטעלע אין מארק, און אויך אפגעיאגט זיך פון צושטייענדיקע באלעגאלעס און טאנדעטניקעס, וואס טשעפען זיך צו איר אין די בוידן אין די נסיעות אין די נעכט. א בריה, מיט א בלאנד שייטל, מיט ווייסע שטארקע ציין און מיט א גרויסער ברכה אין בוזים און אין די היפטן, האט זי זיך געמוזט אפשלאגן פון אלע מאנס-בילן, וואס האבן געלאקערט אויף איר ווייבערישקייט.

פונקט ווי זי איז געווען שטארק און רירעוודיק און געקענט איר שטעטל באשטיין, אזוי איז איר מאן, בערישל, געווען שלאבער-דיק און שלים-מזלדיק און געלאזט קריכן זיך אויפן קאפ. ער האט זיך נישט אויסגעטויגט צו מסחר, ער האט נישט געקענט קיין גוי-איש ווארט אויסריידן, ער האט מורא געהאט זיך צוצורירן צו א גויע, וואס וויל אנמעסטן א שטיקל סיטע, ער האט געציטערט פאר יעדן קרעמער און אפגעטראטן באצייטנס, נאך איידער מען האט עס פון אים פארלאנגט. ער האט רעכט קיין צורה פון א מטבע נישט גע-קענט. בלויז צו צוויי זאכן האט ער זיך אויסגעטויגט — צו זיצן און לערנען און צו באשענקען יעדן יאר זיין ווייב מיט א קינד.

אט צו דעם בערישלען איז נחמן אוועקגעגאנגען לערנען תורה.

— ר׳ בעריש, — האט ער געזאגט, — דער רב האט מיך גע-שיקט צו אייך לערנען.

בעריש האט אויפגעהערט וויגן דאס קינד מיטן פוס, ער האט ארויפגעלייגט א נאז-פאטשיילע אויף דער גמרא, וואס ער האט געלערנט, און אפילו נישט באטראכטנדיק רעכט דעם נייעם תלמיד זיינעם, האט ער אים געהייסן אפווישן א נאס בענקל און זיך צו-זעצן צום טיש צו דער גמרא.

— אוי, כאפ נישט, כאפ נישט! — האט ער געזונגען מיט א ניגון, א טרויעריקן, א יאושדיקן, וויגנדיק דערביי מיט א פוס דאס קינד אין וויגל.

אין דרויסן, פאר די פענסטער האט זיך געטומלט. עס איז

געווען א מארק-טאָג. הונדערטער פויערן זענען זיך אָנגעקומען פון די דערפער מיט פערד און וועגענער. קי האָבן געמעקעט, עופות האָבן געקאַרדאַטשעט, חזירים האָבן געקוויטשעט, פערד האָבן פריי-לעך געהירזשעט, אידן הענדלער האָבן געשמאַיעט, געהאַנדלט, גע-דונגען זיך, איינגעפּאַטשט אין פויערישע הענט. טאַנדעטניקעס, היטל-מאַכערס, שוסטערס, הענדלער אַלערליי האָבן ראַשיק אויסגע-רופן זייערע סחורות. פויערטעס אין געבלומטע קליידער, באַהאַנגען מיט פּאַטשערקעס און קרעלן, האָבן זיך געדרייט ארום די שטעלן, געדונגען זיך, געלאַכט און געקוויטשעט. בעטלערס און מוזיקאַנטן האָבן געזונגען און געשפּילט. קונצן-מאַכערס האָבן מעשים געאַר-בעט, אין פּויקן געקלאַפּט. א קאַרוזעלע האָט זיך געדרייט, צושפּילנ-דיק אויף א קאַטערינקע. באַלעגאַלעס און פערד-הענדלער האָבן אויספּרובירט פערד אין רייטן, געיאָגט זיך פריילעכע איבער דעם מאַרק. קאָזאַקן אין זייערע ברייטע הויזן, מיט אוירינגלעך אין די אויערן, האָבן זיך ארומגעשלייכט צווישן די וואָגנס און פּאַרטשע-פּעט דאָרפישע מוידן. דער מארק האָט געזאָטן פון טומל, האנדל, דינגעניש, געלעכטער, לוסט און לעבן. בערישל האָט אפילו נישט ארויסגעקוקט דורך די שויבן פון פענסטער. ער איז געווען פאַר-טאָן אין א שווערער סוגיא וועגן דעם, ווי אזוי מען דאַרף ברענגען קרבנות אין בית-המקדש.

— נאָכאַמאָל פון אָנהויב, נחמן, — האָט ער געלערנט מיט א טרויעריקן ניגון, — אוי, כאַפּ נישט.

נחמן האָט נאָכגעזאָגט, ארויסקוקנדיק בגנבה פון דער צערי-סענער גמרא אין טומלדיקן און פאַרביקן מארק אריין, וואס האָט אים גערופן מיט טויזנטער קולות. אז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן ווייגען, האָט בערישל איבערגעלאָזט די גמרא אויף א ווייל, אויפ-געהויבן דאָס קינד ביי די פּיסלעך און אריינגעקוקט דאָרט מיט קורצזיכטיקע אויגן. עס איז געווען נאַס, דאָס ווייגל, און בערישל האָט א טרוקענע ווינדל ארויסגעלייגט אויפן נאַסקייט.

— נו, שוין, נו, נו, וויין נישט — האָט ער געברומט צום וויינענדיקן קינד. — נו, גענוג, נו, ביזט מיך מבטל פון לערנען.

באַלד האָט ער זיך געוואַשן די הענט, ווייל מען טאָר נישט לער-

נען מיט אומריינע הענט, וואָס האָבן זיך צו אַ נאַס קינד צוגערירט, און ער האָט אָנגעהויבן אויפסניי.

— כאַפּ נישט, — האָט ער געברומט, — כאַפּ נישט.

דערמיט האָט ער נישט געמיינט צו וואָרענען נחמנען נישט צו כאַפּן, נאָר זיך אַליין. זיין אויסגעבויגן קעפּל, וואָס איז געלעגן זייטיק אויפן דינעם קנאָפּיקן האַלז, ווי אַ מאָן-קעפּל אויף אַ דין שטענגעלע, האָט שטאַרק געגראָבן זיך אין דער תורה, אָבער נישט ליכט געכאַפּט דעם טיפן מיין. ער האָט שווער געמוזט אַרבעטן צו דערגרונטעווען זיך אין די האַרבע סוגיות, און ער האָט אָנגע-פאַנגען אַלע מאָל אויפסניי פון אָנהויב.

נחמנען איז פון דעם אָפטן „כאַפּ נישט" שטאַרק טרויעריק גע-וואָרן אין דער אָפּגעלאָזענער, אָנגעוואָרפענער שטוב, וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַלעבאָסטע, נאָר בלויז אַ מאַנסביל אַ שלים-מזל. נאָכן לערנען איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דער ערשטער באַלע-באַטישער שטוב, וואו ער האָט געגעסן אַ טאָג.

— גאָט העלף! — האָט ער געזאָגט ביי דער שוועל, ברענענדיק פון בושה.

די באַלעבאָסטע האָט אים באַטראַכט, דערמאָנט זיך אָן טאָג, וואָס זי האָט צוגעזאָגט, און אים געהייסן זיך גיין וואַשן. מיט אומ-רואיקייט פאַר דעם קלאָרן האַנטוך, נישט צו לאָזן קיין פלעקן דע-רויף, האָט ער געווישט ליכט די נאַסע הענט, זאָגנדיק „שאו ידיכם" אויפן קול, ווי יעדער אָרימאַן, וואָס וויל מיט זיין פרומקייט אויס-קויפן זיך פאַר עסן ביי אַ פרעמדן טיש. דערנאָך האָט ער פון צע-טראָגנקייט עטלעכע מאָל געטונקען די „מוציא" אין זאַלץ און פאַר-זיכטיק געשעפּט מיט דעם שיינעם לעפל, וואָס קיינמאָל האָט ער נאָך אַזעלכן נישט געזען, מורא האָבנדיק, ער זאָל נישט פאַרגיסן אויפן שטיקל טישטוך, וואָס מען האָט פאַר אים געגרייט ביי אַן עק טיש. פון גרויס היטעניש, האָט ער דוקא פאַרגאָסן אביסל גריץ. אים איז אַזוי ביטער געוואָרן דערפון, אַז ער האָט איבערגעלאָזט פון אַלץ, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט.

— פאַרוואָס עסטו נישט? — האָט אים די באַלעבאָסטע גע-פרעגט.

— א יישר-כח, כ׳בין זאט, — האָט נחמן געזאָגט א ליגן.

ער האָט געבענטשט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן צו די ברעקלעך ברויט און פארשאָטענעם זאלץ אויפן טישטיכל און אזוי צעטראָגן ארויסגעגאנגען, אז ער האָט זיך געפּלאָנטערט ביי דער טיר, ביז ער האָט די קלאַמקע דערטאפּט.

ער האָט זיך געשעמט דערנאָך פאר די אויסגעהונגערטע שוועס-טערלעך אין שטוב צוליב די גוטע מאכלים, וואס ער האָט געגעסן, און נאָך מער געפילט די ענגשאפט, אָרימקייט און נויט אין פאָטערס שטיבל אין הקדש-געסל. נאָך די נגידישע שטובן אין מארק, איז דער חושך אין דער היים געווען שווערער ווי אלעמאָל. מיט אָפענע אויגן איז ער געלעגן אויף זיין אָרים קויטיק געלעגער און געזען ווי זיינע שוועסטער דעקן זיך אָפּ אין שלאָף פון די שמאטעס און באוויזן זייערע נאַקעטע לייבער.

ער האָט געוואוסט, אז מען טאָר נישט קוקן דערויף, אז ער איז שוין א בר-מצוה-בחור, א ישיבה-בחור, וואָס מענטשן גיבן אים עסן טעג פאר לערנען תורה און אָפּהיטן אידישקייט. ער האָט געוואוסט, אז ער דארף אראָפּגיין און הינטערווייל־עכטס, מיט פארמאכטע אויגן, צודעקן זייער שאנד. דאָך האָט ער נישט פאר-מאכט די אויגן און געקוקט אויף די מיידלישע לייבער. זיין גאנץ בלוט האָט געזאָטן אין מאָגערן אינגליש אָנגעשפּיצטן לייב.

די שלאָפנדיקע שוועסטער האָבן אומזיניקע רייד גערעדט פון שלאָף.

## קאפּיטל צוועלף

איין מאָל אין יאָר, אויף פסח, קומט שיינדל אהיים פון ווארשע קיין פּיאסק.

אויך אין מיטן יאָר נעמט זי אמאָל אָפּ א גרוס פון דער שטוב און שיקט עפּעס אהיים. פּארטאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך גרוי און די טויערן זענען נאָך מערסטנס געשלאָסן, הויבט זי זיך אויף פון איר געלעגער און איילט צום איינפאָר-הויז, וואו דער פּיאסקער

באַלעגאַלע, זאַלע, שטייט מיט זיין בויד, אַפּצונעמען א גרוס פון דער היים. זי קען נישט שרייבן. אויך פילט זי נישט קיין טעם אין לאָזן אָנשרייבן א בריוול. זי האָט ליב צו הערן מיט די אייגענע אויערן דעם גרוס פון שטוב, אליין אויסצופרעגן זיך וועגן אַלעם, און זי זוכט אוים זאַלע באַלעגאַלע, מיט וועמען זי איז געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין ווארשע.

זי איז נישט מער פרעמד אין דער גרויסער שטאָט. זי ווייסט וואו איין און אוים. אויף די פארטאָגיקע גאַסן שלעפּן זיך גאַסן-מיידלעך אהיים. שיכורים וואקלען זיך נאָך א נאכט טרינקען. דרימלענדע קוטשערס אויף דראָשקעס, נאכט-וועכטער מיט גראָבע שטעקנס געניצן אין פארטאָג אריין. הפקר-יונגען טשעפּען זיך צו שיינדלען, מאכן איר קאָמפּלימענטן און רופן זי. זי קוקט זיך נישט אום. זי קען די גרויסע שטאָט און ווייסט, אז דאָס בעסטע איז נישט צו ענטפערן די מענטשן אין גאַס.

אין גרויסן איינפאָר-הויז, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן מיט אידישע אותיות „איינפאָר-הויז פאָן געברידער פשעפּיורקע, עסין, נאכטלעגער עט האָבער פיר פערד", טומלט און רודערט זיך, כאָטש עס איז פארטאָג. פּראָווינצער ווייבער אין קאָפּקעס אויף די קעפּ שלעפּן פאר די פליגל שרייענדיקע גענז און אינדיקעס. פארשמאַיעטע קרעמער דרייען זיך צווישן קאַסטנס און פעסער. מעקלערס מיט בליישטיפטלעך אונטער די אויערן האַוון, קאָכן זיך. טרעגערס שלעפּן זעק, באַלעגאַלעס שילטן, פערד הירזשען, פרומע אידן דאַוו-נען. שיינדל שאַרט זיך דורך צווישן אַלע באַלעגאַלעס און שמיי-סערס, וואס פארטשעפּען זי אין וועג, און זוכט אוים זאַלען אין פלאָנטער פון פערד און וועגן.

— זאַלע, — דערפרייט זי זיך, — וואָס מאכט דער טאַטע?

— וואָס זאָל ער מאכן? — ענטפערט זאַלע מיט א פראַגע.

— וואָס מאכן די שוועסטער?

— וואָס זאָלן זיי מאכן?

— און וואָס מאכט נחמן?

— ער איז א גאַנצער שמויגער געוואָרן, — זאָגט זאַלע מיט חוזק איבער דעם, וואָס איינער פון די פּראָסטע לייט איז אריבער

צו די לומדים און שיינע אידן, — ער קוואָקעט אויף א שטריימל.
שיינדל ווערט רויט.

— פאַרדרייט זיך אייער מויל, — זאָגט זי און זי נעמט אַרויס פון קוישל עטלעכע ברויטן און א פּאָר בייגל, וואָס זי האָט מיטגע-נומען פון דער בעקעריי. זי ציט אויך אַרויס פון בוזים א פּאַפּי-רענעם פאַרמעליקטן רובל און זי גיט אים איבער זאַלען.

— זאַלע לעבן, — בעט זי, פאַריכטנדיק מיט א ווייבעריש חנדל די האָר-נאָדל אין גרעק, — זייט א וואוילער איד און גיט עס איבער אין שטוב, ווי נאָר איר וועט אהיימקומען. דאָס געבעקס און דעם רובל.

זאַלע נעמט צו דעם רובל און לייגט אים אריין אין דעם אונ-טערשלאַק פון היטל, וואו ער האלט געלט און אלערליי סוחרישע באַשטעלונגען. אָבער דאָס געבעקס וויל ער נישט נעמען.

— וואו זאָל איך עס לייגן, אין היטעל? — בייזערט ער זיך.

אז שיינדל שטייט צו אים שטאַרק צו, הייסט ער איר קריכן אין בויד אַריין, כדי אויסצוגעפינען אן אָרט פאַר דעם געבעקס. אָבער שיינדל וויל אין בויד נישט גיין. זי ווייסט וואָס ער מיינט, זאַלע, און זי צופּט מיט די פינגער די פרענזלעך פון איר קאָפּ-טיכל.

— זאַלע, האַלט מיך נישט אויף, די מאַדאַם וועט מיר געבן א חלק, — זאָגט זי און זי וואַרפט זאַלען צו דאָס געבעקס. — זאָגט זיי, זאַלע, אז מיר איז גוט דאָ. זיי זאָלן זיך גאָרנישט זאָרגן. און גריסט אַלעמען.

— שמיר דיר אוים די שיך, — ענטפערט זאַלע א ברוגזער דערפאַר, וואָס שיינדל וויל נישט גיין מיט אים אין דער בויד. — א גאַנצע רביצין ביזטו געוואָרן זינט דיין ברודער איז געוואָרן א ישיבה-בחור. געדענקסט ביינאַכט אין וואַלד...

שיינדל וויל עס נישט געדענקען. זי אַנטלויפט אהיים, כדי צו-ריקצוקומען אין צייט, נאָך איידער די באַלעבאָסטע הויבט זיך אויף פון בעט. זי ווייסט ווי אזוי זיך צו פירן, ווי אזוי אויסצוהיטן זיך פון די אַלע געפאַרן, וואָס לאָקערן אויף אָרימע מיידלעך. זי לאָזט נישט צו צו זיך דעם באַלעבאָס זינדלעך, וואָס כאַפּן זי אין א

ווינקל און שפּאַרן זי צו צו אַ וואַנט. זי יאָגט זיך אָפּ פון די געזעלן אין דער בעקערײַ, וואָס ווילן זי אַרײַננאַרן אין קעלער צו די זעק מעל. זי מײַדט אויך אויס די „פּאַצעטן" אין הויף, די יונגען מיט די פּאַפּירענע קעלנערלעך און דינע שטעקעלעך, וואָס פאַרשפּאַרן איר דעם וועג פאַרן טויער יעדער מאָל, וואָס זי לויפט אַרויס אין גאַס עפּעס אײַנקויפן.

— פרײַלין, — שרײַען זיי איר נאָך, — לויפן זי נישט אַזוי, כ׳האָב איהן עפּעס צו זאָגן.

אַנדערע מאַכן שפּאַסן מיט איר:

— פרײַלין, זי זענען אויסגעשמירט.

אין די ערשטע טעג האָט שיינדל עס אָנגענומען פאַר אמת און זי האָט געענטפערט די יונגען ביים טויער. איצט ווייסט זי שוין, אַז מען דאַרף זיי נישט גלויבן, עלעהאַי אַ הונט, וואָס בילט.

— קאַוואַליער, פאַרדרייען זי זיך איהנס קאָפּ! — שרײַט זי אָן אויף די בחורימלעך.

אַלע לאָקערן אויף איר. זי איז פול געוואָרן אין דער זאַטער בעקערישער שטוב. אירע שוואַרצע אויגן שײַנען מיט פונקען. די מאַטע הויט אירע האָט אַ רויטלעכן אָפּשײַן, וואָס שפּאַרט דורך די מאַטקייט. איר פריערדיקער קנאַביקער האַלז האָט זיך אויסגעקײַלעכט און פאַרגייט זיך אין אַ רונדער ליניע ביז דער ברוסט, וואָס צאַפּלט אונטער דער בלוזקע, ווען זי לויפט פאַרביי דעם הויף. יעדער מאָל אויפסנײַ שטעקן די באַלעמאַלכעס אַרויס די קעפּ פון די אָפענע פענסטער, ווען זי גייט דורך. זי לויפט פאַרביי ווי דורך אַ בראַנד. זי ווייסט וואָס די מאַנסבילן קוקן אַזוי אויף איר און זי שעמט זיך און עס טוט איר הנאה גלייכצייטיק. פון צעטראָגענקייט פאַריכט זי די האָר, די שוואַרצע און גלאַנציקע, די קרײַזלען, וואָס פאַלן איר אין די אויגן, און זי ציט אַראָפּ די בלוזקע, צו פאַרדעקן דעם בוזים. אבער עס העלפט נישט.

— פרײַלין, לויפן זי נישט אַזוי, זי וועלן נאָך צערײַסן די שיך, — וואָרנען איר שוסטער־יונגען פון די קעלער־שטובן אַרויס.

— פרײַלין, זי האָבן עפּעס פאַרלוירן! — רופן לײַדיס־נייער, וואָס זיצן אויסגעזעצט אויף די טרעפּלעך.

איבערהויפט שטייען צו איר צו די בחורים אין די שבתים, ווען מען ארבעט נישט. פריש־אָפּגעגאָלטע לכבוד שבת, מיט צו־געשווירענע וואָנסעלעך, מיט נייע פּאַפּירענע הערצלעך און קעל־נערלעך, מיט אויסגעפּרעסטע אנצוגן און אָפּגעפּוצטע שיך אויף א גלאַנץ, מיט שמאָלע אויסגעפּאַסטע הויזן און מיט פאַרביקע קאַפּע־ליושלעך אויף די שפּיץ קעפּ, פּינקטלעך אויסגעקנייטשט אין דער מיט, פאַריכטן זיי די שרונדן אין די קעפּ, ווען זיי זעען שיינדלען פאַרבייגיין, און לאָזן וואוילעריש אַרויס דורך דער נאָז דעם רויך פון די פּאַפּיראָסלעך, וואָס זיי רויכערן בגנבה אום שבת.

— פריילין, אפשר ווען זי מאַכן א שפּאַציר קיין מאָקאָטאָוו, הערן די רישישע מוזיק ? — פרעגן זיי.

שיינדל וויל נישט גיין קיין מאָקאָטאָוו. זי איז אמת פריי אין שבת, פון נאָכן טשאָלענט ביז צו הבדלה. אויך איז זי שיין אָנגעטאָן. זי האָט א ניי קלייד, דאָס ערשטע נייע קלייד אין איר לעבן, וואָס פּאַסט איר זייער שיין צו דער טונקעלער הויט און די שווארצע האָר. זי האָט נייע שיך מיט הויכע קנאַפּלס און פּאַמ־פּאָניקלעך, וואָס מאַכט זי העכער. איר פולער האַלז איז ארומגע־נומען מיט א רויט סאַמעטל, וואָס מאַכט אים נאָך רונדער און באַטעמטער. אויך האָט זי א בייטל מיט א שפּיגעלע און א פאַרביק שירעמל מיט א רויט גלעזערן הענטל אין געשטאַלט פון א שלאַנגען־קאָפּ. זי וואַשט זיך אויך אָפּ אויף שבת מיט שמעקעדיקן זייף, וואָס שמעקט שעהן לאַנג נאָכן וואַשן. די ברונעטע יונגעלייטלעך חלשן צו נעמען זי אויף א שפּאַציר, אָדער צו גיין אין א טיי־הויז ערגעץ טאַנצן, אָבער שיינדל וויל נישט גיין מיט זיי.

זי האָט שוין א לערע, שיינדל. אין די ערשטע וואָכן, ווי נאָר זי האָט זיך דאָס ניי קלייד געמאַכט, האָט זי זיך געלאָזט אויף א שפּאַציר מיט איינעם פון די געזעלן פון יאַנטשעס בעקעריי. ער האָט זיך זייער שיין אויסגעפּוצט, דער יונג, אזוי אז זי האָט קוים דערקענט אין אים דעם וואָכעדיקן פאַרמעליקטן געזעלן אין די בלויזע הונטער־הויזן און אין א פּאַפּירענעם מיצל. זיין שטענדיק פאַרמעליקטער קאָפּ האָט געגלאַנצט פון שווארצקייט. אפילו מאַנ־קעטן שטייפע און ווייסע האָט ער געטראָגן, וואָס האָט געמאַכט

זיינע הענט שמאָלער און איידעלער. אויך האָט ער גערעדט צו איר איידעלע רייד, גאַרנישט ווי אין דער בעקעריי. זיי זענען געגאַנגען אין גאָרטן, וואו זיי האָבן געהערט מוזיק־שפּילן פון דער מיליטער־רישער קאַפּעליע. דערנאָך זענען זיי אַוועק טאַנצן אין אַ טיי־הויז. אַלערליי פּאָלקעס האָבן זיי געטאַנצט און קערלעך געקנאַקט און ביר געטרונקען. אַלץ איז געווען שיין און ליכטיש און גוט. אָבער פּלוצלונג האָט ער זי הינטער אַ פאַרהאַנגענעם ווינקל אַריינגעקראָגן און אין נייעם קלייד זי אַוועקגעשליידערט אויף אַ באַנק.

— וואָס טוען זיי? — האָט שיינדל געשריגן אַ דערשראָקענע.

דער יונג, וואָס האָט גערעדט אַזוי איידל פריער, איז געוואָרן גראָב, ווילד. אָהן בושה האָט ער דאָס קלייד פון איר געריסן.

— אַלע טוען עס, — האָט ער געפּליסטערט, — הער!

שיינדל האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים און אַ צעשויבערטע און צעקנייטשטע אַנטלאָפן פון דעם פרעמדן טיי־הויז. כאָטש קיינער האָט זי נישט געיאָגט, איז זי געלאָפן איבער די גאַסן ביז צו יאַנטשעס בעקערס שטוב. פון דעמאָלט אָן מיידט זי אויס צו גיין מיט אַ יונג אין דער פרעמדער שטאָט. זי ווייסט, אַז אַלע זענען זיי גלייך, אַז אַלע ווילן זיי איר שלעכטס. ווי הינט נאָך אַ האָז, אַזוי יאָגן זיי זיך נאָך איר. אומעטום, ביים טויער, אויף די טרעפּ, ווען זיי באַגעגענען זי אין די אונטן, אין קיך, וואו זי שלאָפט, אין דער בעקעריי אין קעלער. אפילו אין הויפישן קלאָזעט, ווען עס קומט אויס אַראָפּצוגיין. זיי שניידן אויס לעבער אין די ווענט, רעדן מיאוסע רייד, רייסן די טיר.

זי יאָגט זיך אָפּ פון זיי ווי פון בייזע פליגן און זי גייט אַליין אַרום איבער די גאַסן, איבער די שיינע און גרויסאַרטיקע, וואו עס שפּאַצירן עלעגאַנטע מענער אין צילינדערס, רייכע דאַמען אין היטן מיט גרויסע פעדערן. זי שטעלט זיך אָפּ ביי די שוי־פענסטער, באַטראַכט מיט קנאה די וואַקסענע דאַמען, וואָס טראָגן טייערע קליידער און צירונג אויף זיך. און אַז עס ווערט איר גאָר לאַנג־ווייליק, כאַפּט זי זיך אַריין צו שמואל מאיר דעם שמשס שוועס־טער, צו וועלכער זי איז פאַרפאָרן דאָס ערשטע מאָל ווען זי איז

געקומען קיין ווארשע און וועלכע האָט איר געהאָלפן קריגן די שטעלע ביים בעקער.

כאָטש די אידענע איז נישט איר גלייכן, אַן עלטערע און אַ בייזע, וואָס תמיד הערט זי נישט אויף צו באַוויינען איר אָרימקייט און אומגליק, זיצט מיט איר שיינדל אָפּ עטלעכע שעה פון איר שבתדיקן רו־טאָג. דער אידענעס מאַן שלאָפט זיין שבתדיקן שלאָף נאָכן טשאָלנט, שנאָרכנדיק מיטביידע נאָז־לעכער, אַז די באָרד זיינע הויבט זיך אַזש פון יעדער בלאָז. די שטיוול זיינע וואַלגערן זיך אויף דער ערד. די שבתדיקע מעשענע לייכטער, אָרומגעשאָטן מיט פיש־ביינדלעך און ברעקלעך, שטייען אומעטיקע און פאַרטריפטע.

— הערסט, מיידל, — זאָגט די אידענע מיטן צעקנייטשטן פּנים, וואָס דאָס שבתדיקע שייטל, דאָס נייע און בלאָנדע, איז פרעמד צו איר פאַרוועלקטקייט, — אַן אָרימאַן דאַרף גאָרנישט געבוירן ווערן.

שיינדל זיצט מיט אַן אונטערגעהויבן קלייד, זי זאָל עס נישט פאַרקנייטשן אין אַלטן צעבראָכענעם בענקל, און דערציילט וועגן איר באַלעבאָסטע.

— עסן און טרינקען האָב איך איבערגענוג — זאָגט זי — אָבער פון דער ארבעט איז גאָרנישט אַרויסצוקריכן. נאָר מען קאָכט און מען רוימט.

די אידענע איז זי מכבד מיט אַ קיכל, אָבער שיינדל פירט זיך לייטיש און זאָגט זיך אָפּ צו פאַרזוכן.

— ס'זאָל אַזוי פעלן אַלע הונגעריקע, ווי מיר פעלט קיכלעך — זאָגט זי.

אויף פּסח פאָרט זי אַהיים.

זי לאָזט אָפּבאַקן פאַר ביליק געלט אַ פּוד מצות אין יאַנטשעס בעקעריי און פּאַקט זיי איין אין אַ קלאָר טישטוך, וואָס זי וואַשט אויס אָן קראָכמאַל, אויף פּסחדיק. זי קויפט פאַרן פאָטער אַ ניי טוכן היטל, אַ ווייס העמד און אַ גרויסע קעשענע־פאַטשיילע. זי קויפט איין פאַר די שוועסטערלעך שיכלעך, אויך נייע בענדלעך צו די צעפּ. פאַר נחמנען קויפט זי אַ סאַמעטן היטל, ווי פאַר א

בית־המדרש בחור פּאסט. אויך אַ פּאָר אונטערגעגנייטע שטיוועלעך מיט אַלטע כּאַליעוועס, וואָס זי האַנדלט איין אויף דער וואַלעווע, אויפן מארק פון אַלטווארג. זי קויפט אויך עטלעכע כּוסהלעך מיט אַן אויפשריפט „כשר לפסח", אַ בייטל ניס, און זי פּאַרט אַהיים אויף יום־טוב.

דאָס גאַנצע הקדש־געסל גייט אַרויס פאַר די טירן באַגעגענען שיינדל מאַטעסעס. ווייבער קנייטשן די פינגער.

— זע, — זאָגן זיי — וואָס די גרויסע שטאָט מאַכט פון אַ מענטש. גאָרנישט די אייגענע שיינדל.

— און ווי שיין זי איז, פול און קלאָר — קוועלט אַן לאה די מארק־זיצערקע, וואָס האָט זי אָפּגענומען.

שיינדל טיילט איין יעדן פון די שכנישע קינדער אַ פאַרביק צוקערל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין אַ פּאַפּירל, און זי גייט אַריין אין שטוב.

— דער טאַטע איז אין דאָרף ? — פרעגט זי די שוועסטער־לעך, כאָטש זי ווייסט עס. די מיידלעך אין שטוב רויטלען זיך פאַר זייער אויסגעפּוצטער שוועסטער פון דער גרויסער שטאָט און באַ־טראַכטן אירע שיינע קליידער. זיי מעסטן גלייך אָן די שיך אויף די באָרוועסע פיס און פאַרגינען זיך נישט צו זאָגן ווען עס קוועטשט זיי.

— ווי אָנגעמאָסטן, שיינדל, — רעדן זיי מיט התפעלות.

זיי בינדן אויך איין די שלייפעלעך אין די וואַכעדיקע צוקור־דעלטע האָר און באַטראַכטן זיך אין שיינדלס שפּיגעלע פון האַנט־בייטל. זיי ברעכן שטיקלעך מצה פון טישטוך אַרויס, כאָטש מען טאָר נישט פאַרזוכן קיין מצה פאַר דעם סדר.

— טויזנט טעמים ! — לויבן זיי, באַלעקנדיק זיך און קייענדיק קליינע שטיקלעך, נישט פאַרגינענדיק זיך אויפצועסן מיטאַמאָל דאָס געשמאַקע געבעקס.

כאָטש די שוועסטער לאָזן שיינדלען גאָרנישט טאָן, ווייל זי איז דאָך אַ גאַסט, נעמט שיינדל אַראָפּ פון זיך די שטאָטישע קליי־דער, טוט אָן אַ שמאַטע אויפן קאָפּ, אַ פאַרטוך אַרום די לענדן, אַזוי אַז זי ווערט פּלוצלונג נענטער די אייגענע שוועסטער, און

זי צופירט די הענט. זי קאַלכט דעם שוואַרצן אויוון, זי שמירט אָפּ מיט פריש ליים די פּאָדלאָגע. זי שייערט און כשרט די טעפּ. זי שיקט אויך קויפן רויט פּאַפּיר, שניידט אויס שפּיצן און באַצירט מיט זיי דעם דראָט פון נאַפט־לעמפּל און די ברעגן פון די אָפּ־געוואַשענע פּאָליצעס, וואו די עטלעכע שיסעלעך און טעפּלעך שטייען.

מאַטעס קומט אַהיים פאַרנאַכט, צו בדיקת־חמץ. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דער טאָכטער זיינער. אים ציט זיך צו־קושן מיט איר, אָבער ער שעמט זיך, ווי פאַר אַ פרעמדער און אַ גרויס־שטאָטישער. אָפּגעבן שלום־עליכם, ווייסט ער, גיט מען נאָר אַ מאַנסביל. ער וואַרפט אַראָפּ דעם זאַק פון די פּלייצעס און שטייט מיט איבעריקע הענט.

— שיינדל — מורמלט ער — ביסט געקומען אויף פּסח, שיינדל.

שיינדל קושט אים די האַנט, ווי זי האָט עס געזען אין וואַרשע, ווי די קינדער קושן דעם פאָטער אין האַנט יעדער מאָל ווען זיי נייען אוועק און קומען. מאַטעס פלאַמט פון בושה פון דעם פרעמדן מנהג. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן טרעפט עס, אימיצער זאָל אים קושן אין דער האַנט. שיינדל פּאַקט אויס דאָס נייע היטל און טוט עס אָן אויף זיין קאָפּ. זייער פרעמד זעט אויס דאָס נייע היטל אויף דעם אָפּגעריסענעם פאַרשטויבטן איד.

— טאַטע, דאַרפסט זיך אָפּשערן — זאָגט זי אים — וועט דאָס היטל זיין פונקט גוט.

מאַטעס נעמט אַראָפּ דאָס נייע היטל מיט איין פינגער, ער זאָל עס נישט אויספלעקן, וואַשט די הענט, דאַוונט מעריב און נעמט זיך בודק־חמץ זיין. ער צוגריבלט אַ שטיקל ברויט אויף צען שטיקלעך, לויט דער צאָל מכות וואָס גאָט האָט געשטראָפט מיט זיי די מצריים פאַר ניט וועלן אַרויסלאָזן די אידן פון לאַנד, ער וואַרפט זיי פאַנאַנדער און קלויבט זיי צוריק צונויף אין אַ הילצערנעם קאָכלעפל, וואָס ער פאַרבינדט מיט אַ שמאַטקעלע.

— שיינדל — מורמלט ער, נישט וויסנדיק ווי אַזוי אַרויס־

צוברענגען די ווארעמקייט אין זיין הארץ, וואס ער פילט צו איר — האסט צופיל מצות אנגעבאקן, וועסט דיך אויסברענגען.

שיינדל רייבט מיט אלע כחות די צוויי מעשענע לייכטערלעך, אין וועלכע די מוטער האט געצונדן ליכט, און זי ווישט מיטן שפיץ פארטוך א טרער פון אויג.

— ווען די מאמע, עליה השלום, וואלט געלעבט, וואלט זי געהאט אביסל נחת — רעדט זי מיט טרויער.

שפעטער פון אלע קומט נחמן. כאטש עס איז פאר פסח, לאזט אים בערישל זיין מלמד נישט אפ ביז שפעט אין אוונט אריין. ער קען זיך גארנישט שיידן מיט דער גמרא. אויף פסח גייט נחמן נישט עסן די טעג. ער בלייבט אין שטוב איבער גאנץ יום־טוב. ער ווערט רויט ווי פייער דערזעענדיק שיינדלען אין שטוב. שיינדל כאפט אים אין די ארעמס ווי אמאל, ווען זי פלעגט אים ארומטראגן אויף די הענט, קושט אים ראשיק און דריקט אים צו איר ברוסט, וואס צאפלט הינטער איר בלוזקעלע.

— נחמן — הופט זי — זע, ווי ער איז אויסגעוואקסן.

נחמן ברענט אינגאנצן פון בושה. ער איז א גמרא־אינגל, וואס דארף זיך האלטן ווייט פון ווייבער. אבער צוזאמען מיט דער בושה פילט ער א זיסקייט פון די פולע מיידלערישע ליפן אויף זיין מויל, פון דער צאפלדיקער ווייבערישער ברוסט, וואס טוליעט אים. שיינדל לאזט אים אפ, כדי אים ווידער ארומצוכאפן. ווארעמקייט ווייעט פון איר און א פרעמדער גערוך פון שמעקנדיקן זייף. דאס פארשיכורט נחמנען, מאכט זים אין אלע אברים. נחמן פילט עס, כאטש עס איז זיין שוועסטער. זי איז אויסגעוואקסן, פולער, אנדערש ווי געווען. אפילו רעדן רעדט זי אנדערש, אויפן ואר־שעווער שטייגער און צוזינגנדיק. דאס מאכט זי ווייטער, גאר־נישט ווי א שוועסטער אן אייגענע. און דערפאר צוציענדיקער, ווי א פרעמדע.

נחמן קושט זי אומגעשיקט, און ער שפארט אן דעם קאפ אין איר ברוסט. זינט דער מוטערס טויט איז דאס דאס ערשטע מאל, וואס ער טוליעט דעם קאפ צו ווייבערישער ווייכקייט.

— געלויבט השם־יתברך, וואָס מ׳זעט זיך — רעדט ער פרום, ווי אַ ישיבה־בחור דאַרף.

שיינדל שפּיגלט זיך אין זיין פרומקייט און ישיבה־בחורישקייט און זי דערלאַנגט אים די מתנות. נחמן טוט בלויז אָן די שטיוול. דאָס היטל וויל ער נישט אָנמעסטן.

— כ׳על עס אָנטאָן מאָרגן לכבוד יום־טוב — זאָגט ער — וועל איך קענען מאַכן אַ שהחינו דעריבער.

צומאָרגנס גייט מאַטעס צו זיין שכן שמואל מאיר דעם שמש פון הקדש און שערט אים אָפּ כדי יענער זאָל אים דערפאַר אָפּשערן. ער קומט אַ היים מיט אַ קאָפּ טרעפ פון שלעכטן שערן. אין נייעם היטל, אין ווייסן קלאָרן העמד זיצט ער ביים סדר, אָנגעלענט אויף אַ קישן, און זאָגט הויך די הגדה. די נייע כוסהלעך מיט ראַ־זשינקע־ווין שפּיגלען זיך אין די גלאַנציקע מעשענע לייכטערלעך. שיינדל קען נישט זאָגן אין דער הגדה און זי טראַכט וועגן איר געשטאָרבענער מאַמען.

פּסח בייטאָג, נאָכן עסן, פּוצט שיינדל זיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס אין די שיינע שטאָטישע קליידער. זי וואַשט זיך לאַנג מיט דעם שמעקנדיקן זייף, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון וואַרשע. זי טוט אָן אַ העמד מיט שפּיצעלעך אויסגענייט ביי דער ברוסט. אירע שוועסטערלעך רירן זיך צו מיט שפּיץ פינגער צו דעם אויס־נייעכטס. זי טוט אָן אויפן קאָפּ אַ הוט מיט אַ רויטער פעדער, ווי נאָר פריצטעס טראָגן אַזעלכע אין פּיאַסק, דאָס נייע קלייד וואָס שאָרכט ביי יעדער ריר, די שיכלעך מיט די פּאָמפּאָניקלעך, און זי גייט ארויס אין מארק גוט-יום-טוב ביטן איר געוועזענער באַלעבאָסטע, דאָדי לובלינערס וויב. דורך אָפענע פענסטער קוקן ווייבער ארויס און באַטראַכטן זי.

— ווער איז די פּריצטע, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק ? — פרעגן באַלעבאָסטעס זייערע דינסטן.

— מאַטעסעס טאָכטער — זאָגן דינסטן מיט הנאה, וואָס זייערס גלייכן האָט זיך אַזוי הויך ארויפגעאַרבעט.

— וואָס אַ קבצנס אַ טאָכטער פאַרגינט זיך היינטיקע צייטן — שיפּען באַלעבאָסטעס — געמיינט, ס׳איז גרעפין פּאָטאָצקי.

די בחורים אין גאַס, די שניידער־יונגען, שוסטערס, בעקערס און באַלעגאָלעס, עסן די מויד מיט די אויגן.

— זי איז ווערט אַן עבירה — זאָגן זיין, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז ס'וועט גאָרנישט דערפֿון אַרויסקומען — זי דרייט זיך ווי אַ קאַטשקע.

די שוועסטערלעך אין די נייע שיכלעך און אין די אַלטע קליידלעך גייען אין אַ זייט. ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט וואָכעדיק צו מאַכן דער שוועסטערס יום־טובדיקייט, און זיי באַרימען זיך פֿאַר אַנדערע מיידלעך, זייערסגלייכן.

— זעסט, דאָס איז אונזער שיינדל. זי איז געקומען פֿון וואַרשע.

מאַטעס שטייט נישט מער ביי דער טיר אין שול, נאָר ביים באַלעמער. צוליב נחת פֿון די קינדער זיינע, צוליב שיינדלען, און נאָכמער, צוליב נחמנען דעם לערנער, האָט ער זיך אַרויפֿגערוקט העכער, לעבן באַלעמער. ער רייניקט נישט מער די נאָז מיט דער פּאָלע, נאָר מיט דער רויטער קעשענע פֿאַטשיילע, וואָס שיינדל האָט אים געבראַכט.

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב — באַגריסט ער אַלע באַלעבאַ־טים אין שול, און פֿריער פֿון אַלעמען די באַלעבאַטים, ביי וועלכע נחמן עסט אַ טאָג.

ווען די שכנים פֿון הקדש־געסל קומען צו זיין טיר נאָכן עסן, איז ער זיי מכבד מיט וואַרשעווער מצות, וואָס זענען דינער און קלאָרער פֿון די פּיאַסקער, און ער דערציילט זיי פֿון זיין גליק.

— כ'בין נישט ווערט דעם חסד — זאָגט ער — אָבער פֿון די קינדער מיינע האָב איך נחת, קיין עין־הרע.

## קאַפּיטל דרייצן

אויף יעדן שבת נעמט יאַנטשע בעקער אַן אורח צום טיש, אַמאָל צוויי אורחים אפילו.

כאָטש דער טיש זיינער איז פול מיט קינדער, גרויסע און קליינע, האָט יאַנטשע ליב צו האָבן אַרום זיך נאָך מענטשן. ער האָט ליב אַליין צו עסן און זען אַנדערע עסן. פּונקט אַזוי האָט ער ליב צו רעדן ביים עסן, דערציילן מעשות און הערן מעשות. און ער זוכט אויס אין שול פּריילעכע קבצנים, וויטע וואַנדערער, וואָס גייען אויס אַ וועלט און ווייסן צו דערציילן מעשות פון גאָר דער וועלט. ער הייסט שיינדלען, זי זאָל דערלאַנגען די אורחים פולע טעלערס, ער גיסט זיי אַן אַלעמאָל אַ ניי גלעזל פון דער „מאַ־נאַפּאָלקע" און ער גיט זיי אונטער חשק צו דער אכילה צום גראַם.

רייבט, ר׳ איד, אויף אַלע ציין,
נאָר שלינגט נישט אַראָפּ די פיש מיט אַ ביין...

די אורחים קייען מיט גרויס טומל און דערציילן מעשות פון גאָר דער וועלט. מעשות פון שריפות, פון כשוף־מאַכערס, פון נע־פונענע אוצרות, פון רציחות, פון קינדער, וואָס ציגיינער האָבן אוועקגעגנבעט.

אויף יום־טוב נעמט יאַנטשע אַהיים אַ זעלנער אין שטוב. אויף שבת לאָזט מען די אידישע זעלנער פון פעסטונג נישט אָפּ. אָבער אויף יום־טוב ווערן זיי פריי און זיי גייען דאַוונען אין די שולן, וואו אידן נעמען זיי אַהיים צום טיש. יאַנטשע האָט שוין זיין שטענדיקן זעלנער. אַ פריילעכער יונג איז ער, דער זעלנער, אַ גרויסער מעשה־דערציילער און אַ בריה איינער אין דער וועלט. ער קרייעט ווי אַ האָן, קוואַקעט ווי אַ הון, וואָס עס קומט איר אָן שווער לייגן אַן איי, וואָרקעט ווי טייבעלעך, ווען זיי ליבן זיך, און שפּילט אויס מיטן מויל אַלע קלאַנגען פון מיליטערישן אָרקעסטער, וואו ער שפּילט, פון דעם טראָמייט ביז דער פּויק. יאַנטשעס

קליינע קינדער הענגען אַרום אים, ווען ער קומט אין שטוב. אויך די גרויסע ווערן פריילעך, ווען ער באַווייזט זיך מיטן באַלעבאָס פון שול.

— גוט יום-טוב, באַלעבאָסטע, זדראַוו זשעלאַיעם! — רופט ער אויס מיט זיין בעסאַראַבער לשון, מיט קמצן אנשטאָט פּתחן, און ער קנאַקט צונויף ביידע קנאַפּלס פון די גלאַנציקע שטיוועלעך און פאַרלייגט אַ האַנד צום שטערן, אָפּצוגעבן מיליטערישן כבוד.

— גוט יום־טוב, סאָלאָווייטשיק, אַ ליבער גאַסט, — באַגריסט מען אים מיט פרייד און מען שטעקט אים הענט פון אַלע זייטן.

צוזאַמען מיט דעם זעלנער קומט אַריין אַ שמחה אין שטוב. כאָטש ניט קיין שיינער, אַ רויט־האָריקער, מיט אַ פול פּנים זומער־שפּרענקעלעך, האָט ער אַלע חנען, דער יונג. אַלץ לאַכט ביי אים, די גרינע אויגן, די ווייסע שטאַרקע ציין, וואָס קוקן אַרויס צוזאַמען מיט די יאַסלעס דורך די שטאַרק־רויטע ליפּן. אפילו די זומער־שפּרענקלעך זעען אויס ווי זיי וואָלטן געלאַכט, אַנגעקוואָלן פון דער וועלט. דאָס זעלנערישע היטל אָן אַ דאַשעק זיצט ממזריש אויפן קאָפּ, זייטיק און ווי צוגעוואַקסן. די ברייטע שוואַרצע הויזן פאַלן וואוילעריש אַריבער איבער די גלאַנציקע געפּאַסטע שטיוועלעך, שיער נישט ווי ביי אַן אָפיציר. די מעשענע קנעפּ, די געלע בוכ־שטאַבן אויף די רויטע עפּאָליעטן, זיינען פריש און גלאַנצנדיק. פּונקט אַזוי בלישטשעט דער שנאָל פון זיין רימען און דאָס גע־קאַרבטע בלעכל אויפן רויטן לאַמפּאַס פון שטייפן היטל. די רויטע וואָנסעלעך זיינע זענען פּינקטלעך צוגעשוירן, אָפּגעטאָקט.

— זדראַווסטוואויטיע, ס׳זפּראַזדניקאָם, — רעדט ער אויף רו־סיש צו די מיידלעך, וואָס כאָטש זיי פאַרשטייען נישט דעם מיין פון די ווערטער, געפעלט עס זיי זייער.

ער זאָגט יעדן „איר“, אפילו יונגע אינגלעך און מיידלעך, וואָס אין פּוילן איז מען נישט געוואוינט דערצו. ער טיטולירט יעדער מיידל „מאַמזעל“, און אפילו מיט שיינדלען, כאָטש זי איז אַ דינסט, באַגריסט ער זיך זייער איידל און דערלאַנגט איר אַ ביינערדיקע האַנט, וואָס איז באַוואַקסן מיט געדיכטע קופּקעלעך רויטע האָר און באַפלעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך, געלע און געדיכטע.

— זדראַווסטוואויטיע, מאַמזעל ריטער! — באַגריסט ער זי ביים פאַמיליען־נאָמען, וואָס איין גאָט ווייסט פון וועמען ער האָט אים געהערט, און ער קנאַקט מיט די שטיוועלעך.

שיינדל דערפילט אַ ברי אין די אָפּגעריבענע דינסטמיידלשע פינגער פון זעלנערס ביינערדיקער און שטאַרקער האַנט. זי רויטלט זיך, צוגייט זיך אין בושה, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, און זי ציט אַראָפּ די בלוזקע איבער דער ברוסט, ווי תמיד ווען זי באַגעגנט זיך מיט אַ מאַן. זי גרייט דעם זעלנער צום טיש לעבן באַלעבאָס, לייגט אַוועק פאַר אים צוויי חלות, די שענסטע און אויסגעבאַקנסטע, דעקט זיי איבער מיט אַן אויסגענייט טישטוכל, און אַ בעכערל צו קידוש דערלאַנגט זי אים נישט קיין גלעזערנס, ווי געוויינלעך פאַר אורחים, נאָר אַ זילבערנס. מיט אויסגעשפּיצטע אויערן הערט זי דעם קידוש, וואָס ער מאַכט. ער קוקט נישט אַריין אין סידור צום קידוש, ווי דער באַלעבאָס. אויך זאָגט ער נישט אַזוי גיך און אָן אַ ניגון. ער קען דעם יום־טובדיקן קידוש פון אויסנווייניק און ער זינגט אים אויס מיט אַלע דריידלעך.

אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון, זינגט ער מיט אַזאַ פייערלעכקייט, אַז מען דערפילט די גאַנצע זיסקייט פון יום־טוב אין שטוב.

און ווי נאָר ער טונקט איין די ערשטע „מוציא" אין פיש־יויך, הויבט ער אָן רעדן און דערציילן מעשות, אַז קיינער האָט נישט די העזה דאָס מויל צו עפענען.

— סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ, — זאָגט ער אין רוסיש, — אָבער ניטשעוואָ, אַז מען האָט שכל, אַ אידיש קעפּל אויף זיך, ווערט מען ביי פּאָניען נישט פאַרפאַלן. . .

און כדי אויסצואווייזן ווי אמת דאָס איז, דערציילט ער מעשות נאָך מעשות פון זיין פאָלק, מעשות פון ביטערע ראָטנע־אָפּיצירן, שונאי־ישראל, וואָס האָבן אים געוואָלט שלעכטס טאָן, אָבער ער איז געווען קליגער פון זיי און זיי אָפּגעטאָן שפּיצלעך, אַז דער גאַנצער פּאָלק האָט דערנאָך דערמיט געקלונגען. ער דערציילט נישט בלויז די מעשות, נאָר ער שפּילט זיי אָפּ מיט גרוים בריה־שאַפט. ער מאַכט נאָך די פעסטע שטימען פון די עלטסטע, זייערע

רייד און מאַניערן, אַז אַלע האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. ער מאַכט שוין איינמאָל פון זיי אַ תכלית! אַלע קוועלן אָן, און מער פון אַלע שפּיצט די אויערן אוים שיינדל, זי זאָל אין קיך ביים טיילן נישט פאַרפעלן אַ וואָרט.

— ספּאַסיבאָ, — דאַנקט ער שיינדלען יעדער מאָל וואָס זי טראָגט אים צו אַ ניי מאכל, — אַ קייזער מעג עסן אייערע מאכלים.

זי ווערט רויט און צעטומלט און אַלץ פאַלט איר פון די הענט. דער זעלנער זעט עס, לאַכט און רייבט די סעודה אויף אַלע שטאַרקע ציין. יאַנטשע בעקער כאַפּט אוים אַ געלעגנהייט, ווען דער זעלנער ווישט אָפּ מיטן טיכעלע די צוגעשווירענע וואָנסעלעך פון די פעטע מאכלים, און ער פרעגט ביי אים אַ תכלית־זאַך, וועגן מלחמה.

— ווי מיינט איר, סאָלאָווייטשיק, — פרעגט ער, זייענדיק זיכער, אַז אַ זעלנער דאַרף אַלץ וויסן, — פאָניע וועט זיך טאַקע שלאָגן מיטן טערק?

סאָלאָווייטשיק ווערט ערנסט.

— קאָניעטשנאָ, — זאָגט ער, — אַז דער טערק וועט זיך טשעפּען וועלן מיר אים געבן פּולווער צו שמעקן, מירן אים דער־לאַנגען די קניידלעך.

נאָכן עסן זעצן זיך אַלע אוים אויף שטולן ביי די ווענט און סאָלאָווייטשיק זינגט לידער. ער איז אין דער מיליטערישער קאַ־פּעליע, שפּילט אויף אַ קלאַרנעט, און ער קען אַ וועלט מיט לידער, נישט נאָר זעלנערישע, נאָר אויף סעריאָזנע זאַכן, פון דער אָפּערע. ער קלאַפּט צו מיטן שפּיץ שטיוול צום טאַקט און צעלאָזט זיך אויף זיין טענאָרל. אַלע קוקן אים אין מויל אַריין.

— שוין איינמאָל אַ אינגל מיט אַ צינגל! — זאָגט יאַנטשע צום גראַם און גיסט אָן פאַרן גאַסט אַ גלעזל וויין פון דער פלאַש אויף קידוש און שטעלט אַוועק אַ טעלערל מיט נים. דער זעלנער פאַרזוכט, קנאַקט די ניסלעך מיט די שטאַרקע ציין און דערציילט מעשות פון די גוטע וויינען אין בעסאַראַביע, פון וואַנען ער קומט.

— ביי אונז אין בעסאַראַביע וואָלט איר געטרונקען וויין, — רעדט ער מיט בענקשאַפט, — די אמתע מאַלאַגע. און ביליק איז דער וויין דאָרט, ווי ביי אייך באָרשט.

שיינדל שטייט ביי דער שוועל צווישן דער קיך און שטוב, זי שלינגט די רייד פון זעלנער וועגן דעם בעסאראביע, וואו מען טרינקט וויין ווי בארשט, און זי בענקט אהין צו דעם געבענטשטן לאנד, וואס כאטש זי ווייסט נישט וואו עס איז, וואלט זי וועלן דארט זיין.

דער זעלנער קנאקט די ניסלעך.

— עך, א לעבן ביי אונז אין בעסאראביע !— דערציילט ער נסים — קאווענעס, וואס דא פארקויפט מען זיי אויפן שטיקל, וואל־גערן זיך ביי אונז אין די גאסן, חזירים פרעסן זיי. וויינטרויבן האבן א ווערט ווי דא קארטאפל. און די מענטשן דארט זענען גע־זונט, גבורים איינס אין איינס, און הוליאקעס, מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳טאנצט, ווי אויף א חתונה. . . .

יאנטשע גיסט אים אן א גלעזל נאך א גלעזל. דער זעלנער לאזט זיך נישט בעטן. אז דאס פלעשל בלייבט ליידיק, קנעפלט ער אפ דעם שטייפן זעלנערישן קאלנער ביים האלז, ער פארפעס־טיקט דאס היטל שטארקער צום קאפ, מער זייטיק עס זאל זיצן, ער קלאפט אן מיט די קנאפלס פוןביידע שטיוועלעך, זעצט אריין ביידע גראבע פינגער אין איינגעצויגענעם רימען אין דער טאליע און לאזט זיך א קאזאקל.

— זינגט, פאטשט מיט די הענט ! — רופט ער און גייט איבער אין א קאמארינסקע, אראפזעצנדיק זיך אויף דער ערד. די שטיוועלעך זיינע ארבייטן מעשים, שוועבן אין דער לופטן.

שיינדל בלייבט שטיין מיט א נישט־דערווישטן טעלער אין די נאסע הענט און זי גייט נאך מיט די אויגן די זעלנערישע שטי־וועלעך.

— ער האט א טעם, — זאגט זי צו דער באלעבאסטע, וואס זויגט דאס קינד.

דער זעלנער רופט זי :

— קומט אהער, מאמזעל, וועלן מיר טאנצן א פאלקע. לאזט זיך נישט בעטן.

שיינדל פילט, אז זי וואלט גרייט געווען אוועקצוגעבן דאס גאנצע לעבן אט דעם רויטן געשפרענקלטן פריילעכן יונג אין די

זעלנערשע קליידער, אָבער זי אַנטלויפט צוריק אין קיך אריין מיטן טעלער אין האַנט. זי שעמט זיך מיט איר פאַרטוך און נאַסע הענט און מיטן גאַנצן לייב און לעבן פאַר דעם פריילעכן בחור פון ווייטן פרעמדן לאַנד. אָבער דער זעלנער זוכט זי אויס זייער געשיקט און רעדט איר זיסע רייד נאָנט צום אויער.

— וואָסער שוואַרץ־חנעוודיקע איר זענט, — מורמלט ער אַזוי שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן, נאָר זי אַליין, — קומט אין זאַק־סישן גאָרטן ביים וואַסער, וועט איר מיך זען שפּילן אין מיליטערישן אָרקעסטער. איך וועל אייך שוין דערזען און צושיקן אַ בריוועלע.

שיינדל שעמט זיך צו זאָגן, אַז זי קען נישט לייענען קיין בריוועלע, און זי שווייגט. זי ווייסט גאָר נישט וואָס צו ריידן צו אָט דעם מענטש מיטן געשליפענעם צינגל. זי פילט בלויז, אַז זי וואָלט וועלן, דער יום־טוב זאָל גאָרנישט אַוועק; ער זאָל וואָס לענגער זיין דאָ אין שטוב, דער חנעוודיקער בחור. אָבער דעם צווייטן טאָג יום־טוב, גלייך נאָך דער סעודה, גייט ער אַוועק צוריק אין פעסטונג.

— סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ! — זאָגט ער אַ פריילעכער און פאַרשווינדט אַזוי פריילעך, ווי ער קומט.

ער קנאַקט ווידער מיט די שטיוועלעך, שטעקט יעדן אַ האַנט און סאַלוטירט זעלנעריש.

— וסיעוואָ כאַראָשאַוואָ, קראַסאַוויצאַ! — זאָגט ער שיינדלען צום געזעגענען זיך און פאַרנויגט זיך פאַר איר ווי פאַר אַ פּריצטע.

כאָטש זי פאַרשטייט נישט קיין וואָרט רוסיש, פילט זי דעם טעם פון די רייד, וואָס פליסן אַזוי זיס פון דעם בחורס שטאַרק־רויטע ליפּן.

און אין פרייע שבתים גייט זי אַרויס צו אים צום גאָרטן, וואו ער שטייט אין אָרקעסטער און בלאָזט די געשפּרענקלטע באַקן אין גלאַנציקן קלאַרנעט. פון ווי ווייט דערזעט ער זי, ווינקט צו איר מיט די אויגן און מיטן קלאַרנעט. צווישן איין מאַרש און צווייטן, כאַפּט ער זיך צו צו איר און, בגנבה פאַר דעם קאַפּעלמייסטער,

רעדט ער זיך אָפּ וואו צו טרעפן זיךביים פעסטונג, אויפן פרייען פּלאַץ.

זיי גייען ארום די הפקרדיקע אָפּגעגעסענע פעלדער ביים ציטאַ־דעל, וואו פּאַרלעך ליגן אויסגעלייגט אויף דער ערד און פערד און קי צופּן דאָס מאָגערע גראָז. זיי לאָזן זיך ארויס לענג-אויס דעם ברעג ווייסל און בלאָנדזשען ארום איבער בערגלעך און טאָלן. די ווייסל כוואַליעט, וואַשט די שטיינדעלעך, ריזל און זאַמד ביים ברעג. שיפלאַך גליטשן זיך אין וואַסער, א ווייסער אָנגעבלאָזענער זעגל בלאַנקט פון וויטן, שנירלעך פויגל דרייען זיך אין קאַראַהאָדן און שרייען. סאָלאָוויטשיק האלט שיינדלען ביי דער האַנט, קלעמערט זי מיט זיינע קניפּיקע געפלעקטע פינגער און פּליסטערט איר זיסע רייד אין די אויערן, וואָס טריפן ווי האָניק פון זיינע רויטע ליפּן.

— סאָניאַ, — רופט ער זי מיט א רוסישן נאָמען, אנשטאָט דעם אידישן שיינדל, — ביזט שענער פון אלע אָפיצירשעס אין פעסטונג, סאָניטשקאַ.

שיינדל גלויבט נישט.

— זי לאַכן פון מיר, — זאָגט זי אים מיט א „זי״, כאָטש ער זאָגט איר שוין „דו״.

— זאָל איך נישט דערלעבן צו גיין אהיים פון סלוזשבע, — שווערט ער זיך, פארלייגנדיק א האנט אויפן הארץ.

ווי תמיד, דערציילט ער פון זיין בעסעראַביע. ער מאָלט אוים פאר איר שטעט, גאַסן, מענטשן, פריינט, משפחה אַזוי לעבעדיק, אַז שיינדל זעט זיי אַלעמען פאר די אויגן. ער דערציילט אויך וועגן זיינע גרויסע פארדינסטן, וואס ער האָט געמאַכט אין דער היים, איידער מען האָט אים צוגענומען צו סאָלדאַטן.

— אין א וויין-קעלער האָב איך געארבעט, — באַרימט ער זיך, — אין גרעסטן אין שטאָט, און געלט האָט ביי מיר קיין ראָלע נישט געשפּילט, א רובל איז געוועזן א ממזר.

כאָטש שיינדל ווייסט, אַז בחורים זענען ווי הינט, וואָס מען דאַרף זיי קיין וואָרט נישט גלויבן, שלינגט זי יעדער וואָרט, וואָס דער זעלנער זאָגט ארויס. זי קוקט אים אין מויל אריין, פון וואַנען די רייד זיינע, די גלאַטיקע און זינגענדיקע, גליטשן זיך ווי די אַר-

בעס, און זי גייט אויס פאַר אים. זי האָט נישט קיין כוחות אוועק־צונעמען זיינע רויט־האָריקע הענט, וואָס זוכן איר לייב.

— גיטע, — זאָגט זי מיט א שוואַך קול, רויט פון בושה, טו־ליענדיק זיך פונדעסטוועגן צו אים.

די הענט זיינע זענען רירעוודיקע, געשיקטע, ווי ביי א קונצנ־מאַכער. די רויטע בינטלעך האָר אויף זיי און די געלע זומער־שפּרענקלעך מאַכן זיי ענלעך צו לאַפּעס פון א פּאַרצוקענדער חיה. עפּעס ווי האָריקע באַשעפענישן, פרעמדע צום גאַנצן קערפּער, קריכן זיי פון די זעלנערישע אַרבל אַרויס. אומעטום זענען זיי פול. שיינדל האָט מורא פאַר זיי, אָבער זי קען נישט ביישטיין די וואַ־רימקייט, וואָס פליסט פון זיי, דעם כוח. ערשט ווען זיי ווערן צו־פאַרשייט, הויבט שיינדל אָן זיך ראַנגלען.

— ניין, — זאָגט זי, ניין!

דעם זעלנערס גרינלעכע אויגן גלאַנצן ווי ביי א קאָטער אין דער פינסטער.

— שיינדעלע, — פליסטערט ער, — סאָניטשקאַ, — לאָמיך נאָר ענדיקן סלוזשבע, וועלן מיר חתן־כלה ווערן.

שיינדל פלאַמט אין גאַנצן.

— ס'איז נישט אמת, — מורמלט זי אין טרויער. — צו וואָס דאַרפן זיי מיך, א דינסט, אַז זיי קענען קריגן א באַלעבאַטישע טאָכטער?

דער יונג שווערט זיך מיט אַלע שבועות. זאָל ער אַזוי דער־לעבן אַרויס אויף דער פריי, זאָל ער שטום ווערן, זאָלן אים טאַטע־מאַמע אַזוי לעבן, ווי ער נאַרט זי נישט. זי איז ביי אים די שענ־סטע, די בעסטע. א כפרה אַלע באַלעבאַטישע טעכטער פאַר איר מינדעסט נעגעלע. ער פייפט אויף נדן. עס פעלט אים נישט קיין געלט. זאָל ער נאָר זיין פריי, צוריק אהיים קומען קיין בעסעראַביע צו זיין ווייַן־האַנדל, וואו ער האָט געאַרבעט, און ער וועט מאַכן געלט ווי בלאָטע. דערנאָך וועלן זיי אַליין עפענען א ווייַן־קעלער, זי וועט שטיין ביי דער קאַסע. אָפיצירן וועלן אַריינקומען טרינקען, רייכע סוחרים. געלט וועט זיך שיטן און עס וועט זיין א פרייליך לעבן.

שיינדל הערט דעם יונגס גלאטע רייד נישט נאָר מיט די אוי-ערן, נאָר מיטן גאנצן לייב און לעבן. כאָטש עס איז איר שווער צו גלויבן דאָס אלץ, ווייל עס איז צו-גוט און צו-שיין עס זאל זיין אמת, וויל זי עס הערן, גאַרט זי עס צו גלויבן. עס איז גוט צו הערן די גוטע זיסע רייד. קיינמאָל אין איר לעבן האָט איר נאָך קיינער אזעלכע גוטע רייד נישט געזאָגט. איר הארץ צעגייט אונטער דער רויטער בלוזקע. די ברוסט צאפּלט.

— מאמע, — בעט זי צו איר געשטאָרבענער מאמען, זי זאָל זי באשיצן פון בייז, — מוטער געטרייע.

## קאַפּיטל פערצן

שיינדל האָט אלע ווענט פון יאַנטשע בעקערס קיך אויסגע-האנגען מיט ליבנדע פּאַרלעך.

לייענען האָט זי נישט געקענט, אבער די „מענטשעלעך" אין די זשורנאלן האָט זי ליב געהאַט, און ווי נאָר זי האָט געזען אן אויסגעמאָלט ליבענד פּאָרל אויף א פּלאַקאַט פון טיי, פון שו-וואקס, פון שמעקעדיקן זייף, האָט זי דערמיט אויסגעצירט איר קיך. די סאמע שענסטע, פאַרביקסטע און ליבנדיקסטע פּאָרלעך האָט זי אויסגעהאנגען איבער איר אייזערן בעטל. זי האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען לידער ביי דער ארבעט.

זי האָט אויך געקויפט פאר צען גראָשן א „פּותר-חלום", וואס א פּאַקנטרעגער האָט פארקויפט אין הויף, ווי אלע דינסטן. אין אלץ, וואס זי האָט געטאָן, האָט זי געזוכט סימנים, גוטע אָדער בייזע. זי האָט געוואוסט, אז ווען א מעסער פאלט אראָפּ און בלייבט שטעקן מיטן שפּיץ אין דער פּאָדלאָגע, איז א סימן, אז שונאים בארעדן זי פאר איר בחור, און אז עס ווייזן זיך ווייסע פלעקעלעך אין די נעגל, וועט מען קריגן כלה-מתנות; אז ווען ברויט פאלט מיט דער פּוטער אראָפּ, באוויייזט עס אויף בייז, און אז א טיי-בלעטעלע שווימט ארויף אין א גלאָז טיי, וועט מען קריגן גוטע בריף; אז א כלי צעברעכט זיך, וועט מען שרייבן תנאים, און

אז מען שלוקערצט נאָכן עסן, ווערט מען באַרעדט; אז ווען עס בייסט אין די האַנט-פּלאַכן, וועט מען געבן תקיעת-כּף אויף א כּלה ווערן, און אז מען געפינט א האָר אין עסן, וועט מען ווערן אַוועק-געוואָרפן. פּונקט אזוי האָט זי אויסגעטייטשט אירע חלומות אויף גוטן אָדער בייזן, געפרייט זיך מיט די גוטע סימנים און זיך מצער געווען איבער די שלעכטע. ביי רייבן טעפּ, ביי וואַשן וועש איבער דער באַליע, ביי שאַרן די פּאָדלאָגעס האָט זי איין איינציקע זאַך געהאַט פאַר די אויגן — דעם רויטהאָריקן זעלנער אירן.

טיף אין האַרץ ביי זיך האָט זי געוואוסט, אז דער פרעמדער יונג נאַרט זי. צו-גלאַטיק און אָפּגעטאָקט זענען געווען זיינע זיסע רייד, זיי זאָלן זיין אמת. דערצו האָט ער זיך פאַרגעסן פון איין מאָל צום צווייטן, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אום שבת אַרום פעסטונג. ליגנדיק מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף שיינדלס שויס, פילנדיק אירע פינגער איבער זיין זעלנעריש-געשוירענעם קאָפּ, האָט ער יעדער מאָל אַנדערע מעשיות דערציילט פון זיין פריי לעבן אין בעסאַ-ראַביע. איינמאָל איז ער געווען א משרת אין א ווייַן-קעלער, אַן אַנ-דער מאָל — אַן אויפקויפער פון קאַווענעס, וואָס ער האָט געלאָדן אין וואַגאָנעס קיין אָדעס, און אַן אַנדערש מאָל איז ער גאָר געווען א גרעניץ-שמוגלער מיט טערקן. זי האָט אים נישט איבערגעפּרעגט, שיינדל, ביי קיין ליגן נישט געכאַפּט. עס איז איר גוט געווען צו זיצן אזוי מיט אים און פירן מיט די פינגער איבער זיינע רויטע האָר. עס איז זיס געווען צו הערן די רייד זיינע, די גלאַטע און זינגעוודיקע, מעגן זיי זיין ליגן. כאָטש זי האָט געוואוסט, אז ער וועט זי קיינמאָל נישט מיטנעמען קיין בעסעראַביע, וואו וויינטרויבן וואַלגערן זיך אין די גאַסן און מענטשן זינגען און טאַנצן, האָט זי געוואָלט הערן די פאַרשפּרעכנדע רייד זיינע וועגן זייער גליקלעך לעבן דאָרט.

— ווי א קייסערינע וועסטו זיין ביי מיר, — האָט ער איר געפּליסטערט, — אויף די הענט וועל איך דיך טראָגן.

וויסנדיק גאַנץ גוט, אז זי דאַרף נישט מיטגיין מיט אים איבער די שמאָלע שטעגעלעך פון די פאַרלאָזענע פעסטונג-פעלדער, איבער

די באהאלטענע טאָלן צווישן גראָזן און קוסטעס, האָט זי נישט געקענט נישט נאָכגיין דעם מאַן, וואס האָט זי געפירט מיט זיך.

וואָכן-לאנג האָט זי זיך אויסגעהיט. וויפיל מאָל דער יונג איז שטארק צוגעשטאַנען צו איר און זיינע רויט-האָריקע געפלעקלטע הענט זענען געוואָרן קניפּיק און הייס, האָט זי אויסגעריסן זיך פון אים און געיאָגט אהיים. אָבער וואָס נענטער עס איז געקומען צו דעם טאָג ווען דער יונג האָט געדארפט אוועקפאָרן, ענדיקן די דינסט, אַלץ שוואכער איז זי געוואָרן. זי האָט גוט געוואוסט, אז גראָד איצט דארף זי אים אויסמיידן, ווייל זי וועט אים מער נישט זען. ווי א פויגל וועט ער אוועק, ווי א ווינט, וואָס קומט נישט צוריק. אָבער גראד דערפאר איז ער איר אַלץ טייערער געוואָרן, אַלץ מער אין הארצן איינגעבאקן. אין לעצטן שבת איז זי אים נאָכגעביק געוואָרן.

ווי א חיה, וואס אין דער צייט פון רייפקייט גייט זי פארטויבט, ביז זי געפינט נישט איר מין, אזוי איז די אויפוואכנדע מויד גע- גאנגען צו איר גורל.

דער פארנאַכט איז געווען א הייסער, אן אָנגעגליטער. די פאר- גייענדיקע זון האָט געצונדן שפּיצן פון בוימער, שטרויענע דעכער און סטויגעס היי; פון יעדער שטיקל צעבראָכן גלאָז — גינגאָלד און בריליאַנטן געמאכט. קי אויף לאָנקעס האָבן בענקנדיק געמו- קעט. פויגל האָבן געשריען אין דער לופט. פון דער ווייטן האָט ערגעץ א בליץ צעשניטן דעם הימל, א קליינער דונער האָט א וואלגער געטאָן. אבער באלד איז צוריק געוואָרן שטיל און אומ- באוועגלעך. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטרי און פאס- פאָר. פארפוילט האָלץ האָט געלויכטן מיט רויט-בלויען פייער.

שיינדל איז געגאנגען א געהאָרכזאמע נאָך דעם יונג, וואָס האָט געשוויגן דאָס מאָל, ס׳ערשטע מאָל זינט זי האָט אים געקענט. טי- פער איז ער געגאנגען אין די גראָזן, ווייטער ווי שטענדיק, דורך לאָנקעס, וואָס זי האָט פריער קיינמאָל נישט געקענט. דערשראָקענע פרעש זענען געשפרונגען איבער די פארגאָסענע זומפיקע גראָזן. די נאכט איז צוגעפאלן גיך. די רויטע פאסן פון דער פארגאנגענער זון זענען אויסגערונען. א גרויסע קיילעכדיקע לבנה, א צונטער-רויטע

איז געהאנגען נידעריק אין הימל. דער זעלנער איז געגאנגען אלץ ווייטער. מיטאמאל האט ער זיך אראפגעבויגן און אפגעשפילעט דעם זעלנערישן רימען. שיינדל האט אויף אים געקוקט. אין זיין אפשפילען דעם רימען איז געלעגן די גאנצע זיכערקייט פון מענ־לעכן מין, וואס גרייט זיך באצווינגען. מער ווי אלע מאל זענען זיינע הענט געווען שטארק און גראב. שיינדל האט זיך נישט גע־ווערט. א ווײַלע האט זי דערפילט די סכנה און גענומען ווערן זיך, בעטן און אפילו בייסן. מיט שארפע ציין האט זי זיך איינגעביסן אין זיין האריקער האנט. דער יונג האט א געשריי געטאן. דאס האט זי אזוי איבערגענומען, ווי א מאמען, וואס האט איר קינד שלעכטס געטאן. זי האט געכאפט די האנט זיינע און געקושט אויפן ארט, וואו זי האט געביסן. דער יונג האט זי גענומען איצט אן ווידערשטאנד. אין בושה, ווייטאג און אין דעם גרעסטן תענוג פון דער וועלט האט זי היים געשעפטשעט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

— חתן מיינער! — האט זי גערופן אין עקסטאז.

דער יונג האט געלאכט, געלאכט הויך, גראב און פארשייט און גערעדט מיאוסע רייד.

ווי אומגעריכט ער איז געקומען, אזוי אומגעריכט איז ער פארשוואונדן.

זי האט געוואוסט, אז ער וועט נישט צוריקקומען, דאך איז זי ארויסגעגאנגען יעדן שבת אויפסניי צום פעסטונג און נאכגעקוקט די פארבייגייענדיקע זעלנער, צי זי וועט נישט זען אירן. פונקט אזוי האט זי אפגעשטעלט יעדן טאג אויפסניי דעם בריוו־טרעגער אין הויף, צי ער האט נישט קיין בריוו פאר איר. דער בריוו־טרעגער האט זיך געבייזערט:

— אז ס׳וועט זיין, וועל איך ברענגען, מיידל. נישטא וואס צו פרעגן.

אבער זי האט אים אלץ ווידער און ווידער געפרעגט. זי האט אויך ארויפגערופן די ציגיינערקעס פון הויף, וואס רופן אויס וועגן זייער קארטן־לייגן, און געלאזט זיך טרעפן איר מזל. כאטש אלע האבן זיי גערעדט די זעלבע רייד, וועגן ברונעטן און בלאנדינען,

וואָס איינער פון זיי אין פאַלש און דער צווייטער געטריי, און דער סוף וועט זיין, אַז דער געטרייער וועט קומען און זי נעמען, האָט זי אויפסניי זיי גערופן און צו צען גראָשן זיי געצאָלט פאַר אויס־לייגן די קאָרטן.

— נאַר מיך נישט, ציגיינערן, זאָג דעם אמת, כ׳בין א יתומה,

— האָט זי געבעטן ביי די קאָרטן־לייגערקעס — זאָג צי דו זעסט א רויטן אין די קאָרטן?

זי האָט ביי מיידלעך אין הויף געלאָזט זיך חלומות באַשיידן, סמנים אין אַלץ געזוכט, אָבער גאָרנישט איז געקומען פון דעם, וואָס איז אוועק. די טעג זענען געווען פוסט, די נעכט פינסטער. זי האָט מער געאַרבעט ווי אַלעמאָל, וועש געוואַשן, פּאָדלאָגעס געריבן, בעטן און שאַפעס אַליין פון די ערטער אָפּגערוקט ביים ראַמען. זי האָט געוואָלט באַצייטנס קאַליע מאַכן דאָס, וואָס גייט אויף אין איר לייב. אָבער קיין אַרבעט און אָנשטרענגונג האָבן נישט אָנגערירט זי. זי איז געווען געזונט און קרעפטיק ווי תמיד. בלויז אַמאָל נאָר ביים קאָכן פלעגט איר אַזאַ נאָגעכץ אַרומנעמען, אַז זי האָט געמוזט אַרויסכאַפּן עפּעס פון די טעפּ און פאַרזוכן, אַנישט האָט איר אַן איבלען אָנגעכאַפּט.

— מאַמע! — האָט זי גערופן איר געשטאָרבענע מוטער אין די נעכט — מוטער געטרייע.

אויף דעם קומענדיקן פּסח האָט זי ווידער איינגעקויפט מתנות פאַר אַלעמען אין שטוב און אהיימגעפאָרן. אָבער זי איז נישט מער אַרויס שפּאַצירן אַן אויסגעפּוצטע אין מאַרק. נאָך יום טוב איז זי נישט צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, נאָר געבליבן זיצן אין שטוב. מאַטעס האָט געקוקט מיט שטוינונג. ווי אַ טאַטע, וואָס נישט ער גיט עפּעס זיינע דערוואַקסענע קינדער, נאָר ער נעמט ביי זיי, האָט ער נישט געהאַט די העזה זי צו פרעגן.

— שיינדל, זאָלע באַלעגאָלע האָט זיך געפרעגט ווען דו פאָרסט קיין וואַרשע מיט זיין בויד, — האָט ער געמורמלט זייטיק.

שיינדל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך מיט שרעק, צי דער פאָטער זעט נישט עפּעס. און זי האָט גענומען סערן ראַשיק די ליימענע פּאָדלאָגע.

— כ׳האָב אָנגעוואוירן די שטעלע, — האָט זי געזאָגט, — אָבער זאָרג נישט, טאַטע, כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט געלט און כ׳על בלייבן אַביסל אין דער היים.

מאַטעס האָט גענומען דעם זאַק און אַרויס אין די דערפער.

כאָטש זי האָט געוואוסט, שיינדל, אַז נישט לאַנג שוין וועט זי קענען אויסבאַהאַלטן זיך, האָט זי געוואָלט בלייבן אין שטוב און איר אומגליק, נישט פאָרן אין דער פרעמדער שטאָט. אין הויף ביים בעקער האָט זי נישט איינמאָל מיידלערישע אומגליקן געזען. אינדערפרי, ביים שאַרן ס׳מיסט, פלעגן די מיסט־גויעס פון צייט־צו־צייט אַן עופהלע געפינען. א טומל פלעגט ווערן אין הויף. אַלע ווייבער פלעגן זיך צונויפקומען. דערנאָך איז פּאָליציי געקומען, פון שטוב צו שטוב געגאַנגען, ווייבער אויסגעפרעגט ווער פון די מיידלעך איז דינער געוואָרן פלוצלונג. און כמעט שטענדיק פלעגן זיי אויסגעפינען, די ווייבער, די שולדיקע. א פּאָליציאַנט פלעגט שפּעטער פירן א בלאַס מיידל, פאַרהילט אין א פאַטשיילע איבערן קאָפּ, און אַלע האָבן געשאָלטן און געשריגן, אַז זי וועט מער די ליכטיקע שיין נישט אָנזען. שיינדל האָט געדענקט די זאַכן און מורא געהאַט פאַר זיי. א גרויל איז איבער איר ליב דורך. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז אויך דאָ מוז צום אומגליק קומען, האָט זי אָבער געוואָלט בלייבן אין הויז, אַבי נישט פאָרן אין דער פרעמדער שטאָט, צו פרעמדע בייזע מענטשן. דאָס אייגענע שטיבל האָט געמאַכט לייכטער, גרינגער געמאַכט די שרעק. כדי נישט צו גע־דענקען אָן דעם, וואָס דאַרף קומען, האָט שיינדל געאַרבעט א סך, געקערט, געוואַשן, אויספאַריכט אַלע צעריסענע העמדער, פאַר־נייט, געלאַטעט און געצירעוועט.

אין איינער א מיטאָג־שעה, ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי דערפילט ווייען. זי איז אַריין אין קעמערל פון האָלץ, וואו עס איז געלעגן א ביסל קאָרע, און האָט פאַרקייטלט דאָס טירל פון אינווייניק. מיט איינגעביסענע ציין אין דער ליפּ, איז זי שעהן געלעגן אויף דער קאָרע און געשוויגן. קיין איין קרעכץ נישט געטאָן. כאָטש די ווייטאָגן האָבן צעבראָכן איר רוקן.

— מאמעניו, — האָט זי בלויז געקענט שטילערהייט צו דער געשטאָרבענער מוטער, — מוטער געטרייע.

אַז די ווייען האָבן איר גאָר שטאַרק גענומען, האָט זי געוואָלט שטאַרבן, נאָר שטאַרבן און פּטור ווערן פון אַלץ. אַז די ווייען האָבן איר אָפּגעלאָזט, האָט זי געוואָלט לעבן. אַלץ אין דער וועלט דורכגיין, אַבי לעבן. דורך די שפּאַרעס פון דעכל האָט אַ וואַ־רימער זוניקער דרויסן אַריינגעקוקט. מענטשלעכע שטימען האָבן זיך געטראָגן פון ווייטנס. עפּעס אַ האָן האָט פּלוצלונג געקרייט אין מיטן טאָג, געקרייט הויך און פאַרעקשנט. דאָס האָט אַ געוואַלדיקן חשק צום לעבן געוועקט.

— גאָט ! — האָט שיינדל געבעטן מיט פאַריסענע אויגן צום פלאַכן דעכל פון קעמערל, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז זי איז אַ זינדיקע — דערבאַרעם זיך אויף מיר, פאָטער.

זי האָט געבעטן אויף לעבן ווי יעדע געווינערין אין איר פּיין.

פאַרגאַכט צו האָבן די יסורים צוריסן איר לייב. מיט ביידע הענט האָט זי צוגעהאַלפן אַרויסברענגען די פּיין פון איר לייב. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט אַרויסקריגן דעם זעלנערס פאַרשאָל־טענע זרע, כדי אַוועקצוטראָגן עס ערגעץ אין דער שפּעטער נאַכט, פאַרוואַרפן עס, אַז קיינער זאָל פון דעם געביין נישט וויסן. אָבער אַז זי האָט דערהערט דאָס פּישטשען פון אַ ניי־געבוירענס, איז איר אַזאַ מוטערלעך רחמנות באַפאַלן, אַז זי האָט עס געכאַפּט אין די הענט.

— רייזל, רייזל ! — האָט זי מיט אַמאָל גענומען רופן הויך צו איר אינגסטער שוועסטער אין שטוב, זי זאָל איר דערהערן, — רייזל, קום אַריין צו מיר אין קעמערל.

זי האָט נישט געדענקט איצט אין קיין שום זאַך, נישט אין איר בושה, נישט אין דער שטוב. זי האָט בלויז געדענקט אין עופּהלע, דעם לעבנדיקן און פּישטשענדיקן, וואָס מען דאַרף עס צונעמען פון דער פינסטערער קאַמער, העלפן עס, ברענגען עס צום לעבן. זי האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס אַליין צו טאָן מיט דעם אומריינעם באַשעפעניש'ל אין דער פינסטערער קאַמער אויף דער קאָרע. די קליינע רייזל איז געבליבן שטיין געליימט זעענדיק

ביי דער שיין פון דער לבנה איר עלטסטע שוועסטער אין איר שאנד. קיין איין ווארט האט זי נישט געקענט ארויסברענגען. באלד האט זי אויפגעפראלט דאס טירל און אוועקגעלאפן צו לאה דער מארק־זיצערקע, פונקט ווי אמאל ווען די מאמע האט געלעבט און זי פלעגט ארונטערגיין הינטער'ן פארהאנגענעם ליילעך.

גאנצע אכט טעג איז דאס הקדש־געסל געווען באלאגערט. פון נגידישן מארק זענען ווייבער געקומען, פון שול־געסל, אפילו פון די זאמדן, וואו די קאזאקן האבן זייערע קאזארמעס.

— אט דא־א, אין דעם קעמערל, האט זי עס געהאט — האט מען געוויזן מיט פינגער.

אינגלעך האבן געווארפן שטיינדלעך אין מאטעסעס הייזל, פרומע ווייבער האבן אפגעשפיגן קינדער, זיי זאלן נישט אוועק־גיין פון דער וועלט פאר די זינד אין שטאט.

שניידערס און שוסטערס האבן געזונגען פריילעכע לידער און געוואונטשן צו יעדער מיידל מיט ממזרישע אויגן.

—מזל־טוב ! — האבן זיי געוואונשן מיט שפאט, ווי יעדע מיידל וואלט שולדיק געווען אין דער זינד.

אידן לומדים האבן געפילט זינדיקע מחשבות אין די קעפ און זיך ארומגעריסן צווישן זיך וועגן די דינים פון א ממזר אין קהל.

אז מ'האט מאטעסן אנגעזאגט די בשורה אויפן וועג, ווען ער איז פרייטיק צוריקגעקומען מיטן זאק פון די דערפער, האט ער נישט געשריגן, נישט געשאלטן. טיפער געבויגן ווי שטענדיק האט ער אהיימגעשלעפט דעם זאק אין זיין הויז. ער האט גענומען די פיין אויף זיינע אקסלען, ווי יעדע צרה אין זיין לעבן. כאטש ער האט קיין גוטס נישט ערווארט אין שול דעם פרייטיק־צו־נאכטס, איז ער געגאנגען אהין מקבל־שבת זיין. ער איז מער נישט צוגעגאנגען צום באלעמער, ווי אין די לעצטע צייטן זינט נחמן האט אנגעהויבן לערנען און עסן טעג. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, ביים האנטפאס, און פרום געדאוונט. לער־אינגלעך האבן פון אים געשפאט, געוואונשן מזל־טוב. ער האט נישט גע־ענטפערט.

— ברוך הוא וברוך שמו. אָמן, — האָט ער נאָכגעזאָגט הויך נאָך די ברכות פון חזן.

בלויז נחמן איז געזעסן אין שטוב. נישט ער איז געגאַנגען צו בערישלען לערנען, נישט ער איז געגאַנגען עסן טעג, נישט ער איז געגאַנגען דאַווענען. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אויף דער באַנק און נישט געוואָלט אויפהויבן זיך. די בושה האָט אים פאַרצערט.

שבת־צו־נאַכטס איז מאַטעס אוועק אין שול־געסל צום רב. עס איז געווען אַ אינגל, שיינדלס קינד, און מאַטעס האָט געוואָלט פרעגן אַ שאלה וועגן אידישן עס. ער איז געשטאַנען ביי דער שוועל, נישט געוואַגט צו פאַראומרייניקן מיט זיינע זינדיקע טריט די כשרע בית־דין שטוב. דער רב האָט אים באַגעגנט מיט כבוד, ווי תמיד.

— ברוך הבא, ר' מאַטעס, זעצט זיך.

מאַטעס איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָבער רעדן האָט ער נישט געקענט.

— רבי, — האָט ער געמורמלט מיט ציטערנדיקע ליפּן.

— כ'ווייס, נעבעך, כ'ווייס, — האָט דער רב געזיפצט און אַרויפגעקראָכן אויפן לייטערל צו די ספרים.

לאַנג האָט ער געזוכט אין די דריבנע אותיותלעך פון די גרויסע ספרים און אַרויסגעקומען מיט אַ פּסק.

— אוודאי דאַרף מען אידישן דעם זכר — האָט ער געזאָגט, נישט אָנרופנדיק עס „קינד".

ער האָט זיך געראַנגלט ווי אַ אינגל און געטרייסט דעם איד.

— גייט געזונטערהייט, ר' מאַטעס, איך וועל שוין שיקן רופן דעם מוהל.

דער מנין אידן פון הקדש־געסל איז אין די וואָכעדיקע קאַפּאָ־טעס געקומען אויפן זינדיקן ברית, וואָס אַזעלכער און ס'ערשטע מאָל געפּראַוועט געוואָרן אין שטאָט. דער מוהל, דער שוחט פון שטאָט, האָט שטאַרק געיאָגט, געוואָלט פּטור ווערן וואָס פריער פון דער טריפהנער מצוה. אים איז נישט באַקומען די ברכה, וואָס ער האָט געמאַכט איבערן ממזר פאַרן מל זיין.

— נו, א, וואָסער נאָמען וועט מען „עס" געבן ? — האָט ער אומגעדולדיק געפרעגט — גיכער, זאָגט.

מאַטעס האָט זיך נישט געקענט דערטראַכטן. דער מוהל האָט עס אַליין א נאָמען געגעבן.

— ויקרא שמו בישראל אברהם, — האָט ער געברומט ווי מען גיט א נאָמען א גר.

די אידן האָבן נישט געוואוסט, צי זיי דאַרפן זאָגן מזל־טוב.

— נו, מילא, נו, אבי פטור — האָבן זיי געברומט מיט חוזק, אַרויסרוקנדיק זיך פון שטוב — א גוטען תמיד . . .

נאָכ'ן ברית האָט שיינדל אַרויסגענומען די אָפּגעשפּאָרטע פּאַפּירענע רובלס, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַרצן, און זיי אַוועקגעגעבן דעם פאָטער.

— טאַטע, — האָט זי געזאָגט — מירן זיך אַריבערציען קיין וואַרשע. דאָ קען מען מער נישט זיין.

מאַטעס האָט געקוקט אויף זיין טאָכטער מיט גרויסע אויגן.

— קיין וואַרשע ? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט שטוינונג.

ער איז נאָך קיינמאָל אין דער שטאָט נישט געווען און ער האָט געטראַכט דעריבער. נחמן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און אים נישט געלאָזט טראַכטן.

— טאַטע, לאָמיר אַוועק ! — האָט ער געשריגן מיט א בייזקול און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. — שוין זאָל מען אַוועקפאָרן.

מאַטעס האָט איינגעפּאַקט אין צעריסענע זעק דאָס בעטגעוואַנד, צווישן די קישנס אַריינגעשטופּט די ליימענע כלים, זיי זאָלן נישט צעבראָכן ווערן. ער האָט פאַנאַנדערגענומען די אַלטע פאַרוואַנצטע בעטן, דאָס שטרוי, צוזאַמענגעבונדן מיט שטריקלעך דאָס עמער, שאַף, באַליע און מולטער, די עטלעכע בענקלעך, און אויך אַראָפּגענומען די צעריסענע מזוזה פון דער טיר. זאַלע איז געקומען צופאָרן מיט זיינע אויסגעהויקערטע פערד און אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף דער פור. אויף די זאַכן האָט זיך אַרויפגעזעצט מאַטעס מיט זיין הויזגעזינט. שיינדל, איינגעהילט אין א פּאַטשיילע מיטן קינד, האָט זיך אַריינגעקוועטשט צווישן בעטגעוואַנד, מען זאָל זי וואָס ווייניגער אַרויסזען.

— וויא, נבלות! — האָט זאָלע געשריגן אויף די פערד און געקנאַקט מיט דער בייטש.

חדר־אינגלעך זענען נאָכגעלאָפן דער פור מיט א ליד:

שיינדעלע די היר,
קייטל צו די טיר,
לאָז נישט אריין קיין פּראָסטן מאַן,
נאָר אַן אָפיציר.

קאַפּיטל פופצן

רפאל המלאכס פיר-שטאָקיקער און פיר-עקיקער מויער פאַרן אייזערנעם טויער אין ווארשע ערוואַכט צו ארבעט און מי.

עס איז פאַרטאָג, פאַר זון־אויפגאַנג. דאָס שטיקל ריינע הימל איבער דעם אָפּגעריסענעם מויער איז נאָך גרין. פונדעסטוועגן וועקן זיך שוין די מענטשן דאָ. אין פאַרשטויבטע פענסטער צינדן זיך פּייערלעך אָן, גאַז־פלעמלעך און נאַפט־לעמפּלעך. האַלב נאַקעטע ארבעטער רייסן זיך ארום די וואַסער־קראַנען, כדי אָפּצוּואַשן זיך וואָס פריער. צעשויבערטע ווייבער בלאָזן אין קיכן, דערוואַרעמען ציקאָריע, פּאַקן איין פּעקלעך שפּייז פאַר מענער, וואָס איילן אין פאַבריקן און אין ווערקשטאַטן צו ארבעט. ארבעטער־מיידלעך קעמען האַסטיק זייערע לאַנגע האָר, פּוצן זיך פאַר שלעכטע, פליגן-באַשפּרענקלטע שפּיגלען, כאַפּנדיק א קיי אין מיטן קאַמען. ביי דעם גרויסן שוואַרצן קלאָזעט אויפן הויף, דעם איינציגן פאַר אַלע עטליכע הונדערט נפשות פון מלאכס הויף, שטייען מענער און ווייבער און וואַרטן אומגעדולדיק אויף זייער ריִע.

— נו, וואָס האָט מען זיך אַוועקגעזעצט דאָרטן אַזוי לאַנג?

— בייזערט מען זיך אויף די מענטשן אינווייניק — א סוף!

פון אַלע ווינקלען איילן מענטשן צו ארבעט, פון בוידעם־שטיבלעך און קעלערס. גאַסן-הענדלערקעס, קרעמער, גענזלער־קעס און פישערקעס אין גרויסע פאַרטוכער, מיט געלט־בייטלען פאַר־

וואָרפֿן איבער די אַקסלען, גייען אַרויס צו מערק און באַזאָרן; טרעגערס מיט שטריק אַרומגעבונדן אַרום די לענדן פֿירן אַרויס זייערע האַנט־וועגעלעך אויף צוויי רעדער. שאַכערס מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, לאָזן זיך אַרויס איבער פֿרעמדע גאַסן, מציאות צו קויפֿן. אין קליינעם בית־המדרשל, וואָס קוועטשט זיך צווישן אַלע וואוינונגען, גייען אידן מיט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס. צוזאַמען מיט אַ פֿעטער קללה פֿון אַ באַלעגאַלע, וואָס שרייט אויף זיין פֿערד, פֿאַרוואָס עס דרייט שלעכט אויס דעם וואָגן אין ענגן הויף, דערטראָגט זיך אַ פֿרומער קדוש, קדוש, קדוש פֿון די אָפֿענע בית־המדרש פֿענסטער.

הענדלער, הענדלערקעס, מיט קוישן אויף די אָרעמס, קומען אָן פֿון גאַס, אויסרופֿנדיק הויך זייערע סחורות.

— גערויכערטע הערינג, פֿרישע — רופֿט פֿייערלעך אַ קול, מיט אַ ניגון, ווי עס וואָלט ניט אויסגערופֿן הערינג נאָר עפּעס זייער אַ הייליקן רוף.

— הייסע בייגל, קאָכעדיקע — שרייט אים איבער אַ ווייבל מיט אַ קוויטש — הייסע, הייסע.

— אוגערקעס, רעטעך, יונגע ציבעלעס — רופֿט מיט אַ שווע־רער באַס־שטים אַ געזעצט מענער־קול, אַ געלאַסנס און אַ זיכערס.

אַ מיסט־גויע, מיט אַ זאַק אין איין האַנט און מיט אַן אייזן אין דער צווייטער, פֿאַרטרייבט די הינט און קעץ, וואָס ראַיען ביים מיסט־קאַסטן, און גראַבלט אַליין אין שוואַרצן סמאַלעדיקן עיפּוש.

— ביינער קויף איך, לומפּן, שמאַטעס — רופֿט זי אין פּויליש מיט אַ קירכע־ניגון.

פֿון קעלערס, פֿון בוידעם־שטיבלעך, פֿון אַלע פֿענסטער און טירן הויבן ניי־מאַשינען אָן קלאַפּן. סטאָלאַרישע זעגן, שוס־טערישע האַמערס, שמידישע הילכן, רייסן זיך איבער איינס ס'אַנדערע. דאָס איינציקע ווינקל אין דעם גרויסן מויער, וואו די פֿענסטער זענען שטיל און מיט ראָליעטן פֿאַרשטעלט, איז פֿעטער שעפּסלס נפֿקה־ביתל. דאָרט איז ליכטיק ביינאַכט. אַ גיטאַרע שפּילט דאָרט. פֿאַרטאָג ווערט דאָרט שטיל און בלייבט שוין אַזוי

ביז א שטיק אין גרויסן טאָג אריין. די צווייטע דירה, נישט פון הויף, נאָר פון פראָנט, אָבער וואָס א טייל פענסטער אירע גייען אויך אריין אין הויף אריין און געדיכטע פאָרהאנגען פארשטעלן זי פאר דעם הויפישן טומל, איז די וואוינונג פון ווירט רפאל ווייב־סעלפיש, וואָס מ׳רופט אים אין גאַס רפאל המלאך. אויך דאָ שלאָפט מען לענגער אין די מאָרגנס. דאָס זענען די איינציקע פענסטער אין הויף, וואָס זענען תמיד לויטער אויסגעפוצט, האָבן בלומען־טעפּ, און דראָטן פון דאך ציען זיך צו זיי אריין, דראָטן פון עלעקטרישער באלייכטונג און טעלעפאָן.

צו אָט דעם גרויסן אָפּגעריסענעם געל-געקאַלכטן מויער, וואָס איז אין פראָנט פארפוצט מיט אָפּגעשיילטע גיפסענע ווייבער און מלאכימלעך ארום די פענסטער און באלקאָנען, פארפאָרט זאלע דער באלעגאָלע פון פיאסק מיט מאַטעסן און זיין הויזגעזינד.

— העי, טויער־מאַן — רופט ער, קלאַפּנדיק מיט דער בייטש אין שווארצן אייזערנעם פאַראָסטעטן טויער — עפן דאָס טויער, שכנים פיר איך.

דער הויז-וועכטער קערט מיטן בעזים דאָס מיסט גלייך די פרעמדע אין פנים אריין און וויל דאָס טויער ניט עפענען.

— אז מ׳עט מיר געבן טויער־געלט, וועל איך עפענען — זאָגט ער ברייט — אז מ׳עט מיר נישט געבן, ׳על איך ניט עפענען.

שיינדל נעמט ארויס פון נאָז־טיכל עטלעכע קופערנע מטבעות און דערלאַנגט דעם וואָנסנדיקן גוי. דער טויער עפנט זיך מיט א סקריפּ אין דער ברייט.

— אָט דאָ אין ווינקל אין קעלער ביים מיסט־קאַסטן — ווייזט ער אָן מיט א שפּיץ בעזים די וואוינונג פאר די נייע לייט.

פון אלע פענסטער קוקן ווייבערשע און מענערשע קעפּ ארויס.

— פראָווינצער האָבן זיך געבראַכט צו ציען — שרייט מען אריבער איינער צום אנדערן דורך אָפענע פענסטער.

קינדער זאמלען זיך ארום דער פור ווי הינער ארום א קאַרעטע.

— פראָווינצער חיות — זענען זיי מקבל־פנים די פרעמדע.

די פרעמדע קוקן זיך ארום מיט מידע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. די היץ אין הויף, דער שטיקנדיקער עיפּוש לייגן זיך שווער

נאָך די לופטיקע פרייע וועגן. די דעמפּיגקייט נעמט אַרום ווי מיט אַ פּייכטער שמאַטע. די מענטשן פון די נידעריגערע שטאָקן גייען אַרויס צו העלפן די פרעמדע אַראָפּנעמען די זאַכן פון דער פור.

— שלום־עליכם — שטעקן אידן העגט מאַטעסן — פון וואַנען קומט אַ איד?

ווייבער אין שלאָפקאָפּקעס טאַפּן אין בעטגעוואַנד און זוכן זייער ווייבעריש מין.

— וואו איז די מאַמע? — פרעגן זיי ביי די מיידלעך.

— מיר האָבן נישט קיין מאַמע — זאָגן די קינדער.

— נעבעך — מורמלען די ווייבער און טשמאָקן מיט די ליפּן צום קינד, וואָס שטעקט אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע אויגעלעך פון די וויקעלעך.

— וואָסער שיין קינד — לויבן זיי — אַ רויטס אַזאַ. וואו איז דער טאַטע?

שיינדל באַגיסט זיך מיט רויטקייט.

— מיין מאַן איז ביי די זעלנער — זאָגט זי שטיל — אין ריסנלאַנד.

ווייבער קראַצן די קאָפּקעס אויף די קעפּ און קרעכצן.

— אַ ווייבל דאַרף גיין צוגעדעקט דעם קאָפּ — מוסרן זיי — נישט מיט די האָר אין דרויסן.

עלטערע אידן רעדן וועגן תכלית־זאַכן מיטן נייעם שכן. פון די צעבראָכענע בעטן און פון קעלער ביים מיסטקאַסטן, וואוהין דער גייער ציט זיך אַריין, זענען זיי זיך שוין משער, אַז ער איז אַ ביטע־רער אָרימאַן. קיין געווערקצייג אויף דער פור זעט מען אויך נישט, אַ סימן, אַז דער פרעמדער איז נישט קיין באַלמעלאָכע, און זיי ווילן וויסן, וואָס דער איד רעכנט צו טאָן. מאַטעס ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן.

—אין דער היים בין איך געווען אַ דאָרפסגייער — דער־ציילט ער — געגאַנגען מיטן זאַק איבער די דערפער.

די אידן שאָקלען מיט די קעפּ.

— מילא, וועט איר דאָ גיין מיט דעם זאַק איבער די הויפן — — זאָגן זיי — קויפן אַלטוואַרג.

א איד מיט א זעקל אויף די פּלייצעס און מיט אַן אַלטן ווייבערישן שירם אין דער האַנט, אַן אַלטוואַרג־הענדלער, לאַכט זיך אין ציגן־בערדל אַריין.

— ווינציק שאַכערס דאָ אין וואַרשע, — ברומט ער — מער שאַכערס ווי אַלטוואַרג.

די אַנדערע אידן לאָזן אים נישט מאַכן קיין שווער האַרץ דעם פּרעמדן.

— ס'לעבן אַזוי פיל אידן, 'עט לעבן נאָך א איד — טרייסטן זיי דעם נייעם און זיי גייען צוריק יעדער צו זיין אַרבעט.

מאַטעס שלעפּט די זאַכן אין קעלער אַריין און ווייסט נישט פּריער וואו עפּעס אַוועקצושטעלן. כאָטש אויך אין פּיאַסק האָט ער געוואוינט אין הקדש־געסל, אין א שטוב מיט א ליימענער פּאָדלאָגע, קען ער זיך דאָ נישט קיין עצה געבן מיט דעם קליינעם קעלער־שטיבל. די פענסטער זענען קליין, מיט קראַטעס פאַרשטעלט. בלויז פיס פון מענטשן זעט מען דורך זיי, אַלערליי פיס, וואָס גייען צום ווינקל־הויף צום הויפּישן קלאָזעט. דער ריח פון מיסטקאַסטן און בית־הכסא לייגט זיך שווער אָפּ אין שטוב. די ווענט, כאָטש פריש געקאַלכט און מיט בלימעלעך באַצירט, זענען פייכט און געשוואָלן. אין שטיבל איז פינסטער ווי אין אָוונט. וואו מען זאָל נישט אַוועק־שטעלן די בעטן, שטעלן זיי זיך אַלץ נישט אויס. די איינציקע גוטע זאַך איז דער קראַן מיט וואַסער ביי דער טיר. נחמן מיט אַלע שוועסטערלעך צאַפּן דאָס וואַסער.

שפּעטלעך אין מאָרגן קומט דער באַלעבאָס פון הויז צו. ער איז שוין נאָכן אָנבייסן, אַן אויסגעשלאָפענער, אַן אויסגעפּוצטער, און ער קומט כאַפּן א בליק אויף די נייע שכנים זיינע אין קעלער.

— צוויי הונדערט איין און זיבעציק — רופט ער מיט אַן הייזעריקליכער שטים און קלאַפּט מיטן שפּיץ פון שטעקן אין קעלער פענסטער — קומט אַרויף.

ער געדענקט נישט די נעמען פון די עטלעכע הונדערט איינ־וואוינער זיינע, ער קען זיי בלויז ביי די נומערן פון די וואוינונגען. אויך וויל ער נישט אַראָפּגיין אין קעלער ביים מיסטקאַסטן. ער פאַרטראָגט נישט דעם ריח. און ער רופט דעם שכן אַרויף אין הויף

אריין. ער איז אָנגעטאָן אין א גלאַנציקער געהאַקטער אלפּאַגענער קאַפּאָטע, וואָס אַז מען וויל, איז עס א קאַפּאָטע און אַז מען וויל איז עס שוין א ראָק, ווי א דייטש טראָגט. די געמזענע שטיוועלעך מיט די קורצע כּאַלעוועס, אויסגעפּילטע מיט פּיס, גלאַנצן פון ווייכ־קייט און נייקייט. דאָס ווייסע שטייף־געפּרעסטע העמד און מאַנ־קעטן בלענדן פון ווייסקייט. די גאָלדענע דאָפּעלטע קייט, פאַר־וואָרפן איבער ביידע קעשענקעלעך פון זיידנעם וועסטל, לאַכט צו דער זון. פּונקט אַזוי שיינט דאָס גאָלד־קאָלירן בערדל זיינס, וואָס איז צוגעשוירן אין די שפּיצן און אַזוי אויסגעצערטלט, אַזוי אַז מען וויל איז עס א אידישע באָרד און אַז מען וויל, איז עס נישט קיין באָרד פאַר מצוה וועגן נאָר פאַר שיינקייט, וואָס אפילו גוים טראָגן אַזעלכע. מאַטעס רירט אָן דעם דאַשעק פון היטל, דער־זעענדיק דעם אויסגעצערטלטן באַלעבאָס פאַר זיך. ער ווייסט נישט צי דאַרף ער פאַר אים אראָפּנעמען דאָס היטל, וואָרים ער איז אי פריץ, אי באַלעבאַטישער איד. דער באַלעבאָס רייניקט מיט א קליין ווייבעריש טיכעלע די נאָז, כאָטש זי איז געגוג ריין, און רעכנט אויס פאַרן נייעם שכן זיינעם אַלע געזעצן, וואָס מען דאַרף וויסן. אַלע הויבן זיי זיך אָן מיט א „נישט".

— נישט אָפּען לאָזן דעם קראַן פון וואַסער, נישט אָפּרייסן דעם טינק פון די ווענט, נישט פאַרשפּעטיגן מיט דירה־געלד, נאָר צאָלן יעדן אכטן פון חודש פריער־אויס. פאַר נישט צאָלן פּינקט־לעך וועט מען אַרויסוואַרפן די בעבעכעס. . . .

מאַטעס שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף די אַלע באַלעבאַטישע גזירות און ער וויל אויך עפּעס זאָגן. ער וויל בעטן א ווינקל ערגעץ וואו א שמאַטע אוועקצולייגן, אָן איבעריקע זאַך. ער דערנענטערט זיך צום באַלעבאָס, ווי דער שטייגער איז, ווען מען וויל רעדן א מענטש צום האַרץ, דער באַלעבאָס שאַרט אים אָפּ מיטן זילבערנעם קאָפּ פון מאַהאָגענעם שטעקן.

— אביסל פון דער ווייטנס, ר׳ איד, איך בין נישט טויב — זאָגט ער מיט א געלעכטערל.

ער האָט מורא פאַר די שכנים זיינע, זיי זאָלן אים נישט אויס־שמירן, נישט פאַרפלעקן, און ער האַלט זיי שטענדיק פון דער־

ווייטנס, שאַרט זיי אָפּ מיטן שטעקן. ער האָט מורא אַריינצוגיין אין אַ שטוב צו אַ שכן, ווען ער דאַרף, ער זאָל נישט מיטנעמען אַ שטיקל שפּינוועבס, אַביסל קאַלך פון אַ וואַנט, אַ וואַנץ, גאָט באַהיט. אויך לאָזט ער נישט אַריין צו זיך אין דער וואוינונג, אַז מען דאַרף צו אים. די וואוינונג זיינע איז אָפּגעצוימט פון הויף מיט זיבן שלעסער. די גרויסע געפּאַרבטע טירן מיטן מעשענעם גלאַנציקן נאָמען און צוגעשלאָגן פּאָסט־קעסטל עפענען זיך נישט פאַר די שכנים פון הויף. בלויז דורך אַ גלעזערן אויג אין דער טיר באַטראַכט מען יעדן, וואָס קלאַפּט אָן, און מען שיקט אים אַראָפּ צום באַלעבאָס אין הויף.

— אין טויער — גיט מען אַ ברום און מען פאַרוקט דאָס „אויג".

מ'האָט מורא, מען זאָל נישט אויסשמירן די געוועקסטע פּאָד־לאָגעס, מען זאָל קיין ריח פון ציבעלע און קנאָבל ניט אַנטראָגן, און מער פון אַלץ, מען זאָל נישט פאַרשלעפּן קיין קראַנקהייט, קיין אונטערגאַנג, וואָס האַלט זיך כמעט תמיד אין גרויסן הויף.

מאַטעס גייט אַוועק אַ פאַרשעמטער פון באַלעבאָס אָפּשטויסן אים מיטן שטעקן. וואָס, וואָס, נאָר אַזוי האָט קיינער אין פּיאַסק אים נישט באַהאַנדלט, אפילו דער גרעסטער נגיד נישט. די אידן אין הויף רעדן אים אויס.

— האָט אים טיף אין דער ערד, דעם מלאך — זאָגן זיי — אַז איר וועט אים נישט צאָלן פּריעראַויס, וועט אים אויך די כאָליערע נישט נעמען.

מען האָט אים נישט ליב אין הויף, דעם באַלעבאָס. נישט דערפאַר, וואָס ער הייסט זיך צאָלן דירה־געלד פּריעראַויס. מען ווייסט, אַז אַלע באַלעבאַטים זענען די אייגענע. אויך האָט מען נישט קיין מורא פאַר זיין אַרויסוואַרפן. ער רעדט מער ווי ער טוט און ער וואַרפט זעלטן אַרויס, כאָטש מען איז אים שולדיק פאַר עטליכע חדשים. פאַראַן ערגערע פאַר אים, ווייסט מען. אָבער מען האָט נישט ליב זיין גאוה, זיין אויסגעפּוצטקייט, וואָס מאַכט די מענטשן אַרום נאָך חושכער און געפאַלענער. די לויטערע פענסטער מיט די בלומען־טעפּ צווישן אַלע אויסגעבראָכענע און

פארלאטערטע פענסטער, דער געפארבטער באלקאן ביי זיין דירה, דער איינציקער יום־טובדיקער באלקאן צווישן אלע אפגעשיילטע אנדערע באלקאנען, זעען אוים ווי זיי וואלטן זיך רייצן מיט דעם איבעריקן הויף. נאך מער האט מען פיינט זיין מוסר, וואס ער זאגט שכנים, וועלכע קענען נישט צאלן קיין דירה־געלד צו דער צייט. פרייטיק, ווייסט ער, מוזן אלע שכנים אהיימקומען אויף שבת, און ער זעצט זיך יעדן פרייטיק אוועק אין טויער, לעבן דער טיר פון הויז־וועכטער. ער לאזט ארויסשטעלן א טישל, וואס ער דעקט איבער מיט א גרין טישטיכל, ווי אין א געריכט א שטייגער. ער לייגט אוים די ביכער, וואו עס איז פארשריבן יעדנס חשבון, און ער לאזט נישט דורכגיין.

— נומער איין און ניינציק — פארהאלט ער מיטן שטעקן א שלעכט־צאלנדיקן שכן, וואס וויל זיך דורכגנבענען דעם טויער — וואס הערט זיך מיט דירה־געלט?

נומער איין און ניינציק פארענטפערט זיך, אז די צייט איז שלעכט, אז ווייב און קינדער האבן נישט צו עסן. דער באלעבאס לאכט מיט אלע גאלדענע ציין פון שכנס ענטפער, וואס זעט אים אוים אומזיניק, ווילד.

— אן ארימאן קען איך געבן א גראשן א נדבה — זאגט ער — אבער נישט אויסהאלטן מיט א דירה אומזיסט.

נומער איין און ניינציק באליידיגט זיך, וואס מען פארגלייכט אים צו א בעטלער. דער באלעבאס האלט זיך ביי זיינס.

— פארוואס דארף איך אייך גראד אויסהאלטן מיט א דירה?

— פרעגט ער מיט לאגיק — פאראן נאך באלעבאטים פון הייזער אין ווארשע — ציט זיך אריין צו זיי.

נאך דעם פוצט ער זיך אפ, פעכלט זיך און בערשטלט זיך, כאטש קיינער האט זיך צו אים נישט צוגערירט. אליין פאר דער לופט פון אן ארימאן האט ער מורא.

די שכנים האבן גארנישט צו זאגן אויף זיינע לאגישע טענות. אבער פיינט האבן זיי אים דערפאר. עפעס זייער נאריש און געפאלן ביי זיך ווערט מען נאך די לאגישע רייד זיינע. עס איז ערגער ווי ער וואלט געבייזערט זיך, אפילו ווי ער וואלט ארויס־

געוואָרפן. און מען רופט אים מיט א צונאָמען, נישט רפאל ווייכ־סעלפיש, ווי עס איז אויסגעקריצט אויפן אייזערנעם פּלעטל ביים טויער פון הויז, נאָר רפאל המלאך, צוליב די גוטע מלאכישע ריידעלעך זיינע.

— שוין איינמאָל א מלאך — זאָגן ווייבער אין הויף צו מאַטעסן דעם נייעם שכן — ס'מזל זאָל אים אזוי דינען.

אין אָוונט קומען אַלע שכנים פון הויז צוריק פון דער אַרבעט. יעדער כאַפּט א בליק צו די נייע אין קעלער אריין, וואו א לעמפּל שיינט טריב.

— ס'זאָל זיין מיט מזל — ווינשט מען דעם נייעם אָרימאַן, וואָס האָט פאַרגרעסערט דעם הויף.

פון אַלע זייטן קאָכט מען און מען פּרעגלט. יונגען מיט מוידן שטייען ביים טויער און לאַכן. פּאָרפעלקער קריגן זיך דורך אָפענע פענסטער, רעכענען זיך אויס דעם יחוס. פון די נאָענטע קאַזאַרמעס קומען סאָלדאַטן צו פעטער שעפּסעלס הייזל. די גי־טאַרע הויבט דאָרט אָן שפּילן. אין הויפּישן בית־המדרשל דאַוונען אידן מעריב. צוזאַמען מיט די רוסישע ראָמאַנסן פון פעטער שעפּ־סעלס דירה, רייסט זיך א גראַמאָפאָן און וויינט ביי יום־כפּורדיקע על־חטאָס. ביי אַלע טרעפּ שטייען פּאָרלעך אין שאָטן און שושקן זיך. מאַמעס רופן טעכטער שלאָפן. ווען מ'פאַרמאַכט דאָס טויער, טראָגן האַלב־אויסגעטאָנענע מענער ארויס שטרוי־זעק אויפן הויף, קישנס און קאָלדרעס, און לייגן זיך אויס אונטערן הימל צו ראַטעווען זיך פון ענגשאַפט, שטיקעניש און אומפּליוט. מוידן שלעפּן קאָל־דרעס, און קוויטשען צוליב די יונגען, וואָס טשעפּען זיי. מען בעט זיך אויס וואו נאָר א ווינקל, אויף פורן און פּלאַטפאָרמעס.

שיינדל, געוואוינט צו וואַרשעווער מנהגים, שלעפּט ארויס די קישנס פון שטוב און לייגט זיי אויס אין הויף, ווייטער אביסל פון מיסטקאַסטן. מאַטעס שעמט זיך ארויסגיין שלאָפן אין דרויסן. שיינדל בייזערט זיך.

— דאָ איז נישט פּיאַסק — זאָגט זי — דאָ איז וואַרשע. אַלע שלאָפן אזוי.

צומאָרגנס, פאַרטאָג, הויבן זיך די נייע שכנים אויף צוגלייך

מיט אלעמען און גייען אריין אין דער ארבעט. מאַטעס נעמט זיין זאַק, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געשלעפּט איבער די דערפער, און גייט פון הויף צו הויף אין די ווייטערע גאַסן.

— אַלטוואַרג קויף איך! — רופט ער, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע שאַכערס, אַרויפרייסנדיק דעם קאָפּ צו די פענסטער. — אַלטע שיך, אַלטע קליידער, אַלטע קאַפּעליושן, אַלטע הויזן.

ער האָט פאַרזיכטיק ביי זיך די עטליכע גולדן, וואָס שיינדל האָט אים געגעבן, גרייט צו באַצאָלן פאַר אַ מציאה, אַז גאָט וועט צושיקן. שיינדל לאָזט איבער דאָס קינד ביי די שוועסטערלעך און גייט אַרוים אַן אויסגעפּוצטע און גרויס־שטאָטישע צו זוכן שטעלעס פאַר זיך, פאַר די שוועסטערלעך און פאַר נחמנען. נאָך אַ גאַנצן טאָג קומט מאַטעס אַהיים מיט אַ פּאָר אַלטע שיך און מיט אַ צעקנייטשט ווייס וועסטל צו אַ פראַק, וואָס ער האָט ערגעץ איינגעהאַנדלט. שיינדל גרייט אים צום טיש פריש בעקער־ברויט, וואָס אין פּיאַסק פלעגט מען אַזעלכעס נישט עסן, אויך הערינג און קאַרטאָפל, און זי דערציילט וועגן די ערטער וואָס מאַכן זיך פאַר איר און פאַר די קינדער. מאַטעס טונקט דאָס ברויט אין זאַלץ און רעדט שטיל און אומדרייסט.

— כ'וואָלט וועלן, נחמן זאָל ווייטער זיצן און לערנען — מורמעלט ער — ער האָט שוין ווייט אין תורה.

שיינדל צעהאַקט אַ שטיקל קויל ביי דער קיך און באַווייזט אַ פאַרפלאָמט פּנים פון פייער אַרוים.

— דאָ איז נישט פּיאַסק — זאָגט זי — דאָ איז וואַרשע, יעדער דאַרף דאָ אַרבעטן.

מאַטעס שווייגט, ווי תמיד, נאָר ער זיפצט באַם בענטשן, יעדער זיפץ רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. שיינדל קען עס נישט הערן.

— אַז ס'פּאַסט דיר צו האָבן שיינדלען פאַר אַ טאָכטער — שרייט זי — פּאַסט דיר צו האָבן נחמנען פאַר אַ באַלמעלאָכע.

מאַטעס פאַרלייגט די האַנט פאַרן מויל.

— שיינדל, גאָט איז מיט דיר — בעט ער — מענטשן וועלן הערן.

נחמן קוקט א פארטראכטער אויף דעם גרויסן הויף, אויף די גאז־פלעמלעך, וואס קיינמאל האט ער אזעלכע נישט געזען, און ער האלט מיט שיינדלען.

— כ׳וויל נישט מער לערנען — זאגט ער א פארביסענער — מוחל.

פון ווינקל הויף ציטערט די גיטארע. מאטעס זיפצט ביים בענטשן.

— רבונו של עולם — רעדט ער אויס אין מיט זאגן — טאטע זיסער אין הימל.

## קאפיטל זעכצן

צוגלייך מיט אלע איינוואוינער פון רפאל המלאכס מויער הויבט זיך אויף מאטעס מיט זיין הויזגעזינד פארטאג צו דער ארבעט.

מאטעס פארדינט זעהר ווייניק פון זיין ארומקריכן איבער די הויפן. ער טויג זיך נישט אויס צו דעם אלטווארג, ער קען זיך נישט דינגען. שעמט זיך צו ביטן צען גראשן, ווען מען פארלאנגט א רובל. און כאטש ער קריכט ארום גאנצע טעג, ברענגט ער פאר־נאכט אהיים עטלעכע קופערנע מטבעות. זעלטן אז ס׳טרעפט זיך אים א מציאה. די גאנצע פרנסה־געבערן איז שיינדל. זי זעט, אז פון פאטערס פארדינסטן וועלן זיי האבן וואסער אויף קאשע. און זי איז די ברויט־געבערקע. זי דינט נישט מער אויף קיין שטעלע. אויך איז זי נישט געגאנגען ווערן אן אם, ווי אנדערע אויף איר ארט טוען עס. זי וויל זיין אין שטוב, אליין זויגן דאס עופהלע אירס, און זי זיצט אין גאס מיט א קויש געבעקס.

— פרישע בייגל, קאכעדיקע ! — רופט זי מיט א הויך קול, עס זאל מאכן חשק באלעבאסטעס צו קויפן. — כאפט אוועק, מענטשן, כאפטס !

פון איר דינען אין בעקעריי ציט זי צו געבעקס. זי ווייסט אויך ווי אזוי אומצוגיין מיט די בעקערס, ביי וועלכע זי קויפט

די בייגל, זי קען זיך אויף דער סחורה, ווייסט וואָס צו צאָלן, און זי ציט איר חיונה דערפון, נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר דער שטוב. זי ווייסט וויפיל צו צאָלן כאַבאַר דעם פּאָליציאַנט פון גאַס, ער זאָל איר לאָזן זיצן מיטן קויש געבעקס, כאָטש עס איז פאַרבאָטן. זי דערשמעקט ווי ווייט, ווען דער עלטסטער פון צירקל גייט דורך די גאַס, און זי אַנטלויפט באַצייטנס מיטן שווערן קויש.

— אידן, ראַטעוועט, לאָזט מיך אַריין אין געוועלב — בעט זי ביי די קרעמער, זיי זאָלן איר אַריינלאָזן מיטן קויש אויף איבערצואוואַרטן ביז דער עלטסטער וועט דורכגיין — דער מלאך־המות גייט אין גאַס.

ווי נאָר דער מלאך־המות גייט דורך, איז זי שוין ווידער אויף איר אָרט און רופט אוים איר סחורה. זי קען די שטאָט, שיינדל, זי ווייסט אַלע מנהגים אירע, און זי לאָזט זיך נישט אוועקרוקן מיט איר קויש פון אַנדערע הענדלערקעס, אפילו נישט פון הענדלער. פון צייט-צו-צייט קומט אַרוים צו איר רייזל, זעצט זיך אוועק ביים קויש, און זי אַליין כאַפּט זיך אַראָפּ אין קעלער אוועקצוגעבן איר קינד די אָנגעזאַמלטע מילך, וואָס שפּאַרט דורך איר ברוסט. זי טוליעט דאָס עופּהלע צו זיך, וואָס קוקט אויף איר מיט גרויסע שוואַרצע אויגעלעך, זי קושט עס די הענטעלעך, די ווייכע און פולע, יעדער לעבעלע אין די פינגערלעך באַזונדער, און זי גלעט עס צו די רויטע גלאַטע פּאַסמעס האָר, וואָס עס האָט ווי אַ דערוואַקסנס שוין.

— אוצר מיינער — רעדט זי מיט האַרץ דערצו — לעבן מיינס, קרוין גילדענע, וואָרם אומגליקלעכער.

אויך נחמנען האָט זי אוועקגעגעבן אויף דער לער צו אַ בעקער, טאַקע צום אייגענעם בעקער, ביי וועלכן זי קויפט דאָס געבעקס יעדן פאַרטאָג. מאַטעס האָט שטאַרק געזיפצט דערויף. אויב שוין יאָ מאַכן פון נחמנען אַ באַלמעלאָכע, האָט ער געוואָלט כאָטש, אַז מען זאָל אים מאַכן פאַר אַן איידעלן באַלמעלאָכע, פאַר אַ זייגערמאַכער אָדער אַן איינבינדער. אָבער שיינדל האָט נישט געוואָלט הערן. זי האָט געוואוסט, אַז ביי די שיינע מלאכות מוז מען צור־

צאָלן דעם מייסטער, אויך קריגט מען נישט צו עסן ביים באַלעבאָס פאַר די עטלעכע יאָר פון דער לער. און זי האָט אים אָפּגעגעבן צו אַ בעקער, וואו מען קריגט עסן און שלאָפן פון ערשטן טאָג אָן, און מ׳קען נאָך פאַרדינען עטלעכע גראָשן דערנעבן אויך, אז מען טויג זיך. זי האָט אים אָפּגעשוירן די פאות מיט אַ שערל, ביזן ביין, ער זאָל נישט אויסזען ווי אַ ישיבה־אינגל און אים אריינגע־פירט אין דער בעקעריי אין קעלער.

—אַט דאָס איז ער — האָט זי אָנגעוויזן אויף אים דעם בעקער — ער איז אַן אָרנטלעך אינגל, ער וועט קיין געבעקס נישט ארויסטראָגן, חלילה. נעמט אים.

דער בעקער האָט געווייקט די פאַרקאַשערטע פיס אין אַ שיסל וואַרם וואַסער און מיט אַן אָפּן אויג דורכדרינגלעך באַטראַכט דאָס שעמעוודיקע בחורל. כאָטש שיינדל האָט גאָר נישט פון נחמנס פיאות איבערגעלאָזט, האָט דער בעקער אין אים דערזען דעם ישיבה־בחור, וואָס איז אים געלעגן אין אלע ביינער, און מער פון אלץ אין דער שעמעוודיקייט.

— ווי הייסטו, רב בחור? — האָט ער אים געפרעגט מיט חוזק.

— נחמן — האָט דאָס אינגל געזאָגט אַ פאַרשעמטער.

— זעץ דיך אַראָפּ, נחמן, און קראַץ מיר די פיענטעס — האָט דער בעקער באַפוילן, אויסציענדיק אַן אויסגעווייקטן האָריקן פוס.

נחמן האָט געעפנט די קיילעכדיקע אויגן, פול מיט חידוש. דער בעקער איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— נו, וואָס שטייסטו, לעקיש — האָט ער אים געשטראָפט — כ׳האָב דאָך דיר עפּעס געהייסן.

שיינדל האָט געוויזן מיט אַ פינגער צום ברודער, ער זאָל טאָן, וואָס מ׳הייסט. נחמן האָט איר געפאָלגט און גענומען זיך צום אויסגעשטרעקטן פוס.

— בעסער, שטאַרקער, אָן רחמנות — האָט דער בעקער באַפוילן און פאַרגאַנגען זיך אין הנאה — אַ בעקער־אינגל דאַרף צולייגן בעסער אַ האַנט... אַזוי... אַזוי...

זיצנדיק אַזוי מיט די אויסגעשטרעקטע פיס, וואָס נחמן האָט אים געקראַצט, האָט דער בעקער אָפּגערעדט די תנאים פאַרן נייעם לערן־אינגל זיינעם.

— עסן וועט ער קריגן ביי מיר צו דער זעט — האָט ער געזאָגט — שלאָפן קען ער אין דער בעקעריי, אויף די זעק מעל. אויף יעדן פּסח וועל איך אים געבן עטלעכע רובל א מתנה. נאָך דריי יאָר, וועט ער ווערן א געזעלן אויף דער וואָך.

שיינדל איז איינגעגאַנגען אויף די תנאים. דער בעקער האָט אַרויסגעשלעפּט די פיס פון אינגלס הענט און אָנגעשטעקט די שטעק־שיך.

— ס'קאַפּעטל זאָלסטו אַראָפּוואַרפן פון זיך — האָט ער געזאָגט צו נחמנען — כ'וויל נישט האָבן קיין רבנים אין דער בעקעריי — כ'וועל אויסזוכן א רעקל פאַר דיר.

נחמן האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, דער בעקער האָט אים אַראָפּגעשאַרט דאָס היטל פון קאָפּ.

— א בעקער דאַרף טראָגן א מיצל — האָט ער אים געלערנט — א פּאַפּירן מיצל, ווי איך טראָג. זעסט.

נחמן איז געשטאַנען א פאַרלוירענער. ס'ערשטע מאָל ווי ער איז געשטאַנען אין בלויזן קאָפּ. אים האָבן געצויגן ביידע הענט צו פאַרדעקן דעם הוילן קאָפּ. דער בעקער האָט אים אָנגעטאָן זיין פאַרמעליקט מיצל און אים איבערגעגעבן צו א געזעלן, וואָס האָט מיט א פּאָר בערדיקע הענט געקנאָטן אין טייג.

— דריי טייז — האָט ער געזאָגט צום קנעטנדיקן מענטש — נאַדיר דעם סוחר צו דער הילף. מאַך פון אים א לייט.

דריי טייז האָט א קוק געטאָן אויף נחמנען מיט א פּאָר טריבע אויגן, איינגעראַמט אין ענטצונדענע בלוט־רויטע ווימפּערן, און געפּאַטשט מיט די בערדיקע הענט אין ווייכן טייג.

— גיי ברענג וואַסער! — האָט ער באַפוילן.

נחמן האָט נישט געזען קיין עמער אונטער דער האַנט.

— וואו איז דאָ אַן עמער? — האָט ער געפרעגט.

— ביים קעניג זיגמונד אויפן נאַפּל — האָט דער קנעטנ-

דיקער פֿאַרשוין געענטפֿערט ערנסט — אויף קראַקעווער פֿאַרשטאַט ביים שלאָס.

איינס א זייגער בייטאָג האָט א מויד אראָפּגעבראַכט מיטאָג פֿאַר אַלע געזעלן. דער מיטאָג איז געווען א פּעטער, א געדיכטער, מיט א סך פֿלייש, זיסע מייערן און אַפילו מיט געפֿילטער קישקע, כאָטש עס איז געווען אין א וואָכן־טאָג. דריי טייז האָט אָנגעלייגט נחמנען אַ היפּשע שיסל. נחמן, געוואוינט צו די טעג ביי די איידעלע באַלעבאַטים, האָט געמאַכט א ברכה, געגעסן מיט דרך־ארץ, אײַ־בערגעלאָזט. דריי טייז האָט געקוקט אויף אים מיט טריבע אויגן.

— אזוי עסט א רבי — האָט ער געשפּאָט — א בעקער דאַרף רייבן אויף אַלע ציין. זאָלסט גאָרנישט איבערלאָזן.

נחמן האָט אַלץ אויפגעגעסן און געשעמט זיך צו בענטשן, די געזעלן זאָלן נישט לאַכן פון אים. די געזעלן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די זעק מעל און געשפּילט אין פֿאַרמעליקטע קאָרטן. טומלדיקער פון אַלע האָט געשפּילט דריי טייז.

— א נכפּה זאָל עס נעמען — האָט ער געשאָלטן, קלאַפּנדיק מיט די קאָרטן — שיער ווידער נישט געהאַט די דריי טייז. ווען כ'קריג בלויז צו איין טויז.

די געזעלן האָבן געלאַכט.

— ווען די באָבע וואָלט געהאַט א באָרד, וואָלט זי געווען א זיידע — האָבן זיי געשפּאָט — צאָל אויס די פּאָר גילדן, דריי טייז.

דריי טייז האָט אויסגעצאָלט דאָס פֿאַרשפּילטע געלט און נאָך טומלדיקער געטאַשט די פֿאַרמעליקטע קאָרטן.

אין דרויסן האָט די זון געשיינט. די מענטשן זענען געזעסן אין טונקעלן קעלער ביי דעם שיין פון א גאַז־פֿלאַם, וואָס האָט גע־ברענט פון דער רער, און נאָך א נאַכט אַרבעט געשפּילט אין קאָרטן, געשטעלט אין קאָן א גאַנצע וואָך לוין. נחמן איז געזעסן אויף א זאַק, צוגעהערט זיך צו די מאָדנע קאָרטן־רייד, וואָס ער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען, צו די געלעכטערן, קריגערייען און מיאוסע ווערטער פון די שפּילער און אַלע מאָל אַרויסגעלאָפן ברענגען א ניי פּעקל פּאַפּיראָסן פֿאַר די געזעלן. זיי האָבן גערויכערט כסדר, איין פּאַפּיראָס אין צווייטן פֿאַררויכערט. געדיכטער פון אַלע האָט גע־

רויכערט דריי טייז. מיט רויטע טריבע אויגן פון אויפזיין אין די נעכט, איז ער געזעסן איבער די קאָרטן, פעטע קנוילן רויך געלאָזט דורך די נאָז־לעכער און מויל, געהוסט און געטאַשט.

— די נכפה זאָל עס נעמען — האָט ער געשאָלטן כסדר — ווידער שיער נישט געהאַט די דריי טייז. אז ס'איז קיין מזל נישטאָ.

ער האָט כסדר פארשפילט. פארנאכט איז דער באַלעבאָס אריינגעקומען און צעיאָגט די מענטשן.

— קאַרטאָוווניקעס! — האָט ער געשריען. — כ'על די קאָרטן צערייסן. וואָס נעמט מען זיך נישט צו דער ארבעט?

די מענטשן האָבן מידע און פארשלאָפענע פויל גענומען אריינשיטן די זעק מעל אין די קאַסטנס. פוילער און מידער פון אַלע איז געווען דריי טייז. ער האָט מיט א מעסער געקראַצט דאָס איינגעגעסענע טייג פון די בערדיקע הענט און געשריען הייזעריק צו נחמנען.

— לעקיש, וואַסער ברענג.

נחמן האָט געזען דורך די קעלער־פענסטער, אז אין דרויסן איז שוין היפש פארנאכט און באַלד וועט אריבערגיין די צייט פון מנחה, אויב ער וועט זיך גלייך נישט שטעלן אָפּדאַווענען. אָבער ער האָט נישט געוואָגט עס צו טאָן אין דער בייזער פארנאכטיקער שעה, ווען די מידע, נישט אויסגעשלאָפענע געזעלן נעמען זיך צו א נאַכט ארבעט. שלעפנדיק די עמערס וואַסער צום טייג־קאַסטן, האָט ער געפילט א מורא פאַר גאָט פאַר זיין דורכלאָזן פריער א בענטשן און איצט א דאַווענען. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט ער געפילט אַן הנאה פון הפקרות, פון פטור ווערן פון אַן עול און מצוות.

די ראַצן אין די ווינקלען האָבן הויך געגריזשעט די זעק מעל.

# צווייטער טייל

## קאפיטל זיבעצן

אויף די ווארשעווער הויפט-גאסן האָט אַ קריגס דעמאָנסטראַציע מאַרשירט. רוסישע אגענטן, פּאָליציאַנטן, איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער, זיי זאָלן אויסזעען ווי מענטשן פון פאָלק, האָבן פייערלעך געשפּאַנט אין מיט גאַס, אָפּשטעלנדיק אַלע טראַמוואַיען, דראָשקעס און קאַרעטן. צו זיי זענען צוגעשטאַנען גאַסן-מיידלעך, קעשענע-גנבים, בעטלערס און ליידיק-גייער.

— נידער מיט די פּרייסן! — האָבן די פּראָסטיטוטקעס היסטעריש געשריען.

— די דאַרדאַנעלן, מזרח-פּרייסן און גאַליציען פאַר דער הויליקער רוסלאַנד — האָבן די איבערגעטאָנענע פּאָליציאַנטן געדונערט.

— הוראַ פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד! — האָבן געריסן זיך די אגענטן, טראָגנדיק די בילדער פון יעזוסן און דעם צאַר.

אַ געשטופּלטע עלטערע גאַסן-פרוי מיט אַ צעריסן טוך אויפן קאָפּ איז געגאַנגען פאָראויס.

— אַראָפּנעמען די הי‍טלען! — האָט זי באַפוילן די עלעגאַנטע שפּאַצירנדע מענער.

אַ סך האָבן געפאָלגט און אָפּגעדעקט די קעפּ. ווען עמיצער האָט נישט געפאָלגט, איז די געשטופּלטע צוגעפאַלן און אים מיט כעס דעם הוט פון קאָפּ אַראָפּגעשליידערט.

— דעם קאָפּ אָפּדעקן פאַרן בילד פון צאַר, הינטישער זון — האָט די גאַסן-פרוי געקוויטשעט.

די מאַרשירער האָבן איר אַפּלאָדירט.

ווי אויף אלע מויערן, איז אויך אויף רפאל המלאכס אָפּגע-ריסענעם מויער געהאנגען א גרויסער פּלאַקאַט מיט דעם צוויי-קע-פּיקן אָדלער באַצירט, וואָס האָט גערופן אלע אויסגעדינטע סאָל-דאַטן ביז פינף און פערציק יאָר צו מאָביליזאַציע, אָפּצושלאָגן דעם שונא, וואָס וויל אָנרירן די רוסישע גרעניצן, און צו עראָבערן נייע לענדער פארן רום פון צאַר און דער אימפּעריע.

צווישן די רעזערוויסטן, וואָס האָבן געדאַרפט נעמען דאָס געווער אין האַנט פארן רום פון צאַר און דער אימפּעריע, איז אויך געווען מאַטעס ריטער, דער געבוירענער פון דער שטאָט פּיאַסק און דער איינוואוינער פון קעלער-שטוב ביים מיסטקאַסטן פארן אייזערנעם טויער אין וואַרשע. אין א קליין צעריסן ביכעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן צוזאַמען מיט דעם לוח, דער הגדה און דער סליחה, איז געווען אָנגעשריבן, אז מאַטעס, דער זון פון יודא ריטער, פון יודעאישן גלויבן, איז א סאָלדאַט אין רעזערוו, אָן א ראַנג, א פּוס-גייער, און ער דאַרף צושטעלן זיך אויף יעדן רוף צום שטאַטישן קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן, וואו ער געפינט זיך. דער ווירט פון הויז, רפאל המלאך, איז געגאַנגען פון טיר צו טיר, וואו רעזער-וויסטן וואוינען, און געקלאַפּט מיטן שטעקן, צו דערמאָנען, מען זאָל זיך צושטעלן אין צייט, ווי מען האָט אים באַפוילן פון פּאָלי-ציי-צירקל. אויך אין מאַטעסעס קעלער האָט ער אָנגעקלאַפּט.

— מאַטעס ריטער! — האָט ער אים דאָס מאָל גערופן ביים נאָמען, נישט ביים נומער פון דער וואוינונג — געדענקט זיך צו מעלדן אין צייט. איר הערט?

— כ׳הער, באַלעבאָס, כ׳הער — האָט מאַטעס געענטפערט א טרויעריקער.

באַלד אין דער פרי, נאָכן ערשטן דאַוונען אין שולעכל אין הויף, האָט מאַטעס נישט גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס ווי תמיד, נאָר ער איז אַוועק צו-פוס אויף דער צווייטער זייט ווייסל קיין פּראַגע צום עטאַפּנעם פּונקט. אויף דער בריק האָבן אים שקצים פאַרטשעפּעט, חוזק געמאַכט פון זיין לאַנגער שוואַרצער באָרד. מאַטעס האָט זיי אויסגעמיטן און אָנגעקומען פרי, נאָך פאַרן טערמין, צום פּלאַץ. אויפן קאַזאַרמע-הויף איז געווען טומל-

דיק שוין. סאָלדאַטן האָבן געריייניקט ביקסן, געפּוצט פערד. גאַסן־פרויען האָבן זיך ארומגעשלייכט איבערן הויף, כאָטש עס איז גע־האַנגען א וואָרנונג, אַז ווייבער איז פאַרווערט אַריינצוקומען. אַ שיכורער אונטער־אָפיציר, א קליין־געוויקסיקער און קרומפיסיקער, האָט געפּאָכעט מיט דער שווערד און געשריען, אַז ער וועט אַלע שונאים אויסשניידן ווי די האָזן. די הפקרות פון דער מלחמה איז געלעגן שוין אין יעדער ווינקל.

— העי, מוישע, — האָבן די סאָלדאַטן געלאַכט פון רעזער־וויסט אין לאַנגן צעריסענעם כאַלאַט — גאָל אָפּ די באָרד, מ׳קען דיך נאָך אָננעמען פאַר א גענעראַל.

מאַטעס האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל אויף דער ערד און אָפּגעוואַרט ביז די טירן פון דער קאַנצעלאַריע וועלן זיך עפע־נען. נאָך עטלעכע שעה וואַרטן, האָט ער געקראָגן א צעטל אויף דריי טעג אורלויב, צוצוגרייטן זיך אין וועג אַריין, אויך זעלנערישע קליידער פון צעכהויז. אַלטע זענען זיי געווען, די קליידער, צע־קנייטשטע, פאַרפלעקטע און צו־גרויסע, וואָס האָבן נישט געפּאַסט צו מאַטעסעס אויסגעהאָרעוועטן גוף. דער ריח פון שימל האָט זיך שטאַרק געטראָגן פון זיי. צעקנייטשטער און גרעסער פון אַלץ איז געווען דאָס היטל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן.

שיינדל האָט אויסגעפּריכט פאַרן פאָטער די עטלעכע צעהאָדער־טע העמדער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, צוגעפּעסטיקט די קנעפּ אין דעם זעלנערישן רעקל, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן. מאַטעס האָט אויסגעזוכט א שטיקל לייוונט, אַרומגעשניטן עס אין א פיר־עקיק שמאַטקעלע און אַריין דערמיט צום שכן דעם שוסטער, וואָס האָט טינט אויף אָפּצוגלאַנצן שיך. מיט א פאַרשניצט שטעקעלע, וואָס ער האָט איינגעטונקען אין שוסטערישן טינט, האָט ער אויסגע־כתיבהעט אויפן שמאַטקעלע, אַז ער איז מתתיהו דער זון פון אריה יהודה, פון דער קהלה וואַרשע, און ער בעט אידן צו ברענגען אים צו קבר ישראל, אויב ער וועט פאַלן אין קריג. דאָס שמאַטקעלע האָט ער מיט קרומע שטעך צוגענייט צום טלית־קטן, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אויפן הויזן לייב הינטערן העמד. שבת אין דער פרי ביים דאַוונען, האָט ער געבעטן ביים שמש, ער זאָל אים געבן אן עליה

צו דער תורה פארן אוועקגיין אויף דער מלחמה. דער שמש האָט אים געגעבן א שיינע עליה, א בכבודע.

אויפן דריטן טאָג איז מאַטעס אוועק צו דער באַן, וואו אלע רעזערוויסטן האָבן זיך פארזאמלט. מיט א צו-לויז זעלנעריש היטל, מיט א שווארצער גרויסער באָרד איבערן צעקנייטשטן פארפלעקטן זעלנערישן ראָק, מיט א פארלייגטן שינעל איבער דער ברוסט און מיט א טלית און תפילין און א צעריסן סידורל אין זעלנערישן רוק-זאַק, איז ער געגאנגען צו-פוס צו דער באַן, באגלייט פון שיינדלען, נחמנען און די איבעריקע קינדער.

בים געפּאַקטן וואקזאַל האָבן ווייבער געיאָמערט אויף זייערע מענער, די סאָלדאטן.

— וואו לאָזסטו מיך איבער? — האָבן זיי געוויינט און געפּאָכעט מיט די הענט.

די וואַך-סאָלדאטן האָבן זיי געיאָגט.

— גענוג, גענוג, באָבעס, אהיימגיין! — האָבן זיי געטריבן די ווייבער, וואס האָבן זיך געריסן צום צוג.

אין די משא-וואגאָנעס, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן „פערציק מענטשן, אכט פערד“, האָט מען אריינגעשטופּט סאָלדאטן וויפיל נאָר עס האבן געקעקנט אריין. אונטער-אָפיצירן האָבן מיט קרייד אָנגעשריבן אויף די רויטע וואגאָנען-טירן — בערלין — ווין. מאַטעס האָט צום וויפילטן מאָל געזעגנט זיך מיט די קינדער און געקושט אלעמען.

— זייט געזונט און פארגעסט נישט אין גאָט — האָט ער געוואָרנט.

— טאַטע, קום צוריק געזונט — האָבן די קינדער געוויינט — און שרייב א בריוול.

עטלעכע ווייבער האָבן זיך צעיאָמערט אין דער לעצטער מינוט און געלאָזט נאָכלויפן זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט נאָך די וואגאָנען. א מיליטערישער אָרקעסטער, א פריילעכער און טומלדיקער, האָט פארהילכט די ווייבערישע געוויינען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפייפט, אָנגערויכערט און אוועק.

עטלעכע טעג האָט מאַטעס געשלעפּט זיך אין דער באַן. די ליניע איז געווען פאַרלייגט מיט צוגן. די אָפיצירן האָבן זיך גע־קאָכט, געפּאָכעט מיט די שווערדן אויף די באַן-נאַטשאַלניקעס, זיי זאָלן ריין מאַכן דעם וועג. אָבער דער צוג האָט זיך נישט גע־רירט. וואַגאָנעס מיט סאָלדאַטן, בהמות, שטיין-קוילן, אַרעס־טאַנטן האָבן זיך געמישט, געפּלאָנטערט און נישט געקענט אַרויס־קריכן. מען איז מער געשטאַנען ווי געפאָרן. פּונקט ווי אין דער היים, האָט מאַטעס יעדן פרימאָרגן פאַרקאַשערט דעם לינקן אַרבל און געלייגט תפילין. מיט אַ פאַרהויבענעם אַרבל פון זיין זעל־נערישן ראָק איבער דעם של-יד און מיט אַן אָנגעשפּאַרט לויז זעל־נעריש היטל אויפן גרויסן אַלטן של-ראש, איז ער געשטאַנען אין ענגן אָנגערויכערטן און עיפּושדיקן וואַגאָן און געדאַוונט פרום, שלאָגנדיק זיך אין האַרץ ביי תחנון. די גויאישע זעלנער האָבן פון אים געשפּאָט, נאָכגעשפּעט זיין דאַוונען. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און געבעטן צו גאָט. די מיטפאָרנדיקע זעלנערישע קעסלען האָבן געקאָכט פלייש און קרויט פאַר די סאָלדאַטן, גרויסע פּאָרציעס פלייש, וואָס מען האָט דערלאַנגט אויף שטעקעלעך. מאַטעס האָט דאָס טריפהנע עסען נישט גענומען. ער האָט זיך דערנערט בלויז מיטן שוואַרצן ברויט און הייסן וואַסער, וואָס ער האָט גענומען אין זיין קעסעלע אַריין. נאָך וואָכן שלעפּן זיך, מוש־טירן, מאַרשן, איז מאַטעס אוועקגעפירט געוואָרן אין אַ פּי-צוג צום פראָנט.

גאָרנישט איז געווען אַנדערש ווי שטענדיק. די זעלבע פעל־דער, וועלדער, פּויערישע הייזלעך, צלמים אויפן וועג. בלויז פון די פרעמדע קאָלירן אויף גרעניץ-סלופּעס און שלאַגבאַנען האָט מען געקענט זען, אַז מ׳גייט אויף פרעמדער ערד. די סאָלדאַטן האָבן בגנבה געררויכערט מאַכאָרקע-פּאַפּיראָסן און געפּלאָנטערט זיך מיט די באַיאָנעטן איינער אין אַנדערן.

— מיר זענען אין עסטרייך, — האָבן זיי געמורמלט, מאַר־שירנדיק אונטער דער הייסער זון.

מען האָט נישט געזען דעם שונא פאַר די אויגן. ווען מ׳איז אַריין אין אַ וואַלד, האָט אָנגעהויבן רעגענען מיט קוילן, פון אַלע

זייטן האָבן געלע רויכעלעך געקרייזלט זיך אין דער קלאָרער לופט. איבער די קעפּ האָבן שוואַרצע עראָפּלאַנען געראַשט און גע־קרייזט. די גלייכע מאַרשירנדע טײלן, וואָס אויף אַלע מאַנעווער־רעס האָט מען זיי געלערנט ווי אַזוי צו גיין פאָראויס אויפן שונא, זענען זיך צעקראָכן אונטער דעם האָגל פון בליי און רוישנדע עראָפּלאַנען און געלאָפן צוריק. מאַטעס איז געלאָפן צוריק מיט אַלע, ווי ער איז פריער געגאַנגען פאָראויס גלייך מיט אַלעמען. אין ערשטן שטעטל אויף דער רוסישער זייט האָבן די לויפנדע זעלנער זיך אָפּגעשטעלט.

— שטיין, הינטישע זין! — האָבן געפּאָכעט מיט די שווערדן די אָפיצירן, וואָס זענען די ערשטע געווען צו לויפן.

די אידישע קרעמעלעך אין מאַרק זענען געווען פאַרהאַמערט, די לאָדן פון די שטיבלעך פאַרמאַכט. די הונגעריקע סאָלדאַטן האָבן געריסן די טירן פון די קראָמען. דער אָפּטרעטנדער פּאָלקאָווניק האָט געהייסן ברענגען צו זיך דעם רב און די ראשי־קהל פון שטעטל און באַפוילן זיי אויפצוהענגען אין מיטן מאַרק פאַר אויס־געבן די מיליטערישע סודות פון רוסישן חייל צום שונא, וואָס האָט גורם געווען צום אָפּטרעטן פון רוסישן מיליטער.

צוזאַמען מיט אַלע זעלנער איז מאַטעס געשטאַנען אין מאַרק, מיט דער ביקס אין האַנט, און געזען ווי מען שלעפּט די בלייכע אידן צו דער תליה.

— רבונו של עולם, — האָט ער געשעפּטשעט צו גאָט — ווי אַזוי קענסטו עס צוזען?

ביי דער ערשטער אַטאַקע, וואָס די רוסן האָבן געמאַכט צו־ריקצוטרייבן דעם שונא, איז מאַטעס געפאַלן. די סאָלדאַטן, די באַגרעבער, האָבן נישט געקוקט אויף זיין צוגענייט שמאַטקעלע צום טלית־קטן. צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע געפאַלענע האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין גרויסן פלאַכן גרוב און פאַרגאָסן מיט קאַלך, צו פאַרמיידן מגיפות. אויפן גרויסן גרוב האָבן זיי אַריינ־געשטעלט אַ צלם, אַ פּראָסטן צלם פון צוויי אָדערדיקע צווייגלעך. אַן אָפיציר האָט מיט אַ מעסער אָפּגעשניצט די קאָרע פון צווייגל

אין דער ברייט, ער האָט איינגענעצט א שטיקל טוש-בלייפעדער מיט שפּייעכץ און מיט אויסגעציקלטע בוכשטאַבן אָנגעשריבן אויפן האַלץ — ערע די געפאַלענע העלדן פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד.

## קאַפּיטל אַכצן

העכער ווי פריער רופט שיינדל אויס איר געבעקס אין גאַס. זינט דער פאָטער איז אוועק, איז זי געבליבן דער קאָפּ פון דער שטוב, די שפּייזערין פון הויז. און זי זיצט נישט בלויז אויף איר שטענדיקער גאַס, נאָר שלעפּט זיך ארום מיטן קויש צו באַ-לעבטע פּלעצער, צו וואָקזאַלן, וואו מען קען לייזן געלט.

— זעמל פרישע, סאָלדאַטעלעך, — גיט זי צו חשק צו קויפן די זעלנער, וואס גייען אין די טויזנטער פארביי דער שטאָט צום פראָנט — קויפט, קויפט, ליבינקע.

כאָטש זי ווייסט, אז עס איז א נארישקייט צו זוכן עמיצן צווישן אזויפיל טויזנטער, קוקט זי יעדן זעלנער אין פּנים. טאָמער וועט זי דערזען דעם, וואס האָט איר הארץ אמאָל געפאנגען. און פּונקט ווי אמאָל, ווען זי פלעגט פרעגן דעם פּאָסט-טרעגער יעדן טאָג אויף א בריוו פון יענעם, כאָטש זי האָט געוואוסט, אז אויב עס קומט א בריוו, גיט מען אים ממילא אָפּ, אזוי שטעלט זי איצט אויך אָפּ יעדן טאָג אויפסניי דעם פּאָסט-טרעגער און פרעגט אים אויף א בריוו פון פאָטער. דער פּאָסט-טרעגער קען עס מער נישט דולדן.

— אז ס'וועט זיין, וועל איך אָפּגעבן — בייזערט ער זיך — איך עס נישט אויף די בריוו.

שיינדל קען אים נישט רואיק פארבייגיין.

— ריטער איז מיין נאָמען — דערמאָנט זי אים — שיינדל ריטער פון קעלער ביים מיסט-קאַסטן. געדענקט.

אין רפאל-המלאכס הויז האָבן די ווייבער גענומען פארדעכ-טיקן, אז עפּעס איז נישט גלאט מיט איר רויט-האָריק געשפּרענקלט אינגעלע, וואס טראָגט זיך ווי א רוח איבערן גאנצן הויף, וואקסט

וואו מען זייט אים נישט. עפּעס צו לאַנג איז שיינדלס מאַן ביי די זעלנער. עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צו זיין דינען.

מיט ווייבערישער נייגעריקייט שנאַפּן זיי ארום די קעלער־שטוב ביים מיסט־קאַסטן און קריכן שיינדלען אין דער לעבער.

— עפּעס זעט מען אים גאָרנישט, דיין מאַן, ווייבל — פרעגן זיי איר יעדער מאָל וואס זי קומט מיטן קויש געבעקס.

שיינדל פאַרענטפערט זיך.

— מען האָט אים געמוזט פארהאַלטן אין דער מלחמה.

די ווייבער שאָקלען פרום מיט די שפּיציקע געמבעלעך.

— נו, מילא נו, ס׳איז נישט אונזער עסק — זאָגן זיי — אָבער גלאַטיק איז עס נישט מיט דעם זעלנער דיינעם, ווייבל. לאָמיר נישט זינדיקן מיט די רייד, גאָטעניו.

מער נאָך קוקן זיי אין קעלער אריין אין די שבתים, ווען שיינדל בלייבט א גאַנצן טאָג אין דער היים און געסט קומען צו איר. דאָס קומט נחמן אהיים פון דער בעקעריי אין פרייען שבתדיקן טאָג צו זען די שטוב. כאָטש ער איז מיד פון א גאַנצער וואָך אַר־בעט, כאַפּט ער זיך צו צו די צייטונגען, וואס ער האָט א גאַנצע וואָך נישט קיין צייט געהאַט צו לייענען און שלינגט זיי איין איי־נער נאָך דער אַנדערער. זינט דער טאַטע זיינער איז אוועק אין דער מלחמה, האָט ער ליב צו לייענען יעדער זאַך וועגן די פראָנטן, די מלחמה־באַשרייבונגען, ווי וועגן אייגענע זאַכן. שטאַרק גערירט ווערט ער, ווען ער טרעפט אָן אין די שלאַכטן דעם נאָמען פון זיין שטעטל.

— הערט, פּיאַסק ווערט דערמאָנט אין בלאַט־צייטונג. — רופט ער אויס אָן איבעראַשטער.

ווי אמאָל אין די ספרים, שטעקט דער גאַנצער קאָפּ זיינער אין דער צייטונג. צוזאמען מיט אים קומט מיט זיין עלטסטער פון דער בעקעריי „די דריי טייז״.

אָן אויסגעפּוצטער, אין א נייעם אנצוג, אין העל געלע שיך מיט א סקריפּ און אין א רויט־קאָלירן געפּרעסט פאַרהעמדל און מיט גומענע מאַנקעטן, איז ער גאָרנישט ענלעך אויף דעם וואָכעדיקן בעקער־יונג מיט די נאַקעטע בערדיקע הענט, פול מיט טייג. פּונקט

אזוי האָט ער שבת א נייעם נאָמען, נישט „דריי טייז״, נאָר א לייטישן און וואוילקלינגענדיקן. בלויז די אויגן זיינע זענען רויט ווי תמיד און זעען אפילו אויס נאָך קראַנקער און רויטער פון ריינעם אויסגעגאָלטן און אויסגעוואַשענעם פנים ארויס. שיינדל ווישט גוט אָפּ א בענקל פאר דעם אויסגעפוצטן גאַסט.

— זיצט, מנשה. שטייט נישט — לאדט זי אים איין ביים אמתן נאָמען זיינעם.

מנשה הויבט אונטער ביידע אויסגעפרעסטע הויזן אויפן קנייטש, באווייזנדיק די ברעגן פון נישט גאנץ-ווייסע אונטערהויזן און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין ביידע הענט, מיד פון א גאַנצער וואָך נישט אויסשלאָפן זיך.

— אלץ נישטאָ קיין בריוו פון טאַטן, שיינדל? — פרעגט ער מיט א הייזעריק קול.

— איין גאָט ווייסט, וואס עס איז מיט אים — זיפצט שיינדל — אזוי ווי אין וואסער אריין.

מנשה נעמט ארויס פון דער קעשענע א פּאַפּירענעם בייטל און טיילט קיכעלעך אלעמען אין שטוב. די קינדער שעמען זיך צו נעמען, כאָטש דער ריח פאַרגייט זיי אין די נאָז-לעכער. דער איינציקער, וואס כאַפּט די קיכעלעך, איז דער קליינער אברהמעלע, שיינדלס קינד. א רויט-האָריקער, א שווארץ-אויגיקער, מיט א פול פנים זומער-שפּרענקעלעך, איז ער באַוועגלעך און רירעוודיק און א זייער דרייסטער.

— נאָך, פעטער מנשה, — רופט ער און קריכט צו אים אויף די אויסגעפרעסטע קניען פון די נייע הויזן. — ס׳איז גוט.

שיינדל טרייבט אים פון פרעמדן. זי האָט מורא, דאָס קינד זאָל נישט אויסשמירן מנשהס נייעם אָנצוג. נאָך מער איז זי אומרואיק, וואס מנשה ברענגט יעדער מאָל קיכעלעך אין שטוב אריין. מנשה מאכט עס צו גאָרנישט.

— נאַרישקייטן, שיינדל, — מאכט ער אַוועק מיט דעם טרייסלענדיקן גומענעם מאַנקעט פון זיין האַנט — ס׳שפּילט נישט קיין ראָלע ביי מיר.

עס גייט אים זייער גוט, מנשהן, זינט די מלחמה האָט זיך אָנ-

געהויבן. צוליב זיינע קראנקע אויגן, וואס ער האָט, האָט מען אים פאַרבראַקירט ביי די סאָלדאַטן. ער איז געבליבן דער עלטסטער אין דער בעקעריי, דער גאַנצער כל-ולך ביי זיין באַלעבאָס. אויך זיין בחורשע ווערט איז שטאַרק געשטיגן זינט מען האָט די בחורים אוועקגענומען אין מלחמה. שדכנים רייסן אים די בעקעריי אָפּ און גיבן אים די בעסטע כלות, פליישיקע מוידן, איינס און איינס. אָבער מנשה וויל נישט הערן און קומט יעדן שבת צו שיינדלען אין קע-לער. צו דעם בייטל קיכעלעך, וואס ער באַקט אליין אָן, קויפט ער אויך איין קערלעך און רבי-ניסלעך.

— נעם ניסלעך, שיינדל, — זאָגט ער יעדן מאָל, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון דרימל, פאַרשעמט פאַר זיין שלאָפן אין א פרעמדער שטוב.

כאָטש זי זאָגט אים „איר“, רעדט ער צו איר אויף „דו“. ער איז נישט מער קיין אינגעלע, פאַמעלעך א פערציקער שוין, און ער זאָגט אַלע מיידלעך „דו“, נישט נאָר די דינסטן וואס קומען אין דער בעקעריי נאָך חלות און טשאָלנטער, נאָר אפילו באַלעבאַטישע מיידלעך אויך. שיינדל קנאַקט די ניסלעך און זי מוסרט מנשהן פאַרוואָס ער שלאָפט זיך נישט אויס.

— אז נאָר איר שפּילט אין קאָרטן גאַנצע טעג, — זאָגט זי — ביינאַכט אַרבעט איר און בייטאָג שפּילט איר.

מנשה ציט אויס שלעפעריק די אויסגעאַרבעטע אָדערדיקע הענט, אזוי אז ביידע גומענע מאַנקעטן קריכן אינגאַנצן אַרויס פון די אַרבל, און געניצט הויך אין דער שטוב אַריין.

— אז כ׳האָב נישט ווען אוועקצוגעבן דאָס געלט — זאָגט ער — פאַרשפּיל איך עס אין קאָרטן.

שיינדל רויטלט זיך. זי ווייסט צו וואָס ער צילט. ער האָט איר שוין אפילו נישט איינמאָל געזאָגט, אז זי געפעלט אים. שטענדיק, ווען זי קומט אין דער בעקעריי נאָך געבעקס, קלייבט ער אויס פאַר איר די בעסטע בייגל און זעמל. כאָטש ער איז נישט מער קיין יונגינקער, די אויגן זיינע זענען ביי אים קאַליע, און פון אָפּטן רויכערן זענען ביי אים די ליפּן צוגערויכערט און פאַר-ברוינט, געפעלט עס איר, וואס דער יונג ווייזט איר אַרויס ליב-

שאפּט. נאָך א גאנצער וואָך זיצן אין גאס, ארומרייסן זיך מיט הענדלערקעס און הענדלער, לויפן פון יאָגנדיקע פּאָליציאַנטן, אויסהערן קללות און געוואלדן פון שיכורים און גאסן־יונגען, איז גוט צו האבן א מענטש לעבן זיך, וואָס ווייזט ארויס ליבשאפט. אָבער זי ווייסט נישט וואס אים צו ענטפערן אויף זיינע אָנצוהער־רענישן. כאָטש עס איז שוין שיינע עטלעכע יאָר זינט דער זעל־נער אירער, דער רויט־האָריקער, איז אוועק פון איר, ווי א שטיין אין וואסער אריין פארפאַלן געוואָרן, בענקט זי נאָך אים, גייט אויס נאָך אים אין די נעכט און חלומט אים צו זען צוריק, ווייסנדיק גאנץ גוט, אז עס וועט נישט קומען דערצו. מער נאָך ווי וועגן אים אליין, טראכט זי פון איר קינד, וואָס איז ווי איין טראָפּן וואסער ווי דער פאָטער זיינער.

כאָטש מנשה רעדט נישט מיט איר וועגן דעם קינד אירן, פרעגט זי קיינמאָל נישט און דערמאָנט נישט קיין וואָרט וועגן דעם טאטן זיינעם, ווי ער וואָלט מורא געהאט פארן מויל עס צו ברענגען, איז זי נישט גאנץ זיכער, צי דער יונג ווייסט נישט וועגן איר שאנד. און זי מאכט אוועק זיינע אָנצוהערענישן.

— האָט חתונה, מנשה, — גיט זי אים אַן עצה. — נעמט א ווייב, פירט א שטוב און איר וועט אויפהערן שפּילן אין קאָרטן גאנצע טעג. איר וועט זיך אויסרוען.

מנשה כאפּט זיך אויף פון דרימל און מאכט אוועק מיט דעם גומענעם מאנקעט.

— חתונה האָבן איז גאָרנישט, — זאָגט ער — דער עיקר איז מיט וועמען חתונה צו האָבן.

אין קעלער־שטוב איז שטיקנדיק און טונקל. דורך די קליינע פענסטערלעך ביי דער ערד זעט מען טריט פון מענטשן, אלערליי טריט, פון שווערע שטיוול און שמאָלע ווייבערשע שיכלעך, פון קינדערשע באָרוועסע פיסלעך און געליימטע זקנישע פיס. דורכ־גייענדיקע ווייבער בויגן איין די קעפּ און כאפּן א בליק אין קעלער אריין, כדי עפּעס צו דערזען דאָרט. מנשה נעמט ארויס דאָס איינ־געלייגטע טייסטערל פון הויזן־קעשענע און גיט נחמנען געלט צו

גיין ברענגען אים א פלעשל בראָנפן. נחמן פילט נאָך אַלץ א זינד אין די הענט צו נעמען געלט אום שבת. מנשה לאַכט פון אים.

— וואָס ביזטו, א רב, צי א בעקער? — וויל ער וויסן.

נחמן נעמט ס׳געלט און גייט דורך דער הינטער-טיר צום ביר-הויז, וואָס איז פאַרמאַכט פון פּראָנט, נאָר פון א זייט פאַרקויפט מען דאָרט טריפהנעם מלחמה-בראָנפן. שיינדל וואַשט אוים אויף לויטער דעם פּאָטערס קידוש-גלעזל, מאַכט א הערינג אויף א טעלער און מוסרט מנשהן וואָס ער טרינקט אַזוי פיל. מנשה גיסט א גלעזל נאָך א גלעזל, שווענקט דעם גאָרגל טרינקענדיק, ווי די אמתע שכורים, און פאַרבייסט מיט הערינג.

— טרינק, שיינדל, — בעט ער.

ווען שיינדל וויל נישט, ליגט ער עם פאָר נחמנען, די שוועס-טערלעך זיינע, אפילו דעם קליינעם אברהמעלע. ער האָט ליב, אז מען טרינקט מיט אים. נאָך עטלעכע גלעזלעך ווערט ער פאַר-שנאָשקעט. אבער אנשטאָט ווערן פריילעך, ווי אַנדערע שכורים, ווערט ער גאָר טרויעריק. ער דערציילט וועגן זיין ביטער לעבן, וואָס ער האָט געהאַט; וועגן דעם טאַטן זיינעם, וואָס האָט אים געשלאָגן; וועגן דער מאַמען, וואָס האָט אים געשאָלטן; וועגן די מלמדים, וואָס האָבן אים געשמיסן. קיין שום עולה אין דער וועלט. וואָס ער האָט געליטן, פאַרגעסט ער נישט, דערמאָנט זיך אָן אַלע צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויף דער לער פון די באַלע-טים זיינע, פון די גנזעלן. שיינדל טרייסט אים:

— יעדער פון אונז האָט זיינע צרות — זאָגט זי — איר זענט נישט איינער.

מנשה לאָזט זיך נישט טרייסטן.

— די גאַנצע וועלט האָט מיר שלעכטס געטאָן! — קלאָגט ער. — אַלע.

פון זיינע רויטע קאַליעדיקע אויגן רינען טרערן. שיינדל קען עס נישט זען.

— מנשה, גענוג, — בעט זי אים, — נישט שיין א מאַנסביל זאָל וויינען.

מנשה ווישט אוים די אויגן מיט די הענט און מאַכט פון זיך

א תל פאר שיינדלען אין די אויגן, רעדט אויף זיך אוים אסור-לדבר.

— א שיכור בין איך, — רעדט ער און קלאפט זיך אין הארץ — א קארטאָוניק.

שיינדל רעדט אים אוים און גלעט אים דעם אקסל פון נייעם שבתדיקן אנצוג. מנשהס רויטע אויגן לייכטן אויף, שמייכלען.

— שיינדל, — רעדט ער מיט א פארליבט קול, — דו ביזט די איינציקע, וואס פארשטייט מיך. קיינער פארשטייט מיך נישט, נאָר דו איינע.

ער שטרעקט אוים די הענט פון די גומענע מאנקעטן און בעט זיך.

— האָב חתונה מיט מיר, שיינדל, און איך וועל ווערן א מענטש. כ'וועל קיין גלעזל אין מויל נישט נעמען; קיין קאָרט אין האנט. אלץ וועל איך דיר אוועקגעבן.

שיינדל באגיסט זיך מיט רויטקייט.

— נו, און ס'קינד? — שטאַמלט זי.

מנשה מאכט אוועק מיט דער האנט.

— א טאַטע וועל איך אים זיין, — זאָגט ער — זאָרג זיך נאָר נישט.

שיינדל שטייט א פארגליווערטע. זי שטויסט זיך אָן, אז דער יונג ווייסט איר לעבן, אָבער ארויסברענגען עס פארן מויל קען זי נישט. זי האָט נישט קיין מוט דארויף, און זי שווייגט. מנשה גייט צו צום קינד, נעמט עס אויף דער אויסגעפרעסטער קני, אויפן סאמע קנייטש, און הוידעט עס אין דער הויך.

— ווילסט, כ'זאָל זיין דיין טאטע, אברהמעלע? — פרעגט ער.

דער קליינער לאכט. אלע זומער-שפרינקעלעך פון זיין באַוועגלעך פנימל קוועלן פון פרייד.

— כ'וויל, פעטער מנשה, — זאָגט ער א פריילעכער.

מנשה לאָזט אים אראָפּ פון דער קני, גלייכט אוים דעם קנייטש און קוקט מיט די רויטע אויגן אויף שיינדלען.

— קלוג ווי דער טאָג, דער קליינער ממזר — ברומט ער און ווינקט צו מיט איין אויגל.

כאָטש קיינער אין שטוב ווייסט נישט גענוי, וואָס דער פרעמדער האָט מיט דעם וואָרט געמיינט צו זאָגן, ווערט אומהיימלעך דערפון און מען שעמט זיך קוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן. מער פון אַלע איז רויט נחמן. ער גייט אַוועק אין אַ ווינקל. שיינדל שטעקט אריין דעם קאָפּ צו די כלים, כאָטש זי האָט גאָרנישט דאָרט וואָס צו זוכן, און זי ווישט אויס מיטן עק פארטוך אַ טרער פון אויג. כדי צו באַהאַלטן איר צער, רעדט זי וועגן פּאָטער, וואָס מ׳הערט נישט פון אים זינט ער איז אַוועק.

— גאָט אין הימל, פאַרפאַלן ווי אַ שטיין אין וואַסער, — קלאָגט זי.

מנשה זיצט מיט אַ קאַלט-פאַרשטיינערט פּנים. מען קען נישט וויסן צי ער איז גוט אָדער שלעכט. פאַר די קליינע קעלער-פענסטער שאַרן זיך אַלץ פיס, וואָס גייען צום הויפישן בית-הכסא און צוריק. די צוויי שבתדיקע מעשענע לייכטערלעך אויפן טיש שטייען מרה-שחורהדיקע און פאַרטריפטע. דער גאַנצער אומעט פון אַן אָרימען שבת-פאַרנאַכט ליגט אַרום זייערע שאָטנס.

## קאַפּיטל ניינצן

צום טערמין, צום טאָג פון די דריי יאָר, ווי שיינדל האָט אָפּגעמאַכט מיטן באַלעבאָס, האָט נחמן אויפגעהערט צו זיין לערנינגל און געוואָרן אַ געזעלן אין דער בעקעריי. ער האָט זייער גוט געקענט פאַרקנעטן אַ קאַסטן טייג, אָפּבאַקן אַ געבעק ברויט ביים אויוון און פאַרוואַרפן אַ זעקל מעל אויף די פּלייצעס, צוגלייך מיט אַלע געזעלן. דער באַלעבאָס האָט אים צוגענומען מיט עסן און שלאָפן און אים געגעבן פינף רובל אַ וואָך, אַ חוץ פריי ברויט יעדן טאָג פאַר דער היים און אַ חלה אויף שבת. ער האָט אים אויך געגעבן פריער-אויס פאַר אַ חודש לוין, וואָס ער זאָל ביסלעכוויז אָפּאַרבעטן. נחמן האָט גענומען די צוואַנציק רובל אין אויסגעמעליקטע פּאַפּירלעך, גוט אין קעשענע זיי באַהאַלטן און אַרויסגעלאָזט זיך אויף דער וואַלעווע, צו דער גאַס וואו מ׳פאַרקויפט

גענוצטע קליידער, כדי אויסצוקליידן זיך, ווי פאר א געזעלן פאסט.

די שרייענדיקע משרתים אויף דער וואָלעווע האָבן מיט זייערע פלינקע נעזער גלייך דערשמעקט אין דעם אָפּגעטראָגענעם בחורל וויפיל געלט ער האָט אין קעשענע און אים נישט ארויסגעלאָזט ביז זיי האבן ביי אים נישט ארויסגענומען דעם לעצטן גראָשן. זיי האבן אים פארהאנדלט א שטיפן אויסגעפּרעסטן אנצוג פון דער סאמע ביליקסטע סחורה, א פּאָר גלאנציקע שיך, א ביליק קאפּעליושל מיט א קנייטש אינמיטן און אפילו אן אָפּגעטראָגן קראַוואטל צום פּאפּירענעם קעלנערל און א דין שטעקעלע, וואס איז אראָפּגענומען געוואָרן פון אן אלטן שירם און עס האָט נאָך געהאט א דרעטל אין דערמיט. זיי האבן ארומגעטאנצט ארום אים, געמאָסטן, צוגעגלעט וואו עס האָט זיך געקנייטשט, ארויפגעצויגן וואו עס איז געווען אָפּגעשטאנען און אראָפּגעצויגן וואו עס איז געווען קורץ.

— א מאגנאט, — האָבן זיי אים געזאָגט קאָמפּלימענטן, ווען ער איז געשטאנען אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין נייעם — אסור אויב מען וועט אים דערקענען. גראף פּאָטאָצקי.

נחמן האָט געקוקט אויף זיך אין גרינעם שפּיגל אָן אָנגעצויגענער און פרעמדער. ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט. ער האָט אויסגעזען ווי די שטייפע אויסגעפּוצטע פיגורן אויף די שילדן פון די ביליגע קליידער-קראָמען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז עס געווען, וואס ער האָט געטראָגן זאכן פאר אייגן געלט, נישט איבערגעמאכטע און געשענקטע. ער האָט זיך געשעמט צו דינגען זיך און געלאָזט פון זיך דאָס גאנצע געלט צונעמען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אז מען נארט אים. ער האָט קוים אויסגעבעטן ביי די פלינקע משרתים, זיי זאָלן אים איבערלאָזן א גולדן אויף אָפּצושערן און אָפּצוגאָלן זיך. די משרתים האָבן עס אים געגעבן ווי א נדבה. מיטן פּעקל אלטע קליידער אונטערן אָרעם און אין די נייע מלבושים אויף זיך, איז נחמן אריינגעגאנגען צו א שערער און געלאָזט זיך אָפּשערן און אָפּגאָלן. פּונקט ווי ער האָט געטראָגן נייע מלבושים ס׳ערשטע מאָל, האָט ער אויך געלאָזט זיך אָפּשערן ביי א שערער דאָס ערשטע מאָל; דער פריזירער האָט אים זייער גלאטיק צוגע-

קעמט דעם אָפּגעשווירעניעם קאָפּ, א שרונד אויסגעלייגט אין די שווארצע האָר און באַנאָסן מיט שמעקעדיק וואסער. ער האָט אים אויך אויף גלאַט ארומגעקראצט די צעוואָרפּענע בינטלעך פּוך, וואס האָבן געוואקסן אויף זיינע קנאָביקע אינגלערישע באקן און קין און זיי גוט אָנגעפּודערט.

די גענזלען אין דער בעקעריי האָבן אים פון קאָפּ ביז די פיס ארומגעטאפּט מיט די הענט, וואס זיי האבן פריער אָפּגעווישט פון מעל, און אים אריינגענומען אין חברה, ווי פּאר א גענזלען שטייט אָן. מנשה האָט געשיקט נאָך טריפהנעם מלחמה-בראָנפן, צו באַגיסן דעם „תתחדש". די אינגערע גענזלען האָבן זיך געמאכט א יום-טוב און מיטגענומען מיט זיך דעם נייעם גענזלען צו דער מומע פּראַדל אויף אקאַפּאווע גאַס. נחמן האָט געפלאַמט פון בושה ווען די גענזלען האָבן אים גערופן מיט זיך צו דער מומע. כאָטש ער האָט פארבראכט עטלעכע יאָר אין דער בעקעריי, אָנגעהערט זיך פון די גענזלען די מיאוסטע רייד און מעשיות, געזען ווי די יונגען אין דער בעקעריי נעמען אפילו אמאָל אריין א מויד צו די זעק מעל און טוען געמיינע זאכן אָפּ, האָט ער זיך געשעמט פאר ווייבער, כאָטש ער האָט געגלוסט צו זיי, אנטלאָפן פון דערנענטערן זיך צו א מיידל.

— איך וויל נישט, — האָט ער זיך געבעטן ביי די גענזלען.

די יונגען האָבן פון אים געלאַכט.

— לעקיש, — האָבן זיי אים געזאָגט, — ווערסט א גענזלען און דו דאַרפסט זיך פירן ווי אַלע גענזלען. קום!

נחמן האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ׳האָב ס׳גאַנצע געלט אויסגעגעבן אויף דער וואַלעווע, — האָט ער געזאָגט א פארשעמטער.

די גענזלען זענען נישט אָפּגעשטאַנען.

— מירן דיר אויסלייגן, — האָבן זיי געזאָגט און אים מכבד געווען מיט א פּאַפּיראָס.

נחמן האָט געררויכערט אומגעשיקט דעם ערשטן פּאַפּיראָס, געשטיקט זיך מיטן רויך, וואס איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז און אין די אויגן, בלויז ביטערקייט געפילט אין דעם, און מיט פוילע

טריט נאָכגעגאַנגען די געזעלן צו דער אקאפּאווע גאַס, וואָס ליגט שוין האַרט ביים בית-עולם. דאָס האַרץ האָט ביי אים געשלאָגן פון אויפרעגונג, בושה, שפּאַנונג און מורא, ווען ער איז אַרויפ- געגאַנגען די טרעפּ. דער מומע פראַדלס שטוב איז געווען אַ באַ- לעבאַטישע, ווי אַלע שטיבער. ביי דער טיר איז אַ מזוזה געווען צוגעשלאָגן. אין דער קיך איז אַ אידענע אין אַ שייטל געזעסן און געזאַלצן פליישׁ אויף אַ ברעטל. אַן עלטערע אידענע אין אַ קאַפּקע איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע און געדעדט וועגן יקרות, וואָס איז געוואָרן זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז גאָרנישט געווען צו דערקענען עפּעס שלעכטס אין דער שטוב. פּונקט אַזוי היימיש איז געווען די פאָדערשטע שטוב, וואָס פירט פון דער קיך. אַ גרינע פּליושענע אטאַמאַנע איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. אַ טיש מיט ווינער שטולן. אויף די ווענט זענען געהאַנגען פּאָרטרעטן פון אַ סך צדיקים, אַלע מיט ווייסע בערד און מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ. די אידענע אין שייטל האָט אָפּגעווישט אין פאַרטוך די הענט פון זאַלצן פליישׁ און אויסגע- שטרעקט די פולכנע פינגער, פול מיט רינגלעך באַזעצט.

— צו רובל פון אַ פּאַרשוין, — האָט זי געזאָגט.

די בעקערס זענען געווען באַליידיקט.

— געלט פריער אוים? — האָבן זיי געפרעגט. — וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע מאָדע, מומע פראַדל?

— מ'דאַרף דאַנקען דערפאַר, — האָט די מומע געזאָגט מיט אַ קרעכץ — אויף אַלץ איז אַ יקרות.

די בעקערס האָבן איינגעצאָלט פּאַרמעליקטע רובלס און יע- דער איז אַריינגעגאַנגען הינטער אַן אַנדער שפּאַניש ווענטל, וואו פראַדל האָט אָנגעוויזן.

— נו, וואָס שטייסטו, וואָס? — האָט זי געשעפטסמעסיק געפרעגט נחמנען — גיי אַריין.

נחמן איז אַריין אין זיין ווינקל. אַ דיקע צעוואַקסענע מגושמ- דיקע מיטליעריקע נקבה, בלויז אין אַן אונטערקליידל, אַ צעשווי- בערטע און טעמפּע, איז געזעסן אויף אַן אייזערנעם בעטל און הויך געגעסן אַ שטיק ברויט מיט פּאָווידלע באַשמירט.

— זי האָבן באַצאָלט דער אַלטער? — האָט זי געפרעגט מיט א פול מויל עסן, באַלעקנדיק זיך פון דער פּאָווידלע.

— יאָ, — האָט נחמן געמורמלט, שעמענדיק זיך צו קוקן אויף דער האַלב-נאַקעטער פרוי.

די נקבה האָט אַוועקגעשאַרט די האָר, וואָס זענען איר געפאַלן אין די אויגן, און קייענדיק ווייטער גענומען אָפּבינדן די בענדלעך פון דעם אונטערקליידל.

— גיבן זי מיר אויף צוקערלעך, קאַוואַליער, — האָט זי געזאָגט — וועל איך אײַנען בעסער ליב האָבן.

נחמן האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן צעקנייטשטן בעטל, אויף א גרינער שמוציקער אַלעאָגראַפיע פון א נאַקעטער פרוי אויף דער וואַנט, אויף דער דיקער צעשויבערטער נקבה, וואָס האָט זיך פויל און אומפאַרשעמט אויסגעטאָן ביי דעם ליכט פון טאָג, און ער האָט דערפילט אן איבלונג אַרום גריבל פון האַרץ.

— נו, וואָס גלאָצן זי אזוי, קאַוואַליער שענער? — האָט די פרוי פון אים געלאַכט און גערעדט מיאוסע רייד, עקלהאַפטע און עיפּושדיקע.

דורך די דינע ווענטלעך פון די אַנדערע ווינקלען האָבן מאַנסבילשע שטימען געהירזשעט, ווייבערשע געלעכטערן האָבן געהילכט. דער גאַנצער סוד פון ליבע, פון אינגלערישן באַגער צום ווייבערישן מין, איז ביי נחמנען פאַרשוועכט געוואָרן אין דעם הייסן שטיקנדיקן שטיבל. ווי פון א בית-עולם איז ער אַראָפּ פון די קרומע טרעפּ. ער האָט זיך געמיאוסט פון זיך אַליין.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער בעקעריי מיט גרויס אייפער. ער האָט נישט נאָר געוואָלט וואָס גיכער אָפּצאָלן דעם באַלעבאָס פאַר דער הלוואה, די געזעלן פאַר זייער הוליאַנקע, נאָר אויך אין זינען האָבן א תכלית, אויפטאָן עפּעס פאַר זיין ערשט-פאַרדינט געלט. דער געפיל, אז ער איז שוין נישט מער קיין לער-יונג, נאָר א געזעלן, א מענטש מיט מענטשן גלייך, האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט פליכט. ער האָט געוואָלט אַרויסהעלפן דער שטוב זייערער, צושטייער געבן צום הויז, וואָס איז פאַרבליבן אַליין נאָכן פאָטערס אַוועקגיין. גראַד צו

שבת-נחמו, וואס האט זיך דערנענטערט, נאך די דריי וואכן, ווען מען מעג באנייען, האט ער געוואלט א שיינע מתנה אהיימברענגען די שוועסטער זיינע. א חוץ דער מתנה האט ער געהאט נאך א פלאן — גאנצע דריי רובל א וואך אראפצונעמען פון זיין וואך-לוין און צושטייער געבן אין שטוב, א חוץ א ברויט יעדן טאג און א חלה אויף שבת, וואס ער קריגט.

אבער גראד דאמאלסט, פאר תשעה באב, זענען נחמנס פלענער צעשטערט געווארן.

אין איינער א נאכט, א ווארימער און שפעטער, ווען נחמן איז ביי זיין קאסטן טייג געשטאנען און פארקנאטן א געבעק ברויט, האט א הילך די נאכטיקע שטאט אויפגעריסן און דעם הימל אויף רויט אנגעצונדן. דאס איז דאס רוסישע מיליטער אריבער אויף דער צווייטער זייט ווייסל און אלע פיר בריקן אויפגעריסן הינטער זיך. נחמן איז מיט פולע הענט טייג ארוים פון קעלער אין הויף און די אויגן צום פלאמענדיקן הימל פאריסן. באלד אינדערפרי איז ער אויך נישט געגאנגען ליגן זיך אויף די זעק מעל ווי יעדן טאג נאך א נאכט ארבעט, נאר ער איז געשטאנען פארן טויער און נייגעריק באטראכט די פרעמדע באוואפנעטע לייט אין די פיקל-הויבן, וואס האבן פון אלע זייטן געצויגן צו דער פארלאזענער שטאט. א פארשטויבטער מאן האט מיט זיין שווערד אראפגעריסן די רוסישע אויפרופן פון דער אפגעשיילטער וואנט פון נחמנס בעקעריי און אויף זייער ארט א דייטשן אויפרוף אויפגעהאנגען. אנשטאט דעם אדלער מיט צוויי קעפ, וואס האט דעם פריערדיקן אויפרוף באצירט, האט איצט בלויז אן אדלער מיט איין קאפ אויסגעשפרייט זיך איבער די פעטע דייטשע ווערטער. אנשטאט רופן צו שלאגן די בארבארן פון מערב, ווי דער פריערדיקער פלאקאט האט גערופן, האט דער נייער פלאקאט גערופן צו טרייבן די בארבארן פון מזרח, אום איינצופירן אין לאנד די מערב-אייראפעאישע קולטור און ציוויליזאציע.

נחמן האט זייער שווער, ווארט ביי ווארט, זילבע ביי זילבע, פרובירט איבערלייענען די שווערע פרעמדע דייטשע ווערטער, ווי פריער די רוסישע, און הויך זיך אויסגעגעניצט נאך א גאנצער

נאַכט נישט שלאָפֿן. ער האָט געוואָלט אויסרוען די מידע ביינער אויף די ווייכע זעק מעל כדי ביינאַכט ווידער זיך נעמען קנעטן אין קאַסטן, באַקן ברויט און זעמל, ווי ער האָט עס שטענדיק געטאָן. אָבער די נייע באַוואָפֿנטע לייט, וואָס זענען אַריינגעקומען איינפֿירן די מערב-אייראָפּעאישע קולטור און ציוויליזאַציע אין לאַנד, האָבן נישט געלאָזט באַקן קיין ברויט און זעמל ווי אַלע מאָל, נישט געלאָזט נחמנען צושטייער געבן דער שטוב זיינער, ווי ער האָט עס ביי דער נאַכטיקער אַרבעט אויסגערעכנט.

אויפֿן ערשטן פֿייער, צושטייער. דער מערב-אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע, האָבן די זיגרייכע מענער אין די פּיקל-הויבן גענומען פֿון מאַטעסעס הויז די צוויי לייכטערלעך, די קליינע מעשענע לייכטערלעך, אין וועלכע עס האָט געבענטשט ליכט אויף שבת פֿריער מאַטעסעס ערשט ווייב, דערנאָך די אַנדערע, דערנאָך שיינדל זיין טאָכטער. זיי זענען אַוועק-געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד איבערצוגיסן זיי אין מעש און צו מאַכן פֿון זיי קוילן קעגן שונא פֿון מזרח. שיינדל האָט פֿרייטיק גענומען צוויי רויע קאַרטאָפֿל, אויסגעשניטן לעכלעך אין זיי, צוויי ליכטעלעך אַריינגעזעצט און געמאַכט אַ ברכה.

באַלד דערנאָך האָט די דייטשע זיגרייכע אַרמיי איבערגענומען אַלע בעקערייען אין שטאָט און אויסגעבאַקן בלויז אַ האַלב פֿונט ברויט פֿאַר יעדן מענטש, לויט מלחמה-קאַרטן. שיינדל איז מער נישט געשטאַנען מיט איר קויש געבעקס אויף די גאַסן. קיין ווייס געבעקס האָט מען אינגאַנצן נישט געטאָרט באַקן. צום שוואַרצן האָט מען גערדאַרפֿט צושיטן אַ סך קלייען, קאַרטאָפֿל-מעל און פֿאַר-קויפֿן בלויז לויט אַ קופּאָן. דאָס מעל איז אַוועקגעגאַנגען אין וואַ-גאָנען צום זיגרייכן און ברויטלאָזן דייטשלאַנד. אין איינעם אַ פֿרייטיק, האָט דער באַלעבאָס אויסגעצאָלט נחמנען די פֿינף רובל לוין אין צעקנייטשטע רוסישע רובלס, וואָס זענען נאָך געגאַנגען אין שטאָט, אים געהייסן אויסטאָן דאָס פֿאַרטוך און אָנגעזאָגט מער נישט קומען צו דער אַרבעט.

— ס'קומט מיר אַפֿילו ביי דיר עטלעכע רובל אַ חוב — האָט

דער בעקער געזאָגט, — אָבער איך וועל זיי דיר נישט אראָפּרעכע-נען, זאָל מיינס איבערגיין.

נחמן איז געשטאַנען מיט די פאַרמעליקטע באַנקנאָטן אין האַנט און געקוקט מיט צעעפנטע אויגן אויפן באַלעבאָס. דער בע-קער האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט.

— יעקע דייטש גיט קיין מעל נישט — האָט ער געזאָגט, — פון וואָס זאָל איך פאַרקנעטן א טייג, פון זאמד?

די בעקערן, א אידענע מיט א פול פּנים וואָרצלען, באוואַק-סענע מיט בערדלעך, האָט געפּלאַקעוועט אופין הויכן קול:

— צ׳האָט נישט געוואָלט פּאָניען — האָט זי געשריען — איצט וועט עמץ אויסציען די קאָפּיטעס ביי יעקע גנב.

כאָטש קיינער פון די געזעלן האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט איר נישט וועגן פּאָניען און נישט וועגן די דייטשן, האָט די אידענע נישט אויפגעהערט שרייען און האָבן טענות אַלעמאַי מען האָט נישט געוואָלט די רוסן.

— די פיס האָט מען פּאָניען געדאַרפט קושן — האָט זי גע-וואַלדעוועט — א בורא מיני בשמים איבער א קאָזאַק מאַכן... ס׳איז גערונען איבערן מויל, א שפע געוועז.

נחמן איז דאָס ערשטע מאָל נאָך עטלעכע יאָר געשלאָפן שבת-צו-נאַכטס אין דער היים ביז שפּעט אין מאָרגן אריין און אין מיטן דער וואָך ארומגעגאַנגען אין שבתדיקן אנצוג, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף דער וואַלאַווע. ער האָט אַרומגעוואַנ-דערט איבער די וואַרשעווער גאַסן, וואָס זענען פול געווען מיט דייטשע סאָלדאַטן, געקוקט אויף די מויערן, וואָס זענען פאַרקלעפּט געווען מיט דייטשע באַפעלן, מיט אָן א שיעור באַפעלן וועגן דעם וואָס מען טאָר אַלץ נישט. כאָטש ער האָט קיין שום טעם נישט געפילט אין פּאַפּיראָסן, מיט וועלכע די געזעלן האָבן אים אָנגע-הויבן מכבד זיין זינט ער איז אריין אין חברה, כאָטש ער האָט בלויז ביטערניש געפילט אין טאַבאַק, האָט ער פונדעסטוועגן א פּעקל ביליקע פּאַפּיראָסן געקויפט און געשלונגען רויך. דאָס האָט אים פאַרנומען די ליידיקע צייט. ווען ער האָט דערפילט א טרו-קענקייט אין האַלז, איז ער אריין אין סאָדע-וואַסער געוועלבלעך,

וואָס זענען אויסגעוואַקסן מיט יעדן טאָג מער זינט די דייטשן זענען אריין, און אריינגעגאָסן אין זיך דאָס זידנדיקע וואַסער. אומבאַקאַנטע יונגעלייטלעך, שבתדיק אָנגעטוענע אין דער וואָכן ווי נחמן אליין, האָבן ביי אים פאַפּיראָסן פאַרויכערט און אריינגעצויגן אים אין שמועסן, כאָטש זיי האבן אים נישט געקענט.

— מ׳מעסט די גאַסן — האָבן זיי גערעדט מיט ביטערן חוזק — יום-טוב אין דער וואָכן.

אויף די טעלעגראַף-סלופּעס זענען דייטשע סאָפּערן ארום-געקראָכן און געצויגן דראָטן. זיי האָבן געגווידערט ווי די גענז. אויף די גאַסן, אָפּשטעלנדיק די באַוועגונג, האָבן לאַנד-שטורמער מאַרשירט, זינגענדיק מאַרשן געשפּילט:

דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס,
דויטשלאַנד איבער די גאַנצע וועלט!

האָבן זיי געריסן די העלזער און געגאַנגען מיט זייער גענזן-מאַרש, פאַרייסנדיק די באַנאַגלטע שטיוול וואָס העכער.

קאַפּיטל צוואַנציק

מנשה דער בעקער האָט אַזוי לאַנג יעדן שבת בייטאָג אריינגערעדט אין שיינדלען, ביז ער האָט זי איבערגערעדט.

כאָטש זי האָט געפילט אַן עקל צו זיינע קראַנקע רויטע אויגן און אַ ווידערווילן צו זיין גאַנצער געפרוווירענער אַלט-בחורישקייט, צו זיינע צוגעברווינטע ליפּן פון שטענדיקן רויכערן און צו דעם שלעכטן געריך פון געמיינעם מלחמה-בראַנפן, וואָס האָט ווייט געזוויערט פון זיינע געלע צוגעפוילטע ציין, איז זי אין איינעם אַ שבת-צו-נאַכטס נאָך דער הבדלה אוועקגעגאַנגען מיט אים צו אַ ווינקל-מורה-הוראה אויף אַ זייטיקער גאַס און געשטעלט מיט אים אַ חופּה. זי איז נישט געגאַנגען צו די שטאָטישע דיינים, וואָס פרעגן אויס, פאָדערן פּאַפּירן און אַלערליי אַנדערע זאַכן. נישט שיינדל, נישט מנשה האָבן געוואָלט מען זאָל זיי צופיל קשיות

פרעגן. דער ווינקל-מורה-הוראה, א איד אין אַן אויסגעפּעטשט רבניש קאַפּעליושל און אין א זשופּיצע מיט קעשענעס פון הינטן, האָט קיין גרויסע זאכן נישט פארלאנגט. ער האָט געשטעלט חופה און געגעבן גט יעדן פּאָרל, וואָס האָט נאָר באַצאָלט דערפאַר.

— וואָס ווילט איר, חתונה האָבן, גטן זיך? — האָט די רביצן געפרעגט ביי שיינדלען.

— חתונה האָבן, רביצן — האָט שיינדל געזאָגט א פאַר-שעמטע.

— ר׳ יודל, גייט ברענגט ארויף א מנין אידן — האָט די רביצן באַפוילן דעם שמש, א איד מיט א ציגן-בערדל, וואָס איז געזעסן אין קיך און געטרונקען טיי מיט א פּיצעלע צוקער צווישן די פינגער.

דער שמש האָט גיך דערטרונקען די טיי פון גלאָז און ארויפ-געקומען באלד מיט א מנין אידן פון הויף, אָרעמע און אָפּגעריסענע. ער האָט פון ווינקל שטוב גענומען די גרייטע חופּה און געפרעגט:

— חתן, לעקעך און בראנפן האָסטו אייגענעם, צי דו ווילסט קויפן ביי מיר?

— כ׳האָב אייגענעם — האָט מנשה געזאָגט.

דאָס רבל האָט גיך אויסגעפרעגט ביי חתן-כלה די נעמען, די עלטערנס נעמען און ארייַנגעשריבן זיי אין דער גרייטער אָפּגע-דרוקטער כתובה, וואָס ער האָט געהאַט תמיד ליגן אויפן טיש.

— אפשר ביזטו, חתן, א כהן, א גרוש אָדער אַן אלמן, אָדער אפשר האָסטו נאָר א ווייב ערגעץ? זאָג — האָט ער גיך געפרעגט.

מנשה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דער רב האָט געפרעגט זייטיק ביי דער כלה, נישט קוקנדיק צו איר זייט.

— אפשר ביסטו א גרושה, אַן אלמנה אָדער אַן עגונה? זאָג דעם אמת, כלה.

שיינדל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, ווי פריער מנשה. דער רב האָט מער נישט געפרעגט.

— א בתולה — האָט ער געזאָגט.

שיינדל איז רויט געוואָרן.

זייער גיך האָט דאָס רבל איבערגעלייענט די כתובה אין ארא-

מיש, אז מנשה דער זון פון יחזקאל פון דער קהלה ווארשע נעמט פאר א ווייב די בתולה שיינדל, די טאָכטער פון מתתיהו, און ער איז זיך מחייב צו שפּייזן זי, קליידן און זיין איר א מאַן. מנשה איז געשטאַנען, אין העלן שבתדיקן אנצוג און אין די גומענע מאַנקעטן, אונטער דער צעקנייטשטער חופּה, וואָס פיר אָרעמע אידן האָבן געהאַלטן איבער זיין קאָפּ, און נאָכגעזאָגט וואָס דער שמש האָט אים געהייסן. דערנאָך האָט ער צעבראָכן א גלאָז און ער האָט געטרונקען בראנפן מיטן מנין אידן, וואס האָבן אים גע-וואונטשן מזל-טוב. ער האָט געוואָלט אויך מכבד זיין דעם רב מיט א גלעזעלע, נאָר דער רב האָט נישט געוואָלט טרינקען.

— דריי רובל וויל איך — האָט ער זיך געדונגען. — קיין איין גראָשן נישט ווייניקער.

כדי אויסצומיידן מענטשנס רייד, איז מנשה נישט אריבער צו שיינדלען אין קעלער, נאָר אריבערגענומען זי צו זיך אין א בוידעם-שטיבל נישט ווייט פון דער בעקעריי זיינער, וואו ער אר-בעט. צוזאַמען מיט שיינדלען האָט ער מיטגענומען די גאנצע שטוב, די שוועסטערלעך, איר קינד, און אפילו נחמנען, וואס איז געקומען אהיים אָפּשלאָפן די נאכט.

זי האָט נישט געוואָלט אליין גיין צו מנשהן, שיינדל. אויף אליין צו גיין האָט זי געקענט געפינען בעסערע ערטער, א באַלע-באַטישע שטוב, וואו צו דינען, נישט צו זיין מיט דעם רויט-אוי-גיקן מנשה. זי האָט עס געטאָן פאר דער שטוב. פון פאָטער האָט מען נישט געהערט. נישט מען האָט געוואוסט, אז ער איז געהרגעט געוואָרן, נישט אז ער געפינט זיך ערגעץ. די גאנצע שטוב איז געלעגן אויף שיינדלען, און זי האָט זיך אויסגענומען מיט מנשהן פריערצוויס, אז אָדער ער וועט זי נעמען מיט אלעמען, אָדער גאָר-נישט. מנשה האָט צוגעשאָקלט.

— ווי לאַנג כ׳על באַקן, וועלן אלע עסן — האָט ער געזאָגט.— אז כ׳על אויפהערן באַקן, וועלן אלע אויסציען די פיס.

ער איז געבליבן דער איינציקער אין דער בעקעריי פון אלע גע-זעלן, וואס מען האָט אָפּגעזאָגט. צוזאַמען מיטן באַלעבאָס אליין, וואָס האָט יאָרן לאַנג צו קיין טייג זיך נישט צוגערירט, האָט ער

געבאַקן קאַרטן-ברויט, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן, און צו-זאַמען מיטן באַלעבאָס האָט ער בגנבה צוגעבאַקן אַביסל ברויט אַן די דייטשנס וויסן און פאַרקויפט עס שטילערהייט פאַר גוט געלט צו באַלעבאַטישע קונהטעס. יעדן פאַרטאָג, אהיימגייענדיק צו זיך אין שטוב, האָט ער אהיימגעטראָגן בגנבה א ברויט אונטער דער פאָלע און עס איבערגעגעבן שיינדלען.

שיינדל האָט איינגעטיילט מוציאס ברויט צו אַלע שוועסטער און צו איר אברהמעלען, און געטריבן דעם עולם פון שטוב.

— אַראָפּ אין הויף, קינדער, — האָט זי געיאָגט — נישט זיצן אין שטוב.

כאָטש זי האָט נישט קיין גרויס הנאה געהאַט פון מנשהס צערטלעכקייטן, האָט זי געזען אָפּצוריינִיקן די שטוב אין דער פרי, ווען ער קומט אהיים א מידער נאָך א נאַכט אַרבעט. פאַרמאַכנדיק די אויגן, אבי נישט צו זען די קראַנקע רויטע אויגן זיינע, וואָס קוקן אויף איר מיט טריבער לוסט, האָט זי געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ, וואָס עס האָט געוואָלט דער מאַן, וואָס שפּייזט איר און די שטוב אין די הונגעריקע מלחמה-טעג. אבער מנשה איז נישט גע-ווען צופרידן. זיינע טריבע אויגן האבן געקוקט מיט בלוטיקע וויס-לען אויף זיין ווייב.

— מיט דיין זעלנער ביזטו אויך געווען אַזאַ צדיקת? — האָט ער גערעדט מיט צאָרן, וואָס שיינדל האָט אים ניט געגונג ליבע אַרויסגעוויזן, ווי ער האָט עס געוואָלט.

שיינדלען האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעשטעלט. זי האָט גלייך געזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן, ביטער אַריינגעפאַלן צו דעם פאַר-עלטערטן בחור.

— איך האָב דיך נישט פאַרפירט, — האָט זי געזאָגט א טרוי-עריקע. — האָסט אַלץ געוואוסט.

— גוט, גוט, כ׳ווייס שוין — האָט ער געברומט און אוועק-געלייגט זיך שנאָרכן נאָך דער נאַכט אַרבעט, שנאָרכן אַזוי שווער און ראַשיק, אַז ס׳האָט פון שטוב געטריבן.

די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט ער פּינקטלעך געבראַכט יעדן פרייטיק זיין לוין און אוועקגעגעבן אים שיינדלען אויף צו פירן

די שטוב. אין איינעם א פרייטיק איז ער אהיימגעקומען שפּעט, ווען די שבת-ליכט אין די קאַרטאָפל האָבן שוין געברענט אויפן טיש.

— וואו איז דאָס וואָכן-געהאלט? — האָט שיינדל געפרעגט אָן אומרואיקע.

צום ערשט האָט מנשה געדרייט מיט דער צונג. דער באַלע-באָס האָט אים נישט אויסגעצאָלט; ער האָט עס אוועקגעליען. אַז שיינדל האָט אים טיף אין די רויטע אויגן אַריינגעקוקט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך מודה געווען.

— איך האָב פאַרשפּילט, — האָט ער געברומט — גוטע קאָרטן געהאַט, ווען איין טויז מער איך פּאַס, וואָלט איך געוואונען.

שיינדל איז געבליבן שטיין מיט א פּאָר איבעריק אַראָפּהענ-גענדיקע הענט.

— ווי אַזוי וועט מען דורכלעבן די וואָך? — האָט זי גע-פרעגט.

מנשה האָט אויסגעקראַצט מיט א מעסער דאָס איינגעגעסענע טייג פון די בערדיקע הענט און גאַרנישט געענטפערט. דאָס איינ-ציקע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער וואָך אַרבעט, איז גע-ווען א גרויס ברויט און א פלעשל שנאַפּס.

שיינדל האָט געגרייט צום טיש דאָס שבתדיקע עסן, געגרייט בריהש, ווי זי האָט זיך אויסגעלערנט אין די באַלעבאַטישע שטובן, וואו זי האָט געדינט, אָבער מנשה האָט ווייניק געגעסן. ער האָט געזופּט דעם בראָנפן פון פלעשל. נאָך יעדער גלעזל זענען די אויגן זיינע געוואָרן רויטער און טריבער. אַז דאָס פלעשל איז געוואָרן ליידיק, האָט ער, ווי תמיד, גענומען וויינען אויף זיין ביטער מזל, אויסרעכענען אַלע עוולות אין לעבן, וואָס ער האָט געהאַט פון קינדווייז ביז איצט. שיינדל האָט אים געטריבן אין בעט, וואָס זי האָט פאַר אים אויסגעבעט.

— נו שוין, גענוג געקלאָגט — האָט זי אים געזאָגט, — גיי בעסער שלאָפן, האָסט א גאַנצע נאַכט געאַרבעט.

מנשה האָט נישט געוואָלט גיין שלאָפן. אין שיינדלס אויס-בעטן אים דאָס בעט, אין הייסן גיין אים שלאָפן, האָט ער אַרויס-

געפילט דעם גאַנצן ווידערווילן, וואָס ניכטערע האָבן צו שיכורע, די פּאַראַכטונג, און ער האָט זיך דערפילט קליין, גידעריש, אַ וואָרים אַ צעקוועטשטער. כדי אויפצוהייבן זיין געפאַלנקייט, האָט ער גענומען שרייען, האָבן טענות, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז ער איז אומגערעכט.

— כ'וויל נישט גיין שלאָפן, — האָט ער געשריען — איך בין באַלעבאָס אין שטוב און איך קען טאָן וואָס איך וויל.

שיינדל האָט צוגעשפּאַרט די טיר.

— מנשה, — האָט זי געמורמלט — שכנים וועלן הערן, איך שעם מיך.

— אַז איך שעם מיך נישט מיט דיר, האָסטו מיט מיר אודאי זיך נישט צו שעמען — האָט מנשה געענטפערט מיט כעס.

שיינדל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— גוט, — האָט זי געמורמלט — איך קען אַוועקגיין, וועסטו זיך פאַרשפּאָרן שעמען.

מנשה איז גוט געוואָרן, איבערגעבעטן זי. אין געגנוואַרט פון אַלעמען אין שטוב האָט ער זי גענומען אויף דער שויס, דעם קאָפּ איר געגלעט, די הענט געקושט, זידלענדיק זיך אַליין מיט די גרעסטע בזיונות. אַ הונט איז ער, אַ שיכור, אַ קאַרטאָוועניק. ער איז נישט ווערט שיינדלס מינדסט נעגעלע. שיינדל האָט אים אויסגערעדט, נישט געלאָזט אים זידלען זיך אַליין, אָבער מנשה האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשטעלן. וואו נאָר אַ מיאוסקייט, אַ שלעכט וואָרט, האָט ער געוואָרפן אויף זיך.

אין אַ מבול פון אייגענע איבערגעטריבענע זלזולים אויף זיך און ליבוועריטער פאַר שיינדלען, איז ער געגאַנגען שלאָפן מיט זיין יונג שיין ווייב. שיינדל האָט אים געבעטן:

— מנשה, די קינדער זענען נאָך אויף. גאָט איז מיט דיר.

מנשה האָט נישט געהערט, נישט גערעכנט זיך מיט קיין זאַך. שיינדל האָט געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע זיינע אויסברוכן און גע-וואַרט ער זאָל שוין אַנטשלאָפן ווערן און לאָזן זי צורו. אָבער מנשה האָט נישט געוואָלט שלאָפן. אַ קוואַל פון רייד האָט זיך אים גענעפנט. צום וויפילטן מאָל האָט ער געוואָלט וויסן זיין

ווייבס פאַרגאַנגענהייט, איר ערשטע ליבע מיטן זעלנער. שיינדל האָט נישט געוואָלט ריידן דערפון.

— נו, פאַרגעס אין דעם — האָט זי געמורמלט — טו מיר צוליב, רעד נישט דערפון.

מנשה האָט יאָ געוואָלט רעדן דערפון. כאָטש שיינדל האָט אים נישט גענאַרט, אַלץ אים פאַר דער חתונה דערציילט, האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם פרעמדן זעלנער, וואָס האָט זיין ווייבס ערשטע ליבע גענומען. ער האָט אים געזען, דעם זעלנער, כאָטש ער האָט אים נישט געקענט, אין אַלערליי געשטאַלטן אים געזען, און געהאַסט אים, א דם-שונא אים געווען. ער האָט געטראַכט וועגן זייער ליבע, פאַרגעשטעלט זיך יעדע צערטלעכקייט זייערע, יעדע זינד, און ער האָט געברענט פון אייפערזוכט צו דעם פרעמדן מאַן, מקנא אים געווען און געהאַסט.

— האָסט אים שטאַרק ליב געהאַט, שיינדל? — האָט ער געפרעגט ביי זיין ווייב, פילנדיק איר וואַרם יונג לייב אַרום זיך.

שיינדל האָט אים געגלעט דעם קאָפּ.

— נו, דאָס איז דאָך געווען איידער מיר האָבן זיך געקענט, מנשה. וואָס איז דאָ צו רעדן דערפון?

מנשה האָט אַראָפּגענומען איר האַנט פון זיין קאָפּ און נישט אויפגעהערט פרעגן ווייטער. ער האָט הנאה געהאַט פון פייניקן זי מיט רייד, באַגערט צו הערן פון איר אייגן מויל איר שאַנד. ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל האָט ער געוואָלט הערן פון איר ווי אַזוי זי האָט זיך מיט יענעם באַגעגנט, נאָענט געוואָרן, איבערגעגעבן זיך אים. וואָס מער די רייד אירע האָבן אים געשטאָכן, ווי מיט הייסע נאָדלען געבריט, אַלץ מער האָט ער זיי געוואָלט הערן. פּונקט אַזוי איז אים נישט מיאוס געוואָרן זי כסדר צו פרעגן, צי זי האָט אים נאָך ליב, דעם זעלנער אירן. שיינדל האָט זיך געשוואָרן מיט אַלע שבועות, אַז ניין. זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן אים, זי וויל זיין נאָמען נישט הערן. מנשה האָט איר א ווײַלע געגלויבט. מיט כעס האָט ער גערעדט וועגן דעם זעלנער, געשאָלטן אים, געפלוכט. זאָל ער דאָרט די פיס צעברעכן וואו ער איז, זאָל ער בלינד ווערן, זאָל אים דאָס מויל אויסגעקרימט ווערן פאַר די

זיסע ריידעלעך זיינע, מיט וועלכע ער האָט איר אָפּגענאַרט. שיינדל האָט די קללות נישט געקענט הערן.

— נו, גענוג, מנשה, גו שלאָף. — האָט זי אים געבעטן. מנשה איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

— אהא, קענסט נישט הערן קיין שלעכט וואָרט אויף אים — האָט ער געשיפּעט — נעמסט זיך פאַר אים אָן.

שיינדל האָט גענומען וויינען אין דער נאַכט. מנשה האָט נישט אויפגעהערט ריידן.

— איך קען אייך, ווייבער — האָט ער גערעדט — איר ווערט שטענדיק ליבער האָבן אַ שאַרלאַטאַן ווי אַן אָרנטלעכן מענטש. כ׳ווייס, אַז דו האָסט אים נאָך אַלץ ליב. מיאוסט זיך פון מיר.

שיינדל האָט נישט געענטפערט. זי האָט געפילט, אַז אַזוי איז עס טאַקע, און זי האָט בלויז געוויינט אין איר צער. מנשה האָט גענומען פּלוצלינג לויבן דעם זעלנער אירן.

— אַ חכם אַ יונג — האָט ער געמורמלט — פאַר זיך האָט ער אַראָפּגענומען די סמעטענע און פאַר מנשהן איבערגעלאָזן די זויערמילך...

אנטשלאָפן איז ער געוואָרן מיטן טאָג צוגלייך. יעדער שנאָרך זיינער האָט געבלאָזן מיט טענות, מיט ביטערניש. שפּעט אין מאָרגן, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די שטוב שוין געווען שבתדיק צוגערוימט. שיינדל האָט אים קלאָרע וועש דערלאַנגט אין בעט אַריין. מנשה האָט געוואַשן די רויטע אויגן ביים קראַן און צוריק געווען גוט און געמיטלעך. ער האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און געשטיפט מיט דעם קליינעם אברהמעלע. דאָס קינד האָט געקוואַלן מיט אַלע זומער-שפּרענקעלעך פון זיין פריי־לעך פּנימל. מנשה האָט אים געהויבן ביז דעם באַלקן און אים געוואָרפן אין דער לופטן. שיינדל האָט געציטערט.

— מנשה, וועסט אים נאָך אַראָפּלאָזן — האָט זי געוואָרנט. מנשה האָט אים נאָך האַסטיקער געוואָרפן.

— זאָרג זיך נישט, ער איז אייזן שטאַרק, דער ממזר — האָט ער געזאָגט אַזוי, אַז מען האָט נישט געקענט וויסן צי מיינט ער דערמיט אַ זידלוואָרט פאַרן קינד צי אַ צערטלעכקייט.

שיינדל האָט געקוקט מיט אומרואיקע בליקן אויף דעם לאַבנ־דיקן אברהמל, וואָס מנשה וואַרפֿט אים אין דער לופֿטן. זי האָט ניט געטרויט מנשהן דאָס קינד אירס.

## קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

מאַטעסעס שטוב איז זיך צעקראָכן.

וויפֿיל שיינדל האָט זיך נישט ארויסגעשלאָגן פֿון די כוחות צו דערהאַלטן זי, די שטוב, אַזוי ווי בעת דער פֿאָטער האָט זי אײַ־בערגעלאָזט, איז זי פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן. די דייטשע קאָמיסיעס, וואָס זענען ארומגעקראָכן איבער די בעקערייען זוכן, צי מען באַקט נישט בגנבה קיין געבעקס אויסער דעם קאַרטן־ברויט, זענען אויך צו מנשהן אין דער בעקערײַ אין קעלער פֿאַרקראָכן. מנשה האָט גיך אויפֿגערוימט יעדער חמץ צו דער מינוט איידער די „יעקעס“ זענען אַרײַנגעקומען, אָבער די דייטשן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אינגאַנצן גלאַטיק איז דאָרט נישט מיט דעם ברויט. זיי האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. קיין ברויט האָבן זיי טאַקע נישט געפֿונען, אָבער דערפֿאַר האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז מנשהס אויגן, די רויטע און טרערנדיקע, זענען נישט געזונט געווען פֿאַר אַ בעקער. באַלד אין דער פֿרי האָבן זיי אים צו אַ מיליטערישן דאָקטאָר ארויסגערופֿן. מנשה האָט פֿריער אַ גאַנצע נאַכט געוויקט די אויגן זײַנע מיט שמאַטקעס גענעצט אין טיי, וואָס ווײַבער האָבן אים געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסע סגולה צו שלעכטע אויגן. אָבער זיי זענען געווען אַזוי רויט ווי תמיד, נאָך רויטער אַפֿילו, פֿון שרעק און אויפֿרעגונג. דער דאָקטאָר האָט אויף אים איין בליק געטאָן און געהייסן זיך אָפּרוקן.

— זי, באַצילן־טרעגער! — האָט ער אים גערופֿן. — מיט אַזעלכע אויגן טאָר מען צו קיין שפּײַז נישט צוגיין.

מנשה האָט דאָס דאָקטאָרישע זידל־וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען, אָבער פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז מען הייסט אים מער קיין בעקער נישט זײַן. ער האָט געעפֿנט אין דער גאַנצער ברייט די אויגן זײַנע.

— שוין דרייסיק יאָר ווי איך בין א בעקער — האָט ער גע-רעדט — פון קינדווייז אָן.

— ביי די שוויינישע רוסן איז דאָס געגאנגען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מיר היטן דאָס געזונט פון דער באַפעלקערונג.

מנשה האָט פארגעסן וואו ער איז, אזוי האָט דאָס בלוט אין אים אויפגעקאָכט.

— מען וואָלט ליבערשט נישט געשאָטן אזויפיל מיסט אין מעל אריין — האָט ער גערעדט — איידער צו קוקן מיר אין די אויגן אריין.

כאָטש עס איז געזאָגט געוואָרן אין ריינסטן ווארשעווער אי-דיש, האָט עס דער דייטשער דאָקטאר אויפגעכאפט, און ער איז רויט געוואָרן פאר צאָרן.

— דען שנאוץ האלטן, זי שמוציקער קערל! — האָט ער גע-שריען און געקנאקט מיט דער פויסט אין טיש — איך פערהאפטע זי זאָפאָרט.

ארעסטירט האָט מען אים נישט, מנשהן, מען האָט אים בלויז ארויסגעוואָרפן פון אמט, אָנזאָגנדיק אים, אז אויב מען וועט אים כאפן ווייטער באקן, וועט מען אים דעמאָלט איינזעצן. מנשה איז אוועק אין דעם ערשטן רעסטאָראנדל און זיך אזוי אָנגעשיכורט, אז ער האָט קוים זיך דערשלעפט צו זיין בוידעם-שטיבל. שיינדל האָט אים גענומען מוסרן. מנשה איז געוואָרן ווילד. וויפיל טע-לערס עס זענען געווען אין שטוב, שיינדלס טעלערס, וואָס זי האָט זיי געפוצט און געריניקט און אויסגעשטעלט זיי אויף די פאָליצעס פון פראָנט פאר א צירונג, האָט ער געוואָרפן אין דער ערד. שיינדל האָט אויפגעהויבן די שארבנס.

— גזלן, וואָס האסטו צו די טעלערס? — האָט זי געשריען.

מנשה האָט געטראָטן די שארבנס מיט די פיס.

— איך דארף נישט קיין טעלערס! — האָט ער געברומט — אָן עסן דארף מען נישט קיין כלים.

נאָך די כלים האָט ער גענומען זיך צו די פאָטאָגראפיעס אויף די ווענט, צו שיינדלס פאָטאָגראפיעס אין די שיינע קליידער און אויך צו מאטעסעס פאָטאָגראפיע אין זעלנערישן ראָק, ווען ער איז

געגאַנגען אין דער מלחמה. שיינדל האָט פאַר די פאָטאָגראַפיעס מער זיך איינגעשטעלט ווי פאַר די טעלערס. מיט זיך אַליין האָט זי די פאַרגעלטע בילדלעך אויף דער וואַנט פאַרשטעלט. מנשה איז געוואָרן ווילד און אויפגעהויבן פויסטן.

— לאָז מיך, זעלנערישע הור! — האָט ער געשריען.

נחמן, א בלאָסער, מיט אויגן שווארצע און וואַנזיניקע, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, מיט פעסטע טריט געגאַנגען אויף מנשהן און אים אין פנים דערלאַנגט מיט אַזאַ קראַפט, אַז מנשה האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. ער האָט אַליין געשטוינט איבער זיין כוח, נחמן, אויף דעם אומגעריכטן קלאַפּ, וואָס ער האָט געטאָן, ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן. מנשה האָט געוויינט ווי תמיד, ווען ער שיכורט זיך אָן, רחמנות אויף זיך געקראָגן. נחמן האָט גענומען אויף זיך דאָס רעקל, דאָס אויסגעריבענע און אָפּגעשאָסענע, און ארוים אין גאַס. שיינדל האָט אים פאַרהאַלטן. נחמן האָט זיך ארויסגעריסן און גיך אַראָפּ איבער די שטיגן, שפּרינגענדיק צו עטלעכע טרעפּ מיט אמאָל.

נאָך אים, צומאַרגנס גלייך, איז רייזל אוועק פון שטוב. מער ווי דעם ברודער האָט שיינדל איר אינגערע שוועסטער פאַרהאַלטן. זי האָט געקענט די שטאָט און געוואוסט די סכנה פאַר א מיידל אויסער דער שטוב. רייזל האָט זיך נישט געלאָזט אָפּהאַלטן.

— האַלט מיך נישט צו! — האָט זי געריסן זיך מיט דער שוועסטער — כ׳וויל נישט דאָ זיין מער, כ׳וויל נישט!

איר פלוצלונגדיקע עקשנות, איר פאַרביסנקייט, איז שיינדלען געווען פרעמד. קיינמאָל האָט זי נישט געזען די שוועסטער אַזאַ איינגעשפּאַרטע און פעסטע. רייזל האָט ארויפגעשאַרט דעם אַראָפּ-געפאַלענעם לאָק פון די שווארצע הייסע אויגן און געקוקט אויף דער שוועסטער מיט האַס פון אַן אינגערן, וואָס גלויבט, אַז אַן על-טערער וויל הערשן איבער אים.

— כ׳בין נישט קיין מיידעלע מער, — האָט זי גערעדט מיט צאָרן — כ׳קען טאָן וואָס איך וויל!

שיינדל האָט זי פאַר דער האַנט אָנגענומען.

— רייזל, איך הייס דיך בלייבן! — האָט זי געזאָגט באַ-פעלעריש, ווי דער קאָפּ פון שטוב — זאָל מיר אסור זיין אויב דו וועסט גיין, רייזל, זאָל איך נאָך אזוי דערלעבן צו זען דעם טאַטן צוריק!

רייזל האָט מיט כוח ארויסגעריסן איר האנט פון שיינדלס.

— רייזל, רייזל, — האָט זי נאָכגעשפּעט — האסט נישט קיין דעה איבער מיר. איך בין שוין געננוג גרויס, און כ׳ווייס אליין, וואָס איך האָב צו טאָן. כ׳גיי מיר זוכן א שטעלע.

מיט א גרין זשאקעטל, און איינגעפּאסטס אין דער טאַליע, מיט א קליידל אין קראטן, וואָס שיינדל האָט איר אָוועקגעגעבן פון אירע פאר-מלחמהדיקע מלבושים, מיט א פּאָר אויסגעדרייטע לאַקירענע שיכלעך אויף זייער הויכע קנאַפּלס און מיט א צעקנייטשט שטרויען היטעלע, מיט עטלעכע אָפּגעבליאקעוועטע קארשן פארפּוצט, האָט רייזל זיך ארויסגעלאָזט פון שטוב, אָן איין גראָשן אין איר צעריסן בייטעלע. זי האָט אפילו דער שוועסטער קיין גוטן טאָג נישט געזאָגט. בלויז צו אברהמעלען איז זי צוגעפאלן, מיט ברען אים אויסגעקושטביידע בעקלעך, און האסטיק די טיר פארהאַקט.

אָנשפּיגלענדיק זיך אין דער שפּיגל-שויב פון דער ערשטער אַפּטייק אין עק גאַס, ווייבעריש פאריכטנדיק מיט די פינגער די אראָפּפאַלנדיקע קויל-שווארצע לעקלעך פון די אויגן, איז זי זיך אליין געפעלן געוואָרן מיט איר וואוקס און אויסזען. העכער און דערוואקסענער האָט זי אויסגעזען אין דער שוועסטערס עלטערע קליידער. מיט גלויבן אין איר הארץ, מיט באַפרייטן עול פון הויז און פון דער שוועסטערס השגחה, איז זי לייכט געגאנגען אויף די אויסגעדרייטע הויכע קנאַפּלס פון די לאַקירטע אלטע שיכלעך, מיט צופרידנקייט געזען, ווי יונגען אין גאַס קוקן איר נאָך, דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן.

— פרייליין, לויפן זיי נישט אזוי, — האָבן לוידיק-גייערישע יונגען אין גאַס זי פארהאַלטן — וואַרטן זי צו, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

רייזל האָט מיט ווייבערישער הנאה פון אנטלויפן פון נאָכ-יאָגער צוגעאיילט די טריט און אוועק ווייטער, געאיילט צו דבורה

דער רייפערקע, וואָס וואוינט פאַרן אייזערנעם טויער, אין שכנות פון קעלער, וואו זיי האָבן געוואוינט, כדי צו בעטן איר קריגן פאַר איר א שטעלע אין א הויז. דבורה די רייפערקע האָט רייזלען נישט דערקענט.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! — האָט זי אויסגעבאַטלט ווים־טע חלומות, ווען רייזל האָט זיך געלאָזט דערקענען צו איר, אַז זי איז דאָס די אייגענע רייזל פון מאַטעסעם קעלער־שטוב ביים מיסט־קאַסטן — עפּעס דאָפּלט גרוים ביזטו דאָך געוואָרן. און ווער האָט דיך אַזוי אויסגעפּיאָקעוועט?

רייזל האָט זיך געררויטלט פון דער אידענעם רייד און געשטאַ־נען מיט לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע איבעריקע הענט פאַר איר.

— דבורה לעבן, קרוין, — האָט זי געבעטן — שאַפט מיר א שטעלע, וואָסערע נישט איז. איך קען מער נישט זיין אין דער־היים.

דבורה האָט זי באַטראַכט, פון די קאַרשן אין צעקנייטשטן היטעלע ביז די אויסגעדרייטע הויכע קנאַפּל, און געשאָקלט אויף איר מיט אַלע דריי גוידערס פון איר פעטן קין.

— גרעסערע בריהס פון דיר גייען אַרום אָן אַרבעט איצט, — האָט זי געשפּאָט — מ׳קוקט דיך טאַקע נאָר אוים.

רייזל האָט פאַרלאָרן די גאַנצע פריערדיקע האָפערדיקייט מיט אַמאָל.

— פאַרן עסן און שלאָפן בלויז וועל איך גיין, — האָט זי געזאָגט.

דבורה די רייפערקע האָט געשאָקלט מיט די דריי גוידערס.

— די מאַדאַמען דאַנקען, אַז זיי האָבן אַליין צו קאָכן. ווער דאַרף א דינסט ביי די דייטשן? נאַ, זע, וויפיל זיי וואַרטן דאָ אויף שטעלעס.

רייזל האָט זיך אַרומגעקוקט אויף א צענדליק מיידן, וואָס זע־נען געזעסן אויסגעזעצט ביי דבורהן אין קיך אויף א באַנק, וואַרטנ־דיק אויף שטעלעס, און זיך אומדרייסט צוגעזעצט אויף אַן עק באַנק צו זיי. א נייע, אַן אומדערפאַרענע, האָט זי געשוויגן, בלויז

געהערט וואָס עלטערע פון איר רעדן. די מיידן האָבן גאָרנישט קיין פריילעכע זאכן דערציילט וועגן די שטעלעס, וואָס זיי זוכן.

— נישט זיי ווילן צאָלן, נישט זיי ווילן געבן עסן — האָט א פעטע אידישע מויד דערציילט, — כאָטש ארבעט פאר זיי אום-זיסט, די כאָלעריעס!

— און וועש זאָל מען זיי וואשן אָן זייף און די העמדער זאָלן זיין קלאָר, — האָט א הויכע איבערגעבויגענע שיקסע מיט בלויע אָדערן אין די בלאַסע הענט געקלאָגט זיך.

א קליין געוויקסיק מיידל, א שווארצס, א ברענענדיקס, א שטיק קוועקזילבער, האָט דערציילט גיך, דריבנע, פון אירע דער-פארונגען מיט זוכן שטעלעס און זי האָט נישט אויפגעהערט לאכן דערביי.

— אוי, ווען איר ווייסט, מיידלעך, ווי קאָמיש עס איז! — איז זי זיך פארגאנגען אין לאכן.

די מיידן האָבן נישט פארשטאַנען איר שמחה.

— וואָס איז די גדולה אויף דיר, רוזשקע? — האָבן זיי איר געפרעגט.

רוזשקע איז זיך נאָך שטארקער פארגאנגען אין לאכן. זי האָט איר קליין קוועקזילבערדיק גופל געבויגן אין דרייען פאר געלעכ-טער. אליין נישט וויסנדיק פארוואָס, האָבן אלע איבעריקע מיידן אויך גענומען לאכן. דבורה די רייפערקע איז אריינגעקומען פון שטוב א בייזע.

— שטילער, מיידלעך! — האָט זי זיך געבייזערט — דער הער זיצט ביי די ביכער.

די מיידלעך זענען גלייך שטיל געוואָרן. זיי האָבן געוואוסט, אז דבורהס מאן איז א געלערנטער מענטש, ער פירט די מעלדונגס-ביכער פון הויז וואו ער וואוינט, און אז דבורה גייט אויף די שפיץ פינגער ווען דער מאן אירער זיצט ביי די גרויסע ביכער און שרייבט אריין די שכנים פון הויף, יעדן לויט זיין ראַס. דבורה אליין איז צוגעגאנגען צו דער נייער, צו רייזלען, און איר געהייסן אָפוואשן די פאָדלאָגע.

— ביז דו וועסט געפינען עפּעס אן ארבעט, וועסטו דערווייל טאָן עפּעס אין שטוב! — האָט זי באַפוילן.

נאָך א גאנצן טאָג זיצן, איז רייזל אהיימגעגאנגען מיט דעם וואָס זי איז געקומען.

— קומט מאָרגן, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן, — האָט דבורה געזאָגט צו די מיידלעך — איך האָב עפּעס אין געדאַנק.

רוזשקע האָט א כאַפּ געטאָן רייזלען ביי דעם קלייד, ווי נאָר זי איז ארוים פון שטוב, און זיך אויסגעלאַכט פאר איר פאר דער גאנצער צייט וואס זי האָט זיך איינגעהאלטן פון לאַכן אין דבורהס קיך.

— שטילער, מיידלעך, דער הער זיצט ביי די ביכער! — האָט זי נאָכגעשפּעט דבורהס קול מיט אזא פינקטלעכקייט ווי א ווידער-קול.

זי האָט זיך גאָרנישט געקענט אויסלאַכן דערפון. רייזל איז געוואָרן אָנגעשטעקט פון געלעכטער און מיטגעהאָלפן דעם פרעמדן מיידל, וואס זי האָט זי גלייך ליב געקראָגן. רוזשקע האָט געאַרבעט מעשים אויף די גאסן. א פלינקע, א לויפנדיקע, יאָגנדיק מיט קליינע גיכע דריבנע טריטעלעך, האָט זי געוואָרפן שקאָצישע בליקן פון אלע זייטן, געוואונקען מיט די אויגן, געמאכט גרימאסן. זי האָט נאָכגעמאכט אלטע גראָבע ווייבער, ווי זיי שאָקלען זיך אין גאנג, ארויסגעשטעקט דעם בויך ווי א בכבודער פארבייגייער האָט עס געטאָן, און אויסגעצויגן זיך שטייף, מיט א פאריסענעם קאָפּ, ענלעך צו א דייטשן אָפיציר, וואָס האָט דורכפאראדירט א שטאָל-צער די גאָס. רייזל האָט זיך געשעמט, מורא געהאט.

— טוען זי עס נישט, — האָט זי געזאָגט — די מענטשן וועלן זיין אין כעס.

— זיי זענען זייער קאָמיש, די מענטשן, — האָט רוזשקע געענטפערט און ווידער אריינגעפאלן אין א געלעכטער.

ביים געזעגענען זיך אויף אן עק גאָס, האָט רוזשקע שטארק געדריקט רייזלס האנט און איר אָנגעזאָגט נאָכאמאָל זיך צו טרעפן מיט איר.

— מיר׳ן ארויסגיין שפּאַצירן צוזאַמען, — האָט זי איר געזאָגט — מיט דייטשן זיך באַקענען.

— מיט דייטשן? — האָט רייזל איבערגעפרעגט און ערשטוינטע.

— אָ, זיי זענען זייער קאָמיש, די דייטשן, — האָט רוזשקע געלאַכט, — זיי פאַרליבן זיך באַלד. קום, ס׳וועט זיין פריילעך.

רייזל איז אוועק אהיים נעבעכיקן. באַלד אין דער פרי איז זי ווידער אוועק צו דבורהן. זי האָט געוואַרט אויף אַ שטוב, וואָס דבורה האָט געזאָגט, אַז זי האָט אין געדאַנק. נאָך מער האָט זי געוואַרט צו זען רוזשקען, דאָס לאַכנדיקע מיידל, וואָס ווען מען איז מיט איר, פאַרגעסט מען אַלע צרות אין לעבן. זי איז צוגעבונדן געוואָרן צו דער קליינער.

נחמן איז אפילו נעבעכיקן מער נישט אהיימגעקומען. אין אנצוג פון דער וואָלאָווע גאַס, וואָס איז באַלד אָפּגעשאָסן געוואָרן פון דער זון און צעקראָכן פון די רעגנס, האָט ער ארומגעשלענדערט זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן, אויסגעמאָסטן זיי אין דער לענג און אין דער ברייט, צו זוכן זיין שפּייז. קודם-כל איז ער געגאַנגען צו די בעקערס.

— אפשר דאַרף מען אַ געזעלן? — האָט ער געפרעגט — איך בין אַ גוטער אַרבעטאָרער.

די בעקערס האָבן געהויבן די פאַרמעליקטע פּלייצעס.

— זאָל דער דייטש אַזוי דאָס לעבן האָבן, ווי מיר האָבן אַרבעט פאַר זיך אַליין, — האָבן זיי געברומט.

און ווען נחמן איז ווייטער געשטאַנען און געשוויגן, האָבן זיי אים אויסגעזוכט בגנבה אַ שטיק ברויט און אים אריינגערוקט אין האַנט. נחמן האָט נישט געוואָלט נעמען. די בעקערס האָבן פון אים געלאַכט.

— נישקשה, באַלד וועלן מיר אַלע דאַרפן בעטלען, — האָבן זיי נביאות געזאָגט.

פון די בעקערס איז ער געגאַנגען צו אַנדערע ערטער. ער האָט געבעטן אין קראָמען מען זאָל אים געבן אַ פּעקל איבערצוטראָגן, ער האָט אָפּגעשטעלט אַ טרעגער, צי ער וויל נישט, ער זאָל

אים אונטערשטופּן דאָס וועגעלע פאַר עטלעכע גראָשן. קיינער האָט זיינע הענט נישט געדאַרפט. די שעהן האָבן זיך געצויגן לענגער ווי זיי זענען אין די לײדיק־גייערישע טעג. נאָך לענגער האָבן זיך געצויגן די גאַסן. נישט געווען קיין איין ווינקעלע אין שטאָט וואו נחמן איז נישט אויסגעקראָכן. אַז ער איז גאָר הונגעריק געוואָרן, איז ער אַוועק צו דער אַרבעטער־קיך און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער רייע. נאָך שעהן וואַרטן האָט ער געקראָגן אַביסל שיטערע זופּ, וואָס צערייצט מער ווי זי זעטיקט. געדיכט אַרום אים, צוגעשפּאַרט מיט די שאַרפע עלנבויגנס צו זיינע זייטן, זענען געזעסן מענטשן ווי ער אַליין, באַוואַקסענע, הונגעריקע און חושכ־דיקע, און געשלונגען אין זיך די מאָגערע זופּ, וואָס מיידלעך אין ווייסע פאַרטוכער האָבן צוגעטראָגן צו די לאַנגע הילצערנע טישן.

— גיכער, חברים, מענטשן וואַרטן אויף אַן אָרט! — האָבן די מיידלעך אין די ווייסע פאַרטוכער געיאָגט.

נחמן האָט אויסגעניגט דאָס לעצטע ביסל פון שיסעלע און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענטשן אַריין אין זאַל ביי דער קיך. פּונקט ווי זיי האָט ער אויך אויסגעזוכט אַ צעריסענע צייטונג, אַ צעקנייטשטע און צעריבענע פון די פילע הענט וואָס זי איז דורכ־געגאַנגען, און געלייענט די נייעס פון דער וועלט, טאָג־טעגלעכע ניי־עס וועגן די מלחמה פראָנטן, וואו מען רוקט זיך צו מזרח, מען גלייכט אויס די ליניעס אין מערב, מען גייט פאָראויס אויף צפון און מען פאַרפעסטיקט זיך אין דרום. נחמן האָט גאָרנישט מער פאַרשטאַנען אין די אַלע שווערע רייד. דאָס האָט גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט זיין טאַטן, וואָס איז אין זיין זעלנערישן ראָק אַוועק צו דער באַן און מער נישט צוריקגעקומען. דאָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט זיין אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער אַרבעט און אַרומבלאָנזשען איבער די גאַסן. ווי נאָר ער האָט זיי גענומען לייענען, אַזוי גיך האָט ער איינגעדרימלט. אַ בלאָנד מיידל מיט רויטע בעקלעך, וואָס איז אַ זעלטנהייט געווען אין דער מלחמה־צייט, איז צוגעגאַנגען צו אים און אים געטרייסלט ביים אַקסל:

— חבר, אין לעזע־זאַל טאָר מען נישט שלאָפן.

נחמן האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער.

— כ׳בין א גאנצע נאכט פריער נישט געשלאָפן, — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

דאָס מיידל האָט אים באַטראַכט מיט א פּאָר בלויע אויגן און פון אים צוגענומען די צעקנייטשטע צייטונג פון האַנט.

— נאָך וואָס לייענט איר, חבר, דעם בורזשואַזן גיפט? — האָט זי אים געמוסרט — איר דאַרפט לייענען אונזערע אויסגאַבן, וועט איר זיך עפּעס לערנען.

נחמן האָט נישט געוואוסט וואס אזוינס דאָס מיידל מיינט מיט אירע רייד. אבער ער האָט דערפילט א נאָענטקייט צו איר, צו אירע רויטע בעקלעך, צו די בלויע אויגן. זי האָט אים דערלאַנגט א קליין שלעכט-געדרוקט ביכעלע, ענלעך צו די מעשה-ביכלעך וואס פּאַקנטרעגער פאַרקויפן, און פרום געזאָגט:

— קוקט אריין דערין, חבר, און אלץ וועט אייך קלאָר ווערן.

דערנאָך האָט זי אים ווידער באַטראַכט מיט די בלויע אויגן און נאָך שטילער און פרומער ווי פריער געזאָגט:

— קומט היינט אין אָוונט אויף א דיסקוסיע אין אונזער אַרבעטער-קלוב. חבר דניאל וועט רעדן.

כאָטש נחמן האָט נישט געוואוסט ווער דער חבר דניאל איז און וואָס אזוינס ער וועט רעדן, איז ער געקומען פּינקטלעך צו דעם אָוונט. עס איז אים מיאוס געווען ארומצוקריכן איבער די גאַסן. נאָך מער האָט אים געצויגן צו זען נאָכאַמאָל דאָס בלאָנדע מיידל מיט די רויטע בעקלעך.

## קאַפּיטל צוויי-און-צוואַנציק

חבר דניאל, א נישט-פאַרענדיקטער אדוואָקאַט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט פויל אויסגעצויגן זיך אויף דער ווייכער אַטאַ-מאַנע און גיריק איבערגעמישט נאָך א בלעטל אין פראַנצויזישן ראָ-מאַן, וואָס ער האָט געלייענט. דער ראָמאַן איז געווען א שפּאַנענ-דער, פון לעבן פון לאַטייניש קוואַרטאַל אין פּאַריז, וועגן א היי-סער ליבע צווישן א שפּאַנישן מאַלער און א פראַנצויזיש מאָדל-

מיידל. דאָס האָט חבר דניאלן דערמאָנט אין זיין אייגן פרייליכן לעבן אין פּאַריז, אין אַלע גאסן און בולוואַרן, קאַפּייען און רעס-טאָראַנען. דאָס האָט אים אויך נאָכאַמאָל געבראַכט אויפן זינען זיינע אייגענע ראָמאַנען מיט פראַנצויזישע מיידלעך, וואָס ער האָט געפירט, זייער שטורמישע ליבעס. זיין שיין עטוואָס-ווייבלעך פּנים האָט זיך צעשמייכלט פון הנאה פון אָט דער זיסער דעראינערונג.

כאָטש ער האָט נויטיק געדאַרפט לייענען אַנדערע ביכער דעם טאָג, וויסנשאַפטלעכע ביכער, ספּעציעל מאַרקסיסטישע, וואָרים ער האָט זיך געגרייט אויף אַ דיסקוסיע אין אַרבעטער קלוב וועגן סאָ-ציאַליסטישע פראַגן, האָט ער נישט געקענט אָפּרייסן זיך פון לייכטן פראַנצויזישן ראָמאַן. ערשט ווען דער זייגער אין שטוב האָט אויס-געקלונגען פייערלעך און לאַנגזאַם אַכט קלאַנגען, האָט ער שנעל דערלייענט נאָך עטלעכע שורהלעך און מיט אומווילן פאַרקנייטשט דאָס בלעטל.

— סאָפיע ! — האָט ער גערופן מיט אַ קלינגנדיקער באַריטאָן-שטימע, אַ גלעטנדיקער און סאַמעטענער, — דערלאַנג מיר ס'העמדל, טייערע.

סאָפיע, אַ הויכע ברונעטקע, וואָס פאַרבט די האָר אויף בלאָנד, כדי נישט אויסצוזען אידיש, איז צוגעגאַנגען מיט קעצישע טריט צו דער פּליושענער אַטאַמאַנע און זיך צוגעטוליעט צו איר מאַן.

— איך וויל נישט זאָלסט אַוועקגיין היינט, — האָט זי גע-בעטן, אַוועקלייגנדיק זיך אויף דער אַטאַמאַנע לעבן איר מאַן, — כ'וויל, זאָלסט פאַרברענגען מיט מיר דעם אָוונט היינט. איך וועל מאַכן קאַפע, כ'האָב אויך קאָניאַק גוטן, פאַר-מלחמהדיקן. כ'וויל, זאָלסט מיך ליב האָבן היינט !

דניאל האָט דורכגעקרייזט מיט זיינע פינגער אין סאָפיעס לאָקן און נאָך פוילער זיך דערפילט ווי פריער. די וואַרעמקייט פון דער הויכער שלאַנקער יונגער פרוי, דער גערוך פון איר ווייבלעכקייט, דער געשמאַק פון קאַפע און קאָניאַק, וואָס ער האָט באַצייטנס דער-פילט, האָבן אים נאָך פוילער געמאַכט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער קאַנאַפּע און אַראָפּ אויפן ווייכן טעפּיך.

— סאָפיע, — האָט ער געבעטן, פּיעשטשענדיק זיך מיט זיין

שטים, ווי תמיד ווען ער וויל פועלן עפּעס ביי א פּרוי — נו, זיי א וואויל מיידל... איך מוז גיין... כ׳האָב א דיסקוסיע היינט, א וויכטיקע דיסקוסיע... גיב מיר ס׳העמדל, טייערע, דאָס שווארצע...

כאָטש חבר דניאל האָט געהאַט א סך ווייסע העמדער, ווייכע און גלאַטיקע, און זיידענע אפילו, וואָס סאָפיע האָט פאר אים צוגעגרייט און ער האָט זיי ליב געהאַט, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעטאָן א שווארץ העמדל אויף זיין פול אויסגעצערטלט לייב. כאָטש ער האָט געהאַט א סך קראַוואַטן הענגען אין שאַפע, טייערע זיידענע קראַוואַטן, וואָס סאָפיע האָט אים אַלעמאָל געקויפט מתנות, האָט ער קיין איינעם פון זיי נישט גענומען. פאַרקערט, ער האָט אפילו נישט פאַרקנעפּלט דאָס שווארצע העמדל ביים קאָלנער, נאָר געלאָזט אָפן זיין רונדן שיינעם האלז, אפילו א שטיקל אָפן הארץ געלאָזט ארויסזעען. ער האָט געוואוסט, אז די מאַסן אין ארבעטערקלוב, וואו ער רעדט, האָבן אים באַזונדערס ליב אין דעם שווארצן העמדל מיט אן אָפענער ברוסט, וואָס צאַפּלט, ווען ער גייט אריין אין פייער פון זיין רעדנער-טאַלענט. ספּעציעל גייען אוים דערפאר די ווייבער אין קלוב. פּונקט אזוי האָט ער צעשויבערט ביים שפּיגל די שווארצע לאָקן זיינע, וואָס פון שווארצקייט פאַלן זיי אַזש אין בלויקייט אריין. כאָטש סאָפיע קען נישט ליידן זיינע צעשויבערטע האָר און זי קעמט אים דעם קאָפּ אויף גלאַטיק מיט א שרונד אין מיטן, גייט קיינמאָל נישט חבר דניאל אזוי אויף זיינע רעדעס אין קלוב. ער ווייסט, אז נאָך מער ווי די צעקנעפּלטע בלוזע, מאַכט א גרויסן איינדרוק אויף די מאַסן זיין צעשויבערטער קאָפּ, ספּעציעל ווען ער צעפּלאָמט זיך און ער וואַרפט מיט די לאָקן אויף רעכטס און לינקס. זיי צעטראָגן שיער נישט דעם זאַל דעמאָלט.

איבערטועענדיק זיך, כאַפּט דערווייל חבר דניאל אריין א פלינקן בליק אין די מאַרקסיסטישע ביכער זיינע, וואָס ער האָט א סך פון זיי ביי זיך אין ביבליאָטעק, אבער ער לייענט זיי זעלטן. וויפיל מאָל ער האָט שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, ער זאָל די אַלע ביכער לייענען, טוט ער עס נישט. ווי נאָר ער קריכט אריין אין זיי, לייגט ער זיי באַלד אוועק. חבר דניאל האָט פיינט זיך מאַטערן, אָנשטרענגען דעם קאָפּ. פון קינדוואַיז אָן האָט ער עס פיינט געהאַט.

דערפאר טאקע האָט ער זיך נישט געוואָלט לערנען, נאָר בעסער געריסן זיך שפּילן טעאטער, דעקלאַמירן און פאַרלייענען. אויך איצט, כאָטש ער איז שוין א נישט-פּאַרענדיקטער אדוואָקאט און ארבעטער-פירער, קען ער נאָך אלץ נישט אָנשטרענגען זיך אין טיפע פאַרוויקלטע זאכן. דער קאָפּ הויבט אים גלייך אָן ווי טאָן פון אזא ארבעט. דאָך כאַפּט ער א בליק אין אָט די נישט-דער-לייענטע געדיכט-געדרוקטע ביכער, פולע מיט ציפערן און פאַר-וויקלטע זאצן. ער ווייסט, אז עס איז שטענדיק גוט צו האָבן א באַגריף אין אָט די ווערק, צו געדענקען א ציטאַט פון זיי, א שטאַרק וואָרט, וואָס מען זאָל אויסנוצן אין א רעדע, ספּעציעל אין א דיסקוסיע מיט אנדערע.

סאָפיע קען נישט ליידן איר מאַן אין אָט דעם הילוך זיינעם. נישט זי פאַרטראַגט די שווארצע בלוזע זיינע, נישט דעם צעקודלטן קאָפּ, נישט די גאנצע ארבעט זיינע אין די קלובן ביי די ארבעטער. זי האָט פיינט ארבעטער, זי האָט פיינט אָרעמקייט, ספּעציעל קען זי נישט פאַרטראָגן אידישע ארבעטער. זי קען נישט ליידן זייער שפּראַך, דעם זשאַרגאָן זייערן, זייערע געקרייזלטע שווארצע קעפּ, זייערע פאַרזאַמלונגען און קאָבענישן. זי קען נישט גלייכגילטיק דורכגיין די גאסן זייערע, די טומלדיקע און אומריינע, מיט זייער גערוך פון ציבעלע און קנאָבל. מער פון אלץ האָט זי זיי פיינט דער-פאַר, וואָס זיי נעמען צו ביי איר דעם מאַן אירן. צוליב זיי ווייסט זי, גייט איר „דאַניעל" אוועק פון שטוב אויף גאַנצע נעכט, שלעפּט זיך ארום אויף מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס. צוליב אָט די צעקרייזלטע בחורימלעך, צוליב די נישט-געוואַשענע דינסטן און נייטאָרינס, לאָזט איר מאַן זי איינע אליין אין די אָוונטן אויסגיין פון איינזאַמקייט און בענקשאַפט. צוליב זיי האָט ער פאַרלאָזט די אדוואָקאטור זיינע, א גרויסע קאַריערע, וואָס ער וואָלט געקענט מאַכן צוליב זיין שיינער שטים, אויסזען און רעדנער-טאַלענט. און סאָפיע האָט נישט געקענט קוקן אויף איר מאַן אין שווארצן צעקנעפּלטן העמדל און מיטן צעשויבערטן קאָפּ. זי האָט ליב געהאַט עלעגאַנץ, שיינקייט, און געהאַסט אלץ, וואָס דערמאָנט אין פּעבל, ספּעציעל אין אידישקייט.

— קוקן קען איך נישט אויף דיר, — האָט זי געזאָגט צו דניאלן מיט צאָרן, געמישט מיט ליבע און איפערזוכט — א גע-קרייזלטער פאַנאַטישער איד זעסטו אויס.

דניאל האָט א קוש געטאָן סאַפּיען אין די פולע זינלעכע ליפּן און זי לייכט אַנגעשמיסן עטלעכע מאָל מיט דער שיינער אויסגע-צערטלטער האַנט, א ליבע באַשטראַפונג איר אויסגעטיילט פאַר רעדן שלעכטע רייד צו אים, און אַרויס אין גאַס. א ווײַלע האָט ער זיך געפילט אומבאַקוועם מיט זיין הילוך, נישט נאָר אין זיין הויף, נאָר איבער אלע גויאישע רייכע גאסן, וואו ער האָט געדאַרפט דורכגיין. מענטשן האָבן אים נאָכגעקוקט, ווייבער האָבן אפילו גע-שמייכלט, און חבר דניאל האָט זיך געפילט נישט באַזונדערס. אָפּט-מאָל האָבן אים אויך באַקאַנטע אָנגעטראָפן, חברים פון די סטו-דענטן-יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען א רייך זונדל און א היפשער הוליאַקע דערצו. אויסגעפּוצט, מיט פּאַרטפעלן אונטער די אָרעמס, האָבן זיי געגריסט מיט חוזק צו אים, דעם איבערגעקערטן, און צו-געוואונקען מיט די אויגן, אמוזירנדיק זיך מיט זיין משוגעת. חבר דניאל איז גיך דורכגעלאָפן די גויאישע גאסן. דערפילט אין זיין הויט האָט ער זיך ווי נאָר ער איז ארויסגעקומען אין די אידישע גאסן, ספּעציעל אין די אָרעמע. מען האָט אים געקענט אין דער אידישער גאַס. פון אלע זייטן האָט מען געקוקט אויף אים, א וועג אים געמאַכט אויף די טראָטואַרן. ער איז געווען דער ליבלינג פון דער ארבעטער גאַס. מער נאָך ווי די מענער, האָבן די ווייבער אים באַוואונדערט.

— חבר דניאל! — האָט ער געהערט מורמלען באַגייסטערטע מיידלשע שטימען, פאַרבייגייענדיק די שמאָלע טראָטואַרן.

חבר דניאל האָט פאַרגעסן די פריערדיקע אומבאַקוועמלעכ-קייט, סאַפּיעס שטעך-רייד און געפילט זיך געהויבן. גליק האָט צו-געשפּאַרט צו זיין האַרץ, וואס איז אָפן געווען צו דער וועלט דורך דעם צעקנעפּלטן שוואַרצן העמדל. פון קינדוויייז אָן האָט ער גע-שטרעבט דערצו, צו ווערן באַוואונדערט, צו זיין דער ליבלינג פון די מאַסן. ער איז שעהנווייז די פּוילישע אַקטיאָרן נאָכגעגאַנגען, ווען זיי זענען ארויס פון די טעאַטערס, און געטרוימט צו זיין אמאָל ווי

איינער פון זיי. שפּעטער, אַ סטודענט שוין, האָט ער זיך צו די פּוילישע אַרבעטער-קרייזן צוגעשאַרט. אויב נישט אויף דער בינע, האָט ער כאָטש געוואָלט אַ פירער זיין, אַ רעדנער אַ גרויסער. ער האָט מיט דעם שענסטן פּויליש פּרובירט געווינען די פּוילישע אַר-בעטער, אָבער עס איז אים נישט לייכט אָנגעקומען. זיין אידיש-קייט, נאָך מער זיין אידיש אויסזען, האָט אים דערין געשטערט. האָט ער אויסגעלערנט זיך אידיש ריידן, וואָס ער האָט פריער שוואַך געקענט, אַ אידיש אַ ביכערדיקן, אַ שטאַרק אינטעליגענטן און הויך-ווערטערדיקן, און צו דער אידישער אַרבעטער-גאַס אַוועק.

דאָס, וואָס ער איז געקומען פון דער פרעמד, פון אַ רייך הויז, פון אַ פרעמדער פאַרפּוילישטער סביבה, דאָס וואָס ער האָט די אַד-וואָקאַטור פאַרלאָזט, פון דער פּוילישער אַרבעטער-גאַס געקומען, דאָס האָט אים גאָר אויפגעהויבן אין די אויגן פון די אידישע אָרעמע מאַסן.

אַ העלד איז ער געוואָרן ביי די מענער, אַ ראָמאַנטישע פיגור ביי די ווייבער. מער ווי פאַר אַלץ זענען די מאַסן אויסגעגאַנגען פאַר זיינע פלאַמנדיקע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן, פאַר זיין שיינעם אויסזען און קלינגענדיקער באַריטאָן-שטימע.

— חבר דניאל — האָט מען געמורמלט פון אַלע זייטן ווען ער איז די גאַסן פאַרבייגעגאַנגען, — חבר דניאל...

חבר דניאל האָט אויפגעהויבן העכער דעם קאָפּ, אויף וועלכן ער האָט קיין הוט נישט געטראָגן, וואָס איז אַ זעלטנהייט געווען צו זען אַזעלכעס, און מיט עלאַסטישע טריט געגאַנגען פאָראויס צום אַרבעטער-קלוב. די אַרומיקע פאַרעהרונג האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ. עס איז ווערט געווען אוועקצוגעבן דערפאַר יעדע אַדוואָ-קאַטישע קאַריערע. צווישן דעם עולם האָט ער באַמערקט עטלעכע אַגענטן, וואָס האָבן געהאַלטן אויפן אויג. ער האָט זיי גע-קענט, די לייט, זיי פלעגן אים אָפט נאָכקריכן, וואו ער איז גע-גאַנגען. דאָס וואָס די אַגענטן גייען אים נאָך, האָט אים איבער-צייגט, אַז ער איז זייער וויכטיק ביי די דייטשע אָקופּאַנטן, און עס האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ, מיט העלדישקייט. ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, די אַגענטן, מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג, וואָס

נאָר ער האָט געקענט ארויסברענגען אויף זיין שיין עטוואס-ווײ־בעריש פּנים.

פול מיט איינענער געהויבנקייט און וויכטיקייט איז זיין אויפ־געקנעפּלט הארץ געוואָרן, ווען ער איז אריין אין גרויסן זאַל פון ארבעטער קלוב, וואס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענער און פרויען. א געמורמל איז דורך דעם זאַל ווען ער איז אריין. די פּאַרזאמלטע מענטשן, די רויטע פענער, די אויסגעהאַפטענע גאָל־דענע לאָזונגען אויף די פענער, די אויסגעצירטע בינע, די גאנצע היץ, אָנגעשטרענגקייט און נייגעריקייט אין זאַל האָבן אים די ברוסט אויפגעצאַפּלט. ער האָט דערפילט א יום-טוב ארום זיך, א פייערלעכקייט. זי האָט אים אָנגעצונדן, די פייערלעכע אטמאָס־פערע, ווי זעלנערישע פויקן צינדן אָן קריגער אין פעלד, ווי טראַ־מייטן צינדן אָן די בלוטן פון א מיליטעריש פערד. זיין צעשוי־בערטער קאָפּ איז גלייך פארשיכורט געוואָרן. מער נאָך ווי די מאסן האָבן אים אָנגעצונדן, האָט ער די מאסן אָנגעצונדן, ווען ער איז ארויף אויף דער בינע רעדן.

א שיינער, א שלאַנקער, מיטן אָפענעם העמדל, מיט די צע־קוואַליעטע לאָקן, מיט שניי-ווייסע ציין, וואָס קוקן ארויס דורך גע־שניצטע ליפּין, מיט א שטים, וואָס אַז זי וויל, גליט זי ווי פייער, און אַז זי וויל, גלעט זי ווי סאַמעט, איז ער געשטאַנען און געצויבערט דעם אָנגעשטאָפּטן זאַל. מענער האָבן דערפילט היים בלוט אין זיך, גרייט ארויסצוגיין אין גאס און קעמפן, פרעמד און אייגן בלוט פאַרגיסן פאר דער זאך, צו וועלכער חבר דניאל רופט. ווייבער האָט ביים הארץ פארכאפּט. יונגע מיידלעך זענען ווילד געוואָרן, איינקוקנדיק זיך אין זיין שיין פּנים, אין די זשעסטן פון זיינע ווייסע שיינע הענט, אין טרייסלען פון זיין צעלאָקטן קאָפּ.

ער האָט אליין געגלויבט, חבר דניאל, ווען ער האָט זיך צע־רעדט, אליין באגייסטערט געוואָרן פון זיינע קלינגענדיקע רייד, אָנ־געצונדן זיך פון איינענעם פּאַטאָס. ער האָט נישט בלויז פייער און שטורם געשפּרייט, נאָר אויך געגלעט, געצערטלט די פאַרזאמלטע מענטשן. אראָפּלאָזנדיק זיין שטים צו די לירישסטע טענער, האָט ער אויסגעמאָלט דעם גן-עדן, צו וועלכן די שקלאַפן פון דער וועלט

וועלן קומען, ווען זיי וועלן אויסקעמפן די נייע גערעכטע אָרדנונג. ווי א זאנפטע גרינע לאָנקע וועט די וועלט אויסזען, ווי א גאָרטן א גרויסער, פול מיט זיסע פרוכטן און קוואַלנדיקע וואסערן. די מענטשן וועלן ווי פרידלעכע שעפּעלעך ארומגיין אין ליבע און אין גוטסקייט. מען האָט זי געזען די וועלט דורך חבר דניאלס כישוף-דיקער שטים. עס איז געווען א טרייסט און א באַלזאם אין דער ביטערער מלחמה-צייט פון פּיין, נויט, הונגער און פארשקלאַפונג. מען האָט שיער נישט דעם זאַל צעטראָגן ווען ער האָט זיין רעדע געענדיקט.

נאָך אים זענען אנדערע ארויס, קעגנער זיינע, וואס האָבן פּרובירט אויסלאכן זיינע רייד, מאכן פון זיי אַש און רויך, מיט געלערנטקייט און ציטאַטן פון די מארקסיסטישע ביכער אים צו-נישט געמאכט. אבער חבר דניאל האָט זיי מיט זיין לעצט וואָרט פארניכטעט. חבר דניאל האָט בעסער געלערנט ציצעראָנען ווי מארקסן. זאָלן זיך זיינע קעגנער דרייען א קאָפּ מיט ביכער, מיט ציטאַטן, מיט ציפערן. ער האָט א בעסערן וואָפן — זיין מויל. די מאסע איז געווען ביי אים אין די הענט. ווי וואַקס האָט ער זי געקנעטן. דער עולם האָט זיך געוויגט, ווי כוואַליעס, ווען ער האָט גענומען פירן מיט די הענט אויף רעכטס און לינקס. זיין שטים האָט מער איבערצייגט ווי די טרוקענע ציטאַטן פון ביכער און די סטאַטיסטישע ציפערן פון זיינע קעגנער. און אז טאָמער האָט איי-נער פון זיינע אָפּאָנענטן שוין צו שטארק גענומען שיטן מיט לומדות, קעגן וואָס חבר דניאל האָט דערפילט זיך שוואך, איז ער אויך נישט נתפּעל געוואָרן און זיין שטעטל געקענט באַשטיין.

— חברים, פאר מיר שטייען נישט קיין ציפערן, נאָר אר-בעטער פון בלוט און פלייש, די הערשער פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט! — האָט ער געדונערט און געקלאַפּט אין טיש — די קרוין פון דער וועלט איז פארזאמלט דאָ אין דעם אָרעמען אר-בעטער-זאַל!

די מאסע האָט געברילט פון הנאה פון די חניפות, וואס איר ליבלינג האָט איר געמאכט.

ער האָט געוואוסט, חבר דניאל, אז די מאסע האָט ליב מען

זאָל זי דערהויבן, חנפהנען, און ער האָט איר צוליב געטאָן. זי האָט אים דערפאַר מיט רוישיקע אָוואַציעס באַשאָנקען. און אַז ער האָט שוין גאָרנישט געהאַט קיין וואָפן קעגן אַ צושטייענדיקן קעג-נער, קיין ענטפער נישט געהאַט אויפן אָרט קעגן יענעמס אָנגרייפנ-דע פראַגן, האָט ער אַן אַנדער אַדוואָקאַטיש מיטל געהאַט. ער האָט פרעמדע, אומזיניקע רייד אַריינגעלייגט דעם קעגנער אין מויל, וואָס יענער האָט זיי אַפּילו אויף די ליפּן נישט געבראַכט, און אָנגעגריפן יענעם דערפאַר, געשטורעמט אויף אים, פאַסן פון אים געשונדן. אומזיסט האָט דער קעגנער געשריען, אַז ער האָט עס נישט געזאָגט. חבר דניאל האָט אים פאַרניכטעט ביי די מאַסן. דער עולם האָט זיך געריסן פון די ערטער פאַר באַגייסטערונג.

מער באַגייסטערט פון אַלע איז געווען דאָס בלאָנדע מיידל מיט די רויטע בעקלעך, וואָס האָט נחמנען מיטגענומען צו הערן דעם חבר דניאל.

— נו, חבר, — האָט זי געמורמלט פרום צו אים — איז ער נישט געטלעך, זאָגט אַליין ?

כאָטש נחמנען זענען געווען פרעמד די אַלע דיסקוסיעס, וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן די רעדנער, די אַלע פראַגן און רייסע-נישן, איז ער מיטן גאַנצן האַרץ געווען מיט דעם, וואָס האָט אים מיט אַזוי פיל גוטע און שיינע רייד דערציילט וועגן דער ליכטיקער צוקונפט פון דער וועלט, וועגן גליק, וואָס שטייט שוין פאַר דער טיר און קלאַפּט אָן אין די אָרעמע אַרבעטער-טירן, אין די קעלערס און אין די בוידעם-שטיבלעך.

— ער איז גערעכט, — האָט ער געזאָגט צום מיידל ביי זיין זייט.

פון גרויס באַגייסטערונג האָט דאָס מיידל אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זי היים געדריקט. נחמן האָט דערפילט היים בלוט אין זיין אויסגעצערטן מאָגערן קערפּער. ער האָט מיט קראַמפּיקע פינגער געקנעטן די ווייכע וואַרעמע מיידלשע האַנט.

זיין הונגעריק עלנד לעבן האָט געקראָגן אַ זין. ער האָט זיך געפילט יום-טובדיק אין הייסן אָנגעשטאָפּטן זאַל.

## קאַפּיטל דריי-און-צוואַנציק

פאַר דעם ערשטן מאַי, היפּשע עטלעכע וואָכן פריער, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן א בעראַטונג ווי אַזוי צו פייערן דעם אַרבעטער יום-טוב.

חבר זאַלקינד, דער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, א קליינגעוואַקסיקער, פלינקער און אויסגעבויגענער, מיט א נאַקעטן שאַרבן, וואָס ליגט אַרומגערינגלט אין די זייטן אין א סך קרייזלעך, איז געווען קעגן אַרויספירן די אַרבעטער אין גאַס. פון גוטע קוועלן האָט ער געוואוסט, אַז די דייטשן אין שטאָט וועלן מיט בלוט און פייער אָפּווישן יעדער דעמאָנסטראַציע אויף די גאַסן, לויט די קריגס-באַפעלן אין אָקופּירטן לאַנד. און ער האָט נישט געוואָלט אַרויספירן די אַרבעטער צו דער שחיטה.

— איך ווייס, אַז עס איז נישט העלדיש אַזוי צו ריידן, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק מיט שאַרפע אויגן אויף די חברים זייַנע, — עס איז פיל שענער צו רופן צו קאַמף, צו דעמאָנסטראַציעס. אָבער אַרויספירן אַרבעטער, ווייבער און קינדער צו דער שחיטה, איבערגעבן זיי אין די הענט פון באַוואָפנטע דייטשע לאַנד-שטורמער, זיי זאָלן זיי צעטרעטן און אויסראָטען, איז א פאַרברעכן, אויף וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט איינגיין.

קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן חבר דניאל.

מיט א שאָקל מיט די שוואַרצע לאָקן, וואָס מאַכן אַזאַ איינדרוק אויף די מאַסן, מיט א קלאָרער באַריטאָן שטים, וועלכער ער האָט צוגעגעבן א סך טעמפּעראַמענט, האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע אין קליינעם געשלאָסענעם קאָנספּיראַטיוון צימערל.

— חברים, — האָט ער געזאָגט — חבר זאַלקינד הייסט נישט אַרויספירן די אַרבעטער אויף די גאַסן צו פייערן דעם אַרבעטער יום-טוב, דערפאַר ווייל ער האָט מורא זיי איבערצוגעבן די דייטשע הענקער. איך וויל פרעגן, וואָס זענען מיר, קעמפער אָדער פּחדנים?

חבר זאַלקינד האָט זיך דריי מאָל אונטערגעהויבן פון זיין שטול און דריי מאָל זיך אוועקגעזעצט צוריק. זיין גאַנץ לעבן, פון אינגל-ווייז אָן, האָט ער זיך געהאַט אויסגעוואַלגערט אין תפיסות. אין זיין רעכטן פוס האָט ער אויך אַ קויל געהאַט שטעקן, וואָס צוליב דעם האָט ער אפילו עטוואָס אונטערגעהונקען אויך. די פראַגע וועגן העלדן און פחדנים האָט דעריבער שטאַרק אויפגעקאָכט דעם קליי-נעם, אויסגעבויגענעם זאַלקינד. ער האָט חשק געהאַט גוט אָנצו-גרייפן דעם שיינעם, געזונטן, שוואַרץ-לאָקיקן חבר דניאל, אַריינ-שטעכן אים אַ גיפט, אַזוי ווי ער קען, אָבער ער האָט זיך איינגע-האַלטן און אים בלויז אָנגעקוקט מיט זיינע שאַרפע אויגן, אין וועלכע אַ גאַנצע וועלט מיט ביטול און חוזק איז געווען צום קעגנער זיינעם.

— חבר דניאל, צו וואָס די שטאַרקע רייד? — האָט ער גע-זאָגט — מיר זענען דאָך נישט אויף קיין מיטינג, נאָר אויף אַ פּאַרטיי-באַראַטונג.

חבר דניאל האָט מיט דער שיינער האַנט, וואָס ווייבער קושן זי אין זייער ליבע צו אים, אַרויפגעשאַרט די שוואַרצע לאָקן איבער זיין געשניצטן שטערן און נישט געענטפערט חבר זאַלקינדן אויף זיין קוויטשיקער קשיה. ער האָט בעסער גערעדט צו די צוויי אַר-בעטער, וואָס זענען געווען אין צענטראַל-קאָמיטעט, אַ צולאָג צו די אינטעליגענטן, און צו דער איינציקער פרוי צווישן אַלע מענער. חבר דניאל האָט געוואוסט, אַז ביי זיי, ביי אַרבעטער און ביי ווייבער, קען ער מער אויסנעמען ווי דער קליינגעוויקסיקער, אויסגע-בויגענער און שפּיציקער חבר זאַלקינד. זיי זענען מענטשן פון עמאָציעס, וואָס דאָס שיינע וואָרט, דער ריכטיקער זשעסט, די געהעריקע באַטאָנונג, רעדט מער צו זייערע הערצער, איידער די קלוגעטשקע סקעפּטישע רייד, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט שאַרף, קורץ, בייז און שפּיציק פון חבר זאַלקינדס שנאַבלישן מויל, און ער האָט נישט געענטפערט חבר זאַלקינדן, נישט געקוקט אין זיינע אויגן, וואָס דרינגען אים דורך ביזן ביין.

— חברים, — האָט ער געכישופט מיט זיין באַריטאָן-שטים — אַנדערע פּאַרטייען, ווי איך ווייס, וועלן זייערע מאַסן יאָ אַרויס-

פירן. מיט פענער, מיט מוזיק, וועלן זיי מאַרשירן איבער די גאַסן. די איינציקע, וואָס וועלן זיצן פּחדניש אין דער היים, וועלן מיר זיין. ווי וועלן מיר קענען זיך ווייזן שפּעטער פאר אונזערע מאסן? ווי וועלן מיר וואגן דערנאָך צו קומען און רעדן צו זיי וועגן קאמף, רעוואָלוציע?

חבר דניאל האָט דערביי אַזאַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַז אַלע גלעזער פון טיי, וואָס זענען אויף אים געשטאַנען, האָבן אַזש אָנגעהויבן ציטערן.

חבר זאַלקינד האָט זיך שפּיציק צעלאַכט, מיט אַ דריבנע קוויטשיק געלעכטערל.

— זייער אַ גוטער קלאַפּ, — האָט ער געלויבט, — אָבער וואָס זענען די גלעזער שולדיק, חבר דניאל?

חבר דניאל האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז אָפּגעטרייסלט פון זיין שלאַנקן קערפּער זאַלקינדס גרילציקע רייד, ווי מען טרייסלט אָפּ פון זיך אַ מיאוסן וואָרים, וואָס איז צוגעשטאַנען צום לייב.

פון ערשטן טאָג אָן וואָס די צוויי מענטשן האָבן זיך באַגעגנט האָבן זיי זיך פיינט געקריגן.

חבר דניאל האָט גראד שטארק געוואָלט אויסנעמען ביי חבר זאַלקינד, ווען מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל פאר אים פאָרגעשטעלט. אין דער צייט ווען ער איז געווען אין דער פּאַרטיי אַ נייער מענטש, איז שוין זאַלקינד געווען אַ באַרימטהייט, אַ טעאָרעטיקער און אַ פארפאסער פון ביכער. חבר דניאל האָט דעריבער אָנגעגורטלט די לענדן, דעם גאַנצן רעדנער-טאַלענט זיינעם אַרויסגעבראַכט, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף דעם פירער פון דער פּאַרטיי. אָבער זאַלקינד, אַ גיכער, אַ שאַרפער, אַ לאָגישער און אַ שונא פון פראַזן, האָט גלייך זיך איינגעגעסן מיט זיינע שאַרפע קליינע אויגעלעך אין דעם שיינעם הויכן מאַן, פון קאָפּ ביז די פיס אים דורכגענומען, און אומגעדולדיק די שיינע רייד זיינע איבערגעריסן.

— נו, נו, נו, — האָט ער קוויטשיק איבערגעהאַקט — לאָמיר הערן דעם עיקר, דעם עיקר!

חבר דניאל האָט גלייך דערפילט, אַז מיט זיין באַריטאָן וועט ער זאַלקינדן נישט נעמען און ער האָט פּרובירט אים נעמען מיט געלערנטקייט, מיט מאַרקסיזם, אָבער זאַלקינד האָט אים נאָך שאַרפער איבערגעריסן ווי פריער.

— טע, טע, טע, — האָט ער אים איבערגעהאַקט — איר פאַרקריכט קיין בויבעריק, יונגערמאַן.

ער האָט אים אפילו נישט געזאָגט „חבר", נאָר יונגערמאַן.

ווען די חברים פון צענטראַל-קאָמיטעט האָבן זאַלקינדן דערנאָך געפרעגט וועגן חבר דניאל, האָט זאַלקינד פלינק אויסגעקראַצט די בינטלעך האָר ארום זיין פליך און אוועקגעמאַכט מיט דעם איינגעשרומפּענעם הענטל. פונדעסטוועגן האָט ער געהייסן אים אויסנוצן אויף פאַרזאַמלונגען.

— מען דאַרף געבן אַ צוקער-לעקעכל די מאַסן, — האָט ער געזאָגט — און קיין זיסערן לעקעך ווי חבר דניאל איז נישט צו קריגן. ער טריפט מיט האָניק.

געמיינט האָט זאַלקינד, אַז ער וועט יענעם לאָזן זיין דער שיין-רעדנער, וואָס זאָל מיט זיינע קלינגענדיקע רייד אריינלייגן די מאַסן אין מויל אריין די געדאַנקען, וואָס ער, זאַלקינד, וועט אים צושטעלן.

אָבער איידער זאַלקינד האָט זיך אומגעקוקט, האָט חבר דניאל גענומען אליין פירן די מאַסן, אַנדערש ווי חבר זאַלקינד האָט פאַרלאַנגט. זאַלקינד האָט גלייך דערזען זיין טעות און אים געוואָלט צוריקציען. אבער די מאַסן זענען שוין געווען ביי חבר דניאל אין די הענט.

זאַלקינד האָט געברענט פון צאָרן.

— דער אַקטיאָר הויבט אָן ווערן געפערלעך, — האָט ער געזאָגט צו די חברים זיינע פון צענטראַל-קאָמיטעט — מען דאַרף אים באַצייטנס באַזייטיקן.

אָבער די חברים זיינע האָבן קיין חשק נישט געהאַט צו באַזייטיקן חבר דניאלן.

— ער איז באַליבט ביי די מאַסן. — האָבן זיי געענטפערט.

זאַלקינד האָט גענומען אליין באַקעמפן דעם חבר דניאלן.

א שארפער, מיט א צונג ווי א חלף אָנצוגרייפן א קעגנער, מיט א סך לאָגיק און שכל און מיט א וועלט מיט ביכער אין זיין קאָפּ, איז ער ארויס אין מלחמה קעגן דעם הומאָרלאָזן חבר דניאל, כדי אים אויסצולאכן, מאכן פון אים הוכא וטלולא אויף די פאר־זאמלונגען. אבער די מאסן האָבן זאלקינדן נישט אויפגענומען. אויפגענומען האָבן זיי חבר דניאלן. די קוויטשיקע בייזע גיפטיקע רייד האָבן נישט געקענט בייקומען די שיינע קלינגענדיקע גלעטנ־דיקע רייד פון חבר דניאל. ער האָט נישט געהאט קיין שארפע פיילן, חבר דניאל, קיין שלאָג־ווערטער און קיין געלערנטקייט, אָבער ער האָט געהאט א מויל, וואס האָט געבישופט, א שטים, וואָס אז זי האָט געוואָלט, האָט זי די מאסן אָנגעצונדן און אז זי האָט געוואָלט, האָט זי זיי ווי מיט סאמעט געגלעט. ווי ליים אין די הענט פון א טעפּער זענען די מענטשן געווען אין דניאלס הענט. ער האָט זיי געקענט מאכן וויינען און לאכן, אָנצינדן, אין פייער זיי שיקן. זיי האָבן זיך געוויגט צום טאקט פון זיינע רייד, ווי קאָרן־פעלדער אין ווינט.

ער האָט נישט געגאָסן קיין קאלט וואסער אויף זייערע קעפּ, דער חבר דניאל, ווי זאלקינד האָט עס געטאָן. ער האָט נישט אָפּ־געלייגט די גאולה אין דער ווייטער באנק אריין, ביז די היסטאָרישע נויטווענדיקייטן וועלן אָפּשאפן די אלטע אומגערעכטע אָרדנונג און ברענגען א נייע. ניין, שוין אויפן אָרט האָט חבר דניאל געגעבן די מאסן זיינע דעם גן־עדן. מיט א זיסער שטים, וואָס גלעט און פארשפּרעכט, האָט ער געשילדערט דעם גן־עדן, וואָס שטייט שוין ביי דער טיר און קלאפּט אָן, מען זאָל אים אריינלאָזן. מען דארף בלויז א קלייניקייט, אויפהאקן מיט די מאָזאָליסטישע אָרבעטער־הענט די פארשפּארטע טיר, וואָס די בורזשואזיע האלט צו אין איר גסיסה. די מאסע האָט געברילט פון תענוג, הערנדיק די זיסע גוטע רייד. איבערהויפּט זענען אויסגעגאנגען די ווייבער. ער האָט נישט נאָר געהאלטן די אייגענע פּארטיי־מיטגלידער, נאָר מאסן אָנהענגער פון אנדערע פּארטייען אריבערגעצויגן צו זיך, און זאל־קינד האָט גאָרנישט געקענט טאָן קעגן חבר דניאל, א חוץ ליידן.

ער האָט נישט נאָר פּאָליטיש געהאסט דעם קעגנער זיינעם,

חבר זאַלקינד, נאָר אויך פּיזיש. ער האָט נישט געקענט פאַר-טראָגן דעם שיינעם געזונטן מאַן, וואָס אין יענעמס שכנות איז זיין אייגענע מיאוסקייט נאָך שטאַרקער ארויסגעקראָכן. זייער לעבער-לעך און נעבעכדיק האָט אויסגעזען דער קליינגעוויקסיקער, אויס-געבויגענער, שפּיציקער און קוויטשיק-רעדנדיקער זאַלקינד לעבן דעם גרויסגעוויקסיקן שוואַרצלאָקיקן, שיין-רעדנדיקן חבר דניאל. וויפיל זאַלקינד האָט זיך נישט באַמיט צו באַקעמפן אין זיך די קנאה צו יענעם און די אייגענע נעפּאַלנקייט, ווי פּאַר א קעמפער און דענקענדיקן מענטש פּאַסט, האָט ער עס נישט געקענט. צו שרייענדיק איז געווען דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי ליים, וואָס איינעם האָט דאָס לעבן אַלץ געגעבן און דעם אַנדערן גאָרנישט.

נאָך מער פאַרדראָסן האָט זאַלקינדן, וואָס אַט דער יונגער נישט-פאַרענדיקטער אַדוואָקאַט האָט אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרדונקלט, צוגעדעקט, אים, דעם אַלטן קעמפער, דעם טעאָרע-טיקער, דעם פירער. מען האָט נישט מער גערעדט צווישן די מאַסן וועגן אים, חבר זאַלקינד, נישט געדענקט זיין פאַרגאַנגענהייט, נישט אָפּגעשאַצט זיין געלערנטקייט, נישט נאָכדערציילט זיינע שאַרפע ווערטלעך און בליציקע געדאַנקען. גערעדט האָט מען וועגן חבר דניאל. זיין פּאָרטרעט האָט באַצירט די קלובן, מיידלעך האָבן זיין פאָטאָגראַפיע אין די שפּיגעלעך איינגעראַמט.

אָבער גאָר אַרויס פון די כלים איז זאַלקינד, ווען די אייגענע חברים פון צענטראַל-קאָמיטעט האָבן געהאַלטן מיט חבר דניאל. ווי גיך יענער האָט פאַרכאַפּט די מאַסן, אַזוי גיך איז ער אַריין אין צענטראַל-קאָמיטעט. די צוויי אַרבעטער און די פרוי, וואָס זענען אין קאָמיטעט געווען, האָבן געשטימט פאַר חבר דניאלן, קעגן אַלע שפּיציקע שטעכווערטלעך און פּיילן פון זאַלקינדן אויף יענעם. זאַלקינד האָט עס נישט געוואָלט דערלאָזן. ער האָט געזען די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יענעם, די לייכטזיניקייט זיינע, וואָס צוליב א שיין וואָרט, א הויכן זשעסט, איז ער גרייט אַלערליי נאַרישקייטן אין דער וועלט אָפּצוטאָן.

— חברים, — האָט ער געוואָרנט — דער צענטראַל-קאָמיטעט איז נישט קיין מיטינג, דאָ דאַרף מען מוח, נישט זשעסטן.

אָבער די מענטשן האָבן זאַלקינדס וואָרנונגען נישט געהערט און געשטימט פאַר חבר דניאל.

איצט איז דער קאַמף צווישן די צוויי מענטשן אָנגעגאַנגען אין א קליין קאָנספּיראַטיווו צימערל וועגן דעם יום-טוב פון ערשטן מאַי. זאַלקינד האָט מיט א סך איבערצייגונג, מיט שאַרפער פּאָ-לעמיק און שפּיציקע נאָדלען, מיט מוח און גאַל אָנגעגריפן זיין קעגנער, אויפגעוויזן די געפאַר, וואָס מען וועט ברענגען פאַר די מאַסן, ווען מען זאָל זיי איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשע לאַנדשטורמער.

— איך וויים וואָס איר ווילט, חבר דניאל, — האָט ער גע-זאָגט, דורכנעמענדיק אים מיט די קליינע שאַרפע אויגעלעך — אייך גייט אָן איין זאַך — דער חבר דניאל. ווי אַזוי דער חבר דניאל זאָל האַלטן א פייערדיקע רעדע. פאַר אייערע וואָסערדיקע רייד וועלן די מאַסן אָפּצאָלן מיט בלוט.

חבר דניאל האָט נישט אָפּגעענטפערט מיט קיין שלעכטע רייד אויף די באַליידיגונגען פון זיין קעגנער.

ער האָט זאַלקינדן נישט געהאַסט. ווי יעדער געזונטער און שיינער מאַן, האָט ער נישט געפילט קיין קנאה צו אַנדערע, ספּע-ציעל צו ערגער-אויסזעענדיקע פון זיך. ער האָט בלויז מורא גע-האַט פאַר יענעם אין די ערשטע טעג. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין נאַקעטן שאַרבן, פאַר זיין שפּיציק געלעכטערל, און מער פאַר אַלץ פאַר זיינע אויגן, שמאָלע, שאַרפע און שפּיזיגע, וואָס אַז זיי קוקן-אָן, דאַכט זיך, אַז זיי דרינגען דורך דאָס ליב, די ביינער, און זען אַלץ ביים צווייטן, אפילו די פאַרהוילענסטע געדאַנקען. אָבער איצטער האָט שוין חבר דניאל אפילו מער קיין מורא נישט געהאַט פאַר זאַלקינדן. ער האָט אים באַזיגט איינס און צוויי, פאַר-דעקט אים. און ער האָט נישט געהאַט קיין האַס צו אים, בלויז א ווידערווילן געפילט, ווי צו א קליין, שלעכט, עסנדיק, אָבער אומ-שעדלעך חיהלע, וואָס איז נישט כדאַי עס צו טשעפּען, באַליידיקן.

חבר דניאל האָט געוואוסט, אַז צו אַלע מעלות זיינע, וואָס ער פאַרמאָגט, דאַרף ער אויך האָבן די מעלה פון גוטסקייט. פאַר-קערט, מיט דער ווירנדסטער שטים האָט ער אָנגעזאָגט א וועלט

מיט לויב-ווערטער אויף חבר זאלקינדן, זיין שונא; מיט באגייס-טערונג גערעדט וועגן זיינע גרויסע פארדינסטן פאר דער באוועגונג. אבער מער נאָך ווי די אכטונג צו חבר זאלקינדן, איז גרויס זיין זאָרג פאר דער פאָן, פארן רום פון דער באוועגונג, פאר די מאסן. מיט זיגרייכע טריט, מיט פלאטערנדע פענער, מיט ארבעטער-לידער וועגן פרייהייט און גליק וועלן די ארבעטער גיין שטאָלץ אנטקעגן די באַיאָנעטן פון די דייטשע באדריקער.

זאלקינד האָט די שיינע ווערטער נישט געקענט הערן מער.

— שפילט נישט קיין אָפּערע, — האָט ער היסטעריש גע-שריען, — דאָ גייט אין לעבנס, אין דער באוועגונג. די מאסן וועלן אנטלויפן פון אונז, אז מיר׳ן האָבן א דורכפאל.

אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, חבר זאלקינדן. חבר דניאלס שיינע רייד, די העלדישע, זענען געווען שטארקער פון זיינע קוויטשיקע שטעכווערטלעך. מיט א מערהייט שטימען פון די צוויי ארבעטער און דער פרוי איז אָפּגעמאכט געוואָרן, אז די דעמאָנ-סטראציע קומט פאָר. נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז וועגן דעם אָפּ-געדרוקט געוואָרן אין געהיים א פראָקלאמאציע, וואס איז פאנאַנ-דערגעטיילט געוואָרן איבער אלע קיכן און קלובן. די ארבעטער האָבן זיך געגרייט צום יום-טוב.

שטארקער פון אלעמען האָט זיך געגרייט די חברטע חנהקע, דאָס מיידל מיט די רויטע בעקלעך, וואס זעלטן אז מען האָט געזען אזעלכע אין דער מלחמה-צייט. צוזאמען מיט איר האָט זיך געגרייט נחמן, דער ארבעטסלאָזער בעקער, וואס האָט זיך געטראָפן מיט איר אין קלוב.

זיי האָבן זיך שוין גוט געקענט איצטער.

נחמן האָט נישט געוואגט צו נאָענט זיך צו דערנענטערן צום רויט-באַקיגן מיידל. כאָטש ער איז שוין געווען א גאַסט ביי דער מומע פראדל, האָט ער נישט געהאט די דרייסטקייט זיך צו דער-נענטערן צו א מיידל, נאָך דערצו ווען ער איז געווען שלעכט אָנ-געטאָן און נישט געגאָלט. זייער געפאלן איז ער געווען ביי זיך. אָבער חנהקע האָט אים אליין דערנענטערט צו זיך. זי האָט אים אפילו ארויפגעבעטן צו זיך אין צימערל, וואָס זי האָט געהאט

בשותפות מיט נאָך צוויי חברטעס, און אים מיט די פינגער אין דער טשופּרינע געקרייזלט.

— איר האָט זייער שיינע אויגן, — האָט זי אים געזאָגט, — שוואַרצע אַזעלכע און טרויעריקע.

נחמן איז רויט געוואָרן. ער האָט עס קיינמאָל נישט געהערט וועגן זיך. דערנאָך האָט זי אים אַלע ריפּן אין די זייטן איבערגע-ציילט מיט די פינגער און געלאַכט פון זיין דאַרקייט.

— אַ שפּאָן אַן אויסגעטריקנטער זענט איר, — האָט זי גע-זאָגט, — איך בין רונדיק, זעט.

נחמן האָט אָנגערירט דאָס מיידלשע ליב, דאָס פולע, גלאַטע און וואַרימע, און דערפילט מענלעכע דרייסטקייט אין זיך.

— מיינע הענט זענען שטאַרק, — האָט ער זיך באַרימט, — טאַפּט אָן די מוסקולן.

פון שטענדיקן קנעטן אין טייג, שלעפּן זעק מעל, זענען זיינע הענט געווען האַרט און באַרגיק, גאָרנישט צוגעפּאַסט צו דעם איב-ריקן גוף, ווי פרעמדע און איבערגעוואַקסענע.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך כסדר געטראָפן. נחמן האָט פאַרגעסן אין הונגער און אין נויט אין דעם גליק מיט דעם רויט-באַקיקן מיידל. ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז ער, דער איב-ריקער, דער היימלאָזער, קען אימיצן געפעלן ווערן, קען געליבט ווערן.

— האָסט מיך טאַקע ליב? — האָט ער געפרעגט דאָס מיידל צום ווייפילטן מאָל.

ער איז גלייך געוואָרן איר שקלאַף, גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, זי זאָל עס נאָר פאַרלאַנגען. פונקט אַזוי האָט ער געגלויבט אין דער באַוועגונג, אין וועלכער זי האָט אים אריינגע-צויגן, אין יעדן וואָרט פון די ביכלעך, וואָס זי האָט אים געגעבן צו לייענען, און מער פון אַלץ אין די רייד פון חבר דניאל, די שיינע און גלאַטיקע.

— ער איז געטלעך, — האָט חנהקע געמורמלט אין באַגייסטע-רונג, קוקנדיק אויף חבר דניאל און דריקנדיק נחמנס האַנט, — נישט אַזוי, נחמן?

— אודאי אזוי, — האָט נחמן געשעפּטשעט.

צום ערשטן מאָי האָט חנהקע אויסגעפּוצט זיך און נחמנען. זי האָט פאַר זיך א ווייסע בלוזקע אויסגעוואשן, א רויט בענדעלע ערגעץ געקראָגן און דערפון שלייפעלעך געמאכט, פאַר זיך און פאַר נחמנען. דערנאָך האָט זי אויך גענומען נאָדל-פאָדעם און נחמנען דעם אָפּגעשאָסענעם און אויסגעריבענעם אנצוג פאַריכט. נחמן האָט זיך געשעמט, ווען זי האָט אים די קליידער פאַריכט. זיין מענערשער שטאָלץ האָט זיך געפילט דערנידעריקט. א שעמעוודי־קער איז ער געזעסן און געקוקט, ווי חנהקע גייט־אַרום מיט אירע ווייסע, גלאַטע פינגער איבער די צעריסענע מלבושים זיינע, שטעכט גיך מיט דער נאָדל און פאַריכט ערטער אומבאַקוועמע און אומליי־טישע. חנהקע האָט עס געטאָן פשוט, נאַטירלעך, ווי א אידענע פאַריכט אויס דעם מאַן אירן די קליידער. זי איז באַצייטנס געווען באַגייסטערט פאַר דעם שיינעם מאַרש איבער די גאַסן און פאַר חבר דניאלס רעדע.

די מאַסן זענען געקומען אויפן רוף פון דער פּאַרטיי. די פּראָק־לאַמאַציע, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל פאַרפאַסט געוואָרן פון חבר דניאלן אליין, האָט מיט זייער הויכע רעוואָלוציאָנערע רייד גערופן די מענטשן צו וואַיזן די אונטערדריקער זייער מאַכט. מיט רויטע פאָנען, מיט שלייפעלעך אין די לאַצן, ווייבער מיט רויטע בלימעלעך אין די האָר אפילו, זענען געקומען און מאַרשירט פון אלע ווינקע־לעך און געסלעך, כדי זיך צונויפזאַמלען אויף איין פּלאַץ. די דיי־טשע שוצלייט, די גראָב־בייכיקע און רויט־באַקיקע, האָבן געשריען, געטריבן, אבער קיינער האָט זיי נישט געהערט. זיי האָבן גע־שטראָמט די מאַסן, פון אלע זייטן.

— נו, דער טייוול איז גאָרנישט אזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים, — האָט חבר דניאל, אן אויסגעפּוצטער, מיט א רויטן קראַ־וואַט, געזאָגט צו די קאָמיטעט־לייט, וואָס זענען געגאַנגען לעבן אים, — עפּעס זעט מען זיי גאָרנישט, די דייטשן.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אויפן טעאַטער־פּלאַץ אַרויס און דער חבר דניאל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף עטלעכע אַקסלען און א כישוף־געטאָן מיט זיין באַריטאָן־שטים: „חברים!“ — אזוי זענען

גלייך לאסט-אויטאָמאָבילן מיט לאַנדשטורמער ארויס פון אַלע עקן נאַסן און געגומען גיין מיט די אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן אויפן עולם.

— וועק, לאַוזען-באַנדע! — האָבן די שוצלייט אין די בלויע פעלערינעס געגאַרגלט מיט זייערע ביר-שטימען.

איידער חבר דניאל האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען צונויפגעמישט אין איין קנויל מיטן עולם. מענערשע קולות, ווייבערשע קוויטשערייען, קרעכצן, דייטשע באַפעלן, געלעכטערס, געוויינען — אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט. מען האָט געטראָטן אין לייבער, געריסן זיך, געלאָפן, געפאַלן. די סאָלדאַטן מיט די באַיאָנעטן האָבן גערייניקט דעם פּלאַץ, מיט די קאָלבעס פון די ביקסן אין דעם מענטשלעכן קנויל געשלאָגן.

— וועק, לאַוזען-באַנדע, וועק!

פּונקט ווי נחמן איז אָנגעקומען גלייך מיט אַלעמען, ביי דער האַנט געהאַלטן מיט חנהקען, זינגענדיק מיט אַ שלעכטער שטים די פּרייהייטס-לידער אויפן גאַנצן האַלז, אַזוי איז ער שפּעטער געלאָפן מיט אַלעמען, געפאַלן, אויפגעהויבן זיך און אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין באַגלייטערן. ביים אָפּגעצוימטן סקווער, וואו ער איז צוגעשפּאַרט געוואָרן, האָט ער פּרובירט אריבערשפּרינגען איבער די אייזערנע שטאַכעטן, אבער אַ צעוואַקסענער פעטער שוצמאַן האָט אים אָנגעכאַפּט ביים קאַרק און אים מיט אַ שטאַרקן כעס גענומען שלאָגן איבערן פּנים, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער שולדיקער אין דעם מאַרש. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח, וואָס איז גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט פאַר זיין גראָב-בייכיקייט, האָט דער שוצמאַן אין דער פּעלערינע אויפגעהויבן נחמנען אין דער הויך און אים אריינגעשליידערט אין לאַסט-אויטאָמאָביל, ווי אַ הונטשלעגער וואַרפט-אריין אַ הפקרדיקן גאַסן-הונט אין זיין וואָגן.

— האַלטן דען דרעקיונג — האָט ער געררופן.

מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, מיט אַ בלוטנדיקער נאָז און מיט אָפּגעריסענע לאַצן פון זיין אויספּאַריכטן אנצוג, איז נחמן געזעסן צוזאַמענגעקוועטשט אין לאַסט-אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע צעהרגעטע און אָפּגעריסענע, ווי ער אליין. די לאַנדשטור-

מער מיט די ביקסן האָבן געלאכט, דערצײלט פון די העלדישקײטן, וואָס זײ האָבן באַוויזן אין קריג מיט די ציווילע לײַז. מען האָט זײ אוועקגעפירט אין ראָטהויז און אין ארעסט ארײנגעלאָזט.

א צעשלאָגענער, מיט צעווייטאָגטע ביינער, האָט נחמן וועגן איין זאך זיך געזאָרגט: וואס עס איז געוואָרן מיט חנהקען. וויפיל ער האָט זיך נישט פּרובירט דערמאָנען, ווי אזוי זײ האָבן זיך אָפּ-געריסן איינער פון אנדערן, האָט ער עס נישט געקענט. אין איין רגע איז זי פארשוואונדן געוואָרן פון אים, פון זײַן האנט זיך ארויסגעגליטשט.

נאָך אכט טעג אָפּזיצן אין ארעסט, בלויז אויף א קליין שטיקל ברויט א טאָג, האָט מען נחמנען אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אין דיזענפעקציע אים מיט אלערליי עיפּושדיקע פליסיקייטן געוואשן, די קליידער זײַנע און די שיך אין קעסל אויסגעקאָכט, אזוי אז זײ זענען ארויס איינגעשרומפּן, צעקנאדערט און מיט מיאוסע רויט-לעכע פלעקן; און אין אָט דעם הילוך האָט מען אים אוועקגעשיקט מיט א לאסט-וואָגן קיין דייטשלאנד אויף צוואנגס-ארבעט. אפילו קיין בריוול האָט מען אים נישט געלאָזט שרייבן צו דער שוועסטער און צו חנהקען.

— שנעל, לאוזען-באנדע! — האָבן די לאנדשטורמער גע-טריבן די פּארטיע צו דער באַן.

---

אויף דעם ערשטן דיסקוסיע-אָוונט האָט חבר זאלקינד זייער שפּיציק געלאכט פון חבר דניאלן פאר זײַנע נייע רעוואָלוציאָנערע רייד. חבר דניאל איז נישט נתפּעל געוואָרן.

— חברים, ווען מען האקט א וואלד, פאלן שפּענער, — האָט ער געזאָגט דראמאטיש מיט זײַן באריטאָן-שטים.

די פארזאמלטע האָבן אים אפּלאָדירט. מער פון אלע האָט אים אפּלאָדירט חנהקע. זי האָט געפילט, אז אויך זי האָט א טייל אין דער ארבעט פון האקן וועלדער. איינער פון די שפּענער, וואָס זענען געפאלן, איז געוועזן איר נחמן. זי איז געווען שטאָלץ דערמיט.

## קאַפּיטל פיר-און-צוואַנציק

רייזל איז יעדן טאָג אויפסניי געגאַנגען צו דבורה דער רייזי-פּערקע, געזעסן אויף דער באַנק אין קיך, געוואַשן דערוויל אָן געלט דבורהס פּאַדלאָגעס, נאָר קיין שטעלע האָט זי נישט געקראָגן. עס איז גאָרנישט געווען וואָס צו טאָן אין דער הונגערנדער שטאָט. אָבער זי האָט זיך נישט געזאָרגט, רייזל. די לאַכנדע רוזשקע האָט זי געפירט מיט זיך.

צוזאַמען זענען זיי איבער די שיינע גאַסן ארומגעגאַנגען, האַנט אין האַנט, און מיט די דייטשע לאַנדשטורמער קאַנטשאַפּטן געמאַכט. רייזל האָט זיך זייער געשעמט, ווען רוזשקע האָט זי צום ערשטן מאָל צו אַ מיטל-יעריקן דייטש אין ברילן צוגעפירט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער שוועסטערס לאַקירטע געפּלאַצטע שיכלעך, וואָס זי האָט געטראָגן, נישט וויסנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן. נאָר דער דייטש האָט פעסט ארומגעלייגט זיין האַנט ארום איר טאַליע און קאָמפּלימענטן געמאַכט.

— ווי הייסט דו דען, שעהנעס מעדעל? — האָט ער זי געפרעגט.

האָט רייזל אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים, באַטראַכט זיין פול אויסגעקיילעכט פּנים און שטיל געענטפערט:

— רייזל, מיין הער.

דער דייטש האָט דעם נאָמען געענדערט.

— אַך, רייזל, — האָט ער אוועקגעמאַכט מיט דער פליישיקער האַנט. — אַזאַ היפּש מעדעל דאַרף הייסען אַ שענערען נאַמען. ראָזאַליאַ, ניכט וואהר.

רוזשקע האָט געלאַכט, אין דרייען זיך געבויגן פאַר געלעכטער און אָנגעהאַנגען זיך אין אָרעם פון איר פריינט, אַ לאַנג-געוויקסיקן זעלנער מיט שטאַרק-בלויע אויגן. רייזל האָט איר נאָכגעטאָן, ווי שטענדיק, און געגאַנגען מיט איר דייטש. דער דייטש האָט גערעדט, געגאָרגלט אַ סך, פון וואָס רייזל האָט זעלטן אַ וואָרט פאַר-

שטאנען. זי האָט בלויז געהערט ווי ער פרעגט אַלע מאָל „ניכט וואהר“, און זי האָט אים צוגעשאָקלט צו אַלעם.

— יאָ, מיין הער, — האָט זי געזאָגט.

פונקט ווי רוזשקע, האָט זי זיך געלאָזט פירן ווייט הינטער דער שטאָט מיטן ברעג ווייסל; פונקט ווי רוזשקע האָט זיך אוועק־געזעצט מיט איר זעלנער אין גראָז, האָט רייזל זיך אוועקגעזעצט לעבן איר דייטש; פונקט ווי רוזשקע, האָט זי געלאַכט פון יעדער וואָרט, וואָס די מענער האבן געזאָגט, פארגאנגען זיך אין לאַכן, אליין נישט וויסנדיק פארוואָס.

צום ערשט האָבן די דייטשן אויפגעעפנט זייערע רוקן־זעק און אַרויסגענומען שפייז, ברויט און קאָנסערוון. רייזלס דייטש האָט אָפגעשניטן פאר זיך א גרוים שטיק ברויט, באַלייגט עס מיט קאָנ־סערוון. פאר רייזלען האָט ער אָפגעשניטן א קליין שטיקל ברויט און מאָגער עס מיט קאָנסערוון באַלייגט.

— איס, שאַץ! — האָט ער באפוילן.

כאָטש דער הונגער איז איר אין די ביינער געלעגן און דער שארפער ריח פון די קאָנסערוון האָט איר פארן הארץ פארכאפּט, האָט זי זיך געשעמט עסן. דער דייטש האָט גערעדט מיט א פול מויל שפייז.

— האסט דאָך הונגער, ניכט וואהר? — האָט ער געברומט. — אַלזאָ, נעם עס, איך גיב עס דיר.

רייזל האָט געגעסן.

ווי נאָר דער דייטש האָט געענדיקט עסן און אָפּגעווישט די הענט אין גראָז, האָט ער זיך גענומען צו רייזלען.

— אַך, דו זיסעס מעדעל, — האָט ער געברומט און געקושט זי מיט די פעטע ליפּן און וואָנסן, נאַסע פון די קאָנסערוון.

ווי לאנג ער איז געווען ליטיש, האָט רייזל זיך נישט געוועהרט. ווען ער איז געוואָרן גראָב, האָט זי זיך געשעמט און געראַנגלט. דער דייטש איז געוואָרן בייז.

— העי, דו, — האָט ער געברומט. — איך האָב דיר עסן געגעבן און דו ביזט נישט ארטיק. זאָ געהט עס נישט, קליינע.

רייזלען האָבן דעם מאַנס רייד אַזוי פארשעמט, אַז זי האָט

געפילט ווי דאָס בלוט אין פּנים וועט די הויט אויפּפּלאַצן און אַרויס.

— מיין הער, — האָט זי געבעטן.

דער דייטש האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

— דו ביזט דאָך קיין יונגפראַו, ניכט וואַהר? — האָט ער גע-ברומט. — זיי נעט, מעדעל.

רייזל האָט אין איר אַנגסט גענומען רופן איר חברטע.

— רוזשקע! — האָט זי געשריען.

רוזשקע האָט זיך נישט אָנגערופן. מען האָט בלויז געהערט איר פאַרשייט לאַכן אין דער פינסטער. רייזל האָט זיך דערפילט איינזאַם און אונטערגעוואָרפן זיך דעם גורל. שרעק, נייגער און הפקרות גלייכצייטיק האָבן זי באַהערשט אין דער פינסטערער נאַכט ביים ווייסל-ברעג. זי האָט זיך נישט געוועהרט.

דער דייטש האָט דערנאָך פאַרבונדן דעם רימען אַרום ראָק, געראוויכערט אַ גראָבן ציגאַר און געקוקט אויפן הימל.

— שעהנעס וועטער, — האָט ער געזאָגט.

דערנאָך האָט ער געעפנט דעם רוק-זאַק, אָפּגעשניטן אַ האַלב ברויט, אַרויסגענומען אַ שאַכטל קאָנסערוון און עס געגעבן דעם מיידל.

— נעם עס, איך גיב עס דיר, — האָט ער געזאָגט עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט איר אַ פאַרמעגן אַוועקגעגעבן, — און קום ווידער, עס וואַר זאָ שעהן, ניכט וואַהר?

אַהיימגעקומען איז רייזל שפּעט, אין דער האַלבער נאַכט. זי האָט זיך גיך אויסגעטאָן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. באַלד אין דער פרי האָט די שוועסטער זי געוועקט.

— רייזל, רייזל, וואו האָסטו גענומען דאָס ברויט מיט די קאָנסערוון? — האָט שיינדל געפרעגט, האַלטנדיק ביידע זאַכן אין דער האַנט.

רייזל האָט זיך איבערגעקערט אויף דער זייט.

— לאָז מיך שלאָפן, — האָט זי געענטפערט.

שיינדל האָט זי נישט געלאָזט צוריק איינשלאָפן.

— זאָלסט מיר שוין זאָגן, וואו דו האָסט דאָס גענומען! — האָט זי געפּאָדערט. — שוין! הערסט, רייזל!

רייזל האָט זיך אויפגעזעצט, אריבערגעוואָרפן די פּאַסמעס האָר פון די אויגן און געקוקט מיט האַס אויף דער שוועסטער. קיין איין וואָרט האָט זי נישט געענטפערט. שיינדל איז געוואָרן ווילד.

— רייזל, — האָט זי געשריען היסטעריש, — איך וויל נישט אַזאַ ברויט אין שטוב! הערסט?

רייזל האָט זיך אויפגעשטעלט אין העמד און ביידע נאַקעטע מיידלשע הענט אין די זייטן אָנגעשפּאַרט.

— רביצן, זאָג מיר נישט קיין מוסר, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב דיר אויך נישט געזאָגט.

שיינדל איז געוואָרן בלאַס. זי האָט געכאַפּט די שוועסטער ביי דער האַנט. רייזל האָט זיך מיט כוח ארויסגעריסן.

— כ'וועל אייננאַנצן נישט קומען נעכטיקן, — האָט זי גע-שריגן, — און טו מיר עפּעס!

מיט גיריקייט האָט זי זיך אָנגעטאָן, אונטערגעזונגען אַ לידל און מיט אַפּעטיט געגעסן דאָס זעלנערישע ברויט און די קאָנסערוון.

— נאַ, ווילסט אַ שטיקל? — האָט זי געפרעגט די שוועס-טער גיפטיק.

מיט אַ ווילדער צעלאַזנקייט, ווי ווען מען האָט שוין גאָרנישט וואָס צו פארלירן, האָט רייזל זיך אריינגעלאָזט אין איר ליבע מיטן מיטליעריקן דיקן לאַנדשטורמער. זי האָט זיך אויסגעלערנט זיין גאָרגלדיקן דייטש, געגעסן זיין ברויט און קאָנסערוון, געקענט אַלע זיינע קריגס-קאַמעראַדן ביי די נעמען און אפילו געטרונקען די רעשטלעך פון די ביר-גלעזער, וואָס דער דייטש האָט איר געגעבן אויסצונויגן, כאָטש זי האָט דערין בלויז ביטערקייט געפילט.

אין איינער אַ נאַכט, ווען זי איז צוריק פון די פעלדער מיט איר דייטש געגאַנגען, האָבן זיי פעלד-זשאַנדאַרמען אָפּגעשטעלט.

— האַלט! — האָט אַן אונטעראָפיציר באַפוילן.

רייזלס דייטש האָט זיך אַזוי אויסגעצויגן, אַז דער גאַנצער איך זיינער איז אריין אין הינטן. ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו זיין אין גאַס דאָס מאָל און ער האָט זיך געשראָקן, מען זאָל אים

נישט אָפּשיקן פון הינטער-לאַנד אין פעלד פאַר ברעכן די דים-ציפּלין.

— הער קאַרפּאַראַל, — האָט ער געברומט א דערשראָקענער, בליצנדיק מיט די ברילן אין עלעקטרישן לעמפּל, וואָס די וואך האָט אים אין די אויגן אריינגעשײַנט.

רייזל האָט געוואָלט אוועקגיין, אבער דער פעלד-זשאַנדאַרם האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם.

— האַלט, דו דירנע! — האָט ער געדופן.

רייזל האָט שוין געוואוסט פון איר אומגיין מיט די דייטשן, וואָס דאָס וואָרט מיינט און זי האָט זיך געאַמפּערט.

— הער לויטענאַנט, — האָט זי גערופן דעם זשאַנדאַרם מיט א העכערן טיטול, כדי צו מאַכן אים גוט, — איך בין איין אַנ-שטענדיגעס מיידל. פרעגען זי מיין פרוינד.

זי האָט געקוקט אויף דעם דייטש אירן מיט גרויסע בעטנדיקע אויגן. איין וואָרט זיינס, אַז זי איז זיין שאַץ, וואָלט גענוג געווען זי צו ראַטעווען. אבער דער שאַץ אירער האָט געשוויגן. בלויז שרעק איז געלעגן אין זיין אָנגעבלאָזן פּנים. דער זשאַנדאַרם האָט זיך צעלאַכט.

— קאָם מאַהל, דירנכען, — האָט ער געזאָגט און זי געפירט מיט זיך. — אין דער זיטן-פּאָליציי וועט מען שוין אַלץ פעסטשטעלן.

רייזל האָט זיך געריסן, געוויינט, געביסן, אבער דער זשאַנ-דאַרם האָט זי נישט אָפּגעלאָזן און זי ביז דער זיטן-פּאָליציי גע-בראַכט. אַז רייזל האָט דערפילט דעם ריח פון קאַרבאָל, האָט זי געוואוסט, אַז איר גורל איז געחתמעט. זי האָט זיך ביטער פאַ-נאַנדערגעוויינט.

— מאַמע, — האָט זי גערופן אין איר צער.

די מיידן האָבן געלאַכט, געקוויטשעט, געשאָלטן, מיאוסע רייד גערעדט.

— שאַ, שאַ, קלאָג נישט אַזוי, — האָבן זיי איר געזאָגט, — ביזט נישט איינע דאָ.

כאָטש מען האָט זי נישט געפונען קראַנק ביי דער אונטער-זוכונג, האָט מען איר אַרויסגעגעבן א געלן צעטל, אַז זי דאַרף

יעדע צוויי וואָכן קומען אויף קאָנטראָל צו דער זיטן-פּאָליציי, צו־גלייך מיט אַלע אַנדערע גאַסן-פרויען פון דער שטאָט.

— נאַ, לאָז! — האָט מען איר געזאָגט, — אַרויסשטופּנדיק זי דורכן שמאָלן טירל פון דער קאַרבאָל-אָנגעפּילטער קאַנצעלאַריע.

כאָטש די זון האָט געלויכטן, האָט רייזל נישט געזען וואו צו גיין. די וועלט איז געווען פינסטער אין אירע שוואַרצע אויסגע־וויינטע אויגן.

## קאַפּיטל פינף-און-צוואַנציק

אויף די וואַרשעווער הויפּט-גאַסן האָט אַ קריגס-דעמאָנסטראַ־ציע מאַרשירט.

— נידער מיט די פּרייסן! — האָבן ווייבער היסטעריש גע־שריען.

— גאַנץ אויבער-שלעזיען פאַר פּוילן! — האָבן סטודענטן געריסן זיך.

— שלאָגן די מאָסקאַלעס! — האָבן אָפיצערן געדונערט.

— מיר ווילן אַ פּוילן פון באַלטישן ים ביזן שוואַרצן! — האָבן מיידלעך, אויסגעצירט אין מאַראַנט-ווייסע נאַציאָנאַלע פאַרבן, אַראָפּגעשריגן פון די באַפּוצטע מיליטערישע לאַסט-אָטאָמאָבילן, אויף וועלכע זיי זענען געפאָרן.

אויף די אָפּגעשיילטע מויערן, וואָס זענען עטלעכע יאָר כסדר פאַרקלעפּט געווען אַלע מאָל מיט אַנדערע אויפרופן און באַפעלן, רוסישע און דייטשע, זענען איצט פּוילישע גרויסע באַפעלן און אויפרופן אויסגעקלעפּט געוואָרן, פּלאַקאַטן מיט רויטע בוכשטאַבן אויף ווייס פּאַפּיר, מיט אַ ווייסן פּוילישן אָדלער פאַרפּוצט. דאָס איז אַ מאָביליזאַציע-באַפעל געווען פון דער נייער פּוילישער מלוכה צו אַלע מענער, וואָס זענען פּייאיק צו טראָגן געווער, צו נעמען די ביקס אין האַנט און צו גיין אויפן באַרבאַרישן שונא פון רוס־לאַנד, וואָס דראָט אומצוברענגען די פּוילישע קולטור און קירכע; אַ באַפעל צו אַלע בירגער צו דעראָבערן אַ פּוילן לויט די אַלטע גרע־

ניצן פון באַלטישן ים ביזן שוואַרצן, פאַרן רום פון פאָטערלאַנד און זיינע העלדן.

צווישן די מענער, וואָס האָבן געדאַרפט נעמען דאָס געווער אין האַנט, פאַרן רום פון פאָטערלאַנד און זיינע העלדן, איז אויך געווען נחמן ריטער, דער בעקער-געזעלן פון פאַרן אייזערנעם טויער אין וואַרשע.

נחמן איז שוין צוריק אַ בעקער געווען, ווי פאַרן קריג. אויך האָט ער מיט אַ ווייב געלעבט, מיטן מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך אין דער אַרבעטער-קיך געטראָפן און שפּעטער אויף דע־מאָנסטראַציעס געגאַנגען. ער האָט איצט געמוזט איבערלאָזן ביידע, די בעקעריי און דאָס ווייב, ווי דער באַפעל האָט גערופן.

ווי זיין פאָטער, אין אָנהויב מלחמה, איז נחמן באַלד אין דער פרי אוועק צופוס צו דער מיליטערישער קאָמיסיע. אַ נאַקע־טער, אַ מיטל-געוויקסיקער, אַ קנאָביקער, אַזוי אַז מען האָט יעדער ריפּ זיינע געקענט ציילן, מיט צו-שטאַרקע מוסקולירטע הענט פון אַרבעט, וואָס זענען אויס ווי פרעמדע צום איבעריקן קערפּער, איז ער געשטאַנען אין דער רייע מענער און געוואַרט צוצוגיין צום טיש, וואו אָפיצירן און דאָקטוירים זענען געזעסן. צעלאָזענע שקאָצים, פול באַצייטנס מיט הפקרות פון דער מלחמה וואָס קומט, האָבן געשפּאָט פון דעם געמלטן מאַן, געשטויסן אים, פּיס אונטערגעשטעלט.

— מוישע, ניט באָישע — האָבן זיי הילכיק געלאַכט.

ביים טיש האָט דער אָפיציר געהייסן נחמנען מער צוזאַמענ־רוקן די פּיס. נחמן האָט גערוקט די פּיס, אָבער זיי נישט געקענט מער צונויפרוקן. דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרקרימט.

— אָן ענגלענדער, — האָט ער געזאָגט מיט פאַראַכטונג — ראַכיטיש געווען קליינערהייט, אָבער ער איז געזונט.

— צוגענומען אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, — האָט דער אָפיציר אויסגערופן. — נעקסט.

פּונקט ווי אַמאָל זיין פאָטער, איז אויך נחמן, נאָך עטלעכע וואָכן מושטירן, אוועק צו דער באַן. ער האָט געטראָגן פראַנצוי־זישע שיך, אַן עסטרייכישע ביקס, אַ פּויליש היטל מיט שפּיצן.

לעבן אים איז געגאַנגען זיין חנהקע, א שטאַרק פאַרוויטלטע, און אויפגעהייטערטע. ווי זיין פֿאָטער אַמאָל, האָט מען אויך נחמנען אריינגעזעצט אין א לאַסט-וואַגאָן, אויף וועלכן די זעלנער האָבן אָנגעשריבן, אז ער גייט קיין אָדעס. דערנאָך האָבן די זשאַנדאַרמען אָפּגעטריבן די ווייבער, וואָס זענען דעם צוג נאָכגעלאָפן. א מיליטערישער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט דאָס מלחמה-ליד ווי גוט עס איז צו גיין אין קריג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעפייפט און אַוועק.

עטלעכע וואָכן צייט האָט נחמן מאַרשירט. גאָרנישט איז געווען אַנדערש ווי שטענדיק. די זעלבע פעלדער, וועלדער, פּויערישע הייזלעך, צלמים אויף די וועגן. בלויז פון די קאָלירן אויף גרעניץ-סלופּעס און שלאַגבאַנען האָט מען געקענט זען, אַז מען גייט אויף פרעמדער ערד. די זעלנער האָבן בגנבה געוויכערט פּאַפּיראָסן און געפּלאָנטערט מיט די באַיאָנעטן איינער אין אַנדערן.

— באָלשעוויע, — האָבן די אונטעראָפיצירן געמורמלט, מאַרשירנדיק אונטער דער וואַרימער מאַי-זון.

מען האָט נישט געזען דעם שונא פאַר די אויגן. מען איז געגאַנגען שנעל, געלאָפן. דער דניעפּער האָט אַנטקעגנגעלאַכט, גערופן צו זיך. דאָס פּוילישע מיליטער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אים. ביזן שוואַרצן ים געאיילט זיך מיט אים צו גיין. פּונקט ווי שנעל מען איז געגאַנגען פאָראויס, אַזוי שנעל האָט מען פּלוצלונג אָנגעהויבן לויפן צוריק. רייטער-מחנות, מיט פּיקעס אין די הענט, מיט פּאַפּאַכעס אויף די קעפּ, מיט אַלערליי קליידער און אוניפאָרמען, אין רוסישע רעקלעך און אין וואַטענע שפּענצערס, כאָטש עס איז געווען אין זומער, אין שינעלן און אין העמדלעך, אין שטיוול און מיט באָרוועסע פיס, מיט ביקסן אויף שטריקלעך, מיט שווערדן פון אַלערליי פאָרמען און גרויס, מיט א רויטער פאָן געהילט אין שטויב פון וועגן, האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן און מיט ווילדער גיכקייט אויף די פּוילישע סאָלדאַטן געיאָגט, אויף די סאָלדאַטן אין נייע קליידער און גאַנצע שיך.

די גלייכע מאַרשירנדע טיילן, וואָס מען האָט זיי געלערנט אויף אַלע מושטירונגען ווי אַזוי צו גיין פאָראויס אויפן שונא,

זענען זיך צעקראָכן אונטער דעם האָגל פון בליי און קלאַפּן פון פערדישע טריט, געלאָפן צוריק. נחמן איז געלאָפן גלייך מיט אלע-מען, ווי ער איז פריער פאָראויס-געגאנגען גלייך מיט אלעמען. אין ערשטן שטעטל אויף דער פוילישער זייט, האָבן די זעלנער זיך אָפּגעשטעלט.

— שטיין, פּחדנים! — האָבן געפּאָכעט מיט די שווערדן די פוילישע אויסגעפּוצטע אָפיצירן, וואָס זענען די ערשטע געווען צו לויפן.

די אידישע קרעמלעך אין מארק זענען געווען פארהאַמערט, די לאָדן פון די הייזלעך פארמאכט. די הונגעריקע סאָלדאטן האָבן געריסן די טירן פון די קראָמען. דער אָפּטרעטנדער קאָמענדאנט האָט געהייסן ברענגען צו זיך די עלטסטע אידן פון שטאָט און בא-פוילן זיי אויפהענגען אין מיטן מארק, פאר אויסגעבן די מיליטע-רישע סודות צום שונא, וואָס האָט גורם געווען צום אָפּטרעטן פון די פוילישע טיילן.

צוזאַמען מיט אלע זעלנער איז געשטאַנען נחמן אין מארק, מיט דער ביקס אין האַנט, און געזען ווי מען שלעפּט די בלייבע אידן צו דער תליה.

ער האָט נישט געפרעגט ביי גאָט, ווי זיין פאָטער, ער האָט בלויז געקריצט מיט די ציין פאר ווייטאָג.

ביי ווארשע האָט ער געכאַפּט א קויל לעבן אויער און איז אוועק-געפאלן אין זאמד. אז ער האָט זיך שפּעטער אויפגעכאַפּט אין שפּי-טאָל, האָט ער זיך דערוואוסט עטלעכע זאכן. ערשטנס, אז מען האָט אים ארויסגענומען די קויל; צווייטנס, אז מען האָט פאר-טריבן דעם שונא פון דער שטאָט; דריטנס, אז אין שטאָט שלאָגט מען אידן אויף די גאסן.

נחמן האָט געפילט א נאָגנדיקן ווייטאָג אין אויער. א ווייטאָג, וואָס האָט געריסן פון שארבן אין קאָפּ ביז די טריט פון די פיס. מיט טריבע אויגן האָט ער געקוקט אויף דער קויל, וואָס דער דאָקטאר האָט אים דערלאנגט אין בעט אריין אויף א שטיקל וואטע. פון דרויסן האָבן זיך געטראָגן פריילעכע קולות פון דע-מאָנסטראַציעס. מוזיק האָט געשפּילט.

## קאַפּיל זעקס-און-צוואַנציק

דריי זאַכן האָט נחמן צוריקגעבראַכט פון דער מלחמה — אַ רווישונג אין אויער, אַ מעדאַל פאַר דער וואונד און אַ ביטערע שנאה צו דער אומגערעכטער אָרדנונג.

ער האָט זי געהאַסט, די אָרדנונג פון די רייכע. פון די בראָ-שורן און די ביכלעך אין ארבעטער-קלוב, פון חבר דניאלס רעדעס, פון די ארטיקלען אין דער ארבעטער צייטונג און מער פון אלץ פון דער מלחמה, אין וועלכער ער איז געווען, האָט ער געוואוסט, אַז אין אלעם בייזן פון דער וועלט איז זי שולדיק, די שלעכטע אָרדנונג.

ער האָט נישט געגלויבט מער ווי דער טאַטע זיינער, אַז אלץ איז באַשערט פון אויבן, ווי גאָט אין הימל שרייבט אָן. ער האָט געוואוסט פון די רעדנער אין די קלובן, פון חבר דניאל אליין, אַז גאָרנישט איז דאָ אין די הויכן איבער זיך, וואָס פירט מיט דער וועלט. אפילו די הימלען, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געגלויבט, אַז זיי שפּרייטן זיך זיבן מאָל איבער דער וועלט איינער העכער איבערן אנדערן, האָט ער געוואוסט איצט, זענען גאָר קיין הימלען נישט, בלויז אַ פאַרבלענדעניש פאַרן אויג. פוסט זענען זיי, אָן מלאכים, אָן אַ גאָט, וואָס פאַרשרייבט יעדן אין די ביכער און טיילט איין די מענטשן אין גליקלעכע און עלנדע, אין אָרעמע און רייכע.

דאָס אלץ, האָט ער געוואוסט, איז נישט מער געווען ווי פינ-סטערניש, אין וועלכער די מעכטיקע פון דער וועלט, די רייכע און זייערע משרתים, די גייסטלעכע, האָבן אים יאָרן לאַנג געהאַלטן, אים, זיין טאַטן, זיינע שוועסטער, אלע אנדערע ארבעטס-מענטשן, כדי זיי צו פאַרטומלען די קעפּ און האַלטן אין קנעכטשאַפט. די וועלט קען זיין גוט און וואויל, אַ גן-עדן פאַר אלעמען, ווי חבר דניאל שילדערט עס אזוי שיין אויף די פאַרזאַמלונגען אין ארבע-טער-קלוב. די מענטשן קענען זיין גלייך און גליקלעך, ברידער אלע, ווען זיי זאָלן עס נאָר וועלן. אבער די רייכע דערלאָזן עס

נישט, ווייל זיי זענען שונאים פון די אָרעמע; זיינע, נחמנס, שונאים.

צוליב זיי, צוליב די רויבערישע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן פון דער צאַרישער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, האָט מען זיין טאַטן צוגענומען פון דער היים מיט עטלעכע יאָר צוריק און אוועקגעשיקט אויפן פראָנט קעגן אַנדערע אַזעלכע ווי ער אַליין, צו מאָרדן יענע און ווערן אַליין געהרגעט. צוליב די מאַגנאַטן און באַראָנען פון דייטשלאַנד, וואָס ווילן רייך ווערן פון רויב און גזילה, האָט מען אים פון דער בעקערייַ אַרויסגעוואָרפן, דערנאָך אַרעסטירט, אויף צוואַנג-אַרבעט אוועקגעשיקט. צוליב דער שלעכטער אָרדנונג, דער אומגערעכטער, איז אין זיין טאַטנס הויז תמיד געווען אַ דלות, כאָטש ער האָט זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן אין אַרבעט און מי. צוליב איר איז די מאַמע זיינע יונג אַוועק פון דער וועלט; האָט ער, נחמן, געליטן בושה ביי פרעמדע טישן; האָט שיינדל געמוזט חתונה האָבן מיט אַן עלטערן שיכור און קאָרטן שפּילער; האָט די יונגע שוועסטער רייזל געמוזט אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג, ברענגענדיק בושה אין הויז. צום לעצט האָט זי, די פאַרשאָלטענע אָרדנונג, אים אין די יונגע יאָרן פאַר אַ קריפּל געמאַכט, אַ רוישונג אין אויער אים געגעבן, וואָס גיט אים קיין מנוחה נישט. און ער האָט איר נישט מוחל געווען, דער בייזער אָרדנונג, וואָס צאַפּט דאָס בלוט פון די אָרעמע צו ברענגען גליק די רייכע. ער האָט געוואָלט זי פאַרניכטן, אָן רחמנות אויסוואָרצלען, זען איר ביטערן סוף.

אין דער אַרבעטער-קיך, וואו ער איז געקומען יעדן טאָג אין אויסגעדינטן רעקל און אין די זעלנערישע גרויסע שווערע שיך, זענען ווידער גרויסע מחלוקותן אָנגעגאַנגען צווישן חבר זאַלקינד און חבר דניאל. חבר זאַלקינד האָט געהאַלטן, אַז עס איז נאָך צו-פרי אויפצושטעכן די מכה פון דער וועלט, די שלעכטע אָרדנונג. מען דאַרף וואַרטן ביז זי וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אייטער און פּלאַצן, צום וואויל און גוטס פון די אַרבעטנדיקע, וואָס וועלן קומען נאָך איר צו דער מאַכט און איינפירן אַ נייע אָרדנונג, אַ גלייכע און אַ גערעכטע. אַ וועלט מיט ציטאַטן פון ביכער און גרויסע

ליט האָט זאלקינד געבראכט, א באוויז צו זיינע רייד. חבר דניאל האָט קיין ציטאטן פון קיין ביכער נישט געהאט. אבער ער האָט געהאט בעסערע באוויזן פאר די גערדיקטע און ליידנדע, פשוטערע, פארשטענדלעכערע.

— קוקט צו מזרח, חברים, — האָט ער גערופן מיט זיין פיי-ערדיקער שטים, ווייזנדיק מיט אן אויסגעשטרעקטן פינגער צו מזרח-זייט — א נייע וועלט ווערט געבאָרן, וואו אומרעכט, עקס-פּלואטאציע ווערט מיט פייער און שווערד אויסגעראָטן און די אר-בעטער נעמען די מאכט אין האנט, איינצופירן א נייע, גערעכטע, גלייכע וועלט. חברים, טוט נאָך זייער ביישפּיל, וואַרט נישט, שוין נעמט אָן ביים גאָרגל די מיאוסע בלוטדורשטיקע חיה, די קאַפּי-טאַליסטישע וועלט, איר, איר אויפוואכנדע שקלאפן פון דער וועלט!

נחמן האָט די רייד בעסער פארשטאנען, איידער זאלקינדס שווערע ציטאטן און ציפערן.

ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן מער, נחמן, ווי זאלקינד האָט אים געהייסן. שוין האָט ער געוואָלט אומברענגען די שלעכטע וועלט, די בייזע חיה, וואס זויגט זיין בלוט, פארן גאָרגל זי כאפּן, דערשטיקן, אָפּצאָלן איר פאר אלץ, און אויף אירע חורבות אויס-בויען דעם גן-עדן פאר די ארבעטנדיקע קלאסן. דאָס זענען נישט געווען קיין שווערע באוויזן פון ביכער, וואס חבר זאַלקינד האָט באנוצט אין זיינע רעדעס, נאָר לעבעדיקע ביישפּילן פון דער וועלט, פון נאָענטסטן שכן ביי דער גרעניץ, אויף מזרח-זייט. ער האָט זיי געזען, נחמן, די בויער פון דער נייער גערעכטער וועלט. כאָטש מען האָט אים אָנגעהאנגען א ביקס און געצוואונגען אים צו שיסן אויף יענע; כאָטש די פארשאָלטענע האָבן אים, א פּראָלעטאריער, געצוואונגען קעגן זיינע קלאסן-ברידער ארויסצוטרעטן מיט דער ביקס אין האנט, האָט ער אבער גוט געוואוסט ווער עס זענען זיינע שונאים און ווער זיינע פריינט. ער האָט זיי געזען, די אויפשטיי-ענדיקע שקלאפן. מיט צעריסענע שינעלן, מיט פוייערישע פּעלצ-לעך, באָרוועסע, אָפּגעריסענע, זענען זיי מיט רויטע פענער נעגאנגען איבער דער אלטער וועלט, פארניכטעט זי, כדי אויף אירע חורבות א נייע גלייכע הערשאפט איינפירן. שוין האָבן זיי א זעקסטל טייל

פון דער וועלט איינגענומען. זאָלן אַלע אַנדערע אַרבעטער און פויערן פון די איבעריקע לענדער און מדינות נאָכטאָן זיי, אָפּראַמען די הערשער ביי זיך, און קיין זאַך וועט נישט שטיין מער אין וועג צום גליק. ניין, נישט וואַרטן דאַרף מען, ווי זאַלקינד הייסט. אויך דאָרט, אין מזרח, האָט מען נישט געוואַרט. מיט געוואַלד האָט מען די שונאים אָפּגעראַמט און מען האָט געזיגט. אומעטום דאַרף מען אַזוי טאָן.

קוקן צו מזרח דאַרף מען, ווי חבר דניאל ווייזט. און נחמן איז געווען מיט חבר דניאל. יעדער וואָרט זיינס האָט ער געהערט, אויף שריט און טריט אים נאָכגעגאַנגען.

צוזאַמען מיט חבר דניאל איז ער אוועק פון זאַלקינדן און זיינע לייט און אָנגעשלאָסן זיך אין דער נייער פּאַרטיי, דער קעמפּעריש ער און פּאַרבאָטענער. שוין דאָס, וואָס חבר דניאלס פּאַרטיי איז געווען פאַרבאָטן און זאַלקינדס דערלויבט, האָט נחמנען איבערציינגט, אַז ער דאַרף זיין מיט דער פאַרבאָטענער. אויב די קלאַסן-שונאים זענען מיט יענע, איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז זאַלקינדס לייט זענען קיין שונאים נישט זייערע קלאַסן-שונאים. צוזאַמען מיט חבר דניאלן איז נחמן אַרויסגעטראָטן אין מלחמה קעגן די פריערדיקע חברים זיינע, וואָס זענען אין זייער פאַרבלענדעניש פאַרבליבן אין רעכטן לאַגער מיט זאַלקינדן.

חבר דניאל האָט אים אויך כבוד אָנגעטאָן, נחמנען.

כאָטש ער אַליין האָט זייער אַ שיינע פּראָקלאַמאַציע געקענט צונויפשטעלן, אַן אויפרוף, וואָס זאָל מאַסנוויַיז אָפּציען די אַרבעטער פון זאַלקינדן צו זיך, האָט ער געלאָזט דעם בעקער נחמן אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו די חברים אַרבעטער. מיט פּראָסטע ווערטער, איבערציינגנדע און פּשוטע, וואָס גייען אָרעמע מענטשן אַריין אין האַרץ, האָט חבר דניאל אַן אויפרוף פאַר חבר נחמן צוזאַמענגעשטעלט; אפילו גרייזן און פעלערן אַריינגעשריבן, אַזוי אַז זי זאָל אויסזען אינגאַנצן ווי געשריבן פון אַן אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ ווידוי פון אַן אַרבעטער, וואָס איז בלינד געווען אַ צייט, פאַרפירט געוואָרן פון זיינע פאַלשע לערער, ביז די אויגן האָבן זיך אים געעפנט און ער האָט דערזען די אמתע ליכט. נחמן

האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם אויסגעהערט די רייד, וואָס חבר דניאל האָט פאַר אים פאָרגעלייענט, ער זאָל זיי אונטערשרייבן. יעדער וואָרט האָט זיך ווי בוימאייל געלייגט אויפן האַרץ.

— אמת, אמת, — האָט ער צוגעשאָקלט צו יעדן שטאַרקן וואָרט קעגן די קלאַסן-שונאים, וואָס מען דאַרף אָן רחמנות זיי אויסראָטען.

מיט אַ ביטערן טעם אין האַרץ האָט ער געהערט די צווייטע העלפט פון אויפרוף, ווען עס איז געקומען צו חבר זאַלקינד און זיינע נאָכפאָלגער. זייער שלעכטע ווערטער האָט חבר דניאל גע-לייענט וועגן זיי. נישט נאָר זענען זיי פאַרפירט אין זייער בלינד-קייט, נאָר זיי זענען באַוואוסטזיניקע שונאים פון אַרבעטער-קלאַס, געדונגענע משרתים פון דער בורזשואזיע, פאַרקויפטע קנעכט, וואָס ווילן מיט פאַלשקייט אָפּווענדן דעם געדעכטן צאָרן פון די אונטערדריקטע קעגן זייערע קלאַסן-פיינט. נחמן האָט נישט גע-קענט גלויבן, אַז זאַלקינד, דער אויסגעדאַרטער מאַן מיטן אויס-געריבענעם אָנצוג, זאָל זיין פאַרקויפט צו די רייכע. נאָך ווייניקער האָט ער עס געקענט זאָגן וועגן אַנדערע חברים אין דער אַרבעטער קיך, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן ביים אייגענעם טיש, עסנ-דיק די אייגענע שלעכטע זופּ.

— חבר דניאל, — האָט ער געמורמלט אַ פאַרלאָרענער.

חבר דניאל האָט אַריבערגעוואָרפן די שוואַרצע לאָקן איבערן שטערן און טיף אַריינגעקוקט מיט זיינע שיינע אויגן נחמנען אין פּנים אַריין.

— חבר נחמן, גלויבט איר אין אונזער זאַך? — האָט ער געפרעגט.

— געוויס, חבר דניאל, — האָט נחמן געענטפערט אַ פרומער.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר טאָן אַלץ וואָס פאַר דער זאַך איז גוט, — האָט חבר דניאל סודותדיק געזאָגט — דאָס וועט האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף די מאַסן.

נחמן האָט מער נישט איבערגעפרעגט. אויב די זאַך דאַרף עס, אויב חבר דניאל האַלט, אַז פאַר דער זאַך איז גוט אַזוי, מסתמא ווייסט ער וואָס ער רעדט, און זיין, נחמנס, זאַך איז צו טאָן וואָס

מען דארף. מיט שווערע אותיות האָט ער אונטערגעשריבן זיין נאָמען אונטער דעם אויפרוף פון א פארפירטן צו זיינע חברים פון דער באַוועגונג. צומאָרגנס, ווען ער איז דורכגעגאנגען די גאַס פון דער ארבעטער-קיך, האָבן אים חברים פארהאַלטן, גע-זידלט. נישט האָבנדיק וואָס צו זאָגן, פילנדיק זיך צוגעדריקט און פארשעמט, האָט ער זיך געראַטעוועט מיט חוצפּה.

— דינער פון קאפיטאַל, — האָט ער געזידלט מיט חבר דניאַלס ווערטער פון אויפרוף — פארקויפטע נשמות.

אין כעס האָט ער אַליין גענומען גלויבן אינם אמת פון זיינע רייד. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער גלויבט אין דעם. דאָס האָט אים געמאַכט גרינגער.

דער געפיל, אַז ארום זיינע רייד און האנדלונגען רעדט מען, קריגט מען זיך, פירט מען דיסקוסיעס, האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ. כאָטש ער האָט אין אָנהויב זיך געשעמט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געפּוצט אין פרעמדע פעדערן, אונטערגעשריבן זיין נאָמען אונטער ווערטער, וואָס אַן אנדערער האָט פאַר אים אָנגע-שריבן, האָט ער מיט דער צייט אָנגעהויבן פילן זיך געהויבן מיט דעם אויפרוף פון א פארפירטן צו חברים ארבעטער. צווישן די ארבעטער האָט מען גערעדט דערפון, אייניקע האָבן אים געלויבט דערפאַר. אפילו זיין באַלעבאָס דער בעקער, וועלכער האָט פון אים נישט איבעריק געהאַלטן, נישט רעכט אומגעקוקט זיך אויף אים, האָט אין דער בעקעריי געלייענט דעם אויפרוף זיינעם, וואָס איז צווישן די געזעלן ארומגעגאַנגען.

— דאָס ביזטו דאָס, דער חבר נחמן? — האָט ער געפרעגט מיט חידוש — כ'האָב גאָרנישט געוואוסט וועמען איך האָב דאָ ביי זיך אין דער בעקעריי!

— אָ, אונזער נחמן איז נישט אבי-ווער, — האָבן די געזעלן געזאָגט מיט שטאָלץ, וואָס איינער פון זיי האָט זיך ארויסגערוקט.

נחמן האָט זיך געפילט געהויבן, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, וואָס ער האָט געהאַט א ווערט, א חשיבות, ער, וואָס איז אַלעמאָל געווען נידריקער ווי גראָז, אומוויכטיק ווי דאָס מיסט אין גאַס. תמיד זענען עס אַנ-

דערע געווען, וואס האָבן איבער אים געשאפט, וואָס האָבן אים באפעלן געגעבן צו טאָן דאָס, וואָס זיי ווילן. איצט איז ער אַליין געווען איינער פון די, וואס נעמען דאָס לעבן אין דער האַנט אריין. אויף די זעלבע ווענט, וואס זענען אַלעמאָל באהאנגען גע-ווען מיט אויפרופן פון די מעכטיקע, וואס רופן די שקלאַפן צו גע-האָרכזאמקייט און צו דינסט, האָט נחמן געקלעפט איצט אייגענע רופן און באפעלן, רופן פון די געדריקטע צו געדריקטע. אויף די אויפרופן פון דער רעגירונג האָט נחמן חבר דניאלס באפעלן אויפ-געקלעפט, באפעלן פון קאמף, און ער האָט זיך געפילט שטאָלץ, ווי אין א גלייכער מלחמה מיט א שונא.

נאָך געהויבענער איז ער געוואָרן ביי זיך, ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די וואלן צום סעים און זיין פּארטיי האָט ארויסגע-שטעלט אן אייגענעם קאנדידאט פאר דעפּוטאט, וואס זאָל פריי און עפנטלעך ארויסטרעטן פאר די געפּלאָגטע און גערודפטע, וואס זאל אָפן פאר דער וועלט זאָגן דעם אמת די אונטערדריקער און רע-גירער.

ארויסגעשטעלט האָט מען דעם חבר דניאל, זיין חבר דניאל, דעם פירער און רעדנער. נחמן האָט מער נישט גערוט. ער האָט געזאמלט געלט אין די בעקערייען צווישן די ארבעטער אויף וואל-הוצאות. ער האָט אגיטירט, ארומגעריסן זיך מיט די אָנהענגער פון זאלקינדס לאגער, געלאָפן אויף פארזאמלונגען, אראָפּגעריסן קעגנערישע מיטינגען, געשלאָגן זיך אפילו מיט די פויסטן מיט אָנהענגער פון קעגנערישן צד. נאָך גאנצע נעכט ארבעט אין דער בעקעריי, האָט ער ביטאָג נישט גערוט, אָפּגעכאפּט עטלעכע שעה שלאָף אויף די זעק מעל און דערנאָך גאנצע טעג געווען אין גאס, ארומגעלאָפן, פּראָקלאַמאציעס פאנאַנדערגעטיילט, וועלטן איינגע-לייגט פאר חבר דניאל.

א ביטערע מלחמה, א פּארביסענע און עקשנותדיקע, איז אָנ-געגאנגען צווישן חבר נחמן און זיינע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט פאר חבר דניאל, און צווישן קאָנראד לעמפּיצקי, דעם שעף פון דער ווארשעווער דעפענסיווע, וואָס דארף שיצן די שטאָט פון רויטע אַגיטאַטאָרן און צעשטערער. ער האָט נישט געוואָלט דער-

לאָזן, לעמפּיצקי, אַז אין באַפרייטן קאַטוילישן פּוילן, וואָס האָט דעם רויטן שונא פון די טויערן פון שטאָט פאַרטריבן, זאָל מאַסק־ווערן א פאַרשטייער אַריין אין פּוילישן סעים. נאָך ווייניקער האָט ער געוואָלט האָבן אַזעלכן געווילט פון דער הויפּט־שטאָט, פון זיין שטאָט, וואָס ער דאַרף באַשיצן. עס איז אים א בושה געווען פאַרן אינערן־מיניסטער, פאַר דער פּרעסע, אַזוינס אין זיין וואַרשע צו דערלאָזן. און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע לייט, די אַגענטן און פּאָ־ליציאַנטן, צו פאַרניכטן די רויטע לייט, קיין רחמנות נישט צו האָבן אויף זיי אין זייער קאַמף אַריינצופירן דעם חבר דניאל אין דער פּוילישער פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט.

ער האָט זיי געטריבן פון די גאַסן, דניאלס לייט, נישט געלאָזט זיי זיך צונויפקומען אין זאַלן, געשיקט זיינע אַגענטן אין די אַרבע־טער־קלובן און פאַראיינען. ער האָט פאַרבאָטן די דרוקערייען צו מאַכן פאַר זיי דרוק־אַרבעט, קאָנפיסקירט אין די צייטונגען יעדן גוט וואָרט פאַר זיי און געהיט די מויערן, די רויטע זאָלן נישט פאַר־קלעפּן זיי מיט זייערע אויפרופן.

קעגן דעם אויסגעפּוצטן און אויסגעצערטלטן פּאָליציי־שעף לעמפּיצקי, איז אַרויסגעטראָטן דער בלאַסער, נישט אויסגעשלאָפּע־נער, שלעכט־געקליידעטער בעקער נחמן ריטער מיט זיינע חברים. קעגן לעמפּיצקיס אַלע פאַרבאָטן, האָבן זיי געהיימע פאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטן, אויפרופן אָפּגעדרוקט, פאַבריקן און װערקשטאַטן מיט פּראָקלאַמאַציעס פאַרוואָרפן, אַלע ווענט, פּאַרקאַנעס און טויערן מיט אויפרופן פאַרקלעפּט.

אַ מידער נאָך א שווערער נאַכט אַרבעט ביים אויוון, אַן אויס־געהאָרעוועטער, א הייזעריקער פון די רייסערייען און דיסקוסיעס, איז ער זעלטן אהיימגעקומען צו זיין בוידעם־שטיבל צו חנהקען, נאָר אַרומגעשלייכט זיך אין די נעכט. מיטן צו־ענגען זעלנערישן רעקל און גרויסע שווערע שיך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער מלחמה, האָט ער מיט חברים זיינע אַרומגעשלייכט זיך איבער די גאַסן פאַרטאָג, ווען וועכטער שלאָפן און פּאָליציי־לייט דרימלען, און אַלע ווענט באַשמירט. וואו נאָר א ליידיק שטיקל מויער, א טיר, א ברעט, האָט ער דערויף קרומע רויטע האַמערס און סערפּן

אויסגעמאָלט, דעם צייכן פון דער ארבעטער-מאכט, און דעם נאָמען פון חבר דניאל, דעם איין-און-איינציקן אמתן פאָרשטייער פון די ארבעטנדיקע מענטשן. לעמפּיצקים לייט האָבן זיך נאָך די נאכט-מענטשן געיאָגט, געכאפּט זיי, מיט פארב די רויטע צייכנס פארשמירט, מיט מעסערס די ווענט געקראַצט. צומאָרגנס זענען זיי ווידער געווען.

אהיימקומען פלעגט נחמן פארטאָג א מידער, אן אָנגעשטרענקטער פון שרעק און אומרואיקייט, אָבער א גליקלעכער און געהויבענער. ער איז נישט געווען מער קיין שקלאַף ווי פריער, נאָר א זעלנער, א זעלנער פון דעם רויטן חייל קעגן דער שווארצער וועלט. מיט יעדן אויפרוף אויף א וואנט מער, מיט יעדן קרומען האמער און סערפּ, האָט ער געזען ווי ער ברענגט מער א שטים פאר חבר דניאל, ווי ער ברענגט נענטער א מינוט צו דער גסיסה פון דער אַלטער וועלט און צום געבורט פון דער נייער.

קאַפּיטל זיבן-און-צוואַנציק

ווי פאר דער מלחמה, איז שיינדל מאַטעסעס ווידער געזעסן אויף דער גאס מיט איר קויש געבעקס און אויסגערופן הויך איר סחורה, צוגעבנדיק אַפּעטיט די פארבייגייער.

— זעמל פרישע, מאַדאַמעלעך, הייסע!

זי האָט צוריק געמוזט האלטן די שטוב, די שטוב, וואס איז געבליבן אָן א טאַטן. זי האָט שוין נישט געפרעגט מער דעם פּאָסט-טרעגער אויף קיין בריוו פון איר פאָטער. אַלע זענען צוריקגעקומען, ווער פון דייטשן געפענגניש, ווער פון רוסלאנד מיט די עשעלאָנען. מאַטעס איז נישט צוריקגעקומען, נישט געלאָזט פון זיך הערן. שיינדל האָט זיך מיאש געווען צו ווארטן אויף אים. איין זאך האָט זי כאָטש געוואָלט וויסן, ווען זיין יאָרצייט צו האלטן און א ליכטל נאָך זיין נשמה אָנצוצינדן. אין א פרייען טאָג איז זי ארויפגעגאנגען צום מורא הוראה, צום אייגענעם, וואס האָט זי מיט מנשהן חתונה געמאכט, און געפרעגט אים א שאלה וועגן דעם.

דער מורא הוראה האָט געקנייטשט דעם שטערן און איר קיין שאלה נישט געקענט פּסקענען.

— ווי לאַנג מען ווייסט נישט אויף זיכער, איז דאָ נאָך אַ האָפ־נונג אויף אַ מענטש, — האָט ער איר געזאָגט — גיט אַמאָל צדקה פאַר אים, דאָס קען נישט שאַטן. אפשר וועט גאָט העלפן און ער וועט צוריק קומען. אַזוינס איז שוין פאַרלאָפן.

שיינדל האָט דעם רבס טרייסט־ווערטער נישט אָנגענומען. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט שוין נישט אויף וואָס צו וואַרטן, אַז עלנד איז די שטוב געבליבן, אָן אַ מוטער, אָן אַ פאָטער. זי האָט דעריבער בלויז ארויסגעהאנגען דעם פאָטערס שבתדיקע פאַר־לאַטעטע קאַפּאָטע צו לופטערן, דעם איינציקן אָנדענק נאָך אים, און אליין געפירט די שטוב, ווי אַ טאַטע און מאַמע צוזאַמען. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי מיט איר קויש געזעסן און פאַרדינט איר ברויט. די זון האָט זי אין די היצן פאַרברענט, רעגנס האָבן זי אויסגעווייקט, ווינטן אויסגעשמיסן, שנייען און שטורמס האָבן איר די ביינער דורכגענומען. קאָנקורענטן האָבן זיך ארומגעריסן מיט איר, פּאָליציי האָט זיך נאָך איר געיאָגט פאַר זיצן אין גאס מיטן קויש. זי איז פון איר פּלאַץ נישט אָפּגעטראָטן.

דאָס, וואָס זי האָט פאַרדינט, האָט מנשה איר מאַן פאַרטרונ־קען און פאַרשפּילט אין קאָרטן. כאָטש עס איז שוין געווען געגנוג מעל אין לאַנד, אלע בעקערייען האָבן צוריק געאַרבעט און די אַלטע באַלעבאַטים האָבן געוואָלט מנשהן צוריקנעמען צו דער אַרבעט, איז ער נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט און מער לײדיק אומגעגאַנ־גען ווי געטאָן עפּעס. פון טאָג אָן, וואָס די דייטשן האָבן אים פון דער בעקעריי ארויסגעטריבן צוליב די שלעכטע אויגן זיינע, האָט ער זיך אָפּגעלאָזן. ער האָט געטרונקען אָן אַ מאָס, קיינמאָל נישט ניכטער געווען. די אויגן זיינע זענען נאָך רויטער געוואָרן, שטיקער בלוט. נישט ער האָט געוואָלט גיין צו אַ דאָקטאָר אין שפּיטאָל, ווי שיינדל האָט עס פון אים פאַרלאַנגט, נישט ער האָט גענוצט היימישע רפואות, ווי ווייבער שכנהס האָבן אים געהייסן.

— כ׳בין שוין סיי ווי סיי קיין ליט נישט, — האָט ער גע־

זאָגט, אוועקמאַכנדיק מיט די אַדערדיקע הענט — זאָל זיין ווי עס איז.

ער איז קיינמאָל נישט אויסגעזעסן אַ וואָך אין אַ בעקעריי, אין מיטן דער ארבעט פון קאסטן טייג אוועק און אריין אין אַ שענק טרינקען. און אפילו אַז ער האָט שוין יאָ געאַרבעט און פאַר-דינט עטלעכע גולדן, האָט ער זיי פארשפילט אין קאָרטן ביי די גנזעלן. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט צוקריגן די דריטע טויז, וואָס האָט אים געפעלט צו געווינען. שיינדל האָט אים תחילת גע-מוסרט, געשריען אויף אים, דערנאָך מיט גוטן געגאַנגען, אַ סך מאָל אפילו אים פון שטוב ארויסגעיאָגט, עס האָט נישט געהאָלפן. ער האָט נישט אויפגעהערט טרינקען און שפּילן. איינמאָל האָט זי אפילו אין מיטן ארבעטס-טאָג דעם קויש מיט געבעקס אוועקגע-שטעלט אין הויז, אַ טיכל אויפן קאָפּ געכומען און אוועק מיט אים צו דער קהלה, צו די רבנים, וואָס זיצן דאָרטן, אַ דין-תורה צו האָבן מיט אים פאר די אידן אין די ספאַדיקעס און אין די אַטלעסענע קאַפּאָטעס. מנשה איז געגאַנגען. שעהן לאַנג זענען זיי געזעסן אויף דער באַנק אין פאָדערהויז פון דער בית-דין שטוב, צוזאַמען מיט אלערליי אַנדערע פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך געקריגט און גע-שאָלטן. שיינדל האָט מיט קלוגע פארשטענדיקע רייד אויסדערציילט איר גאַנץ ביטער הארץ פאר די רבנים אין די אַטלעסענע קאַ-פּאָטעס.

— זאָגט איר, הייליקע צדיקים, — האָט זי גערעדט מיט הארץ — צי דאַרף אַ מאַן אַזוי זיך פירן, זאָגט!

די רבנים האָבן מנשהן אָנגעמוסרט, האַרבע רייד צו אים גע-רעדט. מנשה האָט אויסגעהערט די שאַרפע רייד, געשוויגן, און אַז איינער פון די רבנים האָט אים אויסגעשטרעקט אַ ווייכע האַנט אויף תקיעת-כּף, ער זאָל צוזאָגן צו זיין גוט און פרום, האָט ער אפילו זיין אויסגעהאָרעוועטע אַדערדיקע האַנט אים צוריקגעגעבן. דער רב האָט אָנגעקוואָלן פון נחת.

— נו, ווייבל, גייט געזונטערהייט, ער וועט שוין זיין אַנדערש, אייער מאַן, — האָט ער געזאָגט אַ האַפּערדיקער — ער האָט געגעבן תקיעת-כּף, און תקיעת-כּף מוז מען האַלטן!

אָבער מנשה האָט דעם תקיעת־כּף נישט געהאַלטן. ער האָט געטרונקען און געשפּילט ווי פריער. און אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אייגן געלט, איז ער געקומען צו שיינדלען צום קויש מיטן גע־בעקס און געפּאָדערט געלט אויף אַ טרונק. זי האָט אים נישט גע־וואָלט געבן, אָבער מנשה איז נישט אָפּגעטראָטן. מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט, ווי אַן אָרימאַן, מיט טרערנדיקע רויטע אויגן, איז ער געשטאַנען לעבן איר שעהן לאַנג און פאַרדומפּן גערעדט:

— נו, שיינדל, ווי לאַנג וועל איך וואַרטן?

שיינדל האָט זיך געשעמט פאַר די מענטשן אין גאַס. נאָך אַלע בושות, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, האָט זי זיך נאָך אַלץ געשעמט פאַר מענטשן, ווי איר פאָטער אַמאָל, ווי אַלע איריקע אין שטוב, וואָס באַלד קומט זיי דאָס בלוט אין פּנים פאַר בושה. די לעצטע גראָשנס האָט זי אים אָוועקגעגעבן, אַבי ער זאָל נישט שטיין אי־בער איר אין זיין געפאַלנקייט. ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער גענומען וויינען אין הויז, קלאָגן אויף זיין ביטערן גורל, אויסדערציילן אַלע זיינע עוולות אין לעבן, וואָס ער האָט נאָר אַמאָל געליטן.

— אַלע האָבן מיר שלעכטס געטאָן, — האָט ער געיאָמערט, און טריבע טרערן זענען גערונען פון זיינע קאַליעדיקע אויגן.

שיינדל האָט די געוויינען נישט געקענט הערן. נאָך אַ גאַנצן טאָג שרייען אין גאַס, האָט זי געוואָלט מנוחה אַביסל.

— נו, שוין, כ׳האָב עס שוין טויזנט מאָל געהערט, — האָט זי אים געזאָגט.

מנשה האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. די עוולות זיינע, וואָס מען האָט אים געטאָן, זענען אים אין האַלז געשטאַנען, אין שיכורן גאָרגל, און געריסן זיך אַרויס, ווי אָנגעזאַמלטע זויערקייטן אין אַ פאַרשטאָפּטער פלאַש. און אַסך מאָל, אַז שיינדל האָט אים קיין געלט נישט געוואָלט געבן, האָט ער אירע לעצטע געלטער אַרויסגעגנבעט, די עטלעכע גולדן פון דירה־געלט, וואָס זי האָט אין שטרוי־זאַק באַהאַלטן, האָט ער אַרויסגעקראָגן און פאַרשפּילט אין די בעקערייען ביי די געזעלן. פּונקט אַזוי האָט ער זאַכן פון שטוב אַרויסגעטראָגן צו די אַלטוואַרג־הענדלער און פאַר גראָשנס פאַר־קויפט, צו גיין אין שענק. ער האָט שיינדלס אַ קליידל פאַרשאַכערט,

מאַטעסעם געלאַטעטע שבתדיקע קאַפּאָטע פאַרהאַנדלט. אפילו דעם גולדן מלומד-געלט, וואָס שיינדל האָט אוועקגעלייגט פאַר איר אברהמעלע פאַר דער תּלמוד-תּורה, וואו זי האָט אים געשיקט, האָט ער ביים קינד אויסגענאַרט און פאַרטרונקען.

דער קליינער אברהמל האָט געקלעפּט צו מנשהן. ער האָט ליב געהאַט זען אים ווי ער מאַכט זיך נאַריש, ווען ער טרינקט זיך אָן און טוט זאַכן וואָס מען קען זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. ער האָט ליב געהאַט זיינע מעשיות, וואָס ער האָט אים דערציילט. אין זיין עלנדקייט, אין זיין אויסגעמיטן ווערן פון מענטשן, וואָס האָבן אים נישט געוואָלט קענען צוליב זיין שיכּרות און אָפּ-געלאָזנקייט, האָט ער מיט דעם קליינעם אברהמעלע ווי מיט זיינס גלייכן גערעדט, אַלע זיינע צרות פאַר אים זיך אויסגערעדט. דער קליינער, א לעבעדיקער, א זשוואווער, א שונא פון דער תּלמוד-תּורה, וואו מען קלאַפּט אים פרעמדע אומזיניקע און שווערע זאַכן אין קאָפּ אריין, האָט ער מיט אויפגעשטעלטע אויערלעך געהערט פעטער מנשהס רייד. דערצו האָט ער אויך געקענט מאַכן האוואיעס אלערליי, פעטער מנשה, איבערקערן די אויגן אויף דער לינקער זייט, שטעלן זיך אויפן קאָפּ, נאָכמאַכן הענער, חזירים, ציגן און קעץ. היינט האָט ער אויך פון האָלץ אלערליי שיינע זאַכן געקענט אויסשניצן, שיפעלעך און טישעלעך און פערדלעך אפילו. אברהמע-לע האָט אים מיט גרויס חשק אוועקגעגעבן דעם גולדן, וואָס די מאַמע זיינע האָט אים געגעבן אויף צו באַצאָלן אין דער תּלמוד-תּורה. און אפילו אַז פעטער מנשה האָט אים געהייסן ארויסגיין אין א זייטיקער גאַס, אוועקשטעלן זיך אין א ווינקל און בעטן גראָשנס ביי די דורכגייענדיקע ווייבער, האָט עס אברהמעלע גערן געטאָן. עס איז געווען זייער קאָמיש דאָס שטייען אין ווינקל מיט אַן ארויסגעשטעקטער האַנט און רופן הויך:

— שענקט א גראָשן, כ׳בין אַן אָרימער יתום.

די ווייבער האָבן אים גראָשנס געגעבן, געקרעכצט איבער אים. אַנדערע האָבן אים איבערן קעפּל געגלעט. דעם קליינעם האָט שטאַרק געוויילט דאָס רחמנות פון די נאַראָנים, וואָס ער נאַרט זיי אָפּ. אַז ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט א סך גראָשנס,

האָט ער זיי אוועקגעגעבן פעטער מנשהן. פעטער מנשה האָט אים עטלעכע גראָשן איבערגעלאָזט פאַר זיך און אים געהייסן קויפן זיך נאַשוואַרג דערפאַר. אברהמל האָט געלעקט די זיסע זאַכן מיט גרויס אַפּעטיט און אַלע זומער־שפּרענקלעך אין זיין לעבעדיק פּנימל האָבן געקוואָלן פון פרייד.

— זאָלסט ניט דערציילן דער מאַמען, הערסט אברהמעלע, — האָט אים דער פעטער מנשה אָנגעזאָגט.

דעם קליינעם איז געפעלן געוואָרן, וואָס מען האָט אים אַריינגענומען אין א סוד, וואָס די מאַמע דאַרף נישט וויסן דערפון. ער האָט זיך געפילט וויכטיק, ווי א דערוואַקסענער.

אז שיינדל האָט זיך דערוואוסט פון א שכנה וועגן איר קינדס בעטלען אויף די גאַסן, האָט זי איבערגעלאָזט דעם קויש אין מיטן האַנדל און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם אַרויף אין שטוב. זי האָט זיך די האָר געריסן פון קאָפּ, דאָס קינד געשלאָגן, אויף מנשהן מיט די נעגל זיך געוואָרפן. מנשה האָט רואיק אויסגעהערט אַלע זידלערייען, און קאָמישע האַוואַיעס מיט די רויטע אויגן צו אברהמעלען געמאַכט.

— כ׳בין שוין סאַי ווי סאַי קיין ליט נישט, — האָט ער געברומט, אוועקמאַכנדיק מיט דער אָדערדיקער האַנט.

און אַמאָל איז ער גאָר ווילד געוואָרן און געמאַכט סקאַנדאַלן אין שטוב, און דוקא אין דער נאַכט, ווען אַלע שכנים אין הויף זענען שוין געשלאָפן. זי האָט אים נישט צוגעלאָזט, שיינדל, צו זיך. עס האָט איר געעקלט פון אים, פון זיינע טריפנדיקע אויגן, פון זיין בראָנפן־גערוך, פון זיין גאַנצער אָפּגעלאָזנקייט און טריבקייט. מנשה איז ווילד געוועזן פון צאָרן און באַגער.

— מיט דיין זעלנער ביזטו אויך געווען אַזאַ צדיקת? — האָט ער געשריגן אין דער נאַכט.

שיינדל האָט זיך ביי די באַקן געריסן.

— שוויַיג, מענטשן וועלן הערן. דאָס קינד וועט הערן.

— זאָל ער הערן, דער ממזר, — האָט מנשה געמאַכט געוואַלדן — זאָל ער וויסן, אז איך בין נישט זיין טאַטע, נאָר דער זעלנער דיינער.

אין זיין כעס האָט ער טעלער געבראָכן און אפילו צו שיינדלס אינגערע שוועסטער גענומען צושטיין אין זיין שכרותדיקן באַגער.

— זאָלן אַלע הערן — האָט ער געמאַכט קולות און געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש — איך בין אַ מאַן, און איך קען טאָן וואָס איך וויל.

מיט עקל האָט זי אים צוגעלאָזט צו זיך, אבי ער זאָל זיך איינ־שטילן, נישט ברענגען קיין בושות אויף דער שטוב. אָבער מנשה האָט ארויסגעפילט איר האַס צו אים, זיין אָפּגענאַרטקייט, און ער האָט גענומען קלאָגן אין דער נאַכט אין זיין אנטוישונג און איי־פערזוכט. די געשיכטע מיטן זעלנער אירן איז אים גאַרנישט פון קאָפּ ארויס.

— פאַר זיך האָט ער אַראָפּגענומען די סמעטענע און מנשהן האָט ער געלאָזט די זויערמילך, — האָט ער געביטערט אין דער נאַכט.

דורך שכנהשע ווענט האָבן פויסטן אריינגעקלאַפּט. פאַר־שלאָפענע קולות האָבן גערופן:

— העי, שטום ווערטס דאָרט, לאָזטס שלאָפן באַנאַכט!

## קאַפּיטל אכט־און־צוואַנציק

קאָנראַד לעמפּיצקי, דער שעף פון דער דעפענסיווע אין וואַר־שע, האָט ווי יעדן פרילינג פאַרן ערשטן מאַי צונויפגערופן זיינע לייט און זיי ארויסגעגעבן באַפעלן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די אַרבעטער, וואָס וועלן דעמאָנסטרירן אויף די גאַסן אין ערשטן מאַי.

ער האָט זיי אַ סך זאַכן אָנגעזאָגט. ערשטנס, זיי זאָלן זיין העפלעך צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קאָנראַד לעמפּיצקי איז אַליין יאָרנלאַנג געווען אין די צאַרישע צייטן אַ מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אפילו אַ שטיקל טעראָריסט, און ער האָט נאָך געהאַט סימפּאַטיעס צו די אמאָליקע חברים זיינע. כאָטש ער האָט אוועקגעוואָרפן די קינ־

דערשע נארישקייטן און א שיינע קאריערע געמאכט — דער שעף פון דער דעפענסיווע אין דער הויפטשטאָט אליין געוואָרן, האָט ער נאָך אלץ געהאט א סך באקאנטע און פריינט צווישן די פּארטיי-לייט און פּראָפעסיאָנעלע טוער. איבערהויפּט האָט ער געהאט דרך-ארץ פאר די פּארטיי-פירער, פאר די עלטסטע, צווישן וועלכע עס זענען געווען היפּש דעפּוטאטן, סענאטאָרן און הויכע באאמטע. ער האָט געוואוסט, אז מיט גרויסע מענטשן דארף מען לעבן בשלום, ווייל מען קען קיינמאָל נישט וויסן ווען זיי קענען קומען צו דער מאכט. עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן, אז מענטשן פון אָט דער פּארטיי זענען צו דער העכסטער שטופע דערגאנגען, און עס קען ווידער טרעפן. דעריבער דארף מען מיט זיי לעבן גוט, ארויסווייזן זיי פריינטשאפט. און כאָטש ער האָט נישט גערן געזען דעמאָנסטראציעס און רויטע פאָנען אויף די גאסן פון זיין שטאָט, וואָס דאס רייצט די אָרימע און אומצופרידענע, האָט ער פונדעסט-וועגן אָנגעזאָגט זיינע לייט, זיי זאָלן אָפּהיטן די דעמאָנסטראנטן פון דער פּוילישער סאָציאליסטישער פּארטיי, נישט לאָזן קיין האָר פאַלן פון זיי. ער האָט געוואוסט, דער קאָמיסאר לעמפּיצקי, אז כאָטש די ארבעטער זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, דראָען מיטן טאָג פון נקמה וואס וועט קומען, און רעדן אפילו שלעכטס קעגן דער פּאָליציי, איז עס נישט מער ווי רייד, וואָס אינגלעך רעדן. אין דער אמתן זענען די מארשירער גוטע פּאטריאָטן, קאטאָליקן איינס אין איינס, אייגענע מענטשן.

די אידישע סאָציאליסטישע פּארטייען האָט ער איבערגעלאָזט צו דער גאָס. ער אליין האָט זיי נישט געטשעפּעט. קאָנראד לעמ-פּיצקי ווייסט, אז געזעץ איז געזעץ. ווי לאנג דאָס געזעץ פאר-באָט נישט די אידישע סאָציאליסטישע פּארטייען ארויסצוגיין מאר-שירן, דארף ער, לעמפּיצקי, זיך אונטערוואַרפן דעם געזעץ. אבער אז די סטודענטן און די יונגען פון די פּאטריאָטישע אָרגאניזאציעס וועלן אליין מיט שטעקנס באפאַלן די אידלעך און זיי דורכלופּטערן די ביינער, דארף זיך לעמפּיצקי נישט צערייסן דעם פּעלץ. די פּאָליציי זיינע דארף זיך נישט אָננעמען פאר די אידלעך, וואָס קריכן ארום אויף די גאסן מיט זייערע אידישע פאָנען און גע-

זאנגען. איבערהויפּט, ווען זיי קריכן ארויס פון דער גהעטאָ און מאַרשירן איבער די שיינע קריסטלעכע גאַסן. כאָטש לעמפּיצקי האָט פילע אידישע פריינט, מיט וועלכע ער גייט אָפּט א הוליע טאָן אין די גרויסע רעסטאָראַנען, כאָטש ער מאַכט שיין געלט ביי אידן, ווען זיי דאַרפן אָנקומען צו אים, האַלט לעמפּיצקי, אז אי־דעלעך דאַרפן נישט קריכן אויבנאָן. זאָלן זיי זיך מאַרשירן און רייסן די העלזער און זינגען ווען פרייהייט אין זייערע אידישע גאַסן און געסלעך. אין די פּוילישע גאַסן איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי. אמת, ער אליין קען זיי דאָס נישט פאַרווערן, דאָס געזעץ דערלויבט יעדן צו גיין און מאַרשירן וואו מען וויל, אבי מען געהער נאָר צו א לעגאַלער פּאַרטיי, אבער אז די סטודענטן שלאָגן אַזעלכע אידלעך און ברעכן זיי די ביינער, איז אדרבא. זאָלען די פּוילישע אינגלעך הנאה האָבן, אמוזירן זיך אביסעלע. די פּאָליציי דאַרף קומען שפּעט, ווען די אידלעך וועלן שוין לויפן אויף אלע פיר זייטן.

שטאַרק שטרענג און אומברחמנותדיק האָט לעמפּיצקי גע־הייסן זיין זיינע מענטשן צו די רויטע לייט, צו די אָנהענגער פון מאָסקווע, וואס ווילן אין פּוילן איינפירן די סאָוועטישע אָרדנונג. דאָ האָט לעמפּיצקי געהאַט דאָס געזעץ אויף זיין זייט. די רע־גירונג אליין האָט פאַרבאָטן די לייט צו ווייזן זיך אויף די גאַסן. זיי האָבן נישט געפאָלגט און יאָ ארויס מיט זייערע פאָנען און לאָ־זונגען. און לעמפּיצקי האָט אָנגעזאָגט זיינע לייט, זיי זאָלן זיי געבן פעפער צו שמעקן.

— נישט זשאַלעווען זיי, אינגלעך, — האָט ער באַפוילן זיינע מענטשן — שניידן ווי אין קרויט אריין.

— לויטן באַפעל. — האָבן די „אינגלעך" געזאָגט שמייכ־לענדיק.

אָבער דערמיט אליין האָט נאָך לעמפּיצקי זיך נישט באַנוגנט. כאָטש די פּוילישע זשורנאַליסטן אין די צייטונגען און די דעפּו־טאַטן אין סעים האָבן געשריבן און גערדרשנט, אז אלע מאָסקווער אָנהענגער זענען אידן, האָט לעמפּיצקי געוואוסט פון פּראַקטיק, אז עס איז ווייט נישט אזוי, אז א סך פּאָליאַקן, אמתע קאַטאָליקן,

זענען אָנהענגער פון דער מאָסקווער אָרדנונג און זיי ווילן אויך אין פוילן איינפירן די סאָוועטן, זענען בעלנים צוצונעמען ביי די פאַב-ריקאַנטן די פאַבריקן, ביי די פּריצים די גיטער און אים, לעמ-פּיצקין מיט זיינע לייט, שטעלן צום ווענטל. לעמפּיצקי האָט זיי פיינט געהאַט אָט די לייט, די קאַטוילישע, פּונקט ווי די אידלעך צווישן זיי. אבער געוואוסט האָט ער, אַז עס טויג נישט פאַרן לאַנד אָנצוגעבן אָט דעם אמת. דאָס איז אַ שלעכטע פּאָליטיק אָנצוגעבן פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז נישט נאָר אידלעך, נאָר אמתע פּאָליאַקן, קאַטאָליקן, זענען פאַר אַ סאָוועטישער אָרדנונג. דאָס קען ברענגען דערצו, אַז אַ סך פּוילישע אַרבעטער און פּויערים, וואָס לעבן שלעכט, וועלן טראַכטן נאָכצוגיין אין די וועגן פון זיי-ערע ברידער. אויך וויל די פּוילישע פּרעסע נישט האָבן קיין ריין-פּוילישע נעמען אין די באַריכטן פון די אַרעסטירטע העצערס. זיי האָבן ליבער אָנצוגעבן אידישע נעמען פון די אַרעסטירטע פיינט פון לאַנד, נישט קיין נעמען פון פּאָליאַקן. און קאָנראַד לעמפּיצקי האָט דאָס גענומען אין באַטראַכט אויף דער באַראַטונג מיט זיינע מענטשן פאַרן ערשטן מאַי. שטילערהייט, מיט האַלבע ווערטער, ווי פאַר אַ העכערן באַאַמטן פון זיין שניט פּאַסט, האָט ער אָנגע-זאָגט זיינע לייט, זיי זאָלן וואָס ווייניקער אַרעסטירן קאַטאָליקן צווישן די מאָסקווער לייט, נאָר די שוואַרץ-האָריקע און שוואַרץ-אויגיקע פאַרשווינדלעך.

— איר פאַרשטייט וואָס איך מיין, אינגלעך? — האָט ער געפרעגט, קוקנדיק מיט די גרויע אויגן אין די געהאָרכזאַמע אויגן פון זיינע לייט.

די אינגלעך האָבן פאַרשטאַנען קאָנראַד לעמפּיצקיס רייד און הנאה געהאַט פון זיי. עס איז בעסער צו שלאָגן די שוואַרצע אידלעך איידער אייגענע וואָנסדיקע לייט. איבריגנס זענען די אייגענע גרעסערע שלעגערס אויך ווי די אידן. אַז לעמפּיצקי איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט ער נאָך איין קליינע וואָרנונג גע-געבן צו זיינע לייט.

— אינגלעך, — האָט ער געזאָגט — דעם געקרייזלטן חבר דניאל קענט איר?

— געווים, הער קאָמיסאַר! — האָבן די אינגלעך געענטפערט.

— פאַרלאַנג איך, אַז אים זאָל מען נישט טשעפּען! — האָט לעמפּיצקי באַפוילן — זיינע לייט שניידט וויפיל איר קענט, אָבער אים אליין זאָל קיין האָר נישט געקרימט ווערן.

די אינגלעך האָבן צוגעזאָגט צו היטן חבר דניאלן, און לעמ-פּיצקי איז אוועק פון דער באַראַטונג צו דער קאַפּע אויף טעאַטער-פּלאַץ, אויסצוטרינקען אַ שוואַרצע קאַווע אין דער געזעלשאַפט פון עטלעכע מיטל-יעריקע אָפּערעטן-אַקטריסעס, וועמעס אַנהענגער ער איז געווען.

נישט צוליב ליבשאַפט צו חבר דניאל האָט לעמפּיצקי באַ-פוילן צו באַשיצן אים.

לעמפּיצקי האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף חבר דניאל, וואָס מיט די רעוואָלוציאָנערע רעדעס און שיינעם געפליגלטן פּויליש העצט ער אים אויף די שטאָט, נישט נאָר די אידישע אַרבעטער, נאָר אויך די פּוילישע, איבערהויפּט ווען ער ציט אויס זיין שיינע האַנט און ווייזט צו מזרח. נאָך מער האַרץ האָט ער געהאַט אויף אים, וואָס ער איז געוואָרן אַ דעפּוטאַט אין סעים, געשיקט פון די רויטע לייט. וויפיל ער, לעמפּיצקי, האָט זיך נישט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אים נישט אַריינצולאָזן דאָרט; וויפיל זיינע מענטשן האָבן די רויטע נישט געיאָגט, געטריבן, אַרעסטירט און געגעבן זיי פּעפער צו שמעקן, האָבן זיי פאָרט דעם חבר דניאל זייערן אויסגעוויילט אין סעים, פאַר דעפּוטאַט אים געמאַכט. אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, אין זיין שטאָט, וואָס ער דאַרף זי באַ-שיצן און היטן, איז דער רויטער פאַרשטייער דניאל דורכגעגאַנגען, און נישט נאָר געוויילט פון אידלעך, נאָר טאַקע פון אַ סך פּאָליאַקן, אמתע קאַטאָליקן. לעמפּיצקי האָט זיך געשעמט דערמיט. עס איז אים אַ בושה געווען פאַר דער רעגירונג, פאַר די מיניסטאָרן, נאָך מער פאַר דער פּרעסע, וועמען ער האָט געזוכט אַזוי געפעלן צו ווערן. דערצו האָט זיך חבר דניאל, אָט דאָס אידל מיטן שיינעם פּנים, צעלאָזט ווי אַ זינג-פויגל אין סעים.

ער האַלט אין איין אַריינטראָגן אינטערפּעלאַציעס, רעדן, אַגיטירן. אמת, די זשורנאַליסטן פון די ציַיטונגען דערמאָנען נישט

קיין איין וואָרט אפילו פון דעם אידלס שיינע רעדעס, דאָך ווערט אים נישט מיאוס ביי יעדער געלעגנהייט ווידער זיינע שטענדיקע רעדעס צו האלטן. ער דרוקט זיי אָפּ, די רעדעס זיינע, און לאָזט זיי פארשפרייטן אין די פאבריקן און אין די דערפער, וואָס דאָס פירט א סך פון די ארבייטנדיקע פון גלייכן וועג אראָפּ. צוליב דעם וואָס ער איז דעפּוטאַט, טרעט ער אויך אַרויס פאר ארבעטער אויף די פלעצער און גאסן. ער פאָרט פון שטאָט צו שטאָט אומזיסט אויף די פּוילישע באנען, מיט ערשטער קלאַס, ווי א פּריץ, און פאר־שפּרייט זיינע העצערישע רעדעס קעגן דער מאכט פון לאנד. די רעגירונג מוז אים נאָך צאָלן אפילו א געהאלט, א לוין פאר זיין דע־פּוטאַנטנשאַפט, וואס ער גיט אוים אויף ארויסגעבן פראָקלאַמאַציעס דערפאר. און ער, לעמפּיצקי, קען גאָרנישט אים טאָן, וואָרים ער איז אומבארירלעך. דאָס האָט לעמפּיצקין א סך בייז בלוט גע־מאכט. יעדן מאָל וואָס ער האָט אים געזען אויפסניי, דעם חבר דניאלן, אין גאס אָדער אין סעים, האָט ער אים דערמאָנט אין זיין דורכפאַל. איצט צום ערשטן מאַי, האָט זיך דער חבר דניאל שטאַרק געגרייט. אויפן טעאטער־פּלאַץ אליין, אין צענטער פון שטאָט, האָט ער געגרייט שיקן זיינע לייט און פאר זיי רעדן פראנק און פריי זיינע העצערישע רעדעס. דאָס האָט אויך די לייט זיינע א סך מוט צוגעגעבן און זיי האָבן זיך געגרייט צום יום־טוב אין גרויסע מאסן, אזוי אז די פּאָליציי וועט האָבן א סך ארבעט מיט די לייט, א שווערע מלחמה. דאָס אלץ האָט לעמפּיצקין זייער א בייז הארץ געמאכט אויף דעם שונא זיינעם, דעם חבר דניאל.

דאָך האָט ער אָנגעזאָגט זיינע לייט, זיי זאָלן אים נישט טשע־פּען. אומגעקערט, זיי זאָלן אים היטן און באַשיצן פון זייטיקע אָנפאַלער.

וואָרים לעמפּיצקי איז א מענטש, וואס טויג זיך אוים אין פּאָליטיק. לעמפּיצקי ווייסט, אז אפילו אין קריג מיט א שונא שניידט מען נאָר די קליינע פישלעך, די סאָלדאטן. גענעראלן גיט מען אָפּ כבוד אפילו ווען מען נעמט זיי אין געפאנגענשאַפט. לעמ־פּיצקי האלט פון גרויסע לייט, פון פירער. פירער זענען מענטשן, וואָס מען קען קיינמאָל נישט ווייסן וואוהין די געשיכטע קען זיי

פאַרפירן. עס איז נישטאָ קיין זיכערקייט אויף דער וועלט. אַלץ ענדערט זיך פון נאָך דער מלחמה אָן. דאָס רעדל דרייט זיך מיט א משוגענעם גאנג. דאַריבער דאַרף מען מיט פירער, אפילו פיינט-לעכע, זיין פאָרזיכטיק. די מאסן, די אַלע ארבעטער און האַלבע אינטעליגענטלעך, זיי מעג מען שניידן ווי אין קרויט אַריין, מלחמה איז מלחמה! אבער דעם פירער זייערן דאַרף מען שוינען. א קלו-גער מענטש דאַרף קיינמאָל נישט פאַרברענען די בריקן הינטער זיך. לעמפּיצקי האָט אויך געוואוסט, אז דעם חבר דניאל גייט אוים ס׳חיות, מען זאָל אים אָנשלאָגן אביסל. דאָס וואָלט זייער גוט געווען פאר אים צו קומען אין סעים מיט א פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און דונערן קעגן דער ברוטאַליטעט פון לעמפּיצקיס לייט. אויך וואָלט ער מיט דעם פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ געלאָזט זיך איבער די ארבעטער-גאסן, פאר א מאַרטירער זיך ארויסגעשטעלט. און לעמ-פּיצקי האָט אים דאָס פאַרגעניגן נישט געוואָלט אָנטאָן. איבע-ריגנס, האָט לעמפּיצקי ליב אָפּצוהיטן דאָס געזעץ, ווי פאר אזא מענטש שטייט אָן. דוקא ווייל אָט די העצער האַלטן אים אין איין באַשימפן, אז זיינע לייט ברעכן דאָס געזעץ, שלאָגן און פּייניקן ארעסטירטע, דוקא ווייל ער, דער חבר דניאל אליין, האַלט אין איין באָמבאַרדירן אים אין סעים פאר באַגיין געוואַלדטאַטן קעגן זיינע קלאסן-פיינט, וועט ער אים ווייזן, אז געזעץ איז געזעץ, אז א דע-פּוטאַט איז אומבאַרירלעך אין לאַנד. זיינע אייגענע אגענטן, וועל-כע יענער באַשמוצט אזוי, וועלן אים, דעם שונא זייערן, באַשיצן און נישט לאָזן א האָר אים קרימען.

פונקט ווי לעמפּיצקי, האָבן זיך חבר דניאלס לייט געגרייט צום מאַי יום-טוב, און הייסער פון אַלע — נחמן דער בעקער, דניאלס אָנהענגער און פאַרערער. ער האָט נישט אומזיסט געאַר-בעט, נחמן, נישט אומזיסט געפּטרט זיינע נעכט אין שרעק און אין איינשטעלעניש, נישט אומזיסט ארומגעריסן זיך אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. חבר דניאל, זיין חבר דניאל, דער פאַרשטייער פון די געדריקטע און גערודפטע, זיצט אין סעים. פריי, אָן יעדער צוים, וואַרפט ער דער אַלטער וועלט זיינע פייערדיקע פיילן, און רופט די שקלאַפן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קייטן פון קנעכטשאַפט,

ווי מען האָט עס געטאָן דאָרט, אין מזרח. נחמן האָט זיך געפּילט שטאָלץ דערמיט. און ער האָט מיט ברען זיך געגרייט צום אַרבע- טער יום-טוב, אויף וועלכן חבר דניאל וועט רעדן. די פּאַרטיי- קעגנער זיינע, פון זאַלקינדס לייט, האָבן נישט געקענט דורכפירן זייער פאָרשטייער אין סעים. די מאַסן זענען נישט נאָכגעגאַנגען נאָך זייערע פאַרקויפטע פירער. זיי האָבן געהערט די רעוואָלו- ציאָנערע רופן פון זיין חבר דניאל, דעם איינציקן אמתן פאָר- שטייער פון די אַרבעטנדיקע. נחמן האָט געשפּאָט פון זיי אין די אַרבעטער-קיכן, חוזק געמאַכט פון זיי, און גערופן זיי צו זיך. אַ סך זענען טאַקע געגאַנגען אויך. דאָס אַלץ האָט אים מיט אַ סך שטאָלץ אָנגעפילט. ער האָט געהאַט אַ חלק אין דעם זיג. חבר דניאל אַליין האָט עס אים געזאָגט. און ער האָט געזען טאַקע אָפּ- צוהיטן דעם פאָרשטייער זיינעם אויף דער דעמאָנסטראַציע. כאָטש עס איז בעסער געווען נישט צו טראָגן מיט זיך קיין זאַך, ווען מען גייט אַרויס אויף אַ דעמאָנסטראַציע, כדי נישט צו האָבן קיין באַלאַסטענדע באַווייזן פאַר לעמפּיצקיס לייט, ווען מען פאַלט אַריין צו זיי, האָט נחמן געקראָגן ערגעץ אַ רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאַלטן אַ געלאָדענעם אין דער הויזן-קעשענע, כדי צו באַשיצן דעם חבר דניאל, ווען די שונאים זיינע וועלן אים וועלן שלעכטס טאָן. מיטן אייגענעם לעבן האָט ער געוואָלט באַשיצן דאָס לעבן פון חבר דניאל, ווי אַ געטרייער זעלנער, וואָס שטעלט אויס זיין אומוויכטיקע ברוסט, כדי אָפּצוהיטן דעם קריגס-פירער פון דער גאַנצער אַרמיי. ער האָט אויך היפּש פּראָקלאַמאַציעס פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך שטעלן אין די רייען, קעגן פאַר- באָט פון לעמפּיצקין. שוין עטלעכע טעג פריער פאַרן יום-טוב האָט ער און זיינע לייט פאַרוואָרפן אַ סך קליינע פענדלעך אויף די עלעקטרישע דראָטן אין די גאַסן, רויטע פענדלעך מיטן האַמער און סערפּ. נחמן האָט האַרציק געלאַכט זעענדיק ווי לעמפּיצקיס לייט קריכן אויף לייטערס און מאַטערן זיך אַראָפּצונעמען די קונציק- פאַרוואָרפענע פענדלעך פון די דראָטן.

פון די ערשטע האָט ער זיך געשטעלט אין מאַי-פרימאָרגן אויפן טעאַטער-פּלאַץ און אַכטונג געגעבן, אַז די גרופּן זייערע זאָלן

זיך פארזאמלען אין צייט. זיי זענען נישט ארויס אין געשלאָ-סענע רייען, ווי עס פּאסט, וואָרים עס וואָלט געווען נאריש זיך אויסצושטעלן קעגן די באַיאָנעטן פון לעמפּיצקים פּאָליציאַנטן און אַגענטן. אין קליינע גרופּן איז מען זיך צונויפגעקומען, מיט פאָנען באהאלטן אונטער די רעקלעך.

מיט שפּיצלעך האָט חבר דניאל באפוילן זיך אריינצורייסן אין די רייען פון דער פיינטלעכער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ערשט דאמאָלט, ווען מ׳וועט זיין אויסגעמישט אין די פיינטלעכע רייען, זאָל מען ארויסציען די אייגענע באהאַלטענע פאָנען און ארויס מיט אייגענע לאָזונגען און רעדעס. דערמיט וועט מען אויפרייסן דעם פיינטלעכן לאַגער פון אינווייניק און אויך אָפּטאָן א שפּיצל דער פּאָליציי, זי זאָל נישט וויסן ווער עס איז פריינט און ווער שונא. אבער לעמפּיצקי האָט באצייטנס פון זיינע אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן געוואוסט וועגן חבר דניאלס מאַנעוו-רעס, און זיינע לייט צוגעגרייט דערצו. פּונקט אזוי האָבן די אָרדנונגס-היטער פון יענעם צד, די ארבעטער מיט די רויטע שלייפעלעך פון רעכטן צד, נישט צוגעלאָזט די שונאים אריינקריכן אין זייערע רייען. מיט שטעקנס אין די הענט, מיט רעוואָלווערן אפילו, האָבן זיי געהיט די פרעמדע לייט, נישט אריינצולאָזן זיי אינווייניק אין זייערע רייען.

מיט גרויסע פאָנען אין די הענט, אויף וועלכע עס איז אָנגע-שריבן מיט גאָלדענע אותיות, „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאראייניקט אייך״, מיט אָפענע אויערן צו די רעדעס פון די פּאַר-טיי-פירער וועגן פּראָלעטארישער אחדות, האָבן די דעמאָנסטראַנטן פון ביידע צדדים געזידלט זיך מיט די מיאוסטע רייד, געשלאָגן זיך מיט שטעקנס, מיט פויסטן און אפילו אריבערגעשאָסן צו זיך פון רעוואָלווערן. און אז פּלוצלונג האָט חבר דניאל פלינק זיך ארויפגעכאַפּט אויף עטלעכע אָרעמס פון זיינע לייט און מיט זיין באַריטאָן-שטים א דונער געטאָן: חברים, פּראָלעטאַריער! — זע-נען לעמפּיצקים מענטשן גלייך אויסגעוואקסן און גענומען שניידן אין חבר דניאלס לייט, שלאָגן מיט אליץ, וואָס זיי האָבן אין די הענט געהאט, מיט קאָלבעס, מיט הענטלעך פון רעוואָלווערן, מיט

פּאָליציייאישע שטעקנס. וואס די פּאָליציאַנטן האָבן נישט דער-שלאָגן, האָבן די אָרדנונג-היטער צוגעגעבן.

— שנייד מאָסקווע! — האָבן קולות געדופן.

עטלעכע ציווילע לייט האָבן דורכאויס געוואָלט דעם רעדנער אליין אָנלערנען, אבער לעמפּיצקים אַגענטן זענען באַצייטנס געווען ארום אים און ווי אן אבן-טוב אים געכאַפּט אויף די הענט. חבר דניאל האָט געריסן זיך, מיט די פויסטן געשלאָגן אין די אַגענטישע פּנימער, אפילו מיט די נעגל געדראַפּעט, ווי א פרוי. — לאָזט מיך צו דער דעמאָנסטראציע — האָט ער געשריגן. — לאָזט מיך, שפּיצלם!

די אַגענטן האָבן זיך נישט פארטיידיקט.

— א דראָשקע פארן הער דעפּוטאַט! — האָבן זיי גערופן און אים אריינגעזעצט אין דער דראָשקע, ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, קיינער זאָל אים קיין שלעכטס נישט טאָן. די באַוואָפנטע לייט האָבן געשלאָגן די אנטלויפנדע דעמאָנסטראנטן, ארעסטירנ-דיק יעדן שווארצהאָריקן און שווארצאויגיקן פון זיי, מענער און ווייבער.

— קיין מאָסקווע, קיין פּאַלעסטינע! — האָבן די סטודענטן אין די קארפּאראנטישע היטלעך געשריגן צו די ארעסטירטע אין די אָפענע לאסט-וואָגנס.

מיט א צעקלאַפּטן קאָפּ, א פארבלוטיקטער, איז נחמן ארויס א פרייער פון לעמפּיצקים לייט. אין דער לעצטער מינוט, ווען אַן אַגענטישע האנט האָט שוין זיין אקסל אָנגעכאַפּט, האָט נחמן א פלינקן דריי ארויס זיך געגעבן און ארויסגעגליטשט זיך פון דער נעץ. אין ערשטן אידישן הויף, צו וועלכן ער האָט דערגרייכט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים קראַן וואסער, דאָס בלוט פון קאָפּ ארומגעוואַשן און מיט א פּאָלע פון רעקל ארומגעווישט. די וואונד איז נישט געווען קיין טיפע און נחמן האָט זיך דערפון נישט שטארק געמאכט. ער האָט נאָך געהאַט א סך ארבעט דעם טאָג, זען זיך מיט חברים, כדי צו וויסן וויפיל פון זייעריקע זענען פאר-האַלטן געוואָרן, וויפיל פארוואונדעט. אויסער דעם האָט ער נאָך געדאַרפט זיך אריינכאַפּן אין די קענגערישע רייען, אין זייערע

זאַלן און אין די טעאַטערס, וואו זיי האַלטן אָפּ זייערע מיטינגען, כדי צו פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס און אַראָפּרייסן זייערע רעדנער.

פּונקט ווי נחמן דער בעקער, האָבן א סך אַנדערע וואַרשעווער איינוואוינער ענערגיש געאַרבעט אין דעם טאָג פון ערשטן מאַי. אין די פּוילישע רעדאַקציעס האָבן די רעפּאָרטערן מיט גרויס אייפער באַשריבן די מלחמה, וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט אויסצושטיין קעגן די אידישע אָנהענגער פון מאָסקווע, אָנגעבנדיק די אידישע נעמען פון די אַרעסטירטע. די נעמען זענען געווען א סך, און די רעפּאָרטערן האָבן הנאה געהאַט פון די שורות, פאַר וועלכע זיי האָבן גענומען צו צען גראָשן פאַר יעדערער. זיי האָבן דערפאַר לעמפּיצקין געלויבט, א סך רעקלאַמע אים געגעבן, ווי ער האָט ליב.

לעמפּיצקיס „אינגלעך" האָבן געהאַט אַרבעט דעם טאָג. זיי האָבן געגעבן די מאָסקווער פעפער צו שמעקן, ווי זייער שעף האָט געהייסן.

אין דער גרויסער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע האָט דער אַמבאַסאַדאָר און זיינע באַאַמטע אויפגענומען די פּרעסע-מענטשן און הויכע באַאַמטע לכבוד דעם יום-טוב פון ערשטן מאַי, וואָס איז א פאָלקס יום-טוב. די באַאַמטע האָבן געטראָגן שוואַרצע קליידער. זייערע ווייבער זענען געגאַנגען אין זיידנס און אין טיולען מיט טיפע דעקאָלטן. אין די גרויסע אויסגעפּוצטע זאַלן, באַהאַנגענע מיט בילדער און באַפּוצטע מיט פּערסישע טעפּיכער, זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אויף טישן רוסישע וויינען, ליקערן, בראַנפנס אַלערליי, פּאַפּיראָסן, קאַוויאַר אין זילבערנע פעסעלעך. די פּרעסע-לייט, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט זייערע גיפטיקע אַרטיקלען קעגן די מאָסקווער דעמאָנסטראַנטן, די שונאים פון לאַנד, האָבן באַלעקט זייערע וואָנסן פון די געשמאַקע רוסישע קאַוויאַרן און שנאַפּסן.

— וואונדערבאַר, עקסעלענץ — האָבן זיי געמאַכט קאָמפּלימענטן דעם שמייכלענדיקן אַמבאַסאַדאָר.

דער אַמבאַסאַדאָר, אַן אויסגעפּוצטער, א זיסער, האָט זיי רעקאָמענדירט די נייסטע פּאַפּיראָסן פון סאָוועטן-לאַנד. — פּרובירט

זיי אויס, מיינע הערן — האָט ער געזאָגט מיט גאַסטפריינטלעכ-קייט. — איך האָף, אז איר וועט זיי ליב האָבן.

דער קאָמיסאַר לעמפּיצקי אליין איז ארומגעפאָרן מיט זיינע לייט ארום דעם גרויסן סאָוועטן-בנין, אכטונג צו געבן, אז די סטודענטן זאָלן נישט דעמאָנסטרירן קעגן דער אמבאַסאַדע.

— סערוואוס, רעדאַקטאָר, — האָט ער באַגריסט אויפן ווינער שטייגער, ווי ער איז עס געוואוינט געווען אין גאַליציען פאַר די עסטרייכישע צייטן, יעדן זשורנאַליסט, וואס איז צוגעפאָרן צו דער אַמבאַסאַדע. — גוט געאַרבעט, הא? פיינעם מאַטעריאַל צוגע-שטעלט דער פרעסע . . .

— גלענצנד, קאָמיסאַר — האָבן די זשורנאַליסטן אים גע-לויבט. — מיר האָבן אייך זייער שיין באַהאַנדלט דערפאַר. א סך רעקלאַמע געמאַכט. אייער פאָטאָגראַפיע אויך געגעבן.

לעמפּיצקי איז זיך צעגאַנגען אין זיסקייט. ער האָט שוין גע-וואַרט מיט אומגעדולד צו זען די מאָרגן-צייטונגען, וואָס וועלן זיין פול מיט זיין נאָמען און בילד.

אין די אידישע גאַסן האָט נחמן, א פאַרבאַנדזשירטער, גע-שלאָגן זיך מיט די קעגנערישע פּאַרטייען אויף זייערע מיטינגען.

— דינער פון קאַפּיטאַל — האָט ער געוואַלדעוועט — פאַר-קויפטע נשמות, רעאַקציאָנערן.

מיט יעדן געשריי מער, האָט ער געגלויבט, רייסט ער אַלץ מער אָפּ א ציגל פון דער אַלטער אומגערעכטער וועלט און בויט צו א נייעם פליגל צום גרויסן בנין פון דער קומענדיקער גערעכטער וועלט.

צומאָרגנס האָט חבר דניאל געהאַלטן א פייערדיקע רעדע אין סעים געגן דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי. א גאַנצע נאַכט פריער האָט ער געגרייט די רעדע זיינע, די שענסטע ווערטער אויס-געזוכט, א וועלט מיט ציטאַטן פון גרויסע מענטשן אריינגעפּאַקט, אזוי, אז זי זאָל בלייבן א דאָקומענט פאַר דער געשיכטע. ער איז אליין גערירט געוואָרן פון זיינע שיינע רעוואָלוציאָנערע רייד, זיכער געווען, אז זשאָרעס אליין, וועמען ער האָט באַוואונדערט אין פּאַריז אמאָל, וואָלט קיין בעסערע רעדע נישט געהאַלטן. אָבער קיינער האָט זיין רעדע נישט געהערט. די דעפּוטאַטן פון די רעכטע בענק האָבן

געשריגן, געפייפט, געלאכט. כאטש חבר דניאל האט גערעדט דעם שענסטן פוילישׂ, א פיל בעסערן פון זיי, האבן זיי נאכגעשפעט זיין רעדן, נאכגעקרימט מיט א אידישן קאמישן אקצענט און געשריגן:

— איי, וויי, מוישע, פאר קיין ירושלים . . .

קיין ווארט האבן זיי אים נישט געלאזט אויסרעדן, און ער האט געמוזט אריינרעדן זיין שווער אויסגעהארעוועטע דרשה די סטענאג־ראפיסטקעס אין די אויערן אריין, די איינציקע צוהערער זיינע. ער האט אויפגעהויבן זיינע הענט צו די לינקע בענק, וואו די פוילישע סאציאליסטן זיצן. ער האט מיט זיי פארטיי־חשבונות געהאט און ער האט זיי געוואלט דערלאנגען, דערציילן זיי די מעשה, וואס'ערע קאנטער־רעוואלוציאנערן, פארקויפטע נשמות, דינער פון קאפיטאל, מוסרים און פראוואקאטארן זיי זענען. די רעכטע בענק האבן אויפ־געהערט טומלען. זיי האבן געוואלט הערן די מלחמה צווישן די רויטע צווישן זיך.

— העי, די רויטע וואשן זיך די שמוציקע וועש, זייט שטיל — האבן די פירער פון די רעכטע בארואיקט זייערע לייט.

אבער די לינקע בענק זענען באצייטנס געווען ליידיק. זיי האבן נישט געהאט קיין חשק, די לינקע בענק, צו זיין ביי דער אפשטי־מונג וועגן חבר דניאלס אינטערפעלאציע. נישט זיי האבן געקענט שטימען קעגן זיינע פארוואורפן דער פאליציי, נישט זיי האבן גע־וואלט שטימען פאר זייער שונא, און זיי זענען באצייטנס ארויס צום רעסטאראן אין סעים.

— הערן דעפוטאטן, מיר האבן היינט געהאקטע וועמפלעך — האט די בלאנדע אנגעקארבירטע קעלנערין פון סעים־בופעט אנגע־זאגט א בשורה די טומלענדיקע דעפוטאטן, וואס האבן זיך אלע מיט א מאל אריינגעלאזט אין רעסטאראן — א באליבט מאכל פאר א פוילישן מאגן.

— חברים, וועמפלעך — האבן זיך די דעפוטאטן אונטערגע־געבן חשק — געהאקטע וועמפלעך, חברים.

## קאַפּיטל ניין-און-צוואַנציק

אז חנהקע האָט דערפילט אַז ענדערונג אין איר לייב, וואָס איז געקומען פון איר צוזאַמענגוואוינען מיט נחמנען, האָט איר צום ערשטן שטאַרק פאַרן האַרץ פאַרכאַפּט פאַר אומרואיקייט, דערנאָך האָט זי דערפילט פלאַמען אין די באַקן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, באַלד האָט זי דערפילט א שטאָלץ אין זיך, ווי יעדער מוטער, וואָס טראָגט א קינד אין איר לייב.

אומגעדולדיקער ווי יעדן טאָג האָט זי אויסגעקוקט אויף נחמנען, כדי האַלב שטאָלץ און האַלב דערשראָקן אָנצוזאָגן אים די בשורה. אָבער נחמן איז נישט געקומען, נישט בייטאָג, נישט ביי־נאַכט, און חנהקע איז געזעסן אַן אומרואיקע ביים פענסטער און זיך צוגעהערט צו די טרעפּ, צי זי וועט נישט דערהערן נחמנס טריט.

זי איז געווען אומרואיק וועגן נחמנען, וואָס ער קומט נישט אַהיים. זי איז געווען אין שרעק, צי ער איז ניט אַרעסטירט אמאָל. דער בלויזער געדאַנק, אַז ער זאָל אַרעסטירט ווערן איצט, ווען זי דאַרף אים אַזוי נויטיק האָבן, ווען זי טראָגט פון אים א קינד אין איר לייב, האָט געמאַכט קלאַפּן שנעלער איר האַרץ. זי איז אויך בייז געווען אויף אים, וואָס ער לאָזט זי אַליין גאַנצע טעג און נעכט אין איר איינזאַמקייט און איז שטענדיק פאַרטאָן אין זיין פּאַרטיי־אישע אַרבעטן. אפילו איצט, ווען זי האָט אים אַזאַ וויכטיקע בשורה איבערצוגעבן, איז ער נישטאָ מיט איר.

זי איז נישט געווען מער די אייגענע חנהקע וואָס פריער, די חנהקע פון אַרבעטער־קלוב, וואו זי האָט נחמנען אַריינגעצויגן. ווי נאָר זי איז זיך צונויפגעקומען מיט אים, אין א קליין שטיבל זיך אַריינגעצויגן און איינגעקויפט אַביסל אָרעמע זאַכן און כלים, איז איר דער גאַנצער קלוב מיט אַלע רעדעס און דיסקוסיעס אַרויס פון קאָפּ, ווי מ'וואָלט זיי פון דאָרט אויסגעוואַשן. דער גאַנצער געדאַנק איז איר אַריין אין דער שטוב. מיט געלאַסענער פּינטקלעכקייט האָט זי צוגעבעט דאָס בעט, אויסציענדיק אַלע קנייטשן אין דער

קאָלדרע, זי זאָל ליגן ווי אויסגעגאָסן, אויסגלעטנדיק אַלע קישלעך, זיי זאָלן ליגן וואָס שענער. מיט גרויס פלייס האָט זי געשייערט די נייע טעפּלעך, אַזוי אַז זיי זאָלן גלאַנצן פון ריינקייט, געפּוצט די עטלעכע פּאָרצעלייענע טעלערס און אַרויסגעשטעלט זיי אין פּראָנט אויף אַ פּאָליצע, זיי זאָלן באַשיינען דאָס שטיבל. מיט דער זעלבער פלייסיקייט האָט זי גענייט און געצירעוועט נחמנס וועש און זאָקן און יעדער אויסגעפּרעסט העמד מיט אַ רויט בענדעלע אַרומגעבונדן, ווי זי האָט עס געזען ביי אַנדערע ווייבלעך נאָך דער חתונה.

נחמן האָט זיין חנהקען נישט דערקענט. ער האָט גערעדט מיט איר וועגן פּאַרטיי־זאַכן, וועגן זיינע רייסענישן מיט די געגנער, זי האָט אים געענטפערט וועגן שטוב־חפצים, וועגן אַ ניי טישעלע, וואָס מען וואָלט נויטיק געדאַרפט קויפן, עס זאָל זיין וואו אַ פּאָטאָג־ראַפיע אוועקצושטעלן, אַ ווינש־קאַרטע אַוועקצולייגן. אַז ער האָט זי גערופן צו אַ דיסקוסיע, צו אַ מיטינג, האָט זי אים געענטפערט, אַז זי דאַרף פאָרהענגלעך פאַר די פענסטער אויסנייען, שטריקן און צירעווען. נחמן איז געווען אנטוישט. אנשטאָט האָבן אַ חברטע, אַ איינענעם מענטש, וואָס זאָל זיך פרייען מיט זיינע זיגן און זאָרגן זיינע זאָרג, האָט ער געהאַט אַ באַלעבאַטיש ווייבל, וואָס דער סאָף ליגט איר אין די טעפּלעך און אין פאָרהענגלעך. ביי זיין גאַנצער ליבע צו איר, האָט ער עס איר נישט געקענט מוחל זיין. ער האָט זי אויך נישט פאַרשטאַנען, נישט דערקענט אין איר די חנהקע פון אַמאָל, פון אַרבעטער־קלוב. ער האָט זיך מיט איר נישט געקריגט דערפאַר. ער האָט איצט איינגעזען, אַז די גאַנצע קאָכעניש אירע פריער איז נישט מער געווען ווי אַ פאַנטאַזיע פון אַ יונג מיידל, אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, וואָס טומלט זיך אַביסל ווי לאַנג זי איז יונג, און ביי די ערשטע טעפּלעך פאַרגעסט זי אין אַלעמען. דאָס האָט אים וויי געטאָן, נישט אָנגעשטאַנען אים, אָבער קריגן זיך צוליב דעם איז נישטאָ פאַרוואָס. ער האָט זי באַדויערט אין זיין באַוואוסטזיין, און אַליין געגאַנגען זיין וועג. אָבער חנהקע האָט נישט נאָר אַליין נישט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן, נאָר אויך אים, נחמנען, גענומען אַוועקרייסן פון זיין אַרבעט.

שווערע רייסענישן האָבן זיך אָנגעהויבן אין נחמנס קליין

שטיבל, וואָס חנהקע האָט עס אויסגעהאַנגען מיט שמאַכטעס און אויסנייעכצן, אָנגעשטאָפּט מיט טישעלעך און פּאָליצקעלעך. כאָטש נחמן האָט נישט געטרונקען, ווי אַנדערע בעקערס, קיין קאָרט אין האַנט נישט גענומען, האָט ער זייער ווייניק אהיימגעבראַכט אויף פּרנסה. טאָג און נאַכט זענען זאַמלונגען אין דער פּאַרטיי זיינער אָנגעגאַנגען, זאַמלונגען פאַר וואַלן, פאַר דער פּאַרטיי־פּרעסע, פאַר שטיצן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די טורמעס, א חוץ אַלערליי אָפּ־צאָלונגען פאַר דעם פאַראיין, פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. כאָטש נחמן אַליין איז אומגעגאַנגען מיט פולע קעשענעס בילעטן און קור־פּאָנען, וואָס ער האָט פאַרקויפט יעדן וועמען נאָר ער האָט אָנ־געטראָפן, האָט ער אַליין דער ערשטער זיין ביישטייער אויף יעדער נייער זאַמלונג געגעבן, און ברייט געגעבן, איבער זיינע כחות. אהיימברענגען פלעגט ער געציילטע גולדן, פון וואָס חנהקע האָט קוים געקענט צונויפשטוקעווען די וואָך, אָפּצאָלן דירה־געלט און אויסקומען מיטן ביסל עסן. נישט זי האָט געהאַט פאַרוואָס א פאָר איבעריקע שיך צו קויפן, נישט זי האָט געקענט אָפּשפּאָרן אויף קויפן עפּעס אין שטוב אריין, צו וואָס עס האָט זי אזוי געצויגן, ס'חיות איז איר דערנאָך אויסגעגאַנגען. פונקט אזוי האָט זי נישט געקענט אָפּשפּאָרן עפּעס אויף קויפן פאַר נחמנען א קאָסטיום, א הוט. ער איז געגאַנגען שלעכט אָנגעטאָן, און איר איז א בושה געווען פאַר די ווייבלעך די שכנות, מיט וועלכע זי איז זיך צונויפגעקומען און גערעדט וועגן זאַכן און ווירטשאַפט. די ווייבלעך האָבן זיך באַרימט מיט זייערע זאַכן, וואָס זיי קויפן, מיט די נייע קליידער, מיטן מעבל אין שטוב. אַנדערע פון זיי האָבן אפילו געהאַט צו ווייזן קליינע שטיקלעך צירונג, וואָס זייערע מענער, באַלעמלאָכעס, האָבן געקויפט פאַר זיי, א גאָלדן פינגערל, א בראָשקעלע. חנהקע האָט גאָרנישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַווייזן, א חוץ מיט דער ריינ־קייט אין איר שטיבל, מיט די צאַצקעס און אויסנייעכצן, וואָס שיינען אראָפּ פון יעדן ווינקעלע.

פונקט אזוי איז נחמן קיינמאָל נישט געווען אין שטוב אין צייט. אַליין האָט חנהקע געמוזט אָפּעסן איר מיטאָג, אין א ווינקל טיש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין טעם און זין. דאָס עסן איז

נישט באַקומען איר, אַליין אין פּוסטן שטיבל. אַזוי איז ער אויך מיט איר קיינמאָל נישט געגאַנגען אין ערגעץ, נישט צו אירע חברטעס, נישט צו אירע קרובים. זי האָט זיך געשעמט פאַר די קרובים אירע יעדן מאָל, וואָס זיי האָבן זיך געפרעגט וועגן אים.

— עפּעס זעט מען אים קיינמאָל נישט מיט דיר — האָבן זיי געזאָגט מיט חשד — וואָס איז, ער שעמט זיך מיט אונז?

אַזוי איז אויך אין שטוב קיינמאָל נישט געווען קיין יום-טוב, קיין שבת. חנהקע האָט זיך אויסגעוויינט די בלויע אויגן אירע איינע אַליין גאַנצע טעג אין שטוב. כאָטש זי האָט געדענקט פון די מיידלשע צייטן, פון די רעדעס און מיטינגען, אַז אַרבעטער דאַרפן נישט האַלטן די באַלעבאַטישע יום־טובים, האָט זי געצויגן צו די היימישע יום־טובים. אין אַלע שכנהשע שטובן אַרום האָבן די ווייבער ליכט אָנגעצונדן יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, מענער זענען אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, ביי געגרייטע טישן זיך געזעצט. געסט זענען געקומען. בלויז ביי איר אין שטיבל איז געווען פּוסט און אומעטיק. עס האָט געיאָגט דערפון. און זי האָט עס נישט געקענט טראָגן אין זיך מער.

— תשעה־באב איז תמיד אין שטוב — האָט זי געהאַט טענות צו נחמנען ווען ער איז אַריינגעפאַלן ווי אַ דערהרגעטער אין הויז — קיין פרייד, קיין יום־טוב, ווי ביי לייטן.

נחמן האָט עס נישט געקענט הערן. ביי זיין גאַנצער ליב־שאַפט צו חנהקען, האָט ער אַזעלכע אומבאַוואוסטזיניקע רייד ניט געקענט פאַרטראָגן.

— וואָס־זשע — האָט ער געפרעגט מיט כעס — זאָל איך דיר אפשר קויפן לייכטער אויף שבת, מאַכן קידוש פאַר דיר און זינגען זמירות? האַ?

כאָטש חנהקע האָט גאָרנישט געפילט דעם אומזין פון אַזעלכע זאַכן, האָט זי עס נישט צוגעגעבן.

— מ׳זעט דיך נישט — האָט זי געביטערט — אַלץ גייט דיך אָן, נאָר נישט די שטוב.

צום ווייפלטן מאָל אויפסניי האָט נחמן פּרובירט ריידן צו איר. ווי אַמאָל, ווען זי פלעגט אים אַגיטירן אין אַרבעטער־קלוב, האָט

ער זי איצט אגיטירט פאר דער זאך זיינער. וואס פאר א ווערט האבן אזעלכע קליניקייטן ווי קליידער, זאכן, עסן צו דער צייט, גיין צו גאסט, אין פארגלייך מיט דער גרויסער ארבעט צו באפרייען די וועלט פון אירע קייטן? וואס פאר א באדייט האבן די אלע קליינליכע פערזענלעכע פארגעניגנס און באלעבאטישע באקוועמלעכ־קייטן קעגן דעם גרויסן אידעאל צו באפרייען די ארבעטער פון זייערע אונטערדריקער און איינצופירן א גן־עדן אויף דער וועלט. ווי מען האט עס געטאן דארט, אין מזרח? מלחמה איז אויף דער וועלט, מלחמה צווישן קלאסן, און אין מלחמה־צייט איז נישטא קיין צייט פאר סאלדאטן צו זוכן ווייכע געלעגערס און עסן צו דער צייט, נאר צו האלטן די ביקס אין האנט, גרייט קעגן שונאס פעסטונג.

נחמן האט גערעדט מיט היץ, מיט איבערצייגונג, ווי ער איז עס געוויינט געווען אויף די מיטינגען. ער האט געגלויבט אין יעדןווארט, וואס ער האט ארויסגעזאגט. חנהקע האט זיינע ווער־טער נישט געהערט.

— פארוואס דארפסט דו גראד איינער אליין זארגן פאר אלע־מען? — האט זי נישט פארשטאנען. — אט וואוינען נאך ארבעטער אין הויף, פונדעסטוועגן האבן זיי אין זייערע שטובן, די ווייבער. נאר דו ביזט קהלס באק . . . ווילסט די גאנצע וועלט פארזארגן, נאר נישט זיך. . . .

נחמן איז בלאס געווארן הערנדיק די רייד פון חנהקעס מויל.

— און דאס זאגסט דו, חנהקע, אליין א באוואוסטזיניקע אמאל? — האט ער געפרעגט אין שטוינונג. — געדענקסט אין ארבעטער־קלוב?

חנהקע האט דערפון נישט געוואלט הערן, ווי מען וויל נישט הערן פון קינדערשע נארישקייטן. נו שוין, נו האט זי זיך געטור־מעלט אמאל, ווי אלע מיידלעך אין אירע יארן, אבער דאס איז געווען פריער, ווען זי איז נאך א מיידל געווען און ער א בחור. איצט זענען זיי מאן און ווייב. מ׳דארף פירן א שטוב. א שטוב דארף א סך, וועש און קליידער און זאכן אלערליי. מאן און ווייב דארפן זיין צוזאמען, זארגן וועגן א תכלית, גיין צוזאמען, פאר־

ברײנגען צוזאַמען. אַזוי פּירט זיך אין אַלע הײזער. אַ סך פון אירע חברטעס האָבן אויך געדרײט זיך אין די קלובן, אויף דעמאָנסטראַציעס געגאַנגען, אויך זײערע בחורים האָבן זיך געקהלט, אָבער ווי נאָר זײ האָבן חתונה געהאַט, האָבן זײ די אַלע קינדערשע זאַכן אַוועקגעוואָרפן און געוואָרן מענטשן, זאָרגן זיך וועגן דער שטוב, וועגן פּרנסה, זענען מענטשן מיט מענטשן גלײך, האָבן זיך אין זינען. און אויך זי וויל לעבן ווי אַלע, אין רו, צוזאַמען מיטן מאַן, נישט טאָג און נאַכט אַלײן זיצן, קײנמאָל דעם מאַן נישט זען פאַר די אויגן, און אפילו די נעכט רואיק נישט איבערשלאָפן, שרעקן זיך בײ יעדן קלונג פון טויער, צי די פּאָליצײ קומט נישט מיט רעוויזיעס און זוכונגען. זי וויל עס נישט מער. די מלחמה האָט זיך געענדיקט, מענטשן לעבן צוריק ווי אַמאָל, און אויך זי וויל לעבן מיט לײטן גלײך.

מער רחמנות אויף זיך אַלײן האָט חנהקע געקראָגן, ווען זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. ווי יעדע ווײבל, וואָס וויל האַלטן דעם מאַן נאָענט צו זיך, צובינדן אים, האָט זי געגלויבט, אַז איצט וועט ער זיך ענדערן און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלײך. זי האָט דעריבער מיט אומגעדולד געוואַרט, ער זאָל אַהײמקומען, זי זאָל די בשורה אים אָנזאָגן. זי האָט נישט געלײגט זיך שלאָפן אַלײן, ווי מערסטנס נעכט, נאָר געוואַרט אויף אים ביז ער וועט קומען. מיט ווײבערשע חנדלעך האָט זי זיך געפּיעשטשעט פאַר אים, ווען ער איז שפּעט אַהײמגעקומען, אין די אויגן אים געקוקט און געטוליעט זיך צו אים אין בעט, מיט איר ווײך ווײבעריש לײב אין זײן האַרטן קערפּער זיך אײנגעגעסן.

— ווײסט, נחמן, — האָט זי געשעפּטשעט, צוטוליענדיק זײן האַרטע האַנד צון איר בויך — מירן האָבן אַ קינד . . . איך בין זיכער . . .

אַנשטאָט פרײען זיך, ווי זי האָט ערוואַרט פון אים, איז נחמן דערשראָקן געוואָרן און די האַנט, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַוועקגעכאַפּט.

— וועסט עס קאַליע מאַכן — האָט ער שטיל גערעט — נישט אמת, חנהקע ?

חנהקע האָט אנשטאָט ענטפערן, הויך זיך פאַנאַנדערגעוויינט אין דער שטילער נאַכט. נחמן איז געבליבן זיצן א פאַרשטיינערטער.

— חנהקע — האָט ער גערעט — דו ווייסט, ווי איך וואָלט וועלן האָבן א קינד. דו ווייסט, אָבער מיר קענען עס ניט טאָן. . . .

חנהקע האָט געציטערט מיט די אַקסלען, מיט די מיידעלשע נאַקעטע אקסלען. נחמן האָט זיין מידע האַנט אויף איר ארויפגעלעגט.

— נו, וויל פאַרשטיין, חנהקע — האָט ער גערעדט — איך געהער נישט צו מיר . . . איך קען צו יעדער צייט ארעסטירט ווערן . . . איך בין אין א מלחמה . . . אין מלחמה מיט דער קאַ־פּיטאַליסטישער וועלט, און אין א מלחמה איז נישטאָ קיין צייט פאַר קינדער . . . מירן האָבן קינדער אין דער פרייער, אויסגע־קעמפּטער וועלט. . . .

חנהקע האָט ארויסגעגליטשט איר אַקסל פון זיין האַנד.

— קוק נישט אויף מיר — האָט זי געשריגן היסטעריש און פאַרשטעלט מיטביידע הענט דעם בויך אירן, ווי זי וואָלט אים וועלן שיצן פאַר שלעכטס, וואָס דראָט אים — גיי אוועק פון מיר, איך פאַרלאַנג גאַרנישט פון דיר . . . גאַרנישט . . .

נחמנען האָט א רחמנות ארומגענומען אויף דער וויינענדיקער חנהקע, אויף דער אומבאַוואוסטזיניקער נאַרישער חנהקע, וואָס אנשטאָט שכל, לאָגיק, האָט זי גאָר טרערן.

— נו, שוויג, נאַרעלע — האָט ער זי געטרייסט. . . — נו, איך וועל דיך נישט נויטן צו גיין געגן דיין ווילן . . . ווילסט האָבן א קינד, האָב . . . אבי וויין נישט . . . ס'פּאַסט נישט פאַר אונזערן א מענטש.

חנהקע האָט נישט אויפגעהערט קלאָגן. איר גאַנץ אָנגעבי־טערט האַרץ איז זיך צוגאַנגען אין דער שפּעטער נאַכט.

— רעכט אַזוי אויף מיר — האָט זי געיאָמערט — אַז איך האָב דיך געטרויט, געגאַנגען וואוינען מיט דיר אָן א חתונה, ביזטו גערעכט. כ'האָב עס פריער געדאַרפט וויסן.

נחמן איז פאַרגליווערט געוואָרן הערנדיק די ווייבערשע רייד.

— חנהקע, באַליידיקסט מיך — האָט ער איר פאַרוואורף גע־מאַכט — וואָס האָט צו טאָן מיין פּראָלעטאַריש געוויסן מיט יא

חתונה, צי נישט חתונה?

חנהקע איז געבליבן ביי אירס.

— צו וואָס דאַרפסטו מיך איצט — האָט זי געביטערט — אַז קיין ווייב בין איך דיר נישט? אפילו דיין נאָמען האָב איך נישט... איצט ווערסטו מיך לאָזן מיט מיין חרפה פאַר מענטשן... א מצוה אויף מיר...

נחמן איז שוין אַרויס פון געדולד. וואָס, וואָס. נאָר אַזעלכעס האָט ער נישט דערוואַרט פון חנהקען צו הערן. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט פון אירע נאַרישע רייד, אַז ביי אים האָט א ווערט עפּעס א נאַרישע צערעמאָניע אין זיין לעבן. ער האָט זי אָנגעזידעלט, ביטערע שאַרפע ווערטער איר געזאָגט, אויסגעלאַכט איר נאַרישקייט און אומבאַוואוסטזיין.

— לאָז מיך שלאָפן — האָט ער באַפוילן האַרט — איך בין מיד פון אַרבעט און אַרומלויפן.

חנהקע האָט ניט געוואָלט שלאָפן. זי האָט געוואָלט רעדן.

— נחמן — האָט זי געזאָגט — איך וויל, זאָלסט אַריינגיין מיט מיר צום מורה-הוראה און חתונה האָבן... איך וויל, מיין קינד זאָל האָבן א טאַטן...

נחמן האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, אָפּגעשאָקלט דאָס אויער זיינס, דאָס קראַנקע אויער פון דער מלחמה, כדי זיך צו איבערציינגן צי ער האָט גוט געהערט וואָס זיין ווייב האָט געזאָגט, און זי אָנגעקוקט, אָנגעקוקט לאַנג און שאַרף און דורכדרינגליך. אַנשטאָט כעס, האָט אים א געלעכטער אַרומגענומען. ער, נחמן, דער באַקעמפער פון רעליגיע, דער שונא פון יעדן קלעריקאַליזם, וואָס דינט דעם קאַפּיטאַל קעגן די אַרבעטער, ער, וואָס שיט פעך און שוועבל געגן דער פאַרשימלטער אַלטער וועלט, זאָל גיין נעמען א ברכה ביי א מורה-הוראה צו קענען וואוינען און ברענגען קינדער אויף דער וועלט מיט דער פרוי, וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט! און ווער פאַרלאַנגט עס פון אים? חנהקע, זיין חנהקע, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אויף דעמאָנסטראַציעס מיט אים צוזאַמען געגאַנגען, חבר דניאלס רעדעס און דיסקוסיעס געשלונגען! חנהקע האָט אין איר צער נחמנס פּנים נישט געזען. מיט טרערן

אין די בלויע אויגן האָט זי געדערט אין דער נאַכט, דערציילט װעגן די קינדער-װעגעלעך, װאָס די חברטעס אירע האָבן זיך געקויפט נאָך זייער ערשטן קימפּעט, װעגן די מענער זייערע, װאָס גייען מיט זיי שבת אין גאָרטן, פּירנדיק די קינדער-װעגעלעך, װעגן גוטן לעבן, װאָס אַנדערע האָבן, שטובן, מעבל, גראַמאָפאָנען אַפילו, אַלץ דערפאַר, װייל זיי האָבן געהאַט שׂכל, נישט געגלויבט פאַר דער חתונה. זי האָט געגלויבט, אין נאַרישקייטן זיך געהאַלטן, געמיינט, אַז אַלץ װאָס מ'שרייבט אין די ביכלעך איז תורת-לאָקשן. איצט איז אַ מצוה אויף איר . . . אין חרפּה װעט זי אַרומגיין אויף דער װעלט, פאַרשטויסן פון יעדן, פון קרובים און חברטעס . . . לאַכן װעט מען פון איר. . . .

נחמן האָט נישט מער געהאַט קיין כעס אויף איר, נאָר רחמנות, װי מ'האָט מיטלייד צו אַ בלינדן, װאָס גייט אין אַ גרוב, װי מ'פּילט מיט אַ נישט-קלאָרן, װאָס רעדט אומזין.

אירע רייד װעגן רבנים, קינדער-װעגעלעך, גראַמאָפאָנען, נחת, חרפּה פאַר קרובים און אַלע אַנדערע זענען געװען פאַר אים צו נאַריש, צו װילד, מען זאָל זיין אין כעס דערויף. בלויז באַדויערן קען מען זיי.

—רעדסט װי אַ יענטע — האָט ער איר געזאָגט — און דאָס איז אַ געװעזענע חברטע . . . חבר דניאלס אַ שילערן. . . .

— כ'האָב אין דער ערד דעם חבר דניאל — האָט חנהקע געשריען היסטעריש.

נחמן האָט איר פאַרהאַלטן דאָס מויל מיט דער האַנט, װי אַ פרומער איד, װאָס לאָזט נישט לעסטערן גאָט אין הימל.

— חנהקע — האָט ער געװאָרנט.

חנהקע האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— חבר דניאל האָט װאויל אין זינען זיין װייב — האָט זי געערדט — אַ דאַמע איז זי . . . אויסגעפּוצט װי אַ פּריצטע . . . כ'האָב זיי געזען . . . ביי די הענט האָבן זיי זיך געפירט. ר'האָט מיר אַפילו נישט געענטפערט, װען כ'האָב צו אים געשאָקלט מיט'ן קאָפּ. . . . ס'האָט אים נישט געפּאַסט צו ענטפערן אַזאַ שלעפּערקע. . . .

נחמן האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איבערגעדעקט זיך איבערן קאָפּ מיט דער האַריקער זעל־נערשער קאָלדרע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער מלחמה, אבי נישט צו הערן די שלעכטע רייד קעגן זיין חבר דניאל.

חנהקע האָט געוויינט אין דער שטילער נאַכט. איר שאָטן אויף דער אָנגעבלאָזענער וואַנט האָט געציטערט ביים טריבן שיין פון נאַכט־לעמפּל.

קאַפּיטל דרייסיק

וויפל חבר דניאל האָט נישט געאַרבעט אַפּצואווישן דעם פיינטלעכן לאַגער, זאַלקינדס פּאַרטיי, האָט ער עס אַלץ נישט דערגרייכט.

אמת, מיט זיינע רעדעס און לאָזונגען, מיט זיין אויסשטרעקן די האַנט צו מזרח, און איבערהויפּט מיט זיין דעפּוטאַטן־אַרבעט אין סעים, האָט ער גרויסע לעבער געמאַכט אין זאַלקינדס פעסטונג. אָבער די גאַנצע פעסטונג צוברעכן האָט ער נישט געקענט. כאָטש ער פלעגט אין די רעדעס זיינע אויסלאַכן די געגנער, חוזק מאַכן פון זיי, אַז אַ חוץ עטלעכע אינטעליגענטלעך און פּאַרטיי־אָפּיציאַלן איז קיינער ביי זיי נישט געבליבן, אַז אַלע אמתע פּראָלעטאַריער האָבן פאַרלאָזט זייערע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע רייען און אַריבער צו אים, צו די אמתע פאָרשטייער פון אַרבעטער־קלאַס; אפילו קיין דעפּוטאַט האָבן יענע נישט געקענט דורכפירן, כאָטש זיי האָבן געהאַט די פּאָליציי אויף זייער זייט, — האָט חבר דניאל געוואוסט גאַנץ גוט ביי זיך, אַז עס איז ווייט נישט אַזוי די לאַגע. היפּשע מאַסן האָבן נאָך געהאַלטן זיך אין זאַלקינדס לאַגער, און נישט נאָר אינטעליגענטלעך, נאָר טאַקע אמתע אַרבעטער. איבערהויפּט זענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געלעגן אין די הענט פון זאַלקינדס לייט. דערמיט, וואָס זיי האָבן קאָנטראָלירט די פאַראיינען, האָבן זיי געהאַט די אַרבעטער אין די הענט. און חבר דניאל האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו צעברעכן די פאַראיינען פון קעגנערישן צד.

ער האָט עס געטאָן דורך הייסן זיינע מענטשן אָנהעצן די אַרבעטער צו סטרייקן.

חבר דניאל האָט געהאַלטן פון סטרייקן.

ערשטנס, האָבן עס זאַלקינדס לייט נישט געוואָלט האָבן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט די צייט דערויף. אויב זאַלקינד האָט עס נישט געוואָלט, האָט עס חבר דניאל יאָ געוואָלט. עס איז אַלע מאָל גוט אַריינצוקריכן דעם שונא אין די געדערים און אָנצוטאָן אים צרות. דערמיט שוואַכט מען אים אָפּ. צווייטנס, האָט חבר דניאל געוואָלט עס זאָל זיין אומרואיק אין לאַנד. עס איז נישט גוט ווען מען לאָזט די מאַסן במנוחה, דרעמלען אין זייער פאַרגליווערקייט. פון גאָרנישט טאָן ווערן די מאַסן פויל, אָפּגעשטאַנען, זיי לאָזן זיך אַריין אין קליינלעכן שטוב־לעבן און פאַרגעסן אין קאַמף. ווען אַ וואָרם זיצט אין כריין, מיינט ער, אַז עס איז קיין בעסערס נישטאָ. די אויפגאַבע פון אַ רעוואָלוציאָנער איז אַרויסצוטרייבן דעם וואָרם פון כריין, אויפווייזן אים, אַז דער כריין איז ביטער און מען דאַרף זוכן אַ בעסער אָרט וואו זיך צו באַזעצן. דורך סטרייקן ווערט געשריבן אין די צייטונגען, אַרבעטער האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען, פּאָליציי מישט זיך אַריין, עס קומט צו געשלעגן, צו קאַמפן. דאָס וועקט אויף דאָס בלוט ביי די אַרבעטער, רעגט אָן די יוגנט, פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, וועקט האַס, און דאָס איז גוט פאַר דער רעוואָלוציע. דריטנס, האָט ער געהאָפט אויף אַ זיג.

אמת, די פירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון זאַלקינדס לאַגער האַלטן, אַז עס איז נישט די צייט פאַר סטרייקן, אַז מען דאַרף וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אָבער דאָס זאָגן זיי שטענדיק אַזוי. אויך מיט דער רעוואָלוציע הייסן זיי וואַרטן, אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין. זיי גלויבן נישט אין כוח פון אַרבעטערקלאַס. זיי זענען דאָס די, וואָס רעדן איין דעם וואָרים, ער זאָל ליגן אין כריין. ער, חבר דניאל, גלויבט יאָ אין כוח פון די אַרבעטער. זיי דאַרפן נאָר קעמפן, פאַרלאַנגען, מיט כוח פאָדערן זייערס און זיי וועלן געווינען. די באַלעבאַטים וועלן זיך דערשרעקן ווען זיי וועלן דערזען די איינִיקייט פון פּראָלעטאַריאַט. זיי

ווייסן שוין, אַז מען קען זיך מער ניט שפּילן מיט די אַרבעטער, זיי זעען וואָס פאַר אַ סוף זייערע לייט, די קאַפּיטאַליסטן, האָבן גע־האַט דאָרט, אין מזרח, ווען די אַרבעטער האָבן געוויזן זייער כוח. זיי וועלן זיך דערשרעקן און נאָכגעבן. און דעמאָלט וועלן די זיגערישע אַרבעטער מאַסנווייז אַוועק פון זאַלקינדס לאַגער, פון זיינע פּאַראַיי־נען, וואָס האַלטן מיט די באַלעבאַטים, און אַריבער צו די רויטע פּאַראַיינען, די זאָרגער פאַרן אַרבעטער קלאַס. אָן די פּאַראַיינען וועט זיך זאַלקינדס פּאַרטיי צעפאַלן ווי אַ קאַרטן־הייזל. זיי וועלן נישט האָבן מער קיין קאָנטראָל אויף די אַרבעטער, קיין געלטער פאַר דער פּאַרטיי. נאַקעט און הויל וועלן זיי בלייבן, בלויז מיט זייער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם. די אַרבעטער וועלן אַריבערשטראָמען צו אים, צו חבר דניאל. אַ כוח אַ גרויסער וועט דעמאָלט זיין פּאַרטיי זיין. געלט וועט פליסן אין דער פּאַרטיי־קאַסע, מען וועט קענען אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אַוועקלייגן, צייטונגען, זשורנאַלן און פּראָקלאַמאַציעס פאַרשפּרייטן.

און חבר דניאל האָט גערופן זיינע מענטשן אויפצוהעצן די אַרבעטער אין די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, אַרויסשטעלן קעמ־פערישע רעזאָלוציעס אויף די אַרבעטער־פערזאַמלונגען, צעברעכן די קעגנערישע נעסטן, אויפרייסן זיי פון אינווייניק, וועקן כסדר צו מלחמה, צו האַס.

— נאָר האַס פאַרשפּרייטן, חברים, — האָט ער געלערנט זיינע מענטשן — דאָס איז די שמידערייַ פון דער רעוואָלוציע.

אין איינעם אַ טאָג האָט נחמן געקראָגן אַ באַפעל פון חבר דניאל אויפצוהויבן אַ סטרייק צווישן די בעקערס.

נחמן האָט דאָס מאָל נישט גוט באַנומען די רייד פון לערער זיינעם. וועמענס באַפעלן זענען שטענדיק געווען פאַר אים אַ געזעץ. אַליין אַ בעקער האָט ער גוט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין זיין פאַך. די גרויסע מעכאַנישע בעקערייען האָבן מיט יעדן טאָג מער אַרויסגעטריבן די האַנט־בעקערס פון זייער אַרבעט. קיינער פון נחמנס לייט האָט אין אָט די מעכאַנישע בעקערייען נישט גע־אַרבעט. דאָרט האָט מען קיין אידישע אַרבעטער נישט צוגענומען. אַ סך פון די בעקער־אַרבעטער האָבן זיך דעריבער אַרומגעדרייט

לײדיק, געארבעט אמאָל עטלעכע טעג אין װאָך, אמאָל גאָרנישט. אויסער די מעכאַנישע בעקערייען, װאָס זענען געגאַנגען אויפן לעבן פון די קלײנע בעקערס, האָט די מאַכט זיי געדודפּט. מען האָט געװאָלט פון זיי פּטור װערן, פון די אידישע בעקערס, אויסרויכערן זיי, כדי ריינע קאַטאָליקן זאָלן באַקן ברויט פאַר דער הויפּט־שטאָט. א ביטערע מלחמה האָט מען געפירט קעגן זיי. די פּוילישע צײטונגען האָבן זיך צעלאָזט מיט א גװאַלדיקן טומל װעגן יעדער פליגעלע, װאָס מען האָט אמאָל געפונען אין א אידיש ברויט, װעגן יעדער שטיקל שטריקל, װאָס האָט זיך אמאָל פאַרװאַלגערט פון מעל און אײנגעבאַקן זיך מיטן טייג. די פּאָליציי האָט אָפט געמאַכט רעװיזיעס אין די בעקערייען אין די קעלערס, געהיט די ריינקייט, געטשעפּעט זיך צו עבירות, פּראָטאָקאָלן געשריבן, שטראָפן ארויפגעלייגט. די באַלעבאַטים זענען ארומגעגאַנגען דער־שלאָגענע, אומרואיקע.

עס איז גאָרנישט געװען קיין צייט פאַר סטרייקן אין אָט די בעקערייען אין די קעלערס פון די אידישע הויפן. נחמן האָט עס פּרובירט דערקלערן זיין לערער. חבר דניאל האָט מיט אומגעדולד פאַרװאָרפן די שװאַרצע לאָקן, װאָס זענען אים אין פּנים אראָפּגע־פאַלן, און אװעקגעמאַכט מיט דער שײנער האַנט.

— איך װייס, איך װייס, חבר נחמן, — האָט ער געזאָגט — אָבער פּאָליטיש איז עס אונז נויטיק.

מיט א װאַרימער באַריטאָן שטים, װי תמיד װען ער װיל איבערצייגן, האָט ער פאַר נחמנען אין זייער שײנע װערטער גע־שילדערט װי גרויס און שיין עס װעט זיין װען די שפּייזער פון דער שטאָט, די בעקערס, װעלן מיטאמאָל ארויס אין סטרייק און איבערלאָזן די רייכע און מעבטיקע אָן שפּייז. א הערלעכע דעמאָנ־סטראַציע װעט עס זיין, א סימבאָלישע. די שפּייזער פון דער װעלט װעלן װייזן זייער כוח.

נחמן האָט די שײנע װערטער אויסגעהערט, אָבער נאָך אַלץ זיי נישט באַגריפן.

— חבר דניאל, — האָט ער געמורמלט א נישט־דרייסטער פאַר זיין העזה איבערצייגן זיין לעהרער — מיר קענען בלויז

אויפטאָן עפּעס אין די אידישע בעקערייען. די ארבעטער פון די מעכאַנישע בעקערייען וועלן מיט אונז אין סטרייק נישט ארויס. די שטאָט וועט האָבן גענוג געבעקס פון די מעכאַנישע בעקערייען. בלויז די אידישע ארבעטער וועלן ליידן.

חבר דניאל האָט געפּויקט מיט די שיינע פינגער אויפן טיש פון אומגעדולד. כאָטש ער האָט געוואוסט, אז נחמן זאָגט אמת, האָט ער אָבער נישט געקענט פארטראָגן וואָס מען דערמאָנט וועגן אידישע און גויאישע ארבעטער. דאָס קען מען רעדן וועגן אידישע און גויאישע ארבעטער ביי זיי, ביי זאַלקינדען און זיינע לייט, וואו מען שטעקט ביז איבערן קאָפּ אין נאַציאָנאַליזם. אין זיינע רייען איז מען אינטערנאַציאָנאַל, מען ווייסט נישט פון איד און גוי, נאָר פון פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַליסטן. זאָל עס נחמן וויסן. . . .

נחמן האָט נאָך פּרובירט איינמאָל אויפקלערן זיין לערער.

— חבר דניאל, — האָט ער געמורמלט — עס גייט מיר נישט אין מיין שטעלע, נאָר אין די מענטשן . . . זיי קענען פארלירן זייער ברויט.

— אונז גייט נישט אין די מענטשן, נאָר אין דער רעוואָ־לוציע . . . אין דער רעוואָלוציע, — האָט חבר דניאל געזאָגט — אזוי האָט די פּארטיי באַשלאָסן און איר דאַרפט אויספירן די באַ־שלוסן.

נחמן האָט מער נישט געפרעגט, אויב די פּארטיי הייסט אזוי, אויב עס איז נויטיק פאַר דער זאַך, דאַרף ער נישט איבערפרעגן מער, נאָר אויספירן וואָס מען הייסט. נישט דיסקוטירן איז די אויפגאַבע פון א סאָלדאַט, דאָס געהערט צו די גענעראַלן. א זעלנער דאַרף בלויז פאָלגן. און נחמן האָט געפאָלגט.

מיטן אייגענעם ברען, ווי ער האָט פריער געארבעט כדי אריינצופירן חבר דניאל אין סעים, האָט ער איצט געארבעט צווישן די בעקערס אויפצוהייבן א סטרייק. ער האָט אַגיטירט, גערעדט מיט פייער, געקריגט זיך מיט די לייט פון זאַלקינדס לאַגער, אריינ־געטראָגן רעזאָלוציעס אויף די פארזאמלונגען, אראָפּגעריסן געגנע־רישע פארזאמלונגען. אים האָבן צוגעהאָלפן זיינע פּארטיי חברים,

די סימפּאַטיקער. אַליין איבערציינגט, אַז ער וועט ביי זיך און זיינע חברים צונעמען דאָס ברויט פון מויל, האָט ער נישט אויפֿגעהערט רופן און אַגיטירן פאַר אַ סטרייק.

— קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, פאַרקויפטע נשמות, דינער פון די באַלעבאַטים ! — האָט נחמן געשריגן צו די קעגנער זיינע.

נישט נאָר האָט מען זיך געשלאָגן מיט רייד, נאָר אויך מיט פויסטן. נחמן האָט נישט איינמאָל געכאַפּט קלעפּ, צוריקגעגעבן קלעפּ מיט זיינע אויסגעאַרבעטע הענט, מוסקולירטע פון קנעטן אין טייג. נישט אין אַלע בעקערייען האָבן די אַרבעטער געוואָרפן די אַרבעט, ווי נחמן האָט געוואָלט. אין זיין בעקעריי האָט מען אים טאַקע געפאָלגט, געהערט זיינע רעוואָלוציאָנערע רייד בעסער ווי די רייד פון זאַלקינדס לייט, וואָס האָבן געהייסן בלייבן ביים אַלטן. אויך אין פילע אַנדערע בעקערייען האָט ער די אַרבעטער אוועקגענומען פון די אויוונס און טייג־קאַסטנס. אָבער אין אַנדערע ערטער האָבן זאַלקינדס לייט אויסגעפירט. נחמן מיט זיינע מענטשן האָבן מלחמה געפירט מיט יענע לייט. געררופן זיי סטרייק־ברעכער, פאַרקויפטע נשמות. יענע האָבן נישט געשוויגן. פון ווערטער איז מען אַריבער צו פויסטן, שטעקנס. נחמן מיט זיינע מענטשן זענען באַפאַלן די ערטער וואו מען האָט געאַרבעט, דאָס טייג פון די קאַסטנס אַרויסגעוואָרפן, נאַפט אָנגעגאָסן אין מעל. באַלעבאַטים האָבן אים געיאָגט, פאַר דער פּאָליציי פאַרמסרט. נחמן איז אינגאַנצן נישט אַהיימגעקומען אין הויז, אויסהיטנדיק זיך נישט אַרעסטירט צו ווערן. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפן, חנהקען פאַר די אויגן נישט אָנגעזען. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס אַהיימצוקומען אין די פּרייטיקס, אָן געלד אין קעשענע.

נאָך עטלעכע וואָכן איז דער סטרייק געבראָכן געוואָרן. די באַלעבאַטים האָבן אַריינגענומען גויאישע געזעלן, פון די קריסטלעכע פאַראיינען. נחמן מיט זיינע לייט זענען געקומען אין די בעקערייען, גערופן די קריסטלעכע חברים אַרבעטער צו וואַרפן די אַרבעט ווי פאַר פּראָלעטאַריער פּאַסט, נישט צו זיין קיין סטרייק־ברעכער, אָבער די קריסטלעכע חברים אַרבעטער האָבן נישט געוואָלט הערן די הייסע רופן פון די אידישע רעוואָלוציאָנערן. און אַז די אידן

האָבן פּרובירט גיין מיט כּוח, מיט געוואַלט זיי פּאַרטרייבן פון די אויוונס, האָבן זיי מעסערס גענומען און אַרויס אין מלחמה.

— טרעט אָפּ ! — האָבן זיי געוואָרנט — ווייל מיר וועלן ברענגען אונזערע לייט, וועט איר קיין לעבעדיקע נישט אַרויס. דאָ איז פּוילן, נישט מאָסקווע.

נחמנס לייט זענען אַרויס פון דער אַרבעט. צוזאַמען מיט זיי איז ער אַליין געבליבן אָן ברויט. קיינער פון די בעקערס האָט אים נישט געלאָזט מער אויף דער שוועל.

מיט אַ טריב געמיט האָט ער עס דערציילט חבר דניאלן. חבר דניאל האָט אַרויפגעשאַרט די שוואַרצע לאָקן איבערן גע־שניצטן שטערן און אָוועקגעמאַכט מיט ביידע שיינע הענט.

— אַז מען האַקט אַ וואַלד פאַלן שפּענער, — האָט ער געזאָגט, ווי תמיד נאָך אַ דורכפאַל.

## קאַפּיטל איין-און-דרייסיק

כּאַטש קאָנראַד לעמפּיצקי, דער שעף פון דער דעפּענסיווע, האָט אַ סך רעקלאַמע געקראָגן אין די צייטונגען פאַר ריינינקן די שטאָט פון די רויטע אַגיטאַטאָרן, אפילו זיין פּאָרטרעט איז אָפּט געגעבן געוואָרן, וואָס דאָס האָט שטאַרק געהויבן זיין אָנזען ביי די מיטל־יעריקע אָפּעראַ־אַקטריסעס, וועמעס אָנהענגער ער איז געווען, איז ער נישט געווען אין קיין גוטער שטימונג. ער האָט נישט רואיק געטרונקען זיין שוואַרצע קאַפע יעדן נאָכמיטאָג אין דער טעאַטער־קאַפע.

קאָנראַד לעמפּיצקי האָט געזוכט אַ פאַנג אין דער הויפּט־שטאָט, אַ גרויסן העכט צו פאַקן צווישן די שונאים פון דער מלוכה־אָרדנונג. ערשטנס, האָט ער שוין לאַנג קיין גרויסן פאַנג נישט גע־האַט. ער האָט אַליץ אַרעסטירט קליינוואַרג פאַר קליינער אַרבעט. לעמפּיצקי האָט דערמיט זיך נישט באַנוגנט. ער האָט געדאַרפט כאַפּן עפּעס אַ גרויסן פאַנג צווישן די רויטע לייט, אַזוי, אַז דאָס לאַנד זאָל קאָכן מיט אים, דעם באַשיצער פון דער אָרדנונג. דאָס וואָלט

אים געבראכט אי פּרעסטיזש, אי אַן הוספה אין געהאַלט. צווייטנס, האָט מען פון אים געפאָדערט אַ גרויסן רויטן קאָפּ. אין שכנהשן לאַנד, אין מזרח ביי די רויטע, האָט מען אַ גרויסן פּוילישן גלח ארעסטירט, אַ בישאָף אַליין, וואָס מען האָט אים אין אַ פאַרשווערונג געגן לאַנד באַשולדיקט. אַלע, די רעגירונגס־לייט אין וואַרשע, די גלחים, די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען, האָבן דורכאויס געוואָלט ארויסקריגן דעם בישאָף פון די הענט פון די רויטע אַנטיקריסטן. אַפילו פון רוים האָט מען עס געפאָדערט. און קיין אַנדער וועג ווי אַזוי אים ארויסצוראַטעווען איז נישט געווען, סיידן מען זאָל אריינ־קריגן אַ וויכטיקן מענטשן פון די רויטע לייט, ביי אַ גרויס פאַר־ברעכן אים כאַפּן, אַזוי, אַז מען זאָל קענען מאַכן מיט די רויטע אַן אויסטויש, אָפּגעבן זיי זייער מענטשן און ארויסקריגן דערפאַר דעם בישאָף. דאָס האָט געהערט צו קאָנראַד לעמפּיצקי, און ער איז שטאַרק פאַרזאָרגט געווען וועגן דעם ווי אַזוי אַזאַ העכט צו פאַנגען. כאָטש ער האָט געהאַט אין די תפיסות טויזנטער פון די רויטע לייט, עס האָט אים דער מין נישט געפעלט, האָט ער אָבער גע־וואוסט, אַז דאָס זענען אַלץ קליינע פישלעך, וואָס די רויטע הערשער אין מזרח וועלן זיך פאַר זיי דעם פעלץ נישט רייסן. געדאַרפט אריינקריגן אין נעץ האָט מען אַ גרויסן פיש, אַ קאַרפּן־קאָפּ, אָבער די קאַרפּן־קעפּ האָבן זיך נישט געלאָזט אריינקריגן אין לעמפּיצקיס נעצן.

באַלד פון ערשטן טאָג, ווען לעמפּיצקי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם בישאָף, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף חבר דניאל. קיין בעסערער און וויכטיקערער פון אים איז נישט געווען צווישן די רויטע לייט. אויך אויף יענער זייט איבער דער גרעניץ האָט מען פון חבר דניאל געהאַלטן אַ וועלט. קאָנראַד לעמפּיצקי האָט עס געוואוסט פון זיינע אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס ער האָט אריינגעצווינגען אין דער ארבעט. אָבער ארעסטירן חבר דניאלן גלאַט אַזוי האָט קיין זין נישט געהאַט. ערשטנס, איז ער געווען אַ דע־פּוטאַט, אונבאַרירלעך; צווייטנס, איז באַשולדיקן אים בלויז אין פּראָפּאַגאַנדע האָט קיין ווערט נישט געהאַט. דערפאַר האָט ער גע־קענט קריגן בלויז עטלעכע יאָר. געדאַרפט האָט מען צו פּאַקן אים

ב'יי א פעטער ארבעט, ביי מלוכה־פּאראַט אויפן גרויסן שטייגער. פאַר אַזאַ זאַך וואָלט דער סעים אים גלייך ארויסגעגעבן. דאָס גע־ריכט וואָלט אים די העכסטע שטראָף אויסגעטיילט, אייביקע תפיסה אָדער אפילו טויט־שטראָף. מיט אַזאַ אורטייל וואָלט מען שוין גע־קענט גיין צום טיש מיט די שכנים פון מזרח. זיי וואָלטן גלייך אויסגעביטן דעם אַלטן גלח פאַר דעם פאַראורטיילטן חבר דניאל. אָבער די צרה איז געווען וואָס מען האָט אים ביי אַ פעט שטיקל ארבעט נישט געקענט פּאַקן, דעם חבר דניאל. נישט ער האָט זיך באַגעגנט מיט די רויטע דיפּלאָמאַטן אין שטאָט, נישט מיט זייערע שלוחים און האַנדלס־פאָרשטייער. ער איז אפילו נישט פאַרביי־געגאַנגען די גאַס, וואו די רוסישע אַמבאַסאַדע איז געשטאַנען. פּונקט אַזוי האָט ער אויסגעמיטן אַלע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס לעמפּיצקי האָט אים אונטערגעשיקט, זיי זאָלן אים אריינציען אין אַ שטיקל ארבעט לטובת די שכנים פון מזרח. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, דערשמעקט זיי אויף אַ מייל פון דערוויטנס. און קאָנראַד לעמ־פּיצקי האָט געביסן די וואָנצן זיינע פאַר צרות וואָס ער קען גאָר־נישט מאַכן מיט יענעם.

— אַ דורכגעטריבענער אידליק, — האָט ער געקלאָגט זיך פאַר זיינע פּאַרטרויאונגס־לייט אויף דעם חבר דניאל — אַ אידיש קעפּעלע.

זעענדיק, אַז אויפן גלייכן וועג וועט ער יענעם נישט נעמען, האָט לעמפּיצקי אָפּגעמאַכט ביי זיך צו נעמען אים מיט געוואַלד. שטיל, בסוד־סודות אפילו פאַר די אייגענע לייט זיינע, האָט ער גע־לאָזט ארויסרופן צו זיך דעם געשיקסטן צווישן אַלע פּראָוואָקאַטאָרן זיינע און פאַרשלאָסן זיך מיט אים אין קאַבינעט.

— סקאַרבעק, — האָט ער סודותדיק געזאָגט צום איינגעלאַ־דענעם — איך האָב אַן ארבעט פאַר דיר, זייער אַ גרויסע ארבעט.

סקאַרבעק האָט אָנגעשטעלט אויף לעמפּיצקין זיינע גרויע דורכ־דרינגלעכע אויגן אַזוי, אַז אפילו דער שעף פון דער דעפענסיווע האָט נישט אויסגעהאַלטן זייער שאַרפקייט און כלומרשט גענומען זוכן מיט די בליקן אין די פּאַפּירן אויפן טיש.

אַ מיטל־געוויקסיקער, אַ קנאָכיקער, מיט איינגעפאַלענע

באַקן, מיט שאַרפע שניטן פון דער קורצער פאַריסענער נאָז ביז איבער די ברייטע ליפּן, וואָס שטענדיק זויגן זיי אַ קליין ליולקעלע, מיט אַ רויטליך פּנים, וואָס תמיד זעט עס אויס ווי נאָר וואָס האָט עס אימיצער אויסגעפּאַטשט. האָט סקאַרבעק זייער אָרעם און זייער גרוי אויסגעזען, ספּעציעל לעבן דעם רעפּרעזענטאַבעלן, שיינעם מאַנסביל לעמפּיצקי, מיט די אויסגעצערטלטע וואָנסן איבער זיין געשניצט באַוועגלעך מויל. אָבער אויגן האָט ער געהאַט אַזעלכע שאַרפע, דורכדרינגלעכע, אַז קיינער האָט זיי נישט געקענט ביישטיין, ווען זיי האָבן אימיצן געוואָלט דורכנעמען. אויף לעמפּיצקין האָבן זיי געקוקט באַזונדערס שאַרף, אין די ביינער אים אריינגעדרונגען. לעמפּיצקי האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם און אָנגעבייזערט זיך.

— סקאַרבעק, — האָט ער געזאָגט — הער אויף. איך פאַרטראָג עס נישט.

סקאַרבעק האָט פאַרויכערט דאָס ליולקעלע, וואָס האָט זיך אים אָפּט פאַרלאָשן, און געמאַכט זיך תמוואַטע.

— וואָס מיינט דער הער שעף? — האָט ער געפרעגט אומשולדיק.

לעמפּיצקי האָט געפּויקט מיט די פינגער איבערן גרינעם טיש.

— זאָג נאָר, סקאַרבעק, — האָט ער געפרעגט — אין פּוילישן מיליטער האָסטו געדינט?

— געוויס, הער שעף, — האָט סקאַרבעק געענטפערט.

— אין וועלכן ראַנג ביזטו געווען?

— אַן אונטער־אָפיציר.

— פאַרוואָס ביזטו ארויסגעפלויגן פון מיליטער? — האָט לעמפּיצקי געוואָלט וויסן.

סקאַרבעק האָט נישט געענטפערט. לעמפּיצקי האָט געשמייכלט.

— אינסובאָרדינאַציע? דעפראַודאַציע? — האָט ער געפרעגט מיט אינטעליגענטע רייד, כדי סקאַרבעקן נישט צו באַליידיקן.

— גנבה, — האָט סקאַרבעק אָנגערופן די זאַך ביים נאָמען, גאָרנישט רויטלענדיק זיך אפילו — געהאַט אַ מיידל דאַן. קיין שיינער יונג בין איך נישט, ווי איר זעט, האָב איך זי געוואָלט

געווינען מיט געלט און איך האָב אַ קראַץ געטאָן אין דער רעגימענט־קאַסע.

לעמפּיצקי האָט גוטמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ טאַטע הערט אויס די שקאָצערייען פון זיין צעלאָזן קינד.

סקאָרבעק האָט ווידער פּרובירט אַ שפּיל טאָן מיט די אויגן, אָבער לעמפּיצקי האָט אים באַצייטנס אָפּגעהאַלטן.

— וואָסער בילדונג האָסטו, סקאָרבעק ? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— געלערנט אין אַ טעכנישער שולע, אָבער נישט פאַר־ענדיקט זי.

— צייכנען פּלענער קאָנסטו ? —

— ניט שלעכט, הער שעף.

לעמפּיצקי האָט געשמייכלט אין זיינע אויסגעצערטלטע וואָנסן אריין פון הנאה.

— הער אויס, סקאָרבעק, — האָט ער געזאָגט — כ'האַלט דיך פאַר אַ קלוגן געשיקטן יונג, און איך וויים, אַז דו האָסט ליב צו פאַרדינען אַ גולדן.

— ווער האָט עס נישט ליב, הער שעף, — האָט סקאָרבעק געזאָגט, אריינקוקנדיק שאַרף אין די אויגן אריין דעם שעף, וואָס האָט געשמט פאַר אַ כאַבאַרניק.

לעמפּיצקי האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך און אַ בייזן בליק געטאָן אויף סקאָרבעקן, אַ וואָרנונג ער זאָל האָבן מער דרך-ארץ.

— הער אויס סקאָרבעק, — האָט ער געזאָגט מיט וויכטיקייט אין זיין קול — איך דאַרף, אַז חבר דניאל זאָל האָבן דיך צוגערעדט צו מאַכן מיליטערישע פּלענער. פאַרשטייסט ?

סקאָרבעק האָט קיין איין ריר נישט געטאָן מיט זיין אויסגע־פּאַטשט פּנים און געלאָזן געזוינגט דאָס ליולקעלע.

— איך פאַרשטיי, — האָט ער געזאָגט — אָבער ווי איר ווייסט, בין איך מער נישט אין חן ביי חבר דניאל. מען פאַרדעכ־טיקט מיך.

— איך וויים, — האָט לעמפּיצקי געענטפערט — אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. פאַר דער אויספאָרשונג איז נישט וויכטיק צי

חבר דניאל האַלט יאָ פון דיר צי נישט, ווייכטיק איז דיין עדות זאָגן, אַז ער האָט ביי דיר די פּלענער באַשטעלט.

סקאַרבעק האָט אויף לעמפּיצקיס שיינעם שרייב־טיש אויס־געקלאַפּט דאָס אַש פון זיין ליולקעלע און עס אָנגעפילט מיט פרישן טאַבאַק.

— אָבער דאַן וועל איך מיך אַליין אויך מוזן באַשולדיקן, — האָט ער רואיק גערעדט — דאָס געריכט וועט מיך באַשטראָפן פאַר מלוכה־פאַראַט.

לעמפּיצקי האָט אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, ווי מען לאַכט אויס אַ אינגל.

— רעדסט נאַרישקייטן, — האָט ער געזאָגט — פאַרקערט, איך וועל מאַכן פון דיר אַ העלד, אַ פּאַטריאָט. אין די צייטונגען וועט מען וועגן דיר שרייבן, דיין פּאָרטרעט געבן.

לעמפּיצקי האָט זיך צוגעבויגן צו סקאַרבעקן, כאָטש די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, און מיט סודותדיקע הייסע רייד, ווי ער באַנוצט ביי פאַרפירן ווייבער, אויסגעלייגט פאַר אים דעם גאַנצן פּלאַן. ער, סקאַרבעק, ווי אַ געטרייער רויטער, דאַרף תחלת איינגיין און מאַכן די פּלענער. נישקשה, לעמפּיצקי וועט אים שוין צוהעלפן אין דער אַרבעט. ערשט ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק, זאָל זיך אין אים דערוועקן זיין פּויליש געוויסן און ער זאָל קומען זיך פאַרטרויען פאַר אים, דעם שעף פון דער דעפענסיווע.

סקאַרבעק האָט ווידער קיין ריר מיט זיין אויסגעשמיסן פּנים נישט געטאָן. ערשט ווען לעמפּיצקי האָט זיך פאַרגעסן און אָנגע־הויבן רעדן מיט פייער וועגן דער דינסט, וואָס מען וועט טאָן פאַרן פאָטערלאַנד, האָט ער מער נישט געקענט דולדן און איבערגעריסן יענעם אין מיטן רעדן.

— גוט, גוט, — האָט ער געזאָגט — אָבער איך וועל וועלן אַ גוטן פּרייז פאַר מיין דערוואַכט פּויליש געוויסן, זייער אַ גוטן פּרייז!

לעמפּיצקי האָט אָנגענומען אַן ערנסט פּנים, ווי תמיד ווען מען פּאָדערט ביי אים אַ היפּשע סומע פאַר אַרבעט.

— דאַרפסט וויסן, סקאַרבעק, אַז עס גייט אין אַ גרויסער זאַך,

אין ראַטעוועז א בישאָף. דאַרפסט עס נעמען אין באַטראַכט. מען קען אים נאָך שיסן דאָרט.

— פונמיינטוועגן קען מען אַלע בישאָפן אויסשיסן אין איין טאָג, — האָט סקאַרבעק געזאָגט א קאַלטער.

לעמפּיצקי, וואָס איז יעדן יאָר אין גרינעם דאָנערשטיק גע־גאַנגען מיט דער קאַטויילישער פּראָצעסיע, כדי זיך צו מאַכן באַ־ליבט ביי די גלויביקע, האָט געדראָט מיט א פינגער.

— אוי, סקאַרבעק, דער רויטער ליגט דיר נאָך אין די ביינער! א זינד אַזוי צו רעדן.

סקאַרבעק האָט ווידער א שפּיל געטאָן מיט די אויגן. לעמפּיצקי איז פאַרשוויגן געוואָרן.

— איך וויל אָן אוואַנס, — האָט סקאַרבעק גערעדט גע־לאַסן — א גרויסן אוואַנס.

— וואָס איז, מיידלעך, הא? — האָט לעמפּיצקי פּאָטערלעך געפּרעגט מיט א מוסר טאָן.

— אז אַזוי וויל מען סקאַרבעקן נישט ליב האָבן, — האָט סקאַרבעק געזאָגט א טרויעריקער — מוז מען צאָלן פאַר ליבע . . . גוט צאָלן, הער שעף. . . .

לעמפּיצקי האָט אויסגעצייילט סקאַרבעקן אין האַנט אריין א פּעקל אַסיגנאַציעס, נייע און קנאַקנדיקע, און ווידער שטיל גערעדט אים אין אויער אריין.

— הער אויס, סקאַרבעק, — האָט ער געשעפּטשעט — קיינער טאָר נישט וויסן וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט.

— געוויס, הער שעף, — האָט סקאַרבעק געזאָגט.

— איבערהויפּט טאָר עס חבר דניאל נישט וויסן.

סקאַרבעק האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף לעמפּיצקין. לעמ־פּיצקי האָט זיך צעטומלט.

— פאַרשטייסט, — האָט ער געמורמלט — מען קען קיינמאָל נישט וויסן ביי אַייערע לייט. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אז דו אַרבעטסט אויף צוויי פראָנטן, דאַן וועלן מיר זיין גע־צוואונגען . . .

— מיך צו אַרעסטירן, הא? — האָט סקאַרבעק געשמייכלט.

— ניין, עפּעס בעסערס, אויסצוגעבן דיך צו די רויטע, און זיי וועלן דיך שוין צורעכט מאַכן פאַר פאַררעטער...

סקאַרבעק האָט אויסגעגלייכט די אַסיגנאַציעס, אָדלער צו אָדלער, און אָנגעשטופּט אַ נייע ליולקע מיט טאַבאַק.

— דער הער שעף האָט דאָך זיינע מענטשן אַרום מיר, — האָט ער געזאָגט — זיי לאָזן מיך נישט אָפּ פון אויג... איך ווייס עס.

לעמפּיצקי האָט פאָטערלעך אָנגעדרייט סקאַרבעקן אַן אויער און אַ צושטראַלטער אַוועק אין טעאַטער־קאַפע, צום טיש פון די אָפּערא־אַקטריסעס.

— אַ שוואַרצע קאַפע פאַרן הער שעף? — האָט דער קעלנער געפרעגט, בויגנדיק זיך.

— ניין, וויין פאַר אַלעמען — האָט לעמפּיצקי באַפוילן — דעם בעסטן וואָס איז דאָ.

אין איינעם אַ פריהמאָרגן, מיטן טאָג צוגלייך, האָבן די וואָר־שעווער צייטונגס־אינגלעך זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ טומל, אַז זיי האָבן אַלע גאַסן פאַרוישט.

— רויטע שפּיאָנען-נעץ אויפגעדעקט אין שטאָט. אַרעסטירט רויטן דעפּוטאַט מיטן גאַנצן שטאַב... וויכטיקע מיליטערישע פּלענער פאַרכאַפּט ביי די אַרעסטירטע. פּוילישער אונטער־אָפיצער גיט אויס די מלוכה-פאַררעטער. אויספאָרשונג אין געהיים....

אַלע האָבן געכאַפּט די צייטונגען מיט די גרויסע פעטע קעפּ, וואָס זענען נאָך פייכט געווען פון דרוק. צוזאַמען מיט די נייעסן זענען די בילדער פון די טאָג־העלדן געווען פאַרעפנטלעכט. פון רעכטס דאָס בילד פון קאָנראַד לעמפּיצקי, מיט אַלע זיינע מעדאַלן און אויסצייכענונגען אויף זיין ברוסט, דעם רעטער פון פאָטער־לאַנד, וואָס האָט די פאַרשווערער אַנטדעקט. פון לינקס דאָס בילד פון חבר דניאל, דעם הויפּט פון געהיימן שטאַב, וואָס האָט געוואָלט פאַרקויפן דאָס לאַנד צו דעם שונא פון מזרח. אונטערביידנס שיינע קעפּ — דאָס מיאוסע בילד פון אונטער־אָפיציר טאַדעאוש סקאַרבעק, וואָס זיין פּויליש געוויסן האָט דערוואַכט און ער האָט אויסגעגעבן די רויטע פאַררעטער פון לאַנד.

מיט גרויס אייפער האָבן די ציַיטונגען באַשריבן ווי אַזוי דער רויטער אידישער שפּיאָן האָט אַריַינגעצויגן אין זיַין נעץ דעם נאַ־איוון פּוילישן אונטער־אָפיציר צו פאַרקויפן זיַין לאַנד לטובת דעם שכן פון מזרח. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אין פאַר־פירטן פּאָליאַק אויפגעוועקט זיַין פּויליש קאַטויליש געוויסן און ער איז זיך געגאַנגען מתודה זיַין פאַר דעם שעף פון דער דעפּענ־סיוו. מיט פרייד איז צוגעגעבן געוואָרן, אַז נישט קוקנדיק דערויף וואָס חבר דניאל האָט נישט געלאָזט זיך אַרעסטירן, באַשיצנדיק זיך הינטער דער רעכט פון זיַין דעפּוטאַטישער אומבאַרירלעכקייט, האָט דאָך לעמפּיצקי אים איינגעזעצט, נעמענדיק אין באַטראַכט די שוץ פון פּאַטערלאַנד, וואָס איז אין געפאַר. מיט געהיימע רייד איז געוועזן אָנגעגעבן, אַז די אויספאָרשונג האָט זייער וויכטיקע און פּיקאַנטע מאַטעריאַלן געפונען, וואָס קענען, ליידער, נישט פאַר־עפענטליכט ווערן צוליב דעם וואָס זיי רירן אָן אַ געוויסע שכנהשע מלוכה, מיט וועלכער דאָס לאַנד איז אָפיציעל פאַרבונדן. צום סוף איז צוגעגעבן געוואָרן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשוועּ־רונג האָט לעמפּיצקי אויך געמאַכט אַ גענעראַל־רייניגונג צווישן די רויטע צושטערער אין דער הויפּט־שטאָט און מאַסן פון זיי אַרעס־טירט, ביַי וועלכע עס איז אויך געפונען געוואָרן קאָמפּראָמיטירנדע מאַטעריאַלן. צווישן די אַלע אַרעסטירטע איז אויך געוועזן אויס־גערעכנט דער נאָמען פון נחמן ריטער, אַ בעקער פון דער פּראָפּעסיע.

די טעלעגראַף־דראָטן צווישן פּוילן און דער שכנהשער מלוכה אין מזרח האָבן נישט אויפגעהערט ציטערן דעם טאָג. טעלעגראַ־מעס זענען געפלויגן הין און צוריק.

## קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

ווי אַן אבן טוב האָט קאָנראַד לעמפּיצקי געהיט דעם גע־וועזענעם קאַרפּאָראַל סקאַרבעק, די רויטע זאָלן אים נישט אָפּרוימען ערב חבר דניאלס פּראָצעס. אומעטום האָט ער מיטגעשיקט מיט אים זיַינע אַגענטן, זיי זאָלן אים היטן, צו אַלע רעסטאָראַנען און

שאַנד־הייזער, וואו סקאַרבעק האָט פאַרהוליעט זיין געלט. פּונקט אַזוי האָט לעמפּיצקי אָפּגעהיט דעם חבר דניאל אַליין, אונטער זיין שוץ אים געהאַלטן.

קאָנראַד לעמפּיצקי האָט זיך געהאַלטן ביי זיין כּלל, אַז בלויז זעלנער שלאָגט מען אין מלחמה. גענעראַלן גיט מען אָפּ כּבוד אַפילו ביים שונא אין לאַגער. און ער האָט חבר דניאלן געהאַלטן ווי אַ גענעראַל. ער האָט אים אָפּגעגעבן אַ גוטע באַקוועמע צעלע אין תפיסה, די בעסטע נאָר וואָס איז געווען. ער האָט אים באַזאָרגט מיט עסן פון שטאָט פון די בעסטע רעסטאָראַנען נאָר, וואָס חבר דניאל האָט אויסגעקליבן. ער האָט אים אַריינגעגעבן טינט און פעדער און פּאַפּיר, ער זאָל אַליין קענען צוגרייטן זיך צו דער פאַר־טיידיקונג, ווי דער באַשולדיקטער האָט עס געוואָלט. ער האָט אָנ־געזאָגט זיינע אונטערגעאָרדנטע, זיי זאָלן זיין העפלעך צום אַרעס־טירטן, און ער האָט אים אויך טיטולירט: הער דעפּוטאַט, כאָטש די דעפּוטאַטן פון סעים האָבן אָפּיציעל אַרויסגעגעבן דעם מלוכה־פאַרעטער צו דער פּאָליציי און אויסגעשלאָסן אים פון דער פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט.

חבר דניאל האָט נישט אין קיין גלייכן וועג אָפּגעצאָלט קאָנ־ראַד לעמפּיצקין. ער האָט געקוקט מיט שפּאָט אויף אים ביי דער אויספאָרשונג, געלאַכט ווען יענער האָט מיט אַזאַ פייערלעכער ערנסטקייט געלייענט די באַשולדיגונג געגן אים, און אָפּגעזאָגט זיך אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל, כאָטש לעמפּיצקי האָט אים אַזוי העפלעך געבעטן עס צו טאָן.

— עס איז איבעריק דאָס לייקענען, הער דעפּוטאַט, — האָט לעמפּיצקי געזאָגט פּאָטערלעך — מיר האָבן אַלע באַווייזן. איר זעט עס אַליין, ווי אַן אַדוואָקאַט, און איר פאַרשטייט, אַז דאָס בעסטע איז מודה צו זיין זיך, הער דעפּוטאַט.

חבר דניאל האָט מיט אַזאַ כעס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש די אַמעריקאַנער פעדער, וואָס לעמפּיצקי האָט אים דערלאַנגט אונ־טערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל, אַז דער טינט אירער האָט פאַרגאָסן דאָס גרינע טישטוך אויפן שיינעם שרייב־טיש פון לעמפּיצקיס קאַבינעט.

— הער קאָמיסאַר, געגוג געפּראָוועט די קאָמעדיאַנטישע שטיק! — האָט ער געשריגן — שוין זאָלט איר מיך צוריקשיקן אין תפיסה.

קאָנראַד לעמפּיצקי האָט זיך נישט געבייזערט אויף דעם צאָרנדיקן אַרעסטאַנט זיינעם. פאַרקערט, אויסווישנדיק מיטן לעש־פּאַפּיר דעם טינט־פלעק אויפן טיש, האָט ער ווידער גערעדט העפלעך און זיס צום חבר דניאל.

— מיר זענען ביידע קאָלעגן אייגנטלעך, — האָט ער געזאָגט — איר אַן אַדוואָקאַט, איך אויך אַ געוועזענער אַדוואָקאַט. און ווי אַדוואָקאַטן דאַרפן מיר געדענקען, אַז צאָרן מיט געזעץ זענען נישט קיין פּאָר . . . רואיק, הער דעפּוטאַט, געלאַסן.

חבר דניאל האָט נישט געוואָלט זיין רואיק, געלאַסן. מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער גלייך לעמפּיצקין אין שמייכלענדיקן פּנים אַריין, האָט ער אים אַריינגעשריגן, אַז ער איז אַ ליגנער, אַ בלבול־מאַכער, אַז ער איז פּונקט אַזאַ פאַרקויפטע נשמה ווי דער פּראָוואָ־קאַטאָר סקאַרבעק, וועמען ער האָט געקויפט פאַר געלט. פּונקט אַזוי האָט ער אים אָנגערופן די זאַך ביים נאָמען, אַז די גאַנצע באַשולדיקונג איז נישט מער ווי אַ מיטל אויף אַרויסצוקריגן פון יענער זייט דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בישאָף, אָבער דאָס מיטל איז אַ שלעכטס, אַ פאַרטאַטשטע. ער, חבר דניאל, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם לאַנד פון יענער זייט גרעניץ. קיינער וועט דאָרט גאָרנישט נישט טאָן אים צו ראַטעווען. ער איז אַ פרעמדער דאָרטן. ער אַרבעט פאַר פּוילן, פאַר איינפירן ביי זיך אין לאַנד די אָרדנונג פון אַרבעטער און פּויערן. ער מאַכט נישט קיין סוד דערפון, און אויב ער וועט דאַרפן באַצאָלן מיט זיין לעבן פאַר זיין אידעאַל, איז ער גרייט. אָבער קיין פּראָוואָקאַציעס וועט ער נישט דערלאָזן.

לעמפּיצקי האָט רואיק אויסגעהערט די פייערדיקע דרשה פון חבר דניאל, אַראָפּגעשלונגען אַן אַ ברעקל בושה די אמתן, וואָס ער האָט אים געוואָרפן אין פּנים, און געשמייכלט זיך אין די אויסגעצערטלטע וואָנסן דערפון. וואָס חבר דניאל וויל אים, לעמ־פּיצקין, איינריידן, אַז ער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די לייט פון יענער זייט גרעניץ. לעמפּיצקי האָט גוט געוואוסט חבר דניאלס

ווערט אויף יענער זייט. פונקט אזוי האָט ער געוואוסט, ווייסט חבר דניאל דערפון, און דערפאַר טאַקע האַלט ער אַזעלכע פייערדיקע רעדעס און איז אזוי זיכער ביי זיך, כאָטש אים דראָט די העכסטע שטראָף.

— איר רעדט אומזין, הער דעפּוטאַט, — האָט לעמפּיצקי געזאָגט מיט אַ שמייכל — מיר האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט אַנ־געלעגנהייטן אויסער די גרעניצן פון אונזער לאַנד. מיר האָבן בלויז אין זינען די גרעניצן פון אונזער לאַנד, וואָס איר מיט אייערע לייט האָבן פאַראַטן לטובת אַ שכנהשער מלוכה.

ביידע האָבן זיי זיך געגנזייטיק געגאַרט, ווייסנדיק גאַנץ גוט ביי זיך, אַז איינער גלויבט נישט דעם צווייטנס נאַרעריי.

ווי גוט לעמפּיצקי איז געווען צום גענעראַל חבר דניאל, אזוי ביטער איז ער געווען צו די זעלנער זיינע, וואָס ער האָט זיי אין די הונדערטער געכאַפּט אין שטאָט און אַלע תפיסות מיט זיי אָנ־געפילט.

— נישט זשאַלעווען זיי, אינגלעך — האָט ער געזאָגט צו זיינע לייט — גיט זיי פעפער צו שמעקן, די רויטע לייט.

און זיינע לייט האָבן נישט געזשאַלעוועט, געגעבן די רויטע פעפער צו שמעקן, ווי זייער שעף האָט אָנגעזאָגט.

אליין האָט קאָנראַד לעמפּיצקי קיין פעפער צו שמעקן נישט געגעבן. נישט ער האָט חשק געהאַט צו עסקן זיך מיט קליינע פישלעך, וואָס דאָס איז אונטער זיין ווירדע, נישט ער האָט הנאה געהאַט פון שלאָגן און פייניגן מענטשן. לעמפּיצקי איז אַ פריי־לעכער פאַרשוין, אַ ליבהאָבער פון אַ גוט גלעזל וויין, פון באַזוכן אָפּערא, פאַרברענגען מיט אַקטריסעס, זיצן אין קאַפייען. ער חברט זיך אפילו מיט יונגע מאָדערנע פּאָעטן, וואָס זענען לינקלעך גע־שטימט און שרייבן שרייענדיקע רעוואָלוציאָנערע און עראָטישע לידער. אין אַלע קאַפייען קען מען אים. דעם עלעגאַנטן שיינעם קאָנראַד לעמפּיצקי, וואָס תמיד שמייכלט ער, קושט דאַמען די הענט, פּאַטשט קינסטלער אין די פּלייצעס און גריסט זיך פון אַלע זייטן אויף רעכטס און לינקס אויפן אמאָליקן קראָקאָווער שטייגער פאַר פראַנץ יאָזעפס צייטן:

— סערוואוס, קיסע די האנט. . . .

שטילערהייט האָט ער אפילו אָנגעשריבן ליבע־לידער מיט זייער א שיינער האנדשריפט אויף ראָזע פארפומירט פאפיר. ער האָט זיי נישט געדרוקט, די לידער, אָבער געלייענט זיי פאר זיינע אַקטריסעס האָט ער אָפט, פארוואָס זיי האָבן אים א וועלט מיט קאָמפּלימענטן געמאכט און אים געשוואוירן, אז ער איז געטלעך.

נישט פאר אים, לעמפּיצקין, איז עס געווען אָן ארבעט צו עסקן זיך מיט פאנאטישע אָרעמע ארבעטער, אומגעוואשענע און פארביסענע, צו רייסן זיך מיט זיי, צו זיצן מיט זיי ביי אויספאָר־שונגען, שמעקן דעם אומאנגענעמענעם קארבאָל־ריח פון קאָנצעלאַר־יעם און שימל פון תפיסות, צו הערן געשרייען, קרעכצן און גע־וויינען. איבערגעלאָזט האָט ער עס צו זיין געהילף, מאריאָן סלו־פּעק, אַן ערד־קאָלירענעם פארשוין, וואָס די גאנצע שמאָלע ברוסט זיינע איז באהאנגען מיט מעדאַלן, אָן א שיעור מעדאַלן פאר קריגס און ציווילער דינסט, און איין אויג, אַן אויסגערונענעם אין קריג, איז שטענדיק פארדעקט ביי אים מיט א שווארץ שיידל פארבונדען צום קאָפּ.

דאָס צווייטע אויג, דאָס זעענדיקע, איז גרין, שארף און קוקט שטענדיק אראָפּ, ווי ביי א שפּיר־הונט, וואָס נישטערט און וויל אויסשמעקן בלוט. אָט דער מאריאָן סלופּעק, וואָס פון זיין ערד־קאָלירענעם פנים קען מען נישט וויסן נישט זיינע יאָרן, נישט זיין געמיט, ער פארנעמט זיך מיט געבן פעפער צו שמעקן די רויטע לייט, וואָס פאלן אריין צו זיין שעה אין די הענט.

א שווייגער, א שטרענגער צו די אונטערגעאָרדנטע זיינע, וואָס קיינער ווייסט נישט ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, וואו ער לעבט און מיט וועמען ער לעבט, פארברענגט ער זיינע טעג און נעכט אין דער דעפענסיווע, כאָטש מען פארלאַנגט עס פון אים גאָרנישט. מיט צוויי געלאָדענע רעוואָלווערן, גרייט צו באשיצן זיך געגן די פיל שונאים, וואָס ער האָט צווישן די רויטע אין שטאָט פאר זיין רשעות געגן זיי, באגלייט פון א שווערן בולדאָג, א גרויען און פארכמורעטן, ווי ער אליין איז, וואָס ער לאָזט אים נישט אָפּ אויף קיין מינוט, נישט ביי דער ארבעט, נישט ביים עסן,

איז ער תמיד אויף די פיס, שטענדיק ביי דער ארבעט זיינער. ער שמעקט ארום צווישן פארשימלטע דעפענסיווע־ארכיוון, שיפּ־רירט אויף געהיימע מאַטעריאַלן, קריכט איבער תפיסות און קאָנ־צעלאַריעס. אמליבסטן פון אַלץ האָט ער אויסצופאָרשן ארעסטיר־טע און געבן זיי פעפער צו שמעקן. נאָך אים, ווי א שאָטן, גייט נאָך זיין הונט, א שווערער, א קרום־פיסיקער און אָנגעכמורעטער.

אָט צו דעם סלופּעק לאָזט לעמפּיצקי איבער די שווארצע ארבעט. און אויך איצט, האָט ער זיך אזוי איינגעטיילט, לעמ־פּיצקי. פאר זיך האָט ער גענומען דעם חבר דניאל, דעם גענע־ראַל, מיט וועמען עס איז אנגענעם צו זיצן ביים טיש אפילו ווען יענער זידלט און בייזערט זיך. פאר סלופּעקן האָט ער איבער־געלאָזט חבר דניאלס לייט, ער זאָל פון זיי ארויסקוועטשן די ריכ־טיקע פּראָטאָקאָלן.

גאַנץ אַנדערש, ווי דעם גענעראַל חבר דניאל, האָט מען גע־האַלטן אין געפענגעניש דעם זעלנער נחמן ריטער.

שוין ביי דער רעוויזיע, וואָס צוויי אַגענטן האָבן ביי אים גע־מאַכט אין זיין שטיבל פאַרטאָג, ווען ער איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט, האָבן זיי א תל געמאַכט פון ביסל אָרעמקייט. זיי האָבן מיט מעסערס אויפגעשניטן די קישנס, כדי צו געפינען דאָרט געהיימע מאַטעריאַלן. חנהקע האָט זיך געשוואָרן, אז א חוץ פע־דערן איז דאָרט גאָרנישט נישטאָ און געבעטן מען זאָל איר נישט א תל מאַכן פון בעטגעוואַנד. די אַגענטן האָבן זי נישט געהערט און געטאָן זייערס. אזוי האָבן זיי אויך אויפגעשניטן אַנדערע זאַכן, געבראָכן, געשטאָכן, אַבי עפּעס צו געפינען. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטאָן חבר נחמנען א קייטעלע אויף דער האַנט און אים געהייסן גיין מיט זיי. נחמן האָט געשריגן, פּראָטעסטירט, אז ער איז נישט קיין קרימינעלער, אז ער איז א פרייער בירגער, און זיי האָבן נישט קיין רעכט אים צו פירן געבונדן. די אַגענטן האָבן געלאַכט.

— גוט, גוט, „חבר“, — האָבן זיי געשפּאָט פון אים — איר וועט קענען זיך באַקלאָגן אויף אונז ביי דער אויספאָרשונג פאַרן קאָמיסאַר סלופּעק. . . .

מיטן קייטעלע אויף דער האַנט האָבן זיי אים געפירט איבער די פּאַרטאַגיקע גאַסן ביז צום ראַטהויז און אים אַריינגעשטופּט אין אַ טיר.

— יעצט זענען מיר אין סלופּעקס האָטעל, — האָבן זיי ווידער געשפּאַסט און אים רעגיסטרירט ביים פּאָליציאַנט ביים טיש.

נחמן האָט ווידער פּרובירט פּראָטעסטירן פאַר פירן אים אויף אַ קייטעלע, פאַר אַרעסטירן אים אָן אַ סיבה. דער פּאָליציאַנט ביים טיש האָט אים אָפּגעהאַקט:

— אויסטאָן אים! — האָט ער באַפוילן.

די אַגענטן האָבן צוגענומען ביי אים אַלע זאַכן, וואָס אַ מענטש קען אויסנוצן אויף טאָן זיך אַליין שלעכטס, דאָס מעסערל פון קעשענע, דעם רימען פון די הויזן, אויף וועלכן מען קען זיך אויפ־הענגען, דעם קראַוואַט פון האַלז און אפילו דאָס נאָז־טיכל און די בענדלעך פון די שיך. מיט אויפגעבונדענע שיך, מיט די הויזן צוגעהאַלטן מיט איין האַנט, איז ער נאָכגעגאַנגען די אַגענטן איבערן גרויסן אויסגעפּוצטן בלומען-פאַרזעצטן ראַט-הויז-הויף צו אַ טיפן ווינקל. זיי האָבן פאַרקלאַפּט הינטער אים די טיר. קיינער איז אין פאַרקראַטעוועטן צימערל נישט געווען, קיין זאַך, אַ חוץ אַ באַנק. אויף די ווענט זענען געווען אויפשריפטן אַלערליי, צייכע־נונגען מיט נעגל אויסגעקראַצט. נחמן האָט דורכגעלאָזט די מיאוּעס רייד, וואָס קרימינעלע האָבן אָנגעשריבן, און געלייענט די פּאָליטישע. „מען האָט מיך געשלאָגן", — האָט איין אויפשריפט געשריבן. „חברים, מען האָט יאָגעקן דאָ צום טויט פאַרפּייניקט", — האָט אַ צווייטע אויפשריפט אין קאַלך געצייכנט. „סטאַשעק איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, חברים", — האָט אַ דריטער אויפשריפט געוואָרנט. דערנאָך זענען געגאַנגען נעמען, דאַטעס, רעוואָלוציאָ־נערע אויפרופן, האַמערס און סערפּן אויסגעקריצט מיט נעגל. נחמן האָט גענומען קראַצן מיט אַ נאָגל אין דער וואַנט, די דאַטע פון טאָג פאַרצייכענען, ווי פּלוצלונג האָט זיך אַ טומל פון הינטער דער וואַנט צו אים דערטראָגן, איין קוויטשיק קול, אַ דורכדרינגלעכס און פאַרצווייפלטס, און עטלעכע גראָבע שטימען, פּעטשע און רואיקע. נחמן האָט אויסגעשפּיצט ביידע אויערן און דערפילט ווי אין האַרץ

רייסט זיך אים אָפּ. באַלד האָט ער גענומען קלאַפּן מיטביידע פויסטן אין דער וואַנט.

— נישט שלאָגן ! — האָט ער געשריגן אין דער וואַנט אַריין.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. בלויז אַ ווידער-קול איז געבליבן הענגען. נחמן האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער באַנק. פון אַ ווינקל אַרויס האָט פּלוצלונג אַ האָר-נאָדל אַריינגערוקט זיך דורך אַן אויסגעבויערט לעכל אין דער וואַנט. נחמן האָט אָנגעשטעלט דערויף די אויגן.

— העי, פאַרוואָס האָט מען דיך אַרעסטירט ? — האָט אַ הייזעריק ווייבעריש קול געפרעגט פון יענער זייט.

— איך ווייס נישט, — האָט נחמן געענטפערט, געדענקענדיג אין קאָנספּיראַציע.

— מיך האָבן זיי פאַרהאַלטן אין גאַס, אָן אַ ביכל מיך געפּאַקט, — האָט דאָס ווייבערישע קול געזאָגט — אפשר האָסטו אַ פּאַפּיראָס ? רוק אים דורך דורך דעם לעכל אין וואַנט. איך שטאַרב נאָך אַביסל רויך !

— ניין, מען האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען, — האָט נחמן געענטפערט.

— אויב אַזוי, גיי איך שלאָפן, — האָט די ווייבערישע שטים פון יענער זייט געזאָגט, און טאַקע באַלד האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט אַ שנאָרכן.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אויפן הויף. אַטאַמאַביליַן האָבן שווער געסאָפּעט אַריינפאָרנדיק און אַרויספאָרנדיק. קולות האָבן גערופן. אין נחמנס קאַמער האָט מען אַלעמאָל אַנדערע פאַרשלאָפענע מענטשן אַריינגעוואָרפן. צוזאַמען מיט שיכורים, גנבים און סקאַנדאַליסטן, האָט מען פּאָליטישע געבראַכט. נחמן האָט דערקענט זיינע לייט צווישן זיי.

— אָ, דו ביזט שוין דאָ ? — האָט אַ באַקאַנטער זיינער אים באַגריסט. — איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דיך דאָ טרעפן.

נחמן האָט געוואָרנט דעם באַקאַנטן, ער זאָל רעדן שטילער. יענער האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— שוין איינמאָל היינט אַ שחיטה געווען, — האָט ער גע־

זאָגט — הונדערטער פירט מען. מיט דראָשקעס, צופוס, אין אַטאָ־מאָבילן. פרעג גאָרנישט.

באַלד האָבן אַלע קאַמערן און קעמערלעך פון „סלופּעק׳ס האָ־טעל" געקאָכט. אַלעמאָל האָט מען אַנדערע באַקאַנטע אַריינגע־לאָזט. נחמן האָט געפרעגט אויף חברים.

— אַלע זענען דאָ, — האָט מען אים אָפּגעגעבן גרוסן.

א גאַנצן טאָג איז געווען טומלדיק אין נחמנס קאַמער. מען האָט אַריינגעפירט אַלץ נייע און נייע מענטשן, אָנגעשטאָפּט ווי אין א פעסל. די אַרעסטירטע האָבן געזונגען, געקלאַפּט אין די טירן, געפּאָדערט ברויט, געגופן מען זאָל זיי אַרויסלאָזן אויף א מענטש־לעך געברויך. קיינער האָט נישט געענטפערט. די אַרעסטירטע האָבן געמאַכט א דעמאָנסטראַציע, געקלאַפּט אין די ווענט. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

סלופּעק צערעמאָניעט זיך נישט מיט די איינוואוינער פון זיין האָטעל. ער שטופּט אָן הונדערטער אין איין גרויסער קאַמער, אַזוי אַז איינער ליגט אויפן צווייטן. קיין בעטן זענען נישטאָ, נאָר שמוציקע שטרוי־זעק, פול מיט אומפּלייט און חולאתן, וואָס יעדער לאָזט איבער. אָבער אויך די שטרוי־זעק זענען נישט גענוג פאַר אַלע, און די איבעריקע מוזן ליגן אויף דער ערד, אויף דער שטיי־נערנער און פייכטער, וואָס איז פול מיט ווערים און ראַצן. ער לאָזט אויך קראַנקע מיט געזונטע צוזאַמען, און דווקא ווייל די פּאָ־ליטישע ווילן עס נישט, לאָזט ער צו זיי אַריין קרימינעלע, שיכורים און סיפיליטיקער. ער וויל זיי זאָלן פילן א טעם, די רויטע, אין „סלופּעק׳ס האָטעל".

שוין נישט איינמאָל האָט מען אין די צייטונגען געשריבן וועגן זיין האָטעל, אויך אין סעים האָבן לינקע דעפּוטאַטן געשטורעמט וועגן דעם. קאָמיסיעס זענען אפילו באַשטימט געוואָרן אויסצו־פאָרשן דעם האָטעל זיינעם. אָבער סלופּעק מאַכט זיך נישט וויסנ־דיק דערפון. פאַרקערט, אים טוט הנאה וואָס מען שרייבט שלעכטע זאַכן וועגן זיין אויפירונג, ער קוועלט מיטן ערד־קאָלירענעם פּנים, ווען אַרעסטאַנטן דערציילן אין די געריכטן וועגן זיין רשעות און ברוטאַליטעט. לעמפּיצקי לייקנט עם אַלעמאָל, מאַכט זיך פאַר א

צדיק. סלופעק פארגינט עס אים, פונקט ווי ער פארגינט אים די רעקלאמע אין די צייטונגען, דאס גוטע פרייליכע לעבן זיינס. ער דארף נישט קיין רעקלאמע. ער וויל נישט שפילן דעם צדיק. פאר אים איז גוט זיין האטעל, די קאנצעלאריעס, וואס שמעקן מיט קארבאל, די פארשימלטע ארכיוון, די תפיסה־לופט און די אויס־פארשונגען. ער האלט זיי לאנגע טעג אין זיין האטעל, די ארעס־טירטע, כאטש עס איז געגן געזעץ. ער וויל זיי זאלן זיך גוט אויס־פייניקן, ווערן געבראכן, ביז זיי קומען צו דער אויספארשונג צו אים.

ליבער פון אלץ האט ער די אויספארשונגען אין די נעכט. ווען אלע אין שטאט שלאפן שוין, ווען לעמפיצקי, זיין שעף, פאר־ברענגט אין פריילעכע רעסטאראנען מיט זיינע ווייבער, הויבט סלופעק אן זיין נאכט־ארבעט. אין זיין אויספארשונגס־קאנצע־לאריע, וואס די פענסטער זענען דארט תמיד פארהאנגען מיט שווערע פארטירן אפילו בייטאג, עס זאל קיין ליכט ניט אריין, ביי טריבע רויטע עלעקטרישע לעמפלעך, ביי נאקעטע ווענט, וואס זענען מיט קיין זאך נישט באצירט, א חוץ מיט דעם ווייסן אדלער און מיט די פארטרעטן פון די הערשער, ביי א טיש מיט א רויטן טוך איבערגעדעקט, זיצט ער אנגעבויגן איבער פאפירן, אין וועלכע ער נישטערט מיטן איינעם אויג. דער בולדאג ליגט נעבן זיינע פיס און דרימלט. די טירן צו זיין קאנצעלאריע זענען דיק אויס־געבעט, קיין קול זאל נישט דורכגיין דורך זיי. פון אלע זייטען האט ער געהיימע גלעקלעך אין טיש. אזוי אז די מענטשן זיינע באווייזן זיך פלוצלונג ווי די גייסטער. סלופעק ווייסט, אז ביינאכט זענען מענטשן שוואכער, הילפלאזער, מער דערדריקט פון מורא, ווי ביי־טאג. זיי גיבן זיך גיכער אונטער. און ער פירט זיינע אויספאר־שונגען ביינאכט, איבערהויפט וויכטיקע אויספארשונגען.

אין איינער א שפעטער נאכט־שעה, נאך שיינע עטלעכע טעג אפזיצן אין קאמער, האט מען דורך א סך קארידארן און טונקעלע געוועלבטע צימערן אריינגעפירט נחמן ריטער צו סלופעקן אין קאנצעלאריע. סלופעק האט אים נישט געבעטן זיצן, ווי אנדערע אויספארשער טוען, אויך זיך נישט פארגעשטעלט פאר אים. סלו־פעק האלט נישט פון דעם מין פסיכאלאגישן פארהער, אין וועלכן

אנדערע פון זיינע חברים האלטן זיך. ער ארבעט מיט זעלנערישע מעטאָדן, ער טרעט גלייך צו צום עסק.

— נחמן ריטער, א בעקער פון פאַך, א קאָמוניסט ? — פרעגט ער.

— ניין, — לייקנט נחמן.

סלופּעק קוקט אין די פּאַפּירן.

— ווען האָסטו זיך געטראָפן ס'לעצטע מאָל מיט טאַרעאוש סקארבעק אין חבר דניאל'ס הויז ?

נחמן, געטריי צו דער לערע, וואָס מען האָט אים געגעבן אין דער פּארטיי צו פאָדערן רעכט פון א פּאָליטישן ארעסטאַנט אין פאַל פון ארעסט, הויבט אָן פּראָטעסטירן :

— הער קאָמיסאַר, איך פאָדער מענטשלעכע באהאנדלונג, נישט זאָגן מיר „דו".

סלופּעק קוקט אים אָן מיטן איינעם אויג לאַנג און דורכדרינגלעך, צום ערשטן פון אויבן אראָפּ, דערנאָך פון אונטן ארויף. נחמן דערפילט א גרויל פון סלופּעקס אויג, וואָס קריכט ארום איבער זיין קערפּער. ער שטעלט איבער א פּוס פון נערוועזיטעט. סלופּעק גייט־צו צו אים נאָענט, אזוי נאָענט, אז נחמן דערפילט אויף זיך יענעמס אָטעם, וואָס ווייעט מיט רויך, שימל און הונט־גערוך.

— וואָס פאָדערסטו, חבר ריטער ? — פרעגט ער איבער.

נחמן פילט גלייך, אז די לערע אויף דער פריי, וואָס ער האָט איינגעחזרט, איז דאָ נישט אויפן אָרט. דאָך האַלט ער אונטער זיין פּאַרטייאישע ווירדע.

— איך . . . איך פאָדער מענטשלעכע באהאנדלונג, — מורמעלט ער.

— נאַדיר מענטשלעכע באהאנדלונג — זאָגט סלופּעק און דערלאַנגט נחמנען אזא פּאַטש אין פּנים, אז אים הויבט גלייך אָן לויפן דאָס בלוט פון דער נאָז און מויל צוזאמען.

— שפּיי אויס, — שרייט סלופּעק, — וועסט נאָך אראָפּשלינגען עטלעכע ציין.

נחמן וואַקלט זיך. דער בולדאָג כאַרכלט אויף אים מיט די צוויי גרויסע פאָדערשטע ציין. א גאַוועער רינט אים פון מויל,

דערשמעקנדיק בלוט. אז נחמן רייניקט זיך ווי געהעריג אוים פון בלוט, הויבט סלופעק אן די אויספארשונג אויפסניי.

— אויסהערן וואס איך רעד! — באפעלט ער, — און נישט פארדרען קיין זאך. ביי מיר פארדרעט מען נישט.

געלאסן, ווי עס וואלט גארנישט נישט געשען, זעצט ער זיך צוריק צום טיש.

— ווען האסטו זיך געטראפן מיט טאדעאוש סקארבעק אין חבר דניאלס הויז ארומצורעדן די שפיאנאזש־ארבעט, וואס סקארבעק האט געדארפט מאכן פון פעסטונג?

— איך ווייס פון קיין זאך נישט, — ענטפערט נחמן, א דער־שראקענער פון דער באשולדיקונג, פון וועלכער ער ווייסט גארנישט.

— דערמאן זיך, — גיט אים סלופעק אן עצה, — גוט דער־מאן זיך.

— איך האב מיך נישט אין וואס צו דערמאנען, — מורמלט נחמן.

סלופעק רעדט געלאסן, ווארט נאך ווארט.

— אז מ'איז גוט צו אונז, זענען מיר אויך גוט, — זאגט ער, — אבער, אז מען וויל אונז נארן, פירן פאר דער נאז, האבן מיר נישט גערן און מיר מאכן צו רעדן. אוי מאכן מיר! דערפאר איז דאס בעסטע גלייך ארויסצוגיין מיט לשון.

— אז איך ווייס פון קיין זאך נישט, — זאגט נחמן. — אויף אן אמת, איך...

סלופעק רייסט אים איבער.

— טאדעאוש סקארבעק האט זיך מודה געווען. אליין דער חבר דניאל האט זיך מודה געווען.

נחמן דערפילט א קעלט אין די ביינער.

— ס'איז ליגן! — שרייט ער אויס, פארגעסנדיק גאר אין קאנ־ספיראציע.

סלופעק לאכט.

— אלע זענען זיך ביי אונז מודה. אלע. אונז פירט מען נישט פאר דער נאז. און דו זאלסט נישט מאכן קיין קאמעדיעס, אנישט וועלן מיר דיך מאכן רעדן.

ער לייענט פאַר דעם פּראָטאָקאָל, וואָס ער האָט שוין א פאַרטיקן. א לאַנגן פּראָטאָקאָל וועגן נחמנס שפּיאָנאַזש־אַרבעט צו־זאַמען מיט סקאַרבעקן. נחמן הערט מיט שרעק די לאַנגע באַשרײַ־בונגען וועגן זײַן טעטיקייט, וועגן געהיימע זיצונגען, אויף וועלכע ער איז זיך צונויפגעקומען, וועגן נאַכטיקע באַגעגענישן.

— ס'אַליגן! — שרײַט ער, — א בלבול!

— נישט איבערײַסן! — וואָרנט סלופּעק — הערן און שווײַגן!

ווען ער ענדיקט דאָס לייענען, גלעט ער אויס דאָס פּאַפּיר און דערלאַנגט נחמנען די פּען.

— אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל, דעם נאָמען און פאַ־מיליען־נאָמען.

נחמן וויל נישט אונטערשרײַבן. סלופּעק גיט א קוועטש אין א קנעפּל. צוויי פאַרשוינען קומען אַרײַן מיט שטילע טריט, איינער א דינער, א בוויגיקער, ווי אײַנגעאַנצן פון ספּרענזשינעס, אָנגעטאָן אין האַלב־מיליטערישע קליידער, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון די סאָלדאַטן. דער אַנדערער איז א ציווילער, א ברייטער און א פליישיקער, מיט א גוט שמייכלענדיק פּנים.

— אויסטאָן אים נאַקעט! — זאָגט סלופּעק.

נחמן אַמפּערט זיך.

— ניין, — שרײַט ער, — ניין!

די צוויי פאַרשוינען פירן אים צו אין ווינקל־שטוב און וואַרפן אים אַוועק אויף א באַנק. נחמן רײַסט זיך פון אָרט. ער פילט, אַז ער טאָר דאָס ניט דערלאָזן. ווי לאַנג ער איז אין די קליידער, גלויבט ער, איז ער געשיצט. מיט אַלע כחות אַמפּערט ער זיך מיט די צוויי לייט. דער דיקער כאַפּט אים בײַם האַלז און שטיקט אים צו.

— זבישעק, — זאָגט ער צום דאַרן, — בינד אים צו הענט און פיס צו דער באַנק און לעג אים מיטן פּנים אַרויף, אָט אַזוי.

נחמן פילט, ווי ער ווערט צוגעשטייפּט מיט רימענס צו דער באַנק. ער רײַסט זיך, אָבער ער קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. לעבן דער באַנק שטייט סלופּעק מיט זײַן בולדאָג.

— די הויזן ארונטערנעמען ! — באַפעלט סלופּעק.

די פאַרשוינען רייסן פון אים ארונטער די מלבושים. זיי שפּאַטן פון זיין נאַקעטקייט, פון זיין שאַנד.

— נאַסע שמאַטעס ארויפלייגן אויפן בויך — באַפעלט סלו־פּעק, — יאַנאַווא !

נחמן זעט ווי אַן עלטערע גויע קומט אריין מיט אַן עמער וואַסער און טונקט איין דערין שטיקער פון אַ זאַק. ער שעמט זיך מיט זיין נאַקעטקייט און פּרובירט רירן מיט די פיס. די פאַרשוינען לאַכן פון אים און זאָגן, אַז די יאַנאָווע האָט שוין אַזעלכעס געזען.

— אמת, יאַנאָווא ? — פרעגט דער דינער.

די גויע אין די שלומפּערדיקע שטעק־שיך און מיטן פאַר־שטעקטן קלייד ענטפערט ניט און גייט ארויס. נחמן דערפילט אויף זיין בויך די נאַסע שמאַטע. ער גיט אַ ציטער. באַלד ווערט אים הייס. ריטער שפּרינגען איבער זיין לייב, שניידענדיקע, איינעסנ־דיקע, ווי מעסערס וואָלטן דעם בויך געשניטן.

— מ'פּייניקט מיך ! — שרייט ער מיט יאָמערלעכע קולות, מענטשן זאָלן דערהערן.

דער דיקער לאַכט.

— שריי, שריי, — זאָגט ער, — וועט עס דיר מאַכן בעסער.

סלופּעק ציילט די שמיץ.

— איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס . . .

נחמן הערט שוין נישט מער דאָס ציילן. דאָס גאַנצן בלוט אין גוף קאָכט, לויפט, וויל ארויס. פייער גליט אין זיין אינגע־ווייט.

— האַלט ! — באַפעלט סלופּעק און נעמט אים אָן ביים פּולס.

נחמן עפנט די אויגן. סלופּעק טראָגט אים צו דעם פּראָ־טאָקאָל.

— ווילסט אונטערשרייבן ? — פרעגט ער רואיק.

— מערדער, — ענטפערט אים נחמן אָפּ, — מערדער !

סלופּעק לאַכט.

— איבערקערן מיטן פנים אראָפּ, — באַפעלט ער זיינע לייט, — און קיצלען דעם רוקן !

די ווייטאָגן ווערן שטאַרקער. נחמן פילט ווי די ביינער ברעכן זיך, די אָדערן פּלאַצן. ער שרייט, בייסט מיט די ציין אין דעם ברעג פון דער באַנק. צוזאַמען מיט דעם ווייטאָג דערפילט ער אַ זיסקייט פון בלוט אויף אַ ווײַלע אין מויל. באַלד ווערן די יסורים שטאַרקער. דערנאָך ווערן זיי שוואַכער. ער פילט שוין מער נישט קיין ווייטאָג. ער איז דער ווייטאָג אַליין. אַלץ איז פינסטער אַרום. פּלוצלונג דערפילט ער צוריק זיך אַליין. די אויערן הערן ווידער סלופּעקס רייד.

— נאָך וואַסער גיסן אים אויפן קאָפּ! — באַפעלט ער.

די לייט באַגיסן אים מיט קאַלט וואַסער און דרייען אים איבער צוריק מיטן פּנים אַרויף. דער בולדאָג כאָרכעלט. סלופּעק טאַפּט אים ביים פּולס.

— נו, ווילסט אונטערשרייבן? — פרעגט ער, צוטראָגנדיק דאָס פּאַפּיר נחמנען צו די אויגן.

— הרגעט מיך! — בעט זיך נחמן.

סלופּעק לאַכט.

— מיר הרגענען נישט, — זאָגט ער געלאַסן — מיר גיבן בלויז פעפער צו שמעקן, אַז מען וויל זיך נישט מודה זיין. אוי גיבן מיר!

אַ ווײַלע לאָזט ער נחמנען ליגן. די צוויי פאַרשווינען פאַר־רויכערן. סלופּעק דערציילט זיי וועגן אַנדערע רויטע, וואָס האָבן זיך שוין מודה געווען אויף דער באַנק. ער רופט אָן באַקאַנטע נעמען פון נחמנס חברים אין דער פּאַרטיי, אפילו פון די פירער. אין דער גאַנצער שרעקלעכער פּיין ברענען אים די רייד ווי פייער־דיקע שפּיזן. צום ערשט גלויבט ער נישט. באַלד באַפאַלט אים אַ געדאַנק, אַז אפשר יאָ. אפשר האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן און פאַראַטן. אַ ווײַלע לאָזט דער ווייטאָג אָפּ אין קערפּער, באַלד נעמט ער דרייען, ברענען. סלופּעק הויבט אָן די קאָמאַנדע פון דאָס ניי.

— נו, וועסט אונטערשרייבן? — פרעגט ער.

נחמן ענטפערט נישט. ער פאַרמאַכט בלויז די אויגן און פאַר־בייסט די ציין.

— אַ מאַסאַזש אויף די טריט! — באַפעלט סלופּעק.

באַלד דערפילט נחמן שטעקנס איבער די באָרוועסע טריט. די וויטאָגן פון פריער זענען גאַרנישט געגן דעם וואָס ער דערפילט איצט.

— גאָט! — רופט ער אין זיינע פּיין, פאַרגעסנדיק גאָר, אַז ער גלויבט נישט אין אים.

די שטעקנס קלאַפּן כסדר אין די טריט. סלופּעק ציילט. נחמן שרייט, ער וויל אַרויסשרייען פון זיך די פּיין, אָבער זיי ווערן שטאַרקער. יעדער קלאַפּ צעברעכט דעם גוף פון די טריט ביז די האָר־וואָרצלען. ער פאַרשטייט גאָרניט פאַרוואָס דער קערפּער זיי־נער איז אַזוי שטאַרק. ווידער הערט דער וויטאָג אויף און ווידער דערפילט ער אים פּלוצלונג צוריק, אויפגעפרישט פון קאַלטן וואַסער איבערן קאָפּ. סלופּעק האַלט אים דעם פּולס.

— נו, איצט וועסטו אונטערשרייבן? — פרעגט ער.

נחמן שפּייט מיט בלוט פון מויל און שווייגט.

סלופּעק הייסט אים אַראָפּנעמען און אָנטאָן.

— אויף היינט וועט זיין גענוג, — זאָגט ער — זאָל ער זיך אויסרוען אויף דער נאָרע און איבערטראַכטן. שפּעטער וועט מען מאַכן אינהאַלאַציעס . . . דאָס וועט ווירקען.

דריי מעת לעת צייט האָט סלופּעק געפּאַרשט נחמן ריטער. זיינע לייט האָבן אים געגאָסן קוואָרטן וואַסער דורך דער נאָז, די האָר פון קאָפּ אויסגעפּליקט, קאָפּ אָן וואַנט אים געשלאָגן, די פינגער אין דער טיר איינגעקלעמט, און אַפילו מיט די הוילע פויסטן אים אין די זייטן געקלאַפּט, לאַנג געקלאַפּט, אַזוי, אַז די לונגען מיטן האַרץ זאָלן זיך אים אָפּרייסן. סלופּעקן איז עס שוין געגאַנגען אין אַמביציע, און ער האָט געלאָזט שלאָגן ווי עס האָט זיך געלאָזט, כאָטש זיין שעף לעמפּיצקי איז געגן אַזאַ שלאָגן, וואָס זאָל איבער־לאָזן סמנים.

— איך וועל אַרויסשלאָגן ביי אים דאָס עקשנות! — האָט ער געזאָגט.

אַפילו זיין בולדאָג האָט ער אָנגערייצט אויף נחמנען, ווען יענער איז אַ נאַקעטער געשטאַנען אין זיין קאַבינעט. דער הונט

האָט אים דאָס ליב צוריסן. אָבער נחמן האָט דעם פּראָטאָקאָל נעגן זיך און זיין לערער נישט אונטערגעשריבן. סלופּעק האָט אים געמוזט אָפּשיקן אין טורמע, אַרויסלאָזן אים פון זיין רשות און איבערגעבן צום אויספאָרשונגס-ריכטער.

אין טורמע האָבן די חברים אים געצערטלט, דאָס בעסטע עסן אָוועקגעגעבן, דעם טורמע-דאָקטאָר צו אים אַרויסגעפּאָדערט, אָבער זיין קערפּער איז געווען צעבראָכן. אין אויער, אין קראַנקען אויער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון קריג, האָט געצויגן, גע-רוישט. ביים האַרץ האָט געזוקט. פון צייט צו צייט האָט נחמן אויס-געשפּינען אַ שטיקל בלוט אין דעם טורמע-שאַף.

## קאַפּיטל דריי-און דרייסיק

ווי אַמאָל, נאָך דעם ווי איר פאָטער איז אָוועקגעגאַנגען אין קריג, האָט אויך איצט שיינדל מאַטעסעס גענומען אויף זיך דעם עול צו באַזאָרגן איר אינגערן ברודער נחמן.

כאָטש ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די יאָרן, נחמן, אַ צוריקגעקומענער פון מלחמה, אַ חבר אין דער פּאַרטיי און אַן אַרעסטאַנט אין וואַרשאַווער „פּאַוויאַק", איז ער פאַר איר, שיינ-דלען, נאָך אַלץ געווען דאָס יונגערע ברודערל, וואָס איז פרי אַ יתום געבליבן און זי האָט אים אויפגעהאָדעוועט, געוואַשן און געצוואָגן.

כאָטש זי אַליין האָט שווער אויף איר ברויט געהאָרעוועט, מיט איר קויש נעבעקס געזעסן אויף די גאַסן פון פּאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, כדי צו שפּייזן זיך, איר קינד און דעם מאַן, דעם שיכור און לידיק-גייער, האָט זי נישט איבערגעלאָזט דעם ברודער אויף הפקר.

פאַר אים אַליין האָט זי ווייניק וואָס געקענט טאָן, ער איז געזעסן אין תפיסה. אָבער פאַר זיין חנהקען האָט זי געזאָרגט. זי האָט דאָס ווייבל אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן איר עסן און טרינקען, אַ נאַפּט-לענער אַ גוטס אויסגעבעט איר, ווי אַ ווייבל

אין די חדשים דארף, און פאר דעם מאן, דעם שיכור זי אויסגעהיט, ער זאל זי נישט טשעפען און באליידיקן.

כאטש זי האט געוואוסט, אז נחמן איז מיט דעם ווייבל זיינעם צום רב נישט געגאנגען, האט זי חנהקען באהאנדלט ווי א שווענערין, און זי אזוי אויך גערופן פאר מענטשן אין די אויגן. זי האט זי אפילו נישט רעכט געלאזט ארבעטן אין שטוב, ניט שלעפן קיין וואסער, ניט ארויפטראגן קיין זעקל קוילן אויף די טרעפ.

— חנהקע, פאמעלעך! — האט זי זי געווארנט, — קענסט דיר נאך אפרייסן.

חנהקע האט זיך באגאסן מיט רויטקייט אויפסניי יעדן מאל וואס שיינדל האט איר אנגעוויזן אויפן בויך. דאס, וואס נחמן האט מיט איר נישט גענומען חופה־וקידושין, ווי אלע פירן זיך, האט איר אנגעפילט מיט צער. זי האט געטראכט וועגן דעם בייטאג און ביינאכט, געוויינט אפט אויפן געלעגער. וואס ווייטער זי איז געקומען אין די חדשים, אלץ מער איז זי אומרואיק געווארן. שיינדל האט זי געטרייסט.

און אז איינמאל אין א פרימארגן האבן חנהקען פאר־וויען אנגעכאפט און זי האט זיך נישט געקענט אויפהויבן פון געלעגער, האט שיינדל געלאזט שטיין דעם קויש געבעקס אין ווינקל און נישט ארויסגעגאנגען אין גאס האנדלען.

מיט ווייבערישער בריהשאפט און געניטקייט, ווי זי האט עס אמאל געזען פון לאה דער מארק־זיצערין אין פיאסק, ווען זי פלעגט אפנעמען ביי איר מאמען די קינדער, האט זי טעפ וואסער אנ־געקאכט, קלארע וועש אנגעגרייט. דעם מאן פון שטוב ארויסגע־טריבן און געהאלפן חנהקען ברענגען איר ערשט קינד אויף דער וועלט.

— קרעכץ, חנהקע, קרעכץ! — האט זי איר געגעבן עצות פון דער קיך אפער — דאס וועט דיר מאכן לייכטער.

כאטש זי אליין האט נישט געקרעכצט ביי ברענגען איר איינן קינד אויף דער וועלט. כאטש זי אליין איז נישט אויף קיין בעט געלעגן, קיינעם נישט געהאט ארום זיך, א חוץ די קעץ פון קעמערל, האט זי רחמנות געהאט אויף חנהקען אין איר ווייבערישן צער

און איר מיט א קלאָר האַנטוך געווישט דעם שוויים פון שטערן.

— סטאַרע זיך, חנהקע, סטאַרע זיך, — האָט זי איר געלערנט צו געבוירן, פונקט ווי לאה די מאַרק־זיצערקע פלעגט געבן עצות איר מאַמן אַמאָל.

און פונקט ווי לאה, האָט זי געהאָלפן דער געווינערין אַרויס־צוקריגן איר ערשט־געבוירענעם פון לייב, שנעל עס פון נאַפּל אָפּ־געשניטן מיט א שערל און צוגעטראָגן עס צו דעם פייער פון קיך, כדי נאָכצוזען דעם מין דערפון.

— א אינגל ! — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד צו חנהקען, — א יונג ווי א ליכט !

זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון דער קימפּעטאָרן די גאַנצע אַכט טעג ביזן ברית.

זי האָט צוגעגרייט א ברית, שיינדל, כאָטש נחמן האָט דערפון נישט געהאַלטן. זי האָט א מנין אידן פאַרבעטן, א מוהל, און אפילו לעקעך און בראַנפן אָנגעגרייט פאַר דער שמחה. חנהקע האָט זיך געדרויטלט אויף איר קימפּעט־בעט. זי האָט נישט גע־וואוסט געננוי, צי זי מעג פּראַווען אַזעלכע זאַכן, זי, א פאַרשעמטע, וואָס האָט נישט חתונה געהאַט מיט חופה־וקידושין מיט איר מאַן. אָבער שיינדל האָט זיך דערפון נישט געמאַכט.

— דו מיש זיך נישט, חנהקע, ליג אין בעט. איך וועל שוין אַליץ אַליין באַזאָרגן, — האָט זי איר געזאָגט.

פונקט אַזוי האָט זי אַליין דעם קינד א נאָמען געגעבן, ווען דער מוהל האָט זי געפרעגט וועגן דעם.

— מאַטעס, נאָכן זיידן עליו־השלום, — האָט זי געזאָגט.

— ויקרא שמו בישראל מתתיהו בן נחמן, — האָט דער איד אויסגערופן פייערלעך מיט א ניגון.

אַז חנהקע האָט שוין געקענט אַרומגיין, האָט שיינדל זי גע־נומען מיטן קינד אין א שאַל איינגעהילט און אַוועק צום „פּאַור־יאַק"־טויער, צו האָבן א זעאונג מיט נחמנען און ווייזן אים דאָס קינד זיינס.

נחמן האָט געעפנט גרויסע אויגן צום ערשט אויף זיין חנהקען,

וואָס איז ווי אַ העלפט געוואָרן נאָכן האָבן, דערנאָך אויף דעם פּיצעלע, וואָס מען האָט אָפּגעדעקט פון די שאָלן און וויקעלעך.

— נחמן, דאָס איז מאַטעסל, — האָט חנהקע געזאָגט אַ פּאָר־שעמטע. — קוק אים אָן, אינגאַנצן דו.

— דיינע אויגן, — האָט שיינדל געמורמלט.

נחמן איז געשטאַנען הינטער דער דראָטענער נעץ און קיין וואָרט נישט געקענט אויסריידן פון געריהרטקייט און רחמנות, גלייכ־צייטיק. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען, קוקנדיק אויף זיינע פון יענער זייט צוים; אַ רחמנות אויף חנהקען, אויף שיינ־דלען, אויפן ניי־געבוירענעם זון זיינעם און אויף זיך אליין. כאָטש עס האָבן אים געצויגן די הענט אָנצורירן דורך די לעכלעך פון דער צוים דאָס נפשל אין די שאָלן, האָט ער נישט אויסגעשטרעקט די הענט. נאָך אָפּהענדיקער איז ער געוואָרן, ווען שיינדל האָט אים דערציילט פון ברית, וואָס זי האָט געלאָזט פּראַווען, און וועגן דעם מנין אידן.

— מ׳האָט עס נישט געדאַרפט, — האָט ער געברומט. — דו ווייסט, אַז איך האַלט נישט דערפון.

שיינדל האָט אים דורך דער דראָטענער צוים געגעבן אַ חלק.

— נו, נו, זיי נישט אַזאַ חכם, נחמנדל, — האָט זי אים אָפּ־געמוסרט, — איך ווייס אַליין וואָס איך האָב צו טאָן.

און אַז נחמן האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אייגענעם, האָט אים שיינדל פאַרשטעלט דאָס מויל הינטערן צוים.

— רעד בעסער אַ וואָרט צו חנהקען, — האָט זי אים געזאָגט. — זאָג איר כאָטש מזל־טוב, טאַטע שיינער.

אַזוי ווי זי האָט אים נישט געפרעגט אין אידישקייט, האָט זי אים אויך נישט געפרעגט אין אַנדערע זאַכן.

נחמן האָט נישט געוואָלט, מען זאָל אויסגעבן געלט פאַר אים אויף אַן אַדוואָקאַט.

— אַן עבירה די פּאָר גולדן, — האָט ער געזאָגט, — זיי וועלן מיך סאַי־ווי־סאַי פאַראורטיילן. דער אורטייל איז שוין באַשטימט פריער־אויס.

שיינדל האָט אים נישט געהערט. ווי נאָר זי האָט געהאַט

א פרייע שעה, איז זי געגאַנגען צו אַדוואָקאַטן, עצות געפרעגט ווי אַזוי דעם ברודער צו ראַטעווען.

---

נישט מיט אַמאָל זענען געמשפּט געוואָרן חבר דניאל און נחמן ריטער.

זייער גיך האָט קאָנראַד לעמפּיצקי צוגעגרייט דעם פּראָצעס פון חבר דניאל.

חבר דניאל האָט געאַרבעט מיט אַלע כחות, דער פּראָצעס זאָל זיין אַן עפנטלעכער. ער האָט זיצנדיק אין קאַמער צוגעגרייט אַ גלענצנדע פּאַרטיידיגונג פאַר זיך, אַ פּאַרטיידיגונג, וואָס זאָל לעמ־פּיצקין מיט זיינע פּראָוואָקאַטאָרן מאַכן צו שפּאָט און שאַנד פאַר דער פּאַרטאַטשנער אַרבעט זיינער. אויך אַ רעדע האָט ער אויפגע־שריבן, וואָס זאָל אויפשטורמען דעם געריכטס־זאַל און זאָל מוזן ווערן אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען, אפילו אין די סאַמע רעאַק־ציאָנערסטע. אַ סך טעג, מי און אַרבעט האָט חבר דניאל אַריינ־געלייגט אין דער רעדע. דאָ, האָט ער געוואוסט, איז נישט דער סעים, וואו יעדער פּויערישער דעפּוטאַט קען אים אויספייפן; דאָ וועט מען אים מוזן אויסהערן. דאָס וועט זיין די גרעסטע אַגיטאַציע קעגן דער אָרדנונג פון לאַנד און די לעמפּיצקים.

אָבער לעמפּיצקי האָט דערצו נישט דערלאָזט. נישט ער האָט געוואָלט עפנטלעך גענומען ווערן אויף אַ קרייץ־פאַרהער דורך חבר דניאל, נישט ער האָט געוואָלט לאָזן זיין סקאַרבעקן מאַכן זיך צום נאַר אין געריכט פאַר אַ פּובליקום, נישט ער האָט פאַרגונען חבר דניאלן דעם פאַרגעניגן פון באַווייזן זיך פאַר אַ העלד.

לעמפּיצקי האָט שוין געזען, אַז דאָס געריכט זאָל זיין אַ גע־שלאָסענס פאַרן פּובליקום צוליב דעם, וואָס עס וועלן בארירט ווערן מיליטערישע סודות, און אויך צוליב דעם, וואָס עס וועלן בארירט ווערן זאַכן, אין וועלכע עס איז פאַרמישט אַ שכנהשע מלוכה, מיט וועלכער דאָס לאַנד האָט אָפיציעלע פאַרבינדונגען. א חוץ חבר דניאלס ווייב, דער שיינער שלאַנקער דאַמע, וואָס פאַרבט אירע שוואַרצע האָר אויף בלאָנד, נישט אויסצוזען אידיש, האָט קיינער

פון זייטיקע מענטשן נישט געקענט. הערן דניאלס גלענצנדע זעלבסט־פארטיידיקונג, זיין מייסטער־רעדע. מיט גרויס געניטשאפט און סארקאזם האט חבר דניאל געגומען סקארבעקן אין די הענט אריין, געזידלט אים, געכאפט אים ביי ליגנס, פארפלאָנטערט אים אין א נעץ. סקארבעק האט געשוויצט ביים ריכטער־טיש, געשטעלט זיך אלע מאל אויף אן אנדער פוס, צוגעהוסט. ער האט געקוקט מיט גרויסע רחמנות־אויגן אויפן ריכטער, ער זאל אים שיצן יעדן מאל, ווען חבר דניאל האט געוואלט וויסן אויפסניי וויפיל געלט ער האט אמאל געגנבעט פון דער רעגימענט־קאסע. נאך מער האט ער געדרייט זיך אין דרייען, ווען חבר דניאל האט אים פארפלאָנ־טערט אין סתירות, א תל געמאכט פון זיין פויליש געוויסן, וואס האט זיך ערוועקט אין אים, און אויפגעוויזן אים, אז ער איז א באצאָלטער אגענט, א פראָוואָקאטאָר.

— כ'דערמאָן מיך נישט, — האט סקארבעק כסדר געזאָגט, ווען חבר דניאל האט אים צוגעשטיקט צו דער וואנט, — כ'געדענק נישט, הער ריכטער.

נישט ווינציקער האט לעמפיצקי, דער עדות פון דער באשול־דיקונג, זיך געדרייט אויף די הויכע קנאפלס פון זיינע לאקירענע שיך, ווען חבר דניאל, א שלאנקער, א צאַרנדיקער, האט אים גע־טייטלט מיט א פינגער אין די אויגן אריין און אים גיך און האס־טיק פראגע נאך פראגע געשטעלט. וויפיל ער האט זיך נישט אויס־געהיט, האט דער באשולדיקטער אים ארייננגעקראָגן, געכאפט ביי ליגנס, ווי א פליג אין שפינוועבס ארייננגעדרייט. קאָנראַד לעמ־פיצקי האט זיך געשעמט צו באנוצן סקארבעקס מעטאָדע פון נישט געדענקען ; האט ער דערפאר אן אנדער מיטל געהאט.

— הער ריכטער, — האט ער געזאָגט, א זיסער, — צוליב פאָליטישע אורזאכן קען איך דערויף קיין ענטפער נישט געבן, — איך בעט מיך צו באפרייען פון געבן אן ענטפער.

און דער ריכטער האט אים באפרייט, שטענדיק נאר ווען ער האט אזוי זיס געבעטן.

כאָטש חבר דניאל האט געוואוסט, אז אים דראָעט נישט קיין שום זאך ; אז ווי נאר מען וועט פארטיק ווערן מיט דעם פראָצעס, וועט מען אים אויסבייטן פארן בישאָף, האט ער פונדעסטוועגן מיט

לייב און לעבן פּאַרטיידיקט זיין לעבן, מיט די נעגל געדראַפּעט זיך אין זיין פּאַרטיידיקונג. פּונקט אַזוי האָבן די ריכטער און דער פּראָקוראָר געמאַכט זיך ערנסט אין זייערע אויספּרעגענישן, אין זייערע רעדעס און שבועות־אָפּנעמען. מיט דער גאַנצער פייער־לעבקייט האָט מען עטלעכע טעג צייט די קאָמעדיע געפירט, ביז מען האָט דעם אורטייל אַרויסגעטראָגן, דעם סאַמע שווערסטן אורטייל.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען דעם פּאַראורטיילטן אַרויס־געפירט אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, באַוואַכט פון אַלע זייטן, צו דער סאָוועטישער גרענעץ, וואו מען האָט אים אויסגעביטן אויף דעם אַרעסטירטן בישאָף. אַ דעלעגאַציע מיט מוזיק האָט שוין געוואַרט אויף חבר דניאל און אים אויפגענומען מיטן „אינטערנאַציאָנאַל", רעדעס, האַנט־דריקענישן און יובל. רעפּאָרטערן האָבן גענומען ביי אים אינטערוויוען, פאָטאָגראַפיסטן האָבן אים געבעטן מאַכן אַן אינטערעסאַנטע פּאָזע, פילם־אָפּעראַטאָרן האָבן פון דעכער אַראָפּ אים אויפגעכאַפּט פאַרן לייוונט. חבר דניאל האָט זיי צוליב געטאָן, די קאַמעראַ־לייט, ער האָט די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע פּאָזע געמאַכט, וואָס נאָר ער האָט געקענט אַרויסברענגען אויף זיין שיין געזיכט, אַ פּאָזע פון מאַרטירערטום און גליק געמישט. זיין רעדע אויף דער סאָוועטישער ערד האָט געקלונגען מיט אַלע וויברירונגען פון זיין גלענצנדער שטימע. די מאַסן זענען געווען באַגייסטערט.

גלייך נאָך אים, אין זעלבן צוג, נאָר אין אַ פּריוואַטן וואַגאָן, איז מיטגעפאָרן זיין סאַפּיע, אַן אויסגעפּוצטע אין ספּאָרט־קליידער. כאָטש זי האָט קיינמאָל נישט שטאַרק געהאַלטן פון איר מאַנס פּאָליטישער אַרבעט, וואָרים זי האָט פיינט געהאַט אַרבעטער און אָרימע־לייט, איז זי פונדעסטוועגן געריירט געוואָרן צוזעענדיק די אַלע גרויסע כיבודים, וואָס מען האָט אָנגעטאָן איר מאַן. ניין, נישט קיין אָפּגעריסענע אַרבעטער זענען דאָס געווען, וואָס זענען געקומען איר מאַן אַנטקעגן, נאָר מיליטער־מענטשן פון הויכן ראַנג, מלוכה־לייט, סאָלדאַטן מיט אַן אָרקעסטער, צייטונגס־לייט, פילם־אָפּעראַטאָרן. זי האָט אינגאַנצן געשיינט פון גליק און גענומען אַפילו האַלטן פון אָט די רויטע לייט, וואָס זי האָט זיי אַזוי נישט

פארטראָגן אין ווארשע. מיט דעם ערשטן בעסטן צוג פון די איג־טערנאציאָנאַלע וואגאָנען זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. נאָך זיי איז נאָכגעפאָרן א ספּעציעלער וואגאָן מיט זייערע זאכן, וואָס זיי האָבן מיטגעפירט פון ווארשע. זי האָט אלץ מיטגענומען, חבר דניאלס ווייב, פון מעבל און ביכער ביז בילדער און טעפּיכער, קליי־דער, שמאָכטעס אַלערליי, וועש. חבר דניאל האָט איר אין דעם נישט געשטערט. כאָטש ער האָט תמיד גערעדט אזוי הייס פאר די אַרבעטער, אויסשטרעקנדיק א האנט צו מזרח, האָט ער גוט גע־וואוסט, וואָס דאָרט טוט זיך, אז עס איז צרות דאָרט מיט זאכן און קליידער, און ער האָט אַלץ געלאָזט מיטפירן פון אַלטן לאנד. די גרעניץ־בעאַמטע האָבן אפילו נישט איבערגעקוקט די זאכן, די פּילע וואליזעס, די נייע קליידער. מען האָט געוואוסט צו וועמען זיי געהערן.

— באָזשע ! — האָט סאָפיע גערופן פון ווייכן וואגאָן־געלע־גער אראָפּ. — איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין מאָסקווע און אוועקשטעלן אַלץ, אזוי ווי עס איז געווען אין דער היים. קיין זאך וועל איך נישט ענדערן, וועט זיך מיר דאכטן, אז איך בין צוריק ביי מיר אין הויז.

— זאָרג זיך נישט, טייערע, — האָט חבר דניאל זי באַ־רואיקט. — דו וועסט זען ווי אינטערעסאנט מיר וועלן לעבן דאָ.

---

מיט א יאָר שפּעטער נאָך חבר דניאלס פּראָצעס, איז נחמן ריטער געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט.

מען האָט אים נישט געקענט שטעלן פאר א שטאנד־געריכט. וויפל סלופּעק האָט נישט פּרובירט אַרויסשלאָגן פון נחמנען א ריכטיקע שפּיאָנאַזש־באַשולדיקונג, האָט ער עס נישט געקענט אַרויסשלאָגן. מען האָט אים בלויז געמוזט אָנקלאָגן אין קאָמוניס־טישער טעטיקייט, לויט דעם עדות זאָגן פון אגענטן און פּראָוואָ־קאַטאָרן.

אין א גרויען פרימאָרגן, א וואָלקנדיקן און טריפעדיקן, האָט א טורמע־קאַרעטע צוגעפירט נחמנען צו דער מעד־גאַס און אריינ־

געפֿאָרן אין אָפֿענעם טויער פֿון קרייז־געריכט, וואָס איז באַצירט מיט פֿיגורן און שניצערייען און מיט אַ שטיינערנער געטין מיט אַ וואָגשאָל פֿון גערעכטיקייט אין איר פֿולער נאַקעטער האַנט. צוויי באַוואָפֿנטע פּאָליציאַנטן האָבן אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק. נחמן האָט אַ קוק געטאָן ארום זיך איבערן זאַל און דערזען עטלעכע באַקאַנטע חברים, אָבער ער האָט נישט געגריסט צו זיי, גערעדנקנדיק אין קאָנספּיראַציע. געגריסט האָט ער בלויז צו שיינדלען און חנהקען. דער יונגער אדוואָקאַט, וואָס שיינדל האָט אָנגעשטעלט, האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט און איינגערוימט שטיל:

— ריכטער בזשיגאָווסקי וועט פֿירן דאָס געריכט.

כאָטש נחמן האָט געוואוסט פֿריער־אויס, אַז ער קען גאָר נישט קיין גוטס ערוואַרטן פֿון אַ בורזשואזן געריכט, האָט ער פֿונ־דעסטוועגן דערפֿילט אַ צוק אין האַרץ, ווען דער אדוואָקאַט האָט אים דערמאָנט דעם ריכטער בזשיגאָווסקי. אַליין נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, האָט ער פּלוצלונג אַ קוק געטאָן אויפֿן ריכטערס גרינעם טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ צלם און אַ קרוציפֿיקס. איבער אים אויף דער וואַנט האָט אַ ווייסער אָדלער אראָפּגעקוקט מיט שפּיציקע פֿעדערן אין די אויפֿגעהויבענע פֿליגל און מיט שאַרפֿע נעגל אין די פֿיס.

נחמן האָט קיין גוטס נישט דערוואַרט פֿון ריכטער בזשיגאָווסקי.

מען האָט אים גוט געקענט אין די פּאָליטישע קרייזן, דעם ריכטער בזשיגאָווסקי. אַן אַלטער, אַן אויסגעדאַרטער, אַן איבער־געוואַקסענער און אַ קנאָביקער, מיט אַ נאַקעטן שאַרבן און אויס־געצויגן פֿאַרמעט־פּנים, האָט ער אין שוואַרצן ריכטער־פּראַק און אין די שטייפֿע וועש אויסגעזען ווי אַ מת, וואָס מען האָט אים אין שיינע קליידער אויסגעפּוצט. און פּונקט ווי אַ מת, זיצט ער אומ־באַוועגלעך אָנגעשפּאַרט אויף דער הויכער לעדער־אויסגעבעטער ריכטער־שטול און גלאָצט מיט שטאַרע פֿאַרגליווערטע אויגן פֿאַר זיך.

כאָטש ער איז שוין אַ קנאַפּער אַכציקער, וואָס איז שוין לאַנג צייט פֿאַר אים אַוועקצוגיין אויף רו מיט אַ געהאַלט, טרעט ער נישט אָפּ פֿון זיין ריכטער־אַרבעט. שוין מער ווי אַ האַלב יאָר־

הונדערט משפּט ער מענטשן אין דעם אייגענעם גרויסן אומעטיקן געריכט אויף דער מעד גאַס, אין דעם אייגענעם געשניצטן געריכטס־זאַל, אויף דער אייגענער שטול, ביים אייגענעם טיש. נאָר פריער, ביי די רוסן, האָט אראָפּגעקוקט פון דער וואַנט צו אים אַ צוויי־קעפּיקער אָדלער, איצט קוקט אראָפּ אַן איין־קעפּיקער אָדלער. אפילו די אייגענע שונאים פון דער מלוכה משפּט ער, לויט דעם זעלבן קאָדעקס. נאָר פריער האָט ער גערעדט רוסיש און געאורטיילט מענטשן פאַר וועלן שטירצן די רוסישע מלוכה־אָרדנונג, איצט רעדט ער פּויליש און פאַראורטיילט מענטשן פאַר וועלן שטירצן די פּוי־לישע מלוכה־אָרדנונג. אַ סך מאָל פאַרגעסט ער זיך און פון אַלטער געוואוינהייט זאָגט ער אַפילו אַ רוסישן „סטופּאַי" צו אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, ווי ער איז עס יאָרן־לאַנג געוואוינט געווען צו זאָגן צו די רוסישע פּאָליציאַנטן, ווען ער האָט זיי געהייסן גיין.

ווי אומבאַוועגלעך און פאַרגליווערט עס איז זיין פּנים, אַזוי איז זיין ריכטעריש אויער. קיין שום אַדוואָקאַטישע רעדע, קיין בקשות און פּראָטעסטן פון די גענמשפּטע דערגרייען נישט צו זיינע לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע אויערן, פולע מיט בינטלעך האָר. דאָס קול זיינס, אַ טיפּס, אַ פאַרדומפּנס, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו זיין דאַרקייט און דינקייט, קלינגט אומערוואַרטעט אין גרויסן גע־וועלבטן זאַל, פרעמד און קאַלט, ווי אַ מת וואָלט פּלוצלונג אָנגע־הויבן רעדן. אַזוי פרעמד און קאַלט איז עס, ווען ער לייענט פאָר דעם אורטייל איבער געמשפּטע, דעם שווערסטן אורטייל.

ער גיט שווערע אורטיילן, ריכטער בזשיגאָווסקי, די העכסטע נאָר וויפיל ער קען געבן. מען ווייסט עס שוין, אַז אָנפּאַנגער קריגן ביי אים דריי יאָר, רעצידיוויסטן — אַכט יאָר. ער וואָלט געגעבן מער אויך, נאָר לויט דעם אַלטן רוסישן געזעץ, לויט וועלכן ער משפּט אין זעלבסט־שטענדיקן פּוילן, קען מען מער פאַר פּאָליטישע טעטיקייט נישט געבן.

דריי טעג צייט האָט נחמן געפירט מלחמה מיטן אַלטן ריכטער בזשיגאָווסקי. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן אויפשטעלן זיך. דער געריכטס־דינער, אַזאַ אַלטער ווי דער ריכטער אַליין, האָט זייער פייערלעך אויסגערופן, ווען ריכטער בזשיגאָווסקי איז אריין:

— דאָס געריכט גייט, אויפשטעלן זיך !

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן. נחמן איז געבליבן זיצן. פּונקט אַזוי איז ער געבליבן זיצן ווען דער ריכטער האָט אים אויסגע־פרעגט וועגן זיין נאָמען, יאָרן, שטאַנד און גלויבן.

בזשיגאָווסקי האָט אים מיט זיין קבר־קול געלערנט דרך־ארץ :

— אָנגעקלאָגטער, מען דאַרף זיך אויפשטעלן, ווען מען רעדט צום געריכט.

— איך אַנערקען נישט קיין קלאַסן־געריכט, — האָט נחמן געענטפערט, ווי די חברים אין תפיסה האָבן אים אָנגעזאָגט צו ענטפערן.

— אָנגעקלאָגטער, איך וועל אייך באַשטראָפן, — האָט אים בזשיגאָווסקי געוואָרנט.

— איך בין שוין פאַראורטיילט פריעראויס, — האָט נחמן געענטפערט, — ווייל אין אַ קאַפּיטאַליסטיש געריכט איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט פאַר אַ פּראָלעטאַריער.

איבערן געריכטס־זאַל איז אַ מורמלען דורכגעגאַנגען. חנהקע מיט שיינדלען האָבן מיט די הענט געמאַכט אָנצוהערענישן צו נחמנען, ער זאָל זיך נישט קוילענען מיט די אייגענע הענט. דער פּאָליציאַנט האָט געקוקט מיט גזלנישע אויגן אויף נחמנען פאַר קעגנשטעלן זיך דעם געריכט. מיט געוואַלט האָט ער אים געוואָלט אויפשטעלן. ריכטער בזשיגאָווסקי האָט נישט געלאָזט.

— רואיק ! — האָט ער גערופן און שוואַך געקלאַפּט מיטן האַמער מיט זיין שלאַבעריקער האַנט.

ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פון די זאַכן. פאַר זיין לאַנגער ריכטערישער טעטיקייט האָט ער נישט איינמאָל געהאַט צו טאָן מיט אָט די דעמאָנסטראַציעס און ער האָט זיך נישט געמאַכט פון זיי. ער האָט שוין דעם אורטייל געהאַט פאַרטיק, דעם העכסטן נאָר, וואָס ער האָט געקענט געבן, אַ חוץ עטלעכע חדשים אַ צוגאָב פאַר באַליידיקן דאָס געריכט, און ער האָט געלאָזט דעם געמשפטן טאָן וואָס ער וויל. נחמן האָט זיך דערפילט געהויבן פון זיין ערשטן זיג, וואָס ער רעדט צום ריכטער זיצנדיק, און וויטער אָנ־געגאַנגען מיט זיין וועג. דער ריכטער האָט אים געפרעגט, צי ער

איז זיך מודה אין די באַשולדיקונגען פונם באַשולדיקונגס־אַקט. נחמן האָט געענטפערט:

— מ'האָט מיך געשלאָגן אין דער דעפענסיווע, פאַר אַ קאַליקע געמאַכט.

ריכטער בזשיגאָווסקי האָט אים אויפגעקלערט.

— אָנגעקלאָגטער, אייערע דערקלערונגען וועט איר געבן שפּע־טער, — האָט ער גערעדט געלאַסן. — איצט דאַרפט איר ענטפערן אויף מיינע פראַגן. איך פרעג אייך, צי איר זענט זיך מודה אין די פאַרברעכנס, אין וועלכע איר ווערט באַשולדיקט. איר דאַרפט ענטפערן יאָ אָדער ניין.

— מען האָט מיך געפייניקט ביי דער אויספאָרשונג, — האָט נחמן געהאַלטן זיך ביי זיינס, — די לונגען מיר אָפּגעהאַקט.

כאָטש ריכטער בזשיגאָווסקי האָט געקענט באַזייטיקן נחמנען פון געריכט און אים פאַראורטיילן בלויז לויט דעם עדות־זאָגן פון די אַגענטן, ווי אַנדערע ריכטער פלעגן זיך פירן אין אַזאַ פאַל, האָט ער עס נישט געטאָן. ריכטער בזשיגאָווסקי האָט ליב צו לאָזן אויסרעדן די באַשולדיקטע וויפיל נאָר זיי ווילן אַליין, פּראָטעסטירן, רעדן רעוואָלוציאָנערע רייד.

כאָטש לעמפּיצקי האָט זיך געדרייט אין דרייען ווען נחמן האָט דערציילט וועגן די פייניגונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין „סלופּעקס האָטעל", האָט בזשיגאָווסקי דעם אָנגעקלאָגטן נישט איבערגעריסן. אַ פאַרגליווערטער, אָנגעלענט אויף דער הויכער לעדער־געבעטער ריכטער־שטול. אונטער דעם שיין פון די רויטע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס ברענען אין געריכט אפילו בייטאָג און וואָס וואַרפן אַ פייערלעכן גלאַנץ אויף זיין נאַקעטן שאַרבן און פאַרמעטענער הויט, איז ער געדולדיק געזעסן און געלאָזט נחמנען רעדן וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט.

מיט דער זעלבער פאַרגליווערטקייט איז ער געזעסן ווען דער אַדוואָקאַט האָט פאַרטיידיקט. דער אַדוואָקאַט האָט זיך געהנדלט, געצאָרנט, געצערטלט די שטימע, געשאָטן מיט פאַראַגראַפן, גע־כאַפּט די עדות ביי ליגן, אַ תל געמאַכט פון דער גאַנצער באַשול־דיקונג. בזשיגאָווסקי האָט קיין איין ריר מיט קיין אבר נישט

געטאָן פאר דער גאַנצער צייט. בלויז פון צייט צו צייט, ווען זיין עלטער-שוואַכקייט האָט אים גענומען דערקוטשען און פאַדערן פון אים, ער זאָל אָפּט אוועקגיין אויף א מענטשלעך געברויך, האָט ער איבערגעריסן די פאַרהאַנדלונגען און פייערלעך אויסגערופן:

— דאָס געריכט ערקלערט א פויזע.

מיט דער זעלבער פאַרגליוועטקייט האָט ער אויפן דריטן טאָג פאַרנעלייענט דעם געריכטס־אורטייל — אכט יאָר טורמע פאַר אנטי־מלוכהשער טעטיקייט, דריי חדשים באַזונדער פאַר נישט פאָלגן די באַפעלן פון געריכט.

דאָס ערשטע מאָל האָט נחמן זיך אויפגעהויבן פון דער באַ־שולדיקונגס־באַנק.

— נידער מיטן קלאַסן-געריכט! — האָט ער געשריגן, — זאָל לעבן א סאָוועטן־פוילן.

בזשיגאָווסקי האָט אויף אים אפילו קיין בליק נישט געטאָן.

— ארויספירן דעם פאַראורטיילטן, — האָט ער געזאָגט מיט זיין קבר־שטים, רואיק און קאַלט, ווי שטענדיק.

חנהקע און שיינדל האָבן בלאַסע און דערשראָקענע זיך געריסן פון אָרט צו דער באַשולדיקונגס־באַנק.

— נחמן, — האָבן זיי גערופן, — נחמן!

די פּאָליציאַנטן האָבן זיי אָפּגעשטויסן.

— גיך, שנעל! — האָבן זיי געאיילט נחמנען צו דער טורמע־קאַרעטקע אין הויף.

זיי האָבן געוואָלט וואָס וויינקער לאָזן הערן זיינע אויסרופן. נחמן האָט צו־להכעיס לאַנגזאַמע טריט געשטעלט. איבערן גאַנצן וועג ביז צו דער קאַרעטקע האָט ער נישט אויפגעהערט שרייען אויפן גאַנצן קול זיינע רעוואָלוציאָנערע אויסרופן.

דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאַדקאָוועס און די רעדער פון דער טורמע־קאַרעטקע האָבן פאַרהילכט זיין געשריי.

## קאַפּיטל פיר־און־דרייסיק

אז מנשה בעקער, דער מאַן פון שיינדל מאַטעסעס, האָט, זיצנדיק אין שענק ביי א גלעזל בראַנפן, פאַרלאָרן פלוצלונג די ראיה, איז ער נישט געגאַנגען אין אידישן שפּיטאָל אריין, ווי שיינדל האָט אים געוואָלט פירן; נישט ער האָט געוואָלט ארייני גיין צום פעלדשער, ווי שכנטעס האָבן אים געהייסן.

— איך בין שוין סאַי־ווי־סאַי א פאַרפאַלענער מענטש, — האָט ער געזאָגט, — זאָל עס גיין ווי עס איז באַשערט.

מיט א מאָדנער שנעלקייט האָט ער אָנגעהויבן אויסטאַפּן זיין וועג מיט די הענט און פיס, ווי ער וואָלט שוין געווען בלינד פון יאָרן.

— לאָז מיך, שיינדל, כ'קען אליין, — האָט ער געזעדט צום ווייב יעדן מאָל, וואָס זי האָט אים געוואָלט ארויסהעלפן ביים אָנטאָן זיך אין דער פרי.

זייער גיך האָט ער דערטאַפּט אלע ווינקלען אין שטוב, די טיר, די טרעפּ, און אפילו אין הויף און פאַרן טויער ארויסגיין האָט ער אליין אויסגעלערנט זיך. שכנים אין הויף, דערוואַקסענע מיידלעך, חדר־אינגלעך, אלע האָבן זיי אים געוואָלט צוהעלפן. דעם רויט־אויגיקן שכן, וואָס האָט פאַרלאָרן די ראיה; מנשה האָט נישט געלאָזט.

— א דאַנק, מענטשן גוטע, — האָט ער געמורמלט, — איך וועל שוין אליין מיין וועג געפינען.

אפילו צו דער נאָענטער שענק, וואו ער פלעגט שטענדיק זיצן, האָט ער געפילט, אז ער קען אליין דעם וועג מיטן שטעקן אויסטאַפּן. אָבער ער איז נישט געגאַנגען אהין. אנשטאָט צו דער שענק, האָט ער פלוצלונג גענומען גיין אין בית־המדרשל אריין, וואָס איז געווען אין שכנהשן הויף. נאָך יאָרן נישט דאַוונען, האָט ער אָנגעהויבן צוריק דאַוונען, נישט נאָר אין דער פרי, נאָר אפילו מנחה און מעריב.

— לייט מיר א טלית און תפילין, אידן, — האָט ער געבעטן ביי די אידן אין שולכל, — איך האָב נישט קיין אייגענע.

אידן האָבן אים געגעבן טלית און תפילין געליען. מנשה האָט אומגעשיקט געבונדען די רצועות אויף דער האַנט, מורמלענדיק גרייזיקע תפילות, וואָס זענען אים פאַרבליבן אין זכרון פון אינגל־ווייז.

— ברוך הוא וברוך שמו, אמן, — האָט ער הויך נאָכגעזאָגט נאָך די ברכות פון בעל־תפילה, אויפהויבנדיק די בלינדע אויגן אין דער הויך.

פונקט ווי ער האָט אויפגעהערט טרינקען, האָט ער אויפגע־הערט שילטן, שרייען און האָבן טענות. א שטילע לייטזעליקייט, א פּלוצלונגע און אומגעריכטע, האָט זיך מיט אמאָל אויסגעלייגט אַרום זיינע אויגן, די רויטע און שטאַרע, א רואיקייט פון איינעם, וואָס האָט אַלע ערדישע חשבונות פאַרענדיקט מיט דער וועלט. אפילו דאָס קול זיינס, דאָס הייזעריקע און גראָבע, איז מיטאַמאָל אַנדערש געוואָרן, ווייך און הכנעהדיק.

אין די ערשטע טעג איז ער געזעסן אין שטוב. ער האָט צו־געוויגט מאַטעסלען, חנהקעס קינד, אין וויגל. חנהקע האָט גע־אַרבעט אין שטוב, געקאָכט, געראַמט, און מנשה איז כסדר געזעסן אויף א קליין בענקעלע ביים וויגל און געזונגען דעם קינד לידער. אַלע לידער פון אינגלווייז, וואָס ער האָט געדענקט, אַלע טעאַטער־לידער האָט ער אויסגעזונגען ביים וויגל, פאַרהויבנדיק די בלינדע אויגן אין דער הויך יעדן מאָל, וואָס דאָס ליד איז געווען א טרוי־עריקס.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט האָט ער גענומען אַברהמלען, זיין שטיף־קינד, ביי דער האַנט און געהייסן זיך פירן צו דער בעקעריי, וואו ער האָט אמאָל געאַרבעט. די בעקערס האָבן אים אויפגע־נומען מיט כבוד.

— אָ, מנשה! — האָבן זיי אים באַגעגנט, רופנדיק אים ביים נאָמען, גאַרנישט מיט די „דריי טייז", ווי אין די צייטן, ווען ער איז געווען זעענדיק. — ווילסט מאַכן א „לחיים"?

— ניין, מענטשן גוטע, — האָט מנשה געזאָגט, אַריינציענ־דיק אין זיך די באַקאַנטע ריחות פון זויער־טייג. — איך טרינק נישט מער, זינט גאָט האָט מיך געשטראָפט. אָבער איך וויל פון אייך אַ טובה, חברים.

די בעקערס האָבן מנשהן אָוועקגעזעצט אויף אַ זעקל מעל. מנשה האָט געגלאָצט אַרום זיך מיט די בלינדע אויגן און גערעדט מיט אַן הכנעהדיק קול.

— איך וויל, די חברים זאָלן מיר קויפן אַ האַרמאָניע, — האָט ער געזאָגט.

— אַ האַרמאָניע ? — האָבן די בעקערס נישט פאַרשטאַנען.

— אַ האַנט־האַרמאָניע, — האָט מנשה געזאָגט. — כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ האַרמאָניע, אַ גוטע, נאָר כ'האָב זי פאַרזעצט אין לאָמבאַרד און זי איז פאַרפאַלן געוואָרן. אַז כ'על האָבן אַ האַר־מאָניע, וועל איך גיין שפּילן אויף די הויפן און כ'על מיר פאַרדינען מיינע עטלעכע גראָשן אַ טאָג.

די בעקערס האָבן אים פּרובירט אָפּרעדן.

— מנשה, — האָבן זיי געזאָגט, — מירן נישט לאָזן דיך פאַלן, מירן זען אַז אין פאַראיין זאָל מען דיר צאָלן, ביזט אונזערס אַ חבר.

מנשה האָט אָוועקגעמאַכט מיטן שטעקן.

— כ'וויל נישט פון פאַראיין, — האָט ער געזאָגט. — כ'וויל אַליין פאַרדינען מיין ברויט. אַ האַרמאָניע וויל איך.

די בעקערס האָבן אים מיט די מעליקע הענט געגלעט איבערן אַקסל און אים צוגעזאָגט קויפן אַ האַרמאָניע.

— די בעסטע האַרמאָניע, מנשה.

אַז שיינדל האָט שבת צו נאַכטס דערזען די נייע האַרמאָניע אין רויטן זיידענעם טיכל, וואָס די בעקערס האָבן געבראַכט אַ מתנה איר מאַן, האָט זי זיך צעוויינט.

— מנשה, איך וועל דיך נישט לאָזן מבייש זיין, — האָט זי געביטערט, — איך קען אַליין דיר געבן דיין לעפל עסן. זיץ אין שטוב.

מנשה האָט געגלעט די האַרמאָניע, מיט די שפּיץ פינגער דערפילט איר נייקייט און גלאַנץ, און פּאַרוואָרפן דעם רימען אירן אויפן אַקסל.

מענטשן זאָגן, ס'איז דאָ א זון מיט א לבנה,
א זון מיט א לבנה באַלייכטן די וועלט,
פאַר מיר זענען זיי נישט קיין מתנה,
ווייל מיינע אויגן זענען פאַרשטעלט.

האָט ער געזונגען דאָס בלינדן־ליד, וואָס ער האָט געהערט אויף די הויפן, באַגלייטנדיק מיט די פינגער אויף די קלאַווישן. זיין שטימע, אן אומדערוואַרטעטע, א טיפע, האָט געקלונגען פרעמד און רירנד אין דער קליינער שבת־צו־נאַכטיקער שטוב, באַלויכטן פון צוויי קליינע ליכטלעך. שיינדל איז געבליבן זיצן א פאַרגלי־ווערטע, ווי זי וואָלט דערהערט א קול פון א קבר אַרויס. אין זיין הויבן די אויגן אין דער הויך ביים זינגען, אין זיין ציען די טענער, אין זיין אַרומגיין מיט די האַרטע פאַרברוינטע שפּיץ פינגער איבער די נייע קלאַווישן, איז שוין באַצייטנס געלעגן דער בלינדער שפּי־לער, ווי ער וואָלט געווען געבוירן דערצו. זי האָט געזען, אז קיין זאַך אין דער וועלט וועט נישט אָפּהאַלטן מנשהן פון זיין האַר־מאָניע, און זי האָט געשוויגן. זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן איר גורל, וואָס איז געחתמעט, ווי שטענדיק.

צומאָרגנס, נאָכן דאַוונען, האָט מנשה גענומען די האַרמאָניע אין זיידענעם טיכל, דעם שטעקן אין האַנט און געלאָזט זיך איבער די הויפן. ער איז נישט געגאַנגען ווייטער פון דער אייגענער גאַס, נאָר אין די שכנהשע הויפן. דינסטן אין שטובן האָבן פענסטער געעפנט און קעפּ אַרויסגעשטעקט. באַלעמלאַכעס האָבן האַמערס און שערן אַוועקגעלייגט און צוגעהערט זיך צו די טרויעריקע ניגונים, וואָס מנשה האָט געזונגען און צוגעשפּילט. פון אַלע זייטן האָט מען געוואָרפן גראָשנס אין זיין צעקנייטשט וועליסאָפּעדן־היטל, פול פון מעל, כאָטש ער האָט שוין יאָרן נישט געבאַקן.

— כ'זע, קינדער, כ'זע, — האָט ער געמורמלט צו די אינגלעך,

וואָס האָבן צונויפגעזאַמלט פאַר אים די מטבעות אין הויף און אריינגעלייגט זיי אים אין היטל.

פאַרנאַכט איז ער אהיימגעקומען און מיט א שטילן שמייכל, וואָס נאָר בלינדע האָבן אַזעלכן, האָט ער אויסגעשאָטן די מטבעות אויפן טיש.

— חנהקע, נעם זיי צו, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב מורא צו געבן שיינדלען דאָס געלט. זי וועט עס אַרויסוואַרפן.

חנהקע האָט אים דערלאַנגט א שיסעלע עסן. מנשה האָט מיט דאַנקבאַרקייט געגומען דעם לעפל צום מויל, ווי א קינד גע־בלאָזן אין הייסקייט, און געלויבט חנהקען פאַר די גוטע מאכלים, וואָס זי מאַכט.

— כ'על דיר צוואווינגן דאָס קינד דערפאַר, חנהקע, — האָט ער געמורמלט.

כאָטש אים האָט פון תמיד אָן געהערט דאָס בעט אין שטוב, האָט ער זיך נישט געוואָלט ליגן מער אין בעט לעבן שיינדלען. ער האָט געפילט, אז אלע חשבונות מיט איר ווי מיט א ווייב זענען געענדיקט. אליין האָט ער דערטאַפּט די באַנק אין ווינקל, אויס־געבעט זי און אוועקגעלייגט זיך שלאָפן אויף איר, ווי אָן אורח אין שטוב. כאָטש ער האָט שטאַרקער ווי פריער געפילט א ליב־שאַפט צו שיינדלען, מיט אלע חושים געפילט איר ווייבערישקייט אין שטוב, דעם אָטעם פון איר לייב, האָט ער נישט די העזה גע־האַט צוצוגיין נאָנט צו איר, אָנרירן זי. אפילו זיין אייפערזוכט אויף איר איבער דעם זעלנער אירן איז אויסגערונען פלוצלונג.

— כ'זע, כ'זע, שיינדל, — האָט ער הכנעהדיק געשעפּטשעט יעדן מאָל, וואָס זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרבל צו ווייזן אים וואו צו גיין.

מער ווי שטענדיק האָט ער געערדט מיטן קליינעם אברהמעלע. אלע מעשיות האָט ער אים דערציילט און אפילו די נייע האַרמאָניע אים געגעבן צו שפּילן.

— אָט אַזוי האַלט מען די פינגער אויף די קלאַווישן, אברהמעלע, — האָט ער אים געלערנט.

דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען, אַז אַברהמעלע זאָל אים פירן איבער די הויפן. אַברהמעלע אַליין האָט זיך געריסן דערצו, מנשה האָט אים אָבער נישט געלאָזט מיטגיין מיט זיך.

— די מאַמע וועט אויף אונז שרייען — האָט ער געזאָגט מיט מורא, ווי אַ אינגל, וואָס ציטערט פאַר דעם צאָרן פון דערוואַקסענע.

קיינמאָל איז נאָך אַזוי שטיל נישט געווען אין שיינדלס שטוב ווי איצט. די שכנים איבער יענער זייט וואַנט האָבן פאַרשפּאָרט צו קלאַפּן מיט די פויסטן אין די נעכט. מנשה האָט מער נישט געוויינט אין די נעכט, נישט געבראָכן קיין טעלערס אין דער ערד פאַר כעס אויף זיין ווייב, וואָס איז צו אים פרעמד. ווי אַ קינד איז ער רואיק געלעגן אויף זיין באַנק, אויסגעשלאָפן זיך פאַר אַלע זיינע יאָרן פון נישט דערשלאָפן אין די נעכט.

נישט רואיק איז חנהקע געלעגן אויף איר געלעגער. כאָטש זי האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין שטוב, געקאָכט פאַר זיך, שיינדלען, אַברהמעלען און מנשהן, כאָטש זי האָט געוואַשן און געראַמט, גע־צערעוועט און גענייט, ווינדלען געוואַשן, געזויגט, האָט זי נישט געקענט רואיק שלאָפן אין די נעכט נאָך שווערע טעג אַרבייט. צום וויפלטן מאָל האָט זי גערעכנט די טעג פון איר איינזאַמקייט. דער וועק־וויזער האָט רואיק און רעגלמעסיק אויסגעקלאַפּט די צייט אין שטוב, רגע צו רגע, מינוט צו מינוט, שעה צו שעה. צוזאַמען מיטן זייגער האָבן טרויעריקע מחשבות געקלאַפּט אין איר קאָפּ. אין אַ מינוט איז דאָ זעכציק רגעס, אין אַ שעה זעכציק מינוט, אין אַ מעת־לעת פיר און צוואַנציק שעה, אין אַ יאָר דריי הונדערט און פינף און זעכציק טעג. וויפיל שעהן, מינוטן און רגעס וועט זי דאַרפן וואַרטן אין איינזאַמקייט פאַר די גאַנצע אַכט יאָר, וואָס נחמן וועט זיצן פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

ער איז נישט געזעסן אין וואַרשע, נחמן, כאָטש עס זענען געווען תפיסות אין שטאָט. מען האָט אים אַריבערגעפירט אויף מערב, אין פּויזנער געגנט, וואו די געפענגנישן, דייטשע אַמאָל, זענען פעסטע, אייזערנע און די דיסציפּלין דאָרט איז אַ פּינקט־לעכע, אַ האַרטע. בלויז ברייוו האָט ער געשיקט פון דאָרט, ברייוו אין אַ גרייזיקן פּויליש געשריבן, אַזוי, אַז דער טורמע־שעף זאָל

זיי קענען לייענען, און שטארק געמעקטע, פארשמירט מיט טינט פון טורמע־שעפס האנט.

כאָטש זיי זענען געווען געשריבן מיט נחמנס האנט, די בריוועלעך, האָט חנהקע גאָרנישט קיין נאָענטקייט געפילט אין דעם פרעמדן לשון זייערן. די טינט־פארגאָסענע שורות, אויסגעמעקט פון די טורמע־בעאַמטע, האָבן געעגבערט, געפייניקט. חנהקע האָט געוואָלט אין אירע בריוו צו נחמנען אריינלייגן איר גאַנץ ביטער הארץ, אויך איר נחת פון קינד, אָבער זי האָט עס נישט געקאָנט טאָן אין די פרעמדע פוילישע ווערטער, וואָס זי האָט געמוזט שרייבן. זי האָט דעריבער אַלע עטלעכע חדשים אויפסניי אויסגעפוצט דאָס קינד אין אַ ניי קליידעלע, אין אַ געשטריקטע היטעלע מיט אַ טראָלב אין דער הויך, און געלאָזט עס פאָטאָגראַפירן ביי די וואַנדערנדע פאָטאָגראַפיסטן, וואָס קריכן ארום מיט זייערע אַפאַראַטן איבער די הויפן.

— מאַכט עס שיין — האָט זי געבעטן ביים פאָטאָגראַפיסט, — איך דאַרף דאָס בילד שיקן צום פאָטער.

כאָטש זי איז רואיק געלעגן אין אירע שלאָפלאָזע נעכט, נישט פארגונען זיך איבערצודרייען, כדי נישט צו וועקן שיינדלען פון שלאָף, האָט שיינדל דערפילט חנהקעס אויפזיין און געוועקט זיך אויף איר געלעגער.

— חנהקע, דו שלאָפסט ? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, שיינדל, איך קען נישט.

— איך אויך נישט — האָט שיינדל געמורמלט און געבראָכן די פינגער.

פון דער טונקעלער וואַנט איבער מנשהם בעט האָט די זילבער־באַשלאָגענע הארמאָניע אראָפּגעשיינט מיט אַלע גלאַנצן אין דער נאַכטיקער שטוב אריין.

# דריטער טייל

## קאַפּיטל פינף-און-דרייסיק

אין קאַראווע, דעם איינגעהויקערטן שטעטל, וואָס ליגט האַרט ביי דער פּויליש-רוסישער גרעניץ, איז רעגנדיק און פינסטער.

דער איין און איינציקער נאַפט-לאַמטערן אין מאַרק דרייט זיך אין ווינט, וואַרפנדיק ציטערנדיקע שטיקער רויטע ליכט אויף דער ווייכער צעווייקטער ערד, בלאָטיקער און מיסטיקער נאָכן בייטאָ-גיקן יאַריד. די סקריפּנדיקע לאָדן פון די פענסטער יאָמערן און ברעכן זיך. זעלטן שלייכט זיך דורך א וואַקלענדיקער שיכור, זינגענדיק טרויעריק אין דער נאַכט אַריין. הינט בילן, רייסן זיך, פאַרגייען זיך אין האַילן. אין זכריה באַלעגאָלעס הייזל, וואָס איז אין עק שטעטל, צו די אָפענע פעלדער שוין, פייפט דער ווינט אין קוימען, אַרויסבלאָזנדיק די סאַזשע פון אויוון אויף די בלויעך-געקאַלכטע ווענט. דאָס נאַפט-לעמפּל, וואָס הענגט אויף א דראָט פון נידעריקן באַלקן, לעשט זיך און וואַרפט מער שאָטן ווי ליכט.

איבער דער טונקעלער קאַלטער שטוב דרייט זיך הין און צוריק א פרעמדער מאַן אין אַן אויסגעריבענעם הערבסט-מאַנטל. ער גייט אַלע מאָל אויפסניי צו צו די פענסטער, לייגט צו אַן אויג צו דער שפּאַרע פון לאָדן, קוקט אַרויס צו דער שוואַרצקייט אין דרויסן, ווישט אָפּ די פאַרלאָפענע שויב און גייט ווידער אַרום איבער דער טונקעלער שטוב.

— אוי, א וועטער, מומעשי, — זאָגט ער צו דער אידענע, וואָס ליגט אין בעט, כאָטש עס איז נאָך פרי — אַן עבירה א הונט אַרויסצולאָזן.

— הלואי עס זאל אזוי אָנהאַלטן א גאַנצע נאַכט, גאָט אין

הימל — בעט די אידענע פון קויטיקן בעטגעוואַנט אַרויס. — אין אַזאַ נאַכט איז גוט אַריבערצוגיין. די וואַכן גייען נישט אַרום די גרעניץ.

דער פרעמדער גייט צו צו דער טיר און עפנט אַ שפּאַרע, דורך וועלכער דער ווינט גיט האַסטיק זיך אַ רייס אַריין. די אידענע אין בעט כאַפּט זיך ביי די אויערן.

— יונגערמאַן, וואָס זיצט איר נישט איין אויף קיין אָרט? — בייזערט זי זיך. — אַזוי ווי אַ חיה אין שטייג אַזוי לויפט איר כסדר אַרום.

— דאָס איז ביי מיר געבליבן אַ געוואוינהייט פון טורמע, מומעשי, — ענטפערט דער מאַן — איך פיל עס גאָרנישט מער.

ער זעצט זיך אַוועק אויף דער באַנק און פאַרוויכערט אַ פּאַ-פּיראָס, צוהוסטנדיק אָפט.

— ווי מיינט איר, מירן אַריבער בשלום? — פרעגט ער די אידענע צום וויפעלטן מאָל שוין.

— אַז גאָט וועט וועלן, וועט מען אַריבער — ענטפערט די אידענע — און אַז גאָט וועט, חלילה, נישט וועלן, וועט מען נישט אַריבער. אַלץ איז פון גאָט.

דער מאַן אין אויסגעריבענעם הערבסט-מאַנטל שמייכלט מיט די ברוינע פאַרוויכערטע ציין איבער די גלויביקע רייד פון דער אָרעמער אידענע, וואָס מען האָט איר איינגערעדט אַ גאָט אין הימל, אַ לונג און לעבער איר אָנגעהאַנגען אויף דער נאָז. גאָט, ווייסט ער, האָט גאָרנישט צו זאָגן איבער אים, נחמן בעקער, דעם באַ-פרייטן פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וואָס גרייט זיך גנבענען די גרעניץ צום סאָוויעטן-לאַנד, צו זיין לאַנד. דאָך איז ער צופרידן צו הערן דער אידענעס פרומע רייד, וואָס פילן אים אָן מיט היימישקייט, צוטרויען אין דעם דאָזיקן פרעמדן אומבאַקאַנטן גרעניץ-שטעטל, אין וועלכן ער וואַלגערט זיך שוין שיינע עטלעכע טעג, כדי איבער-צושוואַרצן די גרעניץ. און כאָטש ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַ-ליסט, אַ שונא פון יעדער נאַציאָנאַליזם, וויל ער פונדעסטוועגן וויסן, ווער עס וועט אים אַריבערפירן די גרעניץ — דער אידענעס

מאן, זכריה באלעגאלע אליין, אָדער גוים גרעניץ־שמוגלער, צו וועל־כע זכריה וועט אים איבערגעבן.

— מיין מאן אליין וועט מסתמא גיין מיט אייך — זאָגט די אידענע מיט א זיפץ.

נחמן פילט זיך זיכערער דערמיט וואָס דער איד וועט מיטגיין מיט אים, כאָטש ער שעמט זיך מיטן געפיל זיינעם.

די אידענע וויל וויסן, וואָס אַזוינס עס פירט אים אַהין אויף דער צווייטער זייט. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס נחמן האַלט זיך אויף ביי איר, זינט איר מאן האָט אים געבראַכט צו פירן פון דער באַן, האַלט זי אים אין איין אויספרעגן ווער ער איז, וואָס ער איז און צו וועמען ער גייט. זי האָט שוין אויסדערציילט פאַר אים איר גאַנץ לעבן, דאָס לעבן פון אַן אָרעמער שטוב אין א גרע־ניץ־שטעטל: מלחמות, שיסערייען, פּאָגראָמען; דערנאָך גוטע צייטן פון שמוגל, שפּעטער תפיסה. די קינדער זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט — איין זון איז אין אמעריקע; איינער איז אין פּוילישן מיליטער, א רייטער איז ער, האָט א שווערע דינסט; איינער איז אויף יענער זייט גרעניץ ביי די באָלשעוויקעס, לאָזט פון זיך נישט הערן. די טעכטער זענען געראָטענע, שיינע, געזונטע, קיין עין־הרע, אבער קיין שידוך טאָן מיט זיי קען מען נישט. ווייל עס איז קיין נדן נישטאָ. די בחורים פון שטעטל אַנטלויפן, וואו נאָר ווער עס קען, און טעכטער זיצן און עלטערן זיך, דאַרן איין. איין גאָט ווייסט, וואס עס וועט ווערן פון זיי, דען עס איז א גרעניץ־שטעטל, פול מיט זעלנער, אָנגעלאָפענע יונגען פון גאָר דער וועלט.

— רבונו־של־עולם, — זיפצט זי אין קויטיקן בעטגעוואַנט אויף איר מזל, און זי וויל הערן דעם פרעמדנס לעבן. ווער איז ער? וואָס טוט ער? איז ער א באַווייבטער צי נאָך אפשר א בחור? און צו וועמען פּאָרט ער איבער דער גרעניץ? האָט ער דאָרטן על־טערן, א ווייב, א כלה?

— צו איינגענע פאַר איך, מומעשי, — זאָגט נחמן מיט א באַ־האַלטענעם מיין — כ׳וואָלט שוין געוואָלט זיין עלטער מיט א טאָג, זיין אויף יענער זייט.

ער איז אומגעדולדיק, נחמן. פאַר די גאַנצע ניין יאָר צייט,

וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה פאַרשפּאַרט, האָט ער געלעבט מיטן געדאַנק אַריבערצופאָרן אויף יענער זייט גרעניץ, אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דאָס אויסגעטרוימטע לאַנד זיינס, און טאַקע פאַרבלייבן דאָרט.

אין דער היים ביי אים האָט מען אים נישט געלאָזט פאָרן, ווען ער איז צוריקגעקומען. נישט חנהקע, זיין ווייב, נישט שיינדל זיין שוועסטער האָבן געוואָלט הערן דערפון. זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל צוריק אָנהויבן לעבן ווי אַ מענטש, אַרויסשלאָגן זיך די נאַרישקייטן פון קאָפּ, פאַרגעסן אין אַלץ, ווי אין אַ בייזן חלום, און אָנהויבן פירן אַ שטוב מיט לייטן גלייך. נחמן האָט נישט געוואָלט הערן דערפון.

ער האָט נישט געקענט צוריקגיין צום שטוביקן לעבן נאָך די פילע יאָרן זיצן. פונקט ווי ער האָט זיך נישט געקענט צוגעוואוינען אין די ערשטע צייטן צום זיצן הינטערן שלאָס און כסדר געריסן זיך צום פאַרקראַטעוועטן פענסטערל, כאָטש מען האָט עס נישט געטאָרט, אַזוי האָט ער זיך נישט געקענט צוגעוואוינען צוריק צו דער פרייהייט. עס האָט אים געטריבן פון דער שטוב, פון הויז געיאָגט.

חנהקע מיט שיינדלען האָבן אַלץ געטאָן צו מאַכן אים באַקוועם, גוט. זיי האָבן אים דאָס בעסטע געלעגער געמאַכט, גוטע מאכלים צוגעגרייט, אַרומגעגאַנגען אַרום אים מיט ווייכע טריט. נחמן האָט נישט געקענט דולדן די שטוב. חנהקע איז פאַר די ניין יאָר געווען געענדערט נישט צו דערקענען. קיין שפּור איז פון איר נישט פאַרבליבן. זי איז געווען אַן אמתע אידענע, גערעדט מיט נאָט. די מעשה מיט די חופה-וקידושין, וואָס זי האָט נישט געהאַט, איז איר שטאַרק געלעגן אין די ביינער. זי האָט גלייך גענומען רעדן דערפון, ווי נאָר איר מאַן איז אהיימגעקומען.

פונקט אַזוי פרעמד איז געווען דאָס קינד. כאָטש נחמן האָט אָפט פאָטאָגראַפיעס דערפון געקראָגן אין תפיסה, אַלע מאָל נייע, האָט ער נישט רעכט דערקענט דאָס אינגל זיינס, וואָס חנהקע האָט עס צוגעפירט צו אים און געזאָגט דערצו:

— דאָס איז דיין טאַטע, מאַטעסל, גיי צו און גיב אים אַ קוש.

אַן איבערגעוואַקסן אינגל מיט לאַנגע הענט און פּיס פון אויס־געטראָגענע מלבושימלעך, אַ שטאַרק פאַרשעמטער און צוריקגע־האַלטענער, האָט אים געקושט מיט פּייכטע ליפּן אויף זיין קנאָ־כיקער באַק. נחמן האָט אים צוריקגעקושט, אָבער ער האָט גאָר־נישט געפילט קיין נאָענטשאַפט צום זון, וואָס איז אויסגעוואַקסן הינטער זיינע אויגן, ווי פון הימל פלוצלונג אַראָפּגעפאַלן, אַ פאַר־טיקער און פרעמדער. נאָך פרעמדער איז אים דאָס אינגל געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווי אַזוי די מאַמע זיינע האָט אים אויפגעצויגן. אויף איר שטייגער האָט זי אים אויפגעצויגן, חנהקע, ברכות איבערן עסן אים אויסגעלערנט, אין אַ חדר געשיקט. נחמן האָט פּרובירט אַ רעד טאָן מיט דעם אינגל וועגן תוך־זאַכן, וועגן זאַכן, וואָס זיינס אַ קינד דאַרף וויסן. דער קליינער האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויסדרוקסלאָזע אויגן און געדרייטלט זיך. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען דערפון.

— ווייסט כאָטש פאַרוואָס דיין טאַטע איז געזעסן פאַר־שפּאַרט? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט דאָס אינגל געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

— גוט, גוט, קענסט גיין — האָט נחמן געזאָגט, פילנדיק זיך פרעמד צו דעם קינד.

מנשה האָט זיך געפרייט מיט אים, דעם געוועזענעם לער־אינגל זיינעם. מיט ביידע הענט האָט ער אים אַרומגעטאַפּט דאָס פּנים, די הענט געדריקט אים.

— אויסגעזעסן זיך, נחמן, האַ — האָט ער געמורמלט — אוי, ווי איך פריי מיך מיט דיר, שוואָגער.

פון זיינע בלינדע אויגן זענען טרערן גערונען.

נחמן האָט געשוויגן. ער האָט שוין געוואוסט צו וואָסער סוף דער שוואָגער זיינער האָט דערגרייכט, פון אַן אַרבעטער אַ בעט־לער געוואָרן. און כאָטש עס איז נישט מנשה׳ס שולד געווען אין דעם, האָט נחמן נישט געקענט פאַרטראָגן די צופרידנקייט יענעמס, די רואיקייט מיט וועלכער ער נעמט אַראָפּ די האַרמאָניע פון וואַנט און לאָזט זיך איבער די הויפן. פונקט אַזוי האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן די הכנעה פון דער שוועסטער, פון חנה־

קען. גוטמוטיק האָבן זיי געטראָגן זייער אָרעם לעבן, ווי אָקסן געגאַנגען אין יאָך, וואָס די מעכטיקע האָבן אויף זייערע העלזער פאַרוואָרפן. זיי האָבן נאָך גאָט געלויבט כסדר, תפילות אים גע-זאָגט. נחמן האָט עס נישט געקענט הערן. מער פון אַלץ האָט אים אויפגערעגט מיט אירע רייד חנהקע, זיין חנהקע. זי איז גע-ווען אַן ארבעטאָרן. זי האָט אַ ניי-מאַשין אין שטוב אריינגעשטעלט און איבערגענייט ביליקע זאַכן פאַר שכנהשע באַלעבאָסטעס. דאָך האָט זי קיין שפור פון קיין פראָלעטאַריערן נישט איבערגעלאָזט ביי זיך. זי איז אינגאַנצן פארקנעכטעט געוואָרן צווישן די באַלע-באָסטעס, מיט וועלכע זי איז זיך צונויפגעקומען. זי האָט אפילו גענוצטע קליידעלעך גענומען אַ מתנה פאַר זיך, אָפּגעטראָגענע מלבושימלעך פאַרן קינד. זי האָט אָפט מיט שיינדלען גערעדט וועגן די באַלעבאָסטעס אירע, דערציילט וועגן זייער לעבן, גערימט די ווייכע הערצער פון די גוטע, געשאָלטן די האַרטע הערצער פון די שלעכטע. נחמנען האָט דאָס בלוט געשלאָגן צו די שלייפן דערפון.

— חנהקע, גענוג! — האָט ער איבערגעריסן און אַראָפּגע-נומען דאָס היטל פון נאָגל אויף דער וואַנט.

חנהקע האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

— שוין, גייסט שוין ווידער? — האָט זי געפרעגט, קריגנדיק רויטע פלעקן ארום די אויגן. — אַזויפיל יאָרן זיך נישט געזען, און ס׳איז דיר שוין מיאוס געוואָרן די שטוב?

נחמן איז אַן אַן ענטפער ארוים אין גאַס.

אָבער אויך אין גאַס צווישן אייגענע האָט ער קיין מנוחה נישט געפונען.

נייע מענטשן זענען געווען צווישן די חברים, פרעמדע, אי-בערהויפּט צווישן די פירער, וואָס נישט ער האָט זיי געקענט, נישט זיי האָבן אים געקענט. עפּעס האָט זיך נישט געקלעפּט מיט זיי. די חברים פון דער פּאַרטיי, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן, האָבן אים געהייסן אויסרוען זיך עטלעכע חדשים נאָך דער תפיסה און צוריק איינשפּאַנען זיך אין דער ארבעט.

— אַ מאַסע ארבעט דאָ צו טאָן, און קיין מענטשן זענען נישטאָ — האָבן זיי אים געזאָגט.

נחמן האָט זייערע רייד געהערט, אבער נישט באַנומען. פרעמד האָט ער זיך געפילט, פאַרבלאָנדזשעט, ווי אויפגעכאַפּט נאָך א שווערן קאָשמאַרן שלאָף. נישט ער האָט געקענט רוען, נישט ער האָט געקענט צוריק אָנהויבן די ארבעט. דאָס אויער, וואָס האָט אים ווי געטאָן פון דער מלחמה, האָט פאַר די יאָרן, וואס ער איז געזעסן, אלץ מער און מער דערקוטשעט אים, גענאָגט, אין קאָפּ גע-עגבערט. פון די קלעפּ, וואס ער האָט געקראָגן ביי סלופּעקן, זענען די לונגען געווען אָנגערירט. נישט איינמאָל האָט ער א שטיקל בלוט אויסגעשפּיגן אין נאָז-טיכל אריין. פון די הונגער-סטרייקן, וועלכע מען פלעגט עטלעכע וואָכן צייט אָנהאַלטן, פון די קאַרצערס, וואו מען האָט אים איינגעזעצט פאַר פּראָטעסטן און דיסציפּלין-ברוך, פונם גאַנצן שווערן לעבן אין תפיסה, איז זיין געזונט געווען געבראָכן. ער האָט נישט ווי אמאָל געקענט נעמען לייכט א זעקל מעל ווען ער האָט עס פּרובירט טאָן אין דער בעקעריי, באַזוכענדיק אמאָליקע חברים. איבערהויפּט האָט ער געליטן פון די ציין, וואָס אלעמאָל האָבן זיי אים אָנגעריסן, אזוי אז די באַק איז אים אָנ-געשוואָלן געוואָרן הויך. ער האָט נישט געפילט זיך מער ביי די כחות ארומצוקריכן אין די נעכט און קלעפּן פּראָקלאַמאַציעס. די פיס זענען געווען שווער, נישט לייכט צום לויפן ווען מען דאַרף. נאָך וויכטיקער האָט ער געפילט כחות ביי זיך נאָכאמאָל אויסצו-שטיין קלעפּ, נסיונות. ער האָט זיך געפילט ווי אַן אינוואַליד, אַן אינוואַליד אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. און ווי אַן אינ-וואַליד, האָט ער געהאַלטן, אז אים קומט רו נאָך דער שווערער מלחמה. און נאָר דאָרט, אין אויסגעטרוימטן לאַנד, קען ער זיין רו געפינען.

— כ׳וויל אהין — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק מיט א פינגער צו מזרח.

די פירער פון דער פּאַרטיי האָבן אַן אנדער מיינונג געהאַט וועגן דעם. אויף דעם געהיימען צוזאַמענקונפט, וואָס ער האָט גע-האַט מיט דעם חבר פון קאָמיטעט, האָט דער קאָמיטעט-מאַן אים שטאַרק אויסגעמוסרט דערפאַר, וואָס ער וויל אוועק פון לאַנד.

— אויב אלע וועלן אוועק אהין, ווער וועט מאכן דאָ די רע-

וואָלוציע, חבר? — האָט געפרעגט דער מאַן, קוקנדיק שאַרף מיט זיינע שוואַרצע אויגן דורך די דיקע גלעזלעך פון די ברילן, וואָס האָבן זיינע אַפּלען צווייפאַך פאַרגרעסערט.

נחמן האָט אויסגערעדט זיין האַרץ. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסן, האָט ער נאָר געלעבט מיט דעם געדאַנק אַריבערצוכאַפּן זיך אַהין. אַפילו רוסיש האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי די חברים, וואָס זענען געזעסן מיט אים אין איין קאַמער. דאָס האָט אים געגעבן כחות אַריבערצוטראָגן אַלע פּיין. דערצו האָט ער אַ ווייב, אַ קינד, וואָס ער וויל דערציען ווי אַ מענטש, ווי אַ פרייען מענטש אין אַ פריי לאַנד.

— איך קען דאָ נישט זיין מער, חבר, — האָט ער גערעדט מיט האַרץ — איך בין מיד, געבראָכן, אַן אינוואַליד אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע, און איך האָב פאַרדינט אביסל רו, ווי יעדער סאָלדאַט, וואָס איז פאַרקריפּלט געוואָרן אין דער מלחמה.

דער קאָמיטעט-מאַן האָט קיין איין ריר נישט געטאָן מיט די אומבאַוועגלעכע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אויס דאָפּלט גרויס דורך די דיקע אויגן-גלעזער.

— מירן איך קיין פאַרבינדונגען נישט געבן, חבר, — האָט ער געזאָגט פעסט — דאָ דאַרפט איר בלייבן.

זעענדיק אַז די מענטשן פון קאָמיטעט פאַרשטייען אים נישט, אַז ער וועט פון זיי קיין הילף נישט קריגן, האָט נחמן געלאָזט זיך אויף אייגענע וועגן. ער האָט אַ לאַנגן בריוו אָוועקגעשריבן צו חבר דניאל קיין מאָסקווע. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן ביי זיך אין שטוב ביים נאַפט-לעמפל, געשריבן, געמעקט, צעריסן, ווידער אָנגעהויבן, און אַ סך געדיכטע און קרומע שורהלעך אַריינגעפּאַקט אין די עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אַריינגעלייגט אין די געדיכט-געשריבענע שורהלעך צום לערער זיינעם, וואָס האָט אים די אויגן געעפנט, דעם ריכטיקן וועג אין לעבן געגעבן. אויב די קאָמיטעט-לייט פאַרשטייען אים נישט, איז ער געווען זיכער, וועט אים חבר דניאל פאַרשטיין, מיטפילן און העלפן. דורך אַ געלעגנהייט מיט אַן אייגענעם, וואָס פאָרט קיין אויסלאַנד, האָט ער דעם בריוו מיטגעשיקט, ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו דער

פוילישער צענזור, און גענומען ווארטן מיט אומגעדולד אויף אן ענטפער. יעדן טאָג האָט ער אויפסניי אָפגעוואָרט דעם בריוו-טרע-גער, דערמאָנט אים, אז ער הייסט נחמן ריטער, און יעדער מאָל אויפסניי האָט אים דער בריוו-טרעגער געענטפערט מיטן אייגענעם, אז עס וועט זיין א בריוו, וועט ער ברענגען. אז עטלעכע וואָכן זענען פאַרביייגעלאָפן און קיין בריוו איז אַלץ נישט אָנגעקומען, האָט נחמן געלאָזט זיך גיין פון די אידישע גאסן צו די רייכע יערוזאלימער אַלייען, וואו אין א זייטיקער שטילער גאס שטייט די סאָוועטישע אמבאסאדע. כאָטש ער האָט געוואוסט, אז דאָרט שווייבלט און גריבלט מיט שפּיאָנען און אז פאר א חבר, נאָך א צוריקגעקומענעם פון תפיסה, איז נישט קיין גלייכע זאך דאָרט זיך צו ווייזן, האָט ער געלאָזט זיך גיין צו דעם הויכן מויער, איבער וועלכן עס פּלאַטערט א רויטע פאָן מיט א האמער און סערפּ אין מיטן. זאָל זיין וואס עס וויל, האָט ער אָפּגעמאכט ביי זיך. מיט א ציטערדיק הארץ האָט ער זיך דערנענטערט צו דער שיינער טיר און א דריק געטאָן דאָס גלעקל. אין אויסגעפּוצטן ווארט-זאָל האָבן אראָפּגעקוקט צו אים לעניִנס אויגן, אַפּישן אלערליי, בילדער. אויף די טישן זענען געלעגן אויסגעלייגט קאָמוניסטישע צייטונגען, זשור-נאַלן און בראָשורן. נחמן האָט דערפילט ווארעם בלוט אין די גלידער. דאָס, וואס ער האָט אַלע מאָל געהאלטן בסוד, אויסגעהיטן זיך דערמיט, איז דאָ געלעגן פריי, אָפן. ער האָט שוין דערפילט דעם גוטן ריח פון יענער זייט. מיט יראת-הכבוד האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן מאן מיט די וואָנסן, דעם פירער פון סאָוועטן-לאנד, וואָס איז געהאנגען איבער אים אין דער גאנצער גרויס, און ער איז צוגעגאנגען צום פענסטערל, גרייט אויסצודערציילן פאר די חברים פון דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאפט דעם ווּאונש פון זיין הארץ — א וויזע צום אויסגעטרוימטן לאנד. אן אויסגעפּוצטע דאמע ביים פענסטערל האָט זיך אָנגעשמירט די ליפּן, באטראכט זיך לאנג אין שפּיגעלע און פאַרויכערט א פּאַפּיראָס.

— פּראָשע פּאַנאַ, — האָט זי געפרעגט אין פויליש, טאַפּנדיק קאָקעטיש מיט די הענט ביי די אָנגעקארבירטע האָר.

מיט הייסע רייד, שעמעוודיקע און פייערדיקע גלייכצייטיק,

האָט נחמן גענומען דערציילן פון זיין לעבן, וועגן זיין זיצן אין טורמע, וועגן אַלע פּיין דאָרט. די דאַמע האָט אים איבערגעריסן.

— מיר גיבן נישט קיין וויזעס, הער — האָט זי געזאָגט שאַרף — איבריגענס, פילט אויס אַן אַנקעטע. אויפן טיש ליגן בויגנס.

נחמן האָט פּרובירט ווייטער רעדן, דערציילן וועגן זיין גרויסער ליבשאַפט צום סאָוועטישן פאַרבאַנד, וועגן זיינע קרבנות, וואָס ער האָט געבראַכט דער פּאַרטיי. מען קען פרעגן די חברים פון דער קאָמפּאַרטיי. די דאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט פאַראַכט.

— מיר האָבן נישט קיין פאַרבינדונגען מיט קיין קאָמפּאַרטיי, הער — האָט זי אים גראָב איבערגעריסן — שרייבט אָן אַן אַנקעטע און גייט אַהיים. אַז עס וועט זיין אַן ענטפער, וועט מען אייך צו-וויסן געבן דורך פּאָסט.

זי האָט פאַרוקט דאָס פענסטערל.

ווידער האָט נחמן וואָכן-לאַנג אומזיסט געוואַרט אויף אַ בריוו, אויסגעקוקט זיך די אויגן צום טויער, צי דער בריוו-טרעגער גייט נישט.

זעענדיק, אַז דורך בריוו און אַנקעטעס וועט ער גאָרנישט דערגרייכן, האָט נחמן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַליין צו לאָזן זיך אין וועג, איבער דער גרעניץ זיך גנבענען און אַריבער אַהין. חנהקע האָט געוויינט, שיינדל האָט אים אָפּגערעדט. ער האָט קיינעם נישט געהערט. עטלעכע חדשים צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ בעקעריי, געזאַמעלט גולדן צו גולדן און אין איינעם אַן אָוונט געלאָזט זיך צום גרעניץ-שטעטל.

— זיי געזונט חנהקע, — האָט ער געזעגנט זיך מיט דעם וויינענדיקן ווייבל — אינגיכן וועל איך דיך אַריבערנעמען.

— זיי געזונט, מאַטעס, — האָט ער געזאָגט צום זון, קושנדיק אים אין ביידע באַקן — דו וועסט נישט לעבן מער אַזאַ לעבן ווי דיין טאַטע. אַ פרייער בירגער פון אַ פריי אַרבעטער-לאַנד וועסטו אויסוואַקסן.

אפילו שיינדלען, אברהמעלען און מנשהן האָט ער צוגעזאָגט

אריבערצונעמען. שײנדל האָט געשװיגן. מנשה האָט געלאָזט טרערן פון זײנע בלינדע אױגן, נחמנען דאָס פּנים ארומגעטאַפּט און אים ארײנגעשטופּט אין האנט ארײן א פּאַפּירל ארומגעבונדן מיט א פאָדים.

— װאָס איז דאָס, מנשה? — האָט נחמן געפרעגט.

— כ'האָב אָפּגעשפּאָרט פינף-און-צװאנציק גולדן פון די הױפן — האָט מנשה געמורמלט — נעם עס, עס װעט דיר צונוץ קומען אין װעג.

װיפיל נחמן האָט זיך נישט געשפּארט, האָט מנשה נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט פון אים נישט גענומען דעם פינף-און-צװאנציקער.

איצט איז ער געזעסן, נחמן, בײ זכריה דעם באַלאַגאָלע און געװאַרט אומגעדולדיק אויף דעם אָװנט, װען מען װעט אים שױן אריבערפירן אהין.

— װי מײנט איר, מומע, — האָט ער צום װיפילטן מאָל גע-פרעגט בײ דער אידענע אין שטוב — מיר'ן אריבער בשלום?

און די אידענע האָט צום װיפילטן מאָל געענטפערט מיט די אײגענע רײד:

— אז גאָט װעט װעלן, װעט מען אריבער. אז גאָט װעט, חלילה, נישט װעלן, װעט מען נישט אריבער. אלץ איז געװענדט אין גאָט.

ארום האלבער נאכט איז זכריה באַלאַגאָלע צוריקגעקומען פון װעג א פארעגנטער, א דורכגעװײקטער, און געהײסן גרײטן זיך אין װעג ארײן.

— עס זעט אױס, אז ס'װעט גיסן א גאנצע נאכט — האָט ער געזאָגט — צאָלט אָפּ די עטלעכע גולדן, יונגערמאַן, און עסט אָפּ א גוטע סעודה, איר זאָלט האָבן כּוח צו גײן. ס'װערט שפּעט.

נחמן האָט אױסגעצײלט דאָס געלט, גולדן צו גולדן, און אי-בערגעגעבן עס דעם איד אין האנט ארײן. דער באַלאַגאָלע האָט עס אָנגעהױבט אױף מזל און געװאָלט װיסן, װאָס דער פרעמדער רעכנט צו טאָן מיט דעם געבליבענעם געלט זײנעם.

— איך קען אײך געבן סאָװעטסקע רובלס — האָט ער גע-

זאָגט — פאר זייער ביליק. אבער באהאלט זיי גוט, יונגערמאַן, ווייל מען טאָר קיין רוסישע רובלס צו די באָלשעוויקעס נישט אריינ־פירן.

נחמן האָט נישט געוואָלט הערן דעם אידנס רייד. אומזין! ער, נחמן, זאל ברעכן דאָס געזעץ פון דעם סאָוועטן־לאַנד, פון זיין לאַנד! דער איד האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות.

— זייט נישט קיין בהמה, יונגערמאַן — האָט דער באַלאַגאָלע אים געמוסרט — זיי וועלן ביי אייך צונעמען די פּאָר גולדן און געבן אייך עטלעכע רובל לויטן קורס. אַן עבירה אידיש געלט. וואָסי, אַ מצוה אין פּאָניען?

נחמן האָט עס נישט געקענט הערן. ער האָט אומגעדולדיק איבערגעוואַרט ביז זכריה באַלאַגאָלע האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, געוואַשן זיך צום עסן, געבענטשט דערנאָך. די אידענע אין בעט האָט געקרעכצט, צום וויפילטן מאָל אָנגעזאָגט דעם מאַן אירן, ער זאָל זיך היטן, ער זאָל צוריק קומען בשלום.

— גאָט אין הימל זאָל אייך באַשיצן, יונגערמאַן — האָט זי געוואונשן נחמנען, אויפהויבנדיק די אויגן צום באַלקן.

נחמן איז געווען גליקלעך אריבערצוגיין די שוועל פון שטוב, די לעצטע שוועל פון דער אַלטער, נארישער און אבערגלויבערי־שער וועלט צו דער נייער וועלט, דער גערעכטער, דער פרייער, דער פּראָלעטארישער. אַ ווינט צוזאמען מיט אַ רעגן האָבן אים אַ ריס געטאָן ביים קאָלנער פון זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און געשטופּט אים פּאָראויס. זכריה באַלאַגאָלע האָט זיך ארומגעגארטלט, אראָפּ־גערוקט דאָס אויסגעקראָכענע קוטשמעלע איבער די אויגן, אַן אָדערדיקן שטעקן אין האנט גענומען און געשניטן זיך אין ווינט.

— יונגערמאַן, האלט זיך לעבן מיר — האָט ער אים אָנ־געזאָגט — פארלירט מיך נישט פון אויג. רוויכערט נישט. רעדט נישט. טאָמער וועט מען שיסן, זאָלט איר זיך אָוועקלייגן אויף דער ערד.

נחמן האָט געוואָלט פרעגן ווי ווייט עס איז נאָך צו דער צוויי־טער זייט, אבער דער באַלאַגאָלע האָט אים נישט געלאָזט ריידן.

— גיין! — האָט ער באַפוילן — און פעסט.

דער רעגן האָט נעגאָסן. די פיס זענען געקראָכן אין בלאָטע. הינט האָבן געהאַילט. נחמן איז געגאַנגען מיט שרעק און גליק צוזאַמען. יעדער טריט ווייטער האָט אים דערוווייטערט פון דער אַלטער וועלט און געבראַכט אים נענטער צו דער נייער. דער פירער פאַר אים האָט געשניטן זיך אין חושך. נחמנען איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו וויסן, ווען ער וועט שוין טרעטן אויף דער ערד פון יענער זייט, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן. מיטאַמאָל האָט דער פירער זיך אָפּגעשטעלט און אים א צי געטאָן פאַר דער האַנט.

— דאָ איז א וואַסערל, — האָט ער געמורמלט — קריכט אַריבער, און האַלט זיך אָן אין מיר. נאָר שטיל, נישט כליאַפּטשען מיט די פיס.

נחמן איז געגאַנגען אין וואַסער, דעם אָנגעשוואָלענעם נאָכן רעגן, ביז די קנעכלען, ביז די קניען, ביזן גאַרטל. די פיס האָבן זיך אָנגעשטויסן אין שטיינער. א נאַסע קעלט האָט אַרומגענומען דאָס לייב. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. אויף דעם צווייטן ברעג האָט זיך דער פירער פאַרהאַלטן.

— נעמט אַראָפּ די שיך און גיסט אויס דאָס וואַסער — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז עס שוין? — האָט נחמן געפרעגט אָן אומרואיקער.

— יאָ, — האָט דער איד געזאָגט א גלייכגילטיקער — מיר האָבן נאָך צו גיין א שטיק וועג.

נחמן האָט זיך דערפילט וואַרעם, כאָטש אַלץ האָט געקלעפּט צו אים. ער האָט חשק געהאַט אָנצורייבן א שוועבעלע און א קוק טאָן אויף דער ערד פון נייעם לאַנד. אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַרן פירער. נאָך א שעה גיין, האָט דער איד זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן עק דאָרף און אַריבערגעשפּרונגען איבער א געפלאָכטענעם פּלויט.

נחמן האָט אים נאָכגעטאָן.

— וואַסיל, — האָט דער איד גערופן, פּויקנדיק מיט די פינגער אין קליינעם פענסטערל — וואַסיל, עפן, דאָס בין איך.

פון אינעווייניק האָט זיך א ברומען געהערט און א שאָרן פון באָרוועסע פיס. א לעמפּל האָט זיך אָנגעצונדן. א צעשויבער־טער פויער איז ארויס אין א צעריסענעם פעלץ אויפן העמד.

— קומט אריין, מענטשן — האָט ער געזאָגט, געגעצנדיק הויך.

נחמן האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון וואסער און אריין אין שטוב, וואָס איז באַלויכטן געווען פון א קליין נאַפט־לעמפּעלע. אָנשטאָט לעגין, ווי ער האָט דערוואַרט, האָט יעזוס צו אים אראָפּגעקוקט פון דער וואַנט. דער פויער האָט געוועקט דאָס ווייב.

— פּאראסיא, הייב זיך אויף — האָט ער געברומט — נו, קריך ארויס, בהמה פוילע, וועסט אויפקאָכן הייס וואסער פאר די מענטשן.

פּאראסיא איז מיט א זיפץ ארויס פון דעם אָרימען בעט און אָנגעטאָן אויף זיך א צעריסן קלייד.

— האָספּאַדי, — האָט זי געברומט, צלמדיק זיך ביי דעם הייליקן בילד.

זכריה האָט ארויסגענומען פון זעקל א ברויט און אוועקגע־לייגט אויפן טיש. דער פויער האָט געקוקט דערויף מיט גיריגע אויגן און אָפּגעשניטן דערפון א שטיק.

— וואָס הערט זיך, וואסיל? — האָט זכריה געפרעגט.

— שלעכט — האָט דער פויער געענטפערט. — קיין ברויט נישטאָ.

נחמן האָט געטריקנט די נאסע פיס און מלבושים ביים פייער, וואָס די פויערטע האָט געמאכט, און נישט געגלויבט זיינע אויגן און אויערן, אז ער איז שוין אויף יענער זייט. פון גרויסן אויוון האָבן קינדער צו אים אראָפּגעקוקט, צעשויבערטע און האלב־נאַ־קעטע, איבערגעדעקטע מיט שמאטעס. עפּעס אַן אַלטער מאַן האָט געקרעכצט פון א באַנק, אויף וועלכער ער איז געלעגן, געברומט און געקראַצט זיך אין די קאַלטענעס. די פויערטע האָט צוגעטראָגן הייס וואסער אין א זעלנעריש צינערן קעסעלע.

— קיין טיי און צוקער איז נישטאָ — האָט זי געזאָגט.

נחמן האָט געוואָלט א גלאָז מילך, הייסע מילך. אין האלז

האָט אים געגעסן די קעלט. די פויערטע האָט אוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— נישטאָ, טייערינקער, — האָט זי געזאָגט — גאָרנישט נישטאָ ביי אונז אין לאַנד.

נחמן האָט געטרונקען דאָס הייסע וואַסער, פאַרביסן מיט ברויט, וואָס זכריה דער באַלאַגאָלע האָט אים געגעבן, און ער איז געווען צעטומלט. ער האָט מורא געהאַט, אז דער איד נאַרט אים, אז ער האָט אים נישט געבראַכט אויף דער צווייטער זייט. דער איד האָט גערעדט מיטן פויער, געלט אים אויסגעציילט און אָנגעזאָגט:

— וואַסיל, וועסט אים לאָזן דאָ איבערשלאָפן זיך ביז אין דער פרי. אין דער פרי וועסטו אים ארויספירן צום וועג. ביי דער ערשטער וואך וועט ער זיך מעלדן. איך גיי צוריק אהיים. א גוטע נאַכט.

נחמן האָט זיך אוועקגעלייגט אין ברודיקן בעט צום פויער און אריינגעפאַלן אין א שווערן שלאָף.

באַלד אין דער פרי האָט אים דער פויער געוועקט.

— בירגער, צייט צו גיין.

נחמן האָט שוין געזען איצט די ערד, די בוימער. דער טאָג האָט זיך געשטעלט א ליכטיקער. דער הימל, אַן אויסגעוואַשענער נאָך דעם שווערן רעגן, האָט געקוקט א ליכטיקער און קלאָרער אויף דער וועלט. פויגל האָבן געצוויטשערט פריילעך. נחמנען האָט ארומגענומען א פרייד, א גרויסע פרייד. ווען דער פויער איז אוועק צוריק און אים געהייסן גיין פאַראויס א האַלבן ווירסט אליין ביז צו דער ערשטער וואך, האָט נחמן געשטעלט גרויסע טריט. ער האָט שוין געוואָלט זיין וואָס נענטער ביי דער וואך, ביי דער ערשטער סאָוועטישער וואך. פון דער ווייטנס האָט ער א ביידל דערזען, א ביידל מיט א רויטער פאָן און מיט א האַמער און סערפּ. ער האָט געוואָלט זיך וואַרפן אויף דער ערד און קושן דאָס לאַנד, זיין לאַנד, דאָס לאַנד פון די אַרבעטער. ער האָט אַזש גענומען לויפן פאָראויס. א זעלנער מיט א לאַנגען שיגעל ביז די טריט

און מיט א בודיאני היטל מיט א שטערן האָט אָנגעשטעלט אויף אים די ביקס.

— שטיין! — האָט ער געשריגן הויך, אײַלנדיק אים אנט-קעגן — שטיין, אין דער מאַמען דיר, וואָרים כ׳על שיסן!

נחמן איז געבליבן שטיין א פּאַרגליווערטער, צוגעוואַקסן צו דער ערד. פון בײַדל האָט א פאַרטריקנטער לענין אַראָפּגעקוקט צו אים מיט צוזעמרויזשעטע שפּיציקע אויגן.

## קאַפּיטל זעקס-און-דרײַסיק

דער קעלער פון מינסקער טשעקאַ איז אינגאַנצן ווי „סלו-פּעקס האָטעל" אין וואַרשע בײַם ראַטהויז. דורך די פאַרקראַטע-וועטע פאַרבלאָטיקטע פענסטער זעט מען בלויז די שטיוול און די לאַנגע שינעלן פון די וואַכן. אויף די נאַרעס ליגן פאַרשמאַכטע מענטשן און לויזן זיך. פון די גליטשיקע ווענט, באַשריבענע מיט נעמען, דאַטעס, קללות, מיאוסע רייד און שמוציקע צייכענונגען, רינט די פײַכקייט. דאָס טורמע-שאַף, די „פּאַראַשאַ", אין וועלכן די אַרעסטאַנטן טוען זייער מענשלעך געברויך, פאַרעיפּושט די לופט. אויף דער ערד, אין א בינטל שמאַטעס, זיצט א באַוואַק-סענער אָפּגעשליסענער פאַרשוין, א האַלב צעדרייטער און פריי-לעכער, און זינגט כסדר דאָס אייגענע לידל.

עך דו עפּעלע,
וואוהין טוסטו זיך דרייען?
וועסט אַרײַנפאַלן אין טשעקאַ,
וועסטו זיך פרייען . . .

שוין א חודש צײַט ווי נחמן זיצט אין קעלער נומער איינס אין דעם טשעקאַ פון דער גרעניץ-שטאָט. ער קען שוין דאָ אַלעמען, אַלע שכנים פון קאַמער. זײַן שכן בײַ דער נאַרע איז מאַטוועי, א בערדיגער פּויער, וואָס האָט נעגנבעט קרויט אין קאָלעקטיוו זיי-

נעם נישט ווייט פון שטאָט. א צעוואקסענער, א שווארץ-האָריקער, מיט שמאָטעס אויף די פיס, איז ער א בארעדעוודיקער זייער; ער רעדט אין דריי שפראכן מיט אמאָל, א געמיש פון רוסיש, פויליש און ווייס-רוסיש. ער ווייסט, אז נחמן איז א פוילישער, נאָר-וואָס פון דער גרעניץ, און ער וויל וויסן וואס עס הערט זיך אויף יענער זייט.

— שלעכט, — זאָגט נחמן — דאָס פאָלק ווערט געפייניקט. קיין פרייהייט נישטאָ.

דער פויער מאכט אוועק מיט די לאַנגע הענט.

— וויפיל קאָסט ברויט? — וויל ער וויסן.

נחמן זאָגט אים וויפיל ברויט קאָסט. דער פויער פארבייגט די שמוציקע פינגער, רעכנט אוים וויפיל דאָס מאכט אוים אין רובלס, און ער קראַצט זיך אין די שווארצע האָר.

— האָספאָדי, — זאָגט ער — דאָס איז דאָך ביליק, זייער ביליק. נו, און קארטאָפל וויפיל קאָסט? און קרויט?

וויפיל נחמן זאָל אים נישט רעדן וועגן דער שלעכטער אָרד-נונג, וויל עס דער פויער נישט הערן.

— וואָס מיר אָרדנונג? — מאכט ער אוועק מיט דער שמו-ציקער האנט — ברויט מיט קארטאָפל קריגט מען פריי צו קויפן, דאָס איז אלץ.

ער דערציילט וועגן דעם הונגער אין קאָלעקטיוו, וואו ער אר-בעט, וועגן דער אָרדנונג.

— נו, געוויס, — זאָגט אים נחמן — אז דו גנבעסט קרויט, ביי דיינע אייגענע חברים פויערים גנבעסטו, ווי אזוי זאָל זיין אָרדנונג?

— אז עס איז נישטאָ וואָס צו עסן, מוז מען דאָך גנבענען — זאָגט דער פויער. — אלע גנבענען. אבער מיך האָט מען געכאפט ביי דער האַנט.

עס זיצט א בלאַסער באן-קאָנדוקטאָר אין א געלאַטעטן אוני-פאָרם. ער האָט פאר געלט אריבערגעפירט בגנבה פאסאזשירן אין באן, אויסבאהאלטן זיי, און מען האָט אים געפאקט. ער זיצט שוין

דאָ וואָכן, מען פאַרשט אים, נאָר קיין געריכט מאכט מען אַלץ נישט איבער אים.

— אמת, — זאָגט ער — כ'האָב געפירט פּאַסאַזשירן, נישטאָ וואָס צו לייקענען. אָבער בין איך דען שולדיק, אַז כ'קען פאַר מיין געהאַלט מיט קיין טרוקן ברויט נישט אויסקומען, און קינדער ווילן עסן?

עס זיצט אַ פאַרשוין אין אַ לעדערן רעקל, מיט אַ פּנים פון אַ מיליטערמאַן. קיינער ווייס נישט אין וואָס ער ווערט באַשול־דיקט, ווייל ער שווייגט, ער רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויס. בלויז אַ שמייכל, אַ שלעכטער און ביטערער, ליגט אין זיין ווינקל מויל. מיט דעם איינציקן, וואָס ער רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז מיט דעם האַלב־צעדרייטן, וואָס זינגט פריילעכע לידער.

— פריילעך, חבר פעטקאַ, האַ? — פרעגט ער יענעם — פריילעך אין אונזער לאַנד?

דאָס איז אַלץ, וואָס ער רעדט. מען זאָגט אין קאַמער, אַז ער מוז האָבן אויף זיך אַ שווערע באַשולדיקונג, און אַז ער דאַרף זיין פון די גרויסע ביי זיי.

און עס זיצן אַלערליי אַנדערע. קעשענע גנבים; עפּעס אַ איד אַ קצב, וואָס האָט אויף זיך אַ פּעקל פאַר נישט פירן ווי געהעריק די חשבונות מיטן פלייש אין דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם; אַ גוי, וואָס האָט געטריבן בראָנפן אין אַן אייגן ברוי־הייזל; אַ גרעניץ־שמוגלער; אַלערליי אַנדערע מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און אויסזען. אַלע פאַראייניקט זיי דער שמוץ, דאָס קראַצן זיך, דער שטענדיקער הונגער. דאָס ברויט, וואָס מען גיט אַרויס אויף אַ טאָג, איז ווייניק, קלעפּיק און נאַס. עס ברענט אויפן האַרצן דער־פון. דאָס ביסל זופּ, וואָס מען גיסט אַריין אין שמוציקע ציינערנע כלים, עיפּושט. דער הונגער דרייט די קישקעס אויס. ביי די, וואָס זיצן שוין לענגער, זענען די פּיס אָנגעשוואָלן. די, וואָס האָבן קרובים אין שטאָט, קריגן עפּעס שפּייז פון אייגענע. די, וואָס האָבן נישט קיינעם, הונגערן כסדר. זייערע מאָגערע לייבער זענען שפּייז פאַר דעם אומפּלייט, וואָס ראָיעט דאָ. איין ווונש פאַר־אייניקט אַלעמען — אַרויסצוקריגן זיך פון „טשעקאַ" און אַריבער־

גיין אין „דאפר", אין דער טורמע. כאָטש דאָרט איז אויך צרות מיט עסן, איז אבער דאָרט ריינער, גראַמער און לייכטער. אָבער חבר מאַקאַריטש, דער פירער פון טשעקא ביי דער גרעניץ, איילט זיך נישט אַרויסצוגעבן אַזוי גיך די מענטשן פון טשעקא צום „דאפר". א ברייט-פּלייציקער, א פעסט-געבויטער, מיט צוויי רע-וואָלווערן, צו באַשיצן זיך קעגן שונאים, מיט א ברוסט מיט מע-דאַלן, ווי סלופּעק פון דער וואַרשעווער דעפענסיווע, האָט ער ליב צו האַלטן די אַרעסטירטע וואָס לעגנער אונטער זיין רשות.

פונקט אַזוי האָט ער ליב אויסצופאָרשן די אַרעסטאַנטן זיינע אין די נעכט, ווען מענטשן זענען שוואַכער און הילפלאָזער.

קליינע אַרעסטאַנטן פאָרשט ער נישט אַליין. דאָס לאָזט ער איבער צום אויספאָרשער חבר כאַוווקעס, א יונגערמאַן מיט ברילן אויף דער געבויגענער נאָז און מיט א געקרייזלטן שוואַרצן קאָפּ, וואָס דער ישיבה-בחור ליגט אים אין די ביינער און דאָס לע-דערנע רעקל מיט דעם רעוואָלווער זעען אויס אויף אים פרעמד און קאָמיש. גרויסע העכט פאָרשט חבר מאַקאַריטש אַליין. נחמן ריטער געהער ביי אים צו די גרויסע העכט. עטלעכע מאָל אין וואָך רופט אים מאַקאַריטש אויפסנײ אַרויס שפּעט ביינאַכט אין זיין קאַנצעלאַריע, וואָס ביי אַלע טירן שטייען באַוואָפנטע רויט-אַרמייער.

— נו וואָס, ריטער — פרעגט ער, קוקנדיק נחמנען שאַרף אין די אויגן אַריין — איר האָט זיך שוין מיישב געווען, צי איר האַלט זיך נאָך אַלץ ביי אייערס, הא?

נחמן קוקט מיט גרויסע אויגן אויף מאַקאַריטשעס פינף-שפּיצן שטערן, וואָס ער האָט מיט גאָלדענע פעדים אויסגעהאַפּטן אויף זיין ברוסט, און אויף לענינס פאָרטרעט אויף דער וואַנט.

— איך שווער אייך, חבר — זאָגט ער מיט הארץ — אַז איך בין געקומען בלויז דערפאַר, וואָס איך בין א קאָמוניסט. איך בין ניין יאָר געזעסן אין א פּוילישער טורמע פאַר קאָמוניזם.

מאַקאַריטש לאַכט.

— דאָס האָב איך שוין געהערט פון אייך פון ערשטן טאָג אָן. איך וויל עפּעס נייעס הערן.

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואס איך קען אייך זאָגן — רעדט נחמן — ווייל דאָס איז דער אמת.

מאקאריטש פארויכערט אומגעדולדיק א פאפיראָס און לאָזט געדיכטע קנוילן רויך.

— א קאָמוניסט גנבעט נישט קיין גרעניצן, נאָר זיצט און ארבעט פאר דער פארטיי — זאָגט ער — דאָס טוען נאָר שפּיאָנען. אלע זאָגן זיי דעם זעלבן פּזמון. דאָס בעסטע איז פאר אייך, איר זאָלט זיך מודה זיין. מיר'ן סאָי-ווי-סאָי אלץ אליין דערגיין.

נחמן בייסט די ליפּן אין פארצווייפלונג, ברעכט די הענט. אים, נחמנען, איז מען חושד אין שפּיאָנאַזש קעגן דעם סאָוועטן-לאנד, קעגן זיין לאנד, דעם לאנד פון פּויערים און ארבעטער. דאָס איז ערגער ווי מען וואָלט אים געשלאָגן, דאָס ברענט מער זיין לייב ווי סלופּעקס ברענענדיקע פּאפּיראָסן, וואס ער האָט אים צו-געלייגט צו די הענט ביי דער אויספאָרשונג. ער זעט שוין אליין איין, אז עס איז געווען אן אומזין זיך צו לאָזן אליין איבער דער גרעניץ, אָן פארבינדונגען פון דער פּאַרטיי. ער גיט עס צו מאַ-קאריטשן, אז ער איז געווען נאריש, אז ער האָט געהאנדלט לייכט-זיניק. אבער אזוי איז פאַרט דער אמת. ער קען שווערן ביי דער רעוואָלוציע, ביי די פאָרטרעטן פון די פירער. אדרבא, זאָל חבר מאקאריטש אליין שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט די חברים פון יענער זייט. כאָטש ער, נחמן, האָט זיי נישט געפאָלגט און געפאָרן אָן זייער דערלויבעניש, וועלן זיי פונדעסטוועגן זאָגן ווער חבר נחמן איז און וואס ער האָט פאר דער פארטיי געטאָן. זאָל ער פרעגן דעם חבר דניאל אין מאָסקווע. וואָס דארף מען מער ווי דעם חבר דניאל? זאָל מען אים פרעגן. אויב ער וועט נישט גוט-זאָגן פאר אים, מעג מען אים שיסן, ווי א הונט אומברענגען אויף דער סאָוועטישער ערד.

חבר מאקאריטש פּויקט מיט די פינגער אויפן טיש.

— דוואַרדזשינסקין קענט איר? — גיט ער פּלוצלונג א פרעג.

נחמן קוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט קיינמאָל אזא נאָמען נישט געהערט. מאקאריטש קוקט אים אָן מיט איין אויג.

— ער זאָגט, אז ער קען אייך יאָ... — זאָגט ער פאַרשנדיק —

מיר וויסן געגוי, אז ער איז ארויס מיט אייך אין דער אייגענער נאכט פון קאראוועי. נאר ער איז געגאנגען מיט אן אנדער וועג.

נחמן לאזט אראפ די הענט. כאטש ער האט קיינמאל אזא מענטש נישט געזען, אזא נאמען נישט געהערט, האט ער מורא פאר אט דעם נאמען. עפעס פילט ער, אז א צרה קומט אויף אים צו־ליב איינעם א דווארזשינסקי. מאקאריטש גייט ארויס און לאזט אים איבער אליין. דאס טוט ער אלע מאל אין מיטן אויספארשן. נאך עטלעכע מינוט קומט ער אריין און הויבט אן די אויספארשונג אויפסניי. די זעלבע געשיכטע וואס פון אנהויב. אין מיטן אויס־פארשן, גיט ער פלוצלונג א פרעג:

— ווען זענט איר געווען דאס לעצטע מאל אין מינסק, ווינ־טער צי זומער?

נחמן ווערט צעטומלט.

— איך בין דא דאס ערשטע מאל — זאגט ער.

מאקאריטש לאכט.

— ס'ערשטע מאל — שפאט ער — גוט, איר קענט צוריק־גיין אין קעלער, גענוג אויף היינט.

נחמן וויל וויסן, ווי לאנג נאך מען וועט אים האלטן דא. ער איז קראנק און צעבראכן. ער איז ניין יאר געזעסן אין א פּוי־לישער תפיסה. מאקאריטש לאזט אים אן קנוילן רויך אין פנים.

— ווי לאנג איר וועט בלייבן איינגעשפארט, אזוי לאנג וועלן מיר אייך האלטן דא. מירן שוין אליין אלץ דערגיין, און דאן וועט זיין ביטער.

נחמן גייט צוריק אין קעלער. אלע שלאפן. בלויז דער האלב־צעדרייטער זיצט אויף דער ערד און רייניקט פארעקשנט זיין לייב פון אומפליים.

אויף דער חתונה ביי שנייערסאנען
איז א טומל, א גערודער —

זינגט ער א שפאט ליד וועגן קאמיסאר שנייערסאן און זיין משפחה.

נאָך אָפּזיצן צוויי חדשים, איז נחמן ארויסגערופן געוואָרן צו מאקאריטשן נישט ביינאכט, ווי געוויינלעך, נאָר בייטאָג.

— איר וועט פאָרן קיין מאָסקווע — האָט מאקאריטש גע-זאָגט — און אויב דער חבר דניאל וועט פאר אייך גוט זאָגן, וועט איר זיין פריי.

נחמן איז אזוי איבעראַשט געוואָרן, אז ער האָט פון פרייד בײדע הענט אויסגעשטרעקט צו מאקאריטשן.

— חבר, חבר — האָט ער געמורמלט.

מאקאריטש האָט נישט אויסגעצויגן די ווייסע האנט צו נחמנס שמוציקע הענט. אנשטאט א האנט, האָט ער אים ארויסגעגעבן צו-ריק דאָס ביסל געלט, וואס מען האָט ביי אים צוגענומען ביים ארעסט. אבער אנשטאָט פוילישע גולדנס, האָט ער אים געגעבן סאָוועטישע רובלס, לויטן קורס.

אין זעלבן טאָג איז נחמן ארויסגעפאָרן, מיט צוויי רויט-ארמייער באוואכט, קיין מאָסקווע. ער האָט די סאָלדאטן געגעבן א גאנצן רובל, זיי זאלן אים איינקויפן ברויט מיט ווורשט אויפן וועג. די רויט-ארמייער האָבן געלאכט פון אים.

— בלויז פאר איין ברייטל דארף מען צאָלן צען-צוועלף רובל — האָבן זיי אים געזאָגט — און וועגן ווורשט פארגעס, ברודערל, דאָס קאָסט א פארמעגן.

נחמן האָט זיי אוועקגעגעבן דאָס גאנצע ביסל רובלס, וואָס מאקאריטש האָט אים אויסגעצאָלט פאר די פוילישע גולדנס זיינע, פארוואָס זיי האָבן אים איינגעקויפט ברויט, א הערינג, עטלעכע צוגעפוילטע עפל און אביסל מאַכאָרקע. פון די הונדערט גולדן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, פונם פינף-און-צוואנציקער, וואָס מנשה האָט אים געגעבן אין א פאַפּירל פארבונדן מיט א פאָדים, זענען אים בלויז געציילטע רובלס געבליבן נאָכן קארגן ביסל שפּייז. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם באַלעגאָלעס רייד, וועגן דעם וואס עס איז אָן עבירה זיין געלט. אומזיסט איז ער אין כעס געוועזן אויף דעם איד פון יענער זייט גרעניץ. ער האָט גיריק גע-שלונגען דאָס קלעפּיקע ברויט אין גאַס, אויסגעהונגערט נאָך וואָכן זיצן. גיריקער פון ברויט האָט ער געשלונגען דאָס לעבן אין דער

שטאָט, אין דער ערשטער שטאָט פון דער סאָוועטישער מלוכה,
פון ארבעטער-לאנד. אויף אָמטן האָבן געפלאַטערט רויטע פענער
מיטן האַמער און סערפּ. אויף די ווענט זענען געהאַנגען פּלאַ-
קאַטן מיט שטארק פארביקע און פריילעכע פּראָלעטאַריער. אָבער
די מענטשן אויף די גאסן זענען גאָרנישט געווען פאַרביק און פריי-
לעך. אומעטיקע האָבן זיי געאיילט איבער די טראָטואַרן. גרויע,
שלעכט-געקליידעטע, באַוואקסענע, מיט צעראַטענע פּאָרטפעלן אונ-
טער די אָרעמס, האָבן זיי געיאָגט אין זייערע אָפּגעטראָגענע לייוונ-
טענע שיך, כאָטש עס איז שוין געווען אָנהויב הערבסט. די ווײַ-
בער מיט געלאַטעטע קוישלעך אין די הענט זענען געגאַנגען אין
אָפּבלאַקירטע סיטצענע קליידלעך, טייל אין שטעק-שיך, אַנדערע
אין צעריסענע שטיוול אָדער אין וואלינקעס. די טיכלעך אויף זייערע
קעפּ זענען געווען אָפּגעשאָסן פון דער זון, אַלט. ארבעטער האָבן
זיך ארויסגעשאָטן פון פאבריקן ארויס. נחמן האָט זיך איינגע-
קוקט אין זייערע פּנימער. ער האָט געוואָלט זען די באַלעבאַטים
פון לאַנד, וואס האָבן ארָאָפּגעוואָרפן פון זיך די קייטן פון טי-
ראַנען און אונטערדריקער. אבער ער האָט קיין פרייד אין זייערע
פּנימער נישט געזען. מידע זענען זיי געגאַנגען, אומעטיקע, אויס-
געצערטע. זיי זענען גאָרנישט געווען אנדערש, די מענטשן דאָ, פון
די אָרימע מענטשן פון יענער זייט גרעניץ. אזוי האָבן אויך אויס-
געזען די מענטשן פארן אייזערנעם טויער אין וואַרשע, וואו ער
האָט געוואוינט. די קליידער פון די מענטשן זענען דאָ געווען נאָך
ערגער ווי פון יענע איבער דער גרעניץ. ניין, ער האָט זיך גאָר נישט
געהאט צו שעמען, נחמן, מיט זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואס
איז אין ארעסט איינגאנצן א תל געוואָרן.

קיינער איז נישט געווען בעסער אָנגעטאָן פון אים. בלויז
פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעוואָרפן א מענטש א גוט-געקליי-
דעטער, א שמייכלענדיקער. איז דאָס געווען א קאָמאַנדיר אָדער
איינער פון דער גרעניץ-וואַך. ביי די עק גאַסן ארום די קאָאָפּע-
ראַטיוון זענען לאנגע רייען פון מענער און פרויען געשטאַנען, ווי
אין ווארשע אמאָל אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.
אויף א סקווער האָט זיך א באַזאַר אויסגעלייגט מיט פּויערטעס,

הענדלער און קויפער. מיליציאָנערן האָבן געטריבן די מענטשן. עס האָט נחמנען דערמאָנט אין דער נייער וואָלאָווע אין וואַרשע.

— וואָס פאַרקויפט מען דאָ אויפן מאַרק? — האָט נחמן געפרעגט די רויט-אַרמייער, וואָס האָבן אים באַגלייט.

— ברויט, קאַרטאָפל — האָבן די סאָלדאַטן געזאָגט.

נחמן האָט עס נישט פאַרשטאַנען. פון די חברים פון יענער זייט האָט ער געוואוסט, אַז די אַרבעטער קריגן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, אין די רעגירונגס-קראָמען.

— קריגן נישט די אַרבעטער דאָ שפּייז-קאַרטן? — האָט ער געפרעגט ביי די סאָלדאַטן.

— קאַרטן קריגט מען, אָבער שפּייז אין די קראָמען איז דאָ ווייניק — האָט איין סאָלדאַט געענטפערט — וואָס מען קויפט נישט אויפן מאַרק ביי די ספּעקולאַנטן, האָט מען נישט.

— און פאַרוואָס צו קויפן איז נישטאָ — האָט דער אַנדערער גערעדט — אַלץ קאָסט טייער.

נחמן האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. די סאָל-דאַטן האָבן נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— דער טייוול ווייסט פאַרוואָס — האָבן זיי געברומט און פאַרויכערט מאַכאָרקע-פּאַפּיראָסן געוויקלט אין צייטונג-פּאַפּיר.

אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ געדראַנג, אַ טומל. צווישן די ווענט, וואָס זענען געווען באַהאַנגען מיט ליכטיקע פּלאַקאַטן און לאָזונגען, מיט פאַרביקע בילדער און צייכנונגען וועגן די נייע מע-טאָדן פון ערד-אַרבעט און אינדוסטריע, האָבן זיך הונדערטער מענטשן געשטופּט, געשטויסן. פּויערן, אָפּגעריסענע, מיט לאַפּטיעס אויף די פיס, מיט שמאַטעס, אַנדערע באָרוועסע אפילו, כאָטש אין הערבסט, זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף דער ערד, מיט זייערע זעק און קלומיקעס. פּויערטעס, אין לאַפּטיעס, אין צעריסענע פּעלצלעך, מיט געלאַטעטע קוישלעך, מיט זעקלעך, מיט וויינענדיקע קינדער, זענען געזעסן אָדער געשלאָפן אויף דער הוילער ערד. טייל האָבן געגעסן שוואַרץ ברויט פון זייערע קלומיקעס אַרויס, גע-טרונקען וואַסער פון זעלנערישע צינערנע פלעשלעך. אַנדערע האָבן געשטופּט זיך אַרום דעם זודיקן קעסל, פון וועלכן זיי האָבן

געצאַפּט היים וואַסער אין קעסעלעך, טרינקנדיק עס אָן טיי און אָן צוקער. א שלעכטער גערוך, פּונקט ווי פון קעלער אין טשעקא, האָט זיך געטראָגן פון דער ליגנדיקער און שטויסנדיקער געדיכטער שמאַטיקער מאַסע. קינדער האָבן געבעטלט ביי די פּאַסאַזשירן.

— פּעטערל, מומעשי, ברויט שענקט, מיר זענען הונגעריק — האָבן זיי טרויעריק געזונגען.

ביי די פענסטערלעך פון די בילעטן זענען הונדערטער מענטשן געשטאַנען, געמאַכט מיט די הענט, געשריגן, גערעדט. מיליציאַנערן האָבן אָפּגעשטופּט. און אין מיטן האָט זיך א פריילעכע דעלעגאַציע פון אינגלעך און מיידלעך דורכגעשטופּט דורכן עולם, איבער די ליגנדיקע געקראָכן, געטומלט. איינגעוויקלטע פענער האָבן זיי געטראָגן אין די הענט, רויטע שלייפעלעך אין די לאַצן. אנדערע האָבן אויך טראָמייטן געטראָגן מיט זיך.

— לאָזט דורך דעם קאָמסאָמאָל, בירגער, לאָזט דורך! — האָבן מיליציאָנערן געמאַכט א וועג אין וואַקזאַל. אָבער די ליגנדיקע האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט. זיי זענען געלעגן ווי צוגעוואַקסן צו דער שמוציקער ערד. א פרוי אין א היטעלע אויפן קאָפּ האָט געיאָמערט פאַר א מיליציאַנער:

— מיין גאַנץ געלט האָט מען מיר ארויסגעגנבעט, חבר. וואָס וועל איך איצט טאָן?

דער מיליציאַנער האָט אָנגעוויזן מיט א פינגער אויף די אויפשריפטן אויף די ווענט, וואָס האָבן געוואָרנט, מען זאָל זיך היטן פאַר גנבים. ווען די באַן איז אָנגעקומען, האָט זיך די גאַנצע מאַסע א לאָז געטאָן. איינער האָט אומגעוואָרפן דעם אַנדערן, איבער קעפּ און פיס געטראָטן. מיט גרויס מי, מיט די ביקסן אין די הענט האָבן די רויט-ארמייער דורכגעשטויסן נחמנען א וועג צום וואַגאָן. די אָפּגעריסענע מאַסע האָט געריסן זיך צו די וואַגאָנען. באַוואָפנטע לייט אין גאַליפע-הויזן און אין גרינע היטעלעך האָבן געטריבן די מענטשן, געיאָגט, געשלאָגן אפילו.

— לאָזט דורכגיין א קאָנוואָי, פאַרשאָלטענע — האָבן די באַוואָפנטע לייט געשריגן און געשטויסן אין דער מאַסע.

ווייבער האָבן געקוויטשעט, קינדער האָבן געוויינט.

— וואוהין שטויסן זיי זיך אַלע אזוי, חברים? — האָט נחמן געפרעגט ביי די באַגלייטער זיינע.

— נאָך ברויט פאָרט מען — האָבן די רויט-אַרמייער גע-ענטפערט.

פונקט אזוי האָט מען אין וואַגאָן, וואָס איז געווען אָנגע-פאַקט מיט מענער, ווייבער, קינדער, פעק, זעק, נישט אויפגעהערט רעדן וועגן עסן. אַלע האָבן גערעדט וועגן ברויט, קאַרטאָפל, הווי-כע פרייזן, שטיין אין רייע, מאַנגל אין קליידער, שיך, און ווידער-אַמאָל וועגן ברויט, ברויט און ברויט. אפילו די רעדער האָבן ווי געקלאַפּט כסדר ברויט, ברויט, ברויט. אָפּגעריסענע קאָנדוקטאָרן האָבן דורכגעשאַרט זיך איבער די וואַגאָנען, געשטעמפּלט בילעטן, אַלע מאָל אויפסניי איבערגעקוקט די פּאַפּירן פון די צוויי רויט-אַר-מייער, וואָס פירן דעם אַרעסטירטן. נחמן האָט נישט געזען קיין שלעכטן געפיל פון די פּאַסאַזשירן צו זיך, דעם אַרעסטאַנט, קיין מורא. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אייגענעם. דאָס אָנגעטריפטע ליכטל אין לאַמטערן האָט אַ טריבן שיין געוואָרפן אויף דער גרויקייט פון דער געדיכטער מאַסע. ווען דער עולם האָט גענומען איינשלאָפן, האָט ער נאָך מער הילפלאָז און עלנד אויסגעזען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געזאָדן, געריסן, געפייפט. אויף איינער אַ סטאַנציע, וואו מען איז לאַנג געשטאַנען, האָט זיך דער צוג אויסגעגלייכט מיט אַ שנעל-צוג פון שלאָף-וואַגאָנען. דורך די לויטערע פענסטער פון קעגנאיבערדיקן וואַגאָן האָט מען געזען פּליושענע בענק, גוט-אָנגעטוענע זאַטע מענטשן, ליכט און גלאַנץ. דורך די פענסטער פון רעסטאָראַן האָט מען געזען מענטשן זיצן ביי די טישן עסנדיק און טרינקענדיק. דינער אין ווייסע קליידער האָבן צוגעטראָגן שפּייזן און געטראַנקען צו די טישן. די מענטשן האָבן גערעדט, געלאַכט. אַ יונג פּאָרל האָט זיך געהאַלטן ביי די הענט, אין די אויגן זיך געקוקט.

— בורזשואַזיע, — האָט איין רויט-אַרמייער אַ ברום געטאָן צום אַנדערן.

— זאָל זיי דער טיוול נעמען — האָט דער אַנדערער געשאָלטן און איינגעוויקלט זיך אין זיין שינעל.

נחמן האָט געפילט די שנאה פון די רויט-אַרמייער צו אָט די לייט פון יענעם וואַגאָן. ער האָט זיי פאַרשטאַנען. פּונקט אַזוי פלעגט ער קוקן מיט שנאה צו די מעכטיקע און גליקלעכע אויף יענער זייט גרעניץ. אַלץ איז געווען דאָס אייגענע, ווי דאָרט. די גרויקייט און עלנד פון די דרימלענדיקע און עיפּושדיקע מענטשן אין צוג איז נאָך שטאַרקער געוואָרן ביים אָפּגלאַנץ פון וואַגאָן קעגנאיבער. דורך די פענסטער האָבן שוואַרצע פעלדער און וועלדער אַריינגעקוקט. אַ רעגנדל האָט געטריפט אין דער נאַכט. זעלטן ווען עס האָט אַ פייערל ערגיץ געבלישצעט. נחמנען האָט אַן אומעט געדריקט, אַ שווערער אומעט. אַזאַ אומעט פלעגט ער דערפילן ווען ער פלעגט האָבן אַ שיינעם חלום אין טורמע, אַ חלום וועגן פרייהייט און ליבע, און פּלוצלונג פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און דערזען די טורמע-ווענט פון זיין קאַמער. די רויט-אַרמייער האָבן געדרימלט, געשאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט פון דער באַן-טרייסלעניש און אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט זיך אומרואיקע, צי דער אַרעסטאַנט זייערער איז נישט אַנטלאָפן.

— פאַרוואָס שלאָפט איר נישט, בירגער? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— עס שלאָפט זיך נישט — האָט נחמן געענטפערט.

ער האָט נישט אויפגעהערט רויכערן די מאַכאָרקע אין צייטונג-פּאַפּיר געוויקלט.

## קאַפּיטל זיבן-און-דרייסיק

עטלעכע טעג צייט האָט חבר דניאל פאַרצייכנט אויפסניי אין זיין קאַלענדאַר, צוצופאָרן צו דעם אַרעסט-הויז, וואו זיין לאַנדס-מאַן חבר נחמן איז געזעסן, כדי זיך צו זען מיט אים און אים באַפרייען, אָבער קיינמאָל האָט ער זיך עפּעס נישט געקענט אויס-קלייבן.

אין דעם קאָמאינטערן, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער אַ סך קאָנפערענצן געהאַט. דערצו האָט ער אויך געשריבן אַרטיקלען פאַר ציַיטונגען און זשורנאַלן אין עטלעכע שפּראַכן, פאַרוואָס מען האָט אים זייער גוט געצאָלט. איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען ער האָט שוין יאָ געוואָלט צופאָרן, האָט מען אים גראַד געבראַכט בילעטן אויף אַ נייער אָפּערע, און חבר דניאל, ווי זיין פרוי, האָט זייער ליב געהאַט מוזיק. חבר דניאל האָט געפילט אַן עול אויף זיינע פּלייצעס, אַן עול ווי פריער, ווען ער האָט יעדן טאָג געטראַכט צו ענטפערן נחמנען אויף זיין בריף און טאָג-טעגלעך עס אָפּגעשלעפּט, פילנדיק די עולה. ענדלעך האָט ער אָפּגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און גענומען אַ דראָשקע, וואָס זאָל אים צופירן צו דער לוביאַנקע.

— עס וועט קאָסטן אַ פינף-און-צוואַנציקער, בירגער — האָט דער דאַרער קוטשער מיטן אויסגעבעטן הינטן געזאָגט פריערדיק — האָבער איז טייער. ברויט איז טייער, אַלץ איז טייער.

— פאָר, פאָר, און קרעכץ נישט, טאַטעלע — האָט חבר דניאל געזאָגט, אַרומדרעקנדיק זיך מיט דעם לעדערנעם צודעק.

ווי יעדער העכערער באַאַמטער, וואָס קומט זיך זעלטן צוזאַמען מיטן פאָלק, האָט ער נישט ליב געהאַט ווען מען האָט אים אָנגעוויינט אַ קאָפּ וועגן יקרות און הונגער אין לאַנד. ער האָט עס נישט געוואָלט הערן, נישט געוואָלט גלויבן. אויפן פוסטן טראָטואַר אויף דער לוביאַנקע, וואו מענטשן מיידן אוים דורכצוגיין, האָט ער מיט רחבות פאַרגעשטעלט זיין קאַרטע פאַר דער וואַך. מען האָט ברייט געעפנט פאַר אים די טירן.

— איר וועט מיר פאַרציַיען, חברים, — האָט ער געזאָגט אַ שמייכלענדער צו די באַוואָפנטע מענטשן אין קאַנצעלאַריע — שוין עטלעכע טעג ווי איך האָב דערהאַלטן אייער מעלדונג וועגן אַרעסטירטן חבר פון אויסלאַנד, אָבער איך האָב מיך אַלץ נישט געקענט אָפּרייסן. קאָנפערענצן בייטאָג און ביינאַכט.

— אָ, מיר פאַרשטייען עס — האָבן די מענטשן געזאָגט — ווי אָקסן זענען מיר, פאַרטיי-מענטשן, באַלאָדן מיט אַרבעט. איבעריגנס איז עס נישט אַזוי שלעכט ביי אונז. עסן און וואוינונג פריי. חבר דניאל האָט געלאַכט איבער דעם וויץ פון די חברים אין

קאנצעלאַריע און אראָפּגענומען דאָס פוטער פון זיך. ביז מען האָט נעבראַכט דעם ארעסטירטן, האָט ער דערווייל פארויכערט א פּאַ-פּיראָס און מכבד געווען די מענטשן מיט פּאַפּיראָסן. די פּאַפּיראָסן זענען געווען פון בעסטן סאָרט, „טראָיקאַ", און די מענטשן אין קאנצעלאַריע האָבן זיי געראויכערט מיט הנאה, געלויבט זייער גוטן געשמאַק.

— יאָ, א גוטער פּאַפּיראָס, חברים. מיר האָבן זיך גאָרנישט צו שעמען מיט זיי קעגן די בעסטע אויסלענדישע ציגאַרעטן — האָט חבר דניאל געזאָגט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערפילט א שלעכטן ריח, וואָס האָט פארשלאָגן דעם אַפּעטיט פון גוטן רויך. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן.

— אָט דאָס זענט איר, חבר נחמן פון וואַרשע? — האָט ער געפרעגט אין רוסיש, באַקוקנדיק דעם פרעמדן פון קאָפּ ביז די פיס — איך וואָלט אייך קיינמאָל נישט דערקענט, חבר.

— איך אייך אויך נישט, חבר דניאל — האָט נחמן געענט-פערט אין זיין וואַרשעווער אידיש, ווי ער איז געוואוינט געווען אמאָל צו רעדן צו זיין רבין.

כאָטש עס זענען בלויז א ניין יאָר פאַראיבער זינט זיי האָבן זיך נישט געזען, פון לעמפּיצקיס ארעסטן אָן, האָבן די צוויי מענטשן פון יענער זייט גרעניץ געוואַלדיק זיך געענדערט פאַר דער צייט. נחמן איז געווען פארעלטערט און געבויגן. די שטענדיק גרויסע שוואַרצע אויגן זענען געווען טונקעלער און גרעסער, ארויסקוקנדיק פון אויסגעצערטן בלאַסן און קנאָכיקן פּנים. א געדיכטע ווילדע באָרד, פון חדשים נישט גאָלן זיך, האָט באַדעקט זיין פּנים פון די גריביקע באַקן ביזן קנאָפּיקן האלז. פון די צעקנייטשטע קליידער זיינע, פון קויטיקן העמד, פון גאַנצן גוף דעם פארלאָזטן און אומ-געוואַשענעם, האָט געאָטעמט מיט ריחות פון שימל, זויער ברויט און מייז. חבר דניאל האָט געדיכטן רויך געלאָזט פון פּאַפּיראָס, כדי צו פארווישן דעם שלעכטן גערוך, און פאָרזיכטיק געהאַלטן נחמנס האַנט פון ווייטנס, א שוץ יענעם זאָל נישט אמאָל איינפאַלן ארויפצופאַלן אויף אים און צעקושן זיך.

פּונקט אזוי האָט נחמן שווער דערקענט חבר דניאל, וועמעס

רעדעם ער פלעגט אזוי גיריג שלינגען אין די אַרבעטער-קלובן, ווע-מען ער פלעגט נאָכגיין טריט ביי טריט איבער די גאסן. פון רע-וואָלוציאָנערן שווארצן בערדל זיינעם און די לאָקן, מיט וועלכע ער פלעגט אזוי פארכאפן די צוהערער, איז קיין שפּור נישט געווען. חבר דניאלס באקן זענען געווען איצט גלאט ראזירט. דער קאָפּ זיינער איז געווען דין געשוירן, בלויז מיט א הארט בערשטעלע שטייענדיקע האָר פון פאָרנט, ווי ביי עפּעס א מיליטער-מענטש. פונקט אזוי האָט זיין האלז מער נישט אַרומגענומען קיין צעקנעפּל-טער ווייכער קאָלנער פון א שווארצער אַרבעטער-בלוזע, ווי אין אַרבעטער-קלוב אויף די פארזאמלונגען, נאָר א געפּרעסטער קראגן, א ווייסער און אַן ענגער, וואָס מאכט דאָס פּנים פולער ווי עס איז. דער קאָסטיום זיינער איז געווען שטייף, פארקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך און פּינקטלעך אויסגעפּרעסט, מיט א קנייטש אין סאמע מיטן פון די הויזן. זיין אמאָליקער שלאנקער קערפּער איז געווען פול, ברייט-פּאנאנדערגעוואקסן. אַרום דער טאַליע האָט זיך דאָס רעקל לייכט געבערגלט, א סימן אויף א בייכל.

— איך האָב אייך געשריבן בריוו, חבר דניאל, — האָט נחמן געזאָגט — עטלעכע בריוו. איר האָט מיר נישט געענטפערט.

חבר דניאל האָט זיך געפילט געטראָפן. א ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט, געזוכט א תירוץ זיך גערעכט צו מאכן. באלד האָט ער זיך געכאפּט, אז דאָס בעסטע ווען מען ווערט אָנגעגריפן, איז אָנצוגרייפן יענעם. איבעריגנס, האָט אים נישט געפּאסט פאר די חברים פון דער לוביאַנקע אַרויסצואווייזן ווייכקייט, און אָנשטאָט פאַרענטפערן זיך, האָט ער גאָר גענומען בייזערן זיך אויף זיין לאַנדסמאַן, און ווידער אין רוסיש.

— נאָך וואָס זענט איר געקומען אין סאָוועטן פאַרבאַנד ? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— איך בין געזעסן ניין יאָר אין טורמע — האָט נחמן גע-ענטפערט שוין אין רוסיש אויך.

— איר זענט נישט געווען דער איינציקער דאָרט — איז חבר דניאל נישט נתפּעל געוואָרן.

— מ'האָט מיך געשלאָגן. די לונגען אונטערגעהאַקט, — האָט

נחמן מיט הארץ גערעדט. — איר ווייסט גאָרנישט, וואס איך בין דאָרט אויסגעשטאַנען.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן אַלץ, — האָט חבר דניאל געזאָגט, — מיר האָבן באַריכטן פון אַלעם. אבער דאָס איז נישט קיין באַרעכ־טיקונג צו דעזערטירן פון שלאַכט־פעלד.

נחמן האָט געקראָגן רויטע פלעקן אין זיין אויסגעצערט בלאַס פּנים.

— חבר דניאל, איך בין נישט קיין דעזערטיר, — האָט ער גע־זאָגט א ציטערנדיקער, — אַן אינוואַליד בין איך. איך האָב נישט געקענט מער לעבן דאָרט. איך האָב געוואָלט אביסל רו נאָך אַזוי פיל צרות. לעבן אין סאָוויעטן־לאַנד.

חבר דניאל האָט פאַרויכערט א נייעם פּאַפּיראָס אין אויסגע־ברענטן.

— אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז די ארבעט שוין אָפּגעטאָן — האָט ער מיט גאוה געזאָגט — מיר האבן אונזערס געטאָן. איר דאַרפט ארבעטן דאָרט.

נחמן האָט א קוק געטאָן אויף חבר דניאל, אַזא קוק געטאָן מיט זיינע שווארצע גרויסע אויגן פון קנאָכיקן פּנים ארויס, אז חבר דניאל האָט זיך אַזש א באַוועג געטאָן.

— גוט, — האָט ער געזאָגט — איך פאַרלאַנג פון אייך גאָר־נישט, גאָרנישט... זאָל זיין מיט מיר, וואס ס'וויל.

חבר דניאל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איר זענט א היציקער, חבר נחמן — האָט ער געזאָגט און אים א קלאַפּ געטאָן פּאַטערלעך איבערן שפּיציקן אַקסל — אַן אומגעדולדיקער.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי איר וואָלט געווען אויף מיין אָרט — האָט נחמן געמורמלט. — חדשים ווי איך וואַלגער מיך אין טורמע זינט איך בין אריבערגעקומען... אין הונגער, אין שמוץ... פאַר א שפּיאָן האָט מען מיך אָנגענומען... מיך א שפּיאָן...

חבר דניאל האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין קרום וואָרט אויף די חברים פון טשעקא. אַזוי דאַרף זיין, ווען מען קומט אַריבער פון יענער זייט אָן פאַרבינדונגען פון דער פּאַרטיי. געגנוג שפּיאָנען

און פראָוואָקאַטאָרן גנבענען זיך אריין אין סאָוועטן-לאנד אונ-טער דער מאַסקע פון פּארטיי-מענטשן. דאָך וועט ער גאַראַנטירן פאר אים, נחמנען. גלייך וועט ער זיך אונטערשרייבן פאר אים און זען מען זאָל אים ארויסלאָזן. ער וועט אויך באַמיען זיך קריגן פאר אים ארבעט. אבי נישט אראָפּלאָזן די נאָז. נישט קאָכן זיך. אין סאָוועטן-פארבאנד קען מען קיינעם נישט איבעראשן מיט קרבנות, מיט הארטן קאמף... אלע ווייסן עס... מיר האָבן עס אויף אונזער פעל געפילט.

— ווי מיינט איר, חברים? — האָט חבר דניאל געפרעגט ביי די באוואפנטע ליט פון דער קאנצעלאריע

— א, האָ, חבר — האָבן די מענטשן געזאָגט.

חבר דניאל האָט אָנגעטאָן דאָס פוטער.

— צייט צו גיין — האָט ער געזאָגט — איך האָב נאָך היינט קאָנפערענצן, מיטינגען, א וועלט מיט ארבעט. מאָרגן וועל איך צושיקן א חבר נאָך אייך, חבר נחמן, וועט ער אייך שוין באַזאָרגן. אויף ווידערזען, און נישט אראָפּלאָזן די נאָז... פרייליך דארף מען ביי אונז זיין. מוטיק!

חבר דניאל האָט א הויב געטאָן מיטן קאָפּ צו ווייזן ווי מוטיק מען דארף זיין, און ארויס. נחמן איז צוריק אריין איבערנעכטיקן אין קאמער ביז אלע פּאַפּירן וועלן ווערן דורכגעפירט. די מענטשן אין קאנצעלאריע האָבן אים מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן.

צומאָרגנס איז א צעשויבערט מיידל אין א לעדערן רעקל גע-קומען און אויסגעשטרעקט נחמנען א ווארים הענטל.

— מיך האָט געשיקט צו אייך חבר דניאל — האָט זי גיך גע-רעדט אין פויליש — איר וועט גיין מיט מיר צום „מאָפּר“ אויף ווארענטצעווע פאליע. געלט אויף א דראָשקע האָט איר?

נחמן האָט אויסגעלייגט פאר איר די געציילטע עטלעכע צע-קנייטשטע רובלס, וואס ער האָט געהאט. דאָס מיידל האָט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט א דריבנע פרייליך געלעכטערל.

— דערמיט ווילט איר פארן? — האָט זי זיך געקאַטשעט פאר געלעכטער — מירן שוין נעמען א טראמוואי.

אין געדיכטן טראמוואי, הענגנדיק מיט א האנט ביים רימען,

האַט דאָס מיידל נישט אויפגעהערט אויספרעגן זיך וועגן וואַרשע. זי האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי דער פּאַרק „לאַזשענקעס" זעט אויס, וועלכע אַקטיאָרן עס שפּילן אין די טעאַטערס, וועלכע טענ־צערינס עס טאַנצן אין באַלעט. נחמן האָט שטאַרק חשק געהאַט צו פרעגן זיך וועגן אַ באָד, אָבער ער האָט זיך געשעמט. ביי זיין גאַנץ שווער לעבן איז ער נאָך אַלץ געווען אַ שעמעוודיקער. די בושה איז אים געלעגן אין די ביינער.

פאַרן „מאָפּר", דעם הויז פון פּאָליטישע עמיגראַנטן, האָבן צוויי רויט־אַרמייער לאַנג דורכגעזוכט זיינע פּאַפּירן, ביז זיי האָבן געעפנט פאַר אים דאָס אייזערנע טירל אין דער הויכער צוים פאַרן הויז. דער קאָמענדאַנט פון הויז האָט אים אויפגענומען אַ פאַרכמורעטער.

— מען שיקט און מען שיקט — האָט ער געברומט — און וואו צו לייגן עמיצן איז נישטאָ. פאַרוואָס מאַכט איר בעסער נישט ביי זיך אין דער היים די רעוואָלוציע?

נחמן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. צום וויפילטן מאָל האָט ער געהערט די אייגענע טענה.

## קאַפּיטל אַכט־און־דרייסיק

דער גרויסער רויטער פּלאַץ אין מאָסקווע לענגאויס דער שטיי־נערנער גרין־מאַכיקער קרעמל־וואַנט איז געפּאַקט.

אַ וואַלד מיט רויטע פאָנען פלאַטערט אין דער קאַלטער לופט פון סוף אָקטאָבער, וואָס לויט דער נייער צייט־רעכענונג איז עס שוין דער אָנהויב נאָוועמבער. לעניניס מאַוזאָלעי, די קברים פון די רעוואָלוציאָנערן ביי דער וואַנט, דער דענקמאָל פון מינין און פּאַזשאַרסקי, די ריזיקע טריבונעס, וואָס זענען אויפגעשטעלט אויפן פּלאַץ, זענען איינגעהילט אין רויטן. די הויכע אויסגע־שטרעקטע קירכן־שפּיצן פון קרעמל אַרויס, די קופּאָלן פון קאַ־טעדראַל אויפן נאָמען פון הייליקן וואַסיל שטייען פאַריתומטע אין וואַלד פון רויטס. אויף די יוסטע מויערן פון די „טאַרגאַווע

ריאדי״, וואס די רייכע רוסישע סוחרים האָבן אמאָל אויסגעבויט פאר זייערע געשעפטן קעגנאיבער דעם קרעמל, העננען ריזיקע רוי־טע לייוועגדן, באשריבענע מיט גאָלדענע ווערטער. אין אַלע שפראַכן פון דער וועלט כוואַליעט דער גאָלד־באשריבענער לאָזונג: פראָלעטאריער פון אַלע לענדער פאראייניקט אייך. צווישן די פאָר־טרעטן פון די בערדיקע מארקס און ענגעלס און דעם אָנהאָריקן לענין, איז תמיד דאָ דער וואָנסנדיקער פירער. ער איז אין בראָנז און אין מארמאָר, אין שטיין און אין גיפּס, אין האָלץ און אין בלייי, פאָטאָגראפירט און געמאָלט, געצייכנט און געקריצט, אין אַלע פאָזעס, אין אַלע פאָרמען, פון די גרעסטע, הייזער־הויך, ביז די קלענסטע, אויף די זשעטאָנען אין לאַצן פון קליידער.

אויף דער הויפּט טריבונע, אין מיט פּלאַץ, זענען פארזאמלט פאָרשטייער פון דער גאנצער וועלט, פון אַלע קאָנטינענטן און לענדער, וואס זענען געקומען בייוואוינען דעם יום־טוב פון דער רעוואָלוציע. אנגלאָ־זאקסן, גערמאנער, סלאַוון, מאָנגאָלן, סע־מיטן, ראָמאַנער, נעגער, שווארצע, בלאָנדע, גלאַט־האָריקע, גע־קרייזלטע, לאַנג־קעפּיקע, רונד־באַקיקע, געל־הויטיקע, ברוינע, האלב־שווארצע, גאַנץ־שווארצע, פארטרעטער פון אַלע ראַסן, פעל־קער און לשונות פון ערד־קיילעך. פון פארבאנד פון די סאָווע־טישע רעפּובליקן, פון אַלע געגנדן און ערטער זענען זיך אָנגע־פאָרן פעלקער אַלערליי. אוקראַינער, ווייס־רוסן, אידן, פּאָליאַקן, דייטשן, גרוזינער, קירגיזן, טאָטערן, אַרמענער, טשואוואַשן, סארטן, טשעטשענצעס, ציגיינער, קאַרעער, כינעזער, אין אַלערליי קליידער און טראַכטן, מענער און ווייבער, אַרבעטער און פויערן, באַאַמטע און מיליטער־לייט שטייען ווי א פארביקער בוקעט פון דער גרויסער רוסישער ערד אויפן ברייטן רויטן פּלאַץ.

אין צילינדערס און אין גאַלאַ־קליידער זיצן די דיפּלאָמאטישע פאָרשטייער פון דער וועלט, די פארטרעטער פון די בורזשואזע לענדער אין איינציקן לאַנד פון דער פּראָלעטארישער וועלט, זיי, זייערע אויסגעפּוצטע ווייבער און סעקרעטאָרן. זייערע מיליטערישע אַטאַשעס טראָגן די אוניפאָרמען פון זייערע לענדער, פון יעדער ראַנג און הויך.

לענגאוים דעם גרויסן פּלאַץ, פון אַלע זייטן, מאַרשירן פאַרביי אַרבעטער, טויזנטער, צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, מיט זייערע פאָנען און אויפשריפטן. עס נעמט גאָר קיין סוף ניט צו די מאַרשירער. מיט פלאַטערנדע רויטע פענער, מיט גרויסע אויפשריפטן, אַז זיי וועלן אָניאָגן און איבעריאָגן די בורזשואַזע אינדוסטריעלע לענדער, מיט פאַרשפּרעכונגען און שבועות צו דעם וואָנסענדיקן פירער אויף דער טריבונע, גייען זיי אין אָנצאָליקע רייען איבער דעם גרויסן רויטן פּלאַץ פאַרן קרעמל. פאַר זיי מאַר־שירט דאָס מיליטער, די רויטע אַרמיי, וואָס דאַרף באַשיצן די גרע־ניצן פון לאַנד. מיט לאַנגע שינעלן, מיט שפּיציקע היטלען, מיט רויטע שטערן באַצירט, פוס־גייער, רייטער, אַרטילעריסטן, מאַשין־געווער שיסער, טאַנקן־פירער, אַלע גייען זיי פאַרביי אין מיליטע־רישער דיסציפּלין. די באַיאָנעטן גלאַנצן אין דער קאַלטער לופט. די זעלנערישע שטיוול קלאַפּן מיט כוח און גבורה. די שפּיצן פון די היטלען שטעכן דעם הימל. מאַטראָסן מיט דעקאָלטירטע ברוסטן און פאַריסענע קעפּ ציהען נאָך זיי. איינגעהילטע אין רוי־טע בענדער, די רעדער פאַרפּוצט מיט גרינע נאָדל־צווייגן, גייען פאַרביי די גרויסע האַרמאַטן פון דער שווערער אַרטילעריע. די שוואַרצע פּיסקעס קוקן דראָענדיק און גרייט. די טאַנקן צעטריים־לען דעם שטיינערנעם ברוק. איבער די קעפּ פליען און רוישן די שטאָלענע פויגל, עראָפּלאַנען פון יעדער פאָרם און גרויס. אַלער־ליי געשיקטקייטן ווייזן זיי, די שטאָלענע פויגל, אין דער קאַלטער מאָסקווער לופט. די מיליטערישע אַטאַשעס פאַרייסן די אויגן צו זיי.

— זאָל זיין באַגריסט די רויטע אַרמיי, די באַשיצערן פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד! — יובלען די מאַסן.

עס מאַרשירן אויך פאַרביי קינדער, אָן א שיעור קינדער, מיט זייערע באַגלייטער, קאָמסאָמאָלן, אין מיליטערישער אָרדנונג, ספּאָרט־לייט, מוסקולירטע מענער מיט נאַקעטע הענט און פיס, מיידלעך אין ווייסן מיט אַרויסגעשטעלטע ברוסטן. עס מאַרשירט פאַרביי אַלץ וואָס בויט און פאַרטיידיקט דאָס לאַנד פון די סאָ־וועטן, דאָס איינציקע לאַנד פון די אַרבעטנדיקע אין דער וועלט.

צווישן די הונדערטער טויזנטער מאַרשירנדע פּראָלעטאַריער גייט אויך נחמן בעקער פון וואַרשע, מאַרשירט פאַרביי דעם גרויסן רויטן-פּלאַץ. אָן אָפּגעשוואַשענער נאָך די שווערע טעג פון זיצן, אָן אָפּראַזירטער, אין מלבושים, וואָס ער האָט אויסגערייניקט און אויסגעפּוצט לכבוד דעם יום-טוב, גייט ער צוזאַמען מיט די פּאָלי- טישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייערע לענדער צום לאַנד פון די סאָוויעטן. פון אַלערליי לענדער און געגנטן זענען זיי — אונגאַרן, כינעזער, רומענער, טשעכן, דייטשן, עסטרייכער, פינען, לעטלענדער, ליטווינער, פּאָליאַקן, מענער און ווייבער, יונגע און אַלטע.

די רוסישע אַרבעטער באַגריסן זיי:

— זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע! ערע די קעמפער און מאַרטירער!

די עמיגראַנטן זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, יעדער אין זיין שפּראַך, אָבער די זעלבע ווערטער מיט דער זעלבער מעלאָדיע. נחמן זינגט מיט אַלע כוחות.

ער געדענקט נישט מער איצט נישט די שלעכטע גרעניץ, נישט דעם קעלער נומער איינס פון מינסקער טשעקאַ, נישט דעם הונגער און שמוץ, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. זיין בלוט זינגט אין אים. ער קוקט מיט ברייט-געעפנטע שוואַרצע אויגן אַרום זיך, אויף די מאַסן, אויף דעם וואַלד מיט פענער, אויף די טויזנטער אויפשריפטן, אויף די פּאָרטרעטן פון די פירער, אויף דעם גאַנצן פאַרביקן גע- זעמל אַרום זיך, און ער גלייבט נישט זיינע אויגן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן ווי ער מאַרשירט מיט דער רויטער פאָן אָן מורא, אָן לויפן און פאַלן, ווי אין וואַרשע אויפן טעאַטער-פּלאַץ. ער ווייסט, אַז פּונקט אַזוי מאַרשירן איצט אַלע איינוואוינער פון גרויסן רוסלאַנד, אַלע איינוואוינער פון זעקסטל טייל פון דער וועלט. אָפן און פריי איז דער אַרבעטער יום-טוב פון די הונדערט און זיבעציק מיליאָן בירגער פון רויטן לאַנד. די באַאַנטע און האַרמאַטן, וואָס האָבן תמיד אָנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד, אַ שנאה, קוקן איצט אויף אים פריינטלעך, ווי אויגן פון אַ מאַמען. אָט גייען זיי, די מאַרשירער פון דער וועלט-באַפרייאונג. זייערע טריט קלאַפּן מיט

כוח איבער די שטיינער פון רויטן-פלאַץ, א ווארנונג דער וועלט, אַז זיי וואַכן. דאָס שטאָל פון זייערע באַיאָנעטן דראָט. איבער די קעפ פליען די באַשיצער אין זייערע עראָפּלאַנען. אפילו די פּאָר-שטייער פון די פיינטלעכע לענדער האָבן זיך געמוזט פארזאמלען, אָנקוקן און באוואונדערן די מאכט פון די, וואָס האָבן די קייטן פון זיך אראָפּגעוואָרפן. אָט זיצן זיי, די אויסגעפוצטע און יום-טובדיקע דיפּלאָמאַטן. אָט איז דער פּוילישער פאָרשטייער און זיין אטאַשע אין מונדיר פון א קאפּיטאַן.

נחמן האָט העכער געהויבן די פאָן פארבייגייענדיק אָט די שותפים פון סלופּעקן, די פייניקער פון זיינע חברים אין זיין גע-בורטס-לאנד. ווי וואָלט ער מיט פארגעניגן אויסגערופן צו זיי זיין האַס, זיין קלאסן-האַס, אויף דער פרייער פּראָלעטארישער ערד! מיט א העכער קול האָט ער געזונגען אין פּויליש די ווערטער פון אינטערנאַציאָנאַל, זיי זאָלן אים דערהערן.

עס איז ווערט געווען זיין ארבעט, האָט נחמן געפילט, מאַר-שירנדיק איבער דעם רויטן פּלאַץ ארום דער גרין-מאָכיקער וואַנט פון קרעמל. עס איז ווערט געווען זיין נישט-דערשלאָפן די נעכט, זיין אַגיטירן און רייסן זיך, אפילו זיינע פּיין אין סלופּעקס האָ-טעל, די פילע יאָרן געפענגניש, אבי דאָס צו דערלעבן.

ניין, נישט קיין פּוסטע רייד זענען געווען די שלעכט-געדרוקטע ביכלעך און בראָשורן, וואָס האָבן אים דערציילט וועגן זיג פון די ארבעטנדיקע, וואָס מוז קומען אויף דער וועלט. נישט קיין הוילע פאַנטאַזיע איז געווען זיין גלויבן אין דער זאַך. מען האָט גע-לאַכט פון אים, די בעקערס אין די בעקערייען, חברים, פריינט, זיין שוועסטער, אפילו חנהקע זיין ווייב. זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל זיך ארויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ, ווערן א מענטש מיט מענטשן גלייך, האָבן זיך אין זינען. ווי לעכערלעך דאָס איז, ווי אומזיניק, אויסצובייטן די גרויסע זאַך אויף א פּאָר בעטן, טעפּ, שיסלען און א גראַמאַפאָן. הלואי וואָלטן אלע ארבעטנדיקע דאָס פאַרשטאַנען, געזען דאָס גרויסע, די באַפרייאונג פון זייער קלאַס, אנשטאָט אריינצוטאָן די קעפּ אין נארישקייטן, אין באַקוועמלעכ-קייט און באַלעבאַטישקייט, וואָלט שוין די וועלט געווען אויסגע-

לייזט. עס וואָלט מער נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר באַלעבאַטים, בלוט-זויגער, פּאָליציי-לייט, סלופּעקס און אַנדערע אויסוואורפן פון באַזיצענדן קלאַס.

שוין איז אַ זעקסטל טייל פון דער וועלט רויט, ווייל די אַר-בעטנדיקע האָבן געוואָגט. מיט פייער און בלוט האָבן זיי אָפּגע-ווישט די אַלטע מיאוסע אָרדנונג, איבערגענומען די ערד און פאַב-ריקן, הייזער און גיטער. איצט פייערן זיי זייער יום-טוב, דעם יום-טוב פון דער רעוואָלוציע. די רויטע פאָן, וואָס פון יענער זייט גרעניץ מוז מען זיך מיט איר אויסבאַהאַלטן, וואָס פאַר טראָגן זי ווערט מען געפּייניקט און אין תפיסה איינגעזעצט, ווערט דאָ גע-טראָגן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. דער האַמער און סערפּ, דער סימבאָל פון אַרבעט, שרייט אַראָפּ פון אומעטום. די סאָלדאַטן און פּאָליציי, וואָס אומעטום זענען זיי די דינער פון די הערשנדע, די שרעק פון די אַרבעטנדיקע, זענען דאָ די באַשיצער און פריינט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. אָט גייען זיי מיט רויטע שטערנס אין זייערע שפּיציקע היטלען. די שווערדן און באַיאָנעטן זענען נישט געשאַרפט קעגן די מאַסן, נאָר קעגן די שונאים פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער וועלט, וואָס ווילן דערדריקן דאָס איינציקע לאַנד פון די אַרבעטנדיקע. דער רויטער פּלאַץ אין מאָסקווע ביים קרעמל, וואָס איז הונדערטער יאָרן געווען דאָס אָרט פון צאַרן און זייערע דינער, די שרעק פון די מאַסן, איז איצט דער זאַמלפּונקט פון די באַפרייטע שקלאַפן. אנשטאָט יויזלעך און הייליקע פאָנען, ווערן געטראָגן רויטע פאָנען מיטן האַמער און סערפּ, די בילדער פון מאַרקס און ענגעלס און די אַנדערע פירער פון דעם אַרבעטער-קלאַס. ער, נחמן, בעקער פון וואַרשע, דער נידעריקער פון די ני-דעריקסטע שטענדיק, מאַרשירט איצט אויף אָט דעם פּלאַץ און רופט אויס פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע פאַרזאַמלטע געסט און דיפּלאָמאַטן, צייטונגס-פאַרשטייער און מיליטערישע באָאָבאַכ-טער, זיין רעוואָלוציאָנעריש ליד.

קוואַלן פון פרייד, פון באַגייסטערונג האָבן געראַוישט אין זיין בלוט. די פיס זיינע, אָפּגעשוואַכטע פון רומאַטיזם, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין די שטיינערנע קאַלטע און פייכטע תפיסה-קאַ-

מערן, זענען געווען לייכט, גרינג, ווי ביי אַ אינגל. זיי זענען נישט מיד געוואָרן צו גיין אַזוי שעהען לאַנג. אייביקייטן וואָלטן זיי אַזוי געגאַנגען. פּונקט אַזוי וואָלטן זיינע אָנגערירטע לונגען נישט מיד געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע אויסרופן, פון כסדרדיקן זינגען דאָס ליד פון דער רעוואָלוציע.

פון דער הויכער טריבונע, באַצירט אין רויטן, האָט דער פּי-רער פון דער רעוואָלוציע גערעדט. נחמן האָט אים אַליין נישט געקענט זען, אָבער ער האָט געהערט זיין שטים, וואָס ראַדיאָס און הילכערס האָבן צעטראָגן איבער דעם גרויסן רויטן פּלאַץ, איבער גאַנץ רוסלאַנד, איבערן גאַנצן ערד-קוגל. ווי אַ דורשטיקער טרינקט גיריק וואַסער, האָט נחמן געשלונגען יעדער וואָרט זיינס, וואָס האָט גערופן צו בויען, יאָגן און אָניאָגן. די ריזיקע מאַסע האָט גע-יובעלט דעם פירער. נחמן האָט אריינגעשריגן זיין התפעלות אין דעם רווישיקן געבריל. דער פירער פון דער אַרמיי איז אַרויסגע-טראָטן. קורץ, שאַרף און מיליטעריש האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם פאַרביי-מאַרשירנדן מיליטער, וואָס איז גרייט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט צו פאַרטיידיקן די ערד פון באַפרייטן רוסלאַנד קעגן די שונאים, וואָס ווילן עס פאַרניכטן. די דיפּלאָמאַטן אין זייערע ער-טער האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן. די אויסלענדישע קאָרעס-פּאָנדענטן האָבן גיך פאַרצייכנט די רייד פון מיליטערישן פירער, כדי זיי פאַנאַנדערצושיקן איבער אַלע עקן וועלט, צום פרייד פון די אַרבעטנדיקע און צו דער שרעק פון די באַזיצנדע. ווידער האָט די מאַסע געיובלט און ווידער האָט נחמן אַריינגעשריגן זיין פרייד און דעם געבריל פון די הונדערטער טויזנטער קולות.

די פרייד האָט אים צום האַלז צוגעשלאָגן, ווי אַ קנויל. אין קאָפּ האָט אים געהויבן זיך, טרערן האָבן צוגעפּליעסט צו זיינע אויגן. וויפיל ער האָט זיי נישט געוואָלט איינהאַלטן, האָט ער נישט געקענט. זיי האָבן אַרויסגעפּלאָסן, די טרערן פון פרייד, דורך די אויגן-לעדלעך זיך דורכגעשפּאַרט. ער האָט זיי געלאָזט פליסן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געפילט אמת גליק, גליק, פאַר וועלכן עס זענען כדאי געווען אַלע ליידן און פּיין.

די מיליטערישע קאפעלן האָבן גאָרנישט אויפגעהערט צו שפּילן דעם אינטערנאַציאָנאַל צום טאַקט פון די מאַרשירער.

## קאַפּיטל ניין-און-דרייסיק

די מעכאַנישע בעקעריי „רויטער שטערן" ציטערט פון באַוועגונג.

אין מאַגאַזין פון פערטן שטאָק, וואו דאָס מעל ליגט, שלעפּן פאַרמעליקטע ארבעטער זעק מעל און שיטן זיי אויס דורך די ריזיקע אָפענע פּיסקעס אַראָפּ צו די קנעטערייען אויפן דריטן שטאָק. אַרבעטאָרנס שטופּן אָן דאָס פּאַרטיקע טייג, וואָס איז מעכאַניש פאַרקנאָטן, אין אייזערנע וועגעלעך אויף צוויי רעדלעך, ליידיקן עס אויס אין אָפענע מיילער, וואָס שטעקן ארויס פון שטיינערנעם באָדן, און לאָזן עס אַראָפּ צו די קאָלאָסאַלע אויוונס אויפן צווייטן שטאָק. ווייבער מיט שמאַטעס אין די הענט כאַפּן גיך אויף די אויסגעבאַקענע ברויטן, וואַרפן זיי אין אייזערנע וועגעלעך און לאָזן זיי אַראָפּ צו די קילערייען אויפן ערשטן שטאָק. דאָ ווערן זיי געצייכנט, געשטעמפּלט, געציילט און אַראָפּגעלאָזט צו דעם ריזיקן מאַגאַזין, וואו עס וואַרטן די משא-אַטאָמאָבילן, וואָס צעפירן זיי איבער די קאָאָפּעראַטיוון און מאַגאַזינען פון דער גרויסער שטאָט.

אויפן גרויסן הויף געפינען זיך די וואַרשטאַטן. די סטאָלעריי, וואו מען ארבעט אויס קאַסטנס, אַנדערע היליץ-ארבעט, די מאַשינעריי, וואו מען פאַריכט מאַשינען, די נייערייען, וואו מען פאַריכט זעק, די רעזערוואוּאַרן, וואו מען האַלט דעם אויל און די קוילן. אין אַ זייט זענען די קאַנצעלאַריעס, די ארבעטער-קיך, די פלעגעריי פאַר קינדער, אַלע אַנדערע איסטיטוציעס פון דער גרויסער פאַבריק. די בעקעריי איז באַוואַכט פון צוויי רויט-אַרמייער ביים טויער, וואָס לאָזט קיינעם נישט אריין און ארויס סיידן מען האָט אַ פאַבריק-קאַרטע, אַז מען איז באַשעפטיקט אין „רויטער שטערן". די פאַבריק איז אַן אַמעריקאַנישע, אוועקגעשטעלט דורך אַן אַמעריקאַנער אינזשעניר מיט אַמעריקאַנער מאַשינען. דער סי-

סטעם איז א קאנווייער, וואס אין מאָסקווע רופט מען אים לענטע־סיסטעם. די ארבעטער אין פאבריק רופן אים אויף זייער שטייגער „טיוול סיסטעם“. אנדערע רופן אים „ווײדעל־סיסטעם“, ווייל די ארבעטער שטייען לענג־אויס איינער נאָכן אנדערן, געדרייט ווי א הינטישער עק. איינער יאָגט דעם צווייטן אונטער, לאָזט נישט אָפּ אויף קיין רגע, אַנישט בלייבט די ארבעט שטיין.

איינער פון די ארבעטער אין „רויטער שטערן“ איז נחמן, בע־קער פון ווארשע.

דורך דער רעקאָמענדאציע פון חבר דניאל האָט ער געקראָגן א דערלויבעניש צו בלייבן אין לאנד, און אָרט צו ארבעטן אין דער גרויסער ברויט־פאבריק „רויטער־שטערן“, און וויכטיקער פון אלץ, די פּארטיי האָט אנערקענט נחמנס פארטיי־אנגעהעריקייט פון יע־נער זייט גרעניץ און אים ארויסגעגעבן א פּארטיי־בילעט, אריינ־רעכענענדיק אים דעם סטאַזש פון ערשטן טאָג אָן, וואס ער האָט, צוזאמען מיט חבר דניאל, אנגעשלאָסן זיך אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פוילן.

די פאבריק ארבעט א גאנצן מעת־לעת, אין עטלעכע שיכטן. זי שטעלט זיך קיינמאל נישט אָפּ. די הויפּט־שטאָט וואקסט, מיט יעדן טאָג קומען צו אלץ מער נייע פאבריקן, נייע ארבעטער. מען דארף א סך ברויט אויסבאקן. אויף די ווענט הענגען גרויסע אויפ־שריפטן, אז מיט שלאגלערישן טעמפּא וועלן מיר אָניאָגן דעם פינף יאָר פּלאן אין פיר יאָר. הינטער זיי רויטלען זיך ריזיקע ציפערן, וואָס זענען אָן אָפּלייקענונג צו אלע געזעצן פון אריטמעטיק, וואס מען לערנט די ארבעטער אויף די אָוונט־קורסן. 2 × 2 — 5 איז אָנגעשריבן. מיט קלענערע ווערטער איז צוגעגעבן — מירן יאָגן און איבעריאָגן די קאפּיטאליסטישע לענדער.

נחמן הויבט זיך אויף פארטאָג, צוזאמען מיט אלע ארבעטער פון דער פאבריק. ער וואוינט אין א קאזארמע, א גרויסער און א הינטערשטאָטישער, אין וועלכער ס'האָבן פאר דער מלחמה סאָלדאטן געוואוינט און איצט האלטן זיך דאָרט ארבעטער אויף, בחורים און אויך פאמיליעס, וואס זענען פון אנדערע ערטער אָנגעקומען און האָבן זיך ניט וואו אהינצוטאָן אין דער גרויסער געדיכטער הויפּט־

שטאָט. אַ סך פון זיי זענען די אַרבעטער פון דער גרויסער מעכאַ-נישער בעקעריי „רויטער שטערן", דער נייער ברויט-פאַבריק.

אויף די גרויע אָפּגעשיילטע ווענט, באַקלעפּטע מיט פּלאַקאַטן, הענגט אַ גרויסער לאָזונג, אַז אין קאָלעקטיוויזם איז די צוקונפט פון די אַרבעטער. פונדעסטוועגן צוימען זיך די איינוואוינער פון דער קאַזאַרמע אָפּ איינער פון אַנדערן. מען פאַרשטעלט יעדער זיין ווינקעלע מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך, מיט ווענטלעך און ברעטער, מיט שטיקער קאַסטן, מיט טאַוול, מיט ראָגאָזשע, מיט אַלטע שמאַ-טעס און קליידלעך, אַפילו מיט צייטונג-פּאַפּיר. אַפילו די בחורים, וואָס האָבן זייערע בעטלעך אין דער הויך איבער די אונטערשטע בעטן פון די פאַמיליען-מענטשן, טיילן זיך אויך אָפּ איינער פון אַנדערן. מען פאַרציט שטריקלעך אַרום יעדער בעטל און מען פאַר-הענגט עס מיט וואָס עס לאָזט זיך.

נחמן האָט זיין געלעגער אין דער הויך, אויף דער אויבערשטער רייע פון דער קאַזאַרמע. זיין שכן איז אַפּאַנאַסיעוו, אַן אַלטער בע-קער פון פאַר די מלחמה-ציטן, אַן אויסגעדאַרטער און ביינִיקער, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן צונויפגעשטעלט פון קנאָכן און שלעסער, איבערגעצויגן מיט אַ גערונצלטער בלאַסער הויט. זיין פּנים איז גריביק און קנאָכיק. זיין אָנצייניק מויל זויגט שטענדיק אַ מאַכאָרקע-פּאַפּיראָס, וואָס צוליב דעם קומט זיין קול אַרויס דומפּיק און שווער צו פאַרשטיין. אויף זיין קליינער פּאָליצע איבערן בעטל שטייען תמיד עטלעכע אויסגעליידיקטע פלעשלעך פון בראַנפן, „ריקאָוועס". אויסגעשאָטענער אַש און טאַבאַק וואַלגערן זיך לעבן זיי. איבער דער פּאָליצע הענגט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונג מיידל מיט לאַנגע צעפּ, אין אַ ברייטער בלוזע, אָנגעשפּאַרט קאָקעטיש מיט איין פינגער אין אַ קליין אויסגעשניצט טישעלע מיט אַ בוקעט בלומען אויף אים. יעדן טאָג פּוצט אַפּאַנאַסיעוו אָפּ דאָס שייבל איבער'ן בילדל, עס זאָל גלאַנצן.

נחמן האָט אויף זיין פּאָליצע ראַזיר-כּלים, עטלעכע ביכלעך, די פּאַרטיי-צייטונג און דאָס נייעסטע בילד פון וואָנסנדיקן פירער, וואָס ער האָט אויסגעשניטן פון אַ זשורנאַל און צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. די פאָטאָגראַפיע פון זייניקע מיט וועלכע ער האָט זיך

אראָפּגענומען פארן אוועקפאָרן, איז אים פארלוירן געגאנגען אין ארעסט.

פארטאָג, ווען דורך די גרויסע אויסגעשלאָגענע קאזארמע-פענסטער, פארשלאָגענע מיט ברעטער און טאָוול, קוקט נאָך די שווארצע נאכט אריין, הויבט די קאזארמע זיך אָן וועקן. כאָטש מען דארף ערשט זיין אכט אזייגער ביי דער ארבעט, מוז מען אויפ-שטיין א שטיק פארטאָג, ווייל די קאזארמע איז א מהלך פון דער פאבריק. מען דארף לאנג זיך שלעפּן מיטן טראמוואי. און מען הויבט זיך אויף וואָס פריער. די רויטע עלעקטרישע לעמפּלעך בא-לויכטן טריב דעם גרויסן גרויען בנין. פון אלע זייטן געניצן מענטשן פויל און מיד. די אייזערנע אויוונס זענען אויסגעקילט פון איבער נאכט, א קעלט שטייט אין דער לופט. עס איז אן עבירה א פוס ארויסצושטעלן פון דער לייכטער קאָלדרע. דאָס בעט ציט די ביינער צו זיך. נחמן לאָזט זיך נישט אריינציען. מיט א פלינ-קער באוועגונג, ווי ער האָט עס אויסגעלערנט זיך פאר דער צייט וואָס ער איז א זעלנער געווען, שפּרינגט ער אראָפּ פון זיין בעטל אין דער הויך און לאָזט זיך ארויס אין דרויסן, כדי באצייטנס צו-צוקריגן זיך צו דעם גרויסן אלגעמיינעם גרוב, פארלייגט מיט ברע-טער, וואָס דינט די פילע איינוואוינער פאר זייער מענטשלעך גע-ברויך. אָבער ווי פרי ער זאָל נישט קומען דאָרט,ווארטן שוין אנ-דערע פון פריער. די נישט-אויסגעשלאָפענע מענטשן, צעשויבער-טע, גליווערנדיקע אין דער הארטער מאָסקווער קעלט, ברומען, שעלטן און שפּייען.

— העי, גיכער דאָרט — מונטערט מען די מענטשן אינע-ווייניק.

געדיכטער נאָך ווארטן די מענטשן ביי דער לאנגער קאָריטע, איבער וועלכער פאראָסטעטע קראנען ציען זיך לענגאויס, און ביי וועלכער מען וואשט זיך די פּנימער און הענט. מערסטנס וואשט מען זיך אָן זייף, בלויז מיט וואסער.

— גיכער, גענוג געשוווענקט זיך — יאָגן עלטערע מענער די יונגעלייט, וואָס וואשן זייערע צעשויבערטע קעפּ — איר זענט שוין אזוי אויך שיין. שנעלער!

נחמן ווארט אויס אין דער ריי מיטן שטיקל זייף אין דער האנט, מורא האבנדיק עס אוועקצולייגן אויף א ווייל. אין דעם ערשטן טאג, ווען מען האט אים אין דער קאזארמע אריינגעזעצט, האט ער זיין שטיקל זייף אוועקגעלייגט ביים וואשן זיך, אבער ווען ער האט עס געוואלט צוריקנעמען אין האנט אריין, איז עס שוין נישט געווען.

— חברים, — האט ער געפרעגט ביי די וואשנדיקע — אפשר האט איר געזען מיין זייף?

קיינער האט אים נישט געענטפערט. אפאנאסיעוו האט גע-לאכט.

— זייף דארף מען האלטן אין האנט — האט ער אים גע-לערנט — אנישט האט ער א טבע ביי אונז, אז ער גייט אוועק און מען קען אים נישט אניאגן.

פון דעמאלט אן ווייסט שוין נחמן צו היטן דאס שטיקל זייף, וואס ער קריגט אויף זיין קארטע אויף א גאנצן חודש ארום. ער פארגינט זיך נישט רעכט אנצוזייפן, אזוי עס זאל אים בלייבן גענוג אויף צו ראזירן זיך פאר דער גאנצער צייט. עס איז הארט, דאס שטיקל זייף, זייפט זיך שווער און שמעקט שטארק אונטער, אבער נחמן היט עס ווי אן אבן טוב. פונקט אזוי גיט ער אכטונג אויפן האנטוך, וואס ער האט פארוואָרפן אויפן אקסל. כסדר ווערן פארפאלן זאכן אין קאזארמע. אז ער ווערט פארטיק מיטן וואשן זיך, שטעלט ער זיך אין דער רייע ביים קעסל הייס וואסער, וואס קאכט אין מיט הויף און פון וועלכן אלע שעפן וואסער אויף טיי, מערסטנס אין זעלנערישע קעסעלעך. נחמן שליסט אויף זיין קעסטל, וואס ער האלט ביים בעט, נעמט ארויס עטלעכע בלעטלעך פון פעקעלע טיי, וואס ער קריגט אויף א גאנצן חודש לויט דער קארטע, און שניידט אפ א שטיק ברויט פון די צוויי פונט ברויט א טאג, וואס אים קומט. זיצנדיק אויפן בעטל, טרינקט ער די טיי, מיט ווייניק צוקער באזיסט, און בייסט צו דאס טרוקענע ברויט, שלעכטס און זויערס, וואס דער „רויטער שטערן" באקט אויס. עס איז נאס, דאס ברויט, קלעפיק. אפאנאסיעוו זיצט אויף

זיין בעטל, אַן אומגעוואַשענער, און טרינקט פון פלעשל אויף אײ־בערבייסן. נחמן מוסרט אים:

— חבר אפאנאסיעוו, אויפן ניכטערן מאָגן?

אפאנאסיעוו באַטראַכט דאָס פלעשל מיט איין אויג, אָפּצו־שאַצן וויפיל ער האָט אָפּגעטרונקען, און ער זופּט צו נאָך אַביסל, צו דער מאָס.

— זאָל לעבן דער חבר ריקאָוו פאַר זיין „ריקאָווקע" — זאָגט ער, באַלעקנדיק זיך נאָכן טרינקען.

נחמן, געוואוינט יאָרן אויפצוקלערן, באַווייזט זיין שכן די שעדלעכקייט פון טרינקען. אפאנאסיעוו פאַרבייסט מיטן רויך פון זיין מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס און רעדט אָן ציין.

— אַז עס וואָלט געווען שעדלעך, וואָלט דאָך עס די מאַכט נישט דערלויבט — זאָגט ער — מיר זענען דאָך עפּעס אַליין די באַלעבאַטים, חבר ריטער.

ער לאַכט דערביי מיט אַ געדיכט אָנצייניק געלעכטערל, אַזוי, אַז מען קען נישט וויסן צי ער מיינט עס ערנסט, צי ער שפּאַסט.

נחמן ווערט רויט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. אין דער היים, אויף יענער זייט גרעניץ, האָט ער געלערנט אין די שלעכט־געדרוקטע בראָשורן, אַז דער בראָנפן־מאָנאָפּאָל איז גע־מאַכט געוואָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, כדי אַרויסצו־ציען די שווער אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס פון די אַרבעטער, כדי צו פאַרשיכורן זיי, זיי זאָלן פאַרלירן זייער באַוואוסטזיין און נישט טראַכטן וועגן זייער ביטערן גורל. דאָ קען ער דעם שכן זיינעם דעם ענטפער נישט געבן, און ער פּלאָנטערט מיט דער צונג.

— עס איז שעדלעך פאַרן געזונט — זאָגט ער.

אפאנאסיעוו לאַכט ווידער מיט זיין דריבנע אָנצייניק גע־לעכטערל, אַזוי אַז דער מאַכאָרקע פּאַפּיראָס אין זיין מויל טאַנצט אַזש צו.

— און דאָס איז גוט פאַרן געזונט, חבר ריטער? — ווייזט ער אָן אויף זיין הילוך.

זיין העמד איז שוואַרץ, זיינע קאַלאַשן, וואָס ער טוט קיינ־מאָל נישט אויס און זיי זעען אויס ווי צוגעוואַקסן צו די שיך, זע־

נען צעריסן און אויסגעריבן. זיין קורץ מאַנטעלע מיט דעם פו-טערנעם אויסגעקראַכענעם קראַגנדל, וואס זעט אוים ווי ער וואָלט אַן אַלטע געפּגרטע קאַץ געטראָגן אויף דעם האַלז, איז געלאַטעט און אָפּגעשאָסן און גרוי.

— נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע טראָג איך עס — זאָגט אפאַנאַסיעוו, שוין נישט לאַכנדיק — ווען נישט מיין „ריקאָווקע", וואָלט איך שוין לאַנג געפּרווירן געוואָרן דערין. דאָס ביסעלע בראָנפן האַלט מיך אויף, חבר.

נחמן הילט זיך טיפער איין אין זיין אָפּגעריבענעם הערבסט-מאַנטל, וואס איז נישט צוגעפּאַסט צו די מאָסקווער קעלטן, און שפּאַנט מיט גרויסע טריט צום טראַמוואַי, וואס דאַרף אים פירן צו דער פאַבריק. הונדערטער מענטשן, אַלטע, יונגע, ווייבער, מע-נער שטופּן זיך ביי דער טראַמוואַי-סטאַנציע, שטויסן זיך, רייסן זיך, און אַז דער טראַמוואַי קומט אָן מיט אַ קלינגעריי, באַפאַלן זיי אים ווי די פליגן אַ זיס מאכל. די קאָנדוקטאָרשע, אין אַ שעפּסן קוטשמעלע אויפן קאָפּ און אין אַ סיטצן קליידל איבער אַ פּאָר גרויסע וואַלינקעס, קלינגט, שרייט.

— חברים! — רופט זי, — אין אַ רייע שטעלט זיך! חברים, נישט אַלע מיט אַמאָל! חברים, עס גייט שוין מער נישט אַריין, חברים!

די מענטשן הערן נישט און שטויסן זיך מיט עלנבויגנס, מיט נעגל. יונגע שטויסן אָפּ אַלטע, שטאַרקע שאַרן אָוועק שוואַכע. ווייבער מיט פאַרשלאָפענע קינדער אויף די הענט, איינגעהילטע אין שמאַטעס, בעטן זיך ביי די מענער:

— חברים, מיט קינדער לאָזט אַריין, חברים.

דאָס פירן מוטערס אַרבעטאָרנס זייערע קליינע קינדער מיט זיך, כדי אָפּצוגעבן זיי אין די „יאַסלעס", אין די קינדער-פלעגע-רייען, פאַר דער צייט וואס זיי אַרבעטן אין פאַבריק. די קינדער זענען שלעפעריק און וויינען, וואס מען האָט זיי אויפגעריסן צו-פרי פון שלאָף. די קאָנדוקטאָרשע מאַכט מיט די הענט.

— מאַנסבילן, ווי שעמט איר זיך נישט? לאָזט אַריין די ווייבער מיט די קינדער.

קיינער הערט איר נישט. אפילו איר וואָרעניש, אז זי וועט רופן א מיליציאָנער, אז דאָס איז קעגן געזעץ, ווייל מוטערס מיט קינדער געהער די בכורה, העלפט נישט.

— מיר׳ן פאַרשפעטיקן — זאָגן די מענער — עטלעכע מינוט פאַרשפעטיקן און מ׳וועט נישט אריינלאָזן אין פאַבריק.

די קאָנדוקטאָרשע מאכט אוועק מיט די הענט און לאָזט גיין ווי עס לאָזט זיך. די מענטשן שטופן זיך, רעדן, שרייען, קריגן זיך, באַליידיקן זיך, דער טראַמוואַי פליט, פייפט אויף די רעלסן, דער גלאָק קלינגט, די קאָנדוקטאָרשע איז נערוועז. זי האָט מורא דורכצולאָזן עמיצן אָן א בילעט אין דער גרויסער ענגשאַפט.

— בירגער, צאָלן! חברים, בילעטן ווער האָט נאָך נישט, חברים?

נחמן שטופט זיך גלייך מיט אַלעמען. אין אָנהויב האָט ער נישט געשטויסן זיך, ער האָט צוגעהערט זיך צו די רייד פון דער קאָנדוקטאָרשע, אז ער זאָל בעסער וואַרטן אויף אַן אַנדער טראַמ־וואַי, ער האָט פריער וויבער מיט קינדער אריינגעלאָזט, ווי דאָס געזעץ איז. אבער ער האָט זיך געכאַפּט, אז ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויפן נאָענטסטן טראַמוואַי נישט עטלעכע מינוט, ווי די קאָנדוקטאָרשע האָט אים געזאָגט, נאָר א האַלבע שעה. דער צוויי־טער טראַמוואַי איז געווען פונקט אזוי געדיכט ווי דער ערשטער. צו דער לעצטער רגע איז ער אָנגעקומען אין דער פאַבריק.

— היט זיך, איינמאָל וועט עס גיין, חבר — האָט אים דער וועכטער ביים טויער געזאָגט — פאַר דריי „פּראָגולן" ווערט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער ארבעט.

נחמן היט זיך. ער שטופּט זיך גלייך מיט אַלעמען, אבי וואָס פריער זיך אריינצוכאַפּן אין טראַמוואַי, אָנצוקומען צו דער צייט. שנעל באַווייזט ער די קאַרטע דער באַוואָפנטער מאכט ביי דעם טויער, גיך דריקט ער אָפּ די שעה אין זייגער, ווען ער איז געקומען, און יאָגט גיך אַרויף אויף די טרעפּ צו דער ארבעט. כאָטש עס זע־נען דאָ גרויסע ליפטן אַרויפצופירן די מענטשן, לויפן די ארבעטער מערסטנס צופוסנס אויף די טרעפּ, ווייל די מאַשינען שטייען מער

ווי זיי גייען. זיי ווערן אָפּט קאַליע, כאָטש מען ווייסט נישט פאַר-וואָס.

בלויז איין קליינער ליפּט אַרבעט. אָבער ער קען בלויז נעמען עטלעכע מענטשן און שטייט גרייט פאַר דירעקטאָרן און פאַבריק-סעקרעטאַרן.

איילינג וואַרפט נחמן אַראָפּ די מלבושים פון זיך, טוט-אָן די אַרבעטס-קליידער און שטעלט זיך צו דער אַרבעט צו דער רגע, ווען דער מענטש פון דעם נאַכטיקן שיכט גייט אוועק פון זיין פּלאַץ. זיין אַרבעט איז נישט ביים פּראַסטן ברויט, נאָר ביים איידעלן גע-בעקס, ביי זעמעלעך און קוכן, וואָס די ברויט-פאַבריק „רויטער שטערן" אַרבעט אויס. כאָטש אויך דאָס געבעקס ווערט געבאַקן מעכאַניש, דאַרף מען אָבער דערויף מער אַכטונג געבן, נאָכקוקן אין די אויוונס, באַטראַכטן דאָס טייג. דערצו דאַרף מען זיין נישט נאָר אַ האַנט, ווי מערסטנס זענען אין דער פאַבריק, נאָר אַ בעקער אַ ספּעציאַליסט. דערפאַר טאַקע געהער ער, נחמן, צו דער פינפטער קאַטעגאָריע און קריגט אַ העכערן געהאַלט. קנאַפּע צוויי הונדערט רובל אַ וואָך קריגט ער. שנעל שאַרט ער אַרוים מיט דער ברייטער לאָפּאַטע די בעקנס מיט פיין-געבעקס פון די גרויסע אויל-אויוונס און וואַרפט זיי אַריבער צו די אַרבעטער און אַרבעטערנס, וואָס שטייען מיט שמאַטעס אין די הענט און כאַפּן די אָנגעגליטע בלעכן אויף, כדי אַריבערצולאָזן זיי ווייטער. די היץ פון ריזיקן אויוון באַלויכט זיין בלאַס פּנים, שפּיגלט זיך אין די גרויסע שוואַרצע אויגן זיינע.

ער יאָגט, ווי עס איז אָנגעשריבן אויף די ווענט, אַז מיט שלאָג-לעריש טעמפּאָ וועט מען אָניאָגן דעם פינף-יאָר פּלאַן אין פיר יאָר. צוליב אים מוזן זיך שוין צואיילן די געהילפן זיינע, וואָס דאַרפן צו-כאַפּן די אַרויסגערוקטע קאָכעדיקע בעקנס און אַריבערוואַרפן זיי ווייטער.

— העי, פּוילישער, טרייב נישט אַזוי! — ברומען צו אים די מענטשן מיט די שמאַטעס אין די הענט.

נחמן קוקט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן טיף אין אָנגעגליטן אויוון אַריין און שאַרט אַרוים בלעך נאָך בלעך. אויף זיין אַרבעטס-ביכל איז אָפּגעדרוקט אַ שווערער מוסקולירטער אַרבעטער, וואָס

שמידט מיט א גרויסן האמער די צוקונפט פון סאָוועטן-פאַרבאַנד; דער לאָזונג וועגן טעמפּא, וואָס וועט פאַרענדיקן דעם פינף יאָר פּלאַן אין פיר יאָר; און אויך דאָס, אַז דאָס ביכל איז געגעבן דעם ענטו-זיאַסט פון סאָציאַליסטישער בויאונג דעם שלאָגלער נחמן ריטער. נחמן איז שטאָלץ דערמיט, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט דעם כבוד אָנגערופן צו ווערן ענטוזיאַסט פון סאָציאַליסטישער בויאונג. אויך גלויבט ער אין די אויפשריפטן פון די ווענט, אַז מיט טעמפּאָ וועט מען אָניאָגן און אריבעריאָגן די קאפּיטאַליסטישע לענדער. אין דער פּאַרטיי-צייטונג, וואָס ער לייענט איבער אין די פרייע שעהן פון אָנ-הויב ביזן סוף, היפערט גאָר נישט איבער אין איר, פּונקט ווי דער פאָטער זיינער פלעגט נישט איבערהיפּערן עפּעס אין סידור אָדער אין מחזור, רעדט זיך כסדר וועגן טעמפּאָ, וועגן די צוויי מאָל צוויי איז פינף. און אַלץ, וואָס עס שרייבט די פּאַרטיי-צייטונג, איז פאַר אים אמת, קיין וואָרט נישט אראָפּצונעמען.

— כאַפּן די בלעכן, חברים — רופט ער צו די מענטשן מיט די שמאַטעס אין די הענט.

איבער די גרויסע פאַבריק-האַליעס דרייען זיך ארום די אויפ-זעער און האַלטן אויג אויף יעדער זאַך, וואָס טוט זיך אין דער פאַבריק. כאָטש זיי גייען אויך אין ווייסן, ווי די אַרבעטער, דער-קענט מען זיי פונדעסטוועגן. זייערע פּנימער זענען פולער, זייערע פיגורן — גלייכער און אויסגערונדיקט, זייערע אויגן קלאָרער און ריינער, זייערע ווייסע פאַרטוכער ליגן אויף זיי ווי אויסגעגאָסן, הענגען נישט אראָפּ ווי פון די מאָגערע ארבעטער. זיי געהערן צו דער פאַבריק „רויטער שטערן", אָבער זיי שטייען נישט אין דער „לייענטע" ווי די אנדערע, זיי גייען ארום פון אָרט צו אָרט, קוקן נאָך, מינטערן מען זאָל ארבעטן, הערן זיך צו, ווארפן אריין אויגן אומע-טום, שמועסן צווישן זיך און פאַרוויכערן פּאַפּיראָסלעך, כאָטש עס איז פאַרבאָטן צו רויכערן. אַמאָל באַווייזט זיך דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, חבר פּאָדאָלסקי אליין. א באַוועגונג ווערט דעמאָלט צווישן די ארבעטער. ער איז א פיר-עקיקער, א קרעמפּער, מיט זייער שאַרפע אויגן און געדיכטע ברעמען, מיט אונטערגעשניטענע וואָנסן אויפן ענגלישן שטייגער און מיט געדיכטע בינטלעך האָר

אויף די פינגער פון די פעסטע הענט. א געוועזענער פּראָסטער בעקער, דערנאָך א סאָלדאט אין דער רויטער ארמיי, האָט ער זיך אזוי ארויפגעארבעט, אז מען האָט אים אוועקגעשיקט קיין אמעריקע אויסשטודירן די נייעסטע מעכאנישע בעקערייען און ער איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון „רויטער שטערן". פון אמעריקע האָט ער מיט־געבראכט א היפּש ביסל קאָסטיומען, שיך, קאַפּעליושן און העמ־דער, וואס מען דערקענט גלייך אין זיי, אז זיי זענען פון יענער זייט ים; אן אייגענעם אָטאָמאָביל, וואס ער טרייבט אים מיט א ווילדער גיכקייט איבער די מאָסקווער גאַסן; אביסל ענגלישע ווער־טער; און דעם קאַנווייער סיסטעם, אזוי אז די ארבעטער זאָלן איינער דעם אנדערן יאָגן אין דער ארבעט. קיין זאך לאָזן נישט דורך זיינע שארפע אויגן, וואס א וועלט מיט ענערגיע קוקט פון זיי ארויס. אלץ דערזעען זיי, אלץ כאפּן זיי אויף. מיט דער נאָז דער־שמעקט ער דאָס געבעקס ווי אזוי עס קומט ארויס.

— ארבעטן, חברים, פּאָ אמעריקאַנסקאָמו — זאָגט ער, גיי־ענדיק פארביי די האַליעס מיט גיכע פעסטע טריט, אז די פּאָד־לאָגעס קנאַקן אזש אונטער אים.

ער איז שטאָלץ מיט זיין פאבריק. זי איז א מוסטער־בעקעריי, די גרעסטע אין לאנד. אלע צייטונגען שרייבן וועגן איר, גיבן אָפּט בילדער פון איר, און מער פון אלץ בילדער פון אים, חבר פּאָ־דאָלסקין אליין. ביי אים זענען די לאָזונגען אויף די ווענט וועגן טעמפּא נישט בלויז קיין ווערטער, נאָר פאַקטן. ער גיט ארויס מער ווי דער פּלאַן איז, פארוואס ער קריגט א סך לויב־געזאַנגען און פּרעמיעס, געלט־פּרעמיעס פון די פאבריק־פאַרדינסטן. די אויס־גאבן פאר זיין אָטאָמאָביל ווערן אויך געדעקט פון דער פאבריק. באזונדערס שטאָלץ איז ער מיט דער אָפּטיילונג פון וויים־געבעקס, וואָס ער האָט איינגעאָרדענט. די זעמעלעך און קוכנס, וואס דער „רויטער שטערן" באקט אויס, זענען די בעסטע. אפילו די אויס־לענדישע דעלעגאַציעס, וואָס קומען אָפּט באזוכן די מוסטער־בע־קעריי, לויבן די זעמעלעך, וואס ער גיט זיי צו פארזוכן, אז זיי זע־נען נישט ערגער פון געבעקס אין אויסלאנד. חבר פּאָדאָלסקי קוועלט דערפון און ער פארהאלט זיך אין אָט דער אָפּטיילונג מער

ווי אומעטום. ער באטראכט די זעק צוקער, וואָס שטייען גרייט אויף אריינצומישן אין געבעקס, די בלעכן פּוטער, וואָס מען טוט אַריין אין די קוכנס, און ער נעמט ארויס א ראָזשינקע פון זאַק און ווארפט זי אין מויל אריין.

— פיין געבעקס — מורמלט ער צו די אויפזעער, פּארוואלטער פון פּראָפעסיאָנעלן פאראיין, סעקרעטארן, קולטור-ארבעטער און אנדערע, וואס גייען אים מיט דרך-ארץ נאָך יעדער טריט זיינעם, ווי אדיוטאנטן נאָך א גענעראל.

— וואונדערבאר, חבר פּאָדאָלסקי, — באמקען צו די מענטשן.

די ארבעטער שווייגן, רעדן קיין וואָרט נישט ארויס און טוען גיך זייער ארבעט. ערשט ווען דער דירעקטאָר מיט די מענטשן דערווייטערן זיך, קוקן זיי זיך פּאַרזיכטיק אום און רעדן מיט כעס.

— שוין אוועק די וואנצן — זאָגן זיי.

ווען עס קומט צו מיטאָג ווערט א געלויף, ווי אין דער פרי אין דער קאזארמע. יעדער יאָגט וואָס גיכער אריינצוקריגן זיך אין דער „סטאלאווקע", וואס איז באהאנגען מיט לאָזונגען און וואו א ראדיאָ-הילכער גיט הויך איבער רעדעס פון קאָנפערענצן. בלויז א האלבע שעה איז דאָ צייט פאר מיטאָג, און אלע ווארפן זיך אין דעם עס-זאל. נאָך אלץ דארף מען שטיין אין דער רייע, נאָכן שטעמפּלען די קארטע, נאָכן לעפל, נאָכן שיסעלע געקעכטס.

— וואָס גיט מען היינט? — פרעגן די מענטשן אין דער רייע ביי די אנדערע, וואָס עסן שוין.

— פּאָלטאווער באָרשט, געהאקטע קאָטלעטן, פּיראָגן מיט רייז — ענטפערט אפאנאסיעוו.

טייל לאכן פון שפּאס, אנדערע קרעכצן.

— דאָס אייגענע פארפוילטע קרויט און ווערמדיקע קארטאָפל, וואָס יעדן טאָג — זאָגט אן עלטערע ארבעטאָרן.

— עס קריכט שוין פון האלז — ברומען די מענטשן אומצופרידענע, אויסגעוויגענדיק פונדעסטוועגן ביזן לעצטן טראָפּן פון שיסעלע.

די קעלנערינס אין די שמוציקע פארטוכער יאָגן.

— גיכער, חברים, באפרייט די טישן, חברים וואַרטן אין דער רייע.

דער עולם זופּט אויס אומוויליק די לעצטע ביסלעך געקעכטס, פילנדיק זיך אומגעזעטיקט און אָפּגענאַרט, און וויקלט די מאַכאָר־קע אין צייטונג־פּאַפּיר. דער ראַדיאָ־הילכער דערציילט מיט אַ מעכטיקער שטים וועגן אומרועו אין פאַרשידענע לענדער, אַרבעטס־לאָזיקייט, סטרייקן, געשלעגן. די מענטשן ווילן נישט הערן.

— העי, וואַניאַ, פאַרמאַך אים דעם פּיסק — זאָגט איינער צום אַנדערן.

— שטילער, פּעטקאַ — וואָרנט וואַניאַ מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז — מען קען דיר נאָך אַליין פאַרמאַכן ס׳מויל פאַר אַזעלכע רייד.

צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, עסט נחמן זיין קאַרגע שפּייז, וואָס דערמאָנט אים אין די מאכלים פון דער טורמע אין פּוילן. צוגלייך מיט אַלע, ווערט ער אויך אַרומגעטאַפּט פון דער וואַך ביי דער טיר, ווען ער גייט אַוועק פון דער אַרבעט, צי ער האָט נישט באַהאַלטן געבעקס אין די קעשענעס, דאָך ווערן די אַרבעטער שטיל, ווען ער דערנענטערט זיך צו זיי.

— נו, וואָס, פּוילישער, — זאָגן זיי, — די רעוואָלוציע גייט אויף דער וועלט, האַ, חבר?

נחמן רויכערט געדיכטער זיין מאַכאָרקע אין פּאַפּיר געוויקלט און שווייגט.

## קאַפּיטל פערציק

יעדן זעקסטן טאָג, נאָך פינף טעג אַרבעט אין דער בעקעריי, ווען נחמן האָט אַ פרייען טאָג, לאָזט ער זיך באַלד אין דער פרי צו די רייכע גאַסן, וואו דער אויסלענדישער קאָמיסאַריאַט איז, כדי אָנצוקומען אַהין צו דער צייט, ווען מען עפנט די קאַנצעלאַריעס.

יעדע וואָך אויפסניי, טיילמאָל אפילו צוויי מאָל אין וואָך, קריגט ער בריוו פון זיין חנהקען פון יענער זייט, בריוו געשריבן

אויף אויסגעריסענע בלעטלעך פון מאטעסלס שול-העפטן, שטארק-געדיכטע און גרייזיקע, מיט א סך ווערטער אריינגעקוועטשט צווישן די שורות, מיט א סך צושריפטן אויף די ברעגעס און ווינקלען, אָבער אלע האָבן זיי דעם זעלבן אינהאלט, אז ער זאָל אריבערנע-מען צו זיך זי און דאָס קינד, וואָרים זי איז שוין מיד פון שטענדיק זיין אליין. דאָס קינד בענקט, פרעגט זיך, פארוואָס דער טאטע נעמט זיי נישט אריבער צו זיך, און זי האָט נישט וואָס צו ענט-פערן. זי האָט שוין נישט קיין כוח מער צו זיין אזויפיל אליין, ווי אַן אלמנה, אויסצוטראָגן אלע צרות. נאָך ערגער איז די בושה, וואָרים די משפחה מיינט, אז ער האָט זי אוועקגעוואָרפן, אויסגע-ביטן זי דאָרט אויף אַן אנדערע. אזוי מיינען אויך שכנהטעס און באקאנטע. צו חנהקעס געדיכטע שורהלעך, אָפטמאָל פארלאָפענע מיט טרערן, קומען צו דעם קליינעם מאטעסעס גרויסע אינגלערישע ווערטער, אז ער בענקט נאָכן טאטן; אויך גרוסן פון שיינדלען, מנשהן און אנדערע.

נחמן דערפילט אלעמאָל אויפסנױי פייכטקייט אין די אויגן לייענענדיק די אויסגעריסענע בלעטלעך, די געדיכט-אָנגעפאקטע און פארפלעקטע. יעדן פרייען טאָג אין דער וואָך גייט ער אויפסנױי צו דעם גרויסן שיינעם הויז פון אויסלענדישן קאָמיסאריאט, כדי צו בעטן א וויזע פאר זיין פאמיליע. אבער מיט דעם וואס ער קומט, מיט דעם גייט ער אוועק.

דער קאָמיסאריאט איז גרויס, הונדערטער צימערן האָט ער, יעדער צימער האָט פענסטערלעך, יעדער פענסטערל האָט א באַ-אמטן, און יעדער באאמטער שיקט נחמנען פון זיך צו אַן אנדערן.

— גייט ווייטער, בירגער, צום אנדערן פענסטערל — זאָגן די מיידלעך ביי די פענסטערלעך.

ער האָט שוין אָנגעשריבן א וועלט מיט פאפירן, אָן א שיעור מארקעס אָנגעקלעפּט צו יעדער פאפיר. ער האָט שוין געבראכט באווייזן אלערליי, פון דער פאבריק, וואו ער ארבעט, פון דער קאַ-זארמע, וואו ער וואוינט, פון דער פארטיי אפילו, צו וועלכער ער געהער, פון אלערליי מענטשן און אינסטיטוציעס. אבער עס רירט זיך נישט פון אָרט.

ביי אַלע פּענסטערלעך שטייען רייען, גרויסע רייען מענטשן מיט פּאַפּירן אין די הענט. פּאַמעלעך רוקן זיי זיך, די רייען, צו די פּענסטערלעך, פון איינעם צום צווייטן דויערט אַן אייביקייט. און אַז מען קומט צו און מען דערלאַנגט די פּאַפּירן, הייסט דער באַאַמטער גיין צו אַן אַנדער צימער, צו אַן אַנדער באַאַמטן. נחמן האָט שוין מער קיין געדולד נישט. אַ מידער, אַ צערייצטער, שאַרט ער זיך פון קאַנצעלאַריע צו קאַנצעלאַריע איבער דעם ריזיקן קאָמיסאַריאַט, אין לאַבירינט פון קאָרידאָרן און טירן, אָבער צו קיין טאָלק דערגיין קען ער נישט.

— חברים, איך בין אַן אַרבעטער — זאָגט ער — איך האָב נישט קיין צייט צו פּטרן דאָ גאַנצע טעג.

— אַלע אַרבעטן ביי אונז — ענטפערן די באַאַמטע, — וואַרט אויס אייער רייע.

אָפּטמאָל ווייסן נישט די באַאַמטע פון איין מאָל צום אַנדערן אין וואָס עס גייט, טייל פאַרלירן אַפילו די פּאַפּירן, וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט מיט אַ וואָך פריער. אין אַנדערש מאָל הייסן זיי ברענגען נייע פּאַפּירן, אַנדערע ווי זיי האָבן געפאָדערט מיט אַ צייט צוריק. נחמן רעדט זיי צום האַרץ.

— חברים, — בעט ער זיך — מיין פרוי און קינד זענען אַליין דאָרט. זיי קענען שוין מער נישט וואַרטן.

די באַאַמטע הערן אים נישט. זעענדיק, אַז ער קען נישט אויספירן מיט די קליינע באַאַמטע, לאָזט ער זיך צו די גרויסע, צו די פאַרוואַלטער. מיט שטאָלץ ווייזט ער די דינער פאַר די טירן זיין פּאַרטיי-בילעט, אָבער מען לאָזט אים זעלטן צו צו די פאַרוואַלטער. שטענדיק האָבן זיי זיצונגען, וויכטיקע קאָנפערענצן, און טאָמער קריגט ער שוין יאָ עמיצן, פאַרצייכנט יענער, אָבער עס בלייבט ביים איינגענעם.

דאָס איינציקע, וואָס איז פריי, איז דאָס אָנקלאַגע-בוך, וואָס ליגט אין יעדער קאַנצעלאַריע און וואו יעדער קען אַריינשרייבן אַן אָנקלאַגע קעגן די באַאַמטע אויב זיי טוען נישט זייער פליכט. נחמן האָט שוין אַלע ביכער פאַרשריבן מיט זיינע גרייזיקע און צאָרנדיקע אָנקלאַגן. אָבער עס האָט זיך גאָרנישט גערירט פון אָרט. די

באַמטע שמייכלען איבער אים. זיי קענען אים שוין, און זיי זאָגן מיט חוזק:

— גוט, חבר, איר קענט אריינשרייבן אין אָנקלאגע-בוך.

נחמן וויל וויסן איינמאָל פאר אלעמאָל, צי וועט ער קריגן אן ערלויבניש צי נישט, און זאל ער פארשפּאָרן אזויפיל לויפן יעדער וואָך. די באַמטע זאָגן אים נישט יאָ, נישט ניין.

— וואַרטן, — ענטפערן זיי — און פּילט אוים אן אנקעטע.

— צום הונדערטסטן מאָל פּילט נחמן אוים די גרויסע בויגנס מיט פראגן, מיט אָן א שיעור פראגן: ווער ער איז, וואס ער איז, פון וואנען ער קומט, פון וועמען ער שטאמט, א וועלט מיט פראגן. אבער דערביי בלייבט עס. א פארביטערטער, אן ענ-טוישטער קומט ער אהיים צו דער קאזארמע און זעצט זיך אוועק אויף דעם קלאָץ, וואס ליגט אין מיט הויף איינגעזונקען אין דער ערד.

— ביוראָקראטן פארשאָלטענע — זידלט ער די לייט פון די קאנצעלאריעס — אויסשיסן דארף מען זיי.

אפּאַנאַסיעוו אין די צעריסענע קאַלאַשן אויף די שיך, וואָס ער טראָגט סאַי ווינטער, סאַי זומער, לאַכט זיין אָנצייניק געלעכ-טערל.

— הע, הע, — שפּאָט ער — א נייער ערשט און האָט שוין קיין געדולד נישט, וואס זאָלן מיר אלטע שוין זאָגן, הא, חברים?

כאָטש עס איז דאָ א קלוב נישט ווייט פון דער קאזארמע, א קלוב מיט צייטונגען, שאך-ברעטלעך, ביכלעך און א ראדיאָ, האָבן די איינוואוינער פון דער קאזארמע בעסער ליב צו זיצן ארום קלאָץ אין הויף. דאָ רעדן זיך מענער אוים זייערע הערצער, דערציילן זיך מעשיות, רעדן וועגן ארבעט, לוין, וועגן גוטע און שלעכטע צייטן. דאָ קריגן זיך ווייבער איבער שטוב-זאכן, איבער מענער, בארעדן שכנות. דאָ קריצן יונגע בחורימלעך אוים מיט מעסערס די נעמען פון זייערע געליבטע און די דאטעס ווען זיי האָבן מיט זיי פארבראכט, און דאָ פארשרייבן אינגלעך מיט קרייד רעוואָלוציאָנע-רע לאָזונגען, מיאוסע ווערטער און צייכענונגען.

אין אָנהויב, אז נחמן איז אָנגעקומען, האָבן די מענטשן אין

קאזארמע אים נישט גערן געזען ארום קלאץ. זיי האָבן איבערגע־ריסן זייערע שמועסן ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו זיי, פאר־כמורעט געשוויגן. נחמנען האָט עס געקאָסט געזונט.

— וואָס האָבן די חברים צו מיר, חבר אפאנסיעוו ? — האָט ער געפרעגט ביי זיין שכן — עפּעס האָט מען מורא פאר מיר.

אפאנסיעוו האָט די מענטשן פארענטפערט.

— נישט פאר אייך האָבן זיי מורא, נאָר פאר אייער פארטיי־בילעט, חבר נחמן.

נחמן האָט נישט פארשטאַנען. אפאנסיעוו האָט אים אויפ־געקלערט.

— א פארטיי־בילעט איז ביי אונז ארבעטער נאטשאַלסטווע, און מיט נאַטשאַלסטווע איז בעסער צו זיין פון דערווייטנס.

נחמן האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט, איינצוקויפן זיך ביי די מענטשן אין דער קאזארמע, צו ווייזן זיי, אז א קאָמוניסט איז אַן ארבעטער מיט אַלעמען גלייך.ער האָט דער ערשטער אויסגע־רייניקט דעם זאַל, אָנגעטראָגן האָלץ, אז מען האָט געדארפט, אויס־געליען א שטיקל ברויט ווען א מוטער האָט אויסגעפעלט א ביסן פאר איר קינד. די מענטשן האָבן אים געדאנקט דערפאר, אָבער נאָענט געוואָרן מיט אים זענען זיי נישט. דער איינציקער, וואָס איז מיט אים געווען נאָענט, היימיש און נישט געהיט זיך מיט קיין וואָרט, איז געווען אפאנאסיעוו זיין שכן פון דער אויבערשטער רייע.

— איך געטרוי אייך, חבר נחמן — האָט ער געזאָגט — אי־בעריגנס, האָב איך נישט וואס מורא צו האָבן. א גלעגער און ווע־רים וועל איך אין קבר אויך האָבן.

צוליב אפאנסיעוון האָבן די איבעריקע מענטשן אויך גענומען ביסלעכווייז זיך דערנענטערן צו נחמנען. זיי רוקן זיך איצט פא־נאַנדער אויפן קלאָץ תמיד ווען ער קומט צו, מאכן אים אַן אָרט אין דער מיט, נעמען ביי אים א פינגער מאכאָרקע פון זיין קעשענע און באוואַרפן אים מיט פראגן.

— איר זענט דאָך עפּעס א באוואוסטזיניקער — זאָגן זיי — איר לייענט דאָך שטענדיק די ביכלעך און די צייטונגען, קומט אויף פארטיי־פארזאמלונגען, לאָמיר הערן, וואס איר האָט צו זאָגן עפּעס.

אויף אלץ ווילן זיי אן ענטפער פון אים. צו אים קומט מען מיט טענות אלמאי דאָס עסן אין דער „סטאָלאָווע" איז שיטער און אלמאי מען יאָגט ביי דער ארבעט, אלמאי מען קריגט נישט אין די קאָאָפּעראַטיוון קיין שפּייז, ווי די קארטן רעכענען אויס, און אלמאי מען רעכנט אראָפּ פון לוין אויף אלערליי זאכן יעדן חודש, אזוי אז עס בלייבט נישט דערנאָך מיט וואס צו דערציען די נשמה ביזן אנדערן לוין-אויסצאָלן. ווייבער ווילן וויסן, פארוואס מ׳קריגט נישט קיין שטיקל סחורה, פארוואָס מען מוז גיין נאַקעט און באָרוועס, אז עס איז א בושה פאר לייטן, פארוואס מען גיט נישט קיין זייף אויסצוואוואשן א העמד. מענער ווילן וויסן, פארוואָס מען בויט נישט קיין הייזער פאר די ארבעטער, נאָר מען האלט זיי אין קאַ-זארמעס און אין באַראַקן.

— איר זענט דאָך עפּעס א פּאַרטייאישער — זאָגט מען — איר דארפט דאָך אלץ וויסן, ענטפערט, חבר נחמן.

נחמן שלעפּט ארויס פון קעשענע די פּאַרטיי-צייטונג, מיט וועלכער ער שיידט זיך קיינמאָל נישט און וועלכע ער לייענט איבער יעדן טאָג פון שורה צו שורה, היפּערט גאָרנישט איבער אין איר.

— חברים, — בעט ער, אויפוויקלענדיק די געדיכט-געדרוקטע פארקנייטשטע צייטונג — לאָזט איבערלייענען און אלץ וועט אייך קלאָר ווערן.

די צייטונג איז פול מיט גוטע נייעס, ווייסט נחמן, אָנגעפּאַקט מיט זיגן. דער לאָזונג וועגן יאָגן און איבעריאָגן האָט באַהערשט דעם גאנצן פארבאנד. פון אלע שטעט שרייבן די „ארבקאָרן" בא-ריכטן וועגן דער פארשטאַרקטער ארבעט. פון אלע רעפּובליקן, פון מערב ביזן ווייטן מזרח, וואקסט די אינדוסטריע. קוילן, אייזן, ברויט, נאַפט, האָלץ, אייזנבאנען, בילדונג, פאָלקס-געזונט, ביכער, שולן — אלץ האָט זיך אָן א שיעור פארגרעסערט, אָנצאָליקער מאָל איבערגעוואקסן דעם צושטאנד פון פאר דער רעוואָלוציע. צום נייעם יאָר זענען די פּלענער פאר דער ווירטשאפט פילפאך פאר-גרעסערט. מאסן ציפערן ווייזן עס, ציפערן אויסגערעכנט פון סטא-טיסטיקער. צו די ציפערן קומען דיאגראמעס צו. צו אנדערע זע-נען אפילו צייכנונגען צוגעגעבן געוואָרן, וואס יעדער קען זיי פאר-

שטיין. מענשעלעך זענען אויסגעמאָלט, הייזער, שייערן, בינטלעך תבואה, קוימענס. גרויסע זענען זיי און קליינע, נידריקע און הע-כערע און גאָר הויכע. די קליינע ווייזן אויפן צושטאַנד אין לאַנד פאַר דער רעוואָלוציע. וואָס ווייטער גייען זיי העכער און העכער, ביז זיי דערגרייכן צו א הויך, וואָס שטייגט איבער פיל מאָל די קליינע צייכנונגען פון פאַר דער רעוואָלוציע.

— קוקט אריין, חברים, לייענט — בעט זיך נחמן — און אלץ וועט אייך קלאָר ווערן.

די מענטשן ארום קלאָץ ווילן נישט ארייננקוקן אין די געדיכטע שורות פון דער צייטונג, ווילן נישט א קוק טאָן אויף די מענטשע-לעך און צייכענונגען.

— וואָס מיר צייטונגען — זאָגן זיי — פון צייטונגען וועלן מיר נישט זאט ווערן.

— און אין די אויסגעמאָלטע שטיבעלעך וועלן מיר זיך נישט אריינקלייבן — לאַכן די ווייבער.

— חברים, אזוי קען מען קיין פראגן נישט באהאנדלען — זאָגט נחמן מיט הארץ — מען דארף נעמען די זאך ברייטער, פון מאסשטאב פון לאַנד, אזוי צו זאָגן. נאָר דערמיט קען ווערן קלאָר.

ער מישט גיך די בלעטער פון דער צייטונג און זוכט א נייעם באווייז צו זיינע רייד. אפאנאסיעוו לאַכט מיט זיין אנציייניק גע-לעכטערל.

— וואָס זענט איר צוגעשטאַנען, מענטשן, צום חבר נחמן — בייזערט ער זיך — גייט צום קרעמל! ער איז אן אָרימאַן גלייך ווי מיר אלע. לאָזט אים אָפּרוען זיך.

ער נעמט ארויס די צייטונג פון נחמנס הענט און שטופּט זי אים אריין אין קעשענע.

— א שאָד די אויגן צו פּטרן, חבר, — זאָגט ער אים — די איינציקע זאך, וואָס מאַכט קלאָר, איז די ריקאָווקע. פאָלגט מיך און גיט א שלוק פון מיין פלעשל, וועט אייך אלץ קלאָר ווערן, ווי מיר...

נחמן וויל נישט שלוקן פון פלעשל. א מידער גייט ער אריין אין קאַזאַרמע, לייגט זיך אוועק אויף זיין בעטל אויף דער אוי-

בערשטער רייע און זוכט מיט די אויגן אין די געדיכט-געדרוקטע שורהלעך, כדי צו דערגרונטעווען זיך צו דער קלאָרקייט.

כאָטש ער הייסט די מענטשן ארום קלאָץ געפינען אלע ענט-פערס אין דער צייטונג, וואס איז אָנגעפּיקעוועט מיט ציפערן און באריכטן, איז אים אליין נישט קלאָר דאָרטן. ער צווייפלט נישט אין דער ריכטיקייט פון דעם אָפּגעדרוקטן וואָרט, אין אמת פון יעדער אות. אין זיין צייטונג זענען די האָפּערדיקע באריכטן געדרוקט, אין דער צייטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער איינציקער פּאַרטיי, וואָס זאָרגט פאַרן ארבעטער-קלאַס אין אלע לענדער פון דער וועלט. ער גלויבט אין די רעדעס פון די פירער, די קלוגע קעפּ, וואָס יעדער וואָרט זייערס איז אָפּגעדרוקט אין בלאַט. שוין איז די אינדוסטריע אין אלע צווייגן פילפאַך איבער-געוואַקסן די אינדוסטריע פון פאר דער רעוואָלוציע. די פּלאַנען פאר ווייטער זענען גרויסע, גראַנדיעזע. מיט שנעלן טעמפּאָ וועלן די ארבעטער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד איבעריאָגן די קאַפּיטאַליס-טישע וועלט, דעם גראַנדיעזן פינף יאָר פּלאַן אויספירן אין פיר יאָר, ווי דער פירער האָט געוואָרפן זיין גרויסע לאָזונג. נחמן גלויבט אין דעם אלעס. אָבער קלאָר איז אים נישט.

עפּעס שטימען נישט די האָפּערדיקע באריכטן, ציפערן און דיאַגראַמעס פון דער צייטונג מיטן לעבן ארום, מיטן מצב אין דער קאַזאַרמע, מיט די מענטשן ארום זיך.

אָפּגעריסן זענען די מענטשן דאָ, אָן קליידער און אָן שיך, נישט געוואַשן, נישט געריייניקט. אלערליי אומפליט האלט זיך אין קאַזאַרמע. דאָס עסן אין די פאַבריק-קיכן, אין די קאָאָפּעראַטיוון, איז שלעכט, מאָגער. דאָס ברויט איז קלעפּיק, נאַס, געמישט מיט גערשטן און קלייען, מיט אָפּפאַל אלערליי, אזוי אז עס ברענט אויפן האַרץ. פון די שלעכטע מאכלים זענען די מאָגנס ביי א סך קאַליע, פאַרדאָרבן, פון וואס עס שטייט תמיד אַן עיפּוש אין דער קאַזאַרמע. צוליב שמוץ, אומריינקייט ווייכט מענטש פון מענטש, האסט איינער דעם אנדערן. ווייבער ווערן פאַרמיאוסט ביי זייערע מענער, וועלכע זענען זיי תמיד אין זייער מושב. מענטש האָט מורא זיך צורירן צו מענטש. אין די קאָאָפּעראַטיוון קריגט מען זייער

וויניק. טעג שטייען די ווייבער אין די רייען, וואַרטן צו קריגן עפּעס, אָבער מערסטנס גייט מען אַוועק מיט ליידיקע הענט, מיט די פאַרבליבענע טאַלאָנען. אין קאַזאַרמע ווערט מיט יעדן טאָג ענגער, גערדיכטער. מענטשן שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, אויף קאַסטנס, אויף ראַגאָזשעס. מיטן געהאַלט איז נישט אויסצוקומען. שטענדיק הונגערט מען צו אין די לעצטע טעג פון חודש. אין די פאַבריקן יאָגט מען, מען טאָר קיין רגע נישט פאַרשפּעטיקן. פאַר דער מינדעסטער עבירה ווערט מען אַרויסגעטריבן פון דער אַרבעט. אין די קאָנצעלאַריעס הערשט ביוראָקראַטיע, פּוילקייט, שלעכטע באַהאַנדלונג צו מענטשן. אוממעגלעך פאַר אַן אַרבעטס-מענטש זיך דערשלאָגן דאָרט צו עפּעס. כאָטש ער אַליין לויפט יעדער וואָך אויפסניי צו די קאָנצעלאַריעס, כדי אויסצופּועלן אַ וויזע פאַר זיין ווייב און קינד, האָט ער אין דער אייגענער צייט מורא טאָמער וועט מען אים די וויזע געבן. ער האָט מורא צו ברענגען אַהער די משפּחה זיינע אין דער קאַזאַרמע אין ענגשאַפט און אין אָרים-קייט. וואָס וועט ער זיי ענטפערן ווען זיי וועלן אַראָפּקומען און זען דאָס לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי געקעמפט און געריסן זיך דערצו, זיין לאַנד? ווי אַזוי וועלן זיי לעבן דאָ?

נישט אין זיין לעבן גייט עס אים. קיינמאָל האָט ער קיין האָניק אין לעבן נישט געלעקט. נישט ביי זיין טאַטן אין שטוב, נישט אויף די זעק מעל אין די בעקערייען, נישט שפּעטער אין דער קאַמער אין דער פּוילישער תפיסה. אים אַרט נישט דאָס בעטל אויף דער אויבערשטער רייע אין קאַזאַרמע. אין דער טורמע אויף יענער זייט האָט ער קיין בעסערס נישט געהאַט. אים אַרט נישט דאָס עסן דאָס שלעכטע. זייט יאָרן האָט ער זיך צוגעוואוינט נישט צו דערעסען, צו עסן שלעכטע מאכלים. די קאַמער אין תפיסה איז אויך געווען ערגער ווי די קאַזאַרמע דאָ. אָבער דאָרט, אויף יענער זייט איז אַלץ געווען קלאָר. פון די ביכלעך, וואָס די חברים האָבן אַריינגעשמוגלט אין טורמע, פון די פאָרלעזונגען פון די אינטע-ליגענטן, פריער אויף דער פריי און שפּעטער אין טורמע-קאַמער, איז אים געווען קלאָר אַלץ, ווי אויף דער האַנט-פלאַך. די וועלט, האָט ער געוואוסט, ווערט נישט געפירט פון גאָט אין די הימלען,

ווי זיין אָרעמער פאָטער האָט אים איינגערעדט, ווי אלע פרומע לייט האבן אים פארפירט. נישט מזל און באשערטקייט, יצר טוב און יצר הרע האָבן צו זאָגן איבערן גורל פון מענטשן, ווי מען האָט אים און זיינסגלייכן איינגערעדט, נאָר עקאָנאָמישע אינטערעסן. צוויי קלאסן זענען דאָ אויף דער וועלט, ארבעטנדע און באַזיצנדע. די וועלט קען זיין גליקלעך, די מענטשן ברידער אלע. אָבער דער באזיצנדער קלאס, די בלוט-זויגער און עקספּלואטאַטאָרן, ווילן דערצו נישט דערלאָזן. זיי לאָזן נישט די ארבעטנדע אויפהויבן די קעפּ. זיי לאזן די ארבעטער האָרעווען פאר א הונגערלוין, לעבן אין ענגשאפט און אין שמוץ. זיי נעמען צו די קינדער פון די ארבעטנדע אין מיליטער פאר זייערע רויבערשע צוועקן. זיי מאכן פון די פּראָלעטארישע טעכטער גאסן-פרויען. זיי פארשפרייטן שנאה צווישן מענטש און מענטש, האס צווישן פעלקער. דורך דער אָרימקייט, וואס זיי ברייגען פאר די ארבייטנדיקע, פלאנצן זיי איין אלע געמיינע מידות, גנבה, גזלה, אויסגעלאסנקייט, שקר, חניפה, גיריקייט, אלעם שלעכטס. אין אלדאָס בייז פון דער וועלט זענען זיי שולדיק, די עקאָנאָמישע באדינגונגען. דעריבער דארפן די ארבעטנדיקע זיך באפרייען פון זייערע קייטן, אראָפּווארפן די הערשער, אויסראָטען זיי, און אלץ וועט ווערן אנדערש, דאָס גאנצע שלעכטס וועט פארשווינדן, אלע מענטשן וועלן זיין גלייך, גוט, ברידער איינער דעם אנדערן, א גן-עדן וועט זיין אויף דער וועלט. עס וועט נישט זיין מער קיין אומרעכט, קיין שנאה, קיין שקר, קיין חניפה, קיין אויבערשטע און אונטערשטע, ווייל עס וועלן נישט זיין די אָביעקטיווע באדינגונגען דערפאר, די עקאָנאָמישע אינטערעסן, די פאקטאָרן פון יעדער בייז.

דאָס האָט אים געלערנט דער חבר דניאל, דאָס האבן אים געלערנט די פארבאָטענע ביכלעך און בראָשורן, דאָס האבן אים געלערנט די אינטעליגענטן אין תפיסה, מיט וועלכע ער איז געזעסן אין קאמער צוזאמען.

דאָס האָט אים געגעבן גלויבן איבערצוטראָגן די אלע פּיין און צרות, כוחות אויסצושטיין קארצערס און שטראָפן, גראַטעס און באַליידיגונגען. זיינע שווארצע אויגן פלעגן אויפלויכטן, ווען חבר

דניאל האָט מיט זיין קלינגנדיקער שטים גערופן נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון די ארבעטנדיקע, ווייזנדיק מיט אן אויסגעשטרעקטן פינגער צו מזרח. זיין הארץ פלעגט וואקסן אין תפיסה־קאמער ביי די פאַרלעזונגען, וואס די אינטעליגענטן האבן געהאלטן פאר אים און זיינסגלייכן. קלאָר איז אלץ געווען, ווען ער איז געלעגן אויף זיין הארט תפיסה־בעטל אויף יענער זייט. נישט קלאָר איז געווען אויפן בעטל אין קאזארמע אויף דער אויבערשטער רייע.

אין מזרח איז די קאזארמע געשטאנען, אין באפרייטן לאנד, וואו די ארבעטנדע האָבן מיט פייער און שווערד אראָפּגעוואָרפן די קייטן פון זיך און אליין געוואָרן די באלעבאטים פון לאנד. אויף די ווענט זענען לאָזונגען געווען אויסגעקלעפּט, גרויסע פריילעכע לאָזונגען וועגן פּראָלעטארישער אחדות, וועגן דער באפרייאונג פון דער פרוי, וועגן קאָלעקטיוון צוזאמענלעבן, וועגן פריידיקן בויען און שאפן. אבער די מענטשן דאָ זענען גאָרנישט געווען ענלעך צו די אויסגעמאָלטע פּלאַקאטן אויף די ווענט.

אָרים זענען זיי געווען, שמוציק, שלעכט אָנגעטאָן און בייז, שרעקלעך בייז. אין קאטעגאָריעס זענען זיי געווען איינגעטיילט, אין גרעסערע פארדינער און אין קלענערע, אין העכערע און אין נידריקע. ארבעטער האָבן מקנא געווען די אויפזעער, די אויפזעער האָבן ארויפגעקוקט צו די דירעקטאָרן. געוויינלעכע ארבעטער האָבן געהאסט די שלאָגלער, שוואכערע האָבן געקוקט מיט קנאה צו שטארקערע, שלימאזלדיקע צו געראָטענע, קליינע פאר־דינער צו גרויסע, פּשוטע לייט צו מיוחסים און אויפגעקומענע. ווייבער האָבן זיך ארומגעריסן ביי די קיכן איבער שפּייז, איבער טעפּלעך, איבער א בעסערן ביסן. גנבות זענען כסדר אָנגעגאנגען אין דער קאזארמע, געשלעגן איבער א שטיקל ברויט, וואס איז פארפאלן געוואָרן פון אונטער די הענט. ביי דעם גרויסן אייזערנעם אויוון האָט מען זיך געשאָלטן און געשלאָגן איבער אן אָרט וואו א טעפּל אוועקצושטעלן, איבער א ביסעל האָלץ וועך עס דארף אריינברייגגען. קיינער האָט נישט געוואָלט אויפרוימען די קאזארמע. יעדער האָט ארויסגעשאַרט זיין ביסל מיסט פון איי־גענעם ווינקל אין מיט קאזארמע אריין.

די קינדער האָבן געוויינט, געבעטן ברויט, און די מוטערס האָבן זיי געשלאָגן דערפאַר. ווייבער האָבן געמאַכט סצענעס זיי־ערע מענער, אַלמאַי זיי טשעפּען זיך צו שכנטעס. מענער האָבן געטרונקען, געמאַכט סקאַנדאַלן. אין די נעכט איז גאָר געווען אַ בהלה. קינדער האָבן געוויינט, פאַרלעך האָבן זיך געשושקעט, אַנדערע האָבן זיך געקריגט, אַנדערע געליבט זיך. יעדן האָט מען געהערט. מיט גאַרנישט איז געווען אויסצובאַהאַלטן זיך פון פרעמדע אויגן און אויערן, נישט אין פריידן, נישט אין לײדן. מענער, וואָס זענען אוועקגעגאַנגען אויף נאַכט־אַרבעט, האָבן מורא געהאַט אי־בערצולאָזן זייערע ווייבער אין שכנות פון בחורים אין קאַזאַרמע. אַלטע זענען געווען בייז אויף יונגע, אַלמאַי זיי זינגען און שפּילן אין די נעכט. געזונטע זענען געווען אין כעס אויף קראַנקע, וואָס קרעכצן, אויף אַלטע, וואָס הוסטן. קלענערע פאַרדינערס זענען געווען בייז אויף גרעסערע פאַרדינערס. איינער פאַר דעם צווייטן האָט זיך געהיט, אויסבאַהאַלטן, מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצו־ריידן, מען זאָל נישט מסרן. קנאה, שנאה, פאַרביטערונג, שלעכטס און פיין האָט געהערשט אין דער גרויסער קאַזאַרמע, באַהאַנגען מיט לאָזונגען. ערגער נאָך פון שמוץ, חושך און הונגער איז געווען די מענטשלעכע שנאה. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומ־רייסן.

— הע, הע, די קאָמונע פירט דיסקוסיעס, חבר נחמן, — האָט אַפּאַנאַסיעוו געלאַכט יעדעס מאָל, ווען די מענטשן האָבן זיך אויפסניי צעקריגט און אויסגערעכנט זיך די חטאים — ס׳איז פריילעך אין אונזער קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן.

נחמנען האָט דאָס דריבנע געלעכטערל געשטאָכן ווי מיט אָנ־געגליטע נאָדלען אין לייב. ער האָט אים גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, דעם שכן זיינעם. ער האָט אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט, דאָס פּנים אין די געדיכט־געדרוקטע שורהלעך נאָך טיפער איינגעגראָבן, כדי צו דערגרונטעווען זיך צו דער קלאָרקייט. ער האָט זיך געוואָלט אין די ווערטער דערטרינקען, אין די גלאַטיקע און האַפּערדיקע שורות, כדי נישט צו הערן און זען דאָס אַרומיקע אַרום זיך, דאָס מיאוסע און ביטערע. אָבער דער טומל פון קאַ־

זארמע לעבן האָט אים פון דער פּאַפּירענער וועלט ארויסגעשלאָגן.

— שליוכע, — זידלט איין פרוי די צווייטע, — מ'ווייסט וואויל, אז דו פירסט זיך מיט קאָמיסארן ארום, פאר א פּאָר זאָקן, פאר אביסל צוקער.

— און אויף דיר, פארזעעניש, וויל אפילו קיין מאן נישט א קוק טאָן, — ענטפערט די אנדערע מיט א גאליק געלעכטערל.

די קינדער יאָגן זיך ארום נאָך א קאַץ, פייניקן זי און לאכן.

## קאַפּיטל איין-און-פערציק

חנהקע האָט זיך אליין גענומען צו דער ארבעט.

זי האָט איינגעזען, אז אויב זי וועט ווארטן אויף נחמנען און זיינע פּאַפּירן, וועט זי מעגן בלייבן זיצן. און זי האָט זיך אן עצה געטאָן, ווי פאר די גאנצע ניין יאָר, וואס איר מאן איז אין תפיסה געזעסן.

ווי יעדע פרוי, וואס קען נאָר איין מאן, האָט זי געגלויבט, אז אלע ווייבער זענען פארליבט אין איר מאן, אז מען כאפּט אים דאָרט אוים אין פרייען לאנד, וואו קיין גאָט איז נישטאָ. נישט אנדערש, איז זי געוועזן זיכער, אז ער האָט שוין דאָרט עמיצן אויף איר אָרט, א נישט וואלט ער נישט אזוי לאנג געשלעפּט מיט תירוצים וועגן פּאַפּירן. און זי האָט אליין גענומען די זאַך אין די הענט אריין, כדי באצייטנס אהינצופאָרן. זי האָט איבערגע- דעקט די ניי-מאשין מיט א טישטוכל, מאטעסלען דאָס פּנים ריין אָפּגעוואשן, זיך א טיכל אויפן קאָפּ אָנגעטאָן און געלאָזט זיך אין דער סאָוויעטישער אמבאַסאַדע. מען האָט זי פּרובירט אָפּשיקן, זאָגן איר, אז עס וועלן זיין פּאַפּירן, וועט מען איר צואוויסן געבן. חנהקע האָט זיך נישט געלאָזט פארדערן די ציין. זי האָט גערעדט מיט האריץ, אויפן קול. אפילו אמאָליקע קלוב-ווערטער, וואס זענען איר שוין לאנג ארוים פון זכרון, האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָנט און גענוצט זיי אין אירע טענות. וואָס הייסט, מען לאָזט א פרוי

און א קינד פון א פּראָלעטאַריער עלנד און הפקר אזא לאנגע צייט? וואו איז יושר? וואו איז ארבעטער-גערעכטיקייט?

זי האָט אזוי לאנג גטענהט, געפּאָדערט, נישט אָפּגעטראָטן, ביז זי האָט זיך צום קאָנסול אליין דערשלאָגן. זי האָט אים דער-ציילט די מעשה. זאָל ער נישט מיינען, אז זי איז עפּעס גלאַט אזוי א אידענע. זי איז אן אַרבעטס-מענטש, ס׳גאנצע לעבן האָרעוועט זי. איר מאן איז יאָרן אין טורמעס אָפּגעזעסן פאר דער אַרבעטער-זאַך. אלע קענען אים. ווער דען זאָל זאָרגן פאר זיין ווייב און קינד, אויב נישט די מאכט פון די ארבעטער? דער קאונסול האָט גע-שמייכלט אין די אונטערגעשווירענע וואָנסן אריין פון דער פייער-דיקער ווייבערישער דרשה.

— גוט, גוט, — האָט ער געזאָגט — מיר׳ן אלץ טאָן פאר אייך, אַבי בארואיקט אייך, מאדאם.

— איך בין נישט קיין מאדאם, חבר, איך בין א פּראָסטע אר-בעטס-פרוי, — האָט חנהקע געזאָגט, ווייזנדיק אויפן קאָפּ, אז זי טראָגט נישט קיין הוט, נאָר א שאַל — און איך וועל נישט וואַרטן אויף קיין בריוו. אין א וואָך ארום וועל איך דאָ ווידער קומען.

עטלעכע וואָכן כסדר איז זי געקומען. גערעדט, געפּאָדערט, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן אירס. מען האָט איר ארויסגעגעבן א וויזע, פאר איר און דעם קינד. חנהקע האָט אַרויפגערופן שאַכערס, פאַרקויפט דאָס ביסל מעבל, גולדן צו גולדן גע-מאכט און צונויפגעזאַמלט אויף הוצאות. זי האָט פאר זיך עטלעכע ביליקע קליידלעך אין די נעכט אויפגענייט, פאר מא-טעסלען אן אנצוגל איבערגעניצעוועט, נחמנס העמדער, וואס ער האָט איבערגעלאָזן, אויספאַריכט, און געגרייט זיך אין וועג אריין. שיינדל האָט א סך געבעקס אָנגעבאַקן אויפן וועג, חלהס, קיכעלעך, פּלעצלעך. זי האָט איינגעפּאַקט אין א טישטוך חנהקעס בעטגע-וואַנט און וועש, עטלעכע טעלער און גלעזער אין די קישנס אריינ-געשטופּט, און ארויסבאגלייט די שוועגערין מיטן אינגל אירן צו דער באַן ארוים.

— פאָר געזונט, גריס נחמנען און שרייב בריוולעך — האָט

זי איר נאָכגעשריגן צום וויפילטן מאָל, געזעגענענדיק זיך און קושנדיק זיך.

מנשה האָט ארומגעטאפּט חנהקעס באַקן, מאַטעסעס העלזל, און שטילערהייט אריינגערוקט חנהקען אין האַנט אריין א פּאַפּירל מיט א פאָדים ארומגעבונדן, ווי ער האָט עס געטאָן ביי נחמנס אוועקפאָרן.

— כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גולדן אין גאַס, — האָט ער געמורמלט, — נעם עס, חנהקע, ס׳וועט דיר צונוץ קומען.

חנהקע האָט גלייך אין וואַגאָן אויפגעריסן דאָס פּאַפּירל און איבערגעציילט די צעקנייטשטע באַנקנאָטן. גאַנצע הונדערט גולדן איז געווען. מיט ווייבערישער אויסגערכנטקייט האָט זי זיי גלייך פארשטעקט אין בוזים. ניין, זי איז נישט געווען אזוי נאַריש, ווי איר מאַן ביי דער גרעניץ. זי האָט נישט אויסגעזאָגט די גרעניץ-לייט אין די גרינגע היטעלעך, אז זי פירט מיט זיך געלט. אזוי האָט זי אויך נישט געלאָזט רירן די עטלעכע קליידלעך, וואס זי האָט אויפגענייט פאַר זיך, דעם אינגלס איבערגעניצעטעווע אנ-צוגלעך און נחמנס שבתדיקן קאָסטיום און העמדער, וואס ער האָט איבערגעלאָזט אין שטוב ווען ער איז אוועק צו דער גרעניץ, און זי האָט זיי געפירט אים א מתנה. אלערליי זאַכן האָט זי איינגע-בונדן אין די טישטוכער און לײלעכער, פון קישנס און העמדער ביז א וואַלגער-האָלץ און א האַק-מעסער. זי האָט אויך דאָס קעפּל פון דער ניי-מאַשין פּרובירט אריינבינדן אין די פּעק, אבער די גרעניץ-באַאמטע האָבן עס דערטאַפּט און נישט דורכגעלאָזט, סיידן זי זאָל אָפּצאָלן דערפאַר א מטמון מיט צאָל. מיט ווייטאָג האָט חנהקע געזען ווי מען נעמט צו איר ניי-מאַשין, וואס האָט זי דער-נערט אין די שווערע טעג ווען דער מאַן איז געווען אין טורמע. אנשטאָט דער מאַשין האָט מען איר ארויסגעגעבן א קוויטל. פון דער גרעניץ אָן ביז מאָסקווע האָט זי נישט אָפּגעטראָטן פון די פּעק אין וואַגאָן, געהיט זיי ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי איז נישט גע-שלאָפן, זי האָט נישט ארויסגעקוקט דורך די וואַגאָן-פענסטער, כאָטש מאַטעסל האָט איר געצויגן ביים ארבל, זי זאָל זען דאָס נייע לאַנד. ווי א הון, וואס גייט נישט אראָפּ פון די אייער, וואס זי

וואַרמט אויס, איז זי נישט אַראָפּגעגאַנגען פון די פּעקלעך, איינ־געבונדענע אין לײַלעכער און טישטוכער.

ווען נחמן האָט זיין ווייב געבראַכט צו דער קאַזאַרמע, אַוועק־געלייגט די פּעק אויף דער אויבערשטער רייע און געהייסן איר זיך אַוועקזעצן אויפן בעטל, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— דאָ וועלן מיר וואוינען? — האָט זי געפרעגט.

נחמן האָט איר פאַרהאַלטן דאָס מויל מיט דער האַנט.

— חנהקע, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז אויף דערווייל. הער אויף וויינען, מענטשן וועלן הערן.

חנהקע האָט נישט געוואָלט אויפהערן וויינען. זי האָט אַרומ־געקוקט זיך אויף דער קאַזאַרמע, אויף דער אָרימקייט. מיט איר ווייבעריש אויג האָט זי גלייך דערטאַפּט יעדער ווינקל, דעם מושב, דאָס אָפּגעלאָזנקייט, און איר האָבן די טרערן צוגעשפּאַרט צו די אויגן. ווי יעדער פרוי האָט זי געוואָלט זיין אַליין, האָבן איר ווינקל. נחמן איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער. צוליב חנהקעס קומען האָט ער געקויפט אַ שטיקל פלייש אויפן מאַרק, פאַרוואָס ער האָט אָפּ־געצאָלט שיינע עטלעכע רובל. אויך ברויט האָט ער געקויפט, אַ הערינג, טיי אַביסל און צוקער. ער האָט מיט מאַנסבילשער אומגע־שיקטקייט געפּאָרעט זיך ביי דעם עסן און צוגעטראָגן צו זייניקע, כדי זיי איינצונעמען. חנהקע האָט זיך צום עסן נישט געוואָלט צורירן. זי האָט נישט אויפגעהערט ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל באַטראַכטן איר ווינקל און קלאָגן דאַרויף.

— וואו וועל איך מיך אַהינטאָן? — האָט זי געוואָלט וויסן.

אַפאַנאַסיעוו האָט זיך אַריינגעמישט. מיטן מאַכאָרקע־פּאַ־פּיראָס אין אָנצייניקן מויל, מיט די צעריסענע קאַלאָשן אויף די שיך, איז ער צוגעגאַנגען און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער וויינענדיקער חנהקע.

— דאָברא פּאַזשאַלאָוואַט! — האָט ער זי באַגריסט.

חנהקע האָט זיך פאַרשעמט. אַפאַנאַסיעוו האָט איר אָנגע־נומען ביי ביידע הענט און זי אַוועקגעזעצט ביי זיך אויפן בעטל, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער נחמנס בעט.

— טרערן שאַדן צו שיינקייט, חברטע, — האָט ער גע־

שפּאַסט, — אַ ווייבל דאַרף שמייכלען ווען זי קומט צו אַ מאַן ...
מענער האָבן קיין טרערן נישט ליב ...

חנהקע האָט גענומען שמייכלען דורך די טרערן. אַפאַנאַסיעוו האָט געקוואָלן.

— אָט אַזוי, שיינינקע, — האָט ער איר גענומען מאַכן קאָמפּלימענטן.

מיט געשיקטקייט האָט ער איינס און צוויי אַ קאַסטן אַרויפגעשלעפּט, אַ טישל דערפון געמאַכט און געהייסן נחמנען אוועקשטעלן דערויף דאָס עסן. חנהקע האָט אויפגעבונדן אַ פּאַק, אַרויסגעצויגן אַ טישטעכל און איבערגעדעקט דעם קאַסטן. פון אַ קנופּ טישטוך האָט זי אַ מעסער אַרויסגעקראָגן, עטלעכע לעפל. דאָס ווייסע טישטיכל, די עטלעכע לעפעלעך האָבן גלייך אַ יום-טובדיקייט אַריינגעברענגט אין דער פינסטערער קאַזאַרמע. מיט אַ פלינקן שאָס אין פלעשל האָט אַפאַנאַסיעוו זיין „ריקאַווקע" געעפנט און אוועקגעשטעלט אויפן טיש. פון אַלע זייטן האָבן זיך מענטשן אָנגעהויבן צושאַרן. ווייבער האָבן באַטראַכט די פרעמדע פרוי, געקוקט אויף אירע מלבושים. אַפאַנאַסיעוו האָט זיי געבעטן צום טיש.

— קומט אַהער, שכנים, ווען מיר אויסטרינקען לכבוד דער נייער שכנטע.

מיט פאַרזיכטיקע טריט זענען די מענטשן צוגעקומען. כאָטש חנהקע האָט אַ שלעכטן רוסיש גערעדט, מיט פּוילישע ווערטער געמישט, האָבן די ווייבער זי פאַרשטאַנען. זיי האָבן מיט גיריקייט באַטראַכט די פרעמדע קליידלעך אירע און באַוואונדערט זיי. זיי האָבן מיט מבינותדיקע פינגער אויסגעטאַפּט יעדער שטיקל סיטץ, יעדער ביליק בלוזקעלע, און געוועזן באַגייסטערט. אַפאַנאַסיעוו האָט געטיילט „ריקאַווקע". חנהקע האָט אויפגעבונדן דאָס פּעקל, אַרויסגענומען דאָס געבעקס, וואָס שיינדל האָט אָנגעבאַקן פאַר איר, און אוועקגעלייגט אויפן קאַסטן. דער עולם האָט באַטראַכט דאָס ווייסע ברויט, די פּלעצלעך, שטיקלעך די קינדער איינגעטיילט און געגעסן קליינע ביסן דערפון, ווי פון לעקעך.

— זע, ווייס ברויט — האָבן די קינדער זיך געפרייט.

די גאַנצע פּרעמדקייט, וואָס האָט פריער געהערשט צו נחמנען, דעם קאָמוניסט און שלאָגלער, איז פּלוצלונג אויסגערונען. די מענטשן האָבן גערעדט צו אים פריינטלעך.

— ביסט אַן אייגענער, חבר ריטער — האָבן זיי אים געזאָגט, פּאַטשנדיק אין פּלייצע.

ווען עס איז געוואָרן שפּעט, האָט אַפאַנאַסיעוו גענומען פון פּאָליצע דעם שעפּסענעם בלאָז אין וועלכן ער האַלט די מאַכאָרקע זיינע, דאָס פּלעשל, און געלאָזט זיך אוועקגיין פון קאַזאַרמע. נחמן האָט אים אָנגענומען ביים אָרבל.

— חבר אַפאַנאַסיעוו, וואוהין ?

אַפאַנאַסיעוו האָט געפּיפּעט געדיכט דעם רויך.

— האָסט א גאַסט — האָט ער געזאָגט — א ווייב, און איך וויל אייך נישט שטערן.

נחמן איז געשטאַנען אַן אָפּהענטיקער.

— אָבער וואוהין וועט איר גיין, חבר אַפאַנאַסיעוו ? — האָט ער געפרעגט.

— איך וועל מיר שוין מיין ווינקל אויסזוכן — האָט אַפאַנאַסיעוו געזאָגט און אריינגעשטופּט דאָס פּלעשל אין בוזים — איך דאַרף נישט קיין סך. א גוטע נאַכט.

חנהקע האָט ארויסגענומען א לײַלעך און פאַרהאַנגען איר ווינקל.

## קאַפּיטל צוויי-און-פערציק

יעדן טאָג אויפסניי האָט נחמן צוגעזאָגט חנהקען, אַז באַלד וועלן זיי קריגן א צימער פאַר זיך, אליין א צימער פון עטלעכע קוואַדראַט קלאַפטער שטח, ווי עס קומט א משפחה פון דריי מענטשן, און יעדן טאָג אויפסניי איז עס געבליבן ביים אַלטן — צו וואוינען אויף דער אויבערשטער רייע אין דער הינטערשטאַטישער קאַזאַרמע, אָפּגעטיילט מיט א לײַלעך. ווי פריער צום אויס-

לענדישן קאָמיסאַריאַט, איז נחמן געלאָפן טאָג-טעגלעך צו אמטן, אַרויסגענומען אַ וועלט מיט פּאַפּירן, אָן אַ שיעור אַנקעטעס אויסגעפּילט מיט דעם גאַנצן יחוס זיינעם, אַז ער איז אַן אַרבעטער, אַ שלאָגלער, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אַן אַנטלאָפענער פון אויסלאַנד, אָבער צו קיין ווינקל האָט ער זיך אַלץ נישט דערשלאָגן.

— קומט מאָרגן, חבר — האָט מען אים געזאָגט ביי די פענסטערלעך פון די אמטן, וואו ער איז שעהן לאַנג אָפּגעשטאַנען.

איינמאָל האָט שוין געהאַלטן אָט, אָט, ביי קריגן אַ שטוב אין אַן אַלגעמיינער וואוינונג, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז אונטערגעקומען אַ גרעסערער מיוחס מיט בעסערע רעקאָמענדאַציעס און האָט נחמנען די שטוב פון אונטער דער נאָז אַוועקגענומען. נחמן האָט זיך געשעמט אהיימצוגיין און ברענגען חנהקען די בשורה. זי האָט געלאַכט פון אים און זיינע טאָג-טעגלעכע הבטחות. זי האָט נישט געגלויבט אין אים, נישט אין אים און נישט אין די פירער זיינע.

— מען דאַרף שמירן, וועט עס גיין — האָט זי געזאָגט — אַזוי וועט מען דאָ מעגן פאַרפוילט ווערן אין דער קאַזאַרמע.

נחמן האָט עס נישט געקענט הערן. עס האָט אים נישט געאַרט אַזוי וואָס זי האָט גערעדט קעגן אים, ווי דאָס וואָס זי האָט נישט געגלויבט זיין לאַנד, דעם לאַנד פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך און אַליין געוואָרן די באַלעבאַטים פון לאַנד. פון דער פּאַרטיי-צייטונג זיינער האָט ער געוואוסט, אַז די בוי-אַרבעט אין לאַנד איז פילפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן און געשלאָגן דעם רעקאָרד פון אַניאָגן דעם פינף-יאָר-פּלאַן אין בלויז פיר יאָר. דאָס איז געווען באַשריבן שוואַרץ אויף ווייס מיט ציפערן, אַ סך ציפערן און דיאַגראַמעס. נחמן האָט געגלויבט אין די ציפערן פון זיין פּאַרטיי-צייטונג און געוויזן זיי חנהקען, זי זאָל אַליין זען און איבערצייגן זיך. אויך איז אין דער צייטונג געווען, אַז גאָר אינגיכן וועט מען אויסבויען הונדערטער הייזער אין שטאָט, גרויסע, קאָאָפּעראַטיווע, מיט אַלערליי איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן, מיט אַלגעמיינע וועשערייען, קיכן, בעדער,

קלובן. דער פּלאַן איז שוין געווען אָנגעצייכנט, אפילו א מוסטער פון די הייזער איז געווען אויסגעמאָלט אין דער ציטונג, מיט בוימער, בלומען, שפּיל-פּלעצער פאר קינדער.

— זע, חנהקע, — האָט נחמן געוויזן איר — זעסט דאָ, דאָס וועט זיין דער שפּיל-פּלאַץ, וואו מאָטעלע וועט זיך שפּילן.

חנהקע האָט נישט געוואָלט קוקן אין דער ציטונג. זי האָט בעסער גערעדט מיט די שכנטעס פון דער קאַזאַרמע. שטילערהייט, מיט א שלעכטן רוסיש, מיט פּוילישע ווערטער געמישט, איז זי דער-גאַנגען ביי די שכנטעס, אַז אויב מען האָט צו באַצאָלן אָפּטרעט-געלט, א טויזנט רובל, קען מען קריגן א ווינקל פאר זיך. נישט איינער פון די „וואַנצן", וואס קריגן נייע וואוינונגען אין די קאָ-אָפּעראַטיוון, פּאַרקויפט פאר גוט געלט זיין פריערדיקע שטוב. אַנ-דערע ווידער טרעטן אָפּ א קעמערל אין זייערע וואוינונגען, ווען זיי האָבן מיט א צימער מער. אויך א סך פון די הויז-פאַרוואַלטער לאָזן צו זיך רעדן, ווען מען שמירט אונטער. מען דאַרף נאָר האָבן מיט וואָס. פּונקט אַזוי האָט חנהקע זיך דערוואוסט, אַז נאָר נאַראָ-נים טוישן אוים אויסלענדיש געלט אין די רעגירונגס-בענק. קלוגע מענטשן ווייסן פון אַזעלכע, וואס צאָלן גוט פאר אויסלענדיש געלט, פּופּציק מאָל אַזויפיל וויפיל די בענק צאָלן. פאַראַן מענטשן אַזעלכע אין שטאָט, א סך זענען זיי דאָ, דורך קאַנטשאַפּט קען מען זיי קריגן. חנהקע האָט די עצות פון די ווייבער גענומען אין קאָפּ אריין און אָפּגעמאַכט אליין עפּעס צו טאָן, כדי אַרויסצוקריגן זיך פון דער קאַזאַרמע. שטילערהייט, אָן צו דערציילן נחמנען א וואָרט, ער זאָל איר נישט שטערן, האָט זי אויסגעביטן ביי איינעם א מענטש איר ביסל פּוילישע גולדנס, וואס זי האָט געהאַט פאַר-שטעקט אין בוזים, איר אייגן ביסל געלט, וואס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון נייען, אויך די הונדערט גולדן, וואס מנשה האָט איר דער-לאַנגט איינגעפּאַקט אין א שטיקל פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט פאָדים. זי האָט דערפאר געקראָגן א גאַנצן פּאַק מיט רובלס, אין גרעסערע באַנקנאָטן. מיט דעם געלט אין בוזים האָט זי גענומען אָנשמעקן דורך מענטשן וועגן אָפּקויפן א ווינקל, און זי האָט אָנגעשמעקט. ווייט פון שטאָט, היפּש פאַרוקט שוין, וואו פאַרקאַנעס ציען זיך

און קוימענס פון פאבריקן פארויכערן די שטיקלעך גראָז, וואָס רייסן זיך דורך די שלעכט-געפלאַסטערטע שטיינער, האָט זי אַ ציי־מערל אין אַ הויז אָפּגעקויפט און געלאָזט עס איבערשרייבן אויפן מאַנס נאָמען.

נחמן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען חנהקע האָט אים אָפּגעגעבן מזל־טוב צוליב דעם אייגענעם ווינקל, וואָס זי האָט געקראָגן.

דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט דערגרייכן מיט דעם שלאָג־לער־ביכל, מיטן פּאַרטיי־בילעט, מיט אַלע רעקאָמענדאַציעס און באַמיאונגען, האָט זי דערגרייכט מיט געלט, מיט אונטערשמירן.

— נו, בריה מיינער — האָט חנהקע געפרעגט מיט נצחון — אַז מען שמירט, גייט, האַ?

נחמנען האָט נישט געאַרט וואָס זי מאַכט חוזק פון אים, וואָס זי האַלט אים פאַר אַ שלימאַזעל, אַ טויגעניכטס. אָבער מיט דעם חוזק איבער אים, האָט מען געמאַכט חוזק פון דעם לאַנד, פון זיין לאַנד, האָט מען געשפּאָט פון זיין אָרדנונג, זיין פּאַרטיי, זיין פּאַר־טיי־צייטונג. ערגער איז געווען דאָס, וואָס ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דערויף. נישט האָבנדיק וואָס צו ענט־פערן מיט שכל, האָט ער געענטפערט מיט פרומקייט:

— חנהקע מען טאָר אַזוי נישט רעדן, ביסט אַ ווייב פון אַ פּראָלעטאַריער, פון אַ קאָמוניסט.

חנהקע האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— קום בעסער מיט מיר אַרויס צום מאַרק, וועט מען קויפן אַ פּאָר גראַטעס אין שטוב אַריין — האָט זי געזאָגט.

נחמן איז געגאַנגען מיט אַ שווער געמיט. דער מאַרק האָט גע־האַט אַ שלעכטן נאָמען צווישן די קאָמוניסטן. דאָס איז געווען אַ שוואַרצער פלעק פון דער אַלטער ספּעקולאַנטישער וועלט אויפן רויטן פּאָן פון דער נייער וועלט, דער פּראָלעטאַרישער און אונאייגענ־ניציקער. ער האָט חשק געהאַט איינקויפן אין קאָאָפּעראַטיוו. אָבער חנהקע האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט שוין געזען, אַז פון די אַלע אָפיציעלע ערטער וועט זי גאָרנישט דערגרייכן, אַ חוץ קוויטלעך און לויפעניש. און זי איז אַרויס אויפן מאַרק, אויפן

אַלטן גוטן מאַרק, וואו מען קען האַנדלען און דינגען זיך און אויס־קלייבן וואָס מען וויל. זי האָט איינגעהאַנדלט אַן אַלט בעט פֿאַר זיך, אַן אייזערן בעטל פֿאַר מאַטעסלען, אויך אַ טישל און צוויי בענקלעך. אַפּילו אַ ביסל קאַלך און אַ בערשטל האָט זי דערטאַפּט ביי די הענדלער, כדי אויסצוקאַלכן דאָס שטיבל. כאָטש מיט ווייניק רוסיש, מיט מער רעדן מיט די הענט ווי מיטן מויל, האָט זי זיך גוט אויסגעדונגען מיט די מענטשן אויפֿן מאַרק, דערלייגט, אַוועק־געגאַנגען, צוריקגעקומען, ביז זי האָט אויסגעציילט דאָס געלט פֿון בוזים אַרויס. נחמן האָט זיך צוגעקוקט אַ שווייגנדיקער. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער בריה אין מסחרים, נאָך אין די צייטן ווען ער פֿלעגט גיין זיך קויפֿן אַ געניצטן אַנצוג אויף דער וואָלאָווע אין וואַרשע. נאָך ווינציקער איז ער עס געווען איצט.

דער מאַרק האָט געקאָכט פֿון האַנדל, דינגעניש און רייסעניש. אַלטע און יונגע, מענער און ווייבער, קינדער אַפּילו, זענען געזעסן, געשטאַנען, אַרומגעדרייט זיך, געשטויסן זיך יעדער מיט זיין סחורה און פֿאַרמעגן. מען האָט דאָ פֿאַרקויפֿט ברויט און מילך, פּאַראַס־טעט אייזן און אַלטע שיך, צעריסענע העמדער און גראַמאָפֿאָנען. אַ חוץ די קרעמער מיט זייערע שטעלן אויף דער ערד, האָבן איינ־צעלנע מענטשן אַרומגעטראָגן זייערע זאַכן פֿון שטוב, ווער אַ קישן אַן אויסגעפֿלעקטס, ווער אַ פּאָר קאַלאָשן, ווער אַ פּאָר קלעצלעך צוקער אין אַ טאָרבעלע, ווער אַ שטיקל פֿלייש אויסגעלייגט אויף דער האַנט, ווער אַ פֿלאַש בוימל אָדער אַ ביסל געטריקנטע פֿיש. שוס־טערס לאַטוטניקעס האָבן פֿאַרקויפֿט שטיקלעך לעדער, אויסגעדאַרטע פּאָדעשוועס. סטאָליאַרעס האָבן שענקלעך אַרומגעטראָגן אויף די פּלייצעס, פּאָליצקעס. אָפּגעריסענע מענטשן האָבן אויפֿן אָרט אויס־געטאָן פֿון זיך די שמאַטעס, פֿאַרקויפֿט זיי צו אַנדערע און אַליין אָנגעטאָן אַנדערע שמאַטעס, געקויפֿט ביי אַנדערע הענדלער. עפּעס אַן אַלטע פֿרוי איז צוגעשטאַנען צו נחמנען, ער זאָל דורכאויס קויפֿן ביי איר אַ פֿוטערן קראַגנדל, וואָס האָט געציילטע פֿאַרבליבענע האָר געהאַט אויף זיך, אַ זכר פֿון אַ האָז. ווייבער מיט פֿלעצלעך, מיט פּיראָגן, וואָס שמעקן אונטער, מיט קאַרטאָפֿל געבראָטענע, בעטלערס, גנבים, דאַכלאָזע קינדער, אָפּגעפּאַרענע מאַנאַכן אין לאַנגע צעריי־

סענע זשיפּיצעס, אַלע האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן, געהאַנדלט, גערופן, געבעטלט, געשריגן.

— קויפט, בירגער, קויפט חברים! — האָבן די קולות זיך געמישט איינס אין אַנדערן. מיליציאָנערן האָבן זיך אַרומגעשאַרט צווישן עולם, געשמעקט, געיאָגט, געטריבן.

נחמן האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף די מענטשן אויפן מאַרק פיינט האָבן, פאַראַכטן. אַזוי האָט געהייסן די פּאַרטיי־צייטונג זיינע. נישט איינמאָל האָט מען דאָרט געשריבן קעגן אָט די לייט. די גנבים און ספּעקוליאַנטן, וואָס פאַראומרייניקן די רויטע הויפּט־שטאָט. אָבער ער האָט נישט געפילט קיין שנאה צו זיי. אַ דלות איז געלעגן אויסגעלעגט אויף די פּנימער פון די מענטשן, אַ דער־שלאָגנקייט. זיי האָבן גאָרנישט אויסגעזען ווי אויף די קאַריקאַטורן אין די זשורנאַלן. זיי האָבן דערמאָנט אָן די אָרעמעלייט אויף דער נייער וואָלעווע אין וואַרשע, וואָס קומען פאַרקויפן זייער דלות. יעדער מאָל, וואָס די מיליציאָנערן האָבן זיך געוויזן, זענען זיי זיך צעלאָפן אין שרעק. זייער לויפן, זייער שרעק אין די אויגן האָט נחמנען דערמאָנט אין שיינדלען זיין שוועסטער, ווי זי פלעגט לויפן מיטן קויש געבעקס אין מורא פאַר די אָרדנונג־האַלטער.

אַ דאַרער קוטשער מיט אַ שיטער בערדל, אָנגעטאָן אין אַן אַלטער, אָפּגעשאָסענער בלויער קאַפּאָטע, אויסגעבעט שטאַרק אין הינטן, איז צוגעפאָרן מיט זיין פגירהדיק פערדל און פאַרגעלייגט אוועקפירן די זאַכן.

— וויפיל וועט איר ווען, פעטערל? — האָט חנהקע אים גע־פרעגט.

—אַ פינף־און־צוואַנציקער, מומעלע — האָט דער קוטשער געבעטן.

חנהקע האָט געלאַכט.

— איר זענט נישט ביים קלאָרן זין, פעטערל — האָט זי גע־זאָגט. — אַ צענערל!

דער קוטשער האָט געשריגן מיט אַ דין ווייבעריש קולכל, ווי מען וואָלט פון אים די הויט געשונדן לעבעדיקערהייט. פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אָפּגעריסענער פאַרשוין מיט אַ האַנט־

וועגעלע, און איינגעגאַנגען פֿאַרן פֿאַר א צענערל. דער קוטשער האָט נאָך העכער געשריגן.

— דו ביסט א חכם, בירגער, ווייל דו שלעפּסט אליין. פּרוביר האַלטן א פערדל און קויפן האָבער, וועסטו זען צי דו וועסט קענען נעמען א צענערל.

דער מאַן מיטן האַנט־וועגעלע האָט ארויפגעלייגט די זאַכן און פאַרבונדן מיט שטריק. וואָס ער האָט אראָפּגענומען פון די לענדן.

נחמן איז נאָכגעגאַנגען דעם מענטש מיטן וועגעלע, פון גאַס צו גאַס, איבער דער גאַנצער שטאָט און אויסגעהערט דעם מענטש־פערד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן א ווײַלע. אַן עלטערער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט א ברייטן געשטעל ביינער פון אַן אמאָ־ליקן גיבור, אויף וועלכן עס איז בלויז די הויט געבליבן, אַן אָפּגע־ריסענער, מיט זעק אויף די פיס, מיט געלעכערטע מלבושים, דורך וועלכע א שמוציק לייב האָט ארויסגעקוקט, איז דער מענטש גע־גאַנגען געבויגן אין שפּאַן און דערציילט פון זיין אָרעם לעבן. ער האָט אַרבעט, עס פעלט אים נישט. ער רעכנט ביליגער פון די באַלעגאָלעס און מענטשן דינגען אים. אָבער ברויט איז טייער. קיין קאַרטן־ברויט קריגט ער נישט, ווארים ער איז נישט קיין פאַב־ריק־אַרבעטער, נאָר א מענטש אָן רעכט. אַלץ מוז מען קויפן אויפן מאַרק און יעדער זאַך איז מיט גאָלד צוגלייך. פון א העמד אָדער א פּאָר הויזן קויפן איז אָפּגערעדט.

— זעט חבר, ווי איך גיי, — האָט ער געוויזן אויף זיך.

מען איז אַרוים אין צענטער שטאָט, דורך די אויסגעפּוצטע גאַסן. אין שוי־פענסטער זענען סחורות געשטאַנען אַרויסגעשטעלט, פּאַרפומען, צירונג אפילו. באַאַמטע זענען געפאָרן מיט דראָשקעס. שאָפערן האָבן מיט אויטאָמאָבילן געטריבן און געפּייפט. פענער האָבן געהאַנגען איבער הייזער. ראַדיאָ־הילכערס האָבן געדונערט פרייליכע בשורות. מיליציאָנערן האָבן געקוקט מיט בייזע אויגן אויף דעם מענטש אין האַנט־וועגעלע, וואָס שטערט דער באַוועגונג פון די הויפּט־גאַסן. דער מענטש אין וועגעלע איז געגאַנגען גע־בויגן אין שפּאַן און נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן זיין לעבן. נחמן האָט געפילט יעדעס וואָרט ווי א נאָדל אין זיין לייב. פּונקט

אזוי פלעגן אין ווארשע פארן אייזערנעם טויער גיין די טרעגערס אין שפאן, געבויגן אין יאך. געוואוינט צו אויפקלערן, האט ער פרו־בירט מוסרן דעם מענטש אין װעגעלע.

— פארוואס גייט איר נישט ארבעטן, חבר, אין א פאבריק? — האט ער געפרעגט. — מען דארף האבן ארבעטער.

דער מענטש אין װעגעלע האט דערציילט א מעשה, וואס נחמן האט זי שוין נישט איינמאל געהערט.

ער קען נישט קריגן קיין ארבעט, ווייל ער איז א פרעמדער, נישט געמאלדן; ער קען זיך נישט מעלדן, ווייל ער האט נישט קיין וואוינונג; ער קען נישט קריגן קיין וואוינונג, ווייל ער איז נישט געמאלדן; ער קען זיך נישט מעלדן, ווייל ער האט נישט קיין ארבעט.

— און וואו שלאפט איר, חבר? — האט נחמן געוואלט וויסן.

— וואו עס לאזט זיך, — האט דער מענטש אין װעגעלע געזאגט. — אמאל אין גאס, אמאל אין א הויף, אין א שטאל ביי א קוטשער.

נחמן האט ווידער פרובירט דעם מענטש אין װעגעלע מוסרן.

— פארוואס זענט איר אוועק פון אייער שטאט, חבר? — האט ער געפרעגט מיט פארדאכט.

— ווייל איך האב קיין ברויט נישט געהאט. דא קען איך כאטש מיין ברויט אויסארבעטן.

ווידער האט נחמן געוואוסט, אז ער דארף וועגן אט די מענטשן נישט טראכטן. שעדיקער זענען זיי, אנטלויפן פון די פאבריקן, מאכן ענג אין דער הויפט־שטאט, שטערן דער אינדוסטריע. דורך זיי קען מען נישט אניאגן און איבעריאגן די קאפיטאליסטישע לענדער, ווי דער פלאן איז. זיי זענען ווערט אלע שטראפן. אבער ווידער עפעס האט ער נישט געקענט זיין אין כעס אויף אט דעם גיבור אין שמאטעס, וואס איז ווי א פערד געגאנגען אין שפאן איבער די לאנגע מאסקווער גאסן. ווי א שקלאף האט ער אויסגעזען, א גרויסער צעוואקסענער שקלאף, וואס פארשווארצט די שיינע גאסן און די איילנדע מענטשן מיט פארטפעלן מיט זיין אפגעריסנקייט

און חשבות. דער פֿאָטער זיינער איז אים פּלוצלונג געקומען אויפֿן זכרון.

ער האָט דעם מענטש געגעבן מיט א רובל מער ווי חנהקע איז מיט אים מושוה געוואָרן.

שעהן לאַנג האָט חנהקע געדרוקט די בעטן מיטן טישל און בענקלעך פֿון איין זייט צו דער צווייטער און אַלץ נישט געקענט איינשטעלן דאָס ביסל זאכן. ווי זי האָט נישט איינגעשטעלט, איז אַלץ געווען ענג. דורך אַלע ווענט פֿון דער אַלגעמיינער וואוינונג האָט געהילכט און גערוישט. קינדער האָבן געוויינט, פֿאַר־פֿעלקער האָבן זיך געקריגט. אין דער אַלגעמיינער קיך, וואָס איז געווען באַ־לייגט מיט פּעק, קאַסטנס, פֿארשטויבט און פֿארחושכט, האָבן אַ סך ווייבער זיך געשטופּט אַרום דער איינציקער פּליטע און געפּאָמפּעט זייערע פּרימוס־מאַשינקעס. אַ געשטאַנק פֿון נאַפֿט האָט זיך גע־האַלטן אַרום די שמוציקע ווענט. חנהקע האָט איר מאַשינקע אָנ־געצונדען און פּרובירט אויך אַריינשטופּן זיך צווישן עולם. די ווייבער האָבן געקוקט אויף איר מיט כעס.

— מיין נאָמען איז ריטער, — האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט.

די ווייבער האָבן איר נישט געענטפֿערט.

— פֿון פּוילן קום איך, — האָט זי געזאָגט, אבי עפּעס צו רעדן צו די מענטשן, וואָס קוקן קרום אויף איר.

— טאָמער איז ווייניק ענג, דארפֿן נאָך קומען פֿרעמדע, — האָט אַן עלטערע פֿרוי געברומט.

— שאַ, איר מאַן איז אַ קאָמוניסט, — האָט איינע, אַ יונגע, אַ מורמל געטאָן פֿון אַ זייט.

חנהקע האָט אַריינגעשטופּט איר מאַשינקע צווישן אַלע אַנ־דערע. די ווייבער זענען נישט אָפּגעטראָטן פֿון די מאַשינקעס, מורא געהאַט אויף אַ ווײַלע איבערצולאָזן דאָס עסן אין די טעפּלעך. די אַלטע, וואָס האָט פֿריער געריידט וועגן פֿרעמדע, האָט זייטיק אַ בליק געטאָן צו דער נייער אין טעפּל. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט דערזען פֿלייש, אָבער זי האָט בלויז געזען אַ ביסל קאַרטאָפֿל און זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף חנהקען.

— רוקט זיך צו, בירגערין, — האָט זי געזאָגט און געמאַכט פאַר איר אָן אָרט.

נחמן האָט איינגעשטעלט די זאַכן און געזוכט א טשוועקל, וואו אריינצוקלאַפּן אין דער וואַנט דעם פּאָרטרעט פון פירער, וואָס ער האָט אויסגעשניטן פון א צייטונג.

אונטער דעם פּאָרטרעט איז געווען אָנגעשריבן דעם פירערס נייסטער לאָזונג וועגן טעמפּאָ.

## קאַפּיטל דריי-און-פערציק

א שטיק פאַרטאָג הויבט זיך חנהקע אויף פון איר געלעגער צו איר טאָג ארבעט.

זי האָט א סך ארבעט צו טאָן, אויסצוקומען מיטן טאָג. ערשטנס, דאַרף זי וואַרטן אין דער רייע א היפּשע צייט ביז זי דער־שלאָגט זיך צום קראַן וואַסער, אָפּצואוואַשן זיך; צווייטנס, דאַרף זי אויפבלאָזן די פּרימוס־מאַשינקע ביי דער אַלגעמיינער קיך און מאַכן א ביסל טיי. צום וויפילטן מאָל גיסט זי היים וואַסער אויף די אייגענע טיי-בלעטלעך, וואָס זי האָט שוין געניצט נעכטן, אייער־נעכטן און אייער־אייער נעכטן, ארויסצוקריגן פון זיי א טריבן, געלבלעכן קאָליר. זי צעברעקלט א שטיקל צוקער, וואָס זי האַלט באַהאַלטן אין א זעקעלע, מאַכט קליינע פּיצעלעך דערפון. זי שניידט אָן מוציאס ברויט און טיילט איין אָנביסן נחמנען און זיך. זי קערט צו דאָס שטיבל, דאָס ענגע און אָנגעשטעלטע, קריכט מיטן בעזים אונטער די בעטן, רייניקט און וואַשט. דערנאָך טוט זי זיך אָן, פאַרקעמט זיך ביים קליינעם שפּיגעלע, וואָס זי האָט מיטגע־בראַכט פון וואַרשע, בינדט ארום א טיכל ארום קאָפּ, ווי אַלע ווייבער טראָגן, און לאָזט זיך צו דער ארבעט מיט א קוישל אין דער האַנט. דאָס קוישל טראָגט זי מיט זיך גרייט, טאָמער מאַכט זיך, אז מען וועט געבן עפּעס אין דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם.

פארן אוועקגיין ליגט זי אוועק לעבן מאַטעסלס בעטל א גרע-סערע מוציא ברויט. ביז צו דער שול האָט ער נאָך גענוג צייט. חנהקע וויל אים נישט וועקן אזוי פרי, און זי גרייט אים אלץ אָן ביים בעט, ער זאָל האָבן וואָס צו עסן, ווען ער וועט זיך אויפ־כאַפּן. אין די ערשטע טעג פון חודש, ווען עס איז דאָ געלט אין שטוב, קויפט זי אים אויך א ביסל מילך; אָבער שפּעטער קען זי עס נישט טאָן. אין קאָאָפּעראַטיוו איז קיין מילך נישטאָ, כאָטש עס איז דאָ א טאַלאָן דערויף אין דער שפּייז־קאַרטע. מען דאַרף קויפן אויפן מארק, און די פּויערטעס הייסן זיך גוט באַצאָלן פאַר א פלעשל מילך, צוויי רובל און אפילו מער. און חנהקע לאָזט אים דערפאַר איבער טיי, וואָס זי צוקערט אָפּ מיט גאַנצע צוויי שטיק-לעך צוקער. אמאָל קריגט זי אויך אביסל מאַרמעלאַד, שלעכטע און אונטערגעשימלטע, אָדער א צוגעפּרוירענעם עפּל, וואָס זי לייגט צו דעם אינגל צום ברויט.

— שלאָף, אוצר, — מורמלט זי צום אינגל און קושט אים לייכט אין קאָפּ, זי זאָל אים נישט אויפוועקן פון שלאָף.

זי פאַרשפּאַרט אומרואיק די טיר, קיינער זאָל זיך נישט אריינ-כאַפּן און עפּעס ארויסטראָגן, און זי איילט צו דער טראַמוואַי־סטאַנ-ציע, כדי באַצייטנס צוצוקומען צו דער קליידער־פאַבריק, וואו זי ארבעט. א שטיקל וועגס גייען מאַן און ווייב צוזאַמען, דערנאָך צעגייען זיי זיך אין זייערע וועגן, יעדער גייט אין אַן אנדער ריכטונג צו דער ארבעט.

— ווען וועסטו קומען אהיים, נחמן? — פרעגט חנהקע ביי איר מאַן.

— ווי נאָר איך וועל ווערן פריי, חנהקע, — ענטפערט נחמן.

חנהקע כאַפּט זיך אריין אין געדיכטעניש אין טראַמוואַי און שאָקלט מיט ביידע שפּיצן פון פאַרבונדענעם טיכל.

— קום פריער, מאַטעסל וויל דיך זען, — שרייט זי נאָך.

זי ארבעט ביי איר פאַך, ביי נייען קליידער; נישט ביי אויפ־נייען גאַנצע קליידער, ווי אין דער היים, נאָר ביי אויספּאַרטיקן קליידער. צוזאַמען מיט הונדערטער אנדערע ווייבער זיצט זי אין דער פאַבריק ביי איר מאַשין, וואָס גייט אויף עלעקטריע, און יאָגט.

די אַרבעט איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז מען קען זיך נישט אָפּשטעלן, איינער יאָגט דעם אַנדערן, אַז נישט שטעלן זיך אַלע אָפּ. איבער די ווענט הענגען, ווי אין אַלע פאַבריקן, גרויסע לאָזונגען, אַז מיט טעמפּאָ וועט מען אָניאָגן און איבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און מען וועט דעם פינף־יאָר פּלאַן דערגרייכן אין פיר יאָר. אונטער די לאָזונגען גייט אַ ספּעציעלער לאָזונג, אַ גרויסער און אַ רויטער, אַז די רעוואָלוציע האָט באַפרייט די פרוי פון איר פאַרשקלאַפונג. חנהקע האָט אים, דעם אויפשריפט, גלייך אין די אויגן אַנטקעגן איר נײַ־מאַשין, אָבער זי פילט נישט איר באַפרייאונג.

כאָטש זי האָט אויך אין דער היים קיין האָניק נישט געלעקט, געאַרבעט שווער און ביטער אויפן שטיקל ברויט, פאַלט איר דאָ שווערער אויס איר לעבן.

ערשטנס, האָט זי געאַרבעט דאָרט ביי זיך אַליין, אין דער שטוב געזעסן ביי דער מאַשין און געקאָנט טאָן שטוביקע אַרבעט אויך. זי איז געווען מיטן קינד, צוגעזען אים, געגעבן אים עסן, און געווען אַ בלעבאָסטע איבער זיך אַליין. דאָ מוז זי לויפן אין פאַבריק, איבערלאָזן די שטוב. אפילו געזעגענען זיך רעכט מיטן קינד קען זי נישט, ווען זי גייט אַוועק באַלד אין דער פרי צו דער אַרבעט. איר האַרץ ווייטאָגט איבער דעם בן־יחיד אירן יעדן מאָל, וואָס זי לאָזט אים אַליין. זי קען נישט רואיק איינזיצן ביי דער מאַשין דערנאָך.

צווייטנס, איז זי מיד פון צרות און אַרבעט פאַר די פילע יאָרן, וואָס זי האָט זיך אַליין געמאַטערט אויסצוהאַלטן זיך און דאָס קינד, פאַר דער צייט וואָס נחמן איז געווען הינטערן שלאָס. זי האָט די גאַנצע צייט געגאַרט נאָך אַ ביסל מנוחה, אָפּצורוען זיך פון זיצן איבער דער מאַשין, לעבן אַ היימיש לעבן פון אַ מוטער און באַלעבאָסטע. עס איז איר געקומען אַ ביסל רו, האָט זי געוואוסט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון פיין און עלנד. און איר פאַלט שווער אויס די אַרבעט אין פאַבריק. זי איז נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ אַרבעט, צו אַ שנעלער און מאָנאָטאָנער; דערצו קען זי נישט יאָגן אַזוי גיך, ווי די אַנדערע אַרבעטערנס, ביי דער מאַשין. יונגע זענען זיי,

מערסטנס, מיט אַלע כוחות נאָך. זי איז פֿאַרעלטערט פֿאַר דער צייט, מיד, און קען נישט מיטהאַלטן מיטן יאָגעניש. זי איז טאַקע דערפֿאַר אין אַ נידעריגער קאַטעגאָריע, קריגט אַ מאָגערן לוין און איר קומט אָפּט אויס צו הערן מוסר פֿון די אויפֿזעער פֿאַר נישט אָניאָגן די אַרבעט, ווי די לאָזונגען אויף די ווענט הייסן.

דריטנס, איז אויך נאָך דער אַרבעט האָט זי נישט קיין מנוחה אין הויז. ווי נאָר זי קומט אַהיים פֿון דער אַרבעט, מוז זי זיך אַוועקשטעלן אין די רייען פֿאַר די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען מיטן קוישל אין דער האַנט. נאָך יעדער קלייניקייט מוז מען שטיין אין דער רייע, נאָכן ברויט, נאָכן ביסל ספּירט פֿאַר דער פּרימוס־מאַשינקע, נאָך קאַרטאָפֿל, נאָך אַ ביסל בוימל אויף צו באַשמעלצן עפּעס, נאָך אַ ביסל זויער־קרויט, נאָך אַ נאָדל אַז מען דאַרף, נאָך אַ דרים פֿאָדים, אפֿילו נאָך אַ בעזים אויסצוקערן די שטוב. שעהן שטייט מען אָפּ אין די רייען, אין קעלטן און אין היצן, אונטער דער זון און אין רעגנס. די מענטשן אין די רייען זענען בייז, מיד, אויפֿגערעגט און טשעפּן זיך איינער צום אַנדערן פֿאַר יעדער קלייניקייט. מען לאָזט אויס דעם כעס צו זיך קעגנזייטיק. מער נאָך אין כעס איז מען, ווען מען שטייט שעהן אומזיסט און מען גייט אַוועק מיטן אייגענעם ליידיקן קוישל, מיט וועלכן מען איז געקומען. אין די רעגירונגס־מאַגאַזינען איז יאָ פֿאַראַן אַלץ, זיי זענען אָנגעשטאָפּט מיט אַלדאָס גוטס; אָבער אין יענע קראָמען קאָסט טייער, מער ווי דאָפּעלט ווי די פּרייזן זענען אין די קאָאָפּעראַטיוון. חנהקע קען עס זיך נישט פֿאַרגינען דאָרט צו קויפֿן. ווען זי ווערט פֿאַרטיק מיט די רייען, דאַרף זי טאָן עפּעס אין שטוב. חנהקע האָט ליב די שטוב-אַרבעט, מער פֿון אַלץ איז איר די שטוב־אַרבעט צום האַרץ. דאָס דערמאָנט איר אָן דעם, אַז זי איז אַ באַלעבאָסטע. זי האָט ליב דאָס ראַמען און קערן, קאָכן און פֿאַריכטן. אָבער אַלץ איז שווער דאָ, אַנדערש ווי זי איז יאָרן־לאַנג צוגעוואוינט געווען. זי קען נישט אַליין אין איר ווינקל אָפּקאָכן דאָס ביסל עסן, נאָר שטויסן זיך אַרום דער אַלגעמיינער קיך צווישן די ווייבער, אַזוי אַז יעדער זאָל איר סוקן אין טעפּל אַריין. קיין זייף אויסצוואַשן אַ וועש איז נישטאָ. דאָס שטיקל זייף, וואָס מען קריגט שוין יאָ, איז געמיין, זייפֿט

נישט. די העמדער קומען ארויס שווארץ. די מאכלים, וואָס זי קאָכט, זענען איינטאָניק און געמיין. גאָרנישט איז דאָ מיט וואָס עפּעס צו באַשמעלצן, אויסער דעם בוימל, וואָס ברענט אויפן הארץ. זי קומט גאָר מיטן טאָג נישט אויס, חנהקע. די קליינלעכע ארבעט, דאָס כסדרדיקע וואָרטן, פּלאָנטערן מענטשן זיך אונטער די פיס, דאָס שטענדיקע קאָמבינירן ווי אזוי אויסצוקומען, פארמאטערט, מאכט די ארבעט אַ סך שווערער און נודנער ווי זי איז. זי קען איר מאטעסלען נישט זען פאר די אויגן, אזוי איינגעשפּאַנט אין יאָך איז זי. ערגער פון אלץ איז דאָס, וואָס אפילו אין אָוונט, ווען זי ווערט שוין יאָ פּארטיק מיט איר ארבעט, איז זי אַליין. אויף אַ ווינקל טיש עסט זי מיטן קינד אָפּ איר מאָגערע שפּייז, אָן פרייד און אָן אַ וואָרט אויסריידן מיטן מאַן אירן.

ער קומט זעלטן אַ היים, נחמן. ער קען גאָר פון דער ארבעט נישט ארויסקריכן. כאָטש ער ארבעט בלויז זיבן שעה אַ טאָג אין פאבריק, קען ער נישט אהיימגיין צו זיך אין שטוב. עטלעכע מאָל אין וואָך דאַרף ער גיין אויף קורסן אין דער פּאָליטישער שול, ווי יעדער געטרייער ארבעטער און פּארטיי־מענטש. אַ סך זאַכן לערנט מען דאָרט: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון דער רעוואָלוציע, אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק און אַלערליי אנדערע זאַכן, צו וועלכע מען דאַרף צוליגן קאָפּ. אין פאבריק קומען אויך פאַר פארזאמלונגען אָפטע, אויף וועלכע חברים פון דער אדמיניסטראַציע האלטן רעפעראַטן וועגן דעם פינף־יאָר פּלאַן, וואָס מען דאַרף אָניאָגן אין פיר יאָר. אַלערליי באריכטן ווערן געלייענט און רעזאָלוציעס ווערן אָנגענומען. חבר נחמן לאָזט נישט דורך קיין איין פארזאמלונג. פּונקט אזוי לאָזט ער נישט דורך די פּראָפעסיאָנעלע פארזאמלונגען, כאָטש זיי חזרן איבער כמעט וואָרט אין וואָרט דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אויף די אַלגעמיינע פארזאמלונגען, אלץ וועגן דעם טעמפּאָ, מיט וועלכן מען וועט אָניאָגן און איבעריאָגן די קאפּיטאַליסטישע לענדער, און וועגן דעם פינף־יאָר פּלאַן, וואָס מען וועט אויספירן אין פיר יאָר. אויך האָט ער בייצואוווינען די פּארטיי־פארזאמלונגען פון קאָמוניסטישן קעמערל ביי דער ברויט־פאבריק. נחמן איז זייער געהויבן ביי זיך, וואָס ער געהער צו די, וואָס נעמען

אנטייל אין אַט די פּאַרטיי־פּאַרזאַמלונגען. געשלאָסענע זענען זיי, די פאַרזאַמלונגען פון קעמערל, און די חשובסטע מענטשן פון דער פאַבריק געהערן צו זיי. נישט נאָר די חברים פון פאַבריק־קאָמי־טעט, פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, נאָר אפילו אליין דער דירעק־טאָר פּאָדאָלסקי קומט צו יעדער באַראַטונג. וויכטיקע זאַכן ווערן באַרירט. נחמן פילט זיך שטאָלץ, וואָס ער, דער בעקער פון פאַרן אייזערנעם טויער אין ווארשע, געהער צו די, וואָס פירן אָן מיט דעם גרויסן לאַנד, וואָס ער ווערט צוגעלאָזט צו די באַראַטונגען, וואָס זענען פאַר פילע אַנדערע געשלאָסן.

צו די אַלע פאַרזאַמלונגען קומען נאָך צו אַלערליי אַנדערע אַרבעטן, וועלכע נחמן נעמט אויף זיך. ער איז דער ערשטער אַרויס־צופאָרן אויף „סובאָטניקעס", אויסצולאָדן האָלץ פון וואַגאָנען, אַרויסצוגיין אין די דערפער העלפן אין דער ערד־אַרבעט, אויסצור־רייניקן פון שטויב פאַרלאָזטע פאַבריקן, אָדער גאָר אָנצוויאָגן די אַרבעט אין פּלעצער, וואו די אַרבעטער זענען הינטערשטעליק און פירן נישט אויס דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן. מערסטנס פאַלן זיי אויס, אָט די טעג, אין זעקסטן טאָג, נאָך פינף טעג אַרבעט אין פאַבריק, ווען מען דאַרף זיין פריי. נחמן היט אָפּ די אַלע זאַכן. כאָטש די ביינער ברעכן אים פון דער אַרבעט ביים אויוון, כאָטש ער פילט אַ וויטאָק אין רוקן און אַ שטעכעניש אין די פיס פון רומאַטיז, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאַרט אין תפיסה, כאָטש דאָס אויער זיינס, וואָס ער האָט פאַרוואונדעט אין מלחמה, דערקוטשעט אים אָפטער, ציט און נאָגט, און ער וואָלט נויטיק געדאַרפט אָפּרוען זיך אין פרייען טאָג, מיידט נחמן קיינמאָל נישט אויס די פליכטן, וואָס פאַלן אים אויס. ער ווייסט ווי וויכטיק אָט די אַלע אַרבעטן זענען. ער ווייסט, אַז מיט שנעלן טעמפּאָ וועט מען אָניאָגן און איבעריאָגן די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער און אויספירן דעם פּלאַן אין פיר יאָר. מיט געזאַנג גייט ער צו די „סובאָטניקעס", כדי אין פרייד צו שאַפן, ווי די לאָזונגען רופן. אויסער אָט די אַלע אַרבעטן, האָט ער נאָך אַלערליי אַנדערע פליכטן, וואָס דאָס פּאַרטיי־קעמערל וואַרפט אויף אים אַרויף, און ער קומט מיטן טאָג נישט אויס. אַ מידער, אַ גע־הרגעטער פאַלט ער אַריין שפּעט ביינאַכט אין שטוב, וואַרפט זיך

אריין אין בעט, כדי באַלד אין דער פרי ווידער זיך איינצושפּאַנען אין דער אַרבעט. חנהקע וויינט.

— פאַרגעסט, אַז דו האָסט אַ ווייב, אַ קינד, — קלאָגט זי. — ווי אַ שטיין בין איך אין אַ פרעמד לאַנד.

וויפל נחמן גיט איר נישט צו פאַרשטיין, אַז נישט ער טרינקט, נישט ער שפּילט אין קאָרטן, נאָר אַז ער איז פאַרנומען מיט אַרבעט, וויל זי עס נישט פאַרשטיין. זי וויל האָבן אַ מאַן, עסן מיט אים צוזאַמען, אויסרעדן אַ וואָרט, גיין ערגעץ. אפילו אין די רו־טעג, ווען נחמן איז גראָד נישט פאַרנומען, קענען זיי זיך אויך נישט טרעפן, ווייל זיין רו־טאָג פאַלט אויס אין אַנדערער און אירער — אין אַנדערער.

— אפילו ס׳קינד זעסטו דאָך נישט פאַר די אויגן, — מוסרט זי אים, — ווי אַ יתום וואַקסט עס אַליין.

פון משפּחה־זאַכן גייט זי איבער צו דער פּרנסה, ווי אַזוי דורכצוקריכן דעם חודש ביז דעם נייעם געהאַלט. וויפל זיי זאָלן נישט רעכענען, מאַן און ווייב, קענען זיי אַלץ נישט אויסרעכענען ווי אַזוי דורכצוקריכן. פון די הונדערט רובל אַ חודש, וואָס חנהקע קריגט, גייט אַ סך אַראָפּ. צען רובל פאַר דער נאַציאָנאַלער הלוואה פאַרן לאַנד, צוויי רובל הכנסה־שטייער, צוויי רובל פאַרן פּראָפעס־יאָנעלן פאַראיין, צוויי רובל קולטור־שטייער, אַ חוץ אַלערליי קליינע אָפּצאָלונגען. פאַר דעם אָנבייסן אין פאַבריק־קיך גייט אויך אַראָפּ. זי קאַרגט זיך נגנוג, חנהקע. זי פאַרגינט זיך קיינמאָל נישט צו קויפן אין קיך אַ זייטיק קאָטלעטל, וואָס כאָטש עס האָט מער ברויט ווי פליייש, קאָסט עס פונדעסטוועגן שיר נישט אַ רובל. זי עסט בלויז אַ ביסל שיטער שלעכט קרויט און טרוקענע הירזש, פון וואָס זי גייט אַוועק הונגעריק. דאָס מוז זי שוין עסן אין פאַבריק־קיך. אַראָפּרעכענענדיק איר פאַר די שטייערן, הלוואות,ביישטייערונגען און פאַרן מאַלצייט, צאָלט מען איר ריין געלט העכסטנס זעכציק רובל.

מער נאָך ווי חנהקע, צאָלט נחמן אָפּ אַ וועלט מיט געלט אין זיין בעקעריי. צו די אַלע שטייערן, וואָס יעדער אַרבעטער האָט צו צאָלן, צו די אַלע הלוואות, דאַרף ער נאָך צאָלן פּאַרטיי־אָפּצאָל, פאַר

פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די בורזשואַזע לענדער, פאַר דער פּאַר־טיי־צייטונג, פאַר דעם זשורנאַל צו באַקעמפן רעליגיע און פאַר אַלערליי אַנדערע זאַכן.

דער חבר קוליק, — אַ קליין קיילעכדיק מענטשעלע, מיט אַ לעדערן רעקל און אַ קאַווקאַזער היטעלע אויפן צעשויבערטן קאָפּ, אַ בעקער פון פאַך, אָבער וואָס גייט קיינמאָל נישט צו צום טיגל אָדער צום אויוון, נאָר קהלט זיך תמיד ביי יעדער פאַרזאַמלונג, טראָגט אריין רעזאָלוציעס, פּאַטשט בראַוואָ, גייט נאָך דעם דירעקטאָר פּאָ־דאָלסקי, — האָט אָנגעשטאָפּט אַלע קעשענעס פון זיין לעדערן רעקל מיט ביכלעך צו זאַמלען געלט. ער זאַמלט פאַר פאַריכטן די וועגן, פאַר שטעלן אַ נייעם דענקמאַל דעם פירער פון לאַנד, פאַר אויסראָטן הפקרות צווישן היימלאָזע קינדער, פאַר לופט־פליערײַ, פאַר שטיצן סטודענטן אין זייער לערע, פאַר ביבליאָטעקן, פאַר שטיצע צו סטרייקערס אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פאַר אַלערליי אַנדערע זאַכן. אומעטום איז ער פול, אומעטום וואַקסט ער אויס אויף זיינע קליינע פלינקע פיס, און איידער מען קוקט זיך אום, שלעפּט ער שוין אַ ביכעלע פון איינער פון די אָפּשטייענדיקע קעשענעס און כאַפּט אַרויס דאָס בליישטיפטל, וואָס ליגט תמיד ביי אים אויפן אויער רייטנדיק, גרייט צו פאַרשרייבן. די אַרבעטער מיידן אים אויס, אָבער ער שטייט צו צו זיי מיט זיין צופרידן געלעכטערל און רייסט אַרויס אַ קוויטעלע פון זיין ביכל, צי מ׳וויל עס יאָ, צי ניט. צו נחמנען שטייט ער גאָר צו. ער ווייסט, אַז נחמן איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד און ער איז דער ערשטער מיט יעדער נייער זאַמלונג. נחמן גיט אים, שטעלט זיך ברייט; ער ווייסט, אַז די אַלע זאַכן זענען וויכטיק, זייער וויכטיק. ער איז דער ערשטער צו הויבן די האַנט פאַר יעדער רעזאָלוציע, וואָס קוליק טראָגט אַריין וועגן אַ נייער ביישטייערונג. ער איז דער ערשטער אָװעקצוגעבן אַ טאָג לוין און אפילו אַ וואָך פאַר יעדער גרויסער אַקציע, ווי צו העלפן סטרייקנדע קוילן־גרעבער אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, צו בויען אַ נייע לופט־פלאָטע פאַרן פאַרבאַנד, אָדער צו שענקען אַ מתנה די חברים־אַרבעטער אין כינע. חבר קוליק פּאַטשט אים אין פּלייצע דערפאַר. אָבער אַז עס קומט צום חודש, בלייבט זייער ווייניק געלט

נחמנען אין קעשענע. ער לעבט קארג, רויכערט מאכארקע, כאָטש עס שטיקט אים אין האַלז, פאַרגינט זיך נישט אַריינצוגיין אַמאָל מיט אַפּאַנאַסיעוון אויסטרינקען אַ גלעזל ביר, און ציילט חנהקען אין דער האַנט אריין יעדער קאָפּיקע, וואָס בלייבט אים. אָבער חנהקע קומט נישט אויס מיט די געלדער. פון די ריינע צוויי הונדערט רובל אַ חודש, וואָס בלייבן איר, גייט אַראָפּ פאַר דירה־געלט, עלעקטרי, טראַמווייען צו דער אַרבעט און צוריק. עס איז ווייט, מען קען נישט גיין צופוס אַזוי ווייט. איבעריגנס, לוינט עס בעסער, כדי נישט אויסצורייבן די זוילן פון די שיך. בלויז ברויט פאַר ביידן און דעם קינד קאָסט זיי אַ פערטל פון דעם פאַרבליבענעם פאַר־דינסט. פאַר דעם אָנבייסן, וואָס מאַטעסל קריגט אין שולע, דאַרף מען אויך צאָלן. דאָס האַלט אויף דאָס אינגל. ער קריגט דאָרט אויך אַ מאָל אַ שטיקל פלייש, אַ גלאָז מילך. חנהקע היט אָפּ צו צאָלן צו דער צייט פאַר אַט די מאָלצייטן. וויפיל מען זאָל נישט קאַרגן, שניידן זיך פון די פינגער, קומט מען מיטן חודש נישט אויס.

חנהקע האָט שוין פּרובירט טאָן פאַרשידנס — יאָ עסן וועט־שערע אין דער קאָאָפּעראַטיוו־קיך, טאָמער וועט עס אויסמאַכן ביליגער ווי אַליין קאָכן; נישט עסן דאָרט, נאָר בעסער אַליין קאָכן; אָבער ווי זי זאָל נישט דרייען, בלייבט אַלץ אַ לאָך אין דער פּרנסה, איבערהויפּט אין די לעצטע טעג פון חודש. דערווייל הונגערט זי נאָך נישט. זי גייט אָפּט אַרוים אויפן מאַרק און פאַר־קויפט עפּעס פון דעם, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, אַמאָל אירס אַ בלוזקע, אַמאָל נחמנס אַ געלאַטעט העמד. פאַר דעם קויפט זי שפּייז אויפן מאַרק. אַמאָל אויך אַ פלעשל מילך פאַרן אינגל. אָבער עס לאָזט זיך אויס. באַלד וועט מען בלייבן ביי גאָרנישט. און חנהקע וויל וויסן, וואָס מען וועט דעמאָלט טאָן.

— נו, ענטפער, נחמן, איך רעד דאָך צו דיר! — מונטערט זי אים, ווען ער גיט איר נישט קיין תשובה אויף אירע גערעכטע קשיות.

נחמן האָט גאָרנישט וואָס צו ענטפערן. ער אַרבעט געגנוג, מער פון זיינע כחות. ער גיט נישט אוים קיין איבעריקן גראָשן.

אויך חנהקע ארבעט, ווערט אויסגעריסן. עס קאָסט אים גענוג נעזונט איר ארבעט. ער ווייסט, אז זי האָט פאַרדינט א ביסל מנוחה. כאָטש ער ווייסט פון דער פאַרטיי־צייטונג זיינער, אז פרויען דאַרפן ארבעטן גלייך מיט מענער, פילט ער זיך געפאַלן דערפאַר, וואָס ער קען חנהקען נישט שפּייזן, נאָר זי מוז גיין אין פאַבריק ארבעטן. וויפיל ער זאָל נישט טראַכטן ביי זיך ווי אזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע אין שטוב, קען ער גאָרנישט אויס־טראַכטן.

— וואַרט, חנהקע, — טרייסט ער זי, — זאָל מען נאָר אויס־פירן דעם פּלאַן אין פיר יאָר, און דו וועסט זען ווי גוט עס וועט זיין ביי אונז. זע, וואָס די צייטונג שרייבט.

חנהקע וויל נישט זען, וואָס די צייטונג שרייבט. זי זאָגט אים בעסער מוסר. מענטשן זענען איר מקנא. זי האָט א מאַן א קאָ־מוניסט. ביי לייטן, אז א ווייב האָט א מאַן אין דער פאַרטיי, דאַרף זי נישט ארבעטן, איז דאָ פון אַלעם גוטן אין שטוב. זיי קריגן פּאַרט־אַקטיוו פּאַיאָקן, פּוטער און מילך און צוקער און פון אַלעם גוטן. וואָס האָט ער פון זיין קאָמוניזם?

נחמן וויל עס נישט הערן.

— חנהקע, — בייזערט ער זיך, — דו רעדסט רכילות אויף דער פאַרטיי. איך וויל עס נישט הערן. ס'אַ ליגן.

חנהקע מאַכט אוועק מיט דער האַנט, ווי ווען מען רעדט מיט איינעם, וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט אים שוין נישט קלאָר מאַכן. נחמן רויכערט געדיכט זיינע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן, געוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר, און שווייגט פאַרכמורעט.

כאָטש ער שרייט אויף חנהקען, ווייסט ער ביי זיך וואויל, אז אירע רייד זענען אמת. אַלע דאָרט אין דעם פאַבריק, די חברים פון „זאַווקאָם", פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, די אויפזעער, אַלע האָבן זיי א סך בעסערע לוינען פון אים, כאָטש ער איז א שלאָגלער. זיי קריגן אויך פּרעמיעס אַלערליי, פּאַרט־אַקטיוו פּאַ־יאָקן, אָפטע אורלויבן, בילעטן אין די טעאַטערס, אַלערליי אַנדערע פּריווילעגיעס. אויף די פּאַרטיי־באַראַטונגען, אויף וועלכע ער

קומט זיך צונויף מיט זיי, נעמען זיי ארוים גוטע שפייז פון די פּאָרטפעלן, כדי צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ ביי די לאַנגע פאַר־זאַמלונגען, ווייס־ברויט, וואורשט, קעזן, אַלערליי אַנדערע גוטע זאַכן. פּאַפּיראָסן פּאַרויכערן זיי גוטע, פון בעסטן סאָרט. בלויז ער און נאָך עטלעכע פון די, וואָס אַרבעטן טאָקע ביי די אויוונס, אָדער ביי די קאַסטנס, נעמען אַרויס טרוקן שוואַרץ ברויט פון קעשענע און פּאַרויכערן מיט מאַכאָרקע.

מען האָט זיי טאָקע פיינט אין פאַבריק, די געהויבענע לייט. מען רעדט אויס אויף זיי אַלדאָס בייז. „וואַנצן" רופט מען זיי. ער פאַרטיידיקט זיי, נחמן, ווייל דאָס איז זיין חוב פון אַ פּאַרטיי־מאַן, אָבער ביי זיך ווייסט ער, אַז עס איז אַזוי. נאָך מער, ער ווייסט, אַז פּונקט ווי די אַרבעטער האָבן פיינט די מיוחסים, האָבן די מיוחסים פיינט די אַרבעטער. אַ שנאה הערשט צווישן די מענטשן אין פאַבריק, ווי צווישן קלאַסן. ער טוט אַלץ אין דער וועלט צו פאַרשטאָפּן זיך די אויערן, צו פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט צו זען די שנאה אין פאַבריק, כדי אוועקצוקוקן די עוולות. ער גייט אויף די פאַרזאַמלונגען, הערט די פרייליכע באַריכטן פון די רעדנער, די מונטערע בשורות פון די פירער. ער זופּט די אַר־טיקלען אין דער פּאַרטיי־צייטונג, וואָס זענען פול מיט גרויסע פּלענער, ריזיקע דערגרייכונגען און האָפערדיקע הבטחות. אין דעם פאַרגעסט ער אַלץ און זעט בלויז דאָס גרויסע. אָבער ווי נאָר ער גייט אַוועק פון די פאַרזאַמלונגען, שטעלט זיך אַוועק ביים אויוון, קומט זיך צונויף מיט די אַרבעטער אין קיך, גייט פאַרביי די גאַסן, קומט אַהיים אין שטוב אַריין, אַזוי רינען גלייך אויס די אַלע פרעמדע וועלטן. גאָרנישט שטימט מיט דעם, וואָס ער האָט פריער געזען און געהערט. מער דערשלאָגן ווערט ער ביי זיך אין הויז, ווען חנהקע הויבט אָן אירע מאַנאַטאָנע, שווערע און אמתע טענות. ווי אַמאָל אין וואַרשע, ביי שיינדלען אין הויז, ווען זי פלעגט זיך דורכטענהן מיטן מאַן, ווילן אויך דאָ די שכנים פון איבער די ווענט נישט הערן די טענות צווישן מאַן און ווייב.

— העי, שלאָפן, נישט רעדן! — קלאַפּט מען אין דער דינער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ נחמנס שטיבל פון די איבעריקע שטובן.

נחמן דערזעט פלוצלונג זיין קינד אויפן בעטל. ער דערמאָנט זיך, אז שוין טעג ווי ער האָט אים נישט געזען, נישט אויסגע־רעדט קיין וואָרט צו אים. אין דער פרי, ווען ער גייט אוועק, שלאָפט נאָך מאַטעסל; ווען ער קומט צוריק, איז ער שוין ווידער אין בעט. א בענקשאַפט נעמט אים ארום. עס גלוסט זיך אים אראָפּצוגיין און צודעקן אים. ער איז בלאַס, מאַטעסל, אָפּגעצערט און ערנסט פארטראַכט. מיט פארמאַכטע אויגן, מיט שמאָלע הענט, קינדיש און הילפלאָז אראָפּגעהאנגען איבער דער זעלנערישער קאָלדרע, וועקט דאָס קינד אויף א טיפן רחמנות צו זיך אין פאָטערס האַרץ. מער נאָך ווי רחמנות, פילט נחמן אַן אומרואיקייט איבער דעם גורל פון זיין בן־יחיד. ער איז נישט זיכער מער אין די הבטחות, וואָס ער האָט געגעבן דעם אינגל פאַרן אוועקפאָרן, אז ער וועט אויסוואַקסן א פרייער גליקלעכער מענטש אין א פרייער גליקלעכער מדינה. חנהקע דערפילט דעם מאַנס אומרואיקייט און זי ווערט אויך אומרואיק.

— וואָס קוקסטו אזוי אויפן קינד, נחמן? — פרעגט זי מיט מאַמעשער זאָרג.

— גאָרנישט, חנהקע, — ענטפערט נחמן, כדי נישט אויס־צוגעבן זיך מיט זיינע געדאַנקען.

פון דער ווייט פייפט א באַן אין דער נאַכט, רייסט זיך מיט דראָהענדע קולות.

## קאַפּיטל פיר־און־פערציק

אפאנאסיעוו, נחמנס געוועזענער שכן אין קאַזאַרמע אויף דער אויבערשטער רייע, האָט אַלץ מער געטרונקען.

אין דער פרי האָט ער זיך אָפּט פארשפעטיקט. אין מיטן דער ארבעט פלעגט ער אנטשלאָפן ווערן און שטערן דעם גאַנצן קאָנ־ווייער.

— אפאנאסיעוו, אפאנאסיעוו, — האבן אים די מענטשן גע־וועקט, — שטעלסט אפ די ארבעט!

אפאנאסיעוו האט זיך אויפגעכאפט מיט שרעק און זיך גענור־מען צו זיין ארבעט, אבער פלוצלונג פלעגט ער ווידער איינדרימלען. פונקט אזוי האט ער געדארפט איבערלאזן די ארבעט אין דער מיט און צו־אפט מוזן אוועקגיין צוליב א מענטשלעך געברויך.

צום ערשט האט אים חבר קוליק געגעבן א ווארנונג, אז אויב ער וועט זיך נישט אויפפירן ווי געהעריק, וועט מען אים באַ־שטראפן. אז דאס האט נישט געהאלפן, האט מען אים ארויסגע־שטעלט אויף דעם שווארצן ברעט. אין גרויסן פאבריק־קארידאר, ביים אריינגאנג, וואו אלע מוזן דורכגיין, איז א גרויס ברעט גע־האנגען, אפגעפארבט איין העלפט מיט רויטער פארב און די צווייטע העלפט מיט שווארצער פארב. אויף דער רויטער זייט זענען געווען אויסגעמאלט עראפלאנען, אויטאמאבילן, לאקאמאטיוון, לויפנדע הירשן און פייל און בויגנס. לעבן יעדן פון די צייכענונגען זענען געווען אויסגערעכנט די שנעלסטע ארבעטער מיט אן אויפשריפט, אז מיט שנעלן טעמפא וועט מען אניאגן דעם פינף־יאר פלאן אין פיר יאר אין ערע די ענטוזיאסטן פון סאציאליסטישער בויאונג. אויף דער שווארצער זייט זענען געווען אויסגעמאלט העלפאנטן, אקסן, פרעש און צום סאמע סוף שילדקרעטן. לעבן זיי זענען גע־ווען אויסגערעכנט די לאנגזאמע ארבעטער, די פאמעלעכע, קריכער, שוואכע און שלימאזלען. איבער זיי איז געווען אנגעשריבן מיט גרויסע אותיות, אז זיי זענען פוילע און שטערער פון דער סאציא־ליסטישער בויאונג און א חרפה צו זיי. קוליק האט זיך אוועקגע־שטעלט אויף א בענקל און אנגעשריבן מיט קרייד אויף דער שוואר־צער זייט אפאנאסיעווס נאמען אויפן סאמע סוף, לעבן דער קריי־כענדער טשערעפאכע.

געמיינט האבן אלע, אז ער וועט פון איצט אן בעסער ווערן, אפאנאסיעוו, כדי מען זאל אראפנעמען זיין נאמען פון שאנד־ברעט; אבער עס איז נישט אזוי געווען. פארקערט, אפאנאסיעוו האט זיך אנגעשיכורט מער ווי אלע מאל אין דער נאכט, עטלעכע פלעשער „ריקאווקע" אויסגעטרונקען, אן עפעס צוצועסן, פאר־

ביסנדיק בלויז מיט זויערע אוגערקעס, און א שיכורער געקומען צומאַרגנס צו דער אַרבעט.

— חבר אפאנאסיעוו, איר זענט ווידער שיכור, — האָט קוליק אים געמוסרט.

אפאנאסיעוו האָט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט זיין דריבנע געלעכטערל.

— איך בין נישט מער חבר אפאנאסיעוו, נאָר חבר טשערע־פאכע, — האָט ער געזאָגט.

די אַרבעטער האָבן געלאַכט. קוליק איז געוואָרן רויט.

— בירגער אפאנאסיעוו, — האָט ער געזאָגט, פאַרבייטנדיק דעם „חבר" אויף „בירגער", וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן, — איך וועל אַריינגיין מעלדן דעם דירעקטאָר, חבר פּאַדאָלסקין אַליין.

אפאנאסיעוו איז נישט נתפעל געוואָרן:

— אפילו חבר פּאַדאָלסקין אַליין וועל איך זאָגן, אַז איך בין נישט מער אפאנאסיעוו, נאָר א טשערעפּאכע.

דערביי האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד אויף אַלע פיר, אַריינגערוקט און אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, ווי א שילדקרעט, און גענומען קריכן לאַנגזאַם איבערן פאַבריק־זאַל. די אַרבעטער האָבן נאָך העכער געלאַכט, די אַרבעטערנס האָבן געקייכט פון געלעכטער.

ווען דער דירעקטאָר פּאַדאָלסקי איז אַריינגעקומען, האָט זיך אפאנאסיעוו אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך פאַר אים טיף פאַרנייגט.

— חבר עראָפּלאַן, — האָט ער געזאָגט, — חבר טשערעפּאכע באַגריסט אייך. איך האָב די טשערעפּאַכישע ערע...

וויפיל די אַרבעטער האָבן נישט פּרובירט זיך איינהאַלטן צוליב דעם דירעקטאָר פּאַדאָלסקי, האָבן זיי עס נישט געקענט. דירעק־טאָר פּאַדאָלסקי האָט א שטרענגן בליק געטאָן אַרום זיך און גע־האַנדלט שנעל און אַנטשלאָסן, אַזוי, אַז עס זאָל נישט ווערן אַראָפּגעריסן זיין פּרעסטיזש.

— חברים, אַרבעטן! — האָט ער באַפוילן.

אַלע האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.
דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו אַפאַנאַסיעוון.
— קומט מיט מיר אין מיין קאַבינעט, — האָט ער געזאָגט — שוין!
אַפאַנאַסיעוו האָט נישט געוואָלט גיין.
— זיבן און פופציק יאָר ביז איך געווען אַ מענטש, — האָט ער געשריען, — און איצט האָט מען געמאַכט פון מיר אַ טשע-רעפּאַכע! נישט קאָמיש, חבר דירעקטאָר?
פּאָדאָלסקי האָט געגעבן אַ וואונק צו זיינע לייט. זיי האָבן אַפאַנאַסיעוון אָנגענומען ביים קאָלנער פון צעריסענעם רעקל און געשלעפּט אַרויס. אַפאַנאַסיעוו האָט אָנגעשפּאַרט ביידע פיס אין בריק.
— חברים, אַרבעטער! — האָט ער גערופן — נעמט זיך אָן פאַר אַן אַרבעטער. לאָזט נישט די בלוטזויגער מיך נעמען, חברים, זיי וועלן מיך שיקן אין טשעקאַ!
קיינער האָט נישט געוואָגט אָנצורופן זיך מיט אַ וואָרט.
פיר אַ זייגער, ווען די אַרבעט האָט זיך געענדיקט, איז חבר קוליק אַריינגעקומען און געלאָזט וויסן, אַז קיינער זאָל נישט אַהיימ-גיין, ווייל עס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער אַלע מוזן זיין. די אַרבעטער האָבן שטיל געברומט צווישן זיך, בייזע, וואָס מען לאָזט זיי נישט אַהיימגיין זיך אויסרוען; אָבער אַוועקגיין האָט קיינער נישט געוואָגט.
אין גרויסן פאַבריק-זאַל, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט די פּאָרטרעטן פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און דעם וואָנסנדיקן פירער און באַצירט מיט לאָזונגען וועגן פינף-יאָר פּלאַן, האָבן זיך אויס-געזעצט די אַרבעטער, ווי נאָר ווער עס האָט געכאַפּט אַן אָרט. די אויפזעער, די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַטאָרן, די פאָרשטייער פון פאַרטיי-קעמערל, די פירער פון דער בילדונגס-קאָמיסיע, סאַני-טאַרער קאָמיסיע, אַלערליי סעקרעטאָרן און אונטער-סעקרעטאָרן, מיט וועלכע עס האָט געגריבלט און געשווייבלט אין דער פאַבריק, האָבן זיך געפּאָרעט, אַרומגעלאָפן, אַרומגעפּאָדעט. צום סוף איז אַריינגעקומען דער דירעקטאָר חבר פּאָדאָלסקי אַליין. ער איז גע-

נאַנגען מיט פעסטע ערנעגישע טריט. דאָס ציגאַר־שפּיצל זיינס האָט געקלעפּט צווישן די דיקע ענערגישע ליפּן. ווי א שאָטן איז נאָכ־געגאַנגען קוליק, א קליינער, א קיילעכדיקער, מיטן אויסגעריבענעם לעדערנעם רעקל און מיטן קאַווקאַזער היטעלע אויפן קאָפּ. אין זיין ארויפקוקן צום דירעקטאָר פון אונטן־ארויף איז געווען די הנאה פון א הינטל, וואָס גרייט זיך צו געבן א לעק דעם באַלעבאָס אין האַנט.

חבר פּאָדאָלסקי איז ארויף אויף דער בינע, ארומגערינגלט פון זיינע לייט. ער האָט ארויסגענומען דאָס ציגאַר־שפּיצל פון מויל, אַוועקגעלייגט עס אויפן רויטן טישטוך און א קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש.

— חברים, — האָט ער גערופן מיט זיין שאַרף קול, — די היינטיקע פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן צוליב זייער אן ערנסטן און טרויעריקן עפּיזאָד, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אונזער פאַבריק „רויטער שטערן“. מיר דאַרפן באַהאַנדלען די פראַגע פון שעדיקונג און דיסציפּלין־ברוך, וואָס איינער פון די פאַבריק־ארבעטער האָט ארויסגעוויזן עפנטלעך. איך דאַרף אייך נישט זאָגן ווער דאָס איז.

— ניקאָלאַי ניקיטיטש אַפאַנאַסיעוו! — האָט קוליק גערופן.

— ניקאָלאַי ניקיטיטש אַפאַנאַסיעוו, — האָט פּאָדאָלסקי נאָכ־געזאָגט, אויסציענדיק יעדע זילבע פון דעם נאָמען, כדי צוצוגעבן מער געוויכט דער זאַך.

נאָכדעם האָט ער געמאַכט א פּויזע אויף א לאַנגער ווײַלע. געמיינט האָבן אַלע, אז דאָס פאַרטראַכט ער זיך, כדי אַליין אָנצו־הויבן מיט מער ישוב־הדעת דעם אַנגריף. אָבער חבר פּאָדאָלסקי האָט נישט גערעדט מער. אנשטאָט אַליין רעדן, האָט ער גאָר נעגעבן דאָס וואָרט צו איינעם פון די פאַרזאַמלטע.

— חברים, — האָט ער גערופן, — אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די פאַבריקן געהערן צום פּריוואַטן קאַפּיטאַל, האָבן די פאַבריקאַנטן צו באַשליסן דעם גורל פון אן ארבעטער. ביי אונז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן מיר נישט קיין באַלעבאַטים און אר־בעטער. אַלע זענען מיר די גלייכע באַלעבאַטים פון דער פאַבריק. אַלע זענען מיר פאַראינטערעסירט אין דעם אויפבוי פון אונזער

אינדוסטריע. דאריבער דארפט איר אליין באשולדיקן דעם שעדיקער אפאנאסיעוו. ווער וויל זיך פארשרייבן צום ווארט?

— איך, חבר פאדאלסקי, — האט קוליק גערופן.

— חבר קוליק האט דאס ווארט! — האט פאדאלסקי צופרידן געמעלדעט און צוריק גענומען דאס ציגארן־שפיצל אין מויל אריין — חבר קוליק, קומט ארויף צום טיש.

חבר קוליק איז מיט גיכע דריבנע טריטעלעך ארויפגעלאפן איבער די פאר טרעפלעך פון דער עסטראדע צום טיש און שטייפער ארויפגעזעצט דאס קאווקאזער שעפסענע היטעלע אויפן צעשוי־בערטן קאפ, ווי ער וואלט זיך גרייטן צו א וויכטיקער ארבעט, צו וועלכער מען דארף זיך ווי געהעריק אונטערגארטלען. אז דאס היטעלע איז שוין פעסט געזעסן, האט ער א בריימן שמייכל געטאן און גלייך ארויף אויף דער העכסטער אקטאווע.

צום ערשט האט קוליק דערציילט פאר דעם עולם דעם אונטער־שיד פון אן ארבעטער אין קאפיטאליסטישע לענדער ביז אן אר־בעטער אין סאוועטן־פארבאנד, וואס איז באפרייט געווארן פון די קייטן פון פריוואטן קאפיטאל. חבר פאדאלסקי האט זיך פאר־קרימט. ערשטנס, האט ער עס שוין פריער אליין געזאגט. צווייטנס, האט אים שוין פון דער געשיכטע היפש גענודיעט, אבער איבער־געריסן האט ער נישט קוליקן. ער האט געוואוסט, אז אן דעם וועט עס ביי אים נישט גיין. אז ער איז פארטיק געווארן דערמיט, האט קוליק גענומען מאלן פאר די חברים ארבעטער די שווארצע שאף אפאנאסיעוו, וואס האט זיך אריינגעריסן אין דער ווייסער סטאדע, דעם שעדיקער, וואס טראגט אריין אומרו און סאבאטאזש אין דעם „רויטער שטערן“, דער מוסטער־פאבריק פון סאוועטן־פארבאנד. א וועלט מיט זינד האט קוליק אויסגערעכנט אין זיין באשולדיקונג. אין דער צייט וועז אלע ארבעטער טראגן מיט פרייד אנטקעגן זייערע ביישטייערן פאר די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, האט אפאנאסיעוו קיינמאל נישט וויליק געגעבן זיין טייל. אין דער צייט ווען אלע ארבעטער זענען מיט פרייד און געזאנג געגאנגען צו די „סובאט־ניקעס“, צו די קאלעקטיוון, צו אפגעשטאנענע פאבריקן, כדי צו־צולייגן א האנט צום אויפבוי פון סאציאליזם, האט אפאנאסיעוו

שטענדיק געזוכט זיך ארויסצודרייען פון אָט דער וויכטיקער ארבעט. פאַראַן א קלוב פאַר די ארבעטער פון „רויטער שטערן", א קלוב, וואו מען קען לייענען ביכער, צייטונגען, הערן ראַדיאָ און ענטוויקלען זיך. אין זאַל איז דאָ די פאַרוואַלטערן פון קלוב, אויך די ביבליאָטעקאַרן, זאָלן זיי זאָגן צי איז כאָטש איינמאָל אפאַנאַסיעוו אריינגעקומען אין קלוב? צי איז דאָ זיין נאָמען אין דער ביבליאָטעק ביי נעמען א בוך צו לייענען?

— ניין, חבר קוליק, — האָט א ווייבעריש קולכל גערופן פון זאַל.

חבר קוליק האָט צעצויגן זיין לבנה פּנים. געווים נישט! נישט פאַר אפאַנאַסיעוון האָט א ווערט די מי און אנשטרענגונג, וואָס די פאַבריק האָט זיך געגעבן צו שאַפן קולטור-אינסטיטוציעס. ער דאַרף נישט קיין קולטור אינסטיטוציעס. ער האָט נישט קיין אינטערעס, אז אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, אין לאַנד פון די ארבעטער, זאָל אָפּגעשאַפט ווערן עם-הארצות, זאָל אויסגעוואָרצלט ווערן הפקרות צווישן היימלאָזע קינדער, זאָל געפירט ווערן א קאַמף קעגן אבערגלויבן, פאַנאַטיזם און רעליגיע. נישט פון ארבל רעדט ער, קוליק. ער האָט נישט איינמאָל מיט אפאַנאַסיעוון עסקים געהאַט ביים זאַמלען געלט פאַר אָט די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס. אפאַנאַסיעוו פלעגט ברומען שטענדיק, ווען ער האָט געדאַרפט ביישטייערן זיך דארויף. נאָך מער, ער האָט חוזק געמאַכט, שפּאַס געטריבן צווישן די ארבעטער, אראָפּגעריסן דעם אויטאָריטעט פון די אינסטיטוציעס און די זאַמלער.

— א שאַנד צו אים! — האָט איינער פון פּאַדאַלסקים מענטשן אויסגערופן.

חבר קוליק האָט א ברייטן שמייכל געטאָן צום חבר, וואָס האָט געמאַכט דעם צווישן-רוף צו דער ריכטיקער צייט, און ער איז פון פרייערדיקן שטראָף-טאָן אריבער צו צאָרן. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט פון זיין צעקנייטשטן לעדערנעם ארבל האָט ער געשניטן אין דער לופט ארויף און אראָפּ, ווי מיט א מעסער.

— חברים, — האָט ער גערופן, — אפאַנאַסיעוו האָט נישט

נאָר נישט געוואָלט העלפן זיינע חברים אין בויען זייער לאַנד, נאָר ער האָט געזוכט צו שטערן אין דער ארבעט. יאָ, חברים, נישט געקוקט אויף אַלע וואָרעניש, האָט ער זיך באוואוסטזיניק פאַר-שפעטיקט, געקומען א שכורער צו דער ארבעט און אויך אָנגערעדט אַנדערע ארבעטער נאָכצוטאָן זיינע פאַרברעכערישע ביישפּילן.

— נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע שעדיקער אין אונזערע רייען! — האָט ווידער דער פּריערדיקער צווישן-רופער אויסגע-שריען צו דער ריכטיקער צייט, און ווידער האָט קוליק אים באַשענקט מיט א ברייטן שמייכל דערפאַר.

אננעמענדיק געגוג אָטעם אין זיין ברוסט, איז קוליק אריין אין אַזאַ פּאַטאָס, אַז דאָס שעפּסענע היטעלע איז אים אַזש אראָפּ-געשפּרונגען פון קאָפּ.

— חברים פון „רויטער שטערן“, — האָט ער געחנפהט די ארבעטער, — מיר, דער שטאָלץ פון סאָוועטן-פאַרבאַנד, די מוסטער ארבעטער פון דער גרעסטער ברויט-פאַבריק, וואָס האָבן געהאַט דעם גרויסן כבוד צו זיין פון די ערשטע איבערצויאָגן דעם אָנ-געצייכנטן פינף-יאָר פּלאַן, וועלן נישט דערלאָזן, אַז שעדיקער און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן זאָלן פאַרשווארצן אונזער רומפולן נאָמען. קיינער פון אונז וועט נישט דערלאָזן, אַז דער שעדיקער אַפּאַנאַסיעוו זאָל בלייבן אין אונזערע רייען.

קוליק האָט דערוואַרט א גרויסן דונער פון אַפּלאָדיסמענטן און ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעשטעלט. אָבער די אַפּלאָדיסמענטן זענען בלויז געקומען פון די אייגענע מענטשן. דער זאַל איז געווען שטיל. קוליק האָט זיך נישט פאַרלוירן און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט, וואו דאָס בילד פון פירער איז געהאָנגען אין זיין גאַנצער גרויס. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אויפן פּאָרטרעט, האָט ער געדונערט:

— חברים, דער געניאַלער פירער פון דער רעוואָלאָציע, ווען מיר האָבן געשוואוירן אויסצופירן דעם פינף-יאָר פּלאַן אין פיר יאָר, קוקט אויף אונז מיט זיינע קלוגע אויגן און וואָרנט, אַז מיר זאָלן היטן אונזער פאַבריק פון קאָנטער-רעוואָלוציע און שעדיקעריי, וואָס וויל, ווי א גיפטיקע שלאַנג, זיך אריינקריגן אין אונזערע רייען.

רייניקט אוים אייערע רייען, חברים, וואָרנט ער, טרייבט אַרויס די קרעציקע שאָף פון דער געזונטער סטאַדע. ווער פון אונז, חברים, וועט נישט הערן דעם רוף פון אונזער געניאַלן פירער?

קוליק האָט נישט געדאַרפט וואַרטן מער אויף קיין אַפּלאָדז.

— זאָל לעבן דער גרויסער פירער, נידער מיט די שעדיקער! — האָבן קוליקס חברים געוואָרפן ביז הייזעריקייט.

— זאָל לעבן! — האָט דער גאַנצער זאַל נאָכגערופן און גע־פּאַטשט מיט די הענט. קוליק איז ווי אַ זיגער אַראָפּ פון דער עסטראַדע.

חבר פּאָדאָלסקי האָט געלאָזט אויסקלאַפּן אַלע פּאַטשערייען ביזן לעצטן און געשעפּטשמעסיק דערפירט די פאַרזאַמלונג צו אַן ענדע. ער האָט שוין געוואוסט, אַז אַלץ וועט גיין איצט גיך. אָבער כדי צו מאַכן די זאַך גלאַטער און שענער, האָט ער פּרובירט צוגעבן איר אַ פאָלקסטימלעכן חן.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן אַלע געהערט דעם גערעכטן צאָרן קעגן שעדיקער אַפּאָזיציע, וואָס דאַרף אויס־געשלאָסן ווערן פון אונזערע רייען. האָט עמיצער צו זאָגן עפּעס נאָך, איידער מיר נעמען אָן די רעזאָלוציע?

געזאָגט האָט חבר פּאָדאָלסקי עס שנעל. ער איז געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיך נישט אָפּרופן, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, און ער וועט פאַרענדיקן די זאַך גיך, אַזוי, אַז ער זאָל באַציַיטס קענען כאַפּן די מאַשין זיינע און אַהיימפאָרן צום מיטאָג צו דער צייט. חבר פּאָדאָלסקי האָט שוין אויפגעהויבן די האַנט, כדי אָפּצולייענען די רעזאָלוציע, וואָס זאָל איינשטימיק דורכגיין. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַ קול דורכגעטראָגן דורך דעם זאַל, אַ קול אין אַ פרעמדער אויסשפּראַך:

— טאָוואַרישטש פּאָדאָלסקי, — האָט דאָס קול געזאָגט מיט אַ ווייכן אידישן „ריש“ אין „טאָוואַרישטש“, — איך בעט דאָס וואָרט.

פּאָדאָלסקי, קוליק, אַלע אויפזעער, סעקרעטאַרן, ביבליאָטע־קאַרן, זאַמלער, פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַטאָרן און צוזאַמען מיט זיי דער גאַנצער זאַל אַרבעטער, אַלע האָבן אין איין רגע אויסגעדרייט

די קעפּ און געזוכט פון וואַנען דאָס קול קומט, ווי עס וואָלט געווען א קול פון הימל אראָפּ.

— ווער איז דאָס דער איך ? — האָט פּאָדאָלסקי געפרעגט מיט צאָרן אין זיין שטימע.

— איך, ריטער, — האָט דאָס קול געזאָגט, — נחמן ריטער.

— חבר ריטער ? — האָט פּאָדאָלסקי איבערגעפרעגט מיט איבעראַשונג.

אויף ווער — וועמען, נאָר אויף אים האָט ער זיך אמווייניקסטן געריכט. ער האָט אים געקענט פון די זיצונגען אין פּאַרטיי־קעמערל.

חבר נחמן האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן די מענטשן און געגאַנגען לענגאויס דעם זאַל צו דער עסטראַדע. אַלע האָבן געקוקט אויף אים. ער איז געוואָרן צום ערשטן רויט, דערנאָך בלאַס.

א ווײַלע איז אים דאָס וואָרט געשטאַנען אין האַלז און נישט געקענט אַרויס. נחמן האָט פּרובירט אַראָפּשלינגען א ביסל שפּייעכץ, אָבער אין מויל איז אים געווען טרוקן. פּאָדאָלסקי האָט דערזען נחמנס פאַרלוירנקייט לויט דעם קנאָפּ, וואָס איז אים געלאָפן הין און צוריק איבערן האַלז, און ער האָט אים געוואָלט באַצייטנס צעטומלען.

— איר האָט נישט וואָס צו זאָגן, האַ ? — האָט ער אים געזאָגט אין אַזא חוזקדיקן טאָן, וואָס אי עס זאָל מאַכן א קאָמישן איינדרוק אויף דעם עולם, אי עס זאָל אָפּשלאָגן ביי דעם צעטומלטן מענטש דעם חשק צו רעדן. — גייט צוריק אויף אייער אָרט. עס איז נישטאָ קיין צייט.

אָבער אין דער רגע האָט זיך ביי נחמנען דער האַלז געעפנט און די אָנגעזאַמלטע ווערטער זענען אַרויס.

— חברים, — האָט ער געזאָגט א דערשראָקענער, — איך האַלט, אַז מען טאָר נישט משפּטן א חבר איידער מיר הערן נישט אויס, וואָס ער האָט צו זאָגן. איך האַלט, אַז מען דאַרף פריער אויסהערן דעם חבר אַפאַנאַסיעוו.

דער ערשטער איז אויפגעשפּרונגען קוליק.

— חבר פּאָרזיצער, ס'איז א פּראָוואָקאַציע ! — האָט ער גע־

שריגן און געוואָרפן מיט די קורצע הענטלעך פון דעם צעקנייטשטן לעדערנעם רעקל. — אַ פּראָוואָקאַציע!

אָבער אין דער רגע האָט זיך דער זאַל אויפגעכאַפּט.

— זאָל מען הערן דעם חבר אַפאַנאַסיעוו! — האָבן אַלע גערופן. — דעם חבר אַפאַנאַסיעוו, דעם חבר אַפאַנאַסיעוו!

פּאָדאָלסקי האָט פאַר אויפרעגונג עטלעכע מאָל געביסן דאָס ציגאַרן־שפּיצל זיינס און געקוקט מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אויף דעם בלאָסן מענטש, וואָס האָט אים די גאַנצע אַרבעט צעשטערט. פאַר דער צייט, וואָס דער עולם האָט געטומלט, האָט ער דערווייל געטראַכט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דער צרה. אַפאַנאַסיעוון געבן דאָס וואָרט האָט מען נישט געקענט, ווייל ער איז געזעסן אין אַרעסט. פּאָדאָלסקי האָט אים באַצייטנס צוגעשטעלט אַ בענקעלע, דערציילט וועגן די „בלוט־זויגער“, וואָס ער האָט גערופן די אַדמיניסטראַציע פון פאַבריק. דערציילן דאָס די אַרבעטער האָט נישט געטויגט. באַלד האָט ער גענומען קלינגען מיטן גלאָק.

— חברים, — האָט ער גערופן, — אַפאַנאַסיעוו קען נישט קריגן דאָס וואָרט, ווייל ער איז נישטאָ אין פאַבריק. צוליב זיין שיכורן צושטאַנד און כוליגאַנישער האַנדלונג האָט מען אים געמוזט איבערגעבן צו דער מאַכט, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט אים, ביז ער וועט זיך אויסניכטערן. אָבער ער האָט דאָ זיין פאַרטרעטער, דעם פאָרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. חבר פּראָפּאָרג!

איידער נאָך פּאָדאָלסקי האָט פאַרענדיקט, איז שוין דער „פּראָפּאָרג“ געווען אויף דער עסטראַדע, און נאָך העכער געשריען פון קוליקן:

— דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז נישט געשאַפן געוואָרן פאַר שעדיקער און כוליגאַנעס. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין נעמט זיך נישט אָן פאַר די, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם ווילן פון פּראָלעטאַריאַט אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין דעם איינציקן לאַנד, וואו די אַרבעטער און פּויערן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קייטן פון פּריצים און פאַבריקאַנטן.

חבר פּאָדאָלסקי האָט מיט הנאה פאַרזיכערט דעם פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס און מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף נחמנען.

— נו, איצט זענט איר שוין צופרידן, חבר ? — האָט ער גע־פרעגט מיט שפּאָט, און ווידער אויפגעהויבן די האַנט כדי דורכ־צולייענען די רעזאָלוציע. אָבער נחמן איז פון זיין אָרט נישט אוועק.

— חברים, — האָט ער געשטאַמלט, — מיר אַלע קענען דעם חבר אַפאַנאַסיעוו ; חברים, מיר האָבן געוואוינט מיט אים אין איין קאַזאַרמע. . . .

— איר רעדט נישט צום פּונקט, חבר, — האָט פּאָדאָלסקי אים איבערגעריסן.

נחמן האָט ווייטער גערעדט.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — עס איז אמת, אז חבר אַפאַנאַסיעוו טרינקט ; אָבער דאָס איז צוליב זיין שלעכט לעבן, צוליב זיין קליינעם לוין. . . .

— איר רעדט נישט צום פּונקט, — האָט פּאָדאָלסקי אים נאָך העכער איבערגעריסן, מורא האָבנדיק פאַר אָט די לעצטע רייד, אין וועלכע די אַרבעטער זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן. — איך נעם ביי אייך צו דאָס וואָרט.

נחמן האָט דערפילט, אז ער איז פאַרקראָכן און זיך געוואָלט אַרויספּלאָנטערן ; אָבער ווי תמיד זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט.

— חברים, — האָט ער גערופן, — חבר אַפאַנאַסיעוו פלעגט נישט איינמאָל מיט מיר רעדן. . . . איך בין געווען זיין שכן, בעטל ביי בעטל אין דער קאַזאַרמע . . . מיר דאַרפן פאַרשטיין. . . .

— איר רעדט נישט צום פּונקט. איך האָב ביי אייך צוגע־נומען דאָס וואָרט ! — האָט פּאָדאָלסקי געשריגן שוין מיט כעס, קלאַפּנדיק מיטן ציגאַרן־שפּיצל אין טיש. — גייט אַראָפּ !

נחמן איז אזא פאַרלאָרענער אַראָפּ פון דער עסטראַדע, אז ער האָט נישט געטראָפן מיט די פיס די טרעפּלעך און זיך אויסגע-גליטשט. קוליק האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט. פּאָדאָלסקי האָט איבערגעליינט די רעזאָלוציע, וואָס קוליק האָט אים צוגעטראָגן א פאַרטיקע, אז די אַרבעטער פון „רויטן שטערן" שליסן אויס פון זייערע רייען דעם שעדיקער אַפאַנאַסיעוו.

א טייל פון די ארבעטער, די „וואנצן“, האָבן געהויבן די הענט.

— ווער איז קעגן דער רעזאָלוציע, זאָל אויפהויבן א האנט, — האָט ער גערופן.

קיינער האָט קיין האנט נישט געהויבן.

די רעזאָלוציע איז דורך.

מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אויגן צו דער ערד, איז נחמן פארבייגעגאנגען דעם פאבריק־הויף. חבר פּאָדאָלסקי האָט דריי מאָל געמוזט בלאָזן אין אויטאָמאָביל־האָרן, ער זאָל נישט איבערפאָרן דעם פארטראכטן פארשוין, ארויספאָרנדיק פון פאבריק־טויער.

אויף דער גאס שוין האָט קוליק אָנגעיאָגט נחמנען.

— העי, — האָט ער אים גערופן אָן א „חבר“, — צומאָרגנס נאָך דער ארבעט זאָלט איר זיך מעלדן צום סעקרעטאר פון קעמערל. ער וויל אייך זען.

נחמן האָט אים געוואָלט איבערפרעגן; אָבער קוליק האָט זיך באצייטנס אָפּגערוקט פון אים, ווי פון א קרעציקן, און גיך אוועק אויף די קורצע דיקע פיס.

## קאַפּיטל פינף־און־פערציק

אין דער ארבעט געגנט, אין די בוימער־באפלאנצטע גאסן, וואו אין קליינע פּאלאצלעך און רייכע הייזער האָבן אויפגעהאַלטן זיך אמאָל גרויסע מאָסקווער סוחרים, מאגנאטן און הויכע באאמטע און איצט וואוינען דאָרט אָנגעזעענע פּארטיי־טוער, וויכטיקע אימיגראנטן, פּראָפעסאָרן — בארימטהייטן, רעזשיסערן, פילם־שטערן, בארימטע שרייבער און דירעקטאָרן פון גרויסע פאבריקן און טראָסטן, איז שטיל און רואיק. איבער די געוואשענע שויבן פון די וואוינונגען זענען ראליעטן אראָפּגעלאָזט, א סימן, אז מען שלאָפט נאָך דאָרט אין די וואוינונגען. די הויז־וועכטער רייניקן און וואשן די הייזער, קערן אוועק דעם שטויב, פוצן די שויבן פון

די איינגאנגס-טירן. בריוו-טרעגער מיט טאַרבעס בריוו און פּאַקעטן ליידיקן אויס זייער פּאַסט ביי יעדער הויז און גיבן זיי איבער צו די הויז-וועכטער. מאַסן בריוו און צייטונגען קומען אָן צו די מענטשן פון אַט די הייזער. וואו נישט וואו שטייט אַ דינסט אין אַן אָפן פענסטער און קלאַפּט אויס פון שטויב אַ טיכל, מיט וועלכן זי האָט געריייניקט דאָס הויז. ניאַנקעס פירן ארויס קינדער אויף לופט. דינסטן פירן הינט אויף זייער מאָרגן־שפּאַציר.

אין דער שטאָט קאָכט שוין די באַוועגונג פון עטלעכע שעה. פון הויכע פאַבריק-קוימענס ציען זיך גערדיכטע רויכן. ביי די קאָ־אָפּעראַטיוון און מלוכה-קראָמען שטייען לאַנגע רייען פאַר די טירן. איבער די גערדיכטע גאַסן קניען שאָסעי־ארבעטער און קאַנאַליזאַציע־גרעבער, גראָבנדיק קאַנאַלן אין דער ערד, אויסרייסנדיק אַלטע שטיינער פון ברוק און פּלאַסטערנדיק נייע אויף זייער אָרט. די מאַשינען צעטראָגן שיער נישט די ערד, גראָבנדיק און בויערנדיק אין אירע אינגעווייטן. מויערער רייסן אראָפּ אַלטע הייזער, רייניקן אָפּ פּלעצער פון מיסט און ברוך און בויען נייע הייזער. הויב־מאַשינען לאָדן משאות אויס מיט זייערע ריזיקע האַקנס און לאָזן זיי אראָפּ צו דער ערד. מענער אין צעריסענע קליידער גראָבן גריבער, לעשן קאַלך, שיטן זאַמד און ריזל אין מאַשינען, וואָס צעמאָלן זיי, גיסן צעמענט, שלעפּן אייזנס. ווייבער אין פאַרהויבענע קליידער, באָרוועסע, שלעפּן קעסטלעך מיט ציגל איבער פּראָוויזאָרישע טרעפּ און לייטערס. מויערער קריכן אויף רושטאָוואַניעס, ציען ארויף עמערס אויף שטריק און רעדלעך. סטאָליארעס זעגן האָלץ, קלאַפּן, שניידן. עלעקטראָ־טעכניקער, שלאָסער, מאַליארעס, גלעזער, בלעכער, אַלע קלאַפּן, קריכן אויף ווענט, שרייען, מאַכן מיט די הענט. אויפזעער גיבן באַפעלן, צייכענען, מעסטן. שאָפערן און באַלעגאָלעס ברענגען משאות צעשלעפּן. די שטאָט ציטערט פון באַוועגונג. אָבער אין די גאַסן און פערעאולקעס ארום ארבאַט איז רואיק און שטיל. די איינוואוינער שלאָפן נאָך מערסטנס דאָ זייער שפּעטן מאָרגן־שלאָף.

נחמן בעקער וואונדערט זיך, ווען דער הויז־וועכטער ביים אריינגאַנג זאָגט אים, אז עס איז נאָך צו פרי אריינצוגיין אין הויז

וואו ער דאַרף, ווייל מען שלאָפט נאָך דאָרט. כּמעט עס איז זיין רו־טאָג, איז ער שוין אויף לאַנגע שעהן. ער איז שוין דורכגע־פאָרן די גאַנצע שטאָט, געגאַנגען היפּש צופוס, און אים דוכט זיך אויס, אַז עס איז שוין זייער שפּעט. ער קוקט מיט חידוש אויפן זייגער, וואָס ווייזט ערשט האַלב ניין אינגאַנצן, און ער גייט צוריק אַרוים צו די ברייטע גאַסן, כּדי אָוועקצוהרגענען אַביסל צייט. די גאַסן זענען אויסגעפּוצטע, רייכע, גאַרנישט ענלעך צו די געס־לעך פון זיין געגנט, וואו ער וואוינט. פּונקט אַזוי זענען אַנדערש די מענטשן, וואָס גייען דורך זיי פאַרביי, בעסער־אָנגעטאָנענע און בעסער־אויסזעענדע. פּונקט אַזוי זענען אַנדערש די מאַגאַזינען אין די הייזער. גרויסע אוניווערסאַל־מאַגאַזינען זענען דאָ, מיט ריזיקע לויטערע שוי־פענסטער, אין וועלכע ס'איז אַרויסגעשטעלט אַלץ, פון טייערע שפּייזן און וויינען ביז שיינע קליידער, עלעגאַנטע שיך און פּאַרפומען. דאָס זענען נישט קיין אַרבעטער־קאָאָפּעראַ־טיוון, נאָר מלוכהשע מאַגאַזינען אָפן פאַר יעדן, ווער נאָר עס קען גוט באַצאָלן. נחמן דערפילט שפּייעכץ אין מויל, קוקנדיק דורך די לויטערע שויבן אויף די גוטע אַפּעטיטלעכע שפּייזן, וואָס זענען דאָרט אַרויסגעשטעלט. ביים האַרץ צופּט אים, ווען ער דערזעט אַ פיגור פון אַ אינגל אין שויב, אָנגעטאָן אין אַ נייעם ספּאָרט־קאָסטיום און אין געלע שיך מיט זאָקן ביז די קניען. די וואַקסענע אינגל־פיגור איז אין דער אייגענער גרויס ווי זיין מאָטעסל. דאָס דערמאָנט אים אין הילוך פון זיין אינגל. אין די קאַפייען זיצן מענטשן ביי גלעזער טיי און קוכן. זיי טרינקען לאַנגזאַם די טיי, רויכערן און פּלוידערן. אין טייל מאַגאַזינען הענגען אויפשריפטן, אַז מען פאַרקויפט נאָר פאַר אויסלענדיש געלט, נישט פאַר קיין רובלס. אויף אַ גרויסן פאַרביקן פּלאַקאַט איז אויסגעמאָלט אַ גלענצנדער אויטאָמאָביל, אַ נייער, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס. נחמן פילט זיך זייער געפאַלן מיט זיין אויסזען און הילוך אין אָט די שיינע גאַסן. דורך די לויטערע שוי־פענסטער זעט ער זיך אין זיין גאַנצער גרויס, אַ בלאַסן, אַ באַוואַקסענעם, אַ שלעכט־אָנגעטאָ־נענעם און אָפּגעצערטן. זייער שמוציק זענען די שיך זיינע, אַלט און אויסגעדרייט. כּמעט אומעטום הענגען אויפשריפטן, וואָס

דערמאָנענע אים, אז ער איז אין לאַנד פון פאַרבאַנד פון די סאָצ־יאַליסטישע רעפּובליקן, פילט ער זיך געפאַלן מיט זיין אָרימקייט און מיט זיין הילוך אין אָט דער געהויבענער געגנט, אין אָנבליק פון די שיינע מאַגאַזינען, קאַפייען און די גוט־געקליידעטע מענטשן. פּונקט אזוי פלעגט ער זיך פילן אין ווארשע, ווען ער פלעגט זיך ארויסכאַפּן פון פאַרן אייזערנעם טויער צו דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, נידעריק און געפאַלן.

נאָך געפאַלענער דערפילט ער זיך, ווען ער קומט צוריק אין דער שטילער גאַס צום הויז, וואו ער דאַרף אַריינגיין. דאָס הויז איז א נייס, א קלאָרס, נישט לאַנג צוריק פאַרענדיקט. אַלץ, דער קאַלך אויף די ווענט, די פאַרב פון טירן און פענסטער, די קליאַמקעס ביי די טירן, גלאַנצן פון נייקייט. פּונקט אזוי ניי זענען די בלעטלעך אויף די טירן, די נומערן. אפילו די בוימלעך פאַר דעם הויז זענען נייע, פריש־פאַרפלאַנצטע. נחמן קוועטשט פאַרזיכטיק אָן דאָס עלעקטרישע גלעקל אין דער טיר און פאַרקנעפּלט נאָכאַמאָל די קנעפּלעך אין זיין אפּגעטראָגן רעקל. א פרוי אין פאַרטוך עפענט די טיר אין דער העלפט און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס.

— וועמען דאַרפט איר, בירגער? — פרעגט זי מיט פאַר־דאַכט.

— קען איך זען חבר דניאל? — פרעגט ער א פאַרשעמטער.

— דאַניעל יאַקאָוולעוויטש שטייט ערשט אויף, — זאָגט די פרוי אַלץ אין טיר. — האָט ער אייך באַשטעלט אויף אזוי פרי?

— ניין, מורמלט נחמן, — אָבער חבר דניאל איז מיינער א פריינט. איך בין חבר נחמן . . . ער קען מיך.

די פרוי מאַכט נאָך שמעלער די עפענונג אין דער טיר.

— המ . . . איך ווייס נישט, צי דאַניעל יאַקאָוולעוויטש וועט אייך קענען זען, — זאָגט זי. — מען דאַרף פריער באַשטעלן א וויזיט . . . טעלעפאָנירן.

נחמן עפנט גרויסע אויגן. זינט ער לעבט, האָט ער נישט געהערט אזוינס, מען זאָל נישט קענען קומען גלייך צו א פריינט.

— איר וועט זאָגן אייער מאַן, אז חבר נחמן פון ווארשע איז דאָ — מורמלט ער. — איר דאַרפט ווייסן וועגן מיר, חברטע . . .

די פרוי אין פארטוך שמייכלט קרום.

— איך בין דאָ א דינסט בלויז. — זאָגט זי. — קומט אריין און ווישט אָפּ די פיס, גוט ווישט אָפּ!

נחמן ווישט לאַנג די פיס אין שטרויענעם טעפיכל פאַר דער טיר און גייט אומדרייסט אריין אין שטוב. פון די ווענט קוקן צו אים אראָפּ אויל־בילדער און צייכענונגען. דאָס מעבל גלאַנצט אין יעדער ווינקעלע. זיינע טריט פארלירן זיך אין ווייכקייט פון טעפּיך. מאסן ביכער אין עטלעכע שפּראכן קוקן ארויס פון אלע פאכן. די ציכטיקייט שמעקט. א שטאַרקער ריח פון פריש פאר־בריטער קאַפע טראָגט זיך דורך אָפענע טירן, א ווייך כליופּטשען פון וואסער און א קלינגנדיק געלעכטערל פון א קינד. נחמן באטראכט יעדע קלייניקייט, מער פון אלץ די ביכער, צו וועלכע ער פילט נאָך אלץ א דורשטיקייט. נאָך דעם ווי ער וואַרט אָפּ א היפּש צייט, עפנט זיך א זייטיקע טיר און חבר דניאל קומט אריין, א פריש־אָפּגעוואשענער, אַן אויסראַזירטער, אַן אויסגעשלאָפענער, אין א זיידענעם מאָרגן־ראָק, אין ווייכע שיך.

— דאָס זענט איר, חבר נחמן, — פרעגט ער מיט שטוינונג אין רוסיש. — קומט אריין, איר וועט עסן פרישטיק מיט מיר.

נחמן גייט אריין אין עס־צימער. אויפן וויים־געדעקטן טיש איז געגרייט ווייס ברויט, פּוטער, קעז, סאַרדינען. די ריחות פון שפּייז שלאָגן אים צו צום ניכטערן האַרצן. חבר דניאל שמירט אָן א שטיקל זעמל מיט פּוטער, באַלייגט עס מיט קעז, און מיט א פולן מויל עסן שטעלט ער פאָר נחמנען פאַר זיין ווייב.

— סאָפיע, — זאָגט ער קייענדיק, — באַקען זיך. דאָס איז אונזערם א לאַנדסמאַן, חבר נחמן, א וואַרשעווער. און דאָס איז אונזער טעכטערל, חבר נחמן, מאַיאַ איז איר נאָמען, שוין דאָ א געבוירענע, א מאָסקווערן.

סאָפיע, אין א זיידענעם שלאָפראָק, דורך וועלכן אלע ווייבערישע רייצן שלייכן זיך ארויס, טוט א האַלבן שמייכל און א ברום אין פּויליש, אַז עס איז איר זייער אַנגענעם. די קליינע מאַיאַ, א פּולענקע און א געטאָקטע, דערפרייט זיך מער מיטן פרעמדן.

— דיאַדיא, — רופט זי און שפּאַרט אַןביידע הענטלעך אין פרעמדענס קניען.

סאָפיע כאַפּט אוועק איר טעכטערל ווי פון א פעסט. זי איז שוין נישט מער קיין שונא פון איר מאַנס מענטשן, פון זיין פאַר־טייאישער ארבעט, ווי אמאָל אין פוילן. ער איז זייער וויכטיק דאָ, איר מאַן. אויך האָט ער א גרויסע קאַריערע געמאַכט, א בעסערע ווי ווען ער וואָלט געוואָרן אן אדוואָקאַט אין דער היים. ער האָט א גרויסן פּאָסטן. אויך שרייבט ער אין די זשורנאַלן. צו איר אין הויז קומען זיך צונויף וויכטיקע מלוכה־מענער, אָנגע־זעענע שרייבער, הויכע מיליטערלייט און אפילו אויסלענדישע פאָרשטייער. ער גיט איר אויך פון אַלעם גוטן, א שיין הויז, קליידער. אפילו קיין אויסלאַנד פאָרט ער אָפּט און ברייננט איר פון דאָרטן זייער שיינע מתנות. זי האַלט דעריבער שטאַרק פון דער פראָלעטאַרישער מלוכה און פון אירע פירער. אָבער אָרימעלייט, שלעכט־געקליידעטע ארבעטער האָט זי נאָך אַלץ פיינט, ווי אמאָל, זי מיאוסט זיך פון זיי. זי מיידט אויס צו פאָרן אין טראַמוואַי, עס זאָל זיך נישט עפּעס צוקלעפּן צו איר פון די אָרימע, נישט־געוואַשענע און אָפּגעריסענע ארבעטער. זי נעמט תמיד דראָשקעס, ווי טייער זיי זאָלן נישט קאָסטן. אין באַן פאָרט זי אין לוקסוס־וואַגאָנען. און זי איז זייער אומרואיק, וואָס דער מאַן אירער האָט דעם שלעפּער געבעטן צו זיין טיש. זי איז אומרואיק פאַר די טעפּיכער, פאַר דעם קלאָרן טישטוך, פאַר די כלים, צו וועלכע ער וועט זיך צורירן מיט די אומגעוואַשענע הענט. און מער פון אַלץ פאַר דער קליינער מאַיאַ, וואָס וויל נאָר קריכן צום פרעמדן אויף די קני. איר עקלט פון זיינע מלבושים, די געלאַטעטע און אומריינע.

— מאַיאַ, — שטראָפט זי די קליינע כלומרשט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט קיין דערציאונג, — ווי וואַגסטו? וועסט נאָך אויסשמירן דעם מאַן די מלבושים. קום אַרויס.

מיט כוח שלעפּט זי אוועק די קליינע ביים הענטל און גייט אַרויס, כדי צו פאַרשפּאָרן עסן ביי איין טיש מיטן פרעמדן.

— איר האָט געווים עפּעס וויכטיקס צו רעדן, — זאָגט זי, שמייכלנדיק מיט אַ פאַלש ווייבעריש שמייכעלע, — איך וועל אייך נישט שטערן מיט מיין אנוועזנהייט.

נחמן פילט ארוים איר עקל צו זיך און ער ווערט רויט. זיין גאַנץ ביסל בלוט קומט אים אין בלאַסן פּנים. ער פילט זיך ווי אמאָל, ווען ער פלעגט עסן טעג ביי פרעמדע טישן. די גוטע שפּייזן, ספּעציעל די שטאַרקע קאַפע, ברענגען אים וואסער אין מויל, פונדעסטוועגן זאָגט ער זיך אָפּ מיטצוהאַלטן, ווי חבר דניאל בעט אים.

— אַ דאַנק, כ'בין זאַט, — מורמלט ער.

חבר דניאל מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.

— נו, איר וועט זיך נאָך אָן עצה געבן מיט נאָך אַ פרישטיק, — שפּאַסט ער. — זייט נישט קיין שעמעוודיקער. פּראָלעטאַריער דאַרפן זיין דרייסט.

אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, רייניקט נחמן אוים עטלעכע מאָל די נאָז מיטן נישט־דיינעם טיכל זיינעם, כאָטש ער דאַרף עס נישט, און ער הוסט אָפּ די הייזעריקייט, וואָס ער דערפילט פּלוצלונג אין האַלז. דאָס דערפילט ער שטענדיק, ווען אים איז אומבאַקוועם ערגעץ.

— נו, ווי גייט עס אייך עפּעס ביי אונז אין סאָוועטן־פאַר־באַנד ? — פרעגט חבר דניאל אַ קייענדיקער, אונטערשטרייכנדיק דעם „ביי אונז", ווי דאָס לאַנד וואָלט געווען זיינס.

— נישט גוט, חבר דניאל, — זאָגט נחמן שטיל.

חבר דניאל שטעלט אוים די שיינע אויגן.

— נישט גוט ? — פרעגט ער איבער מיט שטוינונג.

ער האָט פיינט דאָס וואָרט. ער הערט עס זעלטן. קיינער פון זיינע מענטשן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, ביי דער אַרבעט, אין זיין הויז, אויף די באַנקעטן און פייערונגען, דערמאָנט עס נישט. בליז אַ מאָל פון די קוטשערס הערט ער עס, פון די פאַרבליבענע אָפּגעפּאַרענע איזוואָשטשיקעס, מיט וועלכע ער פאָרט פון גאַס צו גאַס. אָבער ער גלויבט זיי נישט. תמיד, ווייסט ער, האָבן

זיי ליב צו קלאָגן. נחמן שלינגט אראָפּ א ביסל שפּייעכץ, נאָס צו מאַכן דעם טרוקענעם האַלז, און דערציילט פון זיין לעבן אין דער נייער שטאָט, זיין גאַנץ אָרים, האַרט און האָפנונגסלאָז לעבן.

חבר דניאל פּויקט מיט די פינגער אין טיש פון אומגעדולד.

— איך פאַרשטיי נישט, — זאָגט ער, — איר אַרבעט דען נישט?

— איך אַרבעט, און מיין ווייב אַרבעט, און זעט ווי איך זע אויס, — זאָגט נחמן און ווייזט מיט א פינגער אויף זיך אַליין, חבר דניאל זאָל אים אָנקוקן און זען.

חבר דניאל וויל אים נישט אָנקוקן. ער קוקט בעסער אַרויס דורכן פענסטער, דורך וועלכן מען זעט ווי מען בויט פון דער־ווייטנס.

— איר האָט זיך נאָך נישט אריינגעפּאַסט אין אונזערע באַדינגונגען, — רייסט ער אים איבער, — איר האָט נאָך נישט געכאַפּט דעם ריטם פון אונזער פיבערדיקער טעטיקייט; איר זענט נאָך אַלץ צוגעוואוינט צום אידעאַליסטישן אַרט דענקען פון אַן אונטערערדישן קאָמוניסט פון יענער זייט גרענעץ. מיר דאַרפן לעבן דאָ מיט דערווירקלעכקייט, אויפכאַפּן דעם אָטעם פון דער שטייגנדער סאָוועטישער אינדוסטריאַליזאַציע, אַזוי צו זאָגן. איר דאַרפט מער לייענען, אריינדרינגען, פאַרשטיין די אָביעקטיווע באַדינגונגען, חבר נחמן.

נחמן הערט אויס די שווערע רייד, וואָס גליטשן זיך גלאַטיק אַרויס פון חבר דניאלס מויל, און ער שאָקלט זיי אָפּ פון זיך.

— איך בין נישט קיין אויסנאַם, חבר דניאל, — זאָגט ער, — אַלע לעבן אַזוי; אין דער קאַזאַרמע, וואו איך האָב געוואוינט; די שכנים פון דער גאַס, וואו איך וואוין איצט. ווען איר וואָלט זיך צונויפגעקומען מיט די אַרבעטער, ווי איך, געלעבט מיט זיי, וואָלט איר עס געזען. זיי זענען אומצופרידן . . . איך הער עס . . .

חבר דניאל לייגט אוועק דאָס שטיקל אָנגעשמירטע ברויט אין מיטן עסן און ווישט אָפּ האַסטיק די ליפּן מיטן סערוועטל.

— איר רעדט אונזין, — בייזערט ער זיך אויף זיין גאַסט,

אנשטאָט צו לאָזן זיך אָנגרייפן פון יענעם. — איך וועל עס אייך ווייזן.

ער גייט מיט שנעלע טריט אריין אין זיין קאַבינעט, זוכט צווישן די ביכער און נעמט אַרויס זיינע אַן אייגענע בראָשורע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט און איבערגעזעצט זי אין עטלעכע שפּראַכן. אויף סטאַטיסטיקס איז זי געבויט, די בראָשורע, אויף די באַריכטן פון אַלע רעפּובליקן פון פאַרבאַנד. אַלץ איז געשטיגן מיט אַן אונגעהוירן וואוקס, זינט דער גרויסער פירער האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון פאַרענדיקן דעם פינף־יאָר פּלאַן אין פיר יאָר. די געהאַלטן פון די אַרבעטער זענען בלויז פאַר עטלעכע יאָר געשטיגן אין לאַנד אויף הונדערטער מיליאָנען. מיליאָנען מעטער וואוינונגען אין קוואַדראַט זענען אויסגעבויט געוואָרן. אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע זענען גוואַלדיק אויסגעוואַקסן. דאָס זעלבע איז מיט באַנען, שיפן, בילדונג, פאָלקס־געזונד, היגיענע. די געבורטן זענען געשטיגן, די שטערבלעכקייט איז פאַרקלענערט געוואָרן.

— קוקט, זעט! — ווייזט חבר דניאל מיט אַ פינגער אויף די ציפערן אין די בראָשורן, וואָס ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט.

כאָטש נחמן אַליין פלעגט די אייגענע רייד רעדן פאַר די אַרבעטער, ווען זיי פלעגן אים שטעלן פראַגן; כאָטש ער פלעגט זיי אויך אָנווייזן אויף די ציפערן און סטאַטיסטיקס פון דער פּאַר־טיי־צייטונג, פילט ער דעם שקר פון זיי אין דער דאָזיקער אויס־געפּוצטער זאַטער שטוב, אַרויסגעזאָגט פון חבר דניאלס פעטע ליפּן.

— אָבער די ציפערן קען מען נישט עסן, חבר דניאל — זאָגט ער מיט די אייגענע רייד, ווי די אַרבעטער פלעגן אים ענטפערן.

חבר דניאל ווערט בייז. איז דאָס דער אייגענער חבר נחמן, וועמען ער האָט געקענט? — וויל ער וויסן. — זענען דאָס די רייד פון אַ קאָמוניסט? לערנט ער עפּעס דאָ אין דעם לאַנד? גייט ער אין דער „פּאַרטיי־שולע" ? באַזוכט ער קורסן? לייענט ער די פּאַרטיי־צייטונג? הערט ער זיך צו צו די באַריכטן פון די קאָנ־פערענצן און צוזאַמענפאָרן? נעמט ער אַן אַנטייל אין די זיצונגען פון קעמערל?

— איך טו אַלץ וואָס מען דאַרף, חבר דניאל, — ענטפערט, נחמן, — אָבער איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי גאָרנישט.

חבר דניאל נעמט זיך דערטרינקען די קאַפע, וואָס איז דער־ווייל קאַלט געוואָרן.

— אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס איר פאַרשטייט נישט, — זאָגט ער שוין מיט ווייניקער כעס. — נעמט מיינע ביכער, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, איך וועל זיי אייך געבן. לייענט זיי, און אַ סך זאַכן וועלן אייך קלאָר ווערן.

שנעלער ווי פריער גייט ער אריין אין קאַבינעט און ברענגט עטלעכע ביכער מיט הילעם פון אַלערליי קאָלירן. זיי זענען אין רוסיש, אין פראַנצויזיש, אין ענגליש, אין דייטש און אין אַנדערע שפּראַכן.

— אפשר איז אייך שווער צו פאַרשטיין אין רוסיש, האָב איך זיי אויך אין פּויליש, — זאָגט ער מיט הנאה, וואָס זיינע ווערק זענען אין אַזוי פיל שפּראַכן פאַרעפנטלעכט, — דרינגט אַריין אין זיי און איר וועט בעסער פאַרשטיין; איר וועט אויפהערן טראַכטן פון אייער אייגן הויז, פון אייערע שכנים, נאָר פון אַ מלוכה־שטאַנד־פונקט, פון גרויסן מאַסשטאַב.

דאָס מאַכט אים גוט פילן, חבר דניאלן, און ער איז מער נישט אין כעס אויף דעם לאַנדסמאַן זיינעם. פאַרקערט, ער טרייסט אים:

— זייט מוטיק, דרייסט, אָפּטימיסטיש און אייער לעבן וועט אויך זיך פאַרבעסערן.

ער קלאַפּט אים ברודעריש אין דער פּלייצע און גיט אים אַ מתנה אויך.

— איך האָב צוויי בילעטן אין דער אָפּערע, — זאָגט ער — איך האָב נישט קיין צייט צו גיין, כ'בין פאַרוואָרפן מיט ארבעט. נאַט זיי אייך און גייט מיט אייער ווייב אין אָפּערע. איר וועט זיצן אין דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס לאָזשע. . . .

ער קוועלט, חבר דניאל, פון דעם, וואָס חבר נחמן וועט זיצן אין דער מיוחסדיקער לאָזשע און ער פירט אים אַרויס צו דער טיר, אַן אַנצוהערעניש, אַז דערמיט איז אַלץ קלאָר און גלאַטיק און אַז

חבר נחמן מעג גיין זיין וועג, כדי אים, דניאלן, לאָזן טאָן זיין ארבעט, וויכטיקע ארבעט. נאָר נחמן שטייט אומדרייסט און רירט זיך נישט פון אָרט.

— חבר דניאל, — זאָגט ער שטיל, — מען שליסט מיך אויס פון דער פּאַרטיי . . . איר דאַרפט מיר העלפן.

חבר דניאל בלייבט שטיין אַן איבעראַשטער. ער דערשמעקט גלייך, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק.

— פון דער פּאַרטיי ? — פרעגט ער איבער און פירט נחמנען צוריק אין קאַבינעט, אנשטאָט צום קאָרידאָר ווי פריער.

נחמן דערציילט אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ די גאַנצע געשיכטע מיט אָפּאָזיציע. חבר דניאל איז אומרואיק.

— נו, ווייטער, — רייסט ער איבער, אומגעדולדיק פון די אַלע איינצעלהייטן, — ווייטער וואָס איז געוואָרן ?

ווען נחמן קומט אַרויס מיט דער געשיכטע וועגן דער אָפּ־שטימונג, קען זיך חבר דניאל מער נישט איינהאַלטן.

— ווי האָט איר געוואָגט ? — שרייט ער און קלאַפּט אין שרייב־טיש, אַז אַלץ ציטערט אויף אים. — אידיאָט איינער, וואָס איר זענט !

נחמן וויל ענטפערן, זאָגן אים, אַז ער האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו אים צו ריידן ; אָבער חבר דניאל לאָזט אים צום וואָרט נישט קומען.

— א שיינע קאַשע האָט איר מיר פאַרקאָכט ! — שרייט ער אין אידיש שוין, — פאַרגעסנדיק גאָר, אַז ער רעדט נישט מער די שפּראַך זינט ער איז אַריין אין די הויכע פענסטער.

מיט זיין אדוואָקאַטישן חוש דערפילט ער גלייך, אַז ער איז דאָ פאַרקראָכן אין א בלאָטע ; אַז צוליב עפּעס דאַרט אַן אָפּאָזאַס־יעוו, דער רוח זאָל אים נעמען, איז ער, חבר דניאל, דאָ אומ־ווילנדיק אריינגעמישט געוואָרן. דאָס האָט ער רעקאָמענדירט דעם אידיאָט, דעם נחמן ; דאָס האָט ער זיך פאַר אים אונטערגעשריבן, ווען מען האָט אים פאַרהאַלטן ביי דער גרעניץ, רעקאָמענדירט אים פאַר דער פּאַרטיי, געשאַפן אים ארבעט, דעם וויסטן נאַר. איצט האָט ער אים אָפּגעצאָלט, אין א שיינער בלאָטע אים פאַרפירט ;

אים, וואָס ער האָט זיך אזוי די גאַנצע צייט אָפּגעהיט, קיין פּלעקעלע אויף זיך נישט געלאָזט פאַלן.

— ווער האָט אייך געבעטן, בהמה, — שרייט ער, — אָנצור־נעמען זיך פאַר א שעדיקער? איר ווייסט כאָטש, וואָס איר האָט דאָ אָפּגעטאָן?

נחמן דערפילט אָן ענגשאַפט ביים גריבל פון האַרץ. מער ווי פריער פאַרשטייט ער וואָס ער האָט אָנגעאַרבעט. צוזאַמען מיט כעס ליגט א שרעק אויף חבר דניאלס פּנים, אַן אומרואיקייט, ווי ווען מען הערט א שלעכטע בשורה.

נחמן הויבט אָן די געשיכטע פון ס׳ניי. אין אָן אַרבעטער איז עס געגאַנגען, אין א חבר־אַרבעטער, וואָס די שלעכטע באַ־דינגונגען האָבן אים פאַרביטערט. קיינער האָט זיך נישט אָנגענור־מען פאַר אים. ער האָט נישט געקענט שווייגן. איבעריקנס, איז עס דאָך געווען אָן אַרבעטער־זיצונג, וואו יעדער האָט דאָס רעכט צו זאָגן זיין וואָרט. חבר פּאָדאָלסקי אַליין האָט דאָך געפרעגט ווער עס וויל נעמען דאָס וואָרט צו פאַרטיידיקן דעם אָנגעקלאָגטן. איז עס דען נישט געווען זיין רעכט?

חבר דניאל קען די אידיאָטישע רייד וועגן חבר־אַרבעטער, רעכט און אַנדערע אומזיניקייטן נישט הערן. דאָס איז שוין איבער זיין געדולד.

— וואָס קריכט איר אין פרעמדע עסקים, צום טייוול? — שרייט ער. — וואָס האָט איר בעסער נישט אין זינען זיך אַליין, אייער ווייב און קינד?

נחמן עפנט אויף אזא פּאָר אויגן, אַז זיי פאַרכאַפּן א העלפט פון זיין אויסגעמאָגערט פּנים.

— דאָס זאָגט איר, חבר דניאל? — מורמלט ער אין שטויר־נונג. — איר, וואָס האָט מיך געלערנט אַמאָל קעמפן פאַר דער אַרבעטער־זאַך? איך האָב געמיינט —

— איך האָב געמיינט, געמיינט . . . — שפּעט חבר דניאל אים נאָך. — איר זענט א קאָמוניסט און איר דאַרפט גאָרנישט מיינען, נאָר אויספירן די באַפעלן. אייער שריט צווישן די אַר־

בעטער קעגן דער פּאַרטיי איז קאָנטער-רעוואָלוציע! איר הערט, קאָנטער־רעוואָלוציע!

נחמן שמייכלט. די באַשילדיגונג אין קאָנטער־רעוואָלוציע קעגן אים איז צו לעכערלעך אין זיינע אויערן. ער און קאָנטער־רעוואָלוציע!

חבר דניאל קען זיין שמייכלען נישט צוזען.

— לאַכט נישט! שרייט ער. — די לאַגע איז צו ערנסט צו לאַכן. מיינט נישט, אַז איך וועל מיך אָנעמען פֿאַר אייך.

נחמן הויבט זיך אויף פון אָרט און לאָזט זיך גיין.

חבר דניאל לויפט צו האַסטיק צום טיש און באַהאַלט שנעל די בראָשורן און די טעאַטער־בילעטן, וואָס ער האָט פריער געוואָלט געבן דעם חבר נחמן.

ער וויל אָפּרוימען יעדער שפּור פון אָט דעם געפערלעכן מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אַדמיניסטראַציע.

דערביי הערט ער נישט אויף בייזערן זיך, זידלען און שרייען, כאָטש נחמן איז שוין פון יענער זייט טיר.

מיט יעדער זידל־וואָרט מער, פילט ער, אַז ער רייניקט אַלץ מער זיך אָפּ פון דער אַנשטעקנדיקער געפאַר.

## קאַפּיטל זעקס-און-פערציק

צוויי מאָל צוויי איז נישט געווען פינף.

כאָטש אומעטום, אויף די ווענט פון די פאַבריקן, אין די צייטונגען, אויף אַלע מויערן, דורך אַלע ראַדיאָ־הילכערס און פאַרזאַמלונגען זענען געגאַנגען די לאָזונגען, אַז מיט שנעלן טעמפּאָ וועט מען אָניאָגן און איבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער; כאָטש עס זענען פון אַלע זייטן געקומען די פריילעכע באַריכטן, אַז דער פינף־יאָר פּלאַן ווערט אויסגעפירט אין פיער יאָר און אפילו נאָך פריער, איז גאָרנישט געווען אין לאַנד. די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען זענען געשטאַנען פּוסט און לער. די ווייבער מיט די

קוישלעך האָבן שעהן געוואַרט אומזיסט אויף שפּייז. כדי נישט אהיימצוגיין מיט ליידיקן, האָבן זיי גענומען אַלערליי אומניצלעכע זאַכן, וואָס די קראָמען האָבן געהאַט, פון קינסטלעכע בלומען ביז פלעשלעך שמעקעדיק וואַסער. אין די אַרבעטער־קיכן איז דאָס עסן געוואָרן מיט יעדן טאָג מאָגערער, שיטערער. די אַרבעטער האָבן געברומט אין כעס, חוזק געמאַכט פון דער וואַסערדיקער זופּ אין די אויגן פון די מיוחסים און טעלער־לעקער, וואָס טראָגן צו מסירות. שפּאַט־לידלעך וועגן פינף־יאָר פּלאַן, וואָס וועט פּאַרטיק ווערן אין הונדערט יאָר אַרום, האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אין דער הויפּט־שטאָט. פון מויל צו מויל האָבן זיי זיך געטראָגן, פון שטאָט צו שטאָט, פון רעפּובליק צו רעפּובליק. אַלערליי וויצן וועגן פּלאַן זענען אומגעגאַנגען, וויצן בייסיקע און גאַליקע אויפן חשבון פון די פירער. די ווענט פון די אַלגעמיינע קלאָזעטן זענען געווען באַשריבן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט גראָבע רייד וועגן די פירער פון לאַנד.

פון די קאָלעקטיוון און דאָרפס־ווירטשאַפטן זענען די פּויערן געלאָפן אין די שטעט. פאַר כעס, וואָס מען האָט ביי זיי געפּאָדערט אוועקצוגעבן דאָס לעצטע פון זייערע באַלעבאַטישקייטן אין די קאָלעקטיוון אַריין, האָבן זיי אויסגעקוילעט די חזירים, אומגעבראַכט די עופות, צעשניטן די געשפּאַנען פון די פערד, קאַליע געמאַכט די שנייד־מעסערס און אַקער־אייזנס. טייל האָבן אין זייער פּויערישן כעס אַריינגעזעצט פּלאָקנס אין די אינגעווייטן פון די טראָגנדיקע בהמות, כדי קאַליע צון מאַכן די זוימן אין זיי, זיי זאָלן נישט ברענגען קיין נוצן די לייט פון דער מאַכט. מחנותווייז, אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער, זענען זיי געלאָפן, מיט זעק און שמאַטעס. זיי האָבן באַלאַגערט די וואָקזאַלן, אָנגעהאַנגען זיך אין וואַגאָנען, געשלאָפן אויף מערק און פּלעצער, געבעטלט, געוויינט, געצלמט זיך פאַר די קלויסטערס. וויפיל די געפּעאו־לייט און די מיליציאָנערן האָבן זיי נישט געטריבן פון די באַנען און שטעט, אַרעסטירט און פאַרשיקט, זענען זיי אַלץ מער געקומען, ווי אַ היישעריק אַראָפּגעלאָזט זיך, נישט צו פאַרטרייבן. צוזאַמען מיט זיי איז מיטגעגאַנגען הונגער, נויט, בעטלעריי, עפּידעמיעס,

די שפּיטאָלן זענען געווען פול מיט קראַנקע. אין דער פרי האָט מען, צוזאַמען מיטן מיסט, טויטע אויפגערוימט. פון די פאַבריקן זענען די אַרבעטער געלאָפן. מען האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון רעפּובליק צו רעפּובליק, וואוהין נאָר די אויגן האָבן געטראָגן, כדי צו געפינען ברויט.

די הערשער זענען געווען אומרואיק. מען האָט עפּעס גענדאַרפט געבן די אויפגערודערטע מאַסן, צו שטילן זייער ענטוישונג און צאָרן. און מען האָט זיי געגעבן בלוט.

„חברים פּראָלעטאַריער, אַ טויט די שעדיקער!" — האָט זיך אַ רויטער לאָזונג אַ טראָג געטאָן איבערן לאַנד, איבער אַלע רעפּובליקן פון דער גרויסער רוסישער ערד.

ווי פריער דער לאָזונג וועגן שנעלן טעמפּאָ, האָט זיך גענומען טראָגן דער לאָזונג וועגן רייניקן דאָס לאַנד פון שעדיקער. אין די צייטונגען, אויף די ווענט פון מויערן, אין די פאַבריקן, אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, דורך די הילכערס פון ראַדיאָ, איבער דעם גאַנצן זעקסטל טייל פון דער וועלט האָט דער טויט געשריגן אויף אַלע צייַן.

די זעלבע צייטונגען, וואָס האָבן כסדר געשריבן האָפּערדיקע באַריכטן וועגן דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע, האָבן אין איין טאָג פּלוצלונג אָנגעהויבן דרוקן שוואַרצע באַריכטן וועגן אָפּגעשטאַנענקייט, שלעכטער אַרבעט, שלימאַזלדיקייט און דורכפאַל. די „אַרבקאָרן" האָבן אויפגעדעקט שעדיקער, שונאים און צעשטערער. די רעדנער האָבן גערונערט אין די פאַבריקן, אין די זאַלן, אויף פּלעצער און מערק. אַלץ וואָלט געווען גוט און וואויל, אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק לויט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן פון געניאַלן פירער, וואָס האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון צוויי מאָל צוויי איז פינף. אָבער די קלאַסן־שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס ווילן צוריק איינפירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג צום שאָדן פון די אַרבעטנדע, האָבן געלייגט קלעצער אין די רעדער פון דער רעוואָלוציע, פאַרהאַלטן די מיל־שטיינער פון דער יאָגנדיקער סאָוועטישער אינדוסטרי. די אינזשינערן האָבן באַוואוסטזיניק צעבראָכן די מאַשינען, קאַליע געמאַכט די פּלענער, די דירעקטאָרן האָבן פאַרשווענדעט די געלדער, די דאָקטוירים האָבן פאַרשפּרייט קראַנקייטן,

די ספּעצן האָבן סאַבאָטירט. די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס ציטערן פאַר דער איינציקער אַרבעטער־מאַכט, האָבן אַריינגעשיקט זייערע שפּיאָנען אין אַלע געביטן פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, כדי אויפצורייסן זי פון אינווייניק. עס וואָלט שוין לאַנג געווען אַ גן־עדן אין לאַנד, ווי דער געניאַלער פירער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַנצייכענענדיק דעם פּלאַן, ווען נישט די שעדיקער, די אויסוואורפן, וואָס האָבן דאָס פּראָלעטאַרישע לאַנד געוואָלט רואינירן. אָבער די אַרבעטער און פויערן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרפן זיך נישט שרעקן, ווייל דאָס וואַכע אויג פון דער געפּעאו האָט באַצייטנס דערזען די קאָנטר־רעוואָלוציע. די פאַרברעכערישע נעסט איז אויפ־געדעקט געוואָרן און זי וועט אויסגעריסן ווערן ביזן וואָרצל. די אַרבעטער אין אַלע פאַבריקן דאַרפן בלויז צוהעלפן דער סאָוועטן־מאַכט אין איר קאַמף קעגן דער כיטרער שלאַנג. אומעטום, וואו נאָר עס איז דאָ אַ פאַרדאַכט אויף עמיצן, וואָס שעדיקט דעם פאַרבאַנד, דאַרף מען אים גלייך אַרויסגעבן. קיין רחמנות דאַרף נישט זיין צו אָט די שונאים פון דער אַרבעטער־מלוכה. אייגענע, פריינט, טאַטע־מאַמע אפילו, דאַרף מען איבערגעבן צו די געטרייע הענט פון דער באַשיצנדער מאַכט. אַ טויט די שעדיקער!

דאָס געיעג נאָך די שעדיקער איז געגאַנגען שנעל, ראַשיק. די שוואַרצע וואָגנס פון דער געפּעאו האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין די נעכט איבער די שלעכט־געפּלאַסטערטע גאַסן פון די רוסישע שטעט. מער ווי אומעטום האָבן זיי געקלאַפּט אין דער הויפּט־שטאָט. ווי אין אַלע פאַבריקן, איז אויך דאָס יאָגעניש נאָך שעדיקער אָנגעגאַנגען אין דער גרויסער ברויט־פאַבריק „רויטער שטערן“.

חבר פּאָדאָלסקי האָט געדאַרפט האָבן שעדיקער.

ערשטנס, איז אין דער ברויט־פאַבריק אַליין אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן די אַרבעט. צוליב די שלעכטע מאכלים אין קיך, צוליב די מאָגערע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען זענען די אַרבעטער געווען אויס־געמאַטערט און האָבן שוואַכער געאַרבעט. מאַסן אַרבעטער זענען אַנטלאָפן פון דער פאַבריק, פאַרשוואונדן געוואָרן, און קיין אַנדערע אויף זייער אָרט האָט מען נישט געקראָגן. פּאָדאָלסקי האָט אָנגענטן

ארויסגעשיקט, געזוכט אַנדערע אויף זייער אָרט, אָבער די אַגענטן זענען צוריקגעקומען מיט ליידיקן. דער אָנגעצייכנטער פּלאַן איז ווייט געבליבן הינטערשטעליק.

צווייטנס, האָט פּאָדאָלסקי זיך פֿאַרפּלאָנטערט. ווי אַלע אַנדערע פֿירער פֿון פֿאַבריקן, האָט ער נישט נאָר געוואָלט אָניאָגן דעם פֿינף־יאָר פּלאַן אין פֿיר יאָר, נאָר נאָך פֿיל פֿריער. צו דער פֿריערער פֿאַבריק האָט ער נייע פֿליגלען געלאָזט אויסבויען, נייע מאַשינען אַראָפּגעבראַכט פֿון אויסלאַנד, כּדי אויסצובאַקן דאָפּעלט ברויט ווי פֿריער, דריי מאָל אַזוי פֿיל. אָבער די אַרבעט איז נישט געגאַנגען ווי ער האָט אָנגעצייכנט. די טראָסטן האָבן נישט צוגעשטעלט קיין ציגל צו דער צייט און געלאָזט די מויערן אין מיטן דער אַרבעט, נישט פֿאַרענדיקט. ווען מען האָט שוין געקראָגן ציגל, האָט אויסגעפֿעלט האָלץ, אָדער דאָס האָלץ איז געווען שלעכט, נישט צו בויען. צוליב דעם וואָס די דעכער זענען נישט געדעקט געוואָרן צו דער צייט, האָבן די רעגנס א תּל געמאַכט פֿון די ווענט. די מאַשינען, וואָס מען האָט פֿריעראויס אַראָפּגעבראַכט פֿון אויסלאַנד פֿאַר דער פֿאַבריק, זענען דערווייל געלעגן אין שלעכטער אָרדנונג, אונטער רעגנס און נעץ, און געראָסטעט. פּאָדאָלסקי איז גאַנצע טעג ארומגעלאָפֿן מיט זיין מאַשין, געיאָגט פֿון טראָסט צו טראָסט, געפֿאָדערט, געשריגן, סקאַנדאַלן געמאַכט, געקלאַפּט אין טיש, געדראָעט מיט שטראָפֿן, אָבער די דירעקטאָרן פֿון די טראָסטן האָבן נישט געקענט צושטעלן די מאַטעריאַלן צו דער צייט. טויזנטער אַנדערע פֿאַבריקן האָבן פֿון זיי געפֿאָדערט און זיי האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. ווען מאַטעריאַלן זענען שוין געווען, האָבן אויסגעפֿעלט אינזשינערן, מעכאַניקער, אַרבעטער. פּאָדאָלסקי האָט געשאָטן מיט געלט, כּדי צו קריגן די ספּעציאַליסטן. ער האָט אָפּגערעדט אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿאַבריקן, כּדי זיי אַריבערצונעמען צו זיך. ער האָט אַפֿילו שטילערהייט געגעבן כאַבאַר צו דירעקטאָרן, זיי זאָלן אים פֿריער באַזאָרגן מיט מאַטעריאַלן. אָבער די אַנדערע דירעקטאָרן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן זייערע אונטערנעמונגען צו דער צייט, האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע. אַלע האָבן געיאָגט, געטריבן, כּדי אָניאָגן און אַריבעריאָגן.

איצט האָט אַלץ געפּלאַצט. פּאַדאַלסקי איז אַרומגעגאַנגען אַ דער־שראָקענער. די אַרבעט איז געווען נישט פאַרענדיקט, די מאַשינען האָבן געראָסטעט, אין בודזשעט זענען געווען לעכער, דאָס ברויט איז געווען שלעכט. די אַרבעטער זענען געווען אומצופרידן. ער האָט געצייטערט פאַר רעוויזיעס, אויספאָרשונגען, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די שעדיקער, וואָס זענען שולדיק אין אַלע אומגליקן. אויף אַלע ווענט אין דער פאַבריק האָט ער געלאָזט אויסקלעפּן די נייע לאָזונגען וועגן שעדיקער. ער האָט אויך אָפּגעהאַלטן מיט די אַרבעטער מיטינגען אין זאַל נאָך דער אַרבעט, געקלאַפּט אין טיש, געוואָרנט, געדראָעט. אַלע זיינע סעקרעטאַרן, אונטער־סעקרעטאַרן, „פּראָפּאָרגן" און קולטור־טוער האָבן אים צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

— חברים, ווער עס ווייסט פון שעדיקער און גיט זיי נישט אַרויס, וועט אַליין פאַררעכנט ווערן אַלס שעדיקער, — האָבן זיי געוואָרנט.

אַלע האָבן מורא געהאַט. איינער האָט פאַרן אַנדערן געצייטערט, באַצייטנס דעם חבר אַרויסגעגעבן, איידער פון יענעם אַרויסגעגעבן צו ווערן. מער פון אַלע האָט געאַרבעט מעשים קוליק. אין דעם צעקנעפּלטן לעדערנעם רעקל, מיטן קאַווקאַזער היטעלע פאַרוקט אויף די צעשויבערטע האָר, אַ קליינער, אַ רונדער, אַ לויפּענדער, איז ער אומעטום געווען פול, געשאַרט זיך אין די ווינקעלעך, צוגעלייגט אַן אויער צו רעדלעך מענטשן, געשנאַפּט, נעשמעקט, געפּאָרשט. די וואַנט־צייטונג איז כסדר געווען אויסגעפילט מיט זיינע קרום־געשריבענע, גרייזיקע מסירות אויף אַלעמען און אַלץ.

מער ווי אויף אַלעמען האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויף דעם אימיגראַנט פון פּוילן, נחמן ריטער, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט דער אַדמיניסטראַציע פון „רויטער שטערן".

ער איז שוין נישט געווען מער אין דער פּאַרטיי, נחמן בעקער. מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון דאָרט גלייך נאָך דער מלחמה זיינער מיט חבר פּאַדאַלסקי. אויך האָט ער נישט געאַרבעט מער ביים

פיינעם געבעקס, ביי די זעמעלעך און קוכנס, וואס פּאַדאַלסקי האָט איינגעפירט אין זיין בעקעריי און שטאַלצירט דערמיט פאר אלע אויסלענדישע דעלעגאַציעס. חבר פּאַדאַלסקי האָט נישט געוואָלט האָבן אָט דעם פרעמדן נאַר, וואס האָט אים אזוי מיאוס אונטער-געפירט אויף דער פארזאמלונג, אין זיין יחוסדיקער אָפּטיילונג פון פיין געבעקס, און אים אָפּגעשיקט אין סאמע ערגסטן טייל, וואו מען באַקט אוים ברויט אויפן אלטן שטייגער. אין ווינקל פון דער גרויסער מעכאַנישער ברויט-פאבריק, אין סאמע סוף שוין, צווישן די שטאַלן און סטאַלערייען, איז אן אלטע בעקעריי געשטאַנען, וואו מען האָט פארקנאָטן טייג מיט די הענט, געהייצט דעם אויוון מיט שייטן האָלץ און געפירט זיך דאָרט אויפן אַלט-פרענקישן שטייגער, ווי פאר דער מלחמה נאָך. פּונקט ווי אלט און אָפּגעלאָזן עס איז געווען די בעקעריי, זענען געווען אירע ארבעטער, פארצייטישדיקע זקנים בעקערס, וואס האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן פון די אלטע גוטע פאר-מלחמה צייטן. פּאַדאַלסקי, א ליבהאָבער פון מאַשינען, האָט געהאלטן ווי א ממזר אָט דעם אַלטן ווינקל צווישן די גרויסע מעכאַנישע ווערקשטאַטן. דאָס איז געווען א שווארצער פלעק פון אלטקייט און פארצייטישדיקייט אויפן רויטן פּאָן פון נייעם און רע-וואָלוציאָנערן. ווי נאָר ער האָט געדארפט באשטראָפן אן ארבעטער פאר שלעכטער ארבעט און אומגעהאָרכזאמקייט, האָט ער אים דאָרטן פארשיקט. צוליב דעם טאקע האָט מען דאָס אָרט גערופן „סיביר" צווישן די ארבעטער. און אויך נחמן ריטער האָט ער דאָרט אהין צוגעטיילט.

צוריק, ווי אין ווארשע אין די בעקערייען אין די קעלערס, איז נחמן געשטאַנען ביים אויוון און געשאַרט מיט דער לאָפּאַטע, אריינרוקנדיק און ארויסרוקנדיק ברויטן. צוריק איז ער געווען צווישן היימישע טייג-קאַסטנס, מיט בעקערס אין פארטוכער פון זעק און מיט פּאַפּירענע היטעלעך אויף די קעפּ. אבער שווערער ווי אמאָל איז געווען די ארבעט ביים אויוון. זיי האָבן אים שלעכט-פארקנאָטענע ברויטן דערלאנגט צום אויוון, די חברים בעקערס, וואָס האָבן זיך פּאַסקודנע געבאַקן, זענען אויפגעבלאָזן געוואָרן, גע-פּלאַצט. נחמן האָט כסדר געמוזט שארן מיט דער לאָפּאַטע, אוי-

בערוקן די ברויטן פון אָרט צו אָרט. אָפטמאָל האָט ער זיי געמוזט ארויסנעמען אין מיטן באקן און לעבערן זיי מיט שפיציקע שטע־קעלעך, די לופט זאל פון זיי ארויס, כדי זיי זאָלן זיך בעסער אויס־באקן. נחמן האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים פון פלאַמענדיקן אויוון און אָנגעשטעלט גרויסע שווארצע אויגן אויף די קנעטערס ביי די טישן.

— טאָווארישטשי, — האָט ער געבעטן מיט ווייכע אידישע „רישן" אין זיין רוסיש, — קנעט גוט אויס דאָס געבעקס, איך קען נישט באקן אזא ברויט.

— מיר ארבעטן אויף שטיק, — האָבן די מענטשן געזאָגט, — מיר מוזן צושטעלן די נאָרמע און מיר האבן נישט קיין צייט זיך צו שפּילן. באַק ווי עס גייט, פּוילישער.

נחמן האָט אויסגעקנאַקט די פינגער אויפן קול, ווי תמיד ווען ער איז אויפגערעגט.

— חברים, איך ווער אויסגעריסן ביי דעם אויוון, — האָט ער זיך געקלאָגט, — זעט אליין. מען האָט טענות צו מיר. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך.

— זאָל מען אונז נישט יאָגן, צאָלן פון דער וואָך, וועלן מיר קענען גוט אויסקנעטן, — האָבן די מענטשן ביי די קאסטנס גע־האַלטן זיך ביי זייערס.

נחמן האָט פּרובירט רעדן צו זייער יושר.

— חברים, — האָט ער געבעטן, — אייערע אייגענע חברים פראָלעטאַריער באַעולהט איר. מענטשן וועלן קראַנק ווערן פון אזא ברויט.

— זאָלן זיך די פירער זאָרגן, — האָבן די בעקערס געענט־פערט. — וואָסער קעסט מען גיט, אַזוי ארבעט מען.

זעענדיק, אז ביי די ארבעטער וועט ער נישט פּועלן, איז ער געגאַנגען צו די אויפזעער, צו די פּאַרוואַלטער, געבעטן מען זאל נישט מישן אזוי פיל גערשטן־מעל, נישט יאָגן די ארבעטער, ווייל עס איז אן עבירה דאָס געבעקס, וואס מען גיט ארויס. די מענטשן האָבן אים אויסגעהערט מיט איין אויער.

— דאָס איז נישט געוועגדט אין אונז, — האָבן זיי געמורמלט, — נאָר אין דער העכערער מאכט. מיר דאַרפן בלויז אַכטונג געבן, אַז די נאָרמע זאָל ווערן אויסגעפירט, אַנישט וועלן מיר ווערן באַשטראָפט.

ער האָט מער נישט גערעדט. ער האָט שוין געזען, אַז יעדערער איז פאַר זיך, אַז יעדער היט זיין אייגענע פעל, און ער איז מיטגעגאַנגען מיט אַלעמען. אָבער אוועקגיין פון אויוון פלעגט ער אַ מידער, אַ צערייצטער, אַן אומבאַפרידיקטער פון זיין אַרבעט. אים האָט געעקלט פון די געבעקסן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט פאַר חנהקען נישט גערעדט, נישט דערציילט קיין וואָרט, נישט פון זיין מלחמה, וואָס ער האָט געהאַט מיט פּאָדאָלסקין, נישט פון פּאַרטיי-בילעט, וואָס מען האָט פון אים צוגענומען, נישט פון אויוון, וואָס מען האָט אים אויסגעביטן. ער האָט זיך געשעמט פאַר איר צו דערציילן. אָבער וויפיל ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיינע ליידן, האָט זי זיי געזען. מער ווי שטענדיק איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פינסטערער, אַ פאַרטועגער אין זיך. דאָס אויער, וואָס האָט אים תמיד דערקוטשעט, האָט מער ווי שטענדיק אים געפייניקט, דער הוסט האָט אים אָפט געשטיקט. אפילו אין די נעכט איז ער נישט רואיק געשלאָפן, נאָר געוואָרפן זיך אויף אַלע זייטן, אָפט מאָל געוויינט אין שלאָף, אַזוי, אַז חנהקע האָט אים געמוזט וועקן אין די נעכט און אים אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרץ.

— נחמן, — האָט זי גערעדט אומרואיק, — עפּעס איז שלעכט מיט דיר, איך זע עס. פאַרוואָס זאָגסט דו מיר נישט, איך בין דאָך דיר אַ ווייב.

— גאָרנישט, חנהקע, גאָרנישט, — האָט נחמן געענטפערט, — שלאָף, דאַרפסט זיך אויפהויבן פרי צו דער אַרבעט.

אין איינעם אַ טאָג האָט קוליק צוגעשטעלט אַ בענקל צום שוואַרצן ברעט, וואָס איז געהאַנגען אין פאַבריק-קאָרידאָר, און מיט קרייד אָנגעשריבן דעם נאָמען נחמן ריטער אויפן שאַנד-צעטל פון די שעדיקער.

אַ גאַנצן טאָג פריער האָט נחמן געליטן יסורים. צוזאַמען

מיטן אויער האָבן אים די ציין פאַרכאַפּט. ווי אָנגעגליטע שפּיזן זענען אים די ווייטאָגן אין קאָפּ ארומגעקראָכן, געעגבערט, גענאָגט. צוליב דעם, וואס ער האָט געאַרבעט די וואָך ביינאכט, איז ער בייטאָג אוועק אין אמבולאַטאָריע צו א דאָקטאר. שעהן לאַנג איז ער אָפּגעזעסן אין זאַל צווישן קראַנקע, מענער און ווייבער, אַלטע און קינדער. דער ריח פון קאַרבאָל, יאָד, געשווילעכץ און אייטער, מיט וועלכע די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט, האָט אים צוגעשלאָגן צום האַרץ. מאַמעס מיט קינדער זענען געזעסן אויף די בענק, אויסגערעדט זיך איינע פאַר די אַנדערע די צרות, דערציילט וועגן די קראַנקהייטן, וואס טשעפּען זיך צו די קינדער, וועגן דער פּלעגע, וואָס די דאָקטוירים הייסן געבן, מילך, פּוטער און אייער, אבער וואָס אַן אַרבעטער-מענטש קען זיך נישט דערשלאָגן דערצו. כאָטש אויף די ווענט זענען געהאנגען א סך פאַרביקע פּלאַקאַטן מיט געמעלעריין, לאָזונגען און ציפערן וועגן דעם אונטערשיד צווישן געזונט-צושטאַנד פון די אַרבעטער אין סאָוועטן-לאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט נחמן געפילט זיך דאָ פּונקט ווי אין די היימישע וואַרשעווער אמבולאַטאָריעס פאַר אָרימע, וואו אים פלעגט אויסקומען צו היילן זיך אַמאָל.

די זעלבע פאַרחושכטע מאַמעס און קינדער זענען דאָ געזעסן אויף די בענק. די אייגענע קרעכצן און טענות האָט מען געהערט פון די מאַמעס פון קראַנקע קינדער, טענות וועגן די לאַנגע שעהן, וואָס מען מוז וואַרטן ביז מען דערשלאָגט זיך צום דאָקטאר, טענות וועגן די דאָקטוירים, וואס באַטראַכטן רעכט נישט, איילן זיך, טענות וועגן מעדיצינען, וואס מען דאַרף, נאָר מען קריגט זיי נישט סיידן אין קרעמל-אַפּטייק, און אַן אַרבעטער-מענטש קען זיך דאָרט נישט דערשלאָגן. ווי א וואָרים האבן די ווייבערשע רייד געפרעסן נחמנס קראַנקן אויער. די אויסגעמאָלטע בילדער פון געפּלאָגטע, צעפרעסענע סיפיליטיקער האבן געקוקט מיט טרויער אויף די מענטשן פון אַלע ווענט אראָפּ. וואו נחמן האָט זיך נישט אויסגעדרייט, האָט ער זיי געהאט אין די אויגן. נאָך שעהן וואַרטן, איז ער אריין אין דאָקטארס קאבינעט. דער דאָקטאר, אַן אלטער, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט א שמוציקלעך פאַרטוך אויף זיין געבוינענעם גוף,

האָט אים שווייגנדיק באטראכט, ארומגעטאפּט אים מיט די קאַלטע פינגער און ארייגעשטעקט אים א טערמאָמעטער אונטערן אָרים.

— אלגעמיינע אָפּשוואכונג, אונטערנערונג, צעררייצטע נערוון, — האָט ער געברומט, — קיין העכערע טעמפּעראַטור האָט איר נישט, איר קענט גיין ארבעטן.

נחמן האָט זיך פאר אים געקלאָגט:

— חבר דאָקטאָר, די ווייטאָגן צעטראָגן מיך שיער נישט.

דער דאָקטאר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— לייגט אייך צו א ווארימען קאָמפּרעס, — האָט ער געמורמלט, — אפשר וועט דאָס אייך מאכן בעסער.

און איידער נחמן האָט זיך רעכט אָנגעטאָן, האָט דער דאָקטאָר שוין גערופן אן אנדער חולה.

— נעקסט, — האָט ער גערופן מיט זיין אומעטיקער שטים, — נעקסט, גיכער.

מיט א פארבונדענער באַק איז נחמן געגאנגען צו דער נאכט-ארבעט. געמיינט האָט ער, אז ביי דער ארבעט, ביים הייסן אויוון, וועט אים בעסער ווערן, אבער די ווייטאָגן האָבן אָנגעהאַלטן, שטאַרקער געוואָרן מיט יעדער שפּעטער נאכטיקער שעה. ער האָט אפילו געמוזט אוועקגיין פון אויוון און אוועקלייגן זיך אויף די זעק מעל פון מאָל צו מאָל. די ארבעטער האָבן אים צוגעטראָגן א פלעשל.

— טרינק, — האָבן זיי אים געזאָגט — און ס'וועט דיר אויפהערן.

נחמן האָט נישט געוואָלט טרינקען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון פלעשל. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים מאכן א פרישן קאָמפּרעס. די ארבעטער האָבן געלאכט פון אים.

— דער בעסטער קאָמפּרעס איז א שנאַפּס — האָבן זיי אים געזאָגט — דאָס היילט אוים פון אלע צרות.

נחמן האָט א זופּ געטאָן פון פלעשל. אים איז לייכטער געוואָרן. די ארבעטער האָבן געקוואָלן.

— אַט אַזוי — האָבן זיי אים צוגעגעבן מוט — אבער דאָס איז גאָרנישט. צי מער, זשאַלעווע נישט, א בעקער דאַרף קענען זשליאַקען . . .

נחמן האָט מער אַריינגעזופּט. וואס מער דער בראַנפן איז אַריין אין זיין אינגעווייט, אַלץ מער איז דער ווייטיק אַרויס. מיט נייעם חשק איז ער צוגעגאַנגען צום אויוון און גענומען שאַרן מיט דער לאָפּעטע. ער האָט אפילו אָנגעהויבן זינגען, וואס ער האָט עס שוין לאַנג נישט געטאָן. פּלוצלונג האָט ער דערפילט א מידקייט אין די אויגן. ער האָט עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיט די אויגן-לעדלעך, כדי אַרויסצוטרייבן די מידקייט פון זיי, אבער זיי האָבן זיך כסדר געקלעפּט. צוזאַמען דערמיט האָט ער דערפילט א וואַרימקייט אין די אברים, א חיות. זיין שווערער קאָפּ, פול מיט זאָרגן און צרות, איז געוועזן לייכט, ריין. ער האָט א בליק געטאָן מיט די שוואַרצע אויגן אין פלאַמענדיקן אויוון און אַרומגעכאַפּט אַלע ברויטן אינעווייניק. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך באַקן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די ציגעלנע טרעפּלעך און געוואַרט, כדי אין עטלעכע מינוטן אַרום צו כאַפּן א בליק אינעווייניק. דער קאָפּ האָט זיך געצויגן צו דער וואַנט. נחמן האָט אים געלאָזט אָנשפּאַרן זיך. א זיסקייט האָט אים אַרומגענומען. באַלד איז אַרום אים געוואָרן ליכטיק, א סך מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט. ער איז געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע און גערעדט, שיין גערעדט. אַרום אים זענען געשטאַנען חברים און אויסגעהערט יעדער וואָרט זיינס. ער האָט זיי געזאָגט זיינע מיינונגען, די מענטשן, זיין קוק ווי אַזוי די אַרבעטער-זאַך צו דערפירן צו א טאָלק, און אַלע האָבן מיט די קעפּ צוגעשאָקלט, אויסרופן פאַר אים געמאַכט: — ריכטיק, חבר נחמן. פּלוצלונג האָט עפּעס אָנגעהויבן ברענען אין זאַל, א מאָדנער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט, ווי אַמאָל אויף די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אין דער אַלטער היים, ווען קעגנער האָבן שלעכטע פּליסיקייטן אויסגעגאָסן אין די זאַלן. נחמן האָט גענומען שרייען. דער אייגענער געשריי האָט אים אויפגעוועקט. אין איין רגע איז ער געקומען צו זיך. פון אָפענעם אויוון איז א רויך געגאַנגען, א רויך צוזאַמען מיט אַן עיפּוש. נחמן האָט גיך געכאַפּט די לאָ-

פעטע און גענומען ארויסשארן די ברויטן, אבער מער ווי פאר-ברענטע, איינגעשרומפּענע שטיקער האָט ער נישט ארויסגעשאַרט.

מיט א געבויגענעם קאָפּ איז ער אוועק אין דער פרי צו דעם פּאַרוואַלטער מעלדן וועגן זיין אומגליק. אבער נאָך איידער ער איז אריין, איז שוין זיין נאָמען געווען אויפן שאַנדברעט. מיט קרומע אותיות, גרויסע און ברייט-פּאַנאַנדערגעצויגענע, איז זיין נאָמען גע-ווען אויף דער שווארצער זייט פון ברעט, ווי אמאָל זיין קאַזאַרמע-שכן אַפאַנאַסיעוו. א „שאַנד צו אים" — האָט אַן אויפשריפט באַ-קרוינט זיין נאָמען.

אין מיטן דער נאכט האָבן צוויי מענטשן אָנגעקלאַפּט אין נחמנס שטיבל און באַפוילן עפענען די טיר. ווי אמאָל אין וואַר-שע סלופּעקס ליט, האָבן די צוויי מענטשן דורכגעזוכט די וואוי-נונג, אויפגערודערט דעם שטרוי-זאַק, צעשניטן די ציכלעך, אויפ-געטרענט די קאָלדרע. ווי אמאָל, האָט חנהקע געבעטן ביי די מענטשן, זיי זאָלן איר ניט א תל מאכן פון ביסל אָרימקייט. זיי האָבן איר נישט געהערט. ווען זיי האבן אלץ דורכגעזוכט, האָבן זיי געהייסן נחמנען זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט זיי.

צומאָרגנס אין דער פרי איז חנהקע נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, אויך איר אינגל האָט זי נישט געשיקט אין שולע. מיט א טיכל אויפן קאָפּ, מיט מאַטעסלען ביי דער האַנט און מיט א ווייטיק אין הארץ, איז זי אוועק אויפן אַרבאַט צו חבר דניאל, כדי אים צו דערציילן וועגן טעות, דעם ביטערן טעות וועגן איר נחמנס אַרעסט. כאָטש חבר דניאל האָט עס דערוואַרט, איז ער פונדעסט-וועגן געוואָרן בלאַס פון שרעק, דערהערנדיק, אז זיין תלמיד און פּראַטעזשע איז הינטערן שלאָס.

— איך קען גאָרנישט נישט טאָן — האָט ער געברומט א פאר-לוירענער. — גאָרנישט.

חנהקע האָט געקראָגן רויטע פלעקן אין פּנים.

— איר ווייסט דאָך יאָ, חבר דניאל, ווער נחמן איז — האָט זי געערדט מיט הארץ — ווער דען זאָל זיך אָננעמען פאר אים אַנישט איר?

— איך ווייס גאָרנישט... איך קען גאָרנישט ניט טאָן... איך מיש מיך נישט... — האָט חבר דניאל געשטאַמלט א דערשראָקענער.

חנהקע האָט געקוקט אויף אים מיט שטאַרע בלויע אויגן. דער גאָט אירער, וואס זי האָט זיך געשפיגלט אמאָל אין זיין פנים, גרייט געווען צו גיין פאר אים אין פייער און אין וואסער, איז געשטאַנען אן אָנגעבלאָזענער, א בלאסער, מיט דערשראָקענע אויגן, מיט ציטערנדיקע ליפּן. איר האָט געעקלט פון אים.

— טכויר! — האָט זי אים געזאָגט אין איר צאָרן.

א ווײַלע האָט חבר דניאל געשוויגן, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט אין בושה. באלד האָט ער זיך דערמאָנט, אז דאָס בעסטע, ווען מען ווערט אָנגעגריפן, איז יענעם אָנצוגרייפן, און ער האָט גענומען שרייען.

— אומזיסט ארעסטירט מען נישט אין אונזער סאָוועטן-פארבאנד — האָט ער געשריגן, קלאַפּנדיק אין טיש — אז מען עסט נישט קיין קנאָבל, שטינקט נישט פון מויל...

חנהקע האָט גענומען מאַטעסלען ביי דער האַנט און מיט וואקלדיקע טריט אראָפּ פון די טרעפּ.

## קאַפּיטל זיבן-און-פערציק

גאַנצע זעקס שעה, פון צוועלף ביינאכט ביז זעקס פאַרטאָג, האָט דער אויספאָרשער, חבר ביעלאַיעוו, געהאַלטן דעם בעקער נחמן ריטער פון פוילן אויף דעם ערשטן פארהער ביי זיך אין דער קליינער קאַנצעלאַריע, וואס איז אין שכנות מיט די קאַמערן.

ווי סלופּעק פון דער וואַרשעווער דעפענסיווע, ווי דער אויספאָרשער ביי דער גרעניץ אין מינסק, האָט אויך חבר ביעלאַיעוו

געפּאַרשט אין די נעכט, ווען דער מענטש איז שוואַכער און הילפ־לאָזער. אבער געשלאָגן האָט ער נישט. א פּעטלעכער, א בלאַסער, מיט שיטערע האָר, שטארק צוגעקעמטע צום שארבן, מיט פּוכקע ווייבערישע הענט, וואס האלטן אין איין פּוצן די נעגל, פּיילן און שלייפן זיי, איז חבר ביעלאַיעוו א קעגנער פון באנוצן פיזישע קראַפט ביי אויספאַרשונגען. זיין כוח ליגט נישט אין די הענט, נאָר אין מויל. הונדערטער מאָל קען ער שטעלן די אייגענע פראגע, טויזנטער מאָל, ביז ער קריגט ארויס וואס ער דאַרף. ביסלעכווייז צעגריזשעט ער די מענטשן, וואס פאלן אריין צו אים אין די הענט אריין, בים נאָך בים, וואס דערפאר רופט מען אים טאקע צווישן די אייגענע חברים אויף דער לוביאַנקע „די מויז". און אויך מיט דעם בעקער נחמן ריטער איז ער געגאנגען מיט זיין מויזישן וועג.

— זייט זיך מודה, — האָט ער אים געוואָרנט אַנצאָליקע מאָל, גאָרנישט מיד־ווערנדיק, — זייט זיך מודה, זייט זיך מודה...

נחמן האָט געגנוי איבערדערציילט זיין אומגליק מיטן געבעקס, אלץ, דעם גאנצן טאָג ווי ער האָט פארבראכט, די ציין־ווייטאָג וואָס ער האָט געליטן, דערנאָך וועגן דעם שלאָף, וואָס איז אויף אים אָנגעפאלן, ביז ער האָט די בראָך דערזען.

חבר ביעלאַיעוו האָט געשמייכלט איבער נחמנס רייד.

נישט אין געבעק ברויט איז עס אים געגאנגען. ער האָט עס גלייך געזאָגט נחמנען, געהייסן אים גוט אין זינען זיך עס נעמען. דאָס איז בלויז געווען א פּונקט, איין קליינער פּונקט אין דער גרויסער באשולדיקונג, וואס ער האָט געהאט אין זיינע הענט קעגן דעם פּאָליטישן אימיגראנט פון שכנותדיקן לאנד. אים איז געגאנגען אין דער ג א נ צ ע ר זאך. אין דער גרויסער רייניקונג פון שעדיקער און סאַבאָטירער, וואס האָבן געוואָלט אויפרייסן דעם פינף־יאָריקן פּלאן, — האָט די באַשיצערן פון דער ארבעטער־מלוכה געזוכט נישט אזוי די מייז, ווי דעם לאָך, די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע נעסט, וואס די שונאים האָבן פארלייגט. עס איז נישט קיין פראגע געווען פון איינצעלנע טאטן, נאָר צונויפצוציען א גאנצע רייע רינגען און רינגעלעך אין איין גרויסער קייט. דורך פּאַרשי־

דענע ווענן האָבן די שונאים פון דער ארבעטער-מאכט געזוכט אויפצופרעסן די גרונד-זיילן פון סאָוועטן-לאנד. דורך איבערקויפן סאָוועטישע בירגער, דורך אריינשיקן אויסלענדישע ספּעציאַליסטן-שעדיקער, און מער פון אַלץ דורך אריינשמוגלען אגענטן, אונטער דער מאַסקע פון פּאָליטישע עמיגראנטן, כדי אַריינצוקריגן זיך אין דער נשמה פון לאנד, אין דער פּארטיי אַליין. מער פון אַלע אַנ-דערע, האָט דאָס שכנותדיקע לאנד, פון וואַנען ער, נחמן ריטער, קומט, אריינגעשיקט אָט דעם מין פארמאַסקירטע שונאים. זיי זע-נען מערסטנס באַצייטנס געכאַפּט געוואָרן. זיי זיצן פעסט הינטערן שלאָס. ס׳רוב האָבן זיי זיך שוין אויך מודה געווען, אויסגעגעבן אַלע סודות פון זייער ווערמדיקער צעשטערונגס-ארבעט און שע-דיקעריי. און דאָס בעסטע פאַר אים, נחמן ריטער, איז, ער זאָל זיך אויך מודה זיין, אויסגעבן אַלע פאַרבינדונגען זיינע, פון ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך געקליבן אריבערצוקומען אהער, ביזן היינ-טיקן טאָג.

נחמנען איז גלייך פינסטער געוואָרן אין די אויגן פון ביעלאַ-יעווס שווערע באַשולדיקונגען, כאָטש אַ שאַרף עלעקטריש לעמפּל איז געווען אָנגעשטעלט אויף זיין פּנים פאַר דער גאַנצער צייט פון דער אויספאָרשונג. מיט אַלע שבועות, ביי זיין לעבן, ביי זיין פּראָ-לעטאַרישן געוויסן, ביי דעם לעבן פון ווייב און קינד, האָט ער געשוואוירן פארן חבר ביעלאַיעוו, אז ער ווייסט פון קיין זאַך נישט צו זאָגן. ער האָט בלויז אַ סך געליטן פאַר זיין פּאָליטישער טע-טיקייט אויף יענער זייט גרעניץ, און ער האָט געוואָלט לעבן אין אַן ארבעטער-מלוכה. חבר ביעלאַיעוו האָט זיך אויף אים נישט געבייזערט. ער האָט בלויז רחמנותדיק געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע מיטליידנדע אויגן, ווי מען קוקט אויף איינעם, וואָס איז נישט אינגאַנצן קלאָר.

— זעט איר, ריטער, דאָס איז שוין צו-איינפאַך, — האָט ביע-לאַיעוו געזאָגט מיט אַ געלעכטערל, — צו-נאַאיוו, איך זאָל אייך אַזעלכעס גלויבן. איך האָב נישט דערוואַרט, איר זאָלט מיך האַלטן פאַר אַזוי נאַריש. זאָגט עפּעס, עס זאָל אַמווייניקסטנס האָבן אַ שטיקל פּנים. אַזוי איז גאָרנישט דאָ וואָס צו רעדן.

— אז איר גלויבט מיר נישט, — האָט נחמן גערעדט מיט הארץ. — איך זאָג אייך דעם אמת, און איר גלויבט מיר נישט.

חבר ביעלאַיעוו האָט ארויסגענומען א פּאַק פּאַפּירן פון טיש און אָנגעשטעלט די אויגן אויף נחמנען, אים באַטראַכט, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. נחמן האָט געמיינט, אז ער וועט אים שטעלן שווערע פראַגן, אבער ביעלאַיעוו האָט בלויז אי־בערגעפרעגט געוויינלעכע זאַכן, פראַגן, אויף וואָס ער, נחמן, האָט שוין צום הונדערטסטן מאָל געענטפערט זינט ער איז אריבער די גרעניץ, אין אַלערליי אַנקעטעס און צירקולאַרן.

— זאָגט נאָר, ריטער, אין פּוילישן מיליטער האָט איר גע־דינט?

— מ׳האָט מיך מאָביליזירט ביים קריג צווישן די פּאָליאַקן און דער רויטער ארמיי, — זאָגט נחמן, ווי צו פאַרענטפערן זיך.

— המ... — ברומט ביעלאַיעוו, — געדינט, הייסט עס... — נו, און וואָס איז אייער אָפּשטאַמונג?

— א פּראָלעטאַרישע, — ענטפערט נחמן שטאָלץ.

— גוט, א פּראָלעטאַרישע; אבער, וואָס אזוינס האָט אייער פאָטער געטאָן? איז ער געווען א שוסטער? א בעקער? — א סטאָ־ליאַר? א שמיד?

— ניין, ער האָט געקויפט אַלטוואַרג איבער די הויפן.

חבר ביעלאַיעוו קוקט אריין אין די פּאַפּירן, וואָס ליגן פאַר אים אויפן טיש.

— פאַרוואָס האָט איר אָנגעגעבן אייער פאָטער פאַר א פּראָ־לעטאַריער אין אַלע אייערע אַנקעטעס, אין דער צייט, ווען ער איז גאָר געווען א הענדלער? — פרעגט ער שטרענג.

— ער האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט שווערער פון אַן אַר־בעטער, — פאַרענטפערט זיך נחמן — זעק געשלעפּט און קיינמאָל קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט צו זאַט.

— אָבער א הענדלער איז נישט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר א פּאַראַזיט, — לערנט ביעלאַיעוו, — איר, ווי א געוועזענער פּארטיי־מיטגליד, ווייסט עס גאַנץ גוט.

נחמן וויל עפּעס ענטפערן דארויף. ביעלאַיעוו לאָזט אים נישט.

— גוט, — זאָגט ער, — מירן גיין ווייטער. האָט איר אמאָל געפירט אגיטאַציע צווישן די ארבעטער פון „רויטער שטערן" קעגן דער מאכט פון די סאָוועטן?

— אָבער וואָס פאַלט אייך איין? — שאָקלט נחמן זיך אָפּ, — איך, אגיטאַציע קעגן דער מאכט פון די סאָוועטן?

ביעלאַיעוו קוקט ווידער אין די פּאַפּירן.

— האָט איר נישט אמאָל געזאָגט צווישן די ארבעטער, אז מען וואָלט געדארפט אלעמען פון אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט אויס-שיסן? דערמאָנט זיך, דערמאָנט זיך גוט!

נחמן דערמאָנט זיך, אז ער האָט עפּעס אזוינס אמאָל געלאָזט פאַלן פון מויל, ווען ער איז געגאַנגען זיך באַמיען ווענן א וויזע פאַר ווייב און קינד, און מען האָט אים אָפּגעשלעפּט פון טאָג צו טאָג.

— כ'דערמאָן מיך, — מורמלט ער שמייכלענדיק, — אבער דאָס איז נישט געווען געמיינט אין זין פון אַגיטאַציע, נאָר אין א מאָמענט פון כעס קעגן באַאַמטע-ביוראָקראַטן. וואָס זאָגט נישט א מענטש, ווען ער איז אויפגערעגט?

— און מיר האַלטן, אז דאָס איז קאָנטר-רעוואָלוציע, — זאָגט חבר ביעלאַיעוו ערנסט, — אגיטאַציע קעגן די סאָוועטישע אינ-סטיטוציעס.

ער לייגט אוועק די פּאַפּירן אין א זייט און נעמט ארויס א ניי פּעקל.

— זענט איר געשטאַנען אין פארבינדונג מיט פּוילן פאַר דער צייט וואָס איר זענט אריבערגעקומען צו אונז? — פרעגט ער.

— בלויז מיט מיין ווייב, איידער זי איז אריבערגעקומען, — זאָגט נחמן, — שפּעטער מיט מיין שוועסטער.

— האָט איר געשריבן שלעכטס קעגן דער סאָוועטישער אָרד-נונג?

— ניין, — זאָגט נחמן פעסט, — קיינמאָל נישט.

חבר ביעלאַיעוו נעמט ארויס א פּאַפּירל און לייענט נחמנס

א לעצטן בריוו, געשריבן קיין פּוילן. כּמעט די ווערטער זענען אין רוסיש, דערקענט זיי נחמן, יעדער וואָרט, וואס ער האָט גע-שריבן צו דער שוועסטער זיינער. א טרויעריקער בריוו איז עס, וועגן חנהקעס ארבעט, וועגן מאַטעסלס שוואַכן געזונט, וועגן אַנ-דערע שווערע שטוב-צרות. ער איז געפּלעפט. ער זעט, אז זיין גאנץ לעבן איז ביי דעם אויספּאַרשער אין דער האַנט. ער וויל עס צונישט מאכן, צו קליינגעלט. עס איז בלויז געווען א בריוו צו א שוועסטער וועגן היימישן שווערן לעבן. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ריידן שלעכטס קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

חבר ביעלאַיעוו האָט אַן אנדער מיינונג וועגן דעם, אבער ער שטעלט זיך נישט שטאַרק אָפּ דערויף. ער האָט בעסערע קאָרטן.

— זאָגט נאָר, ריטער, ווי אזוי האָט איר געקראָגן אייער וואוינונג נאָכדעם ווי איר זענט אוועק פון דער קאַזאַרמע ? — וויל ביעלאַיעוו וויסן.

— מיין ווייב האָט די וואוינונג געקראָגן, — שטאַמלט נחמן,— איך האָב זיך צו קיין וואוינונג נישט געקענט דערשלאָגן.

חבר ביעלאַיעוו וויל וויסן גענויער עפּעס וועגן דעם. ווי ער ווייסט, זאָגט ער, איז עס נישט קיין לייכטע ארבעט צו קריגן א צימער אין מאָסקווע. ער ווייסט אויך, אז מען מוז גוט אונטער-שמירן, מען זאָל זיך דערשלאָגן צו א ווינקל. די הויז-פאַרוואַלטער זענען כאַבאַרניקעס ; עס איז קיין סוד נישט פאַר דער גע-פּע-או. עס איז טשיקאַווע צו וויסן וואו האָט ער גענומען געלט דערויף. נחמן זעט, אז עס איז נאַריש צו באהאלטן עפּעס פאַר דעם מענטש, און ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— מיין ווייב, — זאָגט ער, — האָט פאַרקויפט אונזערע זאַכן אויפן מאַרק, וועש אביסל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט, מיינס א קאָסטיום. פאַר דעם געלט האָט זי געקראָגן דאָס צימער. א סך מענטשן טוען אזוי. אַלע ווייסן עס. איך האָב אליין זיך געפילט שלעכט, ווען זי האָט עס מיר געזאָגט. איר מעגט מיר גלויבן.

— און מיר ווייסן, אז זי האָט אויסגעביטן פּויליש געלט אויף דער שוואַרצער בירזשע, — זאָגט ביעלאַיעוו, אריינקוקנדיק שאַרף נחמנען אין די אויגן, — וואַליוטע, פּוילישע וואַליוטע.

ער צעציט דאָס וואָרט וואַליוטע — יעדן זילב באַזונדער, צו-געבנדיק דערצו א סך וואָג. אבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. חבר ביעלאַיעוו האָט נאָך פראגן, אויף וועלכע ער וויל וויסן אַן ענטפער. אָט אזוי, א שטייגער, פאַרשטייט ער נישט, פאַרוואָס נחמן ריטער, א געוועזענער פּאַרטיי-מאַן, א פּאָליטישער עמיגראַנט, ווי ער גיט זיך אָן, האָט גראָד צווישן אַלע אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט געוואוינט, אויסגעקליבן דווקא זיך צו האַלטן נאָענט מיט אַפּאָנאַ-סיעוון, א שיכור, א שונא פון דער סאָוועטן-מאַכט און א שע-דיקער?

— צופעליג, — פאַרענטפערט זיך נחמן, — ער איז געווען מיין שכן אין קאַזאַרמע, בעטל קעגן בעטל. איך האָב נישט געזען אין אים קיין שעדיקער, בלויז א פאַרביטערטן מענטש, א טרינקער.

— צופעליג, — זאָגט ביעלאַיעוו נאָך, ווי א ווידער-קול, — אבער פאַרוואָס האָט קיינער זיך נישט אָנגענומען פאַר אַפּאָנאַסיעוון, ווען ער איז אָפּן דערקלערט געוואָרן אַלס שעדיקער, נאָר גראָד איר? איז דאָס אויך געווען א צופאַל, הא?

נחמן האָט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם אומגליקלעכן פאַל. חבר ביעלאַיעוו לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט. מיט א סאַרקאַס-טישן שמייכל קוקט ער אים גלייך אין די אויגן אריין.

— אין פּוילישן מיליטער געדינט — א צופאַל, — רעכנט ער אויס געלאַסן אַלע נחמנס זינד, פאַרבויגנדיק א פינגער נאָך יעדער פון זיי, — אריבער אומלעגאַל די סאָוועטישע גרעניץ — א צופאַל; געהעצט קעגן די סאָוועטישע אָרגאַנען — א צופאַל; פּוילישע וואַליוטע פאַרקויפט — א צופאַל; פאַרטיידיקט שעדי-קער — א צופאַל, א מאָדנע קייט פון צופעליקייטן, בירגער ריטער, נישט אזוי?

נחמן איז געשלאָגן. ער האָט גאָרנישט מיט וואָס צו פאַר-ענטפערן אָט די קייט פון צופאַלן, וואָס ביעלאַיעוו האָט אזוי קונ-ציק צוזאַמענגעשטעלט. חבר ביעלאַיעוו בויגט זיך אַרויס פון זיין שטול, וואָס שטייט קעגנאיבער נחמנס שטול, ער בויגט צו אזוי נאָענט דאָס פּנים צו נחמנען, אַז דער באַשולדיקטער דערפילט אויש

דעם ריח פון שמעקנדיקן זייף, וואָס עס טראָגט זיך פון אים, און ער פרעגט שטיל, ווי ער וואָלט איינגערוימט א סוד:

— וואו האָט איר זיך צופעליק געטראָפן מיט חבר מארק? זייט זיך מודה.

אין נחמנען רייסט זיך דאָס הארץ אָפּ. דער נאָמען, דער פרעמדער, דער גאָרנישט־זאָגנדיקער, וואקסט מיט אמאָל אויס ווי א געשפּענסט פאר זיינע אויגן. אן אומגליק, דערפילט ער, רוקט זיך אויף אים אָן, ווי דאמאָלט אין מינסק, ווען מען האָט אים צענויפגעפּאָרט מיט איינעם, וואָס איז אין דער אייגענער נאַכט אריבער די גרעניץ. דער ווייטאָג אין אויער נעמט אים גלייך עג־בערן, ווי תמיד ווען א צרה באפאלט אים.

— ניין! — שרייט ער היסטעריש, — ניין! איך האָב קיינ־מאָל אזא מענטש נישט געטראָפן, ניין!

חבר ביעלאַיעוו לאַכט.

— פאַרוואָס זענט איר אזוי דערשראָקן געוואָרן? — פרעגט ער מיט פאַרדאַכט.

נחמן שפּרינגט אויף פון אָרט. ער קען נישט מער איינזיצן. חבר ביעלאַיעוו הייסט זיך אים אוועקזעצן צוריק.

— רואיק, — זאָגט ער געלאַסן, — נאָר רואיק.

ער עפנט אויף א שיפלאָד אין טיש, זוכט א פּאפּיר, לייענט אין דעם זייער ערנסט, שטרעקט אוים די האנט צו נחמנען, ווי ער וואָלט אים דאָס פּאפּיר וועלן ווייזן, נאָר איז זיך מישב, ציט עס צוריק און פארשליסט עס אין שיפלאָדל מיט אזא וויכטיקייט, ווי ער וואָלט באהאלטן אן אוצר.

— מיט וואָס קענט איר דערקלערן, ריטער, — פרעגט ער פּא־מעלעך, יעדער וואָרט א רענדל, — וואָס אין די פּאפּירן, וואָס מיר האָבן ביי אָט דעם קאנטר־רעוואָלוציאָנערן אָרגאניזאטאָר מארק געפונען, איז אייער נאָמען פארצייכנט? נישט איינמאָל, נאָר עט־לעכע מאָל. דערביי זענען אָנגעגעבן ציפערן, געלט־סומעס, וואָס ער האָט אייך געגעבן פאר העלפן אים אין זיין שעדיקערישער ארבעט. איז דאָס אויך אפשר א צופאַל, הא?

נחמן האָט מער נישט געקענט איינזיצן אויפן בענקל, נישט געקענט בלייבן רואיק, ווי חבר ביעלאַיעוו האָט עס פון אים געפאָדערט.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט ער געשריגן און געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין די שלייפן, — וואָס מאַטערט איר מיך? נו, שניידט מיר אויף דאָס האַרץ, וועט איר זען!

ביעלאַיעוו האָט אים נישט איבערגעשלאָגן. ער האָט געלאָזן געריייניקט זיך די נעגל מיטן פיילעכל, געשליפט און געפוצט זיי.

— זייט זיך מודה, — האָט ער אים געמונטערט אומצאָליקע מאָל, — זייט זיך מודה, זייט זיך מודה.

נחמן האָט געשוויגן. ביעלאַיעוו האָט אויסגעצויגן די הענט.

— גענוג פאַר מיר, — האָט ער געמורמלט, — איר האָט מיך מיד געמאַכט מיט אייער עקשנות. איך וועל אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז טיי, צובייסן עפּעס.

— קען איך צוריקגיין אין קאַמער? — האָט נחמן געפרעגט אַ דערפרייטער.

— אָ, ניין, טייערער, — האָט ביעלאַיעוו געזאָגט, — איר בלייבט דאָ. מיין חבר, סולעמעינאָוו, וועט פאָרטזעצן דעם פאַרהער.

ער גייט געלאַסן אַרויס, צוגלעטנדיק די שיטערע האָר אויף זיין שאַרבן. אַ ווײַלע איז נחמן אַליין, אַליין מיט זיין אומגליק און מיט דעם פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקסן, וואָס קוקט צו אים גלייך אַראָפּ פון דער וואַנט. באַלד קומט סולעמעינאָוו אַריין מיט אַ טומל. אַ הויכער איז ער, אַ בויגעוודיקער, מיט אויסערגעוויינלעך־לאַנגע פיס אין גאַליפע־הויזן און מיט אַ פעסט־איינגעצויגענער טאַליע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דינעם קאַווקאַזער רימען, באַצירט מיט אַ סך בלעכלעך און מעשלעך. זיינע גרויסע קויל־שוואַרצע אויגן, הייסע און נאַרישע, זענען באַברעמט מיט צונויפגעוואַקסענע ברעמען, וואָס קומען זיך צוזאַמען איבער דער געבויגענער אָדלער־נאָז. דורך זיינע רויטע זינלעכע ליפּן קוקן אַרויס בלישטשענדיקע גאָלדענע ציין. זיינע הענט זענען באַצירט מיט פינגערלעך, בראַסלעטן. דער רעוואָלווער איז באַשלאָגן מיט זילבער, פאַרפּוצט מיט

קייטעלעך. פון זיין מויל, וואס לאזט נישט ארויס דעם פאפיראס אויף קיין ווײַלע, גייען קולות, רויך, קללות און דראאונגען.

— מיין נישט, ברודערל, אז מירן זיך שפילן מיט דיר, קאנטער-רעוואלוציאנער, — שרייט ער מיט זיין קאווקאזער גרייזיקן רוסיש, צוקלאפנדיק מיט די בייניקע הענט אין טיש, — אין טורמע וועסטו ביי אונז פארפוילט ווערן, אז דו וועסט נישט ארויסגעבן די חברים דיינע. א קויל אין קאפ וועלן מיר דיר געבן, אז דו וועסט זיך נישט מודה זיין.

דערביי האט סולעמעינאוו געפאכעט מיטן רעוואלווער זיינעם, דעם זילבער-באשלאגענעם און באצירטן, צו ווייזן ווי אזוי מען וועט געבן די קויל אין קאפ.

פארטאג האט מען נחמנען צוריקגעשיקט אין קאמער.

אויף דער צווייטער נאכט האט חבר ביעלאיעוו פארלענגערט דעם פארהער, פון זעקס שעה אויף צוועלף. פונקט אזוי האט ער געענדערט די מעטאדן זיינע פאר די לאנגע שעהן. מיט אלערליי וועגן האט ער פרובירט ארויסצוקריגן פון נחמן בעקער דעם אונ-טערשריפט אויפן פראטאקאל וועגן זיין באצאלטער שעדיקונגס-ארבעט לטובת דעם חבר מארק.

אין אנפאנג האט ער אים פרובירט מיד מאכן. אויף קיין איין מינוט פון די צוועלף שעה, וואס האבן זיך געצויגן פאר נחמנען ווי טעג, ווי חדשים, האט ער אים נישט געלאזט קיין מנוחה, כסדר אים באמבארדירט. אדער ער האט אים געפארשט, אדער ער האט אים געהייסן ריידן, דערציילן.

— וואס זאל איך דערציילן? — האט נחמן, א צעטרייסלטער, געפרעגט.

— וואס איר ווילט, — האט חבר ביעלאיעוו געענטפערט, — דערציילט וועגן אייער לעבן דא.

פאר דער צייט, וואס נחמן האט גערעדט, האט ביעלאיעוו גע-רייניקט די נעגל, אפילו פארמאכט די אויגן, ווי ער וואלט דרימלען. אבער ווי נאר נחמן האט זיך אפגעשטעלט, האט ער אים גענומען מונטערן.

— ווייטער, ווייטער, גייט אָן.

נחמנען איז טרוקן געוואָרן אין האַלז פון צילאָזן ריידן. די צונג איז געוואָרן טרוקן ווי א שפּאָן. אָבער חבר ביעלאַיעוו האָט אים נישט געלאָזט אָפּרוען זיך, נישט געגעבן אפילו קיין טראָפּן וואסער צו טרינקען. נאָגנדיק אליין קאָנפעטן, האָט ער נחמנען נישט געלאָזט דערכאַפּן זיך מיט עפּעס, א חוץ מיטן אייגענעם שפּייעכץ. דאָס איז געווען א מעטאָדע אזא ביי אים, צו פאַרמאַטערן מענטשן מיט זייערע אייגענע רייד. אלע מאָל אויפסניי האָט ער נעכאַפּט א בליק אין נחמנס פּנים, צו זען ווי עס האַלט, צי ער ברעכט זיך; און שווייגנדיק דערלאַנגט אים די פּען אונטערצו־שרייבן. נחמן האָט די פּען נישט גענומען.

— ניין! — האָט ער געשריגן, — איך וועל נישט פאַרפלעקן מיין פּראָלעטאַרישן נאָמען.

חבר ביעלאַיעוו האָט אָנגענומען אַן אנדער ווענדונג.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין גרייט אויסצומעקן דעם פּונקט פון נעמען געלט ביי דעם חבר מארק. איך וועל בלויז שרייבן, אז ער האָט געוואָלט אייך איבערקויפן, אָנגערעדט אייך צו שעדיגעריי, און איר וועט אונטערשרייבן.

— אָבער עס איז נישט אמת, — האָט נחמן זיך געווערט, — איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אזא מענטשן נישט געזען.

חבר ביעלאַיעוו האָט עס נישט געקענט הערן. ער האָט גע־שטראָפט נחמנען דערפאַר. ער איז גוט צו אים, גרייט אים אַנט־קעגנצוקומען, ווייל ער זעט אליין איין, אז ער האָט צו טאָן מיט אַן ארבעטער, מיט א געטרייען סאָוועטישן מענטשן. וואָלט ער דאָס נישט איינגעזען, וואָלט ער אנדערש מיט אים גערעדט. אי, וואָלט ער מיט אים גערעדט! ער האָט איינזען מיט אים, ווייל אים העלפן, איז אפילו גרייט איבערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון זיינעטוועגן, צונויפשטעלן אים אזוי, אז די גאנצע שולד זאָל פאַלן אויף יענעם, און ער, נחמן ריטער אליין, זאָל בלייבן ריין, אומשולדיק. דאָס איז א גרויסע זאַך, וואס ער טוט פאַר אים, און עס איז נישט שיין פון אים, נחמנען, וואס ער וויל אים, ביעלאַיעוון, נישט אַנטקעגנ־

קומען און צוהעלפֿן אים אין זיין אַרבעט. דאָס איז אומדאַנקבאַר־קייט, שוואַרצע אומדאַנקבאַרקייט.

אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿן, איז חבר ביעלאַיעוו אי־בערגעגאַנגען צו אַן אידעאישער זייט. ער האָט פּלוצלונג גענומען רופֿן נחמנען מיט אַ „חבר". חבר נחמן דאַרף נישט קוקן אויף אים, ביעלאַיעוון, ווי אויף אַ שונא, אַן אויספּאַרשער. סוף־כּל־סוף זענען זיי ביידע חברים, קאָמוניסטן, וואָס ווילן נאָר די טובה פֿון דער אַרבעטער־זאַך. אמת, ער איז אין דער דינסט פֿון דער גע־פּע־או, און אַ סך פֿון די אַרבעטער, איבערהויפּט די אומבאַוואוסט־זיניקע, קוקן אויף גע־פּע־או־מענטשן מיט פֿאַרדאַכט, מיט שנאה אפֿילו, אָבער אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, ווי חבר נחמן איז, ווייסט גאַנץ גוט די וויכטיקייט פֿון דער גע־פּע־או־דינסט, דער באַ־שיצערן פֿון לאַנד קעגן אַלע שונאים, מיט וועלכע זי איז אַרומ־גערינגלט. חבר נחמן דאַרף פֿאַרשטיין, אַז נישט לייכט איז זיין, ביעלאַיעווס, אַרבעט, אַז נישט צוליב פֿאַרגעניגן זיצט ער דאָ, נאָר צוליב זיין פּראָלעטאַרישער פֿליכט. און דערפֿאַר טאַקע דאַרף ער אים נישט שטערן, נאָר צוהעלפֿן אין זיין אַרבעט צו רייניקן דאָס לאַנד פֿון אַזעלכע פֿאַרברעכער, ווי דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַטאָר מאַרק איז. דערמיט, וואָס ער וועט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל קעגן יענעם, וועט ער, נחמן, בלויז צוהעלפֿן דער מאַכט אָפּצוראַמען די גיפֿטיקע שלאַנג מאַרק, וואָס האָט זיך פֿאַר־מאַסקירט אַלס וויכטיקער פּאַרטיי־מענטש, און אין דער אמתן האָט ער אָרגאַניזירט דאָ קאָנטער־רעוואָלוציע און שעדיגעריי.

ביעלאַיעווס רייד האָבן נחמנען צעוואַרימט. אָבער פֿאַרשטאַ־נען האָט ער זיי נאָך אַלץ נישט.

— גוט, חבר ביעלאַיעוו, — האָט ער געזאָגט, — אָבער אַז עס איז נישט אמת, אַז איך האָב קיינמאָל אָט דעם מענטש פֿאַר מיינע אויגן נישט געזען.

חבר ביעלאַיעוו האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

זאָל מען אָננעמען, אַז נישט; אַז ער, נחמן, האָט אים טאַקע נישט געזען. אָבער פֿאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן ברענגען אַ קרבן, אַ קליינעם אומוויכטיקן קרבן פֿאַר דער מאַכט? דערמיט, וואָס

ער וועט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, וועט ער געבן דער פאר-זיכערונגס-מאכט פון לאנד א יורידישע מעגלעכקייט ארויסצושטעלן א שעדיקער און שונא אָפן צום שאנד-קלאָץ, און זיך אליין וועט ער באפרייען, אַזוי, אז ער זאָל קענען גלייך צוריקגיין אהיים צו ווייב און קינד, צו דער אַרבעט. פארקערט, מיט זיין עקשנות וועט ער ברענגען א רעה אי דעם לאנד און אי זיך אליין; וואָרים א שווערע לאסט הענגט איבער זיין, נחמנס, קאָפּ; און אין דער צייט, ווען דאָס לאנד איז אין געפאר, וועט זיין שווער אים אָפּצוואוואשן פון אלע פארדאכטן. ער וועט מוזן אויסטראָגן אויף זיינע ביינער די הארבע גערעכטיקייט פון דער פּראָלעטארישער רוט.

— איך גיב אייך א גאָלדענע געלעגנהייט, חבר ריטער, — האָט ביעלאַיעוו אים אריינגערעדט נאָענט צום אויער, ווי א סוחר וואָס לייגט פאָר א מציאה, — אויב איר וועט זי דורכלאָזן, וועט עס זיין אייער שולד. מיין געוויסן וועט זיין ריין. נו, וואָס ענטפערט איר?

נחמן האָט נישט געענטפערט, אבער גענומען די פּען האָט ער אויך נישט. ביעלאַיעוו איז ארויסגעגאנגען טרינקען טיי און עפּעס צובייסן, און אויף זיין אָרט איז ווידער אריינגעקומען סולעמעינאָוו מיט געשרייען, קולות, קללות, קלאַפּן אין טיר און פאָכען מיטן רעוואָלווער.

ווען מען האָט נחמנען צוריק אריינגעלאָזט אין קאמער, איז שוין געווען שפּעט בייטאָג. ער איז געגאנגען א פארווירטער, ער האָט אפילו מער קיין הונגער, דורשט און מידקייט נישט געפילט נאָך דעם קאָשמארן האלבן מעת-לעת פון פּיין. ער האָט בלויז געפילט אן אומקלאָרקייט אין קאָפּ, ווי אימיצער וואָלט אים נאָר-וואָס איבערן שארבן דערלאנגט און דער ווייטאָג איז נאָך נישט אָנגעקומען די ערשטע רגע. ווי אן אונטערגעזעגטער קלאָץ איז ער אוועקגעפאלן ביי דער טיר פון קאמער. די טורמע-ארעסטאנטן האָבן אים צונגעדעקט מיט עטלעכע מאנטלען, אבער ער האָט גע-ציטערט, עס האָט אים געוואָרפן אין קעלט.

צוויי טעג האָט אים ביעלאַיעוו געלאָזט רוען. אויף דער דריטער נאכט האָט ער אים ארויסגערופן אין קאנצעליאריע און

גערעדט מיט אים קורצע, אבער שארפע ווערטער. זאָל ער נישט מיינען, אז ער וועט זיך שפּילן מיט אים. ער האָט מער קיין גע־דולד נישט. אויב ער וועט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, וועט ער, ביעלאַיעוו, זען, אז אלץ זאָל ווערן אויסגעגלעט. ער וועט צו־ריקגיין צו זיין ווייב און קינד, צו דער ארבעט. ביעלאַיעוו וועט אפילו באמיען זיך, מען זאָל אים צוריק אריינעמען אין דער פּאר־טיי, פון וועלכער מען האָט אים אויסגעשלאָסן. מיט ארבעט און געטריישאפט וועט ער זיך דערשלאָגן צו א בעסער לעבן. זיין קינד וועט אויסוואקסן א מענטש אין לאנד, וואו אן ארבעטערס א קינד האָט אלע מעגלעכקייטן צו דערגיין צו דער העכסטער שטופע. דערמיט, וואס ער וועט אונטערשרייבן זיין נאָמען וועגן א שונא פון לאנד, וואס איז סיי ווי סיי פארמשפּט געשטעלט צו ווערן צו דער וואנט, וועט ער ראטעווען זיך, ווייב און קינד. פארקערט, טאָמער וועט ער ווייטער בלייבן איינגעשפּארט, וועט ער, ביעלאַ־יעוו, קעגן זיין ווילן, מוזן אים פארניכטן. ווייל די שטיצער פון אונזערע פיינט זענען אויך אונז פיינט. עס איז נישטאָ קיין רחמנות ביי דער באשיצערן פון לאנד קעגן אירע פיינט. ער אליין, נחמן, וועט ווערן פארשיקט, אָדער גאָר קריגן די העכסטע שטראָף. זיין ווייב, ווי א פארדעכטיקע, וועט ווערן ארעסטירט. עס זענען שוין דאָ באלאסטענדע מאטעריאלן קעגן איר. דאָס קינד וועט בלייבן עלנד, אליין, דאכלאָז, ווי א סך קינדער פון על־טערן, וואס זענען דערקלערט געוואָרן שונאים פון סאָוויעטן פאר־באנד. זאָל עס נחמן גוט זיך נעמען אין זינען אריין.

איידער נחמן האָט נאָך באוויזן עפּעס צו ענטפערן דערויף, האָט זיך די טיר געעפנט און חנהקע מיט מאטעסלען ביי דער האנט זענען אריינגעפירט געוואָרן.

— נחמן! — האָט חנהקע אויסגעשריען מיט א געוויין.

— טאטע! — האָט דאָס אינגל גערופן.

נחמן האָט זיך געשעמט פאר ווייב און קינד, וואָס האָבן אים געזען אין זיין שאנד. פונקט ווי ער איז געווען אויף יענער זייט גרעניץ שטאָלץ מיט זיינע ארעסטן, געהויבן ביי זיך, איז ער דאָ געווען געפאלן. אין זיין לאנד, אין זיין פּראָלעטאריש לאנד, צו

וועלכן ער האָט זיך אַזוי געריסן, איז ער געווען אַן אַרעסטאַנט. די בושה האָט אים אויפגעגעסן, פאַרצערט. חנהקע האָט געוויינט אין טיכל אַריין.

נחמן, — האָט זי געיאָמערט — האָב רחמנות אויף אונז, אויף מיר, אויפן קינד!

נחמן האָט אויפגעהויבן די אויגן, געזען זיין ווייב, זיין קינד, וואָס אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיי נאָר פאַרשאַפט צער און בושה, און אַפילו איצט, ווען ער האָט זיי שוין געבראַכט צו זיך, צו דעם ציל, האָט ער ווידער גאָרנישט פאַר זיי, אַ חוץ פּיין און אומגליק. ער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן און זיך פאַנאַנדערגע־וויינט. אַלע צרות און יסורים האָבן אויסגעבראָכן מיטאַמאָל. וויפיל ער האָט נישט געמיט זיך איינצוהאַלטן, האָט ער נישט געקענט. דער יאָמער האָט אַרויסגעשריגן פון אים פון אַלע בלוטן, פון גאַנצן איינגעווייד אַרויס. ביעלאַיעוו האָט אים נישט געשטערט, ער האָט אים געלאָזט אויסוויינען זיך ביזן סוף. ער האָט געוואוסט, אַז איצט איז ער איינגעבראָכן. שווייגנדיק האָט ער אים דערלאַנגט די פען. נחמן האָט אונטערגעשריבן.

## קאַפּיטל אַכט־און־פערציק

ער האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט, חבר ביעלאַיעוו, ווי תמיד ווען ער נאַרט אויס אַ ווידוי.

ווי נאָר ער האָט געהאַט די אונטערשריפט נחמנס, האָט ער אים מער נישט אָנגעקוקט, נישט אַרויסגערופן צו זיך אין קאַנ־צעלאַריע, נאָר געלאָזט אים זיצן אין קאַמער. נחמן האָט אים געלאָזט שיקן זאָגן מיט דעם רויט־אַרמייער, אַז ער וויל אים זען. חבר ביעלאַיעוו האָט אים נישט געענטפערט.

אויף דער פריי איז אַלץ געגאַנגען אויפן געוויינלעכן וועג. צום ערשט האָט די ברויט־פאַבריק „רויטער שטערן" אָנגענומען אַ

רעזאָלוציע, וואס חבר קוליק האָט אריינגעטראָגן, אז די פארזאמלטע ארבעטער שליסן אוים פון זייערע רייען דעם שעדיקער און שונא פון פראָלעטאריאט נחמן ריטער, וואס האָט זיך פארקויפט צו די באַזיצנדע קלאסן. קיינער פון די פאַרזאמלטע ארבעטער האָט נישט אָנגענומען זיך פאר אים. אין הויז, וואו נחמן האָט זיין צימערל געהאט, האָט דער הויז-פאַרוואלטער, וואָס האָט געהאט אָן אויג אויף דער דירה, צונויפגערופן די איינוואוינער אויף א פארזאמלונג און ארויסגעשטעלט די זעלבע רעזאָלוציע, אז די מענטשן ווילן נישט האָבן צווישן זיך קיין שעדיקער און שונאים פון לאנד. ווי אין דער פאבריק, איז די רעזאָלוציע דורך איינשטימיק.

אין נאָענטסטן טאָג האָט מען ארויסגעשטעלט חנהקען מיט אירע זאכן אין גאס און באפוילן איר אין פארלויף פון איין וואָך צוריקצופאָרן אהיים, פון וואנען זי איז געקומען. ארויסגעשטויסן פון דער ארבעט, אָן א דאך איבערן קאָפּ, אָן א מאן און שפייזער, האָט זי גאָרנישט פרובירט קעמפן פאר אירע רעכט אין דער פרעמדער גרויסער, הארטער שטאָט. צוזאמען מיט אנדערע עמיגראנטן, אויף וועלכע עס איז געפאלן א פאַרדאכט אין די טעג פון זוכן שעדיקעריי, איז זי מיט מאַטעסלען ביי דער האנט געשטאַנען ביי דער געשלאָסענער טיר פון קאָנסול, איבער וועלכער א ווייסער אָדלער האָט געשפּיזט די נעגל אויף א רויטן גרונט, און שעהן געווארט זיך צו דערשלאָגן נאָך א וויזע אהיים.

זי האָט כאָטש געוואָלט איין זאך — א זעאונג מיטן מאַן אירן, איידער זי פאָרט אוועק, אבער אויך דאָס האָט זי נישט געקענט אויספירן. די אגענטן פון דער געפּעאו האָבן זי גוט געהיט, זי זאָל ארויספאָרן פון לאנד פונקט צום טערמין.

מיט חדשים שפּעטער האָט מען נחמנען אליין ארויסגערופן אין קאנצעלאַריע, געהייסן אים נעמען די זאכן, און ארויסגעפירט אים מיט א באוואָפנטער וואך צו דער פוילישער גרעניץ, צו דער אייגענער מיט וועלכער ער איז געקומען. נחמן האָט געבעטן, געגעבן צו פארשטיין, אז ער איז טרייף אויף דער צווייטער זייט, אז מען וועט אים אהין נישט אריינלאָזן. די חברים פון דער קאנצעלאַריע האָבן אים נישט געוואָלט הערן.

— אריבערגיין די סאָוועטישע גרעניץ און מער זיך נישט ווייזן דאָ! — האָבן זיי האַרט געענטפערט.

אין א פאַרנאַכטיקער שעה איז נחמן אריבערגעגאַנגען די גרעניץ. מיט שווערע טריט האָט ער אריבערגעשפּרייזט דעם שטע-כיקן דראָט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די גרעניץ ליניע, און געגאַנגען ווייטער, נישט קוקנדיק וואו און ווען. א ווײַלע איז ער געגאַנגען פּאָראויס, אבער ער האָט מורא געהאַט צוצוקומען צו דער פּוילי-שער גרעניץ און איז געגאַנגען צוריק. דער וואַלד איז געשטאַנען א שטילער, א געדיכטער, מיט צעריסענע שטיקלעך הימל, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די געדיכטע נאָדל-קרוינען פון די הויכע סאָסנעס. פויגל האָבן געפּישטשעט. פון דאָ און דאָרט איז א דערשראָקענער וועוורקע דורכגעשפּרונגען פון צווייג צו צווייג. א האָז האָט דורכגעשניטן דעם וועג. נחמן האָט אָפּגעשטעלט זיך אין שרעק פאַר יעדער שאָרך, אויסגעשפּיצט די אויערן צו די אייגענע טריט, וואָס האָבן געשאַרט איבער דאַרע נאָדלען, איינגעבראָכן דינע צווייגלעך. ער האָט געבלאָנדזשעט, געדרייט זיך אויף איין אָרט און געקוקט מיט אָפענע אויגן, נישט ארויסצוקריכן פון דער נייטראַלער זאָנע, וואָס ליגט צווישן די גרעניצן.

באַלד איז ער ארויסגעקומען אויף א פריי שטיקל אויסגע-האַקטן וואַלד. אַן אָפּגעזענקטער בוים, א געטראָפענער פון א דונער, איז געשטאַנען איינזאַם אויפן ליידיקן שטיקל פּלאַץ. שטיקער פון א נישט-דערברענטן שייטער האָבן געשמעקט נאָך מיט אָנגע-ברענטס. דאַרע צווייגן האָבן זיך געבערגלט אין קופּעס. סמנים פון רעדער האָבן זיך געשניטן אין דער ווייכער ערד. אין א זייט האָט ער דערזען א ליגנדיק פערד, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די קאָ-פּיטעס אין דער ערד. נחמן איז צוגעגאַנגען נענטער און זיך אוועקגעזעצט. דאָס פערד האָט געגוסעט. א ווײַלע האָט עס א בליק געטאָן מיט די בלויע אויגן צום מענטש, וואָס האָט זיך דערנענ-טערט, און באַלד ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פיס אין דער ערד. די סאָפּנדיקע פערדישע נאָזלעכער האָבן געבלאָזן די עט-לעכע דאַרע סאָסנע-נאָדלען ארום מויל. נחמן האָט געקוקט אויף דעם גוססדיקן באשעפעניש, וואָס אימיצער האָט דאָ געלאָזט אליין.

דאָס פערד איז געווען אויסגעדאַרט, מיט אַלע ריפּן אַרויסגעסטאַר־טשעט דורך דער אָפּגעריבענער פעל. דער רוקן איז געווען פאַר־וואונדעט פון כאָמעט, די זייטן צעריבן פון אַ שלעכטן שטריקענעם געשפּאַן. אויף דעם דריי־עקיקן שאַרפן הינטן זענען נאָך געווען פריש די סמנים פון בייטשן. דאָס האָט אימיצער געמוזט אַרויסטרייבן זיין פערד, וואָס איז אַ גאַנץ לעבן פאַר אים געגאַנגען אין יאָך, אין דער לעצטער מינוט ווען עס האָט שוין מער נישט געקענט שלעפּן. נחמן האָט דערפילט אַ גוואַלדיקע נאָענטקייט צו דעם גוססדיקן באַשע־פעניש און געגלעט עס מיט רחמנות די פעל. אין דעם גוססדיקן פאַרלאָזטן אויסגעהאָרעוועטן און צעשמיסענעם פערד האָט ער גע־זען זיך, זיין לעבן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן גיך. אויף דעם רונדן שטיקל אויס־געהאַקטן וואַלד איז די לבנה אַרויס, אַ גאַנצע, אַ העלע און אַ קאַלטע, און באַגאָסן מיט ליכט די צוויי באַשעפענישן אויף דער ווייכער וואַלדיקער צווישן־גרעניץ־ערד.

פון ווייט האָט אַ הונט גענומען בילן אין דער נאַכט אַריין.

ניו־יאָרק, 1937.